STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08485

SHIMSHIN HAGIBUR

Khaim Margoles Davidzon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַרויסגעגעבן פונעם דאַווידזאָן בוך־קאָמיטעט
שעפּטום פון אָדעסער ברענטש 20 א. פּ. פּ. אָרדן
ניו יאָרק — 1953

SHIMSHN HAGIBER

"Samson the Mighty"

A NOVEL

Copyright by

H. DAVIDSON

2855 Barker Avenue, Bronx 67, N. Y.

Published by Davidson Book Committee

Printed in the United States of America

New York, 1953

פון זעלבן מחבר זענען ביז איצט דערשינען די פאָלגנדיקע ביכער:

„געשלאָסענע רייען" (דערציילונגען) .... 224 זייטן, 1935

„אין אַזאַ צייט לעבן מיר" (דערציילונגען) .... 298 זייטן, 1938

„בייטשלאַנד" (אַנטי־נאַצי דערציילונגען) .... 48 זייטן, 1939

„איך בין אַרויס אַ לעבעדיקער" (מילכאָמע־טרילאָגיע וועגן דער ערשטער וועלט־מילכאָמע און רעוואָלוציע) (באַנד 1) 1941, (באַנד 2) 900 זייטן, 1942, (באַנד 3) 1944

„אָט אַזוי זעגט אַ סטאָליער" (געטאָ־דערציילונג) .... 32 זייטן, 1945

„מיט דער דראַטווע — אַ צי" (געטאָ־דערציילונג) .... 32 זייטן, 1945

„רויטע קאַרשעלעך רייסט מען" (געטאָ־דערציילונג) .... 32 זייטן, 1946

„די גרויסע פאַרשווערונג" (פון מייקל סעיערס און אַלבערט ע. קאַהן) איבערזעצט פון ענגליש.. 463 זייטן, 1946

„פאָרהאַנג" (איינאַקטערס, מאָנאָלאָגן, באַלאַדעס, פאַבלען) .... 208 זייטן, 1947

„צו גאַסט ביי דער וועלט" (עפּיזאָדן פון מיין אויטאָביאָגראַפיע) 328 זייטן, 1949

דערקלערונג
פון מעכאַבער

כאַים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן

און אָט קום איך ווידעראַמאָל צו אייך, מיינע לייענער, מיט אַ ניי בוך, — כאָטש איך האָב געהאַט פעסט אָפּגעמאַכט ביי זיך מער קיין ביכער אַליין ניט אַרויסצוגעבן. צו שווער איז געפאַלן אף מיר די פיין פון בעטן, דערמאָנען און מאָנען — קימאַט בעטלען די פּאָר דאָלער פאַרן קאָסט און דער פּראַצע פון אַרויסגעבן און אַרויסשיקן אַ בוך (וואָס האָט, אַגעוו, קנאַפּ געהאָלפן. עס זענען נאָך איצט פאַראַן אַרום 150 יעכידים און אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן ניט באַצאָלט פאַר די פריערדיקע ביכער מיינע, כאָטש עס איז שוין פאַרביי 3־5 יאָר און זיי האָבן געקראָגן אַ צאָל דערמאָנונגען).

איך האָב זיך אָבער געבויגן איבער צוויי פאַקטאָרן. ערשטנס: — די נויט, וואָס האָט לעצטנס מיך גענומען פעסטער דריקן; צווייטנס: וייל עטלעכע כאַוויירים און פריינט מיינע (הערש שטיינהאַרט, מעינקע קאַץ און רואוון יוקלסאָן), וועלכע האָבן געלייענט דאָס דאָזיקע ווערק אין מאַנוסקריפּט, — האָבן מיך פּאָשעט געצוואונגען דאָס צו טאָן, פאַרזיכערנדיק מיך, אַז איך האָב ניט קיין רעכט צו פאַרהאַלטן אַזאַ קינסטלעריש און וויכטיק ווערק פון די לייענער־מאַסן...

נו, האָב איך דאָס בוך אַרויסגעגעבן. איצט ליגט עס אין אייערע הענט!...

איך מיין דערמיט אייך, מיינע פריינט, וואָס קריגן דאָס בוך און וועלן עס לייענען. איך ווענד זיך דאָ צו אייך גאַנץ אָפנהאַרציק: אויב דאָס בוך וועט אייך געפעלן; אויב איר וועט מאַסקים זיין מיט די דערמאָנטע פריינט, אַז „שימשן־האַגיבער" איז טאַקע אַ ווערטפול און קינסטלעריש בוך, — דאַן האַלט עס ניט פאַר קיין סאָד אין זיך! דינט מיר אָפּ פאַר מיין פּראַצע דורך העלפן פאַרשפּרייטן אָט־דאָס בוך! רעדט מיט אייערע פריינט, באַקאַנטע, מיטאַרבעטער און — דער איקער — מיטגלידער פון אייער אָרגאַניזאַציע. נעמט אויף דעם איניען ביי אַ זיצונג און פאָלגט נאָך דעם ביישפּיל פון יענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אַזויאַרום געשאַפן אַבאָנענטן פאַרן בוך. דערציילט די מיטגלידער וועגן „שימשן־האַגיבער", וועגן דעם מעכאַבער און זיין פיזישן צושטאַנד, און באַווירקט זיי צו באַשטעלן אַ בוך פאַר זיך! שעמט זיך ניט אויב עמעצער וועט אייך אָפּזאָגן! זאָל זיך שעמען דער, וואָס גילט פאַר אַ קולטור־מענטש, קאָן זיך פאַרגינען צו קויפן און לייענען אַ בוך, און דאָך...

צו די טוער און פירער פון די קולטור־אָרגאַניזאַציעס, ווי לייען־קרייזן, אָרדן־ברענטשעס, קולטור־קלובן, עמאַ־לאַזאַרוס־גרופּעס און אַנדערע, ווענד איך זיך מיט דער טיפסטער באַקאָשע: עפנט די טיר פון אייער אָרגאַניזאַציע פאַר מיין בוך! איך קאָן ניט קומען צו אייך איבער מיין פיזישן צושטאַנד, דאַרף עס דען מיינען, אַז דערפאַר זאָל אויך מיין בוך ניט קאָנען גרייכן אייערע מיטגלידער?... עס וועט דאָך בעעמעס זיין אַ שאַנד, אַז צוליב מיין געבונדנקייט צו בעט, זאָל

אויך דאָס איצטיקע בוך בלייבן ליגן ביי מיר, ווי עס זענען געבליבן ליגן אַ צאָל פון די פריערדיקע ביכער מיינע!... האָט אין זינען, פריינט, אַז ווען איר שלאָגט־פאָר עמעצן צו קויפן אַ בוך, בעט איר ניט קיין נעדאָווע ביי אים, נאָר איר באָט אים אָן צו פאַרשאַפן זיך אַ גייסטיקן פאַרגעניגן. עמעס, דורך דעם וועט איר אויך העלפן מיר, — דעם „צום בעט־געשמידטן" שרייבער, — אַז איך זאָל ניט דאַרפן ליידן צופיל נויט, אָדער געצוואונגען ווערן צו בעטן נעדאָוועס אף די גאַסן, דער איקער איז אָבער פאָרט: דער פאַרשפרייט פון אידישן וואָרט; דאָס בויען פון דער פראָגרעסיווער אידישער קולטור!... האָט דאָס שטענדיק אין זינען, וועט איר קאָנען פיל אויפטאָן!...

שווער איז דאָס לעבן פון אַ אידישן שרייבער! יאָ, טויזנטער געהענעמס גייט ער דורך בעאייס ער גיט אַרויס אַ בוך. אָבער טויזנטפאַכיק שווערער איז עס פאַר מיר, ווייל איך האָב ניט קיין שום מעגלעכקייט צו קומען צו נייע לייענער, אַ כוץ דורך אייער דירעקטער און אַקטיווער מיטהילף!...

איך וויל דעריבער דאָ אויסדריקן מיין טיפסטן דאַנק צו די אַלע לייענער־פריינט, וואָס האָבן צוגעשיקט זייערע ביישטייערונגען אָדער איינצאָלונגען אין פאָרויס, און דערמיט דערמעגלעכט צו דעקן אַ טייל פון די קאָסטן צו פראָדוצירן דאָס בוך. אַ דאַנק מיינע גוטע פריינט הערש שטיינהאַרט, מעינקע קאַץ, סאָלאָמאָן גאָלדמאַן, י. פריד, איזידאָר בראַון און אַלע אַנדערע פריינט, וועלכע זענען געגאַנגען באַזאָרגן פאַר מיר די נייטיקע שעליכעסן צום דרוקער און אַזוי ווייטער, — זאַכן, וואָס איך אַליין בין ניט בעיעכוילעס צו טאָן. מיין האַרציקסטן דאַנק צום כאָשעוון פריינט איסראָעל לעווין, פאַרן ביישטייערן פריי די מעשענע פלאַטן, וואָס באַשיינען די טאָוולען פון בוך!...

אַ דאַנק די טוער פון אָדעסער ברענטש 20 א. פ. פ. אָרדן, וואָס האָבן גענומען „שעפּטום" איבערן בוך „שימשן־האַגיבער", מיט דער היסכאַיוועס צו פאַרשפרייטן עס צו זייערע מיטגלידער, ווי ביכלאַל צו אָדעסער, — די לאַנדסלייט פונעם העלד „שימשן־האַגיבער"!...

אַ באַזונדערן דאַנק די כאָשעווע כאַוויירים און פריינט, פּ. נאָוויק, נאַכמען מייזיל, ראוון זאַלצמאַן, ראוון יוקלסאָן, מעינקע קאַץ, ז. וויינפער, הערש שטיינהאַרט און אַלעקס סיראָטאַ, פאַר זייער הילף דורך גרינדן דעם איניציאַטיוו־קאָמיטעט אף אַרויסצוגעבן דאָס בוך, ווי אויך פאַר דער אַלגעמיינער הילף, אַז דאָס בוך זאָל קאָנען גרייכן דעם מאַקסימום לייענער!...

מיין ספּעציעלן דאַנק צו אַלע מיטגלידער פון ברייטערן בוך־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד, פאַר אָנשליסן זיך אין דער קולטור־אַקציע צו העלפן פאַרשפרייטן דאָס איצטיקע בוך. בלויז צוליב זייער פריינטלעכער גוטוויליקייט האָב איך איינגעשטימט אונטערצונעמען די פאַר מיר אומגעהויער־שווערע אַרבעט פון אַרויסגעבן דאָס בוך. איך וויל דערביי האָפן, אַז זיי וועלן מאַכן דעם מאַקסימום אָנשטרענג, אַז דאָס בוך זאָל אָנקומען און גרייכן אַ גרויסע צאָל לייענער! אף זייט 287 איז אָפּגעדרוקט דער צעטל פון מיינע פריינט און כאַוויירים פונעם בוך־קאָמיטעט, וואָס זענען מיר בייגעשטאַנען פריער און אויך איצט, און וועמען איך בי'ן זייער פיל שולדיק. זאָל עס דעריבער אַזוי פאַרצייכנט ווערן אף אייביקע יאָרן!...

און צום סאָף — עטלעכע ווערטער צו מיינע כאָשעווע לייענער:

איך בין זייער גיריק צו הערן פון אייך, פריינט מיינע, צו וויסן אייערע מיינונגען וועגן דעם ראָמאַן „שימשן־האַגיבער". איך וועל צופרידן זיין צו לייענען אייערע בריוו מיט קאָמענטאַרן, סיי פאָזיטיווע און סיי נעגאַטיווע, ווייל פון אייך, פריינט מיינע, לערן איך...

אייער, פאַר דעם פאַנאַנדערבלי פון דער אידישער קולטור און ליטעראַטור,

כאַים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן



שימשן האגיבער

שאַר־בלאַט געצייכנט פון קינסטלער מאָריס באָרטניק
קאָמפּאָזיציע און מאָנטאַזש פון דער הילע — געמאַכט פון מעכאַבער

דערקלערונג פונעם אָדעסער ברענטש 20 א. פּ. פּ. אָרדן

מיר, די טוער און מיטגלידער פון אָדעסער ברענטש 20 א. פּ. פּ. אָרדן, זענען זייער שטאָלץ מיטן קאָוועד, וואָס איז אונדז צוגעטיילט געוואָרן, צו זיין די „ספּאָנסאָרס" פונעם נייעם בוך „שימשון־האַגיבער" פון באַליבטן שרייבער כאַים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן.

מיט פרייד און צופרידנקייט נעמען מיר „שעפּטום" איבער דעם בוך, סיי דערפאַר, וואָס מיר שאַצן הויך די לאַנג־יאָריקע ליטעראַרישע אַרבעט פון דעם פאַרדינסטפולן טאַלאַנטירטן שריפט־שטעלער כאַים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן, וועגן וועמען אונדזער גיט־פאַרגעסלעכער כאַווער מ. אָלגין האָט געהאַט געשריבן, אַז ער איז אַ „סאַמאָראָדנע פּראָלעטאַרישער שרייבער", און וועמענס ביז־איצטיקע אַלע ווערק מיר האָבן נאָכגעפאָלגט און ליב געהאַט, און סיי דערפאַר, ווייל מיר ווייסן אונטער וואָסערע שווערע באַדינגונגען ער גייט־אָן מיט זיין ליטעראַרישער אַרבעט לע־טויוועס די אידישע פּראָגרעסיווע פאָלקס־מאַסן.

אָבער דער איקער זענען מיר צופרידן צו „ספּאָנסאָרן" דאָס נייע ווערק זיינס, — דעם ראָמאַן „שימשון־האַגיבער", — דערפאַר, וואָס דער הויפּט־העלד פון דעם ראָמאַן איז אונדזערס אַן אייגע־נער לאַנדסמאַן, — אַן אָדעסער יאַס, און די וויכטיקסטע און דראַמאַטישסטע טיילן פון זיין אַנטוויקלונג, פון זיין לעבן און קאַמף, קומט פאָר אױף דער קאַנווע פון אָדעס, — די שטאָט פון אונדזער קינדהייט, וואָס איז אַזוי רייך מיט יוגנט־זיכרוינעס פאַר יעדן איינעם פון אונדז...

מיר פאַרפליכטן זיך דעריבער צו ברענגען אָט־דאָס־דאָזיקע ווערק צו יעדן איינעם פון אונדזערע מיטגלידער. אונדזער לאָזונג וועט זיין: יעדער אָדעסער לאַנדסמאַן, יעדער אידיש־לייענער — אַ קויפער און לייענער פון דעם ראָמאַן „שימשון־האַגיבער"!... די בוך־שאַפע אין יעדן אידיש־פּראָגרעסיוון הויז זאָל באַצירט זיין מיט אָט־דעם פּראַכטיק־אַרויסגעגעבענעם בוך!...

מיר ווענדן זיך דאָ צו אַלע אָדעסער לאַנדסלייט, צו אָדעסער אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך צו אַלע קולטור־אָרגאַניזאַציעס ביכלאַל, זיי זאָלן קויפן, לייענען און העלפן פאַרשפּרייטן אָט־דאָס נייע ווערק „שימשון האַגיבער"! מיר פאַרזיכערן, אַז זיי וועלן האָבן אַ גרויסע גייסטיקע האַנאָע, אי פונעם לייענען דאָס ווערק גופע, אי פון דעם באַוואוסטזיין, אַז זיי האָבן דורך דעם געהאָלפן אַ אידישן שרייבער, אַ קינסטלער, וואָס אַרבעט אונטער אומגעהויער־שווערע אומשטענדן צו שאַפן פרייד און דערהויבונג פאַר די פאָלקס־מאַסן, — אַ שרייבער, וואָס נויטיקט זיך און פאַר־דינט אונדזער אַלעמענס הילף!...

אין נאָמען פון אָדעסער ברענטש 20 א. פּ. פּ. אָרדן,

הערי יאַנג — לינאַ לעווין
מאָריס גראַניק — נעיטן אָורוטסקי
הערי וואָלגער — ראָוז שאַפּיראָ
עליזאַבעט וואָלגער — נעיטן ריטשמאַן
מאַקס פּעריס — מיני זימערמאַן
עסטער פּעריס — מערי פעלדמאַן
מאַקס פּידנאַוו — עני סרולאָוויץ
סאָניע פּידנאַוו — מאַקס קאָהן
דזשעיקאָב קאַטאָוויץ

קאַפּיטל איינס

אַז מען האָט שימשעלע טרעגער אַ נאָמען געגעבן „שימשן האַגיבער", האָט ער עס גאַנץ קאָשער פאַרדינט. ער איז געווען אַ יונג — אַ ריז, וואָס האָט געקאָנט וועלטן איבערקערן און בערג אַרונטערדרייסן. אַ יאַט — אַ לעבעדיקער, אַז עס האָט אַזש אַראָפּגעזונגען פון אים. הויך, מיט ברייטע און געזונטע פּלייצעס — אַ מויער מאַמעש. ער האָט געקאָנט באַווייזן אַזאַ קונץ: אַ כאַפּ טאָן אַ צוויי־דריי זעקלעך מעל אָף די אַקסלען, זיי אָפּטראָגן אַ שפּאָר שטיקל וועג און דערביי זיך אַפילע קיין קרים ניט טאָן...

מיט אָט־דעם נאָמען „שימשן האַגיבער" האָבן אים געקרוינט די געזונטע יאַטן, די האַפן־אַרבעטער, באַלד נאָכדעם, ווי ער — נאָך דעמאָלט אַ פּופּצן־יעריקער יאַטל — האָט זיך אין אַ געוויסן טאָג פּלוצים באַוויזן אפן האַפן און געפרעגט, צי ער קאָן דאָרט קריגן אַרבעט. פריער, ביז יענעם טאָג, האָט ער זיך געפּלעגט אַרומדרייען איבערן „טאָלטשאָק", — דעם אָדעסער מאַרק, געגאַנגען שעליכעסן פאַר די קרעמער, נאָכגעטראָגן די באַלעבאָסטעס די שווערע פּעק, וואָס זיי האָבן איינגעקויפט, און פלעגט דערפאַר קריגן צו עטלעכע קאָפּיקעס. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט גענוג געווען פאַר אים. האָט ער מיטאַמאָל אַ שפּיי געטאָן אָף אָט־דער אַרבעט און איז אַוועק אין האַפן, וואו ער האָט — פּונקט ווי די געניטע טרעגער — גענומען טראָגן די שווערע פּעק, זעק און קאַסטנס מיט לאָדונג, וואָס זענען אָנגעקומען מיט די שיפן...

דער דאָזיקער נאָמען האָט זיך ווי צוגעקלעפּט צו אים און איז שוין אַזוי פאַרבליבן ביז אין זיין טויט אַריין...

ווי עס האָט זיך געפירט אין אַזעלכע פאַלן, האָט שימשעלע — אַז ער איז דעם ערשטן טאָג געקומען צו דער אַרבעט — געשטעלט אַ האַלבן שטאָף שנאַפּס פאַר דער כעוורע. יאַטן האָבן צווישן זיך געטרונקען גוט־ברודערשאַפט, דורכגעפלאָכטן די הענט איינער אין דעם אַנדערנס, זיך צעקושט גלייך אין די פּיסקעס אַריין און מען איז געוואָרן פריינט. פון דעמאָלט אָן האָט שימשעלע — צוזאַמען מיט די אַנדערע טרעגער — געראויכערט געגאַנוועטע מאַכאָרקע, געפרעסן פרישן זעלנערשן קאָרן־ברויט מיט גראָבע פּענעצער ראָזעווע סאַלע*), וואָס מען האָט ערגעץ אין האַפן צוגעלאַקכנט און באַהאַלטן אין אַ זאַק, וואָס איז

*) פאַרטייטש פון די פרעמד־ווערטער אָף זייט 288.

אַזש שוואַרץ געוועזן פונעם דורכגעזאַפּטן פעטס און זאַלץ. אָפּטמאָל — אויב מען האָט נאָר ערגעץ דערטאַפּט אַ זאַך, וואָס האָט נאָך עפּעס אַ ווערט געהאַט און וואָס מען האָט געקאָנט לייכט באַשטאַטן — האָט מען פאַר דעם געלט אויסגעטרונקען צו גלעזער „פּערציקער" און מען האָט זיך, פריילעכע, אַוועקגעזעצט אין אַ קרייז דערציילן שפּאַסיקע מאַיסעלעך: אָפּגעלאַכט פון דער שטאָט מיט אירע „לייטישע" מענטשן, וועלכע האָבן זיי, די האַפּן־אַרבעטער, געגרופן ניט אַנדערש, ווי נאָר אַף צו לעהאַכעס: — די „פּאַרט־שטשורעס"...

די טרעגער האָט דאָס געאַרט ניט מער ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי. זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט דערפון און ערשט טאַקע דערפאַר געשלעפּט פונעם האַפּן וואָס עס איז זיי נאָר אונטער דער האַנט געקומען. שימשל אַליין האָט זיך דאָס אויך גאַנץ ווינציק צום האַרצן גענומען. אין שטאָט איז ער סײַ־ווי געקומען גאָר זעלטן. מיט די שטאָטישע מענטשן האָט ער קיין שום געשעפטן ניט געהאַט. מיט די אידן — אַוואַדע ניט. מיט זיי האָט ער ביכלאַל קיינמאָל ניט גוט געלעבט און נאָך פון אַ צייט פריער געטראָגן אַ ברויגעז אַף זיי. ער האָט זיך דעריבער אַרויסגעקליבן פון דער אידישער געגנט, פון דער מאַמען, ביסלעכווייז זיך אַזוי דערווייטערט און אָפּגעפרעמדט פון אידן, ווי ער וואָלט זיי ניט געקענט...

דעם דאָזיקן ברויגעז האָבן די אידישע גאַסן־אינגלעך נאָך אין זיינע פריע קינדער־יאָרן געהאַט איינגעפּלאַנצט מיט געוואַלד אין זיין געדעכעניש אַריין און דאָס אים געהאַלטן אין איין דערמאַנען. זיי, די אינגלעך, זענען אים מאַמעש דערגאַנגען די יאָרן. זיי האָבן אים געגרופן מיט די מיעסטע צונעמענישן און אָפּטמאָל, גרופּעסווייז, אים אַפילע באַפאַלן פון הינטן־אַרום און געשלאָגן... אַפילע שפּעטער, ווען ער, שימשל, איז שוין געווען אַ „פּאָלנער" מענטש פאַר זיך, אַ פאַרדינער; געאַרבעט אין האַפּן און געשעמט פאַר אַ גרויסן גיבער, — אַפילע שוין דעמאָלט, האָבן זיי — אַזוי ווי ער האָט זיך נאָר באַוויזן אין דער געגנט — אים נאָכגעטייטלט מיט די פינגער און, אַקוראַט ווי ער וואָלט געווען דער ערגסטער גאַנעוו, פון באַהאַלטענע לעכער אַרויס אים נאָכגעשריגן:

— אַ־האַ, שימשעלע גאַנעוו איז שוין קאַפּויער־געקומען!...

— האַלט די קעשענעס, פאַרשליסט די טירן, שימשעלע גאַנעוו איז דאָ!...

פאַרוואָס עפּעס שימשעלע גאַנעוו גאָר? אַז ער האָט דאָך אין זיין גאַנצן לעבן באַ קיינעם פון זיי גאָרנישט ניט צוגעגאַנוועט?... אָבער גיי זוך יוישער ביי מענטשן!... אָט האָבן זיי דאָך דעם פאָטער זיינעם אויך אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועגן געהאַט באַטיטלט מיט „בענדעט גאַנעוו"...

אייגנטלעך איז פאַרן פאָטערס צונעמעניש כאָטש יאָ געווען עפּעס אַ פאַר־וואָס. עמעס, טאַקע אויך ניט פאַר קיין גנייווע, אָבער דאָך אַ געוועגנדיקע סיבע ווען מען וויל געפינען אַ צוטשעפּעניש.

געוועזן איז דאָס מיט אַ שטיק צייט פריער, נאָך דעמאָלט, ווען ער, בענ־

דעט, שימשעלעס פאָטער, האָט נאָך געלעבט. ער האָט דעמאָלט געהאַט גוט צע־מאַזיקט זיינס אַ באַלעבאָס, דערפאַר וואָס יענער האָט אים, בענדעטן הייסט עס, איינמאָל אין אַ פּריוויק אויפגעהאַלטן מיט די סכירעס ביז גאָר שפּעט אין אָוונט, און ערשט דערנאָך, אונטערן אויסרייד, אַז עס איז שוין שאַבעס — אים געהייסן אַהיימגיין אָן געלט. בענדעטן האָט דאָס פאַרקלעמט ביים האַרצן. אין דער היים איז קיין שטיקל ברויט ניט געווען און זיין ווייב האָט געוואַרט, ער זאָל אַהיימברענגען אַ פּאָר גראָשן. האָט בענדעט דעריבער ניט געוואָלט אָפּטרעטן אָן געלט און יענעם אָפּגעענטפערט אַזוי ווי עס איז אים געווען אָפן האַרצן. יענער — אַ איד אַ באַלעבאָס — האָט ניט געוואָלט פאַרליידן די כוצפּע און האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש. עס איז געוואָרן אַ געשלעג. אין עטלעכע מינוט אַרום זענען פון איין זייט געשטאַנען די באַלעבאַטים און קרעמער פון דער געגנט, וועלכע זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן גייענדיק צום דאַוונען, און פון דער צווייטער זייט — די טרעגער און באַלעגאָלעס, וואָס האָבן — פאַרשפּעטיקטע און מידע — זיך אַהיימגעשלעפּט פון דער אַרבעט מיט זייערע פערד און וועגענער, און דערזען, אַז מען שלאָגט אַ זייעריקן, אַ באַלעגאָלע...

איצט איז בענדעט שוין לאַנג נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. ער איז גע־פאַלן ווי אַ דעמב פון אַ דונער, בעאייס אַ שווערע אייזערנע קאַסע, וואָס ער האָט געדזשוויגעט אַף די פּלייצעס, האָט אים צוגעדריקט... אָבער די קלאָלעס, זידלע־רייען און באַליידיקונגען, זענען אַריבערגעגאַנגען בעירעושע צו שימשלען...

איבער אָט די פאַרפאָלגונגען האָט שימשל אויסגעמידן די אידישע אינגלעך אין די היימישע געגנט. בלויז אַמאָל־אַמאָל, בעאייס ער האָט געדאַרפט גיין אין דער פּורמאַנישער שול צו זאָגן קאַדיש נאָכן פאָטער, אָדער צו ברענגען דער אַלטער, קראַנקער מאַמען די עטלעכע רובל איינמאָל אַ כוידעש, אַף צושטייער צו איר אָרעמער אויסקומעניש, האָט ער זיך אין דער גיך דורכגעשלייכט דורך די עטלעכע געסלעך, וואו יעדער שטיין איז אים געווען ווי אָן אייגענער...

מיט אַ צייט שפּעטער איז שימשלען ווידעראַמאָל אויסגעקומען צו זיין אין דער היימישער אידישער געגנט, און דאַסמאָל — טאַקע צוליב די אידן גופע. געשען איז דעמאָלט אָט־וואָס:

איינמאָל, ווען שימשל איז, ווי געוויינטלעך, געקומען צו דער אַרבעט אין האַפן, האָט ער דערזען ווי די יאַטן שטייען עפּעס אין אַ קרייז, סוידען זיך וועגן עפּעס אַזוי פאַרדעכטיק־שטיל, ווי זיי וואָלטן זיך געהיטן אַז ער זאָל עס ניט הערן. דאָס האָט אים שטאַרק געכידעשט. אַזאַ זאַך איז קיינמאָל נישט געהאַט געשען און עס האָט אים דעריבער פאַרדראָסן. ער האָט זיך שטילערהייט אונטער־געגאַנגען, זיך געמאַכט ווי ער וואָלט מיקלוימערשט געוואָלט אויפהייבן עפּעס פון דער ערד, זיך אַזויאַרום דערווייל אונטערגעהערט און אויפגעכאַפּט עטלעכע אומקלאָרע ווערטער. פאַרשטאַנען האָט ער דערפון, אַז אין שטאָט דאַרף אינגיכן

פאַרקומען אַ פּאָגראָם; אַז מען וועט שלאָגן די אידן, צעראַבירן זייערע היימען און קראָמען, און ביכלאַל זיך לאָזן וואוילגיין...

אף שימשלס ליפּן האָט זיך אַ גרינגער שמייכל אַ שפּיל געטאָן מיט עפּעס אַזאַ מאָדנע ביטערקייט. אפן מאָמענט האָט עס אים שטאַרק האַנאָע געטאָן. ער האָט אין דעם דערזען אַ מעגלעכקייט זיך צו דערלעבן אַ נעקאָמע אין זיינע סאָנים, וואָס זענען אים שטענדיק אַזוי די יאָרן דערגאַנגען. באַלד, אָבער, האָט אים אין מויעך אַ שאַרפער ברען געטאָן:

„די מאַמע... זי איז דאָך אַליין דאָרט...“

דעם גאַנצן טאָג האָט שוין שימשל ניט אויפגעהערט טראַכטן וועגן איר, וועגן אַ פּלאַץ וואוהין זי אַריבערצופירן אף איבער די אומרואיקע טעג... ער האָט געוואָלט וועגן דעם איבעררעדן מיט עמעצן פון זיינע כאַווירים, אָבער עפּעס קיין דרייסטקייט ניט געפונען דערצו. שפּעטער מיט עטלעכע טעג, ווען דער פּאָגראָם איז שוין געשטאַנען, ווי מען זאָגט עס, צוגעגרייט; בלויז אַ טאָג פאַרן סאַמע אויסברוך, האָט שימשל זיך ערשט געכאַפּט, אַז עס איז ניט־יושערדיק צו אַנטלויפן איינער אַליין מיט דער אייגענער מאַמען, און איבערצולאָזן די איבעריקע אידן אין העפקער־געפאַר...

צו אָט דעם דאָזיקן געדאַנק איז שימשל, אייגנטלעך, געקומען ניט אַליין, נאָר דורך יעגאָרן — דעם עלטסטן פון די טרעגער. יענער, יעגאָר — אַ רוסישער יאַט מיט אַ ווילדער שטרוי־קאָלירטער קוטשמע האָר אפן קאָפּ, און מיט אַ פּאָנים, וואָס — כאָטש עס איז געווען דורכאויס באַשאָטן מיט טיפע שטופּלען — האָט געשפּראָצט פון זיך מיט האַרציקייט און צוגעלאָזנקייט. אָט־דעם יעגאָרן האָבן אַלע יאַטן אין האָפן ליב געהאָט און זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. עפּעס איז אין זיינע גלאַנציק־ווייכע און לעבעדיק־בלויע אויגן געלעגן אַזאַ מאָדנע שטרענג־קייט און באַפעלערישקייט, אָבער צו דער זעלבער צייט אויך ווייכקייט און צערטלעכקייט, וואָס האָט אַלעמען מאַמעש ווי צוגעצויגן. עפּעס איז אין זיין זינגעוודיק־שטרענגער און טיף־דונערנדיקער באַס־שטימע געלעגן אַזאַ האַרטע אַקשאָנעסדיקייט, אָבער דערביי אַזאַ צאַרטע ווייכקייט, וואָס האָט אין אין מינוט געקאָנט באַווירקן זיין שאַרפסטן קעגנער...

שימשל האָט געזען ווי אָט־דער יעגאָר איז געשטאַנען אין אַ רעדל צווישן די אַנדערע יאַטן און עפּעס שטאַרק איינגעטאַינעט מיט זיי. און כאָטש יעגאָר האָט דעמאָלט גערעדט גאַנץ שטיל, האָט דאָך זיין שטימע געקלונגען האַרט און שאַרף, אָפט — מיט אַ שאַרפן צאָן־קריץ, וואָס האָט אָפּגעהילכט ווי דאָס רייבן פון צאָן־טרייבקעס אין אַ טרוקענער, ניט־אויסגעשמירטער מאַשין...

— כעוורע, — האָט שימשל געהערט יעגאָרס רייד צו די אַנדערע יאַטן, — הערט זיי ניט, זאָג איך אייך!... דער „סאָיוז רוסקאָוואָ נאַראָדאַ“ רעדט פאַלשע רייד!... געדענקט: ניט די אידן זענען שווינדלער, נאָר די רייכע פון זיי, —

די סאָכרים, פאַבריקאַנטן און פּראָצענטניקעס!... זיי — פונקט ווי אונדזערע אייגענע רוסישע קרעמער, באַלעגופים און גוט־באַזיצער — זענען עס יאָ!... אַן אָרעמער אידישער אַרבעטער, אָבער, אַ בינדיוזשניק אָדער אַ טרעגער אַזוי ווי מיר — איז דאָס נישט!... אָט, נעמט אַשטייגער אונדזער סאַמסאָן. ער איז אויך אַ איד. אָבער איז ער דען אַ שווינדלער? — זיכער נישט!... האָט ער, אָדער אַן אַנדערער אָרעמער אידישער יאַט ווי ער, ווען ער עס איז פון אונדז ווען עס איז באַשווינדלט?... זאָגט, אַדראַבע, אַליין!...

קיינער פון די יאַטן האָט ניט געענטפערט. אַלע זענען זיי געבליבן שטיין מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ און געשוויגן. יעגאָר איז אָנגעגאַנגען:

— און נאָך אַ זאַך, — האָט ער געשטאָכן מיט אַ פינגער, ווי פעסטער צו מאַכן זיינע רייד, — מיינט ניט, אַז דער „סאָיוז" איז אונדז טאַקע אַזוי געטריי ווי ער זאָגט עס. אָט, טוט אײַנמיסטן אַליין אַ טראַכט: אויב דער „סאָיוז" וואָלט טאַקע געמיינט ערנסט, אַז מיר זאָלן פונעם דאָזיקן „שפּאַציר" איבער די אידישע הייזער עפּעס אָפּשפּאָרן פאַר זיך, ווי ער זאָגט עס, — היינט פאַרוואָס־זשע הייסט מען אונדז גיין בלויז אין די אָרעמע אידישע געסלעך?... פאַרוואָס האָט מען באַ די הייזער פון די רייכע אידן, דאָרט וואו עס איז טאַקע יאָ פאַראַן עפּעס וואָס צו נעמען, גאָר אָוועקגעשטעלט פּאָליציי פאַר אַ שמירע?... פאַרוואָס האָבן זיי אַזוי געלאָזט אומבאַוואַכט בלויז די אָרעמע געסלעך, די אַרבעטער־היימען?... איז דאָס דען ניט קיין קלאָרער באַווייז פאַר אונדז, אַז מען איז דאָ גאָרניט אויסן אונדזער טויווע, נאָר מען וויל פּאָשעט, אַז מיר, די אָרעמע אַרבעטער־מענטשן, זאָלן ניט לעבן בעשאָלעם איינער מיטן צווייטן, נאָר זיך אַרומרייסן ווי די הינט צווישן זיך, און דורך דעם דערוייל פאַרגעסן, אַז מען האָט ביי אונדז ווידער אַרונטערגענומען אַ „פּיאַטאַק" פון יעדן פּוד לאָדונג?!...

שימשל איז געשטאַנען פונוויטן אַ פאַרצאַפּלטער און זיך שאַרף איינגעהערט. ער האָט דערפילט, אַז יעגאָר איז טאַקע גערעכט; אַז עס זענען טאַקע פאַראַן צוויי סאָרטן אידן. עס האָט אים בלויז געבידעשט, וואָס ער — אַליין אַ איד — האָט דאָס ניט באַגריפן און דאָס זיך איצט געדאַרפט דערוויסן פון יעגאָרן — פון דעם ניט־אידן. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער אַליין, שימשל, האָט ביז איצט אַפילע ניט געטראַכט וועגן דעם. ניט געקוקט, אָבער, אָפּן פאַרדראָס, האָט ער פונדעסטוועגן דערשפּירט עפּעס אַזאַ מאָדנע דערלייכטערונג אין קאָפּ, אַקוראַט ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אויסגעטאָן פון זיך אַ שווער, שטאָליק־היטל. ער האָט דערפילט אַזאַ מין קלאָרקייט אין די אויגן, פּונקט ווי ער וואָלט זיך טאַקע אָט נאָר־וואָס געוועזן באַפרייט פון אַ זעמדעלע, וואָס האָט אים אינעווייניק געשטאָכן. ער האָט געהאַט אַ מאָדנע האַנאָע פון יעגאָרס רייד און געוואָלט אים נאָך הערן. יעגאָר איז שוין אָבער שטיל געווען. ער האָט, ווייזט אויס, געוואַרט צו הערן וואָס די אַנדערע יאַטן וועלן זאָגן. אָבער קיינער פון זיי האָט זיך קיין באַוועג

ניט געטאָן אַף צו עפענען דאָס מויל אַ וואָרט אויסצורעדן. ערשט אַ ווייל שפּע־טער האָט איינער פון זיי — אַ יאַט מיט אַ פלאַטשיק קעפל און מיט אויערן, וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין פיל גרעסער ווי לויט זיין מאָס — זיך אומגעדולדיק אַ דריי געטאָן ווי צום רעדן. ער האָט פריער אַ הייב געטאָן זיין קורצע, שווער־אָנגעפּעלצטע האַנט, אַ וויש געטאָן די שפּיציק־פאַרריסענע נאָז, דערנאָך — פאַר־זשמורענדיק אַן אויג — זיך פויל אַ קראַץ געטאָן אין קאַרק, אונטער דער גע־דיכטער, אונטערגעקאָסעטער קוטשמע האָר, און זיך גענומען דינגען:

— וואָס שאַיך וועגן דעם, וואָס דו האָסט איצטערט־אָ געזאָגט, יעגאָר ברו־דער, ביסטו עפּשער טאַקע גערעכט. אָבער נישקאָשע, אַלע זשידעס האָבן געלט, — אַפילע די אָרעמסטע, און עס וועט סטאַיען פאַר אונדזערטוועגן!...

שימשל האָט מיטאַמאָל דערפילט ווי צוצושפּרינגען צו יענעם און אים די ציין פונעם מויל אַרויסזעצן. ער האָט דאָס אָבער ניט געדאַרפט טאָן. יעגאָר אַליין איז מיט אַ ברייטן שפּרייז צוגעטראָטן צו יענעם, בייז אים אַ קוק געטאָן אין די אויגן אַריין און — צולייגנדיק אַ פאַרקוועטשטע פויסט צו יענעמס נאָז — שאַרף אַ קריץ געטאָן מיט די ציין:

— קאָנסט זיך, פּימקע, גיין אַהין, אויב דו ווילסט, און דאָרט ראַבעווען! — האָט ער געדונערט און דערביי געפאָכעט מיט דער פויסט. — געדענק, אָבער, אַז דו וועסט זיך דאָרט אָנטרעפן ניט־נאָר אין סאַמסאָנס געזונטע לאַפּעס, נאָר אויך אין מיינע. און, יעי באָגו, איך וועל ניט קוקן ווער עס וועט דיך דאָרט באַשיצן!...

די יאַטן אַרום האָבן זיך צעלאַכט. איינער האָט געשפּאַסט:

— אָ, לאָז אים אָפּ, יעגאָר, לאָז אים אָפּ! וואָרים ער מיינט עס גאָרניט! ער מיינט ניט אַזוי דאָס געלט, ווי דאָס, וואָס ער האָט זיך פאַשעט פאַרבענקט נאָך אַ שיינער, יונגער זשידאָוואַטשקע... וואָס, עפּשער ניט אַזוי, פּימקע?...

יעפּים האָט ניט געענטפערט. דאָס געלעכטער פון די יאַטן האָט זיך גע־שאָטן איבער זיין קאָפּ. אַ צווייטער פון דער גרופּע האָט אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג און דערביי מיקלוימערשט גאַנץ ערנסט גענומען אויסרעדן די אַנדערע:

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אַף פּימקען? — האָט ער געשמייכלט, אַז יענער זאָל ניט זען. — וואָס נאָך וועט איר אויסטראַכטן אַף אים? וואָרים ווען ער זאָל עס אַפילע וועלן, איז ער דאָך שוין, ניט פאַר אונדז געדאַכט...

ער האָט אין דער גיך עפּעס אַ מורמל געטאָן שטילערהייט און כעוורע האָבן דאָס פאַרגאָסן מיט פרישן געלעכטער. פּימקע — אַ פאַרשעמטער — האָט אַ זידל געטאָן און בייז גענומען בורטשען:

— וואָס פאַר אַ טייוול איז עס היינט אָנגעפאַלן אַף אייך מיט געלעכטער? — האָט ער זיך ווי געבעטן. — וואָס אַזעלכעס האָב איך דען געזאָגט, וואָס?... איז עס דען ניט אונדזער געלט? האָבן דען די זשידעס, די עקספּעדיטאָרס, דאָס

ניט צוגענומען ביי אונדז?... אָט, האָט דאָך יעגאָר אַליין אַנומלטן געהאַט געזאָגט, אַז די רייכע, די בורזשויעס, האָבן עס ביי אונדז אַנגערויבט...

אַ פאַרלוירענער האָט ער זיך געגומען אַרומקוקן, אַקוראַט ווי ער וואָלט געזוכט הילף באַ יעגאָרן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און איבערגעפרעגט:

— עפשער ניט ריכטיק אַזוי, יעגאָר, האַ?...

יעגאָר האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— עמעס, דאָס געלט איז טאַקע אונדזערס, די אַרבעטערס, און מען וועט עס דאַרפן צוריק אָפּנעמען. אָבער בעשום אויפן ניט אויף אַזאַ וועג ווי דו און דער „סאָיוז" ווילן עס. דאָס וועט דאַרפן געטאָן ווערן גאַנץ אַנדערש, גאַנץ אַנדערש... נו, און צו די אָרעמע אידן, צו די אידישע אַרבעטער, האָבן מיר קיין שום קריוודעס ניט. און ניט נאָר טאָרן מיר זיי ניט באַפאַלן און פּאָגראָמירן, נאָר מיר דאַרפן און וועלן...

ער האָט ניט פאַרענדיקט. איינער פון די יאַטן האָט מיטאָמאָל איבערגע־שלאָגן זיינע רייד:

— יעי באָגו, יעגאָר איז גערעכט! — האָט ער געשריגן און דערביי זיך געקלאַפּט מיט אַ פויסט אין ברוסט אַריין. — הערט נאָר אַ זאַך: אונדז הייסט מען גיין פּאָגראָמירן די אידן, און אַליין שטעלן זיי גאָר אַוועק סאָלדאַטן און פּאָליציאַנטן לעבן די רייכע אידישע היימען!... נו, און ביי די אָרעמע אידן קאָן מען עפשער געפינען לייז און וואַנצן, — און דאָס האָבן מיר דאָך אַליין איבערגענוג, האַ־כאַ־כאַ!...

עס איז ווידער געוואָרן אַ געלעכטער. די טרעגער האָבן געשפּאַסט און זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטלעך. איינער האָט גאָר אַזוי זיך, גלאַט אין דער וועלט אַריין, אַ זידל געטאָן אין גוטן מוט און צוגעוואָרפן אַ דריי־גאָרנדיקע קלאָלע. אַ צווייטער האָט צוגעברומט עפּעס אַ פריילעך לידל. יעגאָר איז געשטאַנען און נאָך אַלץ איינגעטאַינעט מיט די אַנדערע יאַטן, אַז ווען עס וועט טאַקע אויסברעכן עפּעס אין שטאָט, זאָלן זיי אַלע צוזאַמען זיך אַ לאָז טאָן אין דער אידישער געגנט אַריין, קעדיי צו העלפן די אידישע אַרבעטער קעגן די אָנפאַלער...

די יאַטן זענען איינגעגאַנגען דערויף און, ווי צו באַשטעטיקן זייער צוזאָג, — געדריקט יעגאָרס האַנט און אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע...

שימשל איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער אין געדאַנקען...

* * * * *

קאַפּיטל צוויי

אָפּן האַפּן איז געווען טומלדיק, ווי אַלעמאָל בעאייסן אָנלאָדן אָדער אויסלאָדן די שיפן. די טרעגער — פאַרפּאָרעטע — האָבן זיך געשלעפּט אַהין און צוריק מיט די שווערע פּעק, קאַסטנס און זעק אַף די אַקסלען. דאָ און דאָרט האָט אַ שיף־הויביצע געהודזשעט און געפּרייכט מיט פּאַרע ווי אַ ריזיקער אַסטמאַטיקער. אַנקער־קייטן האָבן געקלונגען. אַ געבראַזג פון אייזנוואַרג און הוילע אָפּקלאַנגען פון ליידיקע פעסער האָבן אונטערגעהאַלטן. איין כילעק האָט זיך בלויז געמערקט: די עקספּעדיטאָרס, וואָס פלעגן געוויינטלעך טאָג־טעגלעך אַרומלויפן פאַרשמאַיעטע און פאַרפּאַדיעטע — האָבן געפעלט. שפּעטער צו, נאָך האַלבן טאָג, איז פון שטאָט אָנגעלאָפן עמעצער און — מיט אַ נערוועזער שטימע, געהאַקט — אַ וואָרף־צו געטאָן צו די טרעגער:

— עס האָט זיך אָנגעהויבן! אַף די זאַמדן שלאָגט מען אידן!...

יעגאָר, אַז ער האָט דאָס דערהערט, האָט גלייך אַוועקגעלייגט די אַרבעט. ער האָט אַ וואונק געטאָן צו די עטלעכע יאַטן, וועלכע האָבן זיך גראָד געפונען לעבן אים, און יענע האָבן אויך גלייך אַרונטערגעוואָרפן די פאַרטעכער פון זיך. זיי זיינען זיך אַלע צונויפגעקומען אין אַ רעדל און געוואַרט אַף יעגאָרס באַפעל. בלויז שימשל האָט זיך אַרומגעדרייט ווי עפּעס אַ פאַרלוירענער. יעגאָר איז צוגעגאַנגען צו אים, אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַרונטער, און — מיט אַן אַרויסרופנדיקן פאָרוואורף — אינדערשטיל אים אַ פרעג געטאָן:

— נו, און דו סאַמסאָן, דיך גייט עס גאָרניט אָן?...

שימשל איז רויט געוואָרן. ווי אַ צעטומלטער האָט ער זיך אומבאַהאָלפן אַוועקגעדרייט, ניט ענטפערנדיק קיין וואָרט. יעגאָר האָט אים אָבער שוין ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט אים אַ נעם־אָן געטאָן ביי דער האַנט און אים שאַרף דורכגענומען מיט זיינע בליקן, אַז ער האָט אַזש גענומען ציטערן. מיטאַמאָל האָט ער, שימשל, ביי אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און האַסטיק אַרונטערגעשטעלט פון זיך דאָס פעסל טשוועקעס, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געהאַט אַרויפגענומען צו זיך אַפן אַקסל. ער האָט דאָס אַרונטערגעשטעלט מיט אַזאַ קנאַק, אַז די טשוועקעס האָבן זיך אַזש מיט געבראַזג אַ צעשאָט געטאָן אין אַלע זייטן אַרום אים. דערנאָך האָט ער — ווי זיין געוואוינשאַפט איז געווען בעאייס ער איז געוואָרן אויפגערעגט — אומגעלומפּערט אַ הייב געטאָן די הויזן אַף זיך, איינגעצויגן דעם פּאַסיק, אַ ברום געטאָן אונטער דער נאָז עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעך וואָרט,

וואָס אַפילע ער אַליין האָט ניט פאַרשטאַנען דעם באַדייט דערפון, און — ווי אַ געיאָגטער פון עמעצן — זיך געלאָזט נאָך די אַנדערע יאָטן אין שטאָט אַריין...

ער האָט געשפּרייזט ווי אין אַ הינער־פּלעט און אפילע ניט באַמערקט ווי די אַנדערע זענען אַוועק ווייט פאָראויס פון אים, אַזוי אַז ער איז געבליבן איינער אַליין. ער איז געגאַנגען מיטן אייגענעם אימפּעט...

די גאַסן, די נאָענטע ביים האַפן, האָט שימשל געזען, זענען געווען אַזוי היימלעך־רוישנדיק ווי טאָמיד. עס האָט זיך קימאַט גאָרנישט באַמערקט קיין שום אַנדערשדיקייט. ווי אַלעמאָל זענען די קראָמען געווען אָפן. די דראָשקעס, מיט די באַבערדלטע, כוואַטישע קוטשערס אף זיי, זענען געפאָרן אין אַלע ריכטונגען. די טראַמוואַיען האָבן לעבעדיק געקלונגען, און די מענטשן אף די גאַסן זענען זיך געגאַנגען פאַרטאָן אין זייערע אייגענע געשעפטן, ווי אַלעמאָל. אָבער וואָס ווייטער פונעם האַפן, אין די האַנדלס־גאַסן — דער איקער אין יענע גאַסן, וואָס זענען געלעגן נעענטער צו דער אידישער געגנט — האָט זיך דערשפּירט אַן אַפּאַטישע אומהיימלעכקייט. די גאַסן, דורך וועלכע שימשל איז געגאַנגען, זענען געווען מאַמעש ווי פאַרלאָזן. די קראָמען — צוגעמאַכט, און די פאַרבייגייער — די עטלע־כע, וואָס ער האָט באַגעגנט — אין אַ מאָדנע געאייל... אים, שימשלען, איז עפּעס אויסגעקומען אַז אַקוראַט ווי ערגעץ אין דער געגנט וואָלט איצט פאַרגעקומען אַ גרויסע סרייפע און אַלע מענטשן וואָלטן אַוועק אַהין אף בייז־וואונדער. עפּעס אַזאַ אויסטערליש־פוילער אומרו האָט זיך אויסגעלייגט אפן גאַנצן אַרום, פונקט ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט געווען אין טיפן טרויער, און אויך אים, שימשלען, אַזוי אומראַכמאָנעסדיק אַרומגעכאַפּט. ער האָט זיך פּלוצים דערפילט עפּעס אַזוי מאָדנע אָפּהענטיק און איז געגאַנגען מיט אַ געפיל פון איינעם, וואָס ווייסט ניט וואוהין און צוליב וואָס ער גייט...

אָנגעקומען אין דער אידישער געגנט, האָט ערשט שימשל דערשפּירט דעם פולן, שווערן אומרו, וואָס האָט פון אַלעם אַראָפּגעווייעט. געדאַכט האָט זיך אים, אַז אַפילע די ווענט שרייען אַרונטער פון זיך מיט דער שרעק, וואָס איז באַפּאַלן די מענטשן הינטער זיי. די פאַרהאַנגענע פענצטער, די פאַרקלאַפּטע טירן, האָבן זיך מאַמעש געצאַפּלט מיט טרויער און אימע. שימשל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים ראָג פון צוויי גרויסע גאַסן, זיך אַריינגעכאַפּט אין עפּעס אַ טיפן אַריינגאַנג פון אַ קראָם, זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דער פאַרהאַקטער טיר, און פאַרזיכטיק אַרויסגעקוקט. אַנטקעגנאיבער און אַביסל טיפער אין דער גאַס, האָט ער — ביים ראָג פון אַ זייטיקן געסל אין דעם — דערזען שטיין אַ געזונטן פּאָליציאַנט. יענער — אויסגעפּוצט אין אַ פּאַראַדנעם מונדיר — האָט געדרייט זיינע גרויסע וואָנצעס מיט אַ מינע פון וואַזשנעקייט, און פון צייט צו צייט אַריינגעלאָכט אין דעם זייטיקן געסל אַריין:

— אָ־כאָ־כאָ, וואַט־קאַק, אָ־כאָ־כאָ!...

„וואָס קיצלט עס אים דאָרט, דעם מענטש״? — האָט שימשל אַ טראַכט געטאָן.
— „פון וואָס קאָן עס אים אַזאַ האַנאָע טאָן?...״

ער האָט באַשלאָסן זיך צוכאַפּן אַהין און אַ קוק טאָן. פּאַרזיכטיק און שטיל, אַז דער פּאַליציאַנט זאָל אים ניט באַמערקן, האָט ער זיך גענומען רוקן ביי דער וואַנט, זיך געגאַנוועט פון טיר צו טיר, און זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט אַנט־קעגן דעם געסל. דאָרט, אינעם געסל, האָט ער געזען, האָבן עטלעכע יונגען זיך געיאָגט מיט געשריי און געטומל נאָך אַ גרופּע אַנטלויפנדיקע אידן, עט־לעכע היסטעריש־שרייענדיקע פרויען און צעשראָקן־וויינענדיקע קינדער. אַנדערע יונגען זענען געלאָפן אף די טראָטואַרן און האָבן מיט שטעקנס און שטיינער געקנאַקט איבער די שויבן פון די פאַרמאַכטע קרעמלעך און צוגעשלאָסענע שטיב־לעך. דאָס געבראַזג פון צעשאָטענעם גלאָז האָט אָפּטמאָל פאַרדעקט זייערע אייגענע ווילדע אויסגעשרייען. אַ פּאָר יונגען זענען געשטאַנען לעבן אַ טיר פון אַ הויז און האָבן מיט באַנומענע שיקערע קוילעס געשריגן, אַז מען זאָל זיי גלייך אַריינ־לאָזן צו די באַהאַלטענע מיידלעך דאָרט. דערביי האָבן זיי געשפּעט:

— מאַלקע, כאַלקע, אַי־וואַי!...

— כאַיקע, מאַמעלע, קוילישטע, נו־נו!...

— צאַצקע, קראַסאַוויצע, קוש־קוש!...

שימשל האָט זיך דערפילט אַזוי מאָדנע שווער. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אף דעם געלאַסן־שפּאַצירנדיקן פּאַליציאַנט, אַ קוק געטאָן אף דער צעווילדעוועט־לויפנדיקער באַנדע, און עס איז אים געוואָרן זייער פאַרדעכטיק. די אָנפירער פון דער באַנדע — באַקענטע, — אַז ער וואָלט געקאָנט שווערן ער האָט זיי שוין ערגעץ געהאַט פריער געזען. ער האָט אַ נישטער געטאָן ביי זיך אין געדאַנק און זיך גלייך געכאַפּט:

— יאָ, — האָט ער גענומען מורמלען צו זיך — דאָס זענען זיי טאַקע... דאָס זענען דאָך איבערגעטאָגענע „מענטשס״, — די אייגענע, וואָס דרייען זיך אַרום אין די מאַרק־טעג אפן גרינעם מאַרק, צי גאָר אפן האַפן, דאָרט צו האַלטן די מיקלוימערשטע אָרדענונג זייערע און... דערביי איינמאָגנען די לאַפּקע־געלטער ביי די ניט־איבעריק־פאַרזיכטיקע קרעמער, אָדער עקספּעדיטאָרס...

ער האָט געוואָלט צוגיין צום פּאַליציאַנט און אַ פּרוּוו טאָן רעדן צו אים. ער האָט אים פּאַשעט געוואָלט פרעגן, פּאַרוואָס ער שטייט זיך אַזוי קאַלטבלוטיק פונווייטנס און פאַרטרייבט ניט די אָנפאַלער... ער האָט זיך אָבער אַלץ קיין באַ־וועג ניט געטאָן. עפּעס נאָר ווי ער וואָלט געוואָרן צוגעוואַקסן צו דער ערד, איז ער געשטאַנען און געטראַכט:

„זעט אויס, אַז עס איז טאַקע אַזוי ווי יעגאָר האָט אַנומלטן געזאָגט; עס איז אַ באַשלאָסענע זאַך פון די הויכע פענצטער... אָט, האָט מען דאָך טאַקע גאַנץ אָפן גערעדט וועגן דעם נאָך מיט וואָכן פריער...״

דער טאָג איז דאַווקע געווען אַ שיינער. אַ טאָג פאַר פרייד און געלעכטער. די לופט האָט געשמעקט מיט זשיוויצע און צוגעסמאַליעטע פעדערן. פון דער ערד האָט געשטראָמט אַזאַ לייכטע, קוים־אָנזעבאַרע פאַרע, וואָס האָט וויברירנדיק זיך געכוואַליעט אַרויפצו. די ברייטע גאַס איז געווען ליידיק און שטיל. בלויז פונעם זייטיקן געסל האָט זיך געטראָגן אַן אומקלאָרער געטומל מיט איבערגעהאַקטע געשרייען. צומאָל האָט אַ לאַנגער, אויסגעצויגן־דינער און קוויטשיקער „גע־וואַ־אַ־אַלד“ זיך אַ שנייד־דורך געטאָן דורך דער לופט ווי אַ פרימאָרגן־פייף פון אַ פאַבריק־סירענע, און איז פונקט אַזוי פלוצלונג פאַרשטיקט געוואָרן. טיילמאָל האָט אַ שווער געברום — ווי אַ לאַנג־דויערנדיקער, פאַרנאַכטיקער דונער — זיך אַ טראָג־אַהער געטאָן פונעם געסל, און עס האָט זיך שימשלען אויסגעדאַכט פונקט ווי ליידיקע פעסער וואָלטן זיך פאַרביי זיינע פיס דורכגעקייקלט. ער האָט זיך אויסגעצויגן אף די שפּיץ־פינגער און געקוקט אין דער וייט, אַהין, פונוואַנען דאָס געברום איז געקומען. דאָרט, אין ווייטן, צווייטן עק געסל, האָט ער דערזען און גלייך דערקענט יעגאָרן, וועלכער האָט — צוזאַמען מיט אַ גרופּע יאַטן — זיך געראַנגלט מיט די אָנפאַלער אין אַ האַנט־געפעכט. שימשל האָט זיך מיטאַמאָל פאַרשעמט פאַר זיך אַליין:

„וואָס שטיי איך דאָ און טראַכט?“ — האָט עס אים אַ שטאָך געטאָן אין מויעך.

— „וואָס כאַפּ איך זיך ניט אַריבער אַהינצו, אין יענער זייט, צוצוהעלפן?...“

אָבער ווי אַזוי כאַפּט מען זיך אַריבער, אַז דער פּאָליציאַנט שטייט ווי אַ הונט ביים ראָג גאַס און היט?... שימשל האָט דערפילט אַ שטאַרקן קאַאַס אין זיך. די פינגער פון זיינע הענט האָבן אים געבריט, האָבן זיך גיך געדרייט און געקלאַמערט איינער אין אַנדערן. די פיס האָבן ביי אים געציטערט. די ציין האָבן געקריצט און געמאָלן. ער האָט אף אַ גלאָז־טיר דערביי דערטאַפּט אַ פּיצל ווייכן קיט און דאָס גענומען קנעטן מיט זיינע ציטערדיקע פינגער:

— עך, — האָט ער געמורמלט צו זיך. — ווען דער „מענטש“ זאָל זיך נאָר אַוועקדרייען אף אַ רעגע; ווען ער זאָל זיך כאָטש פאַרקוקן...

ניט ווייט פון זיך, בלויז עטלעכע טריט אַוועק, האָט שימשל דערזען שטיין אַ פויערשן וואָגן. צוויי קאַשטאַנעווע פערד — אויסגעשפּאַנטע — זענען געשטאַנען צוגעבונדן צו די האָלאָבליעס, מיט די קעפּ צום וואָגן צו, און האָבן זיך מיט זייערע מאָרדעס געגורעט אין די אָנגעהאנגענע האָבער־זעקלעך. צופרידענע און זאַטע האָבן זיי געוואָרפן מיט די קעפּ, וועלנדיק זיך, מאַשמאָעס, באַפרייען פון די אָנגעהאנגענע שוין־אויסגעליידיקטע טאָרבעס. זיי האָבן געהירזשעט, געקלונגען מיטן געשפּאַן אף זיך, און זענען קיין איין רעגע ניט איינגעשטאַנען רואיק אף זייערע פיס.

שימשל האָט געקוקט אף די פערד און דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט:

„אָרעמע באַשעפענישן. מ׳דאַרף אַרונטערנעמען די טאָרבעס פון זיי...“

ער האָט זיך צוגעשאַרט צום וואָגן, אַ קוק געטאָן אויף די פערד, אַרונטער־גענומען די האָבער־זעקלעך פון זייערע מאַרדעס, און גענומען לאַסטשענדיק פּאַטשן איבער זייערע פעטע, אויסגעגלאַטיקטע לייבער. די פערד — אַפּאַנים צופרידן דערפון און, ווי זיי וואָלטן אים געדאַנקט דערפאַר, — האָבן פריילעך געהירזשעט, כוואַליעדיק געטרייסלט מיט זייערע אויסגעכאַליעטע פעלן און ווי פאַרגיטיקנדיק געשאָקלט מיט די קעפּ...

פונעם געסל האָט אַלץ געטראָגן מיט אומרו. מיטאַמאָל האָבן זיך ווידער דערהערט טומלדיקע געשרייען. אַט האָט אַ געשריי זיך אַ הייב געטאָן און אַט איז עס פּלוצלונג אָפּגעהאַקט געוואָרן. אַט האָט עס געדונערט גראָב און קורץ, און אַט האָט עס געפּיסטשעט דין און צעצויגן. ווידער האָבן זיך אַ טראָג געטאָן גראָבע, ווילדע אויסרופן:

— הוראַ!... הוראַ!... שלאָגט די זשידעס!... הור־ראַ־אַ!...

באַלד איז אויך דאָס איבערגעהאַקט געוואָרן. פונעם געסל איז אָנגעלאָפן אַ גרופּע צעיושעטע יונגען. שימשל האָט זיך פאַרשטעקט הינטערן וואָגן און פון דאָרט אַריבערגעקוקט צו זיי. די יונגען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום פּאָ־ליציאַנט און — אָנווייזנדיק מיט די הענט אין געסל אַריין — וועגן עפּעס גע־רעדט צו אים. יענער האָט גענומען וואַרפן מיט די הענט, זיך געבייזערט און אויף אַ קאָל געכויזעקט:

— עך, איר באַבעס אַזעטיקע! וואָסערע פּראַוואָסלאַוונע האָט איר עס דאָרט פּלוצים געזען?!... דאָס זענען אַוואָדע זשידעס, פאַרשטעלטע זשידעס!...

יענע האָבן זיך, זעט אויס, פאַרשעמט און זיך אָנגענומען מיט פרישן מוט. זיי האָבן אויסגעדונערט אַ ווילדן „הוראַ" און זיך צוריק אַ לאָז געטאָן אין געסל אַריין...

שימשל איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרשטעקט הינטערן וואָגן און נאָך אַלץ ניט באַשלאָסן וואָס צו טאָן. דער קאַאָס אָפּן פּאָליציאַנט האָט זיך ביי אים נאָך שטאַרקער צעגליט. ער האָט גענומען קריצן מיט די ציין, געפילט ווי נאָר זיך איינצובייסן מיט זיי אין עפּעס און דאָס אויף שטיקער צערייסן. ניט־ווילנדיק האָט ער אַ נישטער געטאָן מיט דער האַנט אינעם וואָגן — און צווישן דעם אָנגעוואָרפענעם שטרוי דאָרט — אָנגעטאַפּט אַ פאַרדעקטע קלאָניצע...

פּלוצלונג האָט זיך ווידער אַ טראָג געטאָן פונעם געסל אַ היסטערישער אויסגעשריי. אַ מיידלשע שטימע האָט ספּאַזמאַטיש און שניידנדיק געקוויטשעט אין דער ברייטער גאַס אַריין מיט אַ צעשפּאָלטענעם ווידערקאָל:

— גע־וואַ־אַ־אַלט, מע־ע־ענטשן, ראַ־אַ־אַ־טע־ווע־ע־עט!...

פונעם געסל אַרויס איז אָנגעלאָפן אַ באָרוועסע, שוואַרץ־האָריקע מיידל מיט צווי גרויסע, דיקע צעפּ. דער שטערן אירער איז געווען באַדעקט מיט צעשוי־בערטע האָר און זי איז געווען קימאַט האַלב־נאַקעט. דאָס טונקל־ברוינע קליידל

און די ווייסע בלוזקע אף איר דינעם קערפּער זענען געווען צעריסן אף פּיץ־פּיצ־לעך און זענען מיט מאָסן צויטן אַראָפּגעהאַנגען פון איר. מיט אַרויפגעהויבענע הענט, ווי אין אַ טפילע, איז זי צוגעלאָפן צום פּאַליציאַנט, זיך אַ וואָרף גע־טאָן לעבן אים אף די קני, אַרומגעכאַפּט זיינע פיס און גענומען גלעטן זיינע שטיוול. יעדע ווייל האָט זי אַ הייב־אויף געטאָן איר קאָפּ ווי אַ געשלאָגן הינטל און אַ קוק־אַרויף געטאָן צו אים, אין זיינע אויגן אַריין, ווי אין דערוואַרטונג, אַז ער זאָל אף איר ראַכמאָנעס האָבן און זי ראַטעווען. דער פּאַליציאַנט, אָבער, — האָט שימשל געזען, — האָט בייז אַ ברום געטאָן אף איר, פלינק באַפרייט זיינע פיס פון איר אַרומקלאַמערן, און זיך אָפּגערוקט. מיטאַמאָל האָט ער גאָר אַ הייב געטאָן אַ שווערן פוס זיינעם, אַ שטויס געטאָן דאָס מיידל איבערן בויך און — אין כאַיעשער רעציכע — זי אַ שליידער־אַוועק געטאָן פון זיך, אַט־אַקור־ראַט ווי זי וואָלט געווען עפּעס אַ נעווײלע... דאָס מיידל איז אַוועקגעפאַלן און געבליבן ליגן שטיל, ניט־באַוועגנדיק מיט קיין אייווער. שימשלען האָט אויס־געזען גלייך ווי אַ מאָמענטאַלער טויט וואָלט זי דאָרט פון גרויס פּאַכעד דורכ־געשניטן. דער פּאַליציאַנט, גלייך ווי גאַרניט, האָט זיך אָפּגעקערט און אַפילע קיין קוק ניט געטאָן אין איר זייט. ער האָט שפּאַצירט געלאַסן מיט שיטער־צע־צויגענע טריט, קלאַפּנדיק דערביי מיט זיינע גלאַנציקע שטיוול אפן טראָטואַר, און — גלייכגילטיק אַריינקוקנדיק אין געסל אַריין — האַנאָעדיק געלאַכט:

— אַ־כאַ־כאַ!... אַט אַזוי, ברידערלעך, אַט אַזוי!... דערלאַנגט זיי, די זשי־דעס!... דערלאַנגט זיי נאָכאַמאָלינקע און נאָכאַמאָל!... דערלאַנגט זיי, די פּאַר־שאָלטענע!...

שימשל האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. אים האָט זיך אויסגעדאַכט ווי עפּעס וואָלט זיך ביי אים אינעווייניק אָפּגעריסן. דאָס בלוט זיינס, האָט ער געפילט, האָט ביי אים אַ זאָט געטאָן און אַזוי ווי אַנגעגליט דעם מויעך. עס האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן און רוישן אין קאָפּ. ער האָט מער ניט גע־קאָנט איינשטיין אפן אָרט. מיטאַמאָל — פּונקט ווי שטענדיק ביים אָנהויב פון אַ שווער שטיקל אַרבעט — האָט ער אַ שפּיי געטאָן אין זיינע הענט אַריין, אַ רייב געטאָן איין דלאָניע אין דער צווייטער, אַ כאַפּ געטאָן די קלאָניצע פונעם וואָגן און זיך גענומען פון הינטן־אַרום אונטעראַגנווענען צום פּאַליציאַנט. דאַן האָט ער מיטן גאַנצן אימפּעט זיינעם אַ צעפּיר געטאָן די הענט אין דער ברייט, אַ הייב געטאָן די קלאָניצע אין דער הויך, זי אַרונטערגעלאָזט דעם „מענטש״ איבערן „קעסטל געהירן״ און אים גלייך אפן אָרט קאַלט געמאַכט...

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דעם, האָט שימשל אַ טראַכט געטאָן צוצולויפן צום ליגנדיקן מיידל, זי אַ כאַפּ־טאָן אף זיינע הענט, אַוועקטראָגן זי ערגעץ אין אַ הויף און דאָרט זי איבערגעבן אין זיכערע הענט אַריין. אַליין האָט ער זיך געוואָלט אַריינכאַפּן אין געסל אַריין און פון הינטן זיך אַ נעם־טאָן צו יענע

צעווילדעוועטע פּויערים, וועלכע האָבן זיך דאָרט נאָך אַלץ געשלאָגן מיט יעגאָרן און זיין גרופּע. אָבער איידער וואָס־ווען, איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו מאַכן עטלעכע טריט צום מיידל, האָט זיך מיטאַמאָל — ווי פון אונטער דער ערד אַרויס — צו אים אַ לאָז געטאָן אַ צווייטער פּאָליציאַנט און, מיט אַן אויסגעשטעלטן רעוואָלווער אין דער האַנט, אַ פּאַרסאָפּעטער, נאָך פון וויטן געהאַלטן אין איין שרייען צו אים:

— העי, דו, זשידיוגע, שטיי, וואָרים איך וועל שיסן!...

שימשל האָט זיך אָפּגעשטעלט. באַגריפן האָט ער, אַז עס איז איצט שוין צו שפּעט זיך אָפּצוטראָגן און אַז עס איז פיל גלייכער זיך אונטערצוגעבן. ער האָט דעריבער — שטיל, ווי ניט אים מיינט מען — גלייך אַרויסגעלאָזט די קלאַ־ניצע פון דער האַנט און איז געבליבן שטיין. מיט אַ געמאַכטער רואיקייט האָט ער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָסל און אַן שום ווידערשטאַנד זיך געלאָזט פירן פון דעם באַוואָפנטן פּאָליציאַנט, וועלכער האָט אים פעסט אָנגענומען ביי דער האַנט. ער איז געגאַנגען און אַלץ געטראַכט וועגן דעם „מאַטנעס־יאַד", וואָס דערוואַרט אים; וועגן דער גאַב, וואָס ער וועט אַריינכאַפּן אין דער פּאָליציי־סטאַנציע, ווען מען וועט אים אַהינברענגען. אים איז קלאָר געוואָרן איין זאַך:

„מען דאַרף אָפּציען..."

„אָבער ווי אַזוי טוט מען עס?" — האָט ער געטראַכט. — „ווי אַזוי טוט מען זיך אַ ריר, אַז דער ,מענטש' האַלט דעם ,שפּייער' גרייט אין האַנט, און מיט דער צווייטער האַלט ער מיך איינגעקלאַמערט מאַמעש ווי מיט קייטן?..."

— אַט, — האָט ער זיך געזאָגט, — ווען איך וואָלט זיך נאָר געקאָנט ווי ניט איז אָפּרוקן פון יענעם כאָטש אויף אַ שפּאַן און זיך אַ ראַזמאַכעווע טאָן... ווען איך זאָל קאָנען כאָטש עטוואָס אַ צעפּיר־טאָן די הענט מיינע, וואָלט איך דאָן שוין געווען אויספּראָבירט מיין מאַזל. אַזוי אָבער...

מיטאַמאָל האָט אין זיין מויעך אַ בליץ־דורך געטאָן אַן איינפאַל, און ער האָט גלייך באַשלאָסן דאָס אויסצופּראָבירן:

„מיילע", — האָט ער זיך געטראַכט, — „וועט עס מיר געלינגען, איז דאָך אַוואַדע גוט. אויב אָבער ניט, טאָ זאָל מען, אַז מען וועט שוין סיי־ווי־סיי האַלטן ביים קאָטעווען, אויך דערפאַר מיר געבן עטלעכע קלעפּ..."

שימשל האָט אַ ברייטן גענעץ געטאָן. דער גענעץ — עפּעס אַזאַ טיפער, אַז דער פּאָליציאַנט האָט זיך טאַקע, ווי שימשל האָט עס דערוואַרט, פּאַשעט ווי צעטומלט. אויף מאָמענט האָט ער אים אַפילו אָפּגעלאָזט פון דער האַנט, אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פאַרשפּיצטע אויגן און דערביי איראָניש געזאָגט:

— אַט אַזוי, זשידיוגע, גענעץ זיך אויס!... דאָרט, אין אוטשאַסטאָק, וועט מען דיך שוין זיכער ניט לאָזן גענעצן!...

שימשל האָט געכאַפּט אַ זייטיקן בליק אויפן פּאָליציאַנט און... פאַרשטאַנען

האָט ער, אַז עס וועט גיין אַ גאַנג. ער האָט מיקלוימערשט אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל אַף יענעמס באַמערקונג אוןווידעראַמאָל אַ געגעץ געטאָן. דאַסמאָל, אָבער, האָט ער דעם גענעץ פאַרענדיקט מיט אַזאַ שטאַרקן נאָס, אַז ער האָט אַזש דעם פּאָליציאַנט פאַרשפּריצט די אויגן...

פון אָט דער אומגעריכטער פאַרבלענדעניש האָט יענער אַזש אַ ציטער געטאָן און אַפן מאָמענט אַפּאָנים פאַרגעסן אין אַלעם אַרום זיך. ער האָט זיך גענומען רייבן און ווישן די אויגן, זידלענדיק דערביי שימשלען פאַר דער כוצפּע. דערויף האָט שימשל, זעט אויס, טאַקע אויסגערעכנט. ער איז גלייך — שטיל און פלינק ווי אַ קאַץ — אַ שפּרונג־אַפּ געטאָן אין אַ זייט, פּונקט אַזוי פלינק האָט ער האַסטיק אַ וואָרף געטאָן זיינע שווערע פויסטן אַהין און צוריק, גענומען האַקן מיט זיי דעם פּאָליציאַנט אַרום די אויגן און שלייפן מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט אים גלייך צעכושט. יענער האָט אַפילע עטלעכע מאָל אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי אָפּצוטרייסלען די פליענדיקע קלעפּ פון זיך, אָבער מער ניט געקאָנט קומען צו זיך, אַז ער זאָל אַפילע קאָנען אַ קרעכץ טאָן. עס האָט אויסגעזען, אַקוראַט ווי ער וואָלט מיטאַמאָל דאָס לאָשן פאַרלוירן. באַלד האָט ער זיך אָנגעפאַנגען צו וואַקלען אַף די פיס און אַרויסגעלאָזט דעם רעוואָלווער פון דער האַנט. איצט האָט שוין שימשל אים מער ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט געקנאַקט מיט די פויסטן וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט, און אַזוי גיך און שטאַרק, ביז יענער האָט זיך שווער אַ לייג געטאָן אַף דער ערד, זיך באַוואָשנדיק אין יושענדיק בלוט...

שימשל איז געבליבן שטיין אַ ווייל. ער האָט געקוקט אַפן פּאָליציאַנט, וועלכער איז געלעגן לעבן זיינע פיס און אויסגעזען ווי אַ שטיק צעיורן טייג. דערביי האָט ער, שימשל, — ווי אַלעמאָל נאָכן אָפּפאַרטיקן זיך פון אַ שווער און דערווידערדיק שטיקל אַרבעט — אַ וויש געטאָן זיינע הענט אין די הויזן, און זיי אָפּגעטרייסלט. באַלד האָט ער זיך אָבער אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער טאָר דאָ ניט בלייבן שטיין לענגער; אַז ער מוז שטעלן פיס און גלייך אָפּציען. פאַר־שטאַנען האָט ער, אַז אויב ער וועט זיך דאָ פאַרזאַמען נאָך אַ ווייל, וועלן אַוואַדע אָנלויפן אַנדערע „מענטעס", וואָס וועלן אים — אויב ניט גלייך אַוועקלייגן אַף קאַלט, איז אַזוי צעמאַזיקן, אַז מען וועט אים דאַרפן טראָגן שטיקלעכווייז. ער האָט דעריבער, אָן שום ווייטערדיקן טראַכטן, זיך אַ דריי־אויס געטאָן און איז מיט גיכע טריט אַנטרונען אין די זייטיקע, שוין אָפּגעפּאַגראַמירטע און דעריבער ווי אין טויט־איינגעהילטע געסלעך...

* * * * *

קאַפּיטל דריי

בעאיס שימשל האָט ענדלעך באַוויזן זיך אַריינצוכאַפּן אין דעם געסל וואו די כוליגאַנעס האָבן פריער געהאַט געבושעוועט, האָט די זון שוין געהאַלטן ביים זעצן זיך און אירע לעצטע פייער־שטראַלן האָבן ווי אָנגעפאַרבט די צעקלאַפּטע שויבן־פענצטער מיט בלוט. לעבן דעם הויז, וואו זיין, שימשלס, מוטער האָט געוואוינט, האָט ער נאָך פונדערווייטנס דערזען אַ גרויס געזעמל. אַ צאָל אידן און אידענעס האָבן זיך געראָיעט אין די אָנגעוואָרפענע גרודעס מיסט אין גאַס, און צונויפגעקליבן שטיקלעך שמאַטעס, קאָלדרעס און קליידער, וואָס האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט. אַנדערע זענען געשטאַנען אין אַ רעדל ביים טויער, און האָבן — מיט טומלדיקע זשעסטיקולאַציעס — הייס גערעדט צווישן זיך.

ביי שימשלען אין האַרצן האָט זיך מיטאַמאָל עפּעס ווי אָפּגעריסן. ער איז פּלוצים באַוועלטיקט געוואָרן פון אַ מאָדנע שווער געפיל. ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם מיידל. איר געשטאַלט, ווי זי איז פריער געהאַט געלעגן אַ צעשלאָגענע און אָפּגעריסענע אף דער ערד, לעבן דעם פּאָליציאַנטס פיס, האָט אים נאָך אַלץ געשניטן אין די אויגן. שימשל איז געווען זיכער, אַז דאָס רינגלט מען דאָרט אַרום זי, איר טויטן קערפּער... מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט ער גיך צוגעשפּרייזט און — נאָך אידער ער האָט באַוויזן עמעצן צו פרעגן וואָס עס איז — דערקענט לויט די באַדויערנדיקע בליקן פון די מענטשן, אַז עפּעס האָט עס דאָ צו טאָן מיט אים אַליין. באַלד האָט ער זיך דערוואוסט, אַז איינער פון אַ גרופּע פּאָגראָמשטשיקעס, וועמען עס איז געלונגען אַריינצורייסן זיך אין הויף אַריין, האָט מיט אַ שטיין טויטלעך־פאַרוואונדעט זיין אַלטע מוטער, און אַז באַלד דאַרף אָנקומען דאָס קעטשל פון דער גיכער־הילף, אף אַוועקצונעמען זי אין שפּיטאָל אַריין...

שימשל האָט זיך דורכגעשטופּט דורכן געזעמל און גיך זיך אַ לאָז געטאָן לויפן איבער די פינצטערע טרעפּ, אַרונטער־צו אין קעלער־שטוב, צו דער מוטערס וואוינונג. האַסטיק האָט ער זיך אַ ריס־אַריין געטאָן אין דעם קליינעם צימערל און — ביים שוואַכן שיין פונעם קליינעם קעראָסין־לעמפּל — דערזען, אַז די מוטער איז געלעגן אף איר בעט אַ צעבלוטיקטע און באַטויבטע. די עטלעכע פרויען, שאָכנטעס אירע, וואָס זענען געווען אין צימער, האָבן געבראָכן די הענט אין פאַרלוירנקייט, ניט־וויסנדיק וואָס צו טאָן איר צו העלפן. שימשל האָט זיך צוגעבויגן צו דער מוטער, געוואָלט רעדן צו איר, זי צערטלען און באַרואיקן,

אָבער ער האָט גלייך דערזען, אַז זי דערקענט אים אַפילע ניט. ער האָט זיך דאַן אַראָפּגעלאָזט אַף די קני לעבן דער מוטער און מיטאָמאָל דערשפּירט גליענדיקע טרערן ביי זיך אַף די באַקן און אַ שטיקנדיקן קנויל ביי זיך אין גאָרגל. ווי אַ פאַרשולדיקטער האָט ער געקוקט דאָ אַף דער מוטער, דאָ אַף די פרויען, געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ניט געקאָנט. זיין געדאַנק איז געווען פאַרנומען מיט איין ווילן: אָט שוין איצט, אַף דאָס ניי, זיך צוריק אַ לאָז טאָן אין גאַס אַרויס און נעקאָמע נעמען דערפאַר; אָפּצאָלן פאַר דעם, וואָס מען האָט געטאָן צו זיין אַלטער מאַמען. געטראַכט האָט ער, אַז דאָס, וואָס ער האָט פריער באַוויזן צו טאָן, האָט קיין שום שאַיכעס ניט מיט דער מוטער און אַז עס האָט אַוואַדע ניט אָפּגעצאָלט פאַר אירע ליידן...

אַ צעווייטיקטער איז ער מיטגעפאָרן מיט דער גויסעסדיקער מוטער אינעם קעטשל פון דער גיכער־הילף אין שפּיטאָל אַריין, האָט געהאַלטן איר גערינצלטע האַנט אין זיינער און געגלעט איר פאַרבלוטיקטן שטערן. עטלעכע מאָל האָט ער פּראָבירט רעדן צו איר, אָבער עס איז אים קלאָר געווען, אַז ניט זי האָט אים גע־הערט און ניט זי האָט אים געזען. ביים סאַמע שפּיטאָל־טויער איז זי — נאָר ווי אַ שלאָפנדיק הינדעלע — אויסגעגאַנגען קימאַט אַף זיינע הענט...

שימשל האָט געקוקט אַף דער מוטערס טויטן, איינגעדאַרטן קערפּערל, וואָס איז אים אויסגעקומען עפּעס ווי דער קערפּער פון אַ קינד. ער האָט געווישט די טרערן פון די אויגן און די באַקן, און ביי אים אין מויעך האָט איצט, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, גענומען גריבלען איין פראַגע נאָך דער צווייטער:

„וואָס האָט מען געהאַט צו איר? וועמען האָט זי דען שלעכטס געטאָן? זי, וואָס האָט זיך אַ גאַנץ לעבן געמאַטערט אין אָרעמקייט און אין נויט?!...“

„פאַרוואָס איז עס איר געקומען?... פאַרוואָס איז עס געקומען אָט־יענעם מיידל?... פאַרוואָס קומט עס די אידן ביכלאַל?...“

קיין ענטפערס אַף אָט־די פראַגעס האָט שימשל זיך אַליין ניט געקאָנט געבן און זיי אַפילע ניט געזוכט. ער האָט איצט געוואוסט איין ענטפער:

„מען טאָר דאָס ניט פאַרשווייגן! מען דאַרף נעקאָמע נעמען דערפאַר!...“

און טאַקע גלייך אָפן אָרט באַשלאָסן:

„יאָ, איך וועל נעקאָמע נעמען! מעג עס אַפילע דויערן דאָס גאַנצע לעבן מיינס... איך וועל דאָס ניט מויכל זיין, קיינמאָל ניט!...“

די איינציקע זאַך, וואָס האָט אים באַאומרואיקט, איז געווען: ווי אַזוי אָט־די נעקאָמע דורכצופירן. פאַרשטאַנען האָט ער, אַז אויב דאָס וואָלט געווען אַ פראַגע וועגן אַ יאָכיד, אַ געוויסער פּערזאָן, מיט וועמען ער וואָלט געדאַרפט זיך אָפּרעכענען, וואָלט ער שוין געוואוסט ווי אַזוי דאָס צו טאָן. דאָ, אָבער, אין דעם פאַל...

שימשל האָט באַגריפן, אַז וועגן דעם, אייגנטלעך, וואָלט ער געדאַרפט זיך

דורכרעדן מיט יעגאָרן, דעם עלטסטן טרעגער אין האָפן. ער איז געווען זיכער, אַז יעגאָר מוז אַוואַדע האָבן אַן ענטפער דערויף. ער האָט זיך דערביי דערמאָנט, אַז שוין ניט איינמאָל האָט ער פון יענעם געהערט רייד וועגן דעם, אַז עס איז שוין צייט צו מאַכן פון רוסלאַנד אַ פריי לאַנד, — אַ לאַנד, וואו אַלע מענטשן זאָלן קאָנען לעבן צופרידן, פרידלעך און רואיק, אָן מוירע איינער פאַר דעם צווייטן. עטלעכע מאָל האָט יעגאָר אים שוין אַפילע געהאַט פאָרגעשלאָגן ער זאָל מיטגיין מיט אים צו אַ געהיימער פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער און טרעגער פונעם האָפן, וואו מען באַשמועסט די וועגן און מיטלען ווי אַזוי דאָס צו דערגרייכן. ער, אָבער, שימשל, האָט קיינמאָל ניט געוואָלט מיטגיין. ער האָט דאָס באַטראַכט פאַר נאַרישקייטן, פאַר אַן איניען מיט וועלכן עס מעגן זיך פאַרנעמען מיעסע אַלטע מוידן און אימפּאָטענטע מענער, אָבער בעשום אויפן ניט קיין יונגע יאַטן, ווי ער אַליין איז, — יאַטן, וועלכע קאָנען געפינען גענוג צייט־פאַרטרייב אַף אַנדערע וועגן, און קאָנען לעבן אַ „גוטן טאָג“ אָן דעם אַלעם...

און שימשל האָט טאַקע געלעבט אַ „גוטן טאָג“. די נעכט זענען ביי אים געווען ניט ווי אַ טייל פון מעסלעס אָף צום שלאָפן און רוען, נאָר ווי אַ צייט־אָפּשניט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אָף צום הוליען, פאַרברענגען. און ווען נאָך האָט ער אַזוי געקאָנט פאַרגעניגן האָבן ווי אין די נעכט, בעאייס אָרום איז פינצטער, און אַפילע ביי לעוואָנע־שיין קאָן ער זיצן אומגעשטערט ערגעץ אין טיפן גראָז מיט אַ מיידל, האַלזן זיך, זיך אַרומנעמען און זיך קושן אין קאָנצערט מיטן געצאַק פון די גרילן, און — אַזוי ווי זיי — אויסלעבן די טאַיווע, ליבע און סעקסועלע באַפרידיקונג, סיי פאַר זיך און סיי פאַר דער שוטעפטע זיינער... און עס איז קימאַט ניט געווען דאָס מיידל, וועלכע איז אים נאָר געפעלן געוואָרן, אַז ער זאָל זי ניט קאָנען קריגן. יעדע איינע פון די מיידלעך — ס'ראָוו דינסטן — האָט אים ניט נאָר ליב געהאַט און זיך איבערגעגעבן אים, דעם געזונטן, קרעפטיקן און פייערדיקן יונג, נאָר האָט אים אויך געבראַכט די בעסטע שפּייזן און מאַטאָנעס, אַבי צו האָבן דאָס געפיל, אַז ער איז אירער און ער האָט זי ליב...

איצט, זעענדיק דעם קאַלטן, איינגעקוואַרטן טויטן קערפּער פון זיין מוטער, איז שימשל אינגאַנצן ווי צערודערט געוואָרן. ער האָט דערפילט, אַז ער אַליין טראָגט אַ געוויסע שולד פאַר איר טויט; אַז ער — אָנשטאָט צו פאָלגן יעגאָרן און מיטגיין העלפן באַשאַפן אַ זיכער און שיין לעבן פאַרן גאַנצן לאַנד, — האָט זיך גאָר פאַרשפּילט מיט זיינע אייגענע פאַרגעניגנס...

יענעם אָוונט איז שימשל אַזוי אויפגערודערט געווען, אין האַרצן ביי אים האָט געזאָטן אַזאַ שטאַרקער קאַאָס, אַז ער האָט פּאָשעט אויסגעזידלט זיין בייעסטע מיידל, מוסיע, וועלכע איז — ווי אין די עטלעכע אָוונטן פריער — געקומען צו אים אין צימערל און, ווי אַלעמאָל, זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים מיט אירע

אַרעמס און ליפּן. מוסיע — אַ דערשראָקענע — האָט ניט געקאָנט עפענען דאָס מויל פון איבעראַשונג און איז אַוועק אַ וויינענדיקע...

שימשלען האָט דאָס דערנאָך זייער שטאַרק פאַרדראָסן. אַ שטיק צייט האָט ער זיך ניט געקאָנט שענקען פאַר ווי־טאָן מוסיען, — דאָס מיידל, וועלכע האָט אים געשענקט איר ליבע אַפּן בעסטן אויפן ווי זי האָט עס געוואוסט, און אַפילע גאָרניט געפאָדערט פון אים דערפאַר פאַר זיך אַליין...

אף צומאָרגנס, ביי דער מוטערס לעוואַיע, וואו אַ כוץ אים זענען אויך נאָכגעגאַנגען עטלעכע אַלטע אידן און אידענעס — שכיינים פונעם הויז, — איז גאָרניט געווען צו דערקענען, אַז דאָס איז ער, שימשל, דער ריז. ער איז גע־ווען עפּעס אַזוי ווי איינגעאַנצן איינגעבויגן, איינגעקאָרטשעט און דערשלאָגן... אויך שפּעטער, בעאייס ער האָט ביים האַלב־פאַרשאָטענעם קייווער — קימאַט אַ פאַרכושטער — נאָכגעזאָגט די פרעמדע, אויסטערלישע ווערטער, — דעם קאַדיש, וואָס איינער, אַן אַלטער איד, האָט אים פירגעזאָגט, האָט שימשל געציטערט פון קעלט, כאָטש עס איז גאָר געווען אַ גאַנץ וואַרעמער טאָג. ער האָט אַפילע ניט געקאָנט געפינען קיין געַנוג קויעך אין זיך אף צוצוגיין צום פאָטערס קייווער, ווי ער האָט דאָס פריער געהאָט באַשלאָסן צו טאָן. ער האָט זיך פאָשעט קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען איבער זיין דערשלאָגנקייט...

איינער פון דער מוטערס שכיינים, — אַ זשוואָוער, שמייכלענדיקער איד, — האָט אים נאָך דער לעוואַיע פאַרבעטן צו זיך אין הויז אַריין און אים פאַרגעלייגט אַ גלעזל פּייסעכדיקן ווישניאַק, זיך צו קרעפטיקן. שימשל האָט דאָס מיט איין צי אַריינגעגאָסן אין זיך און איז טאַקע דערפון עטוואָס אויפגעהייטערט געוואָרן. ער האָט באַדאַנקט פאַר דער פריינטלעכקייט און זיך געוואָלט פאַרנעמען צום אַוועקגיין. מיטאַמאָל, אָבער, האָט ער צווישן די מענטשן אין שטוב באַמערקט אַ יונג, שיין מיידל, וועלכע איז אים פאַרגעקומען זייער קענטלעך, — דער איקער, איר שטימע, און עס האָט אים שטאַרק פאַראינטריגירט זיך צו דערמאָנען וואו ער האָט זי פריער געקאָנט זען. ער איז געבליבן שטיין פאַרטראַכט און געלאָזט זיך איינבעטן צו בלייבן אף וועטשערע מיט דער מישפּאָכע...

די גאַנצע צייט איז שימשל געזעסן מיט שעמעוודיק־אַראָפּגעלאָזטע אויגן, און — פאַרזיכטיק, ווי פון דער זייט, קעדיי ניט אַמאָל כאַלילע צו באַליידיקן דאָס מיידל, — אַ זאַך, וואָס ער האָט קיינמאָל פריער זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון צו טאָן, — איר נאָכגעקוקט, אין אַ פאַרזוך זיך צו דערמאָנען ווער זי איז און וואו ער האָט זי געזען. אַ ווייל שפּעטער, ווען דאָס מיידל — ווי ער האָט זיך שוין דערוואוסט, אַ טאָכטער פון דעם הויז — האָט אים צוגעטראָגן דעם טעלער זופּ, האָט ער זיך געכאַפּט און שיר ניט אַ געשריי געטאָן פון איבעראַשונג:

„יאָ״, — האָט ער אַ מורמל געטאָן צו זיך. — „זי איז דאָך דאָס זעלביקע מיידל, וועלכע...״

ערשט איצט איז אים קלאָר געוואָרן פאַרוואָס ער האָט זי גלייך ניט דערקענט. זי, וועלכע איז ערשט נעכטן געווען אַזאַ צעבראָכענע, אַזאַ בעטנדיקע, אָפּגעריסענע און צעשויבערטע, איז איצט, אין איר הויז, גאָרניט געווען צו דערקענען — אינגאַנצן ווי אַן אַנדערע. אַ שטאָלצע, אַ פרייִדיקע און אין איר נעטן קלאָרן בלוזקעלע און קליידל, — האָט זי מאַמעש באַלעבט דאָס הויז מיט איר קלינגענדיקער שטימע און געצאַמטן צנועדיקן געלעכטער... שימשל האָט אַלץ געקוקט אף איר, געטראַכט און זיך געוואָלט דערגרונטעווען ווי אַזוי עס איז גאָר מעגלעך, אַז אין דעם זעלבן מיידל זאָלן לעבן אַזעלכע צוויי קעגנגעזעצטע פּערזענלעכקייטן. ער האָט אָבער ניט געדאַרפט לאַנג טראַכטן. דער פּאָטער אירער — רעדנדיק מיט אים וועגן פּאָגראָמען אף אידן ביכלאַל און די נעכטיקע געשעענישן ביפראַט — האָט אים דערקלערט, אַז אין דעם לאַנגן אידישן גאָלעס, וואָס איז אַ געשיכטע פון אומאויפהערלעכע פּאָגראָמען, שכיטעס און פאַרגוואַלטיקונגען, האָבן אידישע טעכטער זיך אויסגעלערנט צו באַנוצן אַלע מעגלעכע מיטלען צו ראַטעווען זייערע לעבנס און זייער אומשולד:

— אַ אידיש מיידל, — האָט ער שאַרף אונטערגעשטראָכן, — האָט ניט קיין קויכעס זיך צו ווערן קעגן ברוטאַלער מאַכט, קעגן צעיושעטער רעציכע, — מוז זי דערפאַר באַנוצן דעם איינציקן מיטל, וואָס פרויען פאַרמאָגן: — וויינען, שרייען, בעטן ראַכמים און... זי וועט בעסער שטאַרבן, איידער לאָזן באַשמוצן איר קערפּער... אַ אידיש מיידל גיט ניט אָפּ איר מיידלשאַפט אַפילע אין אָנזיכט פון טויט...

שימשל האָט פאַרשטאַנען. ביי זיך אין געדאַנק האָט ער אָט־דאָס מיידל — סאָניע, ווי זי האָט געהייסן — געפּרואווט פאַרגלייכן צו יענער, צו מוסיען, וועלכע פלעגט קומען צו אים אַ צוויי־דריי מאָל אַ וואָך צו פאַרברענגען מיט אים ביז האַלבער נאַכט, ניט־טראַכטנדיק אַפילע וועגן איר מיידלשאַפט. אָט, נעכטן, ווען ער האָט זי פאַרטריבן פון זיך, — איז ער איצט געווען זיכער, — האָט זי עס זיך צו שטאַרק צום האַרצן ניט גענומען; אַז זי וועט זיך אינגיכן געפינען אַ צווייטן, אויב זי האָט אים נאָך ניט געהאַט צוגעגרייט פון פריער...

ער האָט מיטאַמאָל דערפילט עפּעס אַזאַ אָנגענעמע וואַרעמקייט אין גאַנצן גוף זיינעם, — אַזאַ געפיל צו סאָניען, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געפילט צו קיין אַנדער מיידל. עפּעס איז עס געווען אַ געמיש פון פאַרהערלעכונג און אָפּשיי, פון קרויוועשאַפט און דערעך־ערעץ צו איר. ער האָט געקראָגן אַ באַגער צוצוגיין צו איר, ברידערלעך זי אַ צערטל טאָן און זי באַרויִקן וועגן דער נעכטיקער דערפאַרונג. ער האָט איר געוואָלט דערציילן, אַז דער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט זי נעכטן אַזוי באַליידיקט, בעאייס זי האָט געבעטן הילף ביי אים, איז שוין איצט אַ פּייגער... ער האָט אָבער ניט געפונען גענוג מוט אין זיך דאָס צו טאָן. אַ כוץ דעם, האָט ער פּאָשעט מוירע געהאַט צו געבן דערמיט אַן אָנצוהערעניש, אַז ער האָט טאַקע געהאַט צו טאָן מיט דעם. אָבער אָט, שפּעטער, ווען

ער האָט זיך שוין געהאַט אויפגעשטעלט פון טיש און געווען גרייט אַוועקצוגיין, איז סאָניע פלוצים צוגעטראָטן נאָענט צו אים, האָט אים לאַשטשענדיק אַ נעם־דורך געטאָן מיט אירע שוואַרץ־גליענדיקע אויגן, און שטיל געזאָגט:

— איר זענט אַ העלד, אַן עמעס־אידישער העלד, סאַמסאָן! איר זענט אַן עמעסער שימשון האַגיבער, און איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער טאַט!... יאָ, דאָס אידישע פאָלק וועט אייער נאָמען פאַרשרייבן מיט גאָלדענע אויסיעס אין דעם בוך פון זיין נאַציאָנאַלער מאַרטיראָלאָגיע!...

שימשל האָט געהערט און ניט פאַרשטאַנען וואָס זי רעדט און וואָס זי מיינט. באַגריפן האָט ער בלויז איין זאַך:

„הייסט עס, אַז זי ווייסט אַלץ!״ — איז פון שרעק אַזש אַ ציטער דורכגע־לאָפן דורך זיין קערפּער. — „דאָס מיינט, אַז זי האָט אַלץ געזען...״

מיט געבעט אין די אויגן האָט ער געקוקט אַף איר, און זי — פונקט ווי זי וואָלט געכאַפּט וואָס ער האָט אינזינען — האָט שטיל צוגעגעבן:

— זייט רואיק. דאָס וועט בלייבן מיין סאָד, אונדזער ביידנס סאָד!...

שימשל האָט דערפילט אַ שטאַרקע פרייד, נאָר ווי אַרומצוכאַפּן סאָניען און איר אַ קוש טאָן פאַר די פאַר באַרואיקנדיקע ווערטער. ער האָט זיך אָבער גלייך באַהערשט און, אָנשטאָט דעם, מיט אומגעוויינטלעכער שעמעוודיקייט איר געזאָגט, אַז ער וואָלט געווען זייער גליקלעך, ווען זי וואָלט אים דערלויבט צו קומען זי זען און אַמאָל זי נעמען אַף אַ שפּאַציר, אָדער עפּשער גאָר גיין פאַרברענגען צוזאַמען... זי, אָבער, סאָניע, האָט זיך איידל אַרויסגעדרייט און אים געזאָגט, אַז זי באַדויערט וואָס זי קאָן עס אים ניט באַווילליקן, ווייל זי איז פאַרנומען אין די אָוונטן מיט לערנען זיך; אַז זי שטודירט אַף אַגראָנאָם, מאַכמעס זי קלייבט זיך בעקאָרעוו אַוועקצופאָרן קיין פּאַלעסטינע:

— איך האָב מיין לעבן געווידמעט מיין פאָלק, מיין לאַנד! — האָט זי מיט פייערלעכן שטאָלץ אים געזאָגט. — און איך קלייב זיך פאָרן אַהין, וואו עס וועלן קיין פּאָגראָמען ניט זיין, וואו דער נאָמען „איד״ וועט ניט זיין קיין שאַנד און דער „איד־מענטש״ וועט ניט זיין העפקער...

און באַלד גאַנץ פּאָשעט צוגעגעבן:

— אָט, אַז איר וועט אַמאָל קומען קיין ערעץ־איסראָעל, וועלן מיר דאָרט אַ שמועס טאָן וועגן דעם און... עפּשער דאַן...

און מאָדנע: כאָטש אָט־דאָס שוואַרץ־כיינעוודיקע מיידל האָט אים גאַנץ קלאָר געזאָגט איר „ניין״, — האָט עס אים ערשט געצויגן צו איר. עפּעס האָט ער זיך דערפילט אַזוי קליין און נישטיק, אַזוי פאַרלוירן קעגן איר, אַז ער האָט אַזש ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס אַ מיידל זאָל אים האָבן צוריקגעוויזן. און כאָטש אין אַזעלכע פאַלן האָט ער געהאַט זיינע אייגענע וועגן און מיטלען ווי אַזוי איבערצוגעווינען אַ

מיידל, — האָט ער, אָבער, אין דעם פאַל, פּאָשעט אַרונטערגעלאָזט די אויגן און גענומען זיך געזעגענען מיט דער פאַמיליע.

דער באַלעבאָס פון הויז, — סאָניעס פאָטער, — האָט שימשלען געראָטן אַראָפּ־צוגיין אין זיין מוטערס צימער און דאָרט זיך זעצן שיווע. אָבער ער, שימשל, — סיי דערפאַר, וואָס דער איניען שיווע איז אים אינגאַנצן פרעמד געווען, און סיי דערפאַר, וואָס ער האָט פּאָשעט מוירע געהאַט פאַר זיך אַליין צו בלייבן דאָ, אַזוי נאָענט צו סאָניען, — האָט זיך גענומען פאַרענטפערן און אָפּגעפּאַטערט מיט אַ טערעץ, אַז עס וועט אים זיין באַקוועמער צו זיצן שיווע ביי זיך אין זיין אייגענער וואוינונג, וואו ער האָט אַלץ צו דער האַנט וואָס ער דאַרף. ער האָט נאָכאַמאָל צוגעוואָרפן אַ שטילן „גוטע נאַכט" צו אַלעמען, זיך היטנדיק דערביי ניט אָנצו־געגענען זיינע בליקן מיט סאָניעס, און איז — אַ פאַרדראָסיקער און צעווייטיק־טער — אַוועק אַהיים צו זיך, אין זיין איינזאַמען צימערל...

אַ גאַנצע נאַכט איז ער, שימשל, געלעגן אפן שמאָלן אייזערנעם בעטל און אַלץ געטראַכט וועגן סאָניען, וועגן איר שטאָלצן אָפּזאָג. דערצו האָט אים נאָך געפּייניקט דער אומגעדולד, צו זען זיך וואָס גיכער מיט יעגאָרן, זיין פריינט, קעדיי זיך דורכצורעדן מיט אים וועגן די אַלע געשעענישן...

* * * * *

קאַפּיטל פיר

אין האַפן איז ווידער אָנגעגאַנגען דער געוויינטלעכער טומל ווי אַלעמאָל. הויביצעס האָבן געהודזשעט, אַנקער־קייטן האָבן געקלונגען. שיף־קוימענס האָבן טיף־ברומענדיק געפּייפט, אָנזאָגנדיק וועגן זייער אָנקומען און אַרויספאָרן. די טרעגער־אַרבעטער האָבן פון די שיף־אינגעווייִדן אויסגעלאָדן די מאַסעס: — קאַסטנס, זעק און פּעק מיט פאַרשידנאַרטיקסטע סכוירעס; קאַסטנס מיט פּרוכטן און שפּייַז פון די דאָרעמדיקע געגנטן, און מאַשינעריע, אָדער מאַנו־פאַקטור־סכוירעס פון די צאָפנדיקע, צי גאָר פון אויסלאַנד. אַנדערע שיפן האָבן אויפגענומען טוואָועס, קערנער און זעק מעל, וואָס איז געווען דער הויפּט־עקס־פּאָרט פון אָדעסער האַפן...

אַלץ האָט אויסגעזען רואיק ווי געוויינטלעך, אַ כוץ די אידישע סאָכרים, מעקלערס און ליפעראַנטן. זיי, וואָס פלעגן טאָמיד אַרומלויפן איבערן האַפן פאַר־שמאַיעטע, מיט אויפגעקנעפּלטע צעפלאָסענע רעקלעך, מיט די קאַפּעליושן פאַר־רוקט צום קאַרק־צו און מיט שטעקלעך אין די הענט, — האָבן זיך איצט עפּעס ווי געשאַרט ביי די ווענט פון די שפּייכלערס, נאָר ווי אָנגעשראָקענע. זיי, — וואָס פלעגן געוויינטלעך, ביים אָנגעגענען זיך מיט אַ צווייטן, זיך אָפּשטעלן אין מיטן געלויף, אַ רעד־טאָן צווישן זיך אַף אַ קאָל, וואַרפנדיק דערביי מיט די הענט, אַקוראַט ווי עס וואָלט זיי דאָ עפּעס אין לעבן געגאַנגען; אָדער גאָר אָנגע־נומען איינער דעם צווייטנס האַנט, צוגעפּאַטשט, און זיך ווידער פאַנאַנדערגע־גאַנגען, — האָבן דאָסמאָל צווישן זיך גערעדט שטיל, עפּעס נאָר אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געסוידעט. זיי האָבן גערעדט מער אָפן וואונק ווי מיט זייערע שטימעס, און אין זייערע אויגן — אַן אָנזעבאַרער טרויער...

שימשלען האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן די פאַרגרעסערטע צאָל פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין האַפן מיקלוימערשט גאַנץ אומ־שולדיק אַהין און צוריק, ווי צו באַוואַכן די בערג מיט סכוירעס, וואָס זענען געלעגן אין די שפּייכלערס, אָדער אַזוי אין דער אָפן, נאָר צוגעדעקטע מיט שווערע ברעזענטן. ער האָט אויך באַמערקט, שימשל, אַז דאָ און דאָרט, ווען צוויי אָדער מער טרעגערס האָבן זיך נאָר אָפּגעשטעלט אַ רעד־צו־טאָן צווישן זיך, האָט זיך גלייך לעבן זיי אַ שטעל־צו געטאָן אַ פּאָליציאַנט, ווי אַ שפּיר־הונט אַ רוק־אַריין געטאָן די נאָז און די אויפגעשטעלטע אויערן, אין אַ פאַרזוך אויפצוכאַפּן וועגן וואָס זיי רעדן. אים איז קלאָר געווען, אַז ניט אַף צום היטן די סכוירעס זענען

זיי דאַסמאָל געקומען אפן האָפן, נאָר אַז זיי האָבן, מאַשמאָעס, געזוכט עמעצן, וועמען זיי האָבן געהאָפט דאָ צו געפינען...

זיי האָבן זיך אָבער, אַפּאָנים, אָפּגענאַרט אין כעשבן. צווישן די האָפן־אַרבעטער איז זיי גאָרנישט געלונגען אויסצוגעפינען. די יאָטן האָבן געוואוסט ווי צו שווייגן און זיך קלאָר ניט געשראָקן פאַר זיי. פאַרקערט: אָפּטמאָל, בעאייס אַ פּאָליציאַנט האָט געפּרואווט אַריינרוקן זיין שניוק אין זייערס אַ רעדל אַריין, — האָבן זיי גענומען שטעכעלירנדיק צוואָרפן:

— העי, פּעל, האָסט דאָ עפּעס פאַרלוירן, צי וואָס?...

— ווּעסט דאָ דעם נעכטיקן טאָג שוין היינט ניט געפינען, ברודערל!...

דער פּאָליציאַנט האָט דערויף געווייניטלעך בייז אויסגעשפּיגן, אַ זידל געטאָן און זיך אָפּגעקערט, קעדיי אין אַ וויל שפּעטער, ביי אַ צווייטער געלעגנהייט, ווידעראַמאָל צו מאַכן אַ פאַרזוך עפּעס אָנצושמעקן...

שימשל, אין זיין פאַרביטערונג, האָט עפּעס אַזוי ווי אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער מוירע. ער איז געווען זיכער ביי זיך, אַז דעמאָלט האָט אים דאָרט קיינער, אַ כּוץ סאָניען, ניט געזען, און זי וועט אים זיכער ניט פאַרשיטן. נו, און די צוויי פּאָליציאַנטן, ווידער, זיי אַליין וועלן שוין קיין איידעס קעגן אים קיינמאָל ניט קאָנען זיין. ער איז דעריבער, גלייך ווי גאָרניט, אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט, ניט געבנדיק דעם מינדסטן אָנדייט, וואָס ביי אים אין דעם האַרצן קומט איצט פאָר...

דער ווייטיק איבער דער מוטערס טויט האָט אים נאָך אַלץ געהאַלטן אין קלעם. דער פאַרדראָס איבער סאָניעס אָפּזאָג — האָט אים נאָך אַלץ צעווייטיקט. ער האָט זיך פּאַשעט קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען...

מיט גרויס אומגעדולד האָט ער זיך קוים דערוואַרט אפן אָוונט, צו דער צייט פון אַהיימגיין פון דער אַרבעט. ער האָט קעסיידער אויסמאַרקירט זיך צו האַלטן נאָענט לעבן יעגאָרן, קעדיי אים ניט צו פאַרלירן פונעם אויג אין דעם איילנדיקן געיעג ביים אַהיימגיין. ער איז אים נאָכגעגאַנגען אין שפּייכלער אַריין, וואו עס האָט זיך געפונען דער וואַסער־קראַן, האָט זיך דאָרט — צוזאַמען מיט יעגאָרן — אַרומגעוואַשן, אַזוי ווי יענער זיך אויך איבערגעטאָן אין אַ קלאָרן קאָלירטן העמדל, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָסל, מעכאַבעד געווען יעגאָרן מיט איי־נעם און — צוזאַמען מיט אים, שווייגנדיק — זיך פאַרנומען פונעם האָפן אף דער גאַס אַרויס...

אפן וועג, שוין אינדרויסן אף דער גאַס, האָט שימשל זיך אַ בייג־צו געטאָן צו יעגאָרן און — קווענקלענדיק זיך — אים שטיל אַ זאָג געטאָן:

— יעגאָר, ברודער, איך... דאָס הייסט... פאַראַן עפּעס, נו... איך וואָלט זיך וועלן דורכרעדן מיט דיר וועגן אַן איניען... זייער נייטיק... איז וואָס זאָגסטו, יעגאָר, האָ?...

יעגאַר האָט אים, אַ שמייכלענדיקער, אָנגעקוקט:

— וואָס זשע, — האָט ער שפּאַסיק געזאָגט. — אויב דו דאַרפסט מיר עפּעס זאָגן — טאָ דערלאַנג אַהער, ברודער סאַמסאָן. איך בין דאָך ניט קיין גובער־נאַטאָר, אָדער פּאָליציימייסטער, וואָס מען דאַרף פריער דערלאַנגען אַ פּראָשעניע...

שימשל האָט זיך פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט, אַ שלונג געטאָן און געבעטן:

— נישט דאָ, יעגאָר. פאַרשטייסט... איך... אונטער פיר אויגן... עס איז אַ... גאָר וויכטיקער איניען און... מען זאָל זיך נאָר אַמאָל ניט אונטערהערן...

— גוט! — האָט יעגאָר גוטמוטיק געשמייכלט. — טאָ לאָמיר פריער צוגיין עפּעס אָפּעסן. ווייסט דאָך ווי מען זאָגט: „אַ טאַנץ גייט ניט פאַרן עסן!...”

זיי האָבן זיך פאַרנומען צום טראַקטיר „גרויסער בער” — דער טיי־רעס־טאָראַן, וואו די טרעגער און סטאָם אַרבעטער פון און אַרום דעם האַפן פלעגן געוויינטלעך גיין עסן, אָדער — ווען זיי האָבן קיין אַרבעט ניט געהאַט — אַזוי אָפּזיצן גאַנצע טעגביים הייסן טיי, וואָס האָט געקאָסט צען קאָפּיקעס...

פאַר צען קאָפּיקעס האָט מען אין „גרויסן בער” — ווי אין אַלע אַנדערע ענלעכע טיי־רעסטאָראַנען — געגעבן אַ טעצעלע מיט אַ צענדליק אָנגעהאַקטע פּיצ־לעך צוקער, אַ צווויי פּענעצלעך לימענע, אַ קליין טשאַיניקל מיט טיי־עסענץ, און אַ גרויסן געבלימלטן ערדענעם טשאַיניק פאַר אָקריפּ, וואָס דער גאַסט אַליין האָט געקאָנט אָנגיסן פון קעסל אָן שום רעכענונג און אָן אַ צאָל אַפילו גאַנצע פיר־און־צוואַנציק שאָ. נאָך מער: אייגענע, שטענדיקע קונדן פון רעסטאָראַן, האָבן געוויינטלעך געהאַט זייערע „אייגענע” טישלעך, און פאַר פינף קאָפּיקעס „נאַ־טשאַי”, וואָס זיי פלעגן געבן דעם קעלנער, האָבן זיי געקאָנט אַריינקומען אין דער פרי, באַשטעלן די פאַרציע טיי, אָפּעסן דעם פרישטיק, צודעקן מיט אַ ווייסער סערוועטקע די געבליבענע שפּייז, די צוויי טשאַיניקעס און די טעצלעך, און אַוועקגיין צו דער אַרבעט. דערנאָך, מיטיקצייט, זענען זיי ווידער געקומען, האָבן אויפגעדעקט די סערוועטקע, זיך אָנגעגאָסן אַ פרישן טשאַיניק מיט הייסן אָקריפּ, אָפּגעכאַפּט דעם איבערבייס, פאַרטרונקען מיט עטלעכע גלעזער טיי, און דאָס איבעריקע ווידער צוגעדעקט, ביז צום אָוונט, ווען מען איז געקומען פון דער אַרבעט און — מיט דעם זעלביקן טשאַיניק, פאַר די זעלביקע צען קאָפּיקעס — אָפּגעגעסן די וועטשערע און דערנאָך ערשט אָפּגעזעסן ביים זעלביקן טישל שאָען לאַנג, געטרונקען איין גלאָז טיי נאָכן אַנדערן און דערביי זיך צוגע־הערט צו די פּאָפּולערע סענטימענטאַלע לידלעך, וואָס דער ריזיקער אָרגאַן האָט אויסגעשפּילט פאַר די געסט...

יעגאָר — ווי אַ שטענדיקער גאַסט אין „גרויסן בער”, האָט זיך אַ לאָז גע־טאָן צו „זיין” טישל, אויפגעדעקט די ווייסע סערוועטקע און אַרויפגעלייגט אויף אַ טעלער די שפּייז, וואָס ער האָט, אויפן וועג צום רעסטאָראַן, איינגעקויפט פאַר זיך און פאַר שימשלען, — אַ געטריקנטן פיש און אַ פּאָר פונט שוואַרצן, ראַזעווען

ברויט. שימשל האָט פאַר זיך באַשטעלט די געוויינטלעכע פּאָרציע טיי, וואָס דער קעלנער — אַ יונג באָכערל אין אַ ווייס העמדל און אַ ווייס פאַרטעך — האָט צוגעטראָגן אַף אַ טאַץ, און זיי האָבן זיך גענומען צום עסן...

שימשל — כאָטש ער איז געווען שטאַרק הונגעריק — האָט ניט געהאַט קיין איבעריקן אַפּעטיט צום עסן. דאָך, קעדיי מיטצוהאַלטן מיט יעגאָרן, האָט ער מעכאַניש געקייט. דערביי האָט ער זיך קעסיידער אַרומגעקוקט איבערן ריזיקן רעסטאָראַן, איבער די מאַסן קליינע טישלעך, וואו עס זענען געזעסן צו פּאָר־לעך, זעלטן צו פיר, לוין־אַרבעטער און — בלאָנדיק אַף די פּאַרעדיקע טעצ־לעך — געלאָסן געזופּט דעם הייסן טיי. ער איז געווען שטאַרק אומגעדולדיק, האָט געוואָלט אָנהויבן רעדן צו יעגאָרן און אים דערציילן, וואָס עס האָט אים איצט געקוועטשט אפן האַרצן, אָבער דאָס ניט געקאָנט טאָן. אי דער שאַרפער געזשום פון די הונדערטער עסער אין רעסטאָראַן, אי דער קעסיידערדיקער געבראַזג פון דעם געפּעס, וואָס האָט זיך צונויפגעמישט מיט די הויכע, פּאַרטויבנדיקע טע־נער פונעם אָרגל, — האָבן עס געמאַכט קימאַט פאַר אומעגלעך, סיידן ער זאָל דעם גאַנצן געזשום אַריבערשרייען...

ענדלעך זענען זיי בײדע, יעגאָר און שימשל, פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן. זיי זענען אַרויס פונעם רעסטאָראַן און זיך פאַרנומען צו אַ דערבייאיקן פּאַרק־סקווער, וואו עס האָבן זיך געפונען עטלעכע דאַרע, נאָך נאַקעטע ביימער, און עטלעכע אַרומגעצאַמטע פלעצער מיט פליכעוואַטן גראָז. זיי האָבן זיך פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט, זיך צוגעזעצט אַף אַ זייטיקער באַנק, און שימשל האָט גענומען געלאַסן דערציילן יעגאָרן וועגן אַלץ וואָס איז פאַרגעקומען מיט אים פון פּאָגראָם־טאָג אָן. יעגאָר האָט אים געהערט מיט אויפמערקזאַמקייט און אים אַפילע ניט איבערגעשלאָגן מיט קיין פראַגע. ער האָט אויך ניט געמאַכט דעם מינדסטן צייכן פון איבעראַשונג, אָדער פאַרוואונדערונג אפן פּנים, בעאייס שימשל האָט פלוצלונג אים אַ זאָג געטאָן, אַז ער וואָלט איצט וועלן זיך אָנשליסן אין יענער גרופּע, וועגן וועלכער ער האָט אים שוין עטלעכע מאָל דערציילט און אים גערופן זיך אָנצושליסן. ערשט ווען שימשל האָט געהאַט געענדיקט, האָט יעגאָר — גאַנץ קאַלט, אָבער מיט אַ לייכטער איראָניע — שטיל אַ מורמל געטאָן:

— אַזוי... הייסט עס, אַז ביסט פּאָרט צום סייכל געקומען, האַ?... נו, זע, האָסטו געדאַרפט וואַרטן ביז וועסט אַליין ווערן אַ קאָרבן פון די אומשטענדן?...

ער האָט דורכגענומען שימשלען מיט זיין שאַרפן בליק און צוגעגעבן:

— פאַרשטייט זיך, אַז עס איז נאַריש צו טראַכטן וועגן נעמען און שוין, אַף דער מינוט, אָפּצאָלן זיי פאַר זייערע פאַרברעכנס. זיי זענען צו פיל און צו שטאַרק, אַז מען זאָל זיי קאָנען איינס און צוויי אָנלערנען. יעדנפאַלס, איז דאָס ניט דער וועג און קיינער איז ניט בעקויעך דאָס פערזענלעך צו טאָן. און אָפּ־צוצאָלן איז דאַווקע פאַראַן פאַר זייער פיל זאַכן, פאַר אָן אַ שיר קריוודעס, אָן

אַ שיר אונטערדריקונגען און פּייניקונגען... יאָ, אָפּצאָלן פאַר דעם אַלעם וועט מען דאַרפן און מוזן, אָבער ניט אַף אַזאַ וועג ווי דו האָסט עס געטאָן, אָדער געטראַכט, אַז עס קאָן געטאָן ווערן... פאַרשטייסט, סאַמסאָן ברודער, די אַרבעט איז אַ שווערע, אַ ריזיקע און ריזיקאַלישע. די בורזשואַזיע און זייערע מעשאַר־סים, — די פּאָליציי, זשאַנדאַרן, סאָלדאַטן, — די גאַנצע רעגירונג — שטייט זיי צו דינסט, גרייט צו דערשטיקן, דערמאָרדן, פאַרשיקן און אומברענגען יעדן איינעם, וואָס וואַגט נאָר צו פּראָטעסטירן אַפילע... די ברייטע מאַסן, זיי זענען אָדער אָנגעשראָקן, אָדער זיי באַגרייפן ניט זייערע אייגענע קויכעס... עס וועט דאַרפן נעמען לאַנגע יאָרן אויפצוקלערן און אָרגאַניזירן די מאַסן, דאָס פאָלק... עס איז, ווי געזאָגט, אַ ריזיקאַלישע און שווערע אַרבעט...

יעגאָר איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך פאַרטראַכט וועגן עפּעס, זייטיק אַ קוק געטאָן אַף שימשלען און געזאָגט:

— יאָ, ברודער סאַמסאָן, די בורזשואַזיע, דער צאַריזם, פילט דעם אומ־פאַרמיידלעכן אונטערגאַנג און איז דעריבער ווילד, שטאַרק ווילד, און גרייט זיך אָפּצורעכענען מיט יעדן איינעם, וואָס וואַגט אַ וואָרט אויסצורעדן, שוין אָפּגע־רעדט פון שטעלן זיך אין קאַמף צו העלפן דערנעענטערן דעם סאַף...

ער האָט ווידער שאַרף דורכגענומען שימשלען און, נאָך אַ וויילע טראַכטן, גאַנץ שטיל צוגעגעבן:

— נו, אויב דו ביסט גרייט פאַר דער ריזיקע, אויב ביסט גרייט פאַר די ליידן; אויב דו האָסט דעם געדולד זיך צו אָרגאַניזירן און דעם ווילן זיך צו לערנען, וועל איך דיר לאָזן וויסן ווען עס וועט פאַרקומען אַ פאַרזאַמלונג, און דו וועסט קאָנען צוקומען. דערווייל, אָבער, וועסטו זיך דאַרפן לערנען אַביסל לייענען און שרייבן, וואָרים...

שימשל האָט ניט פאַרשטאַנען: „וואָס האָט דאָס לערנען זיך לייענען און שרייבן צו טאָן מיט דעם?" — האָט ער געטראַכט ביי זיך. ער האָט אָבער געוואוסט איין זאַך: אַז אויב יעגאָר זאָגט עס, ווייסט ער וואָס ער רעדט. ער האָט מאַמעש אויפגעלויכטן, בעאייס יעגאָר האָט אים דערנאָך געזאָגט, אַז דערווייל, ביז וואָס־וועט ער אַליין, יעגאָר, אים יעדן אָוונט לערנען לייענען, ביז ער וועט פאַר אים קריגן אַ כאַווער, אָדער אַ כאַווערטע, וואָס וועט עס איבערנעמען...

שימשל האָט צוגעשטימט. ער איז איצט גרייט געווען אַף אַלעם. ער איז גרייט געווען צו וואַרטן ווי לאַנג עס וועט נאָר נייטיק זיין, וואַרטן אַפילע צען יאָר, זיין גאַנץ לעבן, אַבי נאָר צו קאָנען אָפּצאָלן פאַר דער מוטערס ברוטאַלן טויט. ער האָט דעריבער, ווי אַ צייכן פון צושטימונג, דערלאַנגט יעגאָרן זיין האַנט און זיך אויפגעהויבן פונעם פּלאַץ — גרייט צו גיין מיט אים וואוהין ער וועט אים פירן...

זיי זענען אַרויס אַף דער ברייטער גאַס און געלאָסן שפּאַצירט. מיטאַמאָל

האָט יעגאָר זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַן אַפּטייק, אַ ווייז געטאָן שימשלען אויף דער גרויסער שילד, וואָס איז געהאנגען איבער איר און — קעדיי צו ווייזן אים, אַז עס איז גאָר ניט אַזוי שווער צו לערנען זיך לייענען — אויב מען וויל נאָר — אים גענומען לערנען ווי אַזוי צו דערקענען די בוכשטאַבן און ווי צו לייענען זילבעסווייז:

— אַ־פּע — אַפּ; טע־ע — טע; אַפּ־טע; קאַ־אַ — קאַ; אַפּ־טע־קאַ...

שימשל איז מאַמעש געווען באַגייסטערט פון דער נייער אַנטפּלעקונג...

עטלעכע טעג שפּעטער, באַלד נאָך דער אַרבעט, האָט יעגאָר אַ וואונק געטאָן צו שימשלען, וואָס האָט געהייסן, אַז ער וויל זיך זען מיט אים און אים עפּעס זאָגן. שימשל האָט אים שוין ניט אָפּגעלאָזט פונעם אויג. ער האָט זיך געהאַלטן נאָענט צו אים, ביז ער איז צוזאַמען מיט אים אַרויס אויף דער גאַס. דאָרט האָט יעגאָר אים געלאָזט וויסן, אַז היינט אין אָוונט קומט פאָר די פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ער האָט אַזוי אומגעדולדיק געוואַרט.

שימשל — אין זיין גיריקייט צו גיין — איז שוין ניט אָפּגעטראָטן פון יעגאָרן. יעגאָר האָט אים אָבער גלייך דערקלערט, אַז — ערשטנס — עס איז איצט נאָך צו פרי צו גיין אַהין, און — צווייטנס — אַז ער וועט ניט קאָנען גיין מיט אים צוזאַמען, מאַכמעס דעם געפאַר פון ווערן נאָכשפּיאָנירט. ער האָט אים דעריבער אָנגעגעבן דעם אַדרעס פונעם געהעריקן פּלאַץ, אים געהייסן גיין אַהין דורך זייטיקע גאַסן און... אים איינגערוימט אין אויער דאָס פּאַסיר־וואָרט — דעם געהיימען „פּאַראָל“, וואָס ער וועט דאַרפן אָנגעבן לעבן יענעם פּלאַץ, צו די געוויסע מענטשן, וועלכע וועלן אים שוין דירעקטירן צו דער קוואַרטיר פון דער געהיימער פאַרזאַמלונג...

אַן אומהיימלעכער איז שימשל געבליבן אַליין און געלאָסן גענומען זיך אַרומדרייען איבער די דערבייאיקע גאַסן. ער האָט זיך אָפּט אָפּגעשטעלט לעבן די דאָרטיקע קראָמען און — ווי יעגאָר האָט אים אין די עטלעכע אָוונטן געלערנט — גענומען זילבעסווייז צונויפשטעלן די ווערטער אויף די שילדן איבער זיי.

באַלד האָט ער, אָבער, פאַרלוירן דעם געדולד דערצו און זיך געלאָזט האַסטיקער גיין אָן אַ ציל. דער אומגעדולד — צוזאַמען מיט דער דריקנדיקער מוירע פאַר דעם פאַרשטייענדיקן און אומבאַוואוסטן — האָט אים אָנגעפילט מיט עפּעס אַזאַ מאָדנע שווער געפיל, וואָס ער אַליין האָט ניט געקאָנט באַשטימען, צי דאָס איז טאַקע שרעק, אָדער גאָר אומאָנטשלאָסנקייט. איין מאָמענט האָט ער אַפילע אַ טראַכט געטאָן, אַז אויב מען קאָן טאַקע ניט — ווי יעגאָר זאָגט — גלייך נעמען די געהעריקע נעקאָמע, לוינט זיך עפּשער ניט דער גאַנצער אייסעק, און עס וואָלט פאַר אים בעסער געווען, אַז ער זאָל גאָר אינגאַנצן אַהיימגיין. ער האָט אָבער גלייך פאַרטריבן אָט־דעם געדאַנק פון זיך, — דער איקער דערפאַר, וואָס ער האָט בעשום־אויפן ניט געוואָלט אַנטוישן יעגאָרן. געוואוסט האָט ער, אַז

אויב ער זאָל דאָס טאָן, וואָלט ער שוין אָף אייביק געווען פּאַרלוירן יעגאָרס צוטרוי און פריינטשאַפט. אין וועלכע ער נויטיקט זיך איצט מער ווי ווען עס איז פריער. ער האָט זיך איצט געפילט עפּעס נאָר ווי אַ קליין קינד, וואָס דאַרף האָבן עמעצן, אַן עלטערן, וואָס זאָל אים דעם וועג ווייזן, וואָס זאָל אים קימאַט ביי דער האַנט פירן...

מיט אָט־די געדאַנקען איז שימשל אַריין אין טראַקטיר „גרויסער בער", באַשטעלט אַ פּאָרציע טיי און געזופט איין גלאָז נאָכן צווייטן. דערביי האָט ער אַלץ געהאַלטן אין איין קוקן אפן גרויסן, רונדן וואַנט־זייגער, וואָס איז געווען אַריינגעפּאַסט אין דעם רעקאָקאָ־געשניצעכץ פונעם אָרגל, און די פויל־קריכנ־דיקע ווייזערס האָבן אים — אין זיין אומגעדולד — אויסגעזען פונקט ווי זיי וואָלטן זיך אינגאַנצן פון אָרט ניט גערירט...

* * * * *

קאַפּיטל פינף

אַז עס איז געקומען נאָענט צו דער באַשטימטער שאָ, האָט שימשל זיך פאַרנומען אפן וועג צו דער פאַרזאַמלונג. ער האָט זיך געדרייט דורך די גאַסן און געסלעך, אַזוי ווי יעגאָר האָט אים אָנגעזאָגט, און איז ענדלעך אָנגעקומען אין יענעם געסל, דאָרט וואו יעגאָר האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט זיך באַגעגענען מיט עמעצן, וועמען ער וועט דאַרפן אָנגעבן דעם פּאַראָל. שימשל האָט זיך אַרומגעקוקט, אָבער ניט געזען קיינעם, וואָס זאָל — לויט זיין באַגריף — אויסזען ווי איינער פון יעגאָרס מענטשן. בלויז אַן איינזאַמער אַלטער שיכּער, וואָס האָט זיך געוואַקלט אף זיינע שליאַבעדיקע, געבויגענע פיס, אָט נאָר ווי זיך אַרונטערצוזעצן, האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט אַ גאַסן־לאָמפּ און ווי געריעדט צו דעם. ווען שימשל האָט זיך דערנעענטערט צו אים, האָט יענער זיך ווי אַ ריס־אָפּ געטאָן פונעם לאָמפּ־סלופּ און זיך אַ לאָז געטאָן אין פאָרנט פון שימשלען, ווי אים צו פאַרהאַלטן. שימשל האָט אַפילע פּראָבירט אים אויסמיידן, אָבער יענער האָט זיך אַלץ געדרוקט רעכטס און לינקס, אַנטקעגן אים, און האָט מיט זיין שיכּער פאַרגאָסענער שטימע אַ מורמל געטאָן אים גלייך אין פּאָנים אַריין:

— ווען עפּשער, פּעטערל, טראַקטירן אַ דאַרשטיקן מענטשן מיט אַ קליין שנעפּסעלע, האַ?...

שימשל האָט זיך אַ צי־צוריק געטאָן מיטן קאָפּ און געוואָלט אָפּטרעטן. ער האָט זיך אָבער גלייך געכאַפּט, אַז דאָס קאָן עפּשער זיין דער, וואָס דאַרף אים — לויט ווי יעגאָר האָט אים געזאָגט — דירעקטירן צום געהעריקן פּלאַץ. ערשט איצט האָט ער באַגריפן ווי קלוג דאָס פּאַסיר־וואָרט איז צוגעטראַכט און ווי גוט עס פּאַסט זיך פאַר אַן ענטפער אפן אַלטנס ווענדונג. ער האָט פונדעסטוועגן זיך נאָך פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט און ערשט דאַן שטיל אַ מורמל געטאָן:

— איך אַליין, פּעטערל, בין אויך זייער דאַרשטיק...

און וואונדער! דער אַלטער — שוין אַ גאַנץ־אויסגעניכטערטער, כאָטש ער האָט זיך נאָך אַלץ געוואַקלט אף די פיס — האָט אַ הייב־אויף געטאָן די אויגן, מיט זיין בליק טיף דורכגעדרונגען שימשלס אויגן, און שטיל געהייסן אים אַריינגיין אין אַ דערבייאיקן הויף, וואו „עמעצער" וועט אים פרעגן דעם נייעם „פּאַראָל" און אים שוין אַריינפירן אין דער קוואַרטיר פון דער פאַרזאַמלונג...

שימשל האָט אַ שמייכל געטאָן און איז אַריין אין אַ גאַנץ־פינצטערן הויף. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן ווי אַפּהענטיק און גענומען פאַרלוירן קוקן אַרום זיך,

זוכנדיק דעם „עמעצן“, אָבער קיינעם ניט געזען. ערשט אין דער טיר פון אַ טונקעלן קאָרידאָר, לעבן די טרעפּ, האָט ער — אין שוואַכן אָפּשיין פון אַ קעראָסין־לעמפּל — דערזען אַ מיידל מיט אַ טיכל אפן קאָפּ און מיט אַ גרויסן טוך איבער די אַקסלען, וועלכע האָט — מיט אַ קאָקעטיש־אַרויסרופערישן שמייכל — זיך אַ ווענד געטאָן צו אים:

— איר זוכט דאָ „עמעצן“, באָכערל? עפּשער קאָן איך אייך העלפן?...

שימשל האָט זיך אַ קווענקל געטאָן. אין אָנבליק פון אָט־דעם יונגן מיידל האָט ער ווי פאַרגעסן אין דעם אַלטנס אָנזאָג, אַז „עמעצער“ וועט אים באַגעגענען, און האָט גאָר אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס מוז אַוואַדע זיין אַ „נאַכט־פייגעלע“, וואָס רופט אים צו גיין מיט איר. עס האָט אים שוין אַפילע אַ צי געטאָן אַרויסצוזאָגן אַ גראָבן וויץ און דערביי — ווי ער פלעגט עס געוויינטלעך טאָן מיט יעדן גאַסן־מיידל — איר אַ קניפּ טאָן אין ווייכן פליישׁ... צום גליק האָט ער זיך גלייך געכאַפּט און — אַ געקווועלטער — שעמעוודיק אַ מורמל געטאָן דעם צווייטן פּאַראָל, וואָס דער אַלטער מאַן, אף דער גאַס, האָט אים נאָר־וואָס איבערגעגעבן:

— יאָ, שוועסטערל, איר זענט דער „עמעצער“, וואָס קאָן מיר העלפן!...

דאָס מיידל האָט דאַן אים אַ וואונק געטאָן ער זאָל איר נאָכגיין, האָט אים אַרויפגעפירט דריי שטאָק שטיגן און אַריינגעפירט אין געהעריקן פּלאַץ אַריין...

שימשל איז אַריינגעקומען אין אַ ניט־צו־גרויסן בוידים־שטיבל. דאָרט, אין דער באַלייכטונג פון אַ קעראָסין־לאָמפּ, האָט ער דערזען אַרום העכער פון אַ צענדליק יונגע און מיטל־יאָריקע מענטשן — מענער און פרויען. עטלעכע זענען געזעסן אף טאַבורעטקעס אַרום אַ טיש אין מיטן שטוב, בעאייס אַנדערע זענען געזעסן — ווער אף די צוויי אייזערנע בעטלעך ביי איינער פון די ווענט, ווער אף אַ קופערט, און ווער סטאַם אפן דיל, — מיט די פיס פאַרלייגט אונטער זיך, אפן טערקישן שטייגער. באַ זיין אַריינקומען אַהינצו, איז דאָרט גאַנץ שטיל געוואָרן. אַפּאָנים, אַז די פאַרזאַמלונג האָט זיך נאָך ניט געהאַט אָנגעהויבן, אָדער איז איבערגעהאַקט געוואָרן צוליב זיין אַריינקומען. שימשל האָט זיך דערפילט ווי פאַרלוירן און אינסטינקטיוו געגומען זיך אַרומקוקן, אַקוראַט ווי ער וואָלט געזוכט עמעצן, וואָס זאָל אים צו־הילף קומען און אים אָנווייזן אַ פּלאַץ וואו זיך אַוועקצוזעצן. אָבער גלייך איז צו אים צוגעגאַנגען יעגאָר, האָט — אַ שמייכלענדיקער — אים אָנגענומען ביי אַ האַנט, אים צוגעפירט צום טיש און אים פאָרגעשטעלט פאַר די עטלעכע מענטשן, וואָס זענען דאָרט געזעסן:

— דאָס איז מיין פריינט, דער כאַווער סאַמסאָן, וועגן וועלכן איך האָב שוין גערעדט מיט אייך. איך וויל אים איצט פאָרשלאָגן פאַר אַ מיטגליד. ער אַרבעט מיט מיר אין האַפן און איך קאַוויר פאַר אים, אַז ער איז אַ יאַט וועמען מען מעג געטרויען. איך בין זיכער, אַז ער וועט זיין אַ גוטער כאַווער!...

שימשל האָט שעמעוודיק צוגעשמייכלט און געדריקט די הענט באַ די, וואָס

אַרום דעם טיש. דאַן האָט יעגאָר אים אַ וואונק געטאָן, אַנווייזנדיק אים, ער זאָל זיך אַוועקזעצן אפן דיל, צווישן די אַנדערע פון די פאַרזאַמלטע, וואָס ער האָט — גאַנץ אומגעלומפּערט, אָבער מיט גרויס דערלייכטערונג — גלייך געטאָן.

ער איז געזעסן מיט די אויגן זיינע איינגעגראָבן צום דיל, אַקוראַט ווי ער וואָלט מוירע געהאַט זיך אַנצוגעגענען מיט די פרעמדע, אומבאַקאַנטע, און — ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן — פאַרדעכטיקע בליקן פון די אַרומזיצנדיקע. די מאָדנע, שווערע שטילקייט פון די מענטשן אינעם צימער, האָט אים גערייצט און געשראָקן. דאָך האָט ער צו־ביסלעך און מיט זייטיקע בליקן גענומען באַ־טראַכטן די נייע פריינט, און געזען, אַז די מענטשן דאָ זענען פון פאַרשידענעם עלטער און פון פאַרשידענעם שטאַנד. אַ טייל איז געווען אָנגעטאָן אין גאַנץ פּראָסטע, אָרעמע אַרבעטער־קליידער, און אַנדערע — אין פיינע, ריינע אַנצוגן, מיט ווייסע, געפּרעסטע קעלנער און אַפילו מיט קאָלירטע שניפּסן. געזעסן זענען זיי אָבער אַלע צונויפגעמישט, צוזאַמענגערוקט און האָבן — שווייגנדיקע — גע־וואַרט אפן אָנהייב פון די פאַרהאַנדלונגען...

צווישן די מענטשן — און גלייך אַנטקעגן זיך — האָט ער באַמערקט דאָס מיידל, וועלכע האָט אים פריער, אפן הויף, באַגעגנט און אַרויפגעפירט אַהער. ערשט איצט האָט ער געזען, אַז זי איז אַ בלאָנדע, מיט אַ קובליק גאָלדיקע האָר אפן קאָפּ; אַ שלאַנקע, מיט אַ דינעם קערפּער און מיט אַ לענגלעך־קינדיש פּאָנים, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעשמייכלט אַ פּאָר לעבעדיק־גרינע אויגן, וואָס האָבן געשפּראָצט מיט מאָדנע נייגעריקייט; אַ פּאָר שמאָלע, געשנירלטע רויטע ליפּן און, צווישן זיי, צוויי רייען בליאַנקעדיק־ווייסע ציין... ער האָט פּאַשעט געדאַרפט קעמפן מיט זיך ניט צו לאָזן זיינע בליקן אַזוי דירעקט אָנגעצילט אף איר. אָבער וויפל ער האָט זיך ניט געפּלייסט דאָס אויסצומיידן, האָט ער זיך יעדע ווייל געכאַפּט, אַז ער קוקט אף איר און מורמלט צו זיך:

— עך, אַזאַ מיידל איז ווערט ליב צו האָבן...

שימשל האָט אויך באַמערקט, אַז דאָס איינציקע פענצטער אינעם צימער, וואָס איז געווען אַרויסגערוקט פונעם שיפּן סופיט, ווי אַ סאָלדאַטן־בודקע, אפן דאַך אַרויס, איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ טונקעלער קאָלדרע, קעדיי — ווי ער האָט פאַרשטאַנען — מען זאָל פון דרויסן, פון אַן אַנטקעגנדיקן, אַ שכייניש פענצ־טער, ניט קאָנען אַריינקוקן אַהערצו און ניט זען וואָס דאָ קומט פאָר. דאָס האָט אים ווידער געשראָקן און ער האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם. ביז איצט איז אים נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זיין אף קיין געהיימער פאַרזאַמלונג און ער האָט זיך אַפילו ניט פאָרגעשטעלט ווי אַזוי אַזאַ זאַך קוקט אויס...

אין צימער איז נאָך אַלץ זייער שטיל געווען. שימשל האָט אַזש געקאָנט הערן סיי זיין אייגן האַרץ־געקלאַפּ און סיי די אָטעמס פון די אַרומזיצנדיקע. די פאַרזאַמלטע האָבן געשוויגן. אַפילו יענע, וואָס זענען געזעסן אַרום טיש

און האָבן יאָ גערעדט צווישן זיך, האָבן עס געטאָן אַזוי שטיל, אַזוי שעפּטשענ־דיק, אַז עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן ווי בינען וואָלטן איבערן צימער אַרומגעזשו־זשעט. מיטאַמאָל איז די דאָזיקע שטילקייט ווי איבערגעהאַקט געוואָרן פון אַ פּלו־צימדיקן אָנפאַל פון אַ נאָך־טיפערער שטילקייט. שימשל האָט דערפילט, אַז עס גייט זיך שוין אַוואַדע אָנהויבן. ער האָט דאָס דערקענט לויט דעם, ווי אַלע אַרום אים האָבן אויפגעהויבן די קעפּ אין דער ריכטונג פון טיש.

איינער פון יענע, וואָס ביים טיש, האָט זיך דאַן אויפגעשטעלט און גאַנץ שטיל, קימאַט שעפּטשענדיק, דערקלערט די פאַרזאַמלונג פאַר געעפנט. נאָך דעם האָט ער איבערגעגעבן וועגן די צילן פון איצטיקן צוזאַמענקום און וועגן דער וויכטיקייט פון ערשטן מאַי — דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־יאָנטעוו, וואָס דערנעענטערט זיך, און גערופן די פאַרזאַמלטע צו נעמען אָף זיך די אַרבעט פון צעטיילן איבער דער שטאָט און אַרום די פאַבריקן די אויפרוף־פּראָקלאַמאַציעס, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט ספּעציעל צוגעגרייט...

שימשל איז געזעסן מיט אַן אָפן מויל און מיט אָנגעצילטע בליקן צום רעדנער. די ווערטער און טערמינען זענען פאַר אים געווען ניי, און יענע וואָס זענען אים יאָ באַקאַנט געווען, זענען געווען פאַרבונדן מיט פרעמדע פאַר אים באַגריפן. ער האָט זיך אָבער געפלייסט ניט דורכצולאָזן קיין איינציק וואָרט און צו געדענקען די מאָדנע, ביז איצט ניט־געהערטע ווערטער, קעדיי שפּעטער צו פרעגן באַ יעגאָרן זייער באַדייט. סיי־ווי־סיי, דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער האָט געהערט און זיך דערוואוסט דעם עמעסן באַדייט פון ערשטן מאַי, — גאָר פאַרקערט דערפון וואָס ער האָט ביז איצט געגלויבט, אַז דאָס איז אַ טאָג ווען די סאָנים פון רוסלאַנד, די בונטאָווש־טשיקעס און זאַבאַס־טאָווטשיקעס פאַרנעמען זיך אָף אומצוברענגען דאָס לאַנד און צו דערמאָרדן דעם צאַר, די גובערנאַטאָרס, מיניסטאָרן און סטאַם נאַטשאַלסטווע. ערשט דאָ האָט שימשל געהערט, אַז אינעם טאָג פון ערשטן מאַי, וואָס איז אַן אַרבעטער־יאָנטעוו איבער דער גאַנצער וועלט, גייען די אַרבעטער־מאַסן פון אַלע לענדער אַרויס אָף די גאַסן, קעדיי צו דעמאָנסטרירן זייער אייניקייט, און דערביי אַרויסצושטעלן פאָדערונגען פאַר קירצערע אַרבעט־שאָען און פאַר אַ שענער, בעסער לעבן; אַז אין רוסלאַנד, וואו די אַרבעטער האָבן ניט קיין שום פרייהייט און וואו עס איז אַפילע פאַרבאָטן בלויז צו רעדן וועגן פאַרבעסערן די אַרבעט־באַדינגונגען, — גייען דאָך די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער אַרויס אָף די גאַסן, צו לאָזן הערן זייערע פאָדערונגען און צו פּראָטעסטירן קעגן דעם צאַר־זעלבסטהערשער און זיינע אונ־טערהערשער; אַז דערביי רופן זיי אויך די ברייטע אַרבעטער־מאַסן, וואָס ליידן פון נויט און אונטערדריקונג, אַז זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין דער אַרבעטער־פּאַרטיי, קעדיי צוזאַמען, מיט פאַראייניקטע קויכעס, צו פאָדערן פרייהייט און בעסערע לעבנס־באַדינגונגען... דאָ האָט שימשל אויך דעם ערשטן מאָל געהערט

דעם עמעס וועגן די געשעענישן פון 1905, — דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע. ערשט דאָ האָט ער זיך דערוואוסט וועגן דעם, אַז דער צאַר, וועלכער איז דעמאָלט געווען געצוואונגען, אונטערן דרוק פון די אַלגעמיינע סטרייקן איבערן לאַנד, צו געבן דעם פאָלק אַ קאָנסטיטוציע, — האָט אָפּגענאַרט דאָס פאָלק און, אָנשטאָט צו געבן דעם פאָלק די צוגעזאָגטע, לאַנג־געגאַרטע פרייהייט, — האָט ער באַפוילן זיינע גובערנאַטאָרן און פאָליצייַמייסטערס צו אַרעסטירן טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער און פאַרשיקן זייערע פירער, וועלכע האָבן זיך בעאייס דער רעוואָלוציע אַרויסגערוקט אין דער עפנטלעכקייט...

אַ סאַך נייע פאַקטן האָט שימשל זיך דערוואוסט יענעם אָוונט, און עס איז אים שטאַרק געפעלן. עפּעס האָבן אָט־די אַלע געהערטע זאַכן אַזוי וואַרעם גערעדט צו זיין אייגענעם האַרץ, צו זיינע געפילן, אַקוראַט ווי ער אַליין וואָלט שוין גאַנץ לאַנג געהאַט געטראַכט וועגן זיי, נאָר קיין ענטפער ניט געקאָנט געפינען. ער האָט איצט אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז דער רעדנער דאָ איז טאַקע גערעכט; אַז עס לעבט זיך זייער ביטער דעם אַרבעטער און האָרעפּאַשנע מענטשן אין רוסלאַנד, און אַז קעדיי צו פאַרטומלען די מויכעס פון די גערדיקטע און געקריוודעטע, קעדיי צו פאַרווישן דעם פּיין פון די אונטערגעיאָכטע, רייצן די הערשער בעקיוון אָן די מאַסן פון איין פאָלק קעגן די האָרעפּאַשניקעס פון אַ צווייטן פאָלק; און קעדיי די אַרבעטער־מאַסן זאָלן ניט טראַכטן וועגן דעם ווי מען צאַפּט באַ זיי אַרויס די לעצטע קויכעס פראַצע פאַר אַ הונגער־לוין, שיקערט מען זיי אָן מיט בראָנפן, מיט רויב, און מען פאַרסאַמט זייערע געפילן מיט סינע, האַס און פאַרדאַכט איינעם קעגן דעם אַנדערן...

מיט צופרידנקייט האָט שימשל אויסגעהערט ווי יעגאָר און — נאָך אים — אַ דאַר־בלאַסער יונגערמאַן, האָבן דערקלערט, אַז דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס האָט גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט דער נאָר־וואָס באַגאַנגענער שאַנד פון רוסלאַנד, — דעם נאָר־וואָס פאָרגעקומענעם פּאָגראָם אָף די אידישע מאַסן, נאָר פאַרקערט: זיך אַקטיוו באַטייליקט אין קאַמף קעגן דעם... ער, שימשל, האָט דערויף קעסיידער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי צו באַשטעטיקן, אַז דאָס איז טאַקע עמעס. ער האָט אין זיך דערשפּירט אַ באַגער זיך אויפצושטעלן און איידעס זאָגן, אַז אַזוי איז עס טאַקע געווען; אַז יעגאָר און נאָך אַ צאָל אַנדערע טרעגער פון האָפן, — די ניט־אידישע כאַווײרים זיינע, — האָבן זיך טאַקע געשלאָגן מיט די אָנפאַלער און אַז ער אַליין האָט דאָס געזען מיט די אייגענע אויגן... ער האָט זיך אָבער גלייך באַהערשט פון אָט־דעם דראַנג, באַגרייפנדיק, אַז ער דאַרף דאָס ניט טאָן. ער האָט דעריבער זיך ווייטער איינגעהערט און צוגעשטימט מיט די אויגן, בעאייס דער רעדנער האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס זענען געווען בלויז די ניט־באַוואוסטזיניקע און פאַרפירטע, וועלכע מען דאַרף לערנען, אויפקלערן און זיי אַריינציען אין די רייען פון די אויפגעקלערטע, די באַוואוסטזיניקע...

ער האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען, שימשל. וואָרים אַט, טאַקע ער אַליין, איז דאָך אויך איינער פון די ניט־באַוואוסטזיניקע. אויך ער אַליין האָט דאָך ביז ערשט איצט קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען וועגן די דאָזיקע זאַכן און געהאַלטן, אַז אַלע, אַלע זענען שולדיק אין מאָרד פון זיין מוטער... אויך ער האָט קיינמאָל ניט געלערנט און ניט געלייענט קיין בוך. אַפילע אַ וואָרט איבערלייענען קען ער ניט. קוים וואָס ער קאָן צונויפשטעלן אַ וואָרט, וואָס ער זעט אָף די שילדן איבער די קראָמען, און דאָס, טאַקע דערפון וואָס יעגאָר האָט אים עטלעכע מאָל געלערנט. אָבער קיין צייטונג, קיין בוך, קען ער ניט לייענען... אַפילע דאָס ביסעלע איוורע, וואָס ער האָט אַמאָל, אַלס קינד, אין טאַלמוד־טוירע געלערנט, איז ניט ער געדענקט עס און ניט עס וואָלט אים געהאָלפן צו פאַרשטיין אָט־די דאָזיקע האַרבע, כאָטש פּאַשעט־פאַרשטענדלעכע זאַכן... אַפילע דעם קאַדיש נאָכן פאָטער און ערשט־אָ ביי דער מוטערס קייווער, האָט ער אויך ניט געקאָנט זאָגן, נאָר עמעצער האָט עס געדאַרפט זאָגן מיט אים...

ערשט איצט האָט שימשל אָנגעהויבן באַגרייפן דעם שאָדן דערפון און איז גרייט געוועזן אָנצוהויבן אָף דאָס ניי; אָנצוהויבן זיך לערנען, ווי יעגאָר האָט אים געהאָט פאָרגעשלאָגן בעאייס ער איז מיט אים געזעסן אין פּאַרקל, און אים צוגעזאָגט צו העלפן אין דעם...

דער רעדנער האָט פאַרענדיקט זיין אָפּהאַנדלונג. דאַן האָט יעגאָר זיך אויפ־געשטעלט, איינציקווייז צוגערופן צו זיך יעדן איינעם פון די פאַרזאַמלטע און זיך מיט יענעם דורכגערעדט וועגן עפּעס. פון יעגאָרן איז יעדער איינער צוגעג־אַנגען צו אַ צווייטן מאַן, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אין אַ ווינקל פונעם צימער, און וועמען מען האָט ביז איצט קימאַט ווי ניט באַמערקט. דאָרט האָט יעדער איינער געקראָגן אַ פּעקעלע אויפרופן, וואָס ער האָט גלייך פאַרשטופּט צו זיך אין בוזים־קעשענע, אָדער אונטערן העמדל, צי אונטער דער בלוזקע, און שטילערהייט פאַרלאָזט דאָס צימער...

עס איז אָנגעקומען שימשלס ריי און ער איז צוגעגאַנגען צו יעגאָרן. יענער האָט אים דערקלערט, אַז זיין אויפגאַב איז צו נעמען אַ צאָל פון אָט־די פּראָק־לאַמאַציע־אויפרופן, זיי צו פאַרטיילן אין דער גאַס וואו ער וואוינט, דורך אַרונ־טערוואַרפן אַ טייל פון זיי אונטער די טירן פון די וואוינונגען, און די איבעריקע צו פאַרטיילן צומאַרגנס פאַרפרי, לעבן אַ געוויסער פאַבריק אין זיין געגנט, בעאייס די נאַכט־וואַכטע פאַרלאָזט די אַרבעט...

שימשל האָט דערפילט אַ פרייד אין האַרצן. די אויגן און דאָס פּאָנים זענען ביי אים פאַרגאָסן געוואָרן מיט טרערן — אָט־אָט אויסצוברעכן אין געוויין. ער איז איינגאַנצן באַהערשט געוואָרן פון שטאָלץ, וואָס מען האָט אים אַזוי גיך אָנגעטרויט אַזאַ וויכטיקע אַרבעט. מיט שטילער פייערלעכקייט האָט ער יעגאָרן צוגעזאָגט אויסצופילן זיין אויפגאַב, און דערביי געשוואוירן, אַז וואָס עס זאָל

ניט טרעפן מיט אים אויב ער וועט אַריינפֿאַלן, — וועט ער ניט אויסזאָגן וואָס, ווער און וואו — מעג מען אַפילע שניידן לעבעדיקע פּאַסן פון אים. יאָ, ער וועט שטומען ווי אַ פיש, אַזוי זאָל ער לעבן און געזונט זיין!...

יעגאָר האָט צוגעשמייכלט. ער האָט מיט באַגיטיקונג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אָנווייזנדיק, אַז ער דאַרף זיך ניט שווערן, ווייל ער איז זיכער אין אים און אין זיין פעסטקייט. דערנאָך האָט ער אים שטיל אַ זאָג געטאָן, אַז ווען ער וועט שוין האָבן גענומען זיין פּעקעלע, זאָל ער וואַרטן אויף אים...

שימשל איז צוגעגאַנגען און גענומען אַ פּעקל פּאַפּירלעך. ער האָט אַ קוק געטאָן אף די מאָדנע, מיט רויטן־געדרוקטע ווערטער, וועלכע ער האָט אַפילע ניט געקענט איבערלייענען, און זיך געכידעשט איבער דעם, וואָס אף זיי, אף די פּאַפּירלעך, איז געווען אויסגעמאָלט אַ טשאַיניק מיט טיי. אָבער פרעגן וועגן דעם האָט ער ניט געוואַגט. געטראַכט האָט ער, אַז אויב מען האָט דאָס אַרויפּגעשטעלט, דאַרף עס מיסטאָמע זיין אַזוי. ער האָט גיך אַ פאַרשטופּ געטאָן דאָס פּעקל צו זיך אונטערן העמדל, האָט אַ הייב געטאָן די האַנט צום שטערן, אין דער ריכטונג צו יעגאָרן, ווייזנדיק דערמיט, אַז ער וועט טאָן וואָס מען דאַרף, און זיך אַוועקגעזעצט אף איינעם פון די בעטלעך, וואַרטן אף יעגאָרן...

אַז יעגאָר איז פאַרטיק געוואָרן און דער אוילעם איז שוין באַלד געווען אַוועק, האָט ער מיט אַ וואונק צוגערופן שימשלען צו זיך, האָט אים פאָרגעשטעלט און באַקענט מיט דעם יונגן, שיינעם מיידל, וועלכע האָט אים באַגעגנט אין הויף, און אים שמייכלענדיק אַ פרעג געטאָן.

— וואָלסטו געוואָלט, כאַווער סאַמסאָן, אַז כאַווערטע נאַדיע זאָל זיך אָפּגעבן מיט לערנען דיך שרייבן, לייענען און דערקלערן די פּרינציפּן פון מאַרקסיזם?...

שימשל האָט דערפילט, אַז ער איז רויט געוואָרן און האָט ווי אַן אומשולדיק, שעמעוודיק אינגל, געשוויגן, ניט־וויסנדיק וואָס צו זאָגן.

— איך וועל צופרידן זיין צו האָבן אייך פאַר אַ טאַלמיד, אויב איר ווילט.

— האָט נאַדיע מאַמעש ווי אויסגעזונגען, קוקנדיק אין זיינע אויגן אַריין.

— און איך... איך... — האָט שימשל, אָננעמענדיק זיך מיט מוט, קוים אויסגעשטאַמלט. — איך וועל אויך שטאַרק צופרידן זיין צו זיין אייער טאַלמיד. איך וועל אייך זייער דאַנקבאַר זיין דערפאַר...

— בלייבט עס אַזוי! — האָט זי אַ זאָג געטאָן, אָנגענומען שימשלס האַנט, אַ פריינטלעך־וואַרעמען דריק געטאָן און דערביי אַלץ אַזוי ליבלעך געשמייכלט...

שימשל האָט אַזש אָנגעהויבן ציטערן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד. דאָס האַרץ זיינס, — האָט ער געפילט, — האָט אָנגעהויבן גיך און שטאַרק צו קלאַפּן און אים האָט זיך געדאַכט ווי עפּעס אַ זיסע, אָנגענעמע נאַגעניש דאָרט האַלט אים ביים פאַרוויגן נאָר אויסצוגיין פונעם פריידיקן געפיל, וואָס האָט אים אַרומגענומען. די ווייכע, ליבע וואַרעמקייט פון דעם מיידלס קליינעם, צאַרטן

הענטל, וואָס האָט זיך איבערגעטראָגן צו אים; דער באַריר פון אירע דינע, איידעלע פינגער, וואָס האָבן אים מאַמעש ווי עלעקטריזירט, — האָט אים אינגאַנצן באַוועלטיקט, אַז ער האָט אַפילע קיין וואָרט ניט געקאָנט אויסרעדן. אין דער רעגע האָט ער זיך דערמאָנט וועגן דער באַגעגעניש פריער, אפן הויף, מיט אָט־דעם מיידל, און זיך פאַרשעמט ווי ער האָט זי דאָרט שיר־ניט באַליידיקט:

„וואָסער אויסוואורף איך בין עס." — האָט ער אין געדאַנק זיך פאַרגע־וואָרפן. — „איך קאָן קיין פרוי ניט באַטראַכטן ווי אַ מענטש, נאָר ווי אַ..."

— איז ווען און וואו וועלן מיר זיך טרעפן? — האָט נאַדיע מיט עפּעס אַזאַ ליבער זיסקייט אים פלוצים שטיל אַ פרעג געטאָן און אים ווי אויפגעוועקט פון זיין טראַכטן. — איך האַלט, אַז אויב מיר ווילן עפּעס אויפטאָן, איז אַ שאָד אומזיסטע צייט צו פאַרלירן...

שימשל האָט צושטימענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, און — אַ שטאַמלדיקער — געבעטן נאַדיען, זי זאָל באַשטימען ווען און וואו זיך צו באַגעגענען:

— איך... ע... — האָט ער געזוכט די ווערטער. — איך האָב גענוג פרייע צייט אין די אָוונטן און איך בין וויליק... איך מיין... איך בין גרייט צו קומען ווען עס איז באַקוועם פאַר אייך און ווען איר וועט מיר נאָר באַפעלן...

אַ נערווירנדיקער האָט ער זיך געזעגנט מיט איר און מיט יעגאָרן, און האָט — מיט איילנדיקע טריט, קימאַט אַן אונטערטאַנצנדיקער — זיך פאַרנומען אפן וועג אַהיים, צו זיך אין צימער...

* * * * *

קאַפּיטל זעקס

ווי אַ קינד, וואָס דערפרייט זיך פון קאָנען גיין דעם ערשטן מאָל אויף די אייגענע פיס, — אַזוי האָט שימשל פריידיק געשפּאַנט, טראָגנדיק הינטערן רעקל די פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע ער האָט געקראָגן צום פּאַרטיילן, און אָפּגעמאַכט ביי זיך, נאָך היינט, ביינאַכט, אָנצוהייבן עס טאָן, דורך אַריינלייגן אַ צאָל פון זיי אונטער די טירן פון די שכיינים אין זיין הויף. ער האָט זיך געפילט שטאָלץ, כאָטש שטאַרק צעשראָקן, אָבער דאָך מיט אַ פעסטן באַשלוס דורכצופירן די אַרבעט אפן בעסטן אויפן...

אפן וועג אַהיים האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין איינעם פון די טוי־רעסטאָראַנען, אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזער טיי מיט פאַרבייסן, און דערביי — אומבאַמערקט פון וועמען עס איז — טאַקע דאָרט אַוועקגעלייגט פּאַפּירלעך אויף עטלעכע דערבייאיקע ליידיקע שטולן. שפּעטער, שוין בא זיך אין הויף — אָנשטאָט אַריינצוגיין אין דעם קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט צו זיין צימער, וואו ער האָט געוואוינט אָפּגעזונדערט, איינער אַליין — האָט שימשל זיך גאָר אַריינגעשלייכט אין אַ צווייטן קאָרידאָר. פאָרזיכטיק ווי אַ קאַץ, און אויף די שפּיץ־פינגער, האָט ער זיך שטיל געהויבן פון איין שטאָק צום אַנדערן און — אַראָפּגייענדיק — נאָך שטילער, קימאַט ווי אָן אָטעם, זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדן שטאָק און אַרונטערגערוקט אַן אויפרוף אונטער יעדער טיר. דאָס זעלביקע האָט ער איבערגעכאַזערט אין אַ צווייטן און אַ דריטן קאָרידאָר אפן הויף און, ערשט נאָכדעם, — בעאייסן אַרויפגיין צו זיך אין וואוינונג — אַרונטערגערוקט אויפרופן צו יענע שכיינים אונטער די טירן. געטאָן האָט ער דאָס רואיק, געלאַסן, כאָטש בעאייס מאַיסע האָט זיך פון אים דער שווייס געגאָסן. די גאַנצע שרעק, אָבער, און די נערוועזקייט, וואָס האָט אים אין אָנהויב געהאַט באַוועלטיקט, האָט אים מיטאַמאָל ווי פאַרלאָזן. ער איז געוואָרן דרייסט, זעלבסטזיכער, כאָטש אָפּט אַפילע שוין עטוואָס צו אומפאָרזיכטיק. ער האָט האַנאָע געהאַט פון זיין אויפטו און זיך געפילט שטאָלץ מיט זיין דערגרייכונג...

אַ מידער פון אָנגיין זיך אַזויפיל איבער די טרעפּ אין די עטלעכע קאָרידאָרן, האָט ער — באַלד נאָכן אַריינקומען אין זיין צימערל — אַריינגערוקט דאָס פּעקל פּראָקלאַמאַציעס אין דער עפענונג פון זיין שטרוי־זאַק, און זיך געלייגט שלאָפן, מיטן געדאַנק זיך אויפצוהייבן גאַנץ פרי און אויספילן דעם הויפּט־טייל פון זיין אויפגאָב: — פאַנאַנדערצוטיילן די אויפרופן ביים באַשטימטן פאַבריק־טויער.

ליגנדיק אפֿן געלעגער, האָט ער אַ שטיק צייט אַלץ געטראַכט און געפּלאָנעוועט ווי אַזוי דאָס צו טאָן מיט וואָס ווינציקער ריזיקע און מיט אַ וואָס גרעסערן דער־פֿאָלג, ביז ער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין פֿינקטלעך און אָן אַ פֿעלער...

פֿאַרטאָג — אַן אומגעדולדיקער פֿון פֿאַרשטייענדיקן — איז שימשל אַוועק צום געהעריקן פּלאַץ. קיין אייגענעם זייגער האָט ער ניט פֿאַרמאָגט און ער איז דערפֿאַר אָנגעקומען אַביסל צו פֿרי. און קעדיי ניט צו ציען קיין כשאַד אף זיך, האָט ער גענומען האַסטיק שפּרייזן, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך געיאָגט צו דער אַרבעט. ערשט שפּעטער, ווען ער האָט באַרעכנט, אַז עס איז שוין באַלד די גע־העריקע צייט דערויף, האָט ער זיך צוריק פֿאַרנומען צו דער פֿאַבריק, דערביי זיך אָפּט אומגעקוקט צו קיינער גייט אים ניט נאָך, און ביי אים אין מויעך האָט געזונגען אַ צופֿרידענער געדאַנק:

„דאָס וועט אויפֿקלערן די מענטשן, די אַרבעטער“, — האָט ער קימאַט ווי געמורמלט צו זיך. — „דאָס וועט זיי, ווי יעגאָר האָט געזאָגט, ווייזן דעם עמעס און דערנענטערן דעם גרויסן טאָג...“

ער האָט אָנגעהויבן ווערן אומגעדולדיק, געוואָלט, אַז ער זאָל שוין וואָס גיכער זיך האָבן אָפּגעפּאַרטיקט און עס זאָל אַ סאָף נעמען. אים האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז ער האָט אַ טאָעס געהאַט; אַז דאָס איז ניט די געהעריקע פֿאַבריק, וואָס איז אים אויסגעטיילט געוואָרן... וואָרים געזען האָט ער, אַז מאַסן אַרבעטער האָבן אַריינגעשטראָמט אין איינעם פֿון די פֿאַבריק־טויערן, אָבער אַרויסגיין פֿון אינעווייניק האָט ער קיינעם ניט געזען. ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

„און עפּשער האָט יעגאָר גאָר אַ טאָעס געהאַט און מען אַרבעט גאָר ניט קיין נאַכט־וואַכטע אין אָט־דער פֿאַבריק?...“

עס האָט אים גענומען פֿאַרדריסן, וואָס ער וועט פֿאַרלירן די געלעגנהייט אויסצוטיילן די אויפֿרופֿן. ער האָט מאַמעש געפֿילט, אַז יעדע מינוט, וואָס ווערט פֿאַרלוירן אף צו דערגרייכן די אַרבעטער מיט אָט די פּאַפּירלעך, איז גוירעם, אַז רוסלאַנדס באַפֿרייאונג פֿון צאַרישן יאָך זאָל אָפּגעלייגט ווערן אף אַ לאַנ־גער צייט...

מיטאַמאָל האָט זיך אין דער לופֿט אַ ריס געטאָן אַ גרילצנדיק־צעצויגענער פֿייף פֿון דער פֿאַבריק־סירענע. גלייך מיט דעם האָט זיך אַ צעעפֿן געטאָן אַ צווייטער פֿון די פֿאַבריק־טויערן און עס האָבן דורך אים — ווי פֿון אַ ריזיקן פּיסק — גענומען אַרויסשטראָמען מאַסן אַרבעטער. אין געאייל, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געוואָלט וואָס גיכער זיין אַלץ ווייטער פֿון פֿאַבריק און וואָס שנעלער ביי זיך אין די היימען, — האָבן זיי זיך מיט האַסטיקע טריט געטראָגן פֿאַרביי שימשלען, זיך אַפֿילע ניט אומקוקנדיק אף אים מיט זיינע פּאַפּירלעך, וואָס ער האָט זיך געפֿלייסט זיי אין די הענט אַריין צו דערלאַנגען...

שימשל האָט זיך אָבער אַזוי קונציק און געשיקט אַ דריי־אַריין געטאָן אין דעם געדיכטן געגייערײַ, זיך אַ מיש־אויס געטאָן מיט די מענטשן, און אַזוי — גייענדיק אין צווישן די אַרבעטער — געטיילט די בלעטלעך רעכטס און לינקס פון זיך, פאַרגעסנדיק בעאייס דעם, אַז ער קאָן זיך נאָך עפּשער אַמאָל אָנשטויסן אַף אַזאַ איינעם פון זיי, וואָס זאָל אים דערפאַר דערלאַנגען אַ קלאַפּ, אָדער גאָר לאָזן אַרעסטירן. זיין גאַנצער כוש, זיין גאַנצער געדאַנק, איז געווען פול מיט איין ווילן: וואָס גיכער אויסצוטיילן די פּאַפּירלעך צו וואָס מער מענטשן... ער האָט עטוואָס איינגעהאַלטן זיינע אייגענע טריט, איז ביסלעכווייז געבליבן הינטער־שטעליק, קעדיי זיך אויסצוגלייכן מיט יענע מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען הינ־טער אים...

ענדלעך האָט ער פאַרענדיקט דאָס אויסטיילן און ביי אים אין דער האַנט זענען פאַרבליבן בלויז עטלעכע בלעטלעך. ער אַליין איז שוין געווען גאַנץ וויט־לעך פון די לעצטע מענטשן, וואָס האָבן — אין זייער גאַנג — געכאַפּט אַ בליק אַף דעם געקראָגענעם פּאַפּירל און עס גלייך אַוועקגעוואָרפן. שימשל האָט דער־פילט אַ פאַרדראָס אַף זיי, אָבער זיך געטרייסט:

„אַבי זיי האָבן עס נאָר איבערגעלייענט, איז שוין אויך גוט..."

אַ צופרידענער פון דעם געלונגענעם שטיקל אַרבעט און אין דערוואַרטונג זיך אין אָוונט צו טרעפן מיט נאַדיען פאַר דער ערשטער לעקציע, — איז שימשל אַוועק אפן וועג צו דער אַרבעט אין האַפן. ער איז פריער אַריין אין טיי־טראַקטיר „גרויסער בער", וואו ער האָט — זינט די לעצטע פאַר וואָכן, פונקט ווי יעגאָר — געהאַט זיין „אייגן" טישל, דאָרט אָפּגעגעסן אַ שטיק שוואַרץ ברויט מיט פּאָמידאָרן, פאַרטרונקען מיט עטלעכע גלעזער טיי, און איז אַוועק אין האַפן.

מיט אַ שמייכלדיקן וואונק האָט ער זיך באַגריסט מיט יעגאָרן, דערמיט אים געלאָזט וויסן, אַז עס איז דורך בעשאָלעם, און זיך גענומען צו דער אַרבעט...

ער איז געווען פריילעך און אויפגעלייגט, קימאַט ווי ניט געפילט די שווע־רע מאַסעס, וואָס ער האָט געדאַרפט טראָגן אַף זיך. ער האָט אַלץ געטראַכט וועגן נאַדיען, וועגן דער לעקציע, און מיט אומגעדולד געוואַרט אפן אָוונט...

גלייך נאָך דער אַרבעט און באַלד ווי ער האָט אָפּגעגעסן וועטשערע, איז ער אַוועק צו זיך אין צימער, זיך אָפּראַזירט, אַרומגעוואַשן, אָנגעטאָן אַ קלאָר־גע־וואַשן קאָלירט העמדל מיט אויסגעהאַפטענע קוויטלעך אפן קאָלנער, אַ כאַפּ געטאָן זיין נייע קעפּקע און איז אַ פריידיקער אַוועק צום פּלאַץ, וואו ער האָט געהאַט אָפּגעמאַכט מיט נאַדיען זיך צו טרעפן...

נאַדיע האָט אים באַגעגנט אַ שיינענדיקע, אַ שמייכלענדיקע, זי האָט אים, ווי אַן אַלטן פריינט, פריילעך באַגריסט, וואָרעם געדריקט זיין אומזיכערע, עט־וואָס־טרייסלענדיקע האַנט, און — אָנגעמענדיק אים ביים אָרעם — זיך געלאָזט מיט אים אין שפּאַצירגאַנג צו איר וואוינונג...

שימשל איז אַזוי פאַרכאַפּט געווען פון נאַדיעס נאַענטקייט און צוגעלאָזט־קייט, אַזוי באַגייסטערט פון איר זינגעוודיקער שטימע און שמייכלדיקע אויגן, אַז ער האָט אַפּילע ניט באַמערקט דאָס ציכטיק־אויפגעראַמטע צימער, וואו זי האָט אים אַריינגעפירט. ער האָט אַלץ געקוקט אף איר, געשלונגען אירע גלעטנ־דיק־צאַרטע רייד, און זיך האַנאַעדיק געזעטיקט מיט איר ליבלעכער און ווייכער באַנעמונג צו אים...

זי האָט אים געבעטן זיך זעצן ביים טיש, האָט זיך אַליין אויך געזעצט לעבן אים און — אַוועקלייגנדיק אַ לערן־ביכל פאַר אים — גענומען אים ווייזן ווי צו לייענען. שימשל האָט אָנגעהויבן נערווירן. און דאַווקע ווייל ער האָט נאַדיען געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז ניט קיין פאַרשטאָפּטער קאָפּ און נעמט אויף איר לערנען, האָט ער אָבער, ווי אף צו לעהאַכעס, בעשום אויפן ניט גע־קאָנט צוזאַמענהאַלטן די געדאַנקען און די בליקן אף די בוכשטאַבן, וועלכע האָבן פּאַשעט געטאַנצט און געשווינדלט פאַר זיינע אויגן...

טיף אין זיינע געדאַנקען האָט שימשל גאָר בעאייס דעם געהאַט נאַדיען אין זיינע אָרעמס. ער האָט מאַמעש געפילט דעם קישעפדיק־אָנגענעמען גערוך פון איר מיידלשן קערפּער מיט די דין־פאַרמירטע, שיר־ניט קינדישע גלידער; די ליבע וואַרעמקייט פון איר סאַמעט־בלאַסער הויט... מיט די פינגער זיינע האָט ער געוואָנדערט איבער אירע קליינינקע, אָבער שפּיציקע בריסטלעך, וואָס האָבן זיך ווי געצאַפּלט הינטער איר ווייסער, קימאַט־דורכזיכטיקער בלוזקע... מיט האַנאָע האָט ער געטעמט דאָס גלעטנדיקע ווינטל, וואָס אירע — איצט צעלאָזטע — כוואַליעדיק־בלאָנדע האָר האָבן צעווייעט אף אים... מיט הייסע קושן האָט ער אַראָפּגענאַשט דעם זיסן ווייַן פון אירע שמאָלע, עטוואָס־פאַרקאַטשעטע ליפּן איבער דעם קליינעם מויל אירן... מיטאַמאָל, אָבער, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און אַזש אויפגעציטערט. ער האָט זיך גענומען רויטלען און אויסגעשטאַמלט:

— ע... זייט מיר מויכל, נאַדיע... איך בעט איידך!... איך... עפּעס קאָן איך היינט ניט... די... מיינע געדאַנקען...

נאַדיע — זעענדיק זיין צעטראַגנקייט — האָט גענומען אים באַרואיקן און פאַרזיכערן:

— נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך, כאַווער סאַמסאָן! — האָט זי מאַמעש נאָר ווי אויסגעזונגען מיט איר ווייכער שטימע. — רוים, זאָגט מען, איז אויך ניט אויפ־געבויט געוואָרן אין איין טאָג... דאָס צווייטע מאָל וועט איר זיך אַוואַדע פילן פיל לייכטער, איר וועט זען... דער איקער איז נאָר: אַ ווילן צו לערנען און אַ גלויבן אין זיך אַליין...

זי האָט צוגעמאַכט דאָס בוך, זיך אַנטשולדיקט פאַר שימשלען און איז אַרויס פון צימער, איבערלאָזנדיק אים אַליין מיט זיינע צעשוואומענע ראַיוינעס. אַ ווייל שפּעטער איז זי צוריקגעקומען, טראָגנדיק אַ גרויסע געזילבערטע טאַץ, —

באַשטעלט מיט אַ טעלער קיכלעך, צוויי גלעזער מיט שעלעכלעך, אַ גלעזערנע פּושקע מיט צוקער, און אַ קליין בלישטשענדיק סאַמאָוואַרל, פון וועלכן עס האָט זיך געהויבן אַ פּאַרע. זי האָט זיך צוגעזעצט אַנטקעגן שימשלען, אָנגעגאָסן טיי אין די גלעזער און אַוועקגעשטעלט איין גלאָז לעבן אים:

— טרינקט טיי, כאָווער סאַמסאָן, און פאַרזוכט מיינע קיכלעך! — האָט זי פריינטלעך געבעטן און גלייך קאָקעטיש צוגעגעבן, — אָט די קיכלעך האָב איך אַליין געבאַקן און טאַקע ספּעציעל פאַר אייך...

שימשל האָט געוואָלט דאַנקען, אָבער עפּעס ניט געקאָנט געפינען קיין פּאַסיקע ווערטער דערצו. ער האָט זיך פאַרטראַכט און ניט געקאָנט באַגרייפן, וואָס עס איז מיטאַמאָל געשען מיט אים, — דעם שטענדיק־דרייסטן יונג, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרלוירן אין זיינע באַנעמונגען מיט פרויען:

„אַפּאָנים“, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — „אַז דאָס איז ווייל נאַדיע איז עפּעס אַן אַנדער שטייגער מיידל, גאָר ניט פון יענעם מין, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען, אָדער וואָס פלעגן קומען אין שטוב אַריין... זי, נאַדיע, איז אַפילע ניט אַזאַ ווי די באַלעבאַטישע, שוואַרץ־כיינעווידיקע מיידל סאָניע, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אַזוי ווייט און פרעמד, און גרייט זיך צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע, אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט, פון די פּאָגראָמען... אָבער זי, נאַדיע, איז ניט אַנטלאָפן. זי איז געבליבן דאָ, צו קעמפן און צו זיגן, אַזוי ווי יעגאָר און דער בלאָסער יונגערמאַן האָבן ביי דער פאַרזאַמלונג גערעדט...“

טראַכטנדיק אַזוי, האָט שימשל מיטאַמאָל דערפילט אַ טיפע דאַנקבאַרקייט צו נאַדיען, — אַ דאַנקבאַרקייט פאַר איר זיין וואָס זי איז, פאַר איר זיין דאָ, פאַר איר ווילִיקייט אים צו לערנען און אים פאַר אַ מענטש צו מאַכן... מיט אָט דער וואַרעמקייט צו איר, האָט ער איר גענומען דערציילן, ווי עס איז אים דערגאַנגען מיט די אויפרופן, וואָס זענען אים געגעבן געוואָרן צו פאַרטיילן; ווי ער האָט אַ טייל פון זיי אַרונטערגערוקט אונטער די טירן פון זיינע שכיינים און דאָס רעשט פאַנאַנדערגעטיילט צו די אַרבעטער ביים אַרויסגיין פון דער פאַבריק...

— פיין! — האָט נאַדיע צופרידן געשמייכלט. — אויסגעצייכנט!...

— אָ, איך וואָלט געקאָנט צעטיילן נאָכאַמאָל אַזויפיל! — האָט ער שוין באַרימעריש פאַרענדיקט. — אַ שאָד, וואָס איך האָב ניט קיין אויפרופן מער!...

ער איז בעעמעס צופרידן געווען, בעאייס נאַדיע האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער וויל, וועט זי אים געבן נאָך אַ צאָל פּראָקלאַמאַציעס. מיט עמעסער פרייד האָט ער, שוין ביים געזעגענען זיך מיט איר, גענומען דאָס פּעקעלע פּאַפּירלעך, וואָס זי האָט אים דערלאַנגט, האָט עס פאַררוקט צו זיך הינטערן רעקל און, אָפּמאַכנדיק מיט נאַדיען זי צו באַגעגענען אָף צומאָרגנס אין אָוונט, — געדריקט איר האַנט און זיך געלאָזט אַהיים צו זיך אין צימער...

דעם צווייטן אינדערפרי האָט שימשל זיך שוין געפילט פיל פרייער ווי דעם

ערשטן מאָל. ער האָט בענימעסדיק געשפּאַנט צווישן די אַרויסגייענדיקע אַרבע־טער און זיי דערלאַנגט אין די הענט אַריין די פּאַפּירלעך...

ער האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן דאָס פאַנאַנדערטיילן, שוין געטראַכט ווי ער וועט זיך באַלד אַ דריי־אויס טאָן און זיך לאָזן גיין אין דער צווייטער ריכ־טונג. מיטאַמאָל, אָבער, האָט ער דערפילט צוויי פעסטע הענט, וואָס האָבן אים אַ נעם־אָן געטאָן ווי מיט צוואַנגען. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אין ביידע זייטן פון זיך און דערזען:

צוויי פּאָליציאַנטן, מיט געצויגענע רעוואָלווערן אָנגעשטעלט גלייך אויף אים, זענען געגאַנגען האַרט לעבן אים אין ביידע זייטן און אים געהאַלטן פעסט אין זייערע לאַפּעס:

— אַ־נו־קאַ, ברידערל, — האָט איינער פון זיי, אַ געפּאַקטער נעפעש מיט גרויסע, צעפּושעטע וואָנצעס ווי צוויי צויטנדיקע שמאַטעס, מיט כויזעק אַ ברום געטאָן צו אים, — ווייז נאָר אָקאָרשט וואָסערע בלעטלעך דו טיילסט דאָ אויס!...

— די? — האָט שימשל מיט געמאַכטער נאַאיווקייט, אָבער גאַנץ דרייסט און געשעפטמעסיק געענטפערט. — אָט די פּאַפּירלעך מיינט איר? אָ, דאָס איז אַ מעלדונג וועגן אַ נייעם טיי־טראַקטיר, וואָס גייט זיך עפענען. אָט...

ער האָט אַ ווייז געטאָן אויף אַ פאַרבליבן פּאַפּירל ביי זיך אין דער האַנט, אויף וועלכן עס איז, אין סאַמע אינדערהויך, מיט רויטער פאַרב, געווען אָפּגעדרוקט אַ טשאַיניק טיי מיט אַ גלאָז, און — אונטער דעם — עטלעכע שורעס מיט ווערטער. דער פּאָליציאַנט האָט אַ קוק געטאָן דערויף, געדרייט מיט די אַקסלען און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— אָ, וועגן אַ נייעם טיי־טראַקטיר, זאָגסטו? — פיין. אינטערעסאַנט. אָבער פון ווען אָן, זאָג מיר, ברידערל, שרייבט מען עס דאָס וואָרט „טשאַי" מיט דעם בוכשטאַב „מ" גאָר?...

— און מיר געפעלט עס עפּעס ניט, וואָס דאָס איז געדרוקט מיט רויטן. — האָט דער צווייטער פּאָליציאַנט, אַ דאַרער, אַ בלאַסער, מיט טיף־אַריינגעזעצטע אויגן און אַ שאַרפער נאָז, טאַמעוואַטע אויסגעצויגן. — יאָ, ווען דאָס זאָל אַפילע טאַקע זיין וועגן אַ טיי־טראַקטיר!...

שימשל האָט זיך ניט געכאַפּט וואָס יענער מיינט מיט דער באַמערקונג, און ניט געענטפערט. די פּאָליציאַנטן האָבן צוגענומען ביי אים די עטלעכע איבער־געבליבענע בלעטלעך און — ווידעראַמאָל, אָבער שוין פעסטער אים אָננעמענדיק ביי די אָרעמס — קימאַט צוזאַמען אַ ברום געטאָן:

— לאַדנאָ, לאַדנאָ, אין אוטשאַסטאָק וועט מען זיך שוין פאַנאַנדערקלייבן!

שימשל האָט אַ קוק געטאָן אויף זיי און אַ ציטער געטאָן:

— וואָשע בלאַהאָראָדיע, — האָט ער ווי געבעטן. — איך האָב קיין צייט ניט! איך מוז גיין צו מיין אַרבעט אין האַפן, אַנדערש פאַרליר איך די שטעלע!...

דער דאַרער פּאָליציאַנט האָט זיך צעכיכיקעט:

— נישקאָשע, כי־כי־כי, דאַרפסט זיך ניט זאָרגן וועגן דעם. אויב עס איז טאַקע אַ מעלדונג וועגן אַ טיי־טראַקטיר, וועט דער פּריסטאַוו דיך גלייך לאָזן גיין, כי־כי־כי!...

— ער וועט דיר נאָך געבן אַ ספּעציעלע וואַך דיך צוצופירן צום האַפן! — האָט דער ערשטער פּאָליציאַנט מיטגעשפּאַסט.

שימשל האָט שוין געזען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן, און געקלערט וואָס ער זאָל דאָ טאָן. אפן מאָמענט האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז עס וואָלט עפּשער געווען אַ פּלאַן אַ לאָז צו טאָן אין גאַנג זיינע צוויי פויסטן און שטעלן פיס. ער האָט אָבער גלייך באַגריפן, אַז דאָס איז צו ריזיקאַליש קעגן די געצויגענע רעוואָלווערן. געהאָפט האָט ער נאָר, אַז אים וועט עפּשער געלינגען צו איבערצייגן דעם פּריס־טאַוו, אַז ער איז אומשולדיק; אַז ער אַליין קען ניט לייענען און אַז דאָס האָט מען אים געדונגען צו פאַרטיילן. ער האָט פונדעסטוועגן אָנגעשטעלט אַ ראַכמאָ־נעס־פּאָנים אף די פּאָליציאַנטן און מיט געמאַכטן אומשולד גענומען בעטן:

— אָ, האָט דאָך איינזען, וואַשע בלאַהאָראָדיעס. עס ווערט שפּעט און מיין אויפזעער איז זייער אַ שטרענגער. ער וועט מיר אַראָפּנעמען פאַר דער פאַרלוי־רענער צייט... טראַכט איך דעריבער, אַז עס וואָלט געווען אַ יושער, איידער ער זאָל עס צונעמען, וואָלט זיכער געווען גלייכער, אַז איר זאָלט עס האָבן אף צו מאַכן אַ שנעפּסל... וואָס זאָגט איר, האַ?...

די פּאָליציאַנטן, האָט ער געזען, האָבן זיך איבערגעקוקט, זיך אַ ווייל געצעגערט, אָבער באַלד האָט דער גראָבער זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאַרק און מיט עמעסן באַדויער געזאָגט:

— אַ שנעפּסל איז טאַקע אַן איניען, אָבער... דאָס וואָלט גוט געווען דעם ערשטן מאָל, נעכטן, איידער מען האָט דעם פּריסטאַוו געמאָלדן וועגן די פּאַפּיר־לעך, וואָס מען האָט דאָ צעטיילט...

שימשל האָט געשוויגן און, אַ פאַרטראַכטער, זיך געלאָזט פירן פון די פּאָ־ליציאַנטן אין אוטשאַסטאָק אַריין...

* * * * *

קאַפּיטל זיבן

באַלד ווי מען האָט שימשלען אַריינגעפירט אין פּאָליציי־צירקל אַריין, האָבן אים גלייך איבערגענומען צוויי אַנדערע, געזונטע פּאָליציאַנטן, מיט מאָדנע שאַרפע מאַלפּע־פּענימער און מיט ריזיקע לאַפּעס. זיי האָבן אים צוגעפירט צו אַן „אָקאָלאָדאָטשני״ — אַ קורץ־געוויקסיקן פּאָליציי־אונטעראָפיציר — מיט אַ קליין רויט פּענימל און קורצע, דאַרע פיסלעך, וואָס זענען ניט איינגעשטאַנען אויף אײן אָרט, נאָר זיך קעסיידער געהויבן ווי אויף ספּרו־זשינעס, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן אים געוואָלט אויפהייבן העכער ווי ער איז. ער האָט, שטייענדיק, אָפּגעמאָסטן שימשלען פון אויבן אַראָפּ, עטלעכע מאָל אים אויסגעזידלט און זיך צוריקגעזעצט צום שרייב־טיש, געפרעגט שימשלען דעם נאָמען, אַדרעס, די באַשעפטיקונג און נאָך עטלעכע פראַגעס, און פאַרשריבן די ענטפערס אין אַ גרויסן בוך אַריין.

אָפּגעפאַרטיקט זיך מיט דעם, האָט ער ווידעראַמאָל אויסגעזידלט שימשלען, אַ וואונק געטאָן צו די צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס זענען געשטאַנען אין ביידע זייטן טיש, און טרוקן אַ ברום געטאָן צו זיי:

— פאַרווייכערט אים, דעם הינטישן זון, און נעמט אים צום פּריסטאַוו!...

יענע האָבן שימשלען אַריינגענומען אין אַ זייטיקן צימער און, נאָך איידער וואָס־ווען, האָט ער דערפילט אַזאַ שטאַרקן זעץ אין פּאָנים, פון וואָס עס איז אים אַזש פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. עטלעכע מינוט שפּעטער, אַז ער איז געקומען צו זיך פון דעם קלאַפּ, האָבן זיי אים אַריינגעפירט צום פּריסטאַוו, אין זיין באַזונדערן קאַבינעט...

בעאַיס מען האָט שימשלען אַריינגעפירט, איז יענער, דער פּריסטאַוו, — אַ מיטל־יאָריקער מאַן מיט אַ גרויענדיקן יאָזשיקל אויפן קאָפּ און אַ בלאָנד לאַפּעטע־בערדל אויף דער מאָרדע; אָנגעטאָן אין אַ נעט־געפּוצטן מונדיר מיט קאַפּיטאַן־שליפּעס אויף די אַקסלען און אַ צאָל בלישטשענדיקע מעדאַלן אויף דער ברוסט, — געזעסן הינטער זיין גרויסן שרייב־טיש און אַריינגעקוקט אין עפּעס אַ פּאַפּיר. אָבער גלייך ווי איינער פון די פּאָליציאַנטן האָט אים געמאָלדן וועמען ער האָט דאָ אַריינגעבראַכט, איז דער פּריסטאַוו אויפגעשפּרונגען ווי אַ ווילדער פון זיין שטול, גענומען פּאַכען מיט דער פּראָקלאַמאַציע אין דער לופטן און הייזעריק געשריגן:

— אַ, דאָס ביסטו עס דער הינטישער זון, וואָס האָט פאַנאַנדערגעטיילט

אָט־די פאַרדאַמטע פּראָקלאַמאַציעס?!... און מען האָט דיך, זע איך, נאָך אַהער־געבראַכט אַ לעבעדיקן?!...

ער איז אַרויס פון הינטערן שרייב־טיש, איז צוגעטראָטן צו שימשלען, אים אַ שמיר געטאָן איבער די אויגן מיט דעם פּאַפּירל און ווייטער געשריגן:

— אַ שאָד וואָס מען האָט דיר כאָטש די זייטן ניט אונטערגעהאַקט, דו פאַר־שאָלטענער הינטישער זון!...

שימשל האָט דערפילט אַ ניט־גוטקייט אפן האַרצן. אַ באַגער זיך אַ וואָרף אַרויף צו טאָן אף דעם געפּוצטן, אָנגעפּרעסענעם פּריסטאַוו, האָט מיטאַמאָל אַרומ־געכאַפּט זיין גאַנץ וועזן און ער האָט זיך מאַמעש געדאַרפט באַהערשן דאָס ניט צו טאָן. ער האָט פאַרקוועטשט די פויסטן, געקוקט אף אים און געשוויגן.

— אומווירדיקער אויסוואורף! — האָט יענער ווידער גענומען שרייען, — וואו האָסטו גענומען אָט־די פּאַפּירלעך?...

— אַ מאַן האָט זיי מיר געגעבן! — האָט שימשל קורץ געענטפערט.

— וואָסער מאַן?... ווער איז ער?...

— איך ווייס ניט. איך קען אים ניט!...

— זאָגסט ליגן! — האָט דער פּריסטאַוו געקלאַפּט מיט אַ פויסט אף דעם שרייב־טיש און באַלד צוגעגעבן, — פאַרוואָס האָסטו זיי גענומען ביי אים?...

— ער האָט מיר באַצאָלט איך זאָל זיי פאַרטיילן. — האָט שימשל געזאָגט.

דער פּריסטאַוו האָט איראָניש געשמייכלט:

— או־הום... וואו זשע וואוינט ער, דער מאַן?...

— איך ווייס ניט. ער האָט מיך אָפּגעשטעלט אף דער גאַס און...

— זאָגסט ליגן, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!... דו ווייסט יאָ ווער ער איז!...

און באַלד, — שוין עטוואָס ווייכער, — צוגעגעבן:

— יענער, דער מאַן מיין איך, איז דאָך ניט קיין איד, האַ?...

— איך ווייס ניט. — האָט שימשל געזאָגט. — איך האָב אים ניט געפרעגט...

דער פּריסטאַוו האָט זיך צוריקגעזעצט הינטערן שרייב־טיש, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און, איבערבייטנדיק דעם טאָן, געלאַסן געפרעגט:

— ווייסטו, בראָדיאַגע אַזעטיקע, וואָס פאַר אַ פּאַפּירלעך דאָס זענען?...

— דער מאַן האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מעלדונג וועגן עפּעס אַ נייעם טיי־טראַקטיר, וואָס דאַרף זיך עפענען. — האָט שימשל געזאָגט און טאַמע־וואַטע אַ וויַיז געטאָן אפן פּאַפּירל ביים פּריסטאַוו אין דער האַנט. — אָט, איז דאָך דערויף אויסגעמאָלט אַ טשאַיניק מיט אַ גלאָז טיי!...

דער פּריסטאַוו איז, ווי אָן אָפּגעבריטער, האַסטיק אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ, האָט ווידעראַמאָל אַ פּאַטש געטאָן מיט דער פּראָקלאַמאַציע איבער שימשלס פּאָנים, און בייז גענומען שרייען:

— פאַרמאַך דעם פּיסק, הינטישער זון!... אָ, ביסט, זע איך, אַן עמעסע קאַ־

נאַליע, אַ העפקער־יונג, און מען וועט דיך דאַרפן מאַכן רעדן מיט די געהעריקע מיטלען!...

ער האָט אַ וואונק געטאָן צו די פּאָליציאַנטן, און יענע האָבן שימשלען אַרויסגעפירט פון זיין קאַבינעט. עטלעכע מינוט שפּעטער איז ער שוין געלעגן אַ צעשלאָגענער און פאַרכאַלעשטער אפן האַרטן שטיינערנעם דיל פון אַ פינצ־טערער קאַמער אין קעלער פון פּאָליציי־צירקל...

אַז שימשל איז ענדלעך געקומען צו זיך, איז געווען שטאָק־פינצטער אין קאַמער. דאָס קליינע, געגראַטעוועטע פענצטערל, וואָס אינדערהויך, קימאַט ביים סאַמע באַלקן, איז פונדרויסן געווען פאַרשטעלט מיט אַ שוואַרצער בלעך און האָט אַפילע ביי־טאָג ניט דורכגעלאָזט קיין שום ליכט־שטראַל. שימשל האָט ניט גע־וואוסט, צי עס איז נאָך טאָג, אָדער נאַכט, און ווי לאַנג ער איז דאָ אַזוי אָפּגע־לעגן אַ באַטויבטער פון די קלעפּ. ער האָט בלויז באַגריפן, אַז דאָס געפינט ער זיך איצט אין דער צייטווייליקער אַרעסט־קאַמער פון דער פּאָליציי, — די קאַמער, וועגן וועלכער ער האָט שוין פיל מאָל געהערט דערציילן, אַז מען האָט דאָרט אָפּגעהאַלטן די אַרעסטירטע כאַדאָשים לאַנג, איידער מען האָט זיי געשטעלט צום מישפּעט, אָדער באַפרייט, ווייל עס זענען ניט געווען קיין באַווייזן...

אַן אָנמאַכטיקער, מיט די לעצטע קויכעס, האָט ער זיך אויפגעזעצט, זיך אַרומגעטאַפּט, אָנגערירט די צעווייטיקטע פלעצער אפן קערפּער, געפּרואווט אָפּווישן די קלעפּיקע פייכטקייט פון דעם פּאָנים, און באַלעקט מיט דער טרוקע־נער צונג די בייסנדיקע ביטערקייט אין מויל...

מיטאַמאָל, אונטער דעם שוואַכן ליכט־פּעדימל, וואָס האָט זיך דורכגעצילעט אין קעמערל אַריין דורכן שפּעלטל אין דעם פאַרמאַכטן, פיר־עקיקן לעכל פון דער טיר, האָט שימשל דערזען, טאַקע לעבן דער טיר, עפּעס אַ בלעכן קענדל. פאַרשטאַנען האָט ער, אַז דאָס דאַרף אַוואַדע זיין וואַסער צום טרינקען. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, צוגעקראָכן צו דעם, אַ לעק געטאָן דאָס איבלדיק־וואַרעמע, טוכלע וואַסער, און דערמיט אויך באַנעצט די באַקן, דעם שטערן, פון וואָס ער האָט זיך דערפילט עטוואָס דערלייכטערט. די שווערקייט, וואָס האָט פריער געהאַט ווי פאַרנעפּלט זיין געדאַנק, האָט אַביסל נאָכגעלאָזט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן דער וואַנט, און זיך פאַרטראַכט...

פאַרביי זיינע, שימשלס, מידע צוגעמאַכטע אויגן, האָבן פאַרבייגעשטראָמט בילדער פון די לעצטע געשעענישן מיט אים: דער איבערגעלעבטער פּאָגראָם; די צעשויבערט־אָפּגעריסענע, היסטערישע סאָניע, ווי זי בעט ראַכמים ביי דעם גיווזעדיקן פּאָליציאַנט; זיין נעקאָמע אין יענעם און דעם אַנדערן פּאָליציאַנט; זיין מאַמעס טויט; איר לעוואָיע; די וועטשערע ביי סאָניעס עלטערן אין הויז, וואו זי איז געווען אַ געענדערטע — שטאָלץ און טראָציק... דערנאָך — די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אים אַליין; דאָס לערנען זיך לייענען באַ יעגאָרן; די

ערשטע געהיימע פאַרזאַמלונג; די באַצויבערנדיקע נאַדיע; די פרייד פון ערשטן דערפאָלג נאָכן פאַרטיילן די פּראָקלאַמאַציעס... זיין ערשטע דירעקטע באַגעגעניש מיט נאַדיען, איר ערשטע לעקציע, דער געשמאַקער טיי מיט די זיסע קיכלעך און... היינט — אַט־דער מיעסער דורכפאַל...

„איך בין אַ גאָרנישט, אַן אומגעלומפּערטער גאָרנישט.״ — האָט שימשל זיך אין געדאַנק אַ זאָג געטאָן. — „וואָס וועלן איצט נאַדיע און יעגאָר טראַכטן וועגן מיר?... אַ גאָרנישט, אַ נאַר... וואָרים ווען איך וואָלט געהאַט סייכל, וואָלט איך פאַרשטאַנען ניט צו גיין אַ צווייטן מאָל אַפן זעלביקן פּלאַץ צו פאַרטיילן די אויפרופן... איצט וועלן זיי אַפילע ניט וויסן וואָס עס איז געשען מיט מיר און וואו איך בין אַהינגעקומען...״

דאָס האָט שימשלען שטאַרק געערגערט און ער האָט גענומען טראַכטן וועגן אַ וועג ווי אַזוי צו לאָזן וויסן יעגאָרן וואו ער געפינט זיך. פאַרשטאַנען האָט ער, אַז דירעקט צו לאָזן וויסן יעגאָרן, איז אַ געפאַר, ווייל די פּאָליציי...

די טיר פון קאַמער האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעעפנט. אין דער ליכט פון דעם הינטערגרונט אַף יענער זייט טיר, האָט שימשל דערזען אַ פּאָליציאַנט. יענער האָט דונערנדיק אַ ברום געטאָן:

— העי, דו, פאַרשיווער זשידיוגע, שטעל זיך אויף און קום מיט מיר!...

מיט מאַטערניש און שטאַרקע ווייטיקן אין קערפּער, האָט שימשל זיך קוים אויפגעהויבן און איז, אַ שווייגנדיקער, געגאַנגען מיטן פּאָליציאַנט.

נאָכאַמאָל האָט מען אים געפרעגט די זעלביקע פראַגעס און ווידער פאַר־שריבן זיינע ענטפערס. נאָך דעם האָבן צווי פּאָליציאַנטן אים אָנגעטאָן קליינע קייטעלעך אַף די הענט און אים אָוועקגעפירט צום זשאַנדאַרם־פּאָלקאָווניק...

יענער, דער זשאַנדאַרם־פּאָלקאָווניק, — אַן איידעלער, דאַרער מאַן מיט אַ מין ווייכן דאָקטער־פּאָנים, — האָט שימשלען אויפגענומען גאַנץ אַנדערש ווי דער פּריסטאַוו. גלייך ווי מען האָט שימשלען אַריינגעפירט אין זיין קאַבינעט, האָט יענער — אַ שמייכלדיקער — אים געזאָגט אַ גוטן־אָוונט, גוטמוטיק אים געבעטן זיצן, מאַנירלעך אויסגעצויגן אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן צו אים און, מיט אַ געלאַסן־שטילער שטימע, ווי אויסגעזוזונגען:

— פאַררויכערט, גאָלובטשיק!... אַז איר וועט רויכערן, וועלן מיר דאַן פיל בעסער און באַקוועמער קאָנען שמועסן... פילט זיך דאָ ווי מיין גאַסט, מיין ליבער... וואָרים נאָך אַלעמען, זע איך דאָך, אַז איך האָב דאָ צו טאָן ניט מיט קיין מערדער, אָדער אַ גאַסן־יונג, נאָר מיט אַ גאַנץ בעקאָוועדיקן, ערלעכן מענטש... עפשער ניט אַזוי, האַ?...

שימשל האָט פון דער זייט פאַרדעכטיק אַ קוק געטאָן אַפן זשאַנדאַרם־פּאָל־קאָווניק און, כאָטש ער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג צו פאַררויכערן, האָט ער גלייך באַגריפן, אַז דאָס איז אַזאַ מין קונץ צו עפענען זיין מויל און האַרץ.

— איך האָב דאָ פאַר זיך אייער פאַל, — איז יענער אַנגעגאַנגען מיט אַ געלאַסן־רויִקער אינטאָנאַציע, — די פּאָליציי גיט מיר דאָ איבער, אַז מען האָט אייך געכאַפּט ביים פאַרטיילן רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס, און אַז מען דאַרף אייך דערפאַר... אָבער מאָלע וואָס די פּאָליציי זאָגט... מיר ווייסן דאָך, אַז זיי זענען צו איבערגעאיילט אַרויסצוטראָגן אַ פּסאַק... מיר ווייסן אָבער בעסער... האַ, עפּשער ניט אַזוי?... מיר פאַרשטייען גאַנץ גוט, אַז עס קאָן אַמאָל זיין, איר זאָלט אינגאַנצן זיין אומשולדיק... נו, וועלן מיר דעריבער איצט אָנהויבן פון סאַמע אָנהויב... עפּשער ניט אַזוי, מיין ליבער, האַ?...

ער האָט אַראָפּגענומען די גאָלדענע פּענסנע פון דער נאָז, געקלאַפּט מיט דעם איבער זיינס אַ פינגער, ווי ער וואָלט זיך געאײשעוועט וועגן עפּעס, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף שימשלען און אים אַ פרעג געטאָן:

— עפּשער אַ גלאָז טיי, מיין ליבער, צי קאַלט וואַסער, אָדער...

שימשל — כאָטש ער איז געווען שטאַרק דאָרשטיק — האָט זיך אָבער גלייך באַהערשט ניט אונטערצוגעבן זיך, און פּראָסט געענטפערט:

— אַ דאַנק אייך, וואַשע וויסאָקאָ־בלאַהאָראָדיע. איך וויל גאָרניט!...

דער אָפיציר האָט שעלמיש אַ שמייכל געטאָן:

— מיילע, אַז איר ווילט ניט, וועל איך אייך ניט נייטן. איך פיר זיך אַזוי און צווינג קיינעם ניט...

און נאָך אַ רעגע שווייגן, ווידער אַ זאָג געטאָן:

— נו, אויב אַזוי, וועלן מיר אָנהויבן. ערשטנס, ווי איז אייער נאָמען?

שימשל האָט אים געענטפערט.

— ריכטיק! — האָט יענער, אַריינקוקנדיק אין פּאַפּיר, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — וואו וואוינט איר?

שימשל האָט אים געזאָגט זיין אַדרעס.

— ווידער ריכטיק! — האָט יענער אויסגעזונגען. — וואו אַרבעט איר?

שימשל האָט אים געזאָגט.

— דאָס שטימט אויך! — האָט דער אָפיציר מיט אַ געמאַכטן שמייכל צופרידן אַ זאָג געטאָן. — איצט וועלן מיר איבערגיין צום איקער. זאָגט מיר, מיין ליבער, וואו האָט איר גענומען אָט־די פּראָקלאַמאַציעס?

— אַ מאַן האָט זיי מיר געגעבן צו פאַרטיילן. — האָט שימשל אָפּגעזאָגט.

— ווער איז ער, דער מאַן?

— איך האָב שוין געזאָגט: איך ווייס ניט. איך קען אים ניט.

— פאַרוואָס זשע האָט איר זיי גענומען ביי אים?

— ער האָט מיר באַצאָלט דערפאַר. — האָט שוין שימשל געהויבן די שטימע.

— באַצאָלט? — האָט יענער געפרעגט. — איר זאָגט דאָך, אַז איר אַרבעט אין האָפן. צו וואָס זשע האָט איר געדאַרפט אָננעמען נאָך אַרבעט?...

— קעדיי צו פאַרדינען אַ ביסל עקסטרע געלט אף צו קאָנען דינגען זיך אַ לערער, וואָס זאָל מיך לערנען לייענען און שרייבן...

דער זשאַנדאַרם־פּאָלקאָווניק האָט אים פאַרכידעשט אָנגעקוקט:

— זייער פיין, אינטערעסאַנט! דאָך, וואו וואוינט אָט יענער מאַן?...

— אויך דאָס האָב איך שוין געזאָגט דער פּאָליציי, — האָט שימשל שוין אומגעדולדיק געזומען ענטפערן. — איך האָב געזאָגט, אַז איך ווייס ניט...

— ווייסט איר טאַקע ניט? — האָט דער אָפיציר איראָניש געזאָגט, אָבער דערביי נאָך אַלץ גלעטנדיק געקוקט אין שימשלס אויגן אַריין. — איך מיין, אַז ווען מען נעמט ביי עמעצן עפּעס צו טאָן, ווייסט מען ווער און וואו ער איז...

— ער האָט מיך אָפּגעשטעלט אף דער גאַס, מיר באַצאָלט, געגעבן די מעלדונגען און געזאָגט וואו איך זאָל זיי אויסטיילן. — האָט שימשל גיך גערעדט. — אַבי ער האָט מיר נאָר באַצאָלט, גייט מיך ווייטער גאָרניט אָן...

— און איר ווייסט ניט, זאָגט איר, וואָס אין די פּאַפּירלעך איז געשריבן?...

— איך ווייס יאָ. — האָט שימשל פּראָטעסטירט. — דער מאַן האָט מיר געזאָגט. עס איז אַ מעלדונג וועגן אַ נייעם טיי־טראַקטיר, וואָס דאַרף זיך עפענען. אָט, עס איז דאָך דערויף אָפּגעדרוקט אַ טשאַייניק מיט אַ גלאָז טיי!...

דער זשאַנדאַרם־פּאָלקאָווניק האָט געקוקט אפן פּאַפּירל און געשמייכלט:

— נו גוט, וועלן מיר אָננעמען, אַז איר ווייסט טאַקע ניט וואָס עס איז געשריבן אין די פּאַפּירלעך. אָבער דאָס מיינט דאָך ניט, אַז איר ווייסט טאַקע ניט ווער עס האָט אייך די פּאַפּירלעך געגעבן...

שימשל האָט זיך אומגעדולדיק אַ דריי געטאָן אף דער שטול:

— אַז איך וואָלט געוואוסט, וואָלט איך אייך גלייך געוועזן געזאָגט. וואָרים וואָס איז דען דאָ פאַראַן צו באַהאַלטן?...

דער פּאָלקאָווניק האָט געשוויגן, געקוקט פון איבער דער פענסנע אף שימשלען און געטראַכט אַ ווייל. דערנאָך האָט ער ווידער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, פאַרגעלייגט שימשלען צו פאַררויכערן, פון וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, און ווידעראַמאָל אין זעלבן ווייכן טאָן גענומען רעדן:

— זאָגט מיר, יונגערמאַן, איך בעט אייך. איר זענט דאָך אַ איד, ניט עמעס?... היינט ווי זשע קומט עס, וואָס איר פאַרדעקט און באַשיצט זיי, די ניט־אידן, די בונטאָווששיקעס?... ווייסט איר דען ניט, אַז זיי, די אויסוואורפן, וואָס האָבן אייך געגעבן די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציעס צו פאַרטיילן, האָבן ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק דורכגעפירט אַ פּאָגראָם אף אידן?!...

— אָ, דאָס ווייס איך גאַנץ גוט! — האָט שימשל ביטער אַ שניט געטאָן. — די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן טאַקע אומגעבראַכט מיין אַלטע מאַמע!...

— נו, זעט איר שוין, אַז איך בין גערעכט! — איז דער פּאָלקאָווניק ווי פריילעכער געוואָרן, אָפּאָנים אָננעמענדיק, אַז ער האָט געעפנט דעם צאַפּן און שימשל

איז גרייט צו רעדן. — זאָגט זשע מיר, טייערער, ווי קומט עס, וואָס איר לאָזט זיך אַזוי אויסניצן פון זיי און פאַרדעקט זיי?... זעט איר דען ניט, אַז אַלץ וואָס זיי זענען אויסן געווען, איז צו ברענגען צאָרעס אף אייך?...

שימשל האָט געשוויגן. דער פאָלקאָווניק האָט גענומען אַרויסווייזן סימאָנים פון אומגעדולד און אַפילע גענומען קלאַפּן מיט אַ פויסט אין טיש:

— איר זאָגט אונדז בעסער וואו איר האָט גענומען די בלעטלעך, ווער עס האָט זיי אייך געגעבן... איך זאָג אייך צו, אַז אויב איר וועט מיר אויסזאָגן, וועט אייך פערזענלעך קיין שלעכטס ניט געשען. פאַרקערט: איך וועל שוין זען, אַז מען זאָל אייך דערפאַר גוט באַלוינען...

שימשל האָט געקוקט אף אים און אַלץ געשוויגן. דער פאָלקאָווניק האָט זיך גענומען דרייען, דראָען, אַז אויב ער וועט ניט אויסזאָגן, וועט מען אים אף קאַשע צעמאָלן, ניט איבערלאָזן קיין גאַנצן ביין אין זיין קערפּער. אָבער ער, שימשל, האָט אַפילע קיין קלאַנג מער ניט אַרויסגעבראַכט.

דער זשאַנדאַרם-פאָלקאָווניק האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ דריק געטאָן עפּעס אַ קנעפּל ביי זיך אפן שרייב-טיש, און באַלד זענען אַריין צוויי זשאַנדאַרן, וואָס האָבן — אף זיין וואונק — שימשלען אַראָפּגעפירט אין אַ קאַמער מיט אַרעסטירטע.

אַ הונגעריקער, אַ מידער, — מאַמעש פילנדיק ווי די קויכעס לאָזן זיך ביי אים אויס, — איז שימשל אַוועקגעפאַלן אף דער נאַרע דאָרט און איז גלייך איינגעשלאָפן...

* * * * *

קאַפּיטל אַכט

אַ צעפּייניקטער פון הונגער און פון אַ שאַרפער בייסע־ניש איבערן גאַנצן קערפּער, — האָט שימשל זיך אַ כאַפּ־אויף געטאָן פון שלאָף און זיך האַסטיק אויפגעזעצט. ער האָט אויסגעזען צעטומלט, ווי ער וואָלט אַפילע ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך.

ער האָט זיך פאַרווירט אַרומגעקוקט. געזען, אַז ער געפינט זיך אין אַ קליינער, ענגער קאַמער מיט נאַרעס ביי די זייטן פון צוויי ווענט. דורך אַ קליין, געגראַטעטע פענצטערל, הויך אין דער דריטער וואַנט, האָט זיך געזען, ווי אין שאָטן, אַ מויער פון טונקל־ברוינע ציגל און — איבער דעם — אַ שמאָל שוואַרץ פּאַסיקל הימל. ביי דער פערטער וואַנט, וואו עס איז געווען אַן אייזערנע טיר, איז — מיט אַ ברעטל צוגעדעקט — געשטאַנען אַ שמוציק הילצערן שעפל, וואָס האָט צעשפּרייט איבער דער קאַמער אַ פאַרדומפּענעם געשטאַנק. פונעם פאַרקאָפּ־טשעטן באַלקן איז אָף אַ דראָט אַראָפּגעהאַנגען אַ קליין קעראָסין־לעמפּל, וואָס האָט זיך געהוידעט הין און צוריק. אָף די נאַרעס — אַ צאָל מענטשן. עטלעכע פון זיי זענען געשלאָפן, אָדער געדרימלט זיצנדיק. אַנדערע זענען געזעסן אין גרופּ־קעס מיט פאַרלייגטע פיס אונטער זיך און געשפּילט אין קאָרטן...

שימשל האָט באַטראַכט די מענטשן, דערפילט אַ דראַנג צו רעדן צו עמעצן פון זיי, אָבער עפּעס מוירע געהאַט אָנצוהויבן. יענע האָבן אים ניט פאַרטשעפּעט, נאָר ווי פון דער זייט געוואָרפן בליקן צו אים. עס האָט אויסגעזען, אַז אויך זיי זוכן אַ געלעגנהייט אָנצוהויבן רעדן. מיטאַמאָל האָט איינער פון זיי — אַ יונגער יאַט מיט קליינע וואָנצעלעך — אים פונדערווייטנס אַ פרעג געטאָן:

— געכאַפּט, זעט אויס, אַ פיינעם מאַטנעס־יאַד פון די מענטעס, האַ?...

דאָס האָט אַפּאָנים געבראָכן דאָס שווייגעניש און נאָך איידער שימשל האָט געקאָנט ענטפערן, האָבן זיך אָף אים אָנגעהויבן שיטן נאָך פראַגעס:

— פאַר וואָס האָט מען דיך געקאַפּעט, יאַטעלע? — האָט איינער געפרעגט.

— וואָסער מאַסע־מאַטן האָסטו געמאַכט?... — האָט אַ צווייטער צוגעוואָרפן.

— ביסט אַ מאַרעוויכער, אַ שפּרינגער, צי אַ שאַבער?...

דער ערשטער, דער וואָס מיט די קליינע וואָנצעלעך, איז צוגעטראָטן צו שימשלען, גוט־ברודעריש אים אַ קלאַפּ געטאָן אָף דער פּלייצע און געפרעגט:

— רויכערסט, ברודער?...

שימשל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ווי איך זע, ברודער, ביסטו אַהערגעקומען נאַקי, אָן אַ פּאַפּיראָסל אַפילע. מען האָט ביי דיר, זעט אויס, אַלץ אָפּגעשאַרט, אַ־יאָ?... נו, אויב יאָ אַזוי, — האָט יענער ווייטער געזאָגט, — פאַררויכער זשע מיינס אַ פּאַפּיראָסל!...

ער האָט שימשלען דערלאַנגט אַ פּאַפּיראָס. שימשל האָט פאַררויכערט, טיף און ליידנשאַפטלעך זיך פאַרצויגן, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט כאָטש עטוואָס פאַרטרייבן דעם הונגער, וואָס האָט אים געפּייניקט. ער האָט געדאַנקט פאַרן פּאַפּיראָס און מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— ווען גיט מען דאָ עפּעס צו קייען?...

די יאָטן אין קאַמער האָבן זיך צעלאַכט:

— ביסט, זעט אויס, נאָך אַ כאָדעשל, ברודער! — האָט דער יונגער יאָט גוטמוטיק געשמייכלט. — זייער שיין וועסטו דאָ טאַקע אויסזען מיט זייער עסן. אויב דו האָסט ניט ווער עס זאָל דיר ברענגען שפּייז פון דרויסן, מעגסטו זיך באַצייטנס צוגעוואוינען צום עסן פון אָט דער פּאַראַשע! — האָט ער אָנגעוויזן אויפן שמוציקן שעפל ביי דער טיר. — עס האָט איין טאַאַם, זאָל איך אַזוי לעבן!...

שימשלען איז ניט גוט געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין די הענט אַריין. געטראַכט האָט ער, אַז ער האָט טאַקע ניט קיינעם, וואָס זאָל אים ברענגען עסן. פריער, מיט עטלעכע וואָכן צו־ריק, וואָלט נאָך אַוואַדע די מאַמע זיינע — כאָטש אַלט און שוואַך — זיך געוועזן געשלעפּט אַהערצו מיט אַ טעפּל געקעכטס פאַר אים... ער וואָלט אַוואַדע אויך ניט אויסגעגאַנגען פון הונגער, ווען ער וואָלט נאָך געהאַט איינע פון זיינע „קאַלעס“, — די דינסט־מיידלעך, וואָס פלעגן זיך מאַמעש קלעפּן צו אים. אָט, אַשטייגער מוסיע, די וואָס ער האָט — נאָכן אַהיימקומען אַ צעבראָכענער איבער דער מוטערס טויט — פּאַשעט אַרויסגעטריבן, ווען זי איז געקומען צו אים אין צימער אַריין, צו פאַרברענגען מיט אים... זי, מוסיע, וואָלט זיכער אים געבראַכט פון דעם שענסטן און בעסטן דאָס האַרץ צו דערכאַפּן... איצט, אָבער, ניט ער האָט עמעצן, ווער עס זאָל אים ברענגען עפּעס די נעשאָמע צו דערהאַלטן, און ניט ער האָט אַ קאָפּיקע געלט מיט זיך, אַף צום קויפן עפּעס, אויב מען זאָל עס אַפילע קאָנען טאָן... ער איז געוואָרן מאַמעש פאַרצווייפלט...

„האָסט עס טאַקע נייטיק געדאַרפט, שימשל“, — האָט אַ געדאַנק אַ גריזשע געטאָן ביי אים אין מויעך. — „נייטיק געדאַרפט קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אַריין... וואָס האָט דיר דען געפעלט פריער, איידער דו האָסט זיך געלאָזט צורעדן פון יעגאָרן?... געלעבט פריי ווי אַ פויגל, געגאַסן פון לעבן, געהאַט צו פרעסן און צו זויפן, און מיידלעך — וויפל און וועלכע דו האָסט נאָר געוואָלט... פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן, שלימאַזל איינער?!...“

אַ טראַכט געטאָן, און גלייך — פּונקט ווי ער וואָלט זיך געקריגט מיט עמעצן — גענומען צוריקשמייסן:

„פאַרוואָס איך האָב עס געטאָן? — איבער דעם פּאָגראָם! איבער דער מאַמעס טויט! ווייל די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן זי אומגעבראַכט, אָט פאַרוואָס!...“

שימשל האָט זיך געפרייט, וואָס ער האָט גלייך געפונען דעם ענטפער, אָבער באַלד זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז ניט אַלץ. וואָרים ווען דאָס וואָלט יאָ געווען אַלץ, ווי זשע קומט עס, וואָס יעגאָר און אַנדערע ניט־אידן, טוען דאָס?...

מיטאַמאָל איז דער באַכער מיט די וואָנצעלעך — יאַנקל בייגעלע, האָט מען אים גערופן — ווידער צוגעקומען צו אים, ווידעראַמאָל אים גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און אַ זאָג געטאָן:

— אַ, זאָרג זיך ניט, ברודערל, וועסט דאָ ניט פאַרפאַלן ווערן! ביסט דאָ צווישן אייגענע יאַטן און מיר וועלן דיך ניט לאָזן פאַלן. אָט, אַז מיין „קאַלע“ וועט מיר שפּעטער ברענגען עסן, וועל איך איר אָנשרייבן אַ קוויטעלע, אַז זי זאָל פון איצט אָן ברענגען טאָפּלטע פּאָרציעס מיט צוויי לעפל און... נישקאָשע, וועסט זיך ווי ניט איז פּאָזשיווען לעבן מיר!...

ער האָט אים דערלאַנגט אַ שטיק ברויט מיט אַ שטיקל וואורשט, וואָס איז אים געהאַט איבערגעבליבן פון אינדערפרי. שימשל האָט זיך זשעדנע צוגעכאַפּט דערצו, אָפּגעביסן אַ שטיק ברויט, פאַרביסן מיט וואורשט, פאַרטרונקען מיט אַביסל לעבלעך וואַסער פון עמער און שטום געדאַנקט יאַנקלען פאַר דער טויווע...

שימשל האָט קוים באַוויזן עטלעכע קיי צו טאָן, ווי די טיר פון קאַמער האָט זיך פּלוצלונג אָן עפן געטאָן. אַ פּאָליציאַנט האָט אויסגערופן זיין נאָמען, גע־הייסן אים גיין מיט זיך, און אים צוריק אַרויפגעפירט צום זשאַנדאַרם־פּאָלקאָוו־ניק, וועלכער האָט אים ווידער געשטעלט די זעלביקע פראַגעס ווי פריער.

נאָכן אָפּהאַלטן אים אַריבער אַ שאָ צייט און גאַרניט אַרויסגעקראָגן פון אים, האָט מען אים צוריק אַראָפּגעפירט אין דער קאַמער. עס איז שוין געווען נאָך וועטשערע. אַלע האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן. אַפילו יאַנקל בייגעלע, דער וואָס האָט אים פריער געהאַט צוגעזאָגט זיך צו טיילן מיט זיין שפּייז... אָבער גלייך האָט יענער אים צוגעטראָגן אַ טעפּל מיט עסן, וואָס ער האָט פאַר אים איבערגע־לאָזט, אַז שימשל האָט זיך אַזש דערמיט מעכאַיע געווען... יאַנקל בייגעלע איז געשטאַנען לעבן אים, געשמייכלט אַ צופרידענער און פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— האָסטו זי כאַטש געזען, מיין „קאַלע“, מיין אידך?! זי וואַרט אינדרויסן, אין קאָרידאָר, אַפן טעפּל. זי איז אַ הויכע, מיט פאַרלייגטע בלאָנדע צעפּ אַרום דעם קאָפּ, — אַ פאַרשוין — אַ מעכאַיע צו קוקן אָף איר!...

— איך האָב געזען עטלעכע מיידלעך אינדרויסן! — האָט שימשל, קייענדיק, זיך פאַרענטפערט. — אַ שאַד, וואָס איך האָב פריער ניט געוואוסט ווי זי זעט אויס. איך וואָלט איר איבערגעגעבן אַ גרוס פון דיר. אַ שאַד, אַ שאַד!...

יאַנקל בייגעלע האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ:

— מיילע, פאַרפאַלן. אַ צווייט־מאָל וועסטו שוין וויסן... איצט, ברודערל,

זעץ זיך אַוועק און שרייב אָן אַ קוויטעלע צו איר, אַז זי זאָל מאָרגן ברענגען טאָפּלטע פּאָרציעס... איך וועל עס אַריינלייגן אין טעפּל און...

שימשל האָט זיך אומבאַקוועם אַ דריי געטאָן און שעמעוודיק געזאָגט:

— איך... איך קאָן ניט שרייבן, יאַנקל. איך האָב זיך טאַקע ערשט נאָר־וואָס אָנגעהויבן לערנען, ווען מען האָט מיך מיטאַמאָל אַרעסטירט...

יאַנקל האָט אַ הייב געטאָן די אַקסלען און מיט אַ פריילעך געמיט געזאָגט:

— איך האָב אויך ניט געוואָלט לערנען. געוואָרן אַ מאַרעוויכער צו צען יאָר. איצט דאַרף איך אָנקומען צו אַנדערע, וואָס זאָלן שרייבן פאַר מיר אַ צעטעלע, אָדער אַ בריוול, ווען איך דאַרף...

ער איז צוגעגאַנגען צו אַ בלאָנדן, זעכצן־יאָריקן אינגל, וואָס איז געווען אַרעסטירט פאַר עפּעס אַ מינדערוויכטיקער זאַך, און האָט אים געהייסן אָנשרייבן דאָס קוויטעלע, דיקטירנדיק:

— שרייב איר, ברודערל, אַז איך בין געזונט און שטאַרק, דאָס זעלבע פון איר צו הערן; אַז זי זאָל מיר פון מאָרגן אָן ברענגען טאָפּלטע פּאָרציעס עסן מיט צוויי לעפל און מער פּאַפּיראָסן, און לאָז זי גריסן פון מיר!...

ער האָט דאָס קוויטעלע איינגעוויקלט אין אַ שטיקל צעקייעטן ברויט און עס אַריינגעלייגט אין טעפּל אַריין. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר, אָנגעקלאַפּט און גערופן דעם וועכטער־פּאָליציאַנט ביים נאָמען. באַלד האָט זיך אין דער טיר אָן עפן געטאָן דאָס קליינע פאָרטקעלע, דורך וועלכן ער האָט יענעם אַרויסדערלאַנגט דאָס טעפּל, צוגעבנדיק:

— גיב עס איבער מיין מיידל, פּיאָדאָר. זי וועט דיך שוין באַפרידיקן...

דער פּאָליציאַנט האָט אַ ברום געטאָן אונטער דער נאָז, ווי אַ דאַנק, און צוריק צוגעמאַכט דאָס פאָרטקעלע...

שימשל איז געוואָרן אַביסל אויפגעהייטערטער, כאָטש טיף אין האַרצן ביי אים האָט נאָך אַלץ געגריזשעט דער פאַרדראָס אפן מיעסן דורכפאַל, וואָס ער האָט געהאַט... ער האָט זיך געפילט אומבאַהאָלפן, פאַרלוירן, און ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן און צו וועמען ער זאָל זיך ווענדן. ער האָט אַפילו ניט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף, וואָס עס דערוואַרט אים און וויפל ער וועט דערפאַר אַריינכאַפּן... פאַרשטאַנען האָט ער בלויז, אַז ער דאַרף געדולדיק וואַרטן אפן אויסגאַנג, און אַלץ געהאָפט, אַז עס זאָל כאָטש וואָס גיכער געשען, — מעג עס זיין אַפילו דאָס ערגסטע, אַבי ער זאָל עס וואָס גיכער איבערקומען...

אים איז פּאַשעט ווי אין לעבן געגאַנגען צו וויסן, ווי יעגאָר, נאַדיע, די אַנדערע נייע כאַווירים זיינע, וואָלטן געהאַנדלט ווען זיי וואָלטן געוואוסט וואו ער געפינט זיך. וואָלטן זיי אים געבראַכט עסן, פּאַפּיראָסן, קלאָרע וועש, און ביכלאַל אים ניט געלאָזט אומבאַהאָלפן איינעם אַליין, אָן פריינט?...

„אָבער ווי אַזוי לאָזט מען זיי וויסן וואו ער געפינט זיך?... די פּאָליציי וואַרט

דאָך נאָר אַוואַדע אויף דעם, אַז ער זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט עמעצן, קעדיי גלייך צו קאָנען יענעם אַריינכאַפּן אין דער נעץ אַריין...״

טראַכטנדיק אַזוי וועגן דעם, איז אים מיטאַמאָל איינגעפאַלן:

„עפּשער טאַקע בעטן יאַנקל בייגעלעס קאַלע, זי זאָל צוגיין אין האַפּן און איבערגעבן יעגאָרן, אַז ער איז אַרעסטירט און געפינט זיך דאָ?...״

דער געדאַנק איז אים געפעלן און ער האָט באַשלאָסן צו רעדן וועגן דעם מיט יאַנקלען, ווען יענער וועט ניט זיין פאַרנומען מיט קאָרטן־שפּיל...

אין קאַמער איז דערווייל גאַנץ טונקל געוואָרן. דער וועכטער־פּאָליציאַנט איז אַריינגעקומען און אָנגעצונדן דאָס קליינע קעראָסין־לעמפּל, וואָס האָט מיט אַ פּיל־שפּיציקן, רויטלעכן פלעמל — ווי מיט עפּעס אַן אויסטערלישער צונג — גענומען צאַנקענדיק צעוואַרפן אַ שוואַכע ליכט אַרום זיך, און דערמיט נאָך שאַרפער געמאַכט די וויסטע פינצטערניש פון דער קאַמער... אַ טייל יאַטן האָבן זיך אויסגעצויגן אויף די הוילע נאַרעס און איינגעשלאָפן. אַנדערע זענען סטאַם געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן די ווענט, געטראַכט אָדער געדרימלט. אַ גרופּקע פון פיר איז — פונקט ווי פריער — געזעסן אין אַ ווינקל נאַרע און געשפּילט אין קאָרטן ביים ליכט פון אַ שטיקל סטעאַרין־לעכט. דאָס אָטעמען און שנאָרכען פון די אַרום צוואַנציק מענטשן האָט זיך צונויפגעמישט מיט דעם שורשען פון די קאָרטן און זיך צוזאַמען געטראָגן מיטן פאַפּיראָסן־רויך אין דער לופטן...

מיטאַמאָל האָט שימשל באַמערקט, ווי צוויי פון די אַרעסטירטע זענען אַרונטערגעקראָכן אונטער דער נאַרע, אויף וועלכער ער איז געזעסן, און זענען דאָרט ווי פאַרפאַלן געוואָרן. אַ פאַרכידעשטער האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן, אַרונטערגעקוקט אונטער דער נאַרע און דערזען, אַז דאָרט, אין דער וואַנט אונטער איר, איז פאַראַן אַ היפּשער לאָך, דורך וועלכן אַ מענטש קאָן לייכט דורכקריכן. ער האָט געקוקט און ניט געקאָנט פאַרשטיין וואוהין דער לאָך פירט. „ניט שוין זשע״, — האָט ער געטראַכט, — „פירט עס צום דרויסן, און די צוויי יאַטן האָבן זיך פּאַשעט אַרויסגעכאַפּט אויף דער פריי?...״

שימשל האָט אָבער ניט געדאַרפט לאַנג טראַכטן וועגן דעם רעטעניש. באַלד איז צו אים צוגעקומען יאַנקל בייגעלע און אים פאַרטרוילעך געזאָגט:

— הער, ברודערל, אויב דו ווילסט קאָנסטו אויך אַריינקריכן אַהינצו, אין דער פרויען־קאַמער. פאַרשטייסט, דאָרט זיצן איצט עטלעכע וואוילע קוקלעס... איינע — נאָך אַ גאָר יונגע און אַ שיינע, מיט קיילעכדיקע ציצלעך און אַ טעכעסל — ווי אַ פידל — אַ מעכאַיע צו שפּילן... אַ צווייטע איז דאָרט דאָ, — אַ געל־האָריקע געזונטע שטוקע, — אַן אָסאַבע, וואָס צעוואָרעמט אַזוי, גאָרניט ווי פאַר געלט, נאָר ווי פון עמעצער ליבע... וועסט זיך דאָרט קאָנען אויסקלויבן וועלכע דו וועסט נאָר וועלן און... זיי רעכענען ניט טייער אויך...

שימשל — אַ פאַרטראַכטער — האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און אויסגעברומט:

— ניין, יאַנקל, אַ דאַנק... איך...

יאַנקל האָט אים, ווי זיין געוואוינשאַפט איז געווען, ווידער גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און ברייטהאַרציק געזאָגט:

— אָ, איך פאַרשטיי, האָסט ניט קיין קלינגערס מיט זיך... נו, נישקאָשע, דאַרפסט זיך ניט זאָרגן. איך וועל דיר לייען... איך האָב גענוג קעז... איך האָב ערשט־אָ, פאַרשטייסטו מיך, צעשאַבערט אַ קיסל און פאַרדינט אַ היפּשע פּאָר שוואַליערס פון דעם מאַסעמאַטן...

שימשל האָט אים געדאַנקט און זיך אָפּגעזאָגט. דערביי האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז איצט איז די ריכטיקע געלעגנהייט צו רעדן מיט אים, ער זאָל בעטן זיין „קאַלע", זי זאָל צוגיין אין האָפן און דאָרט לאָזן וויסן יעגאָרן, וואָס עס איז געשען מיט אים און וואו ער געפינט זיך...

יאַנקל האָט אים צוגעזאָגט דאָס צו באַזאָרגן און גלייך אַ פרעג געטאָן:

— הער נאָר, ברודערל, פאַרוואָס ביסטו אַזוי סעקרעטנע? וואָס באַהאַלטסטו פון אונדז? פאַרוואָס זאָגסטו ניט פאַר וואָס מען האָט דיך געסויגערט? עפשער וועל איך עפּעס קאָנען טאָן פאַר דיר... אָט, מיין „קאַלע" וועט היינט־מאָרגן גיין צום מוישל, זיך לייגן פאַר אים אין דער לענג און אין דער ברייט, פאַרגיסן זיינע ציין מיט אַ פּאָר באַבקעס, און איך וועל זיין אַ פרייער פויגל... קאָן זיין, אַז פאַר איין וועג וועט זי קאָנען עפּעס אויפטאָן פאַר דיר אויך...

שימשל האָט פאַרשעריש געקוקט יאַנקלען אין די אויגן אַריין, געטראַכט צי ער זאָל אים זאָגן, און ענדלעך אויסגעפּלאַצט:

— מען האָט מיך אַרעסטירט ביים אויסטיילן פּראָקלאַמאַציעס, — אויפרופן צום ערשטן מאַי!...

יאַנקל, דערהערנדיק דאָס, האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן:

— אָ, ביסטו, הייסט עס, פון יענע פייגל?!... אַבי איך האָב געמיינט...

שימשל האָט דערשפּירט יענעמס אַנטוישונג, און מוירע געקראָגן, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער וואָס ער האָט עס אים געזאָגט. ער האָט צוגעגעבן:

— פאַרשטייסט, יאַנקל, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב ניט געוואוסט וואָסערע פּאַפּירלעך דאָס זענען געווען. מען האָט מיך געדונגען זיי אויסצוטיילן און מיר באַצאָלט דערפאַר... איך בין אינגאַנצן אומשולדיק...

— דאָס קאָנסטו דערציילן די מענטעס, דעם מוישל, אָבער ניט מיר, — האָט יאַנקל שטעכעלירט. — איך האָב אָבער גלייך געזען, אַז דו ביסט ניט קיין בלאַטער, פון מיין שטייגער, נאָר אַ פראַנצעוואַטער יאָלד...

ער איז צוריק אַוועק צו זיין קאָרטן־שפּיל און געלאָזט שימשלען זיצן אַ פאַרטיפטן אין זיינע געדאַנקען. געטראַכט האָט שוין שימשל, וואָס עס וועט איצט זיין, ווי וועט יאַנקל איצט האַנדלען? וועט ער כאַראָטע האָבן אף דעם, וואָס ער האָט אים צוגעזאָגט, צו שיקן זיין „קאַלע" אין האָפן צו יעגאָרן? וועט ער אים

נאָך דעם נאָך אַלץ העלפֿן מיט עסן און פּאַפּיראָסן, ביז ער וועט זען קריגן, אַז עמעצער פֿון זיינע פֿריינט זאָל עס אים ברענגען?...

מיט אַט די געדאַנקען האָט שימשל זיך אַוועקגעלייגט און איינגעשלאָפֿן...

אינדערפֿרי, בעאַיס דער וועכטער־פּאָליציאַנט האָט אַריינגעבראַכט דעם עמער מיט מוטנע־קאַלטן טיי, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט אינמיטן קאַמער, און גענומען אויסטיילן יעדן פֿון די אַרעסטירטע שטיקער ראַזעווע ברויט, — איז יאַנקל בייגעלע, גלייך ווי גאָרנישט, צוגעגאַנגען צו שימשלען, האָט אים גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און אַ זאָג געטאָן:

— נעם ניט דאָס פֿישעכץ. באַלד וועט מיין קאַלע ברענגען אָנבייסן פֿאַר אונדז. איך, ברודערל, אַז איך גיב מיין וואָרט — האַלט איך עס!...

און בעעמס: באַלד ווי דער וועכטער האָט אַריינדערלאַנגט יאַנקלען דעם טאָפּ מיט פֿאַרעדיקער קאַווע, פֿאַרוויקלט אין אַ האַנטעך, און אַ פּעקל עסן, האָט יאַנקל פֿאַרבעטן שימשלען מיטצוהאַלטן... גלייך נאָכן אָפּעסן האָט ער דעם אינגל געהייסן אָנשרייבן אַ קוויטל צו זיין „קאַלע", אַז זי זאָל נאָך היינט צוגיין אין האָפֿן, זיך דאָרט נאָכפֿרעגן אויף יעגאָרן, אים זאָגן וואו שימשל געפֿינט זיך, און בעטן, אַז מען זאָל אים ברענגען עסן און פּאַפּיראָסן...

שימשל האָט געפֿילט ווי צו קושן יאַנקלען דערפֿאַר. ער האָט געטראַכט: „ווי מאָדנע דאָס איז: געוויינטלעך רעדט מען וועגן גאַנאָווים ווי וועגן שלעכטע, פֿאַרהאַרטעוועטע מענטשן, אָן הערצער און אָן מיטגעפֿיל... דער עמעס, אָבער, ווי עס זעט אויס, איז פּונקט פֿאַרקערט — דאַווקע גוטהאַרציקע און מיט איידעלע נעשאָמעס... אַ קלאָרער מוסטער איז דאָך טאַקע אָט דער יאַנקל בייגעלע, דער קאַסע־ברעכער... אַפֿאַנים, אַז מענטשן זענען בעטעווע גוטהאַרציק, נאָר די פֿאַקטישע קלעפּ פֿון לעבן צווינגען אַרויף אַ דיקע הויט אף יעדן..."

אף צומאָרגנס נאָכן אַרויסשיקן דאָס קוויטעלע, איז שימשלען געקומען זען דער קורנאָסע פּימקע — איינער פֿון די טרעגער אין האָפֿן. מען האָט אים, שימש־לען, אַרויסגעפֿירט אין קאָרידאָר פֿון דער קאַמער, וואו יענער — אין דער קעגנ־וואָרט פֿון וועכטער — האָט אים איבערגעגעבן אַ בינטל קלאָרע וועש, אַ פּעקל מיט עסן, אַ פּאָר פּעקלעך פּאַפּיראָסן און עטלעכע רובל פּאַפּיר־געלט. אין יע־גאָרס נאָמען האָט ער שימשלען געזאָגט, אַז ער זאָל זיך ניט זאָרגן, ווייל זיינע פֿריינט אין האָפֿן וועלן אים ברענגען די נויטיקע זאַכן, און אַז מען האָט אָנגע־שטעלט אָן אַדוואָקאַט אים צו פֿאַרטיידיקן ביי דעם פּראָצעס...

שימשל איז געוואָרן פֿריילעך, אויפֿגעהייטערט. עס האָט אים שוין גאָרניט געאַרט און ער האָט זיך שוין מער ניט געשראָקן וואָס עס וועט געשען מיט אים. יעגאָרן האָט ער געטרויט און געוואוסט, אַז זיין צוזאָג איז הייליק...

דערווייל האָט מען אים, שימשלען, יעדן טאָג אַרויפֿגעפֿירט צום זשאַנדאַרם־פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט אים אַלץ געמאַטערט מיט די זעלביקע פֿראַגעס. ער

האָט גערעדט צו אים מיט ווייכקייט און מיט דראָאונגען, און סאָף־קאָל־סאָף איז געלאָזט וויסן, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט פאַרקומען זיין פּראָצעס. ער האָט אים געראָטן, ער זאָל זיך בעסער מוידע זיין און קריגן אַ קליינע שטראָף, איידער זיך צו האַלטן ביי דאָס זייניקע און פאַרשיקט צו ווערן ערגעץ אין ווייטן, קאַלטן סיביר אף יאָרן לאַנג...

שימשל האָט געהערט, געשוויגן, און — מיט אומגעדולד געוואַרט אף דעם פאַרשטייענדיקן פּראָצעס זיינעם...

דורך דער וואָך, וואָס שימשל איז געזעסן אין דער קאַמער, האָט מען יעדן טאָג געבראַכט נייע אַרעסטירטע און אויך אַריבערגעפירט אין טורמע דאָס ראָוו פון די פריערדיקע. פון יענע איז אין דער קאַמער געבליבן בלויז יאַנקל בייגעלע, ווייל זיין „קאַלע״ האָט אַלץ געאַרבעט אָפּצוציען זיין פּראָצעס, אין אַ פאַרזוך אים איינגאַנצן צו באַפרייען...

דעם טאָג פון ערשטן מאַי, — עטלעכע טעג פאַר שימשלס פּראָצעס, — האָט מען אין שפּעטן נאָכמיטיק אַריינגעפירט אין קאַמער עטלעכע ניי־אַרעסטירטע. צווישן זיי האָט שימשל דערקענט איינעם, וועלכן ער האָט געזען ביי דער געהיי־מער פאַרזאַמלונג. יענער האָט אָפּאָנים שימשלען אויך דערקענט, נאָר האָט אים מיט די אויגן גלייך געלאָזט וויסן, ער זאָל זיך אים ניט לאָזן דערקענען...

שפּעטער, שוין אין אָוונט, האָט יענער זיך צוגערוקט צו שימשלען, גע־בעטן מיקלוימערשט אַ פּאַפּיראָסל ביי אים, און דערביי אים איבערגעגעבן וועגן דער דעמאָנסטראַציע, וואָס איז אינדערפרי פאָרגעקומען; אים דערציילט, ווי די פּאָליציי און קאָזאַקן זענען פלוצלונג אָנגעלאָפן, געגומען שלאָגן, שיסן, און פאַר־וואונדעט עטלעכע מענטשן, און אויך אַרעסטירט אַ צאָל אַנדערע...

שימשל איז געוואָרן זייער אומרואיק. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן, ווער עס איז געטראָפן געוואָרן, און צי יעגאָר און נאַדיע האָבן זיך אויסגעדרייט בע־שאָלעם. לויט יענעמס רייד האָט ער געדרונגען, אַז עפּעס באַהאַלט ער נאָך פון אים און זאָגט ניט אַלץ אויס... ער איז דעריבער ניט אָפּגעטראָטן:

— ווער? איך בעט אייך, זאָגט מיר, ווער עס איז פאַרוואונדעט געוואָרן? — האָט ער זיך מאַמעש געבעטן. — ווער, אַ חוץ די עטלעכע, איז אַרעסטירט?...

יענער — וואַסילי האָט ער געהייסן — האָט אים פאַרכידעשט אָנגעקוקט:

— איז דען אַ כילעק ווער עס איז פאַרוואונדעט געוואָרן? — האָט ער אים אויסגערעדט. — עס איז גענוג צו וויסן, אַז די פּאָליציי האָט באַנוצט ברוטאַלע מאַכט און געשאָסן אף פרידלעכע, אומבאַוואָפנטע מענטשן!...

שימשל האָט געקוקט אף יענעם און אין די אויגן האָבן זיך אים געשטעלט טרערן, — נאָר אויסצופּלאַצן אין אַ געוויין...

* * * * *

קאַפּיטל נײַן

דער פּראָצעס, שימשלס, איז דורכגעפירט געוואָרן גיך, אין געאײַל, אַקוראַט ווי אַלץ וואָלט שוין באַשטימט געווען פון פריער. דער פּראָקוראָר — אַ דיק־אָנגעגאָסן פּעסל, וואָס האָט זיך ווי געקאַטשעט רעכטס און לינקס בעאײַסן גיין — האָט געשטאָכן מיט אַ פינגער אף שימשלען און, מיט אָנשטעל פון גרויס וואַזשנעקייט, געלאָסן גערעדט ביים פאָרברענגען די באַשולדיקונג. עס האָט ניט געהאָלפן ניט דער אַדוואָקאַט, וואָס האָט שימשלען פאַרטיידיקט, און ניט די עטלעכע אײדעס — אַרבעטער פון האַפן, וואָס האָבן געזוכט צו באַווייזן, אַז שימשל קען ניט לייענען אָדער שרייבן, און האָט דעריבער ניט געקאָנט וויסן וואָס עס איז געווען אין די פּראָקלאַמאַציעס, אַ כוץ דעם, וואָס דער מאַן, וועלכער האָט אים געדונגען זיי צו פאַרשפּרייטן, האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מעלדונג וועגן אַ נייעם טיי־טראַקטיר... דער פּראָקוראָר האָט דאַן פאַרוואָרפן דעם אָנשטעל, גענומען קלאַפּן מיט אַ פויסט אין דער אָפענער דלאָניע פון זיין צווייטער האַנט, און מיט אַ שאַרפן כריפּ געקוויטשעט, אַז אָט־די נעבעכלעך, וואָס מאַכן זיך אַזוי אומשולדיק און אומוויסנדיק, האָבן זיך פאַרלייגט צו פאַראַטן דאָס טייערע רוסלאַנד און אומצוברענגען דעם באַליבטן צאַר־פאָטערל... דער ריכטער — אַ מיטליאָריקער, רויט־פּאָנימדיקער מאַן מיט אַ גרוילעך בערדל און אַ געדיכטן ווייסן שויבער האָר, איז געזעסן אינדעראַהויך, הינטערן שטענדער, מיטן קאָפּ אָנגעלענט אף זיינס אַ האַנט, געהאַלטן די פינגער פאַררוקט אין דעם שויבער האָר, און אויסגעזען ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט געדרימלט. אָבער אַזוי גיך ווי דער פּראָקוראָר האָט באָר געענדיקט רעדן, האָט ער, דער ריכטער, זיך אויפגעכאַפּט, אויסגעגלייכט, און האָט מיט אַ געגעצנדיקן קאָל אָפּגעמורמלט פון אַ פּאַפּיר־אַרויס דעם פּסאַק־דין, וואָס האָט שימשלען פאַרמישפּעט אף פינף יאָר אין פאַרשיקונג קיין סיביר, און גלייך טרוקן צוגעגעבן, אַז דאָס פּלאַץ און די צייט דערפון וועט באַשטימט ווערן פון סלעדאָוואַטעל — דער זשאַנדאַרם־פּאָלקאָווניק...

נאָכן פּראָצעס האָט מען שימשלען אַריבערגעפירט פון דער צייטווייליקער אַרעסט־קאַמער אין דעם פּאָליטישן אָפּטייל פון דער שטאָטישער טורמע, וואו ער האָט געדאַרפט וואַרטן ביז דער פאַרשיקונג...

דאָרט, אין דער טורמע־קאַמער פאַר צווייען, איז פאַר שימשלען געווען פיל לייכטער ווי פריער. ער האָט דאָ געהאַט אַ באַזונדערע נאַרע, אַן אייגענעם שטרויזאַק, וואָס כאָטש ניט־איבעריק ריין, אָבער דאָך אַ פּלאַץ, וואו ער האָט געקאָנט

אויסציען די פיס ביים שלאָפן. דאָס עסן, וואָס מען האָט דאָ געגעבן, איז אויך געווען עטוואָס בעסער, און מען האָט דאָ געהאַט טעגלעכע שפּאַצירן פאַר אַ שאָ ציַיט אָף דער פרייער לופט, אין דעם אַרומגערינגלטן הויף פון דער טורמע... איין מאָל אין וואָך האָט מען צוגעלאָזט באַזוכער, אָף צו ברענגען שפּייז, ריינע וועש און אַנדערע נייטיקע זאַכן. דער איקער אָבער, ווי אַ פּאָליטישער אַרעסטירטער, איז שימשל דאָ, אין דער טורמע, איצט באַהאַנדלט געוואָרן מער איידל ווי פריער, דאָרט אין דער צייטווייליקער אַרעסט־קאַמער...

שימשלען איז אָבער אויסגעקומען ניט לאַנג צו זיצן אין דער טורמע. אָף דער דריטער וואָך האָט מען אים געלאָזט וויסן, אַז ער איז באַשטימט אָף פאַר־שיקונג אין אַ שטעטל פון אָמסקער גובערניע, און אַז ער זאָל דעריבער זיך צוגרייטן, ווייל דער עטאַפּ וועט אָפּפאָרן פּונקט אין אַ וואָך אַרום...

שימשל איז געוואָרן אומרואיק. און כאָטש פריער האָט ער אַלץ געוואָלט, אַז עס זאָל שוין אַ סאָף נעמען און מען זאָל אים וואָס גיכער אַוועקשיקן, איז אים אָבער איצט, נאָך דער מעלדונג, באַפאַלן אַ געדריקטקייט, אַז ער האָט זיך פּאַשעט ניט געקאָנט קיין אָרט געפינען. עפּעס איז אים מיטאַמאָל אַ שאָד געוואָרן צו פאַרלאָזן די שטאָט וואו ער איז געבוירן געוואָרן און וואו ער האָט אָפּגעלעבט זיינע אַריבער צוואַנציק יאָר... ער האָט שוין אַנגעהויבן בענקען נאָך יעגאָרן, נאָך נאַדיען, און נאָך אַלע זיינע פריינט מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געאַרבעט אין האַפן, ווי נאָך יענע, מיט וועלכע ער האָט זיך ערשט ניט לאַנג צוריק גע־האַט באַקאַנט... פאַרשטאַנען האָט ער אָבער, אַז די געדריקטקייט זיינע איז ניט אַזוי איבער דער פאַרשיקונג גופא, ווי איבער דעם איבעררייס, דעם איבער־בראָך אין זיין לעבן. ער האָט געהאַט דעם געפיל, עפּעס נאָר ווי ער וואָלט באַלד געדאַרפט דורכמאַכן אַן ערנסטע אָפּעראַציע, אָפּשניידן אַ גליד פון זיין קערפּער, וואָס וועט אים פאַרשאַפן גרויס פּיין און יעסורים...

ער איז אָבער געוואָרן אַן אויפגעלעבטער מאַמעש אין דעם באַזוך־טאָג, ווען יעגאָר איז געקומען זיך זען מיט אים. די צען מינוט, וואָס ער האָט געהאַט אָף צו רעדן מיט אים, זענען פאַר אים געווען ווי אַ יאָנטעוו. ער האָט יעגאָרן געזאָגט וועגן דעם טאָג פון זיין אָפּפאָרן, גערעדט וועגן די זאַכן אין וועלכע ער נויטיקט זיך, און געבעטן, מען זאָל אים ברענגען אַ לערן־בוך אָף צום לערנען זיך לייענען, און שרייב־פּאַפּיר מיט בלייפעדערס, אַז ער זאָל קאָנען זיך לערנען שרייבן... יעגאָר האָט אים צוגעזאָגט צו שיקן, אָדער אַליין ברענגען די פאַרלאַנגטע זאַכן פאַרן אָפּפאָרן. דערביי האָט ער שימשלען געלאָזט וויסן, אַז וואַסילי פּאַפּאָוו, דער כאַווער וועלכער איז דעם ערשטן מאַי אַרעסטירט גע־וואָרן ביי דער דעמאָנסטראַציע, מיט דער רויטער פאָן אין האַנט, און וועלכער איז עטלעכע טעג געזעסן מיט אים צוזאַמען אין דער אַרעסט־קאַמער, — וועט אויך אָפּגעשיקט מיטן זעלביקן עטאַפּ, און כאָטש זיין פאַרשיקונג־פּלאַץ איז פיל

ווייטער ווי אַמסק, — וועט ער אָבער פאָרן מיטן זעלביקן צוג און אַוואָדע אויך אין דעם אייגענעם וואַגאָן, צוזאַמען מיט אים...

שימשל האָט זיך נאָכגעפרעגט אַף נאַדיען, צי זי איז ניט אַמאָל כאָלילע פאַרוואונדעט, אָדער אַרעסטירט געוואָרן ביי דער דעמאָנסטראַציע. אַ שעמעוו־דיקער האָט ער יעגאָר געפרעגט, וואָס זי מאַכט און צי זי דערמאָנט אים אַמאָל. מיט אַ שמייכל האָט יעגאָר אים פאַרזיכערט, אַז ניט נאָר רעדט זי וועגן אים, נאָר אַז זי האָט אַפילע געוויינט, בעאייס מען האָט גערעדט וועגן זיין פאַרשיקונג... ער האָט שימשלען צוגעזאָגט צו זען, אַז נאַדיע — אויב עס וועט נאָר מעגלעך זיין — זאָל אויך קומען זיך געזעגענען מיט אים פאַרן אַוועקפאָרן...

— מיר זענען שטאָלץ מיט דיר, סאַמסאָן! — האָט יעגאָר, דריקנדיק וואַרעם זיין האַנט, אים שטיל אַ זאָג געטאָן. — איך, נאַדיע, אַלע אַנדערע פריינט, זענען שטאָלץ, וואָס דו האָסט זיך געהאַלטן פעסט, ווירדיק, נאָר ווי אַ געניטער רעוואָ־לוציאָנער... מיר האָפן, אַז דו וועסט דאָרט, אין דעם וויטן אַמסקער שטעטל, פאַרזעצן וואָס דו האָסט דאָ אָנגעהויבן. געדענק בלויז, אַז אויב דו וועסט נאָר דאָרט אַ זוך טאָן, וועסטו זיכער געפינען גוטע, אייגענע יאַטן, און קאָנען צוזאַמען מיט זיי אַרבעטן פאַר אַ גליקלעכן, באַפרייטן רוסלאַנד...

שימשל האָט יעגאָרן צוגעזאָגט ניט צו אַנטוישן אים און נאַדיען. ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט קיינמאָל ניט אויפגעבן דעם קאַמף, צו וועלכן ער האָט זיך איבערגעגעבן, מעגן אַפילע זיין די גרעסטע שוועריקייטן...

נאָכאַמאָל האָט יעגאָר אים וואַרעם אַ דריק געטאָן די האַנט, אים אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און צופרידן געזאָגט:

— נאַדיע וועט זיך שטאַרק פרייען ווען איך וועל עס איר איבערגעבן...

מיטוואָך, דעם טאָג פון אַוועקשיקן, האָט מען שימשלען אויפגעוועקט גאַנץ פרי. מען האָט אים געהייסן צוזאַמענעמען זיינע זאַכן, איינבינדן זיי אין אַ פעקל, און מען האָט אים — צוזאַמען מיט נאָך אַ צוויי צענדליק אַרעסטירטע — אַוועק־געפירט אונטער אַ באַוואָפנטער וואַך צום זשאַנדאַרם־פּאָלקאָווניק אַפן הויף. דאָרט, אין בלאָטיקן הויף, וועלכער איז געווען אַרום און אַרום באַשטעלט מיט קאָנוואָי־סאָלדאַטן אין בלויע מונדירן, האָט מען יעדן אַרעסטירטן פאַרשריבן אין אַ גרויסן בוך און אין באַזונדערע פּאַפּירן, און נאָך דעם זיי געהייסן זיך זעצן אַף דער ערד, אין אַ זייט, — וואַרטן ביז מען וועט דאַרפן גיין...

שימשל האָט אויסגעזוכט אַ שטיקל טרוקן פּלאַץ, זיך אַוועקגעזעצט מיט דער פּלייצע אָנגעשפּאַרט אָן דעם מויער, און פון לאַנגוויל גענומען רויכערן איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן. אַביסל שפּעטער האָט כאַווער וואַסילי זיך אַוועקגע־זעצט לעבן אים און פאַרפירט אַ שטילן שמועס מיט אים. ער האָט אים דערמו־טיקט, געגעבן אָנווייזונגען ווי און וואָס צו טאָן, ווי זיך צו האַלטן ביי געוויסע אומשטענדן, ווען צו פאָדערן, וואָס צו בעטן און ביכלאַל צו האָבן טאָמיד אין

זינען, אַז ער איז ניט קיין קרימינעלער פאַרברעכער און האָט געוויסע רעכטן אף וועלכע ער דאַרף באַשטיין...

ער, וואַסילי פּאָפּאָוו, איז געווען אַ הויכער, דאַרער יונגערמאַן פון אַרום אַ יאָר דרייסיק, מיט אַ בלאַסן איידעלן פּאָנים און גרויסע פאַרכאָלעמטע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שטיקלעך בלויע הימל־שפּיגעלעך. גערעדט האָט ער ווייך, געלאַסן, מיט מאָדנע ווערטער, וואָס דאָס ראָוו פון זיי זענען שימשלען אָדער אינגאַנצן פרעמד געווען, אָדער פון וועלכע ער האָט קוים פאַרשטאַנען דעם באַדייט. ער האָט אים דערציילט, אַז ער האָט געהאַט שטודירט אף דאָקטער, נאָר — איבער עקאָנאָמישע אומשטענדן — דאָס געמוזט אויפגעבן און ווערן אַ לערער אין איינער פון די שטאָטישע רעגירונג־שולן... שימשל — כאָטש ער האָט וואַסילין פאַרערט פאַר זיין קלוגשאַפט און וויסן — האָט פונדעסטוועגן געפילט אַ מין אומצוטרוי, אַ מוירע פאַר אים. עפּעס האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז ער, דער „דאָקטער", — ווי ער האָט אים מיט רעספּעקט גערופן, — איז אַ פרעמ־דער, אַ זייטיקער, וואָס איז געקומען אַ טויווע טאָן דאָס פּראָסטע פאָלק... ער איז גאָרניט ווי יעגאָר, אַשטייגער, אָדער ווי נאַדיע, וועלכע זענען אַזוי אייגן, אַזוי נאָענט און היימיש, ווי עס זענען אייגענע ברידער און שוועסטער... שימשל האָט זיך אָבער געפלייסט אונטערצודריקן אין זיך אָט־דעם אומצוטרוי־געפיל צו וואַסילין און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו אַלץ, וואָס ער האָט אים גע־זאָגט אָדער געלערנט...

נאָך עטלעכע שאָ זיצן אפן הויף, האָבן עטלעכע סאָלדאַטן אַרויסגעטראָגן פון דעם ברוינעם מויער, וואו עס איז געווען זייער קיך, צו צוויי גרויסע קו־פּערנע קעסלען מיט עסן פאַר די אַרעסטירטע. אין אַ העלפט פון די קעסלען איז געווען אַ קרויט־באָרשט מיט שווימענדיקע קרישקעס פלייש אין דעם, און אין די אַנדערע — אַ ברוינע קאַשע, באַשמאָלצן מיט כאַזער־פעטס. מען האָט די אַרעסטירטע געהייסן זיך אויסזעצן אין גרופּעס צו זעקס, אַוועקגעשטעלט פאַר יעדער גרופּע צוויי קעסלען אַזעלכע, פון וועלכע כעוורע האָבן צוזאַמען געשעפּט מיט הילצערנע לעפל, און פאַרביסן מיט שוואַרצן זעלנערשן ראַזעווע ברויט...

באַלד נאָכן אָפּעסן האָט מען אָנגעהויבן אַריינלאָזן אין הויף אַריין די מענטשן, וואָס זענען געקומען זיך געזעגענען מיט די אַרעסטירטע. ביים אַריינ־גאַנג, אין דער זייט טויער, זענען געשטאַנען צוויי טישן ביי וועלכע עס האָבן זיך געזעצט צו עטלעכע סאָלדאַטן, און יעדער באַזוכער האָט פאַר זיי געדאַרפט צעעפענען די פּעקלעך, וואָס זיי האָבן געבראַכט, איידער מען האָט זיי צוגעלאָזט צו זייערע פריינט. גיך איז דער הויף, וואָס איז געווען באַשטעלט אין אַלע זייטן מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן, פול געוואָרן מיט מענטשן און צעשוואומענע רייד, וואָס יעדע גרופּע באַזוכער האָט געפירט מיט אַן אַרעסטירטן...

שימשל האָט זיך שטאַרק דערפרייט בעאייס ער האָט דערזען, אַז נאַדיע און

יעגאָר זענען געקומען זיך געזעגענען מיט אים. ער איז געוואָרן אַזוי דערהויבן, אַזוי אויפגעהייטערט, אַז אים איז אַפילע ניט געלעגן אין זינען צו קוקן אַף די זאַכן וואָס זיי האָבן אים געבראַכט. ער האָט זיי צוגענומען, אַוועקגעלייגט אַף דער ערד לעבן זיך, און אַלץ געקוקט אַף יעגאָרן און נאַדיען, געטראַכט וועגן דער ערשטער פאַרזאַמלונג און וועגן דעם אָוונט ווען ער איז געקומען צו נאַדיען זיך לערנען... ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם געשמאַקן טיי און די זיסע קיכלעך מיט וועלכע זי האָט אים דעמאָלט מעכאַבעד געווען. ווידער האָט אין זיין האַרץ אויפגעוואַכט די זיסע האָפענונג, וואָס איז יענעם אָוונט ביי אים אויפגעגאַנגען, און ער האָט זיך אַזש האַנאָעדיק צעשמייכלט...

מיטאַמאָל, אָבער, האָט שימשלען אַ פאַרקלעם געטאָן ביים האַרץ. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז באַלד וועט ער אָפּגעריסן ווערן פון אָט־די ליבע צוויי גוטע פריינט זיינע; אַז מער וועט ער שוין ניט זען נאַדיעס קישעפדיקן שמייכל, ניט הערן איר זינגעוודיק־לעבעדיקע שטימע, וואָס האָט אים אַזוי געלאַשטשעט און געוואַרעמט... אים איז אַ שאָד געוואָרן צו פאַרלאָזן יעגאָרן, וועלכער האָט אים נאָר ווי פון דער בלאָטע אַרויסגעהויבן, אָנגעהויבן אים לערנען לייענען, און אים געגעבן אַ ציל אין לעבן, אַ כשיוועס פון זיין אייגענער פערזאָן... טרערן האָבן אים פלוצים גענומען שטיקן און ער האָט מער ניט געקאָנט רעדן קיין וואָרט, כאָטש ער האָט פריער געהאַט באַטראַכט און אויסגעלייגט באַ זיך אין מויעך, וואָס און וועגן וואָס ער זאָל רעדן מיט זיי — דער איקער מיט נאַדיען... עפּעס האָט ער מיטאַמאָל ווי פאַרלוירן דעם זיקאָרן און דעם ווילן צו רעדן. ער האָט בלויז געוואָלט הערן זיי, און מאַמעש געשלונגען יעדעס וואָרט זייערס...

אָבער נאָר ווי אַף צו לעהאַכעס, אין סאַמע מיטן שמועסן, האָט דער עלטסטער פון קאָנוואָי — אַ יונגער פּאָרוטשיק מיט נעטע, שפּיציק־אַרויפגעדרייטע וואָנצע־לעך און אין אַ געפּאַסטן, קאָרסעטעוודיקן מונדיר — הילכיק אויסגערופן, אַז די צייט איז אַריבער פאַר באַזוכער, און זיי געהייסן פאַרלאָזן דעם הויף...

שימשל האָט אַף גיך זיך גענומען געזעגענען מיט זיינע באַזוכער. ער האָט זיך צעקושט מיט יעגאָרן, אויסגעצויגן זיין האַנט צו נאַדיען און איז געוואָרן מאַמעש ווי פריטשמעלעט, בעאייס זי, נאַדיע, האָט אים פלוצלונג אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן, אָנזאָגנדיק נאָך דעם מיט איר מעלאָדישער שטימע:

— פאַרגעסט מיך ניט, סאַמסאָן! לאָזט הערן פון זיך, ווי עס דערגייט אייך, ווי איר האָט זיך איינגעאָרדנט און וואָס איר טוט ביכלאַל!...

— און אויב דו וועסט זיך נויטיקן אין עפּעס, — האָט יעגאָר צוגעגעבן, — לאָז וויסן, וועלן מיר זען עס דיר צוצושיקן...

אַ גערירטער פון די רייד, — האָט שימשל שטום געשאָקלט מיטן קאָפּ...

יעגאָר און נאַדיע זענען אָפּגעטראָטן און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. שימשל איז געבליבן שטיין מיט אַ שווער האַרץ — שווער זיך אָפּצורייסן פון די איינציקע

באָענטסטע גוטע פריינט, און אַ פאַרטרויערטער געקוקט אַף זיי ביז זיי זענען פאַרשוואונדן אַף יענער זייט טויער...

אין הויף איז געוואָרן שטיל און קימאַט ליידיק. אַ שווערע דריקעניש האָט זיך צעלייגט אַף די אַרעסטירטע, וואָס האָבן זיך צוריק אַוועקגעזעצט אַף דער פייכטער ערד, אַפּאַטיש באַטראַכט די געבראַכטע זאַכן און מעכאַניש זיי איינגעפּאַקט אין זייערע פּעקלעך אָדער וואַליזעס אַריין...

שימשל האָט באַטראַכט דאָס פּעלצל, דעם באַשליק און די פוטערנע הענטשקעס, וואָס יעגאָר און נאַדיע האָבן אים — צוזאַמען מיט אַנדערע זאַכן — געבראַכט, און זיך געכידעשט. עפּעס האָט זיך אין זיין מויעך ניט געקאָנט פּאָטויפּען, צו וואָס ער דאַרף איצט, אין די הייסע טעג, אָט די אַלע זאַכן... דער באַגריף, אַז ער ווערט פאַרשיקט אין וויטן, קאַלטן סיביר, איז אין דעם מאָמענט אינגאַנצן פרעמד געווען פאַר אים... פונדעסטוועגן האָט ער די דאָזיקע זאַכן איינגעפּאַקט אין אַ באַזונדער פּעקל און גענומען בלעטערן דאָס ביכל, וואָס נאַדיע האָט אים געגעבן, פּראָבירנדיק לייענען איינציקע ווערטער אין דעם...

שפּעטער אַביסל, צום אָוונט־צו, האָבן די סאָלדאַטן ווידער אויסגעטיילט יעדן איינעם פון די אַרעסטירטע צו שטיקער ברויט און צו צוויי קלעצלעך צוקער. אַנדערע האָבן אַוועקגעשטעלט עטלעכע גרויסע קופּערנע טשאַיניקעס מיט טיי, און געהייסן די אַרעסטירטע גיך אָפּטרינקען, וויל מען וועט באַלד דאַרפן גיין צו דער באַן. יאַטן האָבן אין געאייל געזופּט דעם ניט צו הייסן טיי און געשלונגען דאָס ברויט, אָבער ערשט נאָך דעם איז זיי אויסגעקומען צו וואַרטן נאָך אַ פּאָר שאָ, איידער מען האָט פאַרטיק געמאַכט און צונויפגעבונדן די דאָקומענטן און איניאָנים פון די אַרעסטירטע. ערשט דערנאָך, אַרום זייגער אַכט, האָט דער עלטסטער פון קאָנוואָי אויסגערופן פון אַ פּאַפּיר אַרויס די נעמען פון די אַרעסטירטע, זיי באַפוילן אויסצושטעלן זיך לויטן סיידער, אין רייען צו פיר אין אַ קאָלאָנע, אַרום וועלכער עס האָבן זיך גלייך אַוועקגעשטעלט צוועלף סאָלדאַטן מיט ביקסן — גרייט אָפּן באַפעל אַרויסצוגיין...

שימשלען איז באַפאַלן אַ שטאַרקע ציטערניש. ער האָט זיך דערמאַנט, ווי ער פלעגט אַף דער גאַס אָפטמאָל זען פאַרבייפירן אַזעלכע אַרעסטאַנטן־פּראָצעסיעס. פאָרויס פון קאָנוואָי פלעגט גיין אַ באַזונדערע גרופּע סאָלדאַטן, וואָס האָבן די מענטשן אַף דער גאַס באַפוילן צו בלייבן שטיין וואו זיי זענען געווען, אַזש אַ שרעק איז אַלעמען באַפאַלן. באַלד האָט זיך דערהערט דאָס געקלאַנג פון קייטן, און דער שווערער האַמעטנער טראָט פון די אַרעסטאַנטן האָט טעמפּ אָפּגעהילכט אַף די קיזל־שטיינער, פּונקט ווי מען וואָלט מיט דעם געוואָלט אַריינקלאַפּן אַ פּאַכעד יעדן איינעם אין קאָפּ אַריין... פּונקט אַזאַ איימע ווי דעמאָלט איז שימשלען אויך איצט באַפאַלן. ער האָט מוירע געקראָגן, אַז באַלד וועט מען אַוואַדע אויך זיי שמידן אין קייטן, און די פאַרבייגייער אַף דער גאַס וועלן אַף זיי קוקן מיט מוירע

און כשאַד ווי אַף ראַצכים, מערדער און קאַטאַרזשאַנעס... אַ גליק בלויז, וואָס וואַסילי, וועלכער איז געשטאַנען לעבן אים און באַמערקט זיין צעטראָגנקייט, האָט אים באַרואיקט און דערקלערט, אַז געוויינטלעך ווערן פּאָליטישע אַרעס־טירטע זעלטן געשמידט אין קייטן, סיידן די וואָס ווערן פאַרשיקט אַף קאַטאָרגע...

שימשל האָט מיט דאַנקבאַרקייט געקוקט אַף וואַסילין און זיך באַרואיקט. דער פירער פון קאָנוואָי האָט אפן סאָלדאַטישן שטייגער הילכיק אַ באַפעל געטאָן: „שאַגאָם מאַרש!”, און די קאָלאָנע האָט זיך געלאָזט אין גאַנג צו דער באַן...

דאָרט, אַף אַ זייטיקער ליניע און גאַנץ ווייט פון וואָקזאַל, זענען שוין גע־שטאַנען גרייט צוויי שוואַרץ־געפּאַרבטע וואַגאָנען מיט קליינע פענצטער, וואָס אַ טייל פון זיי זענען געווען פאַרדעקט מיט אייזערנע לאַדנס, און אַ טייל — בלויז מיט גראַטעס. ווידער האָט מען אויסגערופן די נעמען פון די אַרעסטירטע, זיי געהייסן זיך אויסשטעלן אין אַן איינצל־ריי, און זיי איינציקווייז אַריינגעלאָזט אין איינעם פון די וואַגאָנען...

דער וואַגאָן — אַ גרוי־געפּאַרבטער און פון דריטן קלאַס — איז געווען איבערגעצאַמט מיט אַ וואַנט און אַ צוגעשלאָסענער טיר, הינטער וועלכער עס זענען שוין געזעסן טומלענדיקע קרימינאַלן. אין דער העלפט, וואו מען האָט אַריינגעלאָזט די פּאָליטישע, זענען געווען עטלעכע אָפענע, אָבער באַזונדערע אָפּטיילן מיט בענק און פּאָליצעס באַ די זייטן, און די פענצטער — באַדעקט מיט גראַטעס. שימשל האָט זיך גלייך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל אַף אַ באַנק, און זיך איבערגעגעבן זיינע מאַכשאָוועס. אין זיינע צוגעמאַכטע אויגן האָט ער נאָך אַלץ געטראָגן די געשטאַלטן פון נאַדיען און יעגאָרן, געדענקט זייער אָנזאָג, און זיין צוזאָג, אַז ער וועט זיי ניט אַנטוישן. ער האָט גלייך אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז וואָס עס זאָל ניט געשען מיט אים דאָרט, וועט ער זיך נעמען פלייסיק צום לערנען לייענען און שרייבן, קעדיי ער זאָל בעקאָרעוו אַליין קענען אָנשרייבן אַ בריוו צו נאַדיען און איר אויסזאָגן דעם סאָד, וואָס ער טראָגט אין זיין האַרץ פון זינט ער האָט זי דעם ערשטן מאָל באַגעגנט...

די ערשטע צוויי טעג אין וואַגאָן האָט שימשל זיך געהאַלטן ווי אָפּגעשלאָסן אין זיך. ער האָט ניט גערעדט צו קיינעם, אַפילע ניט צו וואַסילין, און ניט גע־נומען קיין אָנטייל אין די שמועסן, אָדער קאָרטן־שפּיל מיט די אַנדערע מיט־פאָרער. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך נאָך אַלץ געהיטן, דער קאָנוואָי זאָל ניט וויסן, אַז ער איז טאַקע בעעמעס געווען שולדיק... ערשט אפן דריטן טאָג, ווען וואַסילי — אַ פאַרכידעשטער איבער שימשלס האַלטונג — האָט אים גע־זאָגט, אַז ער דאַרף זיך שוין מער ניט היטן פאַר קיינעם און מעג זיך האַלטן פריי, האָט ערשט שימשל נאָכגעלאָזט זיין צוריקגעהאַלטנקייט און איז געוואָרן פריינטלעך און נאָענט מיט אַלעמען...

גערעדט האָט אָבער שימשל גאַנץ זעלטן מיט עמעצן. די גאַנצע פרייע צייט

האָט ער זיך פאַרנומען מיט בלויז איין זאַך: לייענען פון ביכל, וואָס נאַדיע האָט אים מיטגעגעבן, אָדער שרייבן אפן פּאַפּיר, ווי וואַסילי האָט אים געלערנט. און ער האָט גאַנץ גוט איבערגענומען דאָס לערנען. נאָך עטלעכע טעג האָט ער שוין געקענט לייענען געוויסע בלעטלעך אין ביכל, און שרייבן מיט אַ שווערער אומגעלומפּערטער האַנט אַ צאָל פּאַשעטע, אַלטעגלעכע ווערטער...

וואַסילי האָט אים אויך געלערנט די לידער, וואָס די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן אָפט געזונגען... ער האָט אים דערקלערט דעם באַדייט פון די ווערטער און טערמינען, וועלכע זענען אים אויסגעקומען צו באַנוצן אין די קורצע טעגלעכע לעקציעס וועגן פּאָליטישע פראַגעס און נאַטור־געזעצן, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר די מיטפאָרער אין וואַגאָן, און וועלכע זענען פאַר שימשלען געווען אומ־פאַרשטענדלעך, אָדער אינגאַנצן אומבאַוואוסט...

— די צוקונפט פון רוסלאַנד, — פלעגט ער אים אַלעמאָל זאָגן, — איז מיט אונדז, די רוסישע פאָלקס־מאַסן, אַרבעטער, פּויערים און אינטעליגענץ! מען דאַרף בלויז ענערגישער אַרבעטן פאַר דער פולער באַפרייאונג פון רוסלאַנד און זיך ניט לאָזן נאָכאַמאָל אָפּנאַרן פונעם צאַר דורך זיינע פאַלשע צוזאָגן וועגן אַ קאָנסטיטוציע און קלוימערשטער פרייהייט!... פרייהייט, זאָלסטו וויסן, גיבן זיי ניט מיטן גוטן ווילן. פרייהייט מוז מען אַליין אויסקעמפן!...

שימשל איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ מער באַגייסטערט פון וואַסילין און אים אַלץ ליבער געקראָגן. ער האָט אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז אָן אַזעלכע געלערנטע מענטשן ווי דער „דאָקטער“ איז, וואָלט פאַר די פּראָסטע אַרבעטער, — אַזעלכע ווי ער איז, — ניט מעגלעך געווען אָנצופירן דעם קאַמף פאַר אַ פרייען רוסלאַנד... ער איז געוואָרן מער אומגעדולדיק וואָס גיכער אָנצוקומען אָף זיין פאַרשיקונג־פּלאַץ, קעדיי דאָרט אָף דאָס ניי אָנצוהויבן די אַרבעט, וואָס איז אים איבערגעהאַקט געוואָרן איבער דעם אַרעסט...

עטלעכע וואָכן איז שימשלען אויסגעקומען זיך צו שלעפּן מיט דעם עטאַפּ־צוג צום שטעטל פון זיין פאַרשיקונג. באַ יעדער סטאַנציע אפן וועג איז מען אָפּגעשטאַנען שאָען לאַנג. דער קאָנוואָי האָט דאָרט — אָדער איבערגעגעבן אַ קרימינעלן אַרעסטאַנט צו אַ וואַרטנדיקער וואַך אינדרויסן, אָדער פון איר איבער־גענומען אַ נייעם אַרעסטאַנט, וואָס האָט געדאַרפט אָפּגעשיקט ווערן צו אַ ווייטער־דיקן פּונקט. אָף אַנדערע סטאַנציעס, וואו מען האָט געדאַרפט אָרויפנעמען אַ גרעסערע פּאַרטיע אַרעסטאַנטן, האָט מען גאָר די צוויי אַרעסטאַנטן־וואַגאָנען אָפּגעשעפּעט פונעם איבעריקן צוג, זיי אַריבערגעפירט אָף אַ זייטיקער ליניע, ביז מען האָט געבראַכט און אויפגענומען די אַרעסטאַנטן, און ביז עס איז אָנגע־קומען אַ צווייטער צוג, צו וועלכן מען האָט די וואַגאָנען צוגעטשעפּעט...

ענדלעך, נאָך קנאַפּע פיר וואָכן שלעפּן זיך, האָט דער קאָנוואָי־עלטסטער איינמאָל אין אַן אָוונט אָנגעזאָגט שימשלען, אַז ער זאָל זיך נעמען צוגרייטן, ווייל

אַף דער קומענדיקער סטאַנציע איז זיין פאַרשיקונג־פונקט און ער וועט דאָרט אַרונטערגענומען ווערן פונעם צוג...

מיט ציטערדיקע הענט און אַ צאַפּלדיק האַרץ האָט שימשל גענומען איינ־פּאַקן זיינע זאַכן, און זיך אָנגעהויבן געזעגענען מיט זיינע מיטפאָרער. ער האָט זיך אַפילע צעקושט מיט וואַסילין, וועלכער האָט אים אָנגעזאָגט:

— זייט מוטיק, כאַווער סאַמסאָן! געדענקט, אַז די צייט איז גאָר ניט וויט, ווען מיר וועלן זיך טרעפן אין דעם נייעם, באַפרייטן רוסלאַנד! האָט שטענדיק אין זינען, אַז אונדזער אַרבעט איז ניט אומזיסט! דער איקער, אָבער, ווערט ניט אַנטמוטיקט אויב עס וועט דויערן אַביסל לענגער ווי מיר האָפן!...

שימשל — כאָטש ער איז געווען אומרואיק און אינגאַנצן פול מיט שרעק פאַר דעם אומבאַוואוסטן, וואָס דערוואַרט אים אין דעם נייעם, פרעמדן פּלאַץ, וואו ער וועט אָט באַלד זיינע פיס שטעלן — האָט פונדעסטוועגן מיט פריידיקן געפיל אויפגענומען וואַסיליס רייד. ער האָט נאָכאַמאָל וואַרעם געדריקט זיין האַנט און מיט איינגעהאַלטענעם פּאַטאָס אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט ניט מאַכן קיין שום צוריקטריט, קיין קאָמפּראָמיס, אין זיין קאַמף פאַר באַפרייען דאָס באַליבטע רוס־לאַנד פון צאַרישער זעלבסטהערשאַפט און פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע:

— איר וועט נאָך הערן פון מיר, כאַווער וואַסילי! — האָט ער, מיט פייער אין זיין שטימע, צוגעגעבן. — איך, אַז איך נעם זיך אונטער עפּעס צו טאָן, טרעט איך ניט אָפּ ביז די זאַך איז דורכגעפירט!...

וואַסילי האָט פריידיק געקוקט אַף אים און צופרידן געשמייכלט...

* * * * *

קאַפּיטל צען

אינמיטן דער נאַכט האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט ביי דער סטאַנציע אישים, דאָס שטעטל וואו שימשל איז פּאַרשיקט געוואָרן. דער אַרעסטאַנטן־וואַגאָן, אין וועלכן ער איז געווען, איז אויסגעקומען היפּשלעך ווייט פונעם קליינעם הילצערנעם וואָקזאַלעכל. קוים־קוים האָט אַהערדערגרייכט אַ שוואַכע ליכט פון די ווייטע לאָמפּן דאָרט, וואָס האָבן דאָ, אףֿ דער ערד, צעשפּרייט נעפּלדיקע שאָטנס ווי בלאָנדזשענדיקע גייסטער. דער קאָנוואָי־עלטסטער און אַ סאָלדאַט האָבן אַרויסגעפירט שימשלען אינדרויסן אַרויס און אים — צוזאַמען מיט אַ פּאַפּקע פּאַפּירן — איבערגעגעבן צו צוויי פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן שוין גע־וואַרט דאָרט, אין דער טונקלקייט. שימשל האָט געקוקט אףֿ די נייע וועכטער זיינע און זיי קוים־וואָס געקאָנט אויסטיילן פון דער פינצטערניש. געזען האָט ער אָבער ביים אָפּשיין פון אַ לעמפּל, וואָס דער סאָלדאַט האָט געטראָגן, ווי איינער פון זיי האָט זיך אונטערגעשריבן אין אַ בוך אַריין, אַז ער האָט אים, דעם אַרעס־טירטן, איבערגענומען, און דער צווייטער איז בעאייס דעם נאָענט צוגעטראָטן צו אים, האָט אים זויער אָנגעקוקט און פלעגמאַטיש געמורמלט:

— נע, אַ נייער פּאָליטישער אויסוואורףֿ צו גאַסט געקומען צו אונדז!... פון־וואַנען דערנעמען זיי זיך אַזויפיל, די הינטישע זין, צו אַלדע טייוול?!...

דער קאָנוואָי־עלטסטער האָט געלאַכט:

— איר מוזט זיי דאָ אַוואַדע גוט באַהאַנדלען, קומען זיי!...

שימשל האָט גאָרניט געזאָגט. ער האָט געדולדיק געוואַרט ביז יענע זענען פאַרטיק געוואָרן מיט די געהעריקע פאָרמאַליטעטן ביים איבערנעמען אים, און — פונקט אַזוי געדולדיק — זיך געלאָזט פירן פון די צוויי שאָמרים, וואָס זענען געגאַנגען באַ די זייטן זיינע מיט די רעוואָלווערן אין די טעשלעך...

עס איז געווען אַ פינצטער־אויסגעשטערנטע נאַכט און דער הימל איז גע־לעגן גאַנץ נידעריק — נאָר מיט די הענט צו דערגרייכן. אפן מאָמענט האָט ער, שימשל, אַפילע אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וואָלט זיך לייכט געקאָנט באַפרייען פון די פּאָליציאַנטן און אָפּציען. ער האָט זיך אָבער גלייך באַרעכנט, אַז עס לוינט ניט, ווייל סיי־ווי־סיי ווייסט מען שוין איצט זיין נאָמען און, אַ כוץ דעם, וואוהין קאָן ער דאָס לויפן, אַז ער זאָל ניט ריזיקירן מיט אַ פאַרשיקונג אףֿ קאַטאָרגע — געשמידט אין קייטן?... געטרייסט האָט ער זיך, אַז די עטלעכע יאָר, וואָס ער איז פאַרמישפּעט אףֿ פאַרשיקונג, וועלן גיך אַריבער. דערווייל וועט ער — ווי דער

„דאָקטער" האָט אים אָנגעזאָגט — זיך לערנען, קעדיי צו קאָנען צוריקקומען אַ גאַנץ אַנדערער מענטש, — אַזאַ מיט וועמען נאַדיע וועט זיך ניט דאַרפן שעמען, נאָר טאַקע שטאָלץ זיין. דאַן וועט ער איר פּערזענלעך זאָגן, אַז...

שימשל האָט זיך אַזש פריידיק צעשמייכלט פון אָט־דעם געדאַנק...

ער איז געגאַנגען אַ שווייגנדיקער און מער געפילט איידער געזען, אַז ער ווערט געפירט איבער אַ שטיינערדיקן שאָסיי־וועג, און אַז באַ די זייטן וועג שטייען גאַנץ שיטער צעשטעלט קליינע הייזלעך, מיט גערטנער אָדער פעלדער אַרום זיי. ער האָט דאָס געפילט לויט די געשמאַקע רייכעס פון אויפגייענדיקן ווייץ, פון שמעקנדיקע פיירעס און פריש־געקאָסעטן היי, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער ביינאַכטיקער לופט און אָנגעפילט זיינע לונגען מיט לייכטן אָטעם, פּונקט ווי עס פלעגט אים דערפרישן די יאַם־לופט ביי דער אַרבעט אין האָפן...

ענדלעך, נאָך אַרום אַ האַלבער שאָ גאַנג, האָט שימשל דערזען, אַז ער איז אָנגעקומען אַף אַ ברייטן פּלאַץ אין שטעטל. אינמיטן פּלאַץ זענען געווען צע־שטעלט פאַרמאַכטע, פינצטערע בודעס און געשטעלן ווי אַף אַ מאַרק. די הייזער אין דער זייט גאַס — דאָס ראָוו פאַרטונקלטע — זענען געשטאַנען אין אַ גלייכער ריי, נאָענט איינס לעבן דעם אַנדערן. די פּאָליציאַנטן זענען מיט אים צוגעקומען צו אַ געמויערטער צוויי־שטאָקיקער געביידע — די פּאָליציי־סטאַנציע, וואָס איז אין דרויסן געווען שוואַך באַלויכטן מיט אַן איינציק קליין לעמפּל, און זיי האָבן אים אַהין אַריינגעפירט...

גלייך ביים אַריינקומען אינעווייניק, האָט אַ טוכלע פאַרדומפּנקייט און אַ שטיקעניש אַ זעץ געטאָן שימשלען אין פּאָנים, אַז אים איז אַזש שווער געוואָרן צו אָטעמען. די שאַרפע ליכט פון די נאַקעטע לעמפּלעך — באַדעכלטע פון אויבן מיט גרויסע, בלוי־פאַרצעלייגנע שיינען, האָט אים געשניטן אין די אויגן, וואָס זענען פון אַ צייט שוין צוגעוואוינט געוואָרן צו טונקלקייט. די פּאָליציאַנטן האָבן אים אַריינגעפירט אין אַ צימער צו אַ שרייב־טיש, הינטער וועלכן עס איז געזעסן צעלייגט אַ דיק־געפּאַשעטער נאַדזיראַטעל מיט אַ רויט־אָנגעדראָלן פּאָנים און אַ נאָז ווי אַ צייטיקע טרושקאָפקע, און שווער געכראָפּעט. איינער פון שימשלס שאָמרים האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש און אויסגעכריפּעט:

— העי, פּאַוולענקאָ, כאַפּ זיך אויף! מיר האָבן דיר געבראַכט אַ נייעם פויגל!... כאַפּ זיך אויף!...

יענער, פּאַוולענקאָ, האָט זיך דערשראָקן אַ זעץ אויף געטאָן, האָט מיט פאַרווירטע בליקן גענומען קוקן אַף די פיגורן, וואָס זענען געשטאַנען אַנטקעגן אים און — אַפּאָנים ניט קאָנענדיק נאָך געווג קלאָר זען — אַ ברום געטאָן:

— הם... אַ פויגל?... ווער דאַרף אים דאָ האָבן?... נעמט אים אַריין אין דער אַרעסט־קאַמער ביז ער וועט זיך אויסניכטערן!...

דער פּאָליציאַנט האָט גענומען דערקלערן:

— ניין, פּאַוולענקאָ, דאָס איז ניט קיין שיקער. דאָס איז אַ נייער העכט, וואָס וועט דאָ זיין אַף פאַרשיקונג. מיר האָבן אים געבראַכט פון עטאַפּ־צוג!...

פּאַוולענקאָ האָט זיך געריבן די אויגן, אָפּגעמאָסטן שימשלען פון אויבן ביז אַראָפּ און אויסגעגענעצט:

— אָ, אַ פּאָליטישער סוואָלאָטש?! פאַרוואָס האָסטו עס גלייך ניט געזאָגט?...

ער האָט געעפנט די פּאַפּקע פּאַפּירן, וואָס דער פּאָליציאַנט האָט לעבן אים אַוועקגעלייגט, אַריינגעקוקט און געגנומען מורמלען:

— דער טייוול זאָל זיי נעמען! פאַרוואָס פּיסקעווען זיי, די בונטאָווטשיקעס און זאַבאַסטאָווטשיקעס?... ווען איך וואָלט געהאַט אַ דייע אין דעם, וואָלט איך געלאָזט אויסברענען לעכער אין זייערע צונגען, דורכגעצויגן רינגען דורך זיי, און זאָלן זיי דאַן פּיסקעווען וויפל זיי ווילן. ניט אַהערשיקן זיי צו אונדז דאָ, אַז מיר זאָלן זיך די קעפּ פאַרדרייען מיט זיי...

דער פאַרשוין, ווי שימשל האָט פאַרשטאַנען, — דער דעזשורנע־נאַדזיראַטעל, האָט זיך געריבן די אויגן, איז אַלץ בייז געווען פאַרוואָס מען האָט אים איבער־געשלאָגן דעם דרימל, און געוואָרפן דריי־גאָרנדיקע קלאָלעס. ערשט אַ פּאָר מינוט שפּעטער, ווען ער איז ענדלעך געקומען צו זיך, האָט ער די פּאָליציאַנטן געהייסן גיין און זיך אַ נעם געטאָן צו שימשלען. ער האָט אים ווידער דורכגענומען מיט אַ שניידנדיקן בליק, געהייסן אים זיך זעצן קעגן אים ביי דעם שרייב־טיש, און — פונקט ווי אין די פּאַפּירן וואָלט גאָרניט געווען געשריבן — מעכאַניש אויסגעפרעגט שימשלען ווי ער הייסט, פון וואַנען ער קומט און אַף ווי לאַנג ער איז פאַרשיקט. דערנאָך האָט ער ציניש אַ שניט געטאָן:

— אַזוי... הייסט עס, אַז דיר, ברודערל, געפעלט אויך ניט אונדזער צאַר־פּאָטערל, האַ?...

שימשל האָט אים גאָרניט געענטפערט. ער איז געווען הונגעריק, מיד, און געפילט מאַמעש ווי איינצושלאָפן אַזוי זיצנדיק. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט וועט ער אַרונטערפאַלן פּונעם בענקל. דערביי האָט אים אָבער דער הונ־גער אַזוי גענאָגט ביים האַרצן, אַז ער האָט געוואוסט ער וועט ניט קאָנען שלאָפן, אויב ער זאָל פריער ניט עסן עפּעס. ער האָט דעריבער, גלייך ווי דער נאַדזי־ראַטעל איז נאָר פאַרטיק געוואָרן מיטן אויספרעגן און פאַרשרייבן אים אין אַ בוך אַריין, מיט געמאַכטן גלייכגילט אַ פרעג געטאָן:

— קאָן מען עפּשער דאָ קריגן עפּעס אָפּצועסן, הער נאַדזיראַטעל?... ע... איך... איך בין אַביסל הונגעריק...

דער נאַדזיראַטעל האָט אים שעלמיש אָנגעקוקט:

— וועסט מוזן וואַרטן, ברודערל, ביז אינדערפרי. — האָט ער, סאָפּענדיק און פייפנדיק מיט דער נאָז, אָפּגעשניטן. — דאָ איז דיר ניט קיין האָטעל, אָדער אַ גאַסט־הויז. ביינאַכט גיבן מיר דאָ ניט קיין עסן!...

און אין אַ ווייל שפּעטער — האָבנדיק נאָכאַמאָל אָפּגעמאָסטן שימשלען פון אויבן ביז אַרונטער — הילכיק אַ שנייץ געטאָן די נאָז אין אַ קאָלירטער פאַטשיילע אַריין און ברייט אויסגעצויגן:

— סיידן, ברודערל, דו האָסט אייגענע קלינגערס און ווילסט זיך לאָזן קאָסטן, קאָן מען דאָ, אַפילע איצט, אינמיטן דער נאַכט, אַלץ קריגן צו קויפן...

שימשל האָט אים געענטפערט, אַז ער האָט מיט זיך אַביסל געלט און ער וואָלט וויליק געוועזן צו באַצאָלן, אַבי צו קריגן עפּעס אָפּצועסן.

יענער האָט צופרידן אַ רייב געטאָן איין האַנט אין דער צווייטער:

— רעד זשע אַזוי! וואָס שווייגסטו? אויב דו ווילסט, וועל איך אַרויסשיקן אַ גאַראָדאָוואָי, וועט ער אונדז אַריינברענגען עפּעס צום איבערכאַפּן און...

ער האָט פאַרשנדיק אַ קוק געטאָן אף שימשלען און צוגעגעבן:

— וואָס אַשטייגער, ברודערל, וואָלסטו אייגנטלעך געוואָלט האָבן?...

שימשל האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— דאַרפסט זיך ניט קווען, ברודערל. — האָט יענער אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג. — מען קאָן דאָ קריגן וואָס דו ווילסט נאָר אַליין. אויב דו האָסט נאָר געלט, קאָן מען אַריינברענגען אַ קענדל וואָדקע, וואָס וואָלט אונדז אַביסל אויפגעהייטערט און אָפּגעקילט... נו, איז דאָס אַ שטיקעניש אַביסל די היינטיקע נאַכט — מאַמעש ניט איבערצוטראָגן...

שימשל — כאָטש ער האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן כיישעק צו שנאַפּס — האָט אָבער אַ טראַכט געטאָן, אַז עס וועט ניט שאַטן צו ווערן גוט־ברודער מיט דעם נאַדזיראַטעל און אים צופרידנשטעלן. ער האָט דעריבער אַרויסגענומען פונעם זעקעלע, וואָס ער האָט געטראָגן אפּן האַלדז, אַ דריי־רובלדיק פּאַפּירל און עס דערלאַנגט דעם נאַדזיראַטעל, זאָגנדיק:

— הייסט קויפן וואָס איר ווילט, אַבי איך זאָל האָבן עפּעס צום עסן!...

דער נאַדזיראַטעל האָט באַטראַכט דאָס פּאַפּירל, ווי ער וואָלט ניט געגלויבט אַז עס איז עמעסדיק געלט, און אַ רוף געטאָן צו אַ דערבייאיקן צימער:

— העי, וואַראָביאָוו, קום נאָר אַהער אף אַ מינוט!...

אין דער טיר האָט זיך עפּעס נאָר ווי אַריינגערוקט אַ נידעריקער, דיקער פּאָליציאַנט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּיראַמידע אף צוויי שווערע פיס: אינמיטן — ברייט, מיט אַ צעשפּרייטער זוים פונעם אַרומגעפּאָסיקטן העמדל, און אויבן — די שטייף־שטייענדיקע האָר — פאַרשמאָלט צו אַ שפּיץ. ער איז געוועזן פאַרשלאָפן און אָנגעברויגעזט. די נאַכט־דעזשורסטווע האָט אים ניט געשמעקט זייער שטאַרק און ער האָט געבענקט נאָכן וואַרעמען בעט אינדערהיים, זיך טוליען צו זיין הייסער, נאָכגיביקער „באַבע״, וועלכע ליגט דאָרטן איינע אַליין, אַרומגעמענדיק מיט אירע נאַקעטע אָרעמס דאָס פּוכיקע קישן און בייסט דאָס ציכל מיט די גרויסע ציין, פּונקט ווי זי בייסט זיין אַקסל בעאייס ער ליגט מיט איר... ער

איז אַריבערגעטראָטן די שוועל אין נאַדזיראַטעלס דעזשורנע־צימער, זיך געטאָן אַ שטעל פאַר אים אַן אויסגעצויגענער, ווי ער פלעגט עס טאָן אין מיליטער, פון וואַנען ער איז ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק אָנגעקומען אַהער אין דעם פּאָליציי־דינסט, און כניפעדיק אַ פרעג געטאָן:

— וואָס וועט איר באַפעלן, איוואַן סטעפּאַניטש?... גרייט צו דינען!...

— לויף אַרויס, וואַראַביאָוו, און קויף עפּעס צום עסן פאַר אונדזער גאַסט!

— האָט דער נאַדזיראַטעל טרוקן באַפוילן. — ער איז הונגעריק!...

וואַראַביאָוו האָט זיך פאַרכידעשט געקראַצט אין קאַרק און געפרעגט:

— וואָס, אַשטייגער, זאָלן מיר קויפן, איוואַן סטעפּאַניטש?...

— אַ, קויף וואָס עס איז! — האָט ער אומגעדולדיק צוגעוואָרפן. — ברויט, קעז, אַ קאָפּטשאָנקע, אַן אוגערקע און... כאַפּ זיך אַריין צו אָקולינען דורך דער הינטער־טיר און קריג ביי אים אַ קענדל וואָדקע, וועלן מיר זיך אויך דאָס האַרץ דערכאַפּן!...

וואַראַביאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן. דער געדאַנק, אַז באַלד וועט זיין אַ זופּ צו טאָן — אַ זאַך, וואָס איז אין זיינע פאַרגעניגנס אָפּגעשטאַנען בלויז פון זיין וויבס בעט, — האָט אים שוין ווי פאַרשיקערט. ער האָט גענומען די אַסיגנאַציע ביים נאַדזיראַטעל, אַ כאַפּ געטאָן דאָס היטל זיינס פון דערבייאיקן צימער, און זיך געלאָזט גיין. דער נאַדזיראַטעל האָט זיך אויפגעשטעלט, עטלעכע מאָל אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער הין און צוריק, איז ענדלעך צוגעטראָטן צו שימשלען, אים גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע, און צופרידן אַ שמייכל געטאָן:

— זעט אויס, ברודערל, אַז דו ביסט ניט קיין יאָלד. — האָט ער פריילעך געזאָגט. — און אויב דו וועסט נאָר זיין אַ מענטש און זיך גוט אויפפירן, וועט דיר דאָ, ביי אונדז אין שטאָט, גאָרניט פעלן. וועסט זיך קאָנען צושלאָגן צו עפּעס אַן אַרבעט, גוט פאַרדינען און לעבן אַ גוטן טאָג. דער איקער — ניט אָנמאַכן קיין צאָרעס דאָ מיט אָרגאַניזירן זאַבאַסטאָווקעס. דאָס האָבן מיר פיינט. פּאַוועל אָסיפּאָוויטש, דער פּריסטאַוו פון שטאָט און פּאָליציימייסטער פון געגנט, איז אַ פיינער מאַן. ער אַליין איז אויך אַ פאַרשיקטער אַהער און באַהאַנדלט דע־ריבער די פאַרשיקטע מיט גרויס איינזען...

שימשל האָט גאָרניט געענטפערט. אַ כשאַד האָט ער געקראָגן, אַז דער נאַ־דזיראַטעל רעדט אַזוי שיין, ווייל ער וויל דערמיט ווייכער מאַכן די צונג זיינע, לאָזן אים רעדן און אַזויאַרום אויסגעפינען וואָס ער דאַרף. ער האָט דעריבער גלייך אָפּגעמאַכט ביי זיך אין געדאַנק ניט צו פאַרזוכן פונעם בראָנפן, קעדיי ניט פאַרשיקערט צו ווערן און כאָלילע אויספּלאַפּלען עפּעס...

עס האָט לאַנג ניט גענומען און וואַראַביאָוו, דער פּאָליציאַנט, איז אַריינגע־קומען אַ באַלאָדענער מיט צוויי היפּשע פּאַפּיר־בייטלען. ער האָט אַרויסגעלייגט

אפֿן טיש אַרויף דריי ווייסע „פֿראַנצויזישע״ בולקעס, אַ שטיק שינקע, קעז, אַ געטריקנט פֿישל און אַ פּאָר זויערע אוגערקעס. פֿון הינטערן העמדל האָט ער אַרויסגענומען אַ גרויסע פֿלאַש בראַנפֿן, זי געעפֿנט און דערלאַנגט דעם נאַדזיראַטעל. יענער האָט אַרויסגענומען פֿון שופֿלעדל דריי גלעזער, זיי אָנגעגאָסן, אויפֿגעהויבן אַ גלאָז צום מויל און אַ זאָג געטאָן:

— וואָשע זדראָוויע, בראַטעץ! — פּאַר אייער געזונט, הייסט עס...

ער האָט גיך איבערגעקערט דאָס גלאָז אין מויל אַריין, ווידער עס אָנגעגאָסן און אַפֿילו ניט געמאַכט קיין באַמערקונג פֿאַרוואָס שימשל טרינקט ניט. ער און וואַראַביאָוו האָבן אויסגעטרונקען צו עטלעכע גלעזער, פֿאַרביסן מיט קעז און אוגערקע, קוקנדיק אָן שום אינטערעס ווי שימשל בייסט שטיקער ברויט און שלינגט דעם קעז און שטיקלעך פֿיש, ווי ער וואָלט שוין אַ יאָר ניט געגעסן.

אָפּגעגעסן, האָט שימשל ווידער דערפֿילט, אַז די אויגן קלעפּן זיך ביי אים. ער האָט געוואָלט פֿרעגן וואָס ער זאָל טאָן וועגן שלאָפֿן, אָבער נאָך איידער ער האָט עס באַוויזן צו טאָן, האָט דער נאַדזיראַטעל זיך אָפּגערופֿן:

— אַ שאָד, ברודערל, וואָס פּאָוועל אָסיפּאָוויטש איז איצט ניטאָ אין זיין קאַנצעלאַריע. ווערסט דעריבער שוין מוזן איבערשלאָפֿן די נאַכט דאָ, ביי אונדז. אינדערפֿרי, זעסטו, ווען דער פּאָליציימייסטער וועט דיך אויפֿנעמען און פֿאַרשרייבן; ווען ער וועט מיט דיר דורכגיין די פּראָצעדורע און דיר אָנזאָגן ווי זיך אויפֿצופֿירן דאָ און ווען דו דאַרפֿסט זיך מעלדן צו אים, וועסטו אַוואָדע גלייך קאָנען גיין זוכן אַ דירע וואו איינצושטיין. דערווייל, אָבער, וועסטו זיך אויסבעטן אַ געלעגער אויף אַ נאַרע אין איינער פֿון די אַרעסט־קאַמערן דאָ און...

ער האָט וואָראַביאָוון באַפֿוילן אַריינצונעמען שימשלען אין אַ קאַמער אַריין, געוואונטשן שימשלען אַ גוטע־נאַכט און צוגעגעבן:

— איך האָף, איר וועט די נאַכט ווי ניט איז איבערקומען...

שימשל האָט זיך פֿויל געלאָזט גיין נאָך וואָראַביאָוון, וועלכער האָט אים אַריינגעפֿירט אין אַ פֿינצטערן, שווער־פֿאַרדומפּענעם צימערל מיט אַ געגראַטעטער טיר. ער האָט גאָרניט גערעדט, אויסגעטאָן דאָס רעקל, אַרויסגענומען פֿון זיין פּעקל די פֿוטערנע קורטקע, אויסגעבעט דערפֿון אַ געלעגער, דאָס פּעקל אַוועקגעלייגט אין צוקאָפּנס פֿאַר אַ קישן, און זיך אויסגעצויגן אויף דער נאַרע. ער איז גלייך איינגעשלאָפֿן און אַפֿילו ניט געהערט ווי וואָראַביאָוו האָט נאָכן אַרויסגיין צוגעשלאָסן די טיר הינטער זיך...

לאַנג שלאָפֿן האָט ער אָבער ניט געקאָנט. די שווערע שטיקעניש און אַ שאַרפֿע בייסעניש האָט אים באַלד אויפֿגעוועקט און ער האָט זיך, אַ צעשראָקענער, אויפֿגעזעצט. עס האָט אים אַזוי שטאַרק געביסן, פּונקט ווי אַלע לייז, פֿליי און וואַנצן פֿון טויזנט טורמעס וואָלטן זיך דאָ צונויפֿגעקליבן אים צו פּייניקן. שימשל — אַ מידער און שלעפֿעריקער — האָט מיט אַנגסטן געוואַרט ביז עס איז טאָג

געוואָרן. וואָראָביאָוו האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער טיר און אים גע־זאָגט, אַז באַלד וועט זיין טיי און, אויב ער וויל, קאָן ער אַרויסשיקן קויפן עפּעס צום עסן, ווייל דאָ גיט מען אינדערפרי בלויז אַ שטיק שוואַרץ זעלנעריש ברויט מיט אַ טעפּל טיי, ביז צום מיטיק, אַרום צוועלף אַזייגער... שימשל האָט געטראַכט אַ ווייל, דערלאַנגט וואָראָביאָוון אַ פּאַפּירענעם רובל, געבעטן ער זאָל פאַר אים קויפן אַ בולקע, פּאָמידאָרן און אַ שטיקל קעז, צוגעבנדיק, אַז די רעשט פונעם געלט קאָן ער האַלטן פאַר זיך, פאַר זיין טירכע...

וואָראָביאָוו האָט אים געדאַנקט און אַרויסגעגאַנגען. שימשל האָט גענומען אַרומשפּרייזן איבער דער קאָמער און געהאַלטן אין איין קראַצן זיך פון דעם בייסעניש. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז עס וואָלט אים אַוודאי לייכטער געוואָרן, ווען ער קאָן זיך כאַטש אַרומוואַשן דאָס פּאָנים און די הענט, זיך אָפּגאָלן, קעדיי אויסזען אַביסל לייטישער בעאיים ער וועט געבראַכט ווערן פאַרן פּאָליציימייסטער:

„און באַלד ווי ער וועט מיך לאָזן גיין“, — האָט ער באַשלאָסן, — „וועל איך זיך אַריינכאַפּן אין שוויץ־באָד און זיך אַזוי אויסשפּאַרען, אַז דער רועך וועט נעמען אַלע לייז, פליי און וואַנצן...“

וואָראָביאָוו איז צוריקגעקומען, אַריינגענומען שימשלען צו זיך אין דעם דעזשורנע־צימער, וואו ער האָט שוין געהאַט אויסגעלייגט אַפן טיש דאָס גע־קויפטע עסן, האָט אָנגעגאָסן אַ קופּערנעם טשאַיניק טיי מיט אַ גלאָז, און שימשל האָט זיך, אַ זשעדנער, צוגעכאַפּט צום עסן...

נאָכן אָפּעסן האָט שימשל געבעטן וואָראָביאָוון, ער זאָל אים אָנגיסן אַביסל טיי אָף צום גאָלן זיך און צוהאַלטן דעם פּאַסיק, ער זאָל קאָנען אויסשאַרפן דאָס גאָל־מעסער. יענער, — אָפּאָנים דערוואָרטנדיק באַלוינט צו ווערן דערפאַר, — האָט עס האַכנאָעדיק געטאָן און אַפילע אים געהאָלפן זיך אַרומוואַשן דאָס פּאָנים מיט אונטערגיסן אין זיינע הענט אַריין דעם געבליבענעם טיי פונעם טשאַיניק...

די צייט האָט זיך געשלעפּט פּאַמעלעך און לאַנגווייליק. עס איז געווען נאָך מער ווי דריי שאָ ביז דער פּריסטאַוו־פּאָליציימייסטער דאַרף אָנקומען אין זיין קאַנצעלאַריע און ביז מען וועט אים, שימשלען, פאַר אים פאָרברענגען. ער האָט זיך אַרומגעדרייט, געררויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן און יעדע פאַר מינוט געהאַלטן אין פרעגן דעם דעזשורנע וויפל דער זייגער איז...

— אייער זייגער דאָ גייט אָפּאָנים מיטן עטאַפּ. — האָט ער זיך געוויצלט.

ענדלעך איז געוואָרן צען אַזייגער, און דער פּריסטאַוו איז אָפּאָנים שוין געווען אָנגעקומען. פּאַוולענקאָ, — דער דעזשורנע־נאַדזיראַטעל, איז אַריין צו אים אין קאַבינעט אָפּצוגעבן אים דעם באַריכט וועגן די אַסאָקים פון די פאַר־גאַנגענע פיר־און־צוואַנציק שאָ — דער איקער פון איבער דער נאַכט; אים צו מעלדן וועגן דעם אָנקום פון נייעם פּאָליטיש־פאַרשיקטן און אים איבערגעבן די פּאַפּקע מיט פּאַפּירן — די דאָקומענטן וועגן דעם איניען...

עטלעכע מינוט שפּעטער איז ער צוריקגעקומען, געגומען שימשלען און אים אַריינגעפירט אין פּריסטאַווס קאַבינעט אַריין...

ביי שימשלס אַריינקומען איז דער פּריסטאַוו־פּאָליציימייסטער, — קאַפּיטאַן פּאַוועל אָסיפּאָוויטש באָגדאַנאָוו, געזעסן הינטערן שרייב־טיש פּאַרטיפט אין די פּאַפּירן, און אַפילו ניט אויפגעהויבן די אויגן אַ קוק צו טאָן אױף אים. שימשל — כאַטש אַ נערווירנדיקער — איז געשטאַנען און באַטראַכט אַלץ אַרום זיך...

דער קאַבינעט, דעם פּאָליציימייסטערס — פּונקט דער היפּעך פון די שמוציק־אָפּגעלאָזענע דעזשורנע־צימערן מיט די אַלטע שרייב־טישן — איז געווען אַ גאָר גרויסער, גראַמער און ליכטיקער. אַ יאָם מיט זון האָט אַריינגעפּלייצט דורך צוויי גרויסע פענצטער, און באַלעבט די טערקישע און טיקינישע טעפּיכער, וואָס זענען געווען צעהאַנגען אױף די ווענט און אויסגעשפּרייט אפן דיל. פון דער וואַנט הינטערן פּאָליציימייסטער, האָט אַ גרויסער, געמאָלטער פּאָרטרעט פונעם צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן אַראָפּגעקוקט מיט אַ טיפּעשעוואַטן שמייכל, פונקט ווי ער וואָלט געהיטן, אַז יענער זאָל טאָן זיינע פליכטן, ווי עס פּאַסט פּאַר אַן אָפיציר, אַ נאָבלמאַן...

דער פּאָליציימייסטער אַליין — אַ מאַן אין די פריע דרייסיקער — האָט געהאַט אַ פרישׂ פּאָנים מיט שוואַרצע, שיטער־צעפּלאָשעטע וואָנצעלעך, קורצע באַקן־בערדלעך ווי פּייעס, און אַ דין־געשניצטע נאָז; גרויסע, בלויע אויגן מיט גע־שלענגלטע שוואַרצע ברעמען, און אַן אָנציענדיקן שמייכל אױף די פעטע ליפּן פון אַ קליין מויל מיט ווייס־געפּערלטע ציין. דער קאָפּ שוואַרצע האָר — אַ וואַלד מאַמעש — איז געלעגן קאַרבירט אין כוואַליעדיקע רייפן, און אַלץ צוזאַמען האָט יעדן פּאַשעט פּאַרקישעפט מיט פּערזענלעכקייט. ניט אומזיסט האָט מען אים אין וואָראָ־ניעזש, וואו ער האָט געהאַט געדינט אַלס שטאַבס־קאַפּיטאַן אין מיליטער, גערופן „אַפּאָלאָ“, מאַכמעס דעם גרויסן דערפּאָלג, וואָס ער האָט געהאַט באַ די דאָרטיקע אָפיצירישע פרויען, באַ די וואוילהאָבנדיקע דאַמעס און באַ זייערע יונגע, דעביוט־טירנדיקע טעכטער, — אַ דערפּאָלג, וואָס האָט אים געשאַפן אַ מאַסע סאָנים און אים סאָף־קאָל־סאָף דערפירט צום פּאַרשיקט ווערן אַהער אױף צען יאָר, צו דינען דאָ אַלס פּריסטאַוו פון דער לאָקאַלער פּאָליציי און פּאָליציימייסטער פון דער געגנט.

ער, קאַפּיטאַן פּאַוועל אָסיפּאָוויטש באָגדאַנאָוו, האָט זיך געפילט שטאַרק באַ־אַוולט פון דעם, וואָס ער דאַרף די בעסטע יונגע יאָרן זיינע אָפּפינצטערן דאָ, אין אָט־דעם וויטן, בלאָטיקן און פּראָסטיקן העק. ער איז דעריבער געוואָרן ווי אַ „נאָזיר“, געלעבט אָפּגעזונדערט, אַליין אין אַ דירע, מיט אַ סאָלדאַט פּאַר אַ באַדינער, און איז זעלטן געגאַנגען צו די אָפיציעלע פונקציעס, אָדער בעלער, וואָס די „מיעסטשאַנעס“ — די שטעטלשע סאָכרים, אָדער אָפיצירן פונעם דערביי־איקן גאַרניזאָן האָבן עטלעכע מאָל אין יאָר דורכגעפירט צוליב געוויסע נאַציאָ־נאַלע יאָנטויווים, אָדער צוליב אַנדערע געלעגנהייטן...

איבער אָט דעם פּאַרדראָס זיינעם האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך צו טאָן אַלץ אַף זיין אייגענעם אויפן. ער האָט זיך געזאָגט: „דאָ בין איך באַלעבאָס און צאַר, און וועל טאָן ווי מיר וועט געפעלן...״ ער האָט די פּאַרשיקטע באַהאַנדלט אַף אַ מער־ווייניקער מענטשלעכן אויפן, האָט זיי ניט געמאַכט קיין איבעריקע שוועריקייטן און — פּאַרקערט — זיי אָפּט אַרויסגעהאָלפן מיט קלייניקייטן. ער פלעגט אַליין אויפנעמען די ניי־אָנגעקומענע, פּערזענלעך גערעדט מיט יעדן פּאַרשיקטן, אויסגעפרעגט וואָס יענער טוט און אַפילע געזוכט פּאַר זיי באַשעפטיקונג...

— דאָס איז אַ יונגע שטאָט, וואָס האַלט אין וואַקסן! — פלעגט ער זאָגן צו די ניי־אָנגעקומענע. — עס פעלן דאָ מענטשן און... מען קאָן זיך דאָ גוט איינאָרדענען, גוט פּאַרדינען... דער איקער אָבער: זיך לייטיש אויפפירן און מיר קיין צאָרעס ניט פּאַרשאַפן! ווארים ווי לאַנג איך בין גוט — בין איך גוט, טוט מען מיר אָבער אָפּ אַף צו לעהאַכעס — קאָן איך פון יענעם לעבעדיקע שטיקער רייסן!...

אַז ער, דער פּאָליציימייסטער, איז ענדלעך פּאַרטיק געוואָרן מיט דורכקוקן שימשלס פּאַפּירן, האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אַ וויז געטאָן פּאָוולענקאָן ער זאָל גייז צו זיינע פליכטן, און אַליין — באַלד נאָך יענעמס אַרויסגיין — זיך אויפגעשטעלט, אויסגעצויגן זיין האַנט צו שימשלען און איראָניש אַ זאָג געטאָן:

— דאַ־דאַ, הייסט עס, אַז מיר האָבן זיך אויך פּאַרזינדיקט און זענען דערפּאַר אויך באַשטראָפט געוואָרן מיט פּאַרשיקונג קיין סיביר?!...

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, געבעטן שימשלען זיך צו זעצן אַף דער שטול קעגן אים, און — דערלאַנגענדיק אים אַ פּאַפּיראָס צום פּאַררויכערן — ווי אַפּאָלאָגעטיש צוגעגעבן:

— איך האָף, מיין פריינט, אַז איר וועט ניט טראָגן קיין בייז אַף מיר איבער אייער פּאַרשיקונג, ווייל איך בין גאַרניט שולדיק אין דעם. מיין פליכט דאָ איז בלויז איבערצונעמען, אַכטונג צו געבן און זען, אַז די פּאַרשיקטע אונטער מיין יוריסדיקציע זאָלן זיך איינאָרדענען, אַרבעטן, פּאַרדינען און — ווען די צייט וועט קומען — צוריק אַהיימגעשיקט ווערן בעסערע, יעדנפאַלס קליגערע מענטשן, ווי זיי זענען אַהערגעקומען... אין אָט־דעם ליכט דריק איך אייך אויס מיין פריינטלעכן ווילקאָמען. מיר וועלן פּרוּוון אייך באַהילפיק צו זיין אַף יעדן מעגלעכן אויפן, אויב איר וועט זיך נאָר גוט אויפפירן...

ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אין די פּאַפּירן, אַרויסגענומען פון זיין שופלאָד אַ בויגן פּאַפּיר, געשטעלט שימשלען די געוויינטלעכע פראַגעס וועגן זיין נאָמען, היים־שטאָט, פּאַמיליע־שטאַנד, באַשעפטיקונג, און פּאַרשריבן זיינע ענטפערס. אַז ער איז פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם, האָט ער צוגערוקט דאָס פּאַפּיר צו שימשלען, אים דערלאַנגט זיין פעדער, און געהייסן ער זאָל זיך אונטערשרייבן אַף דעם, קעדיי צו באַשטעטיקן וואָס ער האָט געזאָגט. שימשל האָט עס געטאָן מיט אַ שווערער האַנט, בעאייס דער פּאָליציימייסטער האָט פּאַרכידעשט נאָכגעפאָלגט:

— מאָדנע, — האָט ער געמורמלט. — און דאָ, אין די פּאַפּירן אייערע, איז פאַרשריבן, אַז איר זענט אומגעלערנט און קענט ניט שרייבן און לייענען...

שימשל האָט געלאַסן אַוועקגעלייגט די פּען און טראַציק אַ שמייכל געטאָן:

— עמעס, אייער הויך־וואוילגעבירטיקייט, עמעס! אָבער פון מיין אַרעסט ביז היינט זענען אַדורך עטלעכע כאַדאָשים, און איבער אַזאַ צייט קאָן מען אַפילע אַ וועלט באַשאַפן, אָפּגערעדט פון אויסלערנען זיך אונטערשרייבן דעם נאָמען...

דער פּאָליציימייסטער האָט צופרידן געריבן זיינע הענט:

— איר ווייסט, יונגערמאַן, איר געפעלט מיר! — האָט ער געזאָגט. — עס זעט אויס, אַז מיט אייך וועלן מיר דאָ קיין צאָרעס ניט האָבן, צו דאַרפן אייך היטן און נאָכשפּירן. איר וועט זיך בלויז דאַרפן מעלדן יעדן מיטוואָך אָוונט צו מיר פּערזענלעך, אָדער — אויב איך וועל ניט זיין — צום דעזשורנע־נאַדזי־ראַטעל, און דערביי אָפּגעבן אַ באַריכט וואָס איר האָט געטאָן דורך דער וואָך און וועגן יעדן פּלאַץ וואָס איר האָט באַזוכט איבער דער צייט!...

שימשל האָט אויסגעהערט און אַלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער פאַרשטייט. געטראַכט האָט ער, אַז אָדער עס איז אַ כאָלעם אַזאַ, אָדער אַז דער פּאָליציימייסטער איז אַ דורכגעטריבענער כיטרע גאַזלען, וואָס וויל מיט זיסע רייד אַרויסקריגן פון די פאַרשיקטע זייערע סוידעס. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז טאַקע דערפאַר וועט ער זיך ערשט דאַרפן טאָפּלט היטן פאַר אים מיט אַ וואָרט און זיך ניט לאָזן אַריינגאַרן דורך זיין קלוימערשטער פריינטשאַפט און גוטקייט...

„וואָסער מין כאַווער פּרואווט ער עס ווערן מיט מיר?“ — האָט ער זיך אין געדאַנק אַ פרעג געטאָן. — „וואָסער גוט־ברודער קאָן איך זיין מיט אַ ‚פּעל׳?...“

דער פּאָליציימייסטער האָט אַ קוועטש געטאָן אַ קנעפּל באַ זיך אפן טיש. עס איז אַריינגעקומען אַ פּאָליציאַנט, צו וועמען ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— גאַלאַשין, גיי צו מיט דעם יונגנמאַן צו יעוודאָקיע דער אַלמאָנע. זי האָט אַ פרייען צימער צו פאַרדינגען!...

ער האָט ווידער דערלאַנגט שימשלען די האַנט און צוגעגעבן:

— געדענקט, מיין פריינט, אויב איר וועט זיין אומצופרידן, אָדער זיך סטאַם נויטיקן אין עפּעס, זאָלט איר מיר לאָזן וויסן און איך וועל זיך פליסן אייך צו העלפן. איר וועט זיך אָפּרוען עטלעכע טעג, וועלן מיר זען צו געפינען עפּעס אַן אַרבעט פאַר אייך, אַז איר זאָלט זיך דאָ קאָנען אויסהאַלטן...

שימשל האָט געדאַנקט דעם פּאָליציימייסטער, זיך געזעגנט מיט אים, און זיך געלאָזט מיטן פּאָליציאַנט גאַלאַשין אין דעזשורנע־צימער, דאָרט פאַרנומען זיינע זאַכן, און איז אַוועק מיט אים צו יעוודאָקיען וועגן דעם צימער...

* * * * *

קאַפּיטל עלף

יעוודאָקיע די אַלמאָנע, צו וועלכער דער פּאַליציאַנט האָט געפירט שימשלען וועגן דינגען אַ צימער, — איז, אייגנטלעך, שוין פון אַ שיינע פּאָר יאָר מער קיין אַלמאָנע ניט געווען. אינעם שטעטל האָט מען זי אָבער נאָך אַלץ גערופן די „אַלמאָנע״, מאַכמעס עטלעכע יאָר נאָך איר מאַנס טויט, האָט זי — כאָטש נאָך אַ גאַנץ יונגע פרוי אין די אָנהויב דרייסיקער — ניט געוואָלט הערן וועגן כאַסענע האָבן אַ צווייטמאָל. איר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז נאָך איוואַנען, וועמען זי האָט שטאַרק ליב געהאַט, וועט זי שוין קיינעם ניט קאָנען ליב האָבן. דערצו איז זי געווען עקאָנאָמיש גוט פאַרזאָרגט. איוואַן, דער פאַרשטאָרבענער מאַן, האָט איר איבערגעלאָזט אַ פיינע יערושע פון עטלעכע הייזער אין שטעטל, וואָס זענען געווען פאַרדונגען און אַריינגעבראַכט גענוג דירע־געלט, פון וואָס זי האָט געקאָנט לעבן און געניסן. דאָס הויפּט־הויז, וואו זי אַליין האָט געהאַט געוואוינט מיט איוואַנען, איז געווען איינס פון דריי הייזער אף אַ גרויסן הויף אין עק פון שטעטל. אַזוי ווי זי האָט נאָך ביים מאַנס לעבן געהאַט פאַרדונגען אַ פּאָר צימערן צו פּאָליטישע פאַרשיקטע, האָט זי — נאָך זיין טויט — באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען די אַלע דריי הייזער פונעם הויף אין אַ גאַסט־הויז, — אַן אַכסאַניע פאַר פאַרשיקטע מענער און פרויען. זי — צוזאַמען מיט אַ קעכן און אַ דינסט־מיידל — האָט געהאַלטן ריין די צימערן, געמאַכט די בעטן, געהייצט די אויוונס אין ווינטער און אַפילע געקאָכט מאָלצייטן פאַר יענע קוואַרטיראַנטן אירע, וואָס האָבן געוואָלט עסן היימיש געקעכטס...

געווען איז זי, יעוודאָקיע „די אַלמאָנע״, אַ געזונטע פרוי פון פּויערשן אָפּשטאַם, געהאַט אַ גלייכע, שטאַלטנע פיגור מיט גרויסע, קימאַט מענערשע הענט, אָבער דערפאַר אַ שיין, פּרויאיש־רונדיק פּאָנים מיט בלוט־שפּראָצנדיקע באַקן און אַ קאָפּ מיט צוויי דיקע פלאַקסענע צעפּ, וואָס זי האָט געטראָגן פאַרלייגט נאָר ווי אַ קרוין. דערצו איז זי געווען אַ פריילעכע, צוגעלאָזענע און גוטהאַרציקע, אַז אַלע האָבן זי ליב געהאַט און זי גערופן „די מאַמע״. באַלאָנים סיי אף איר און סיי אף איר אַשירעס, זענען געווען זייער אַ סאַך, און שאַדכאָנים — אָנגעהויבן פון גאַלעך אין איר קירך, ביז צום אוריאַדניק — האָבן איר אָפּגעשלאָגן די טירן מיט שידוכים: פון פּאָשעטע פּויערים, באַלגופים, ביז רייכע מיעסטשאַנעס און גרויסע סאָכרים. אָבער זי: איינמאָל ניין און ווידעראַמאָל ניין, — זי וויל מער ניט כאַסענע האָבן!...

אָבער נאָך עטלעכע יאָר פון לעבן אַליין, האָט יעוודאָקיע זיך דאָך אונטער־געגעבן, זיך פאַרליבט און כאַסענע געהאַט מיט איינעם פון אירע קוואַרטיראַנטן, — אַ פּינלענדישן פּאָליטישן פאַרשיקטן, נאָכדעם ווי יענער האָט דערהאַלטן אַ ידיעה פון דער היים, אַז זיין ווייב איז אים געשטאָרבן... דער צונאָמען, אָבער, „די אַלמאָנע" איז געבליבן ווי צוגעוואַקסן צו יעוודאָקיען, און קיינער אינעם שטעטל וואָלט ניט געוואוסט וועגן וועמען מען רעדט, אָן אָט־דעם סימען...

פון דער כאַסענע אָן האָט יעוודאָקיע „די אַלמאָנע" — שוין צוזאַמען מיט איר נייעם מאַן — אָנגעפירט דאָס גאַסט־הויז. זיי האָבן באַהאַנדלט די קוואַר־טיראַנטן — דער איקער די ניי־אָנגעקומענע — ווי אייגענע ברידער און שוועס־טער; האָבן זיי אויסגעהאַלטן מיט דירע, שפייז און אָפט אַפילע מיט קליינגעלט, ביז יענע האָבן זיך איינגעאָרדנט, געפונען אַרבעט און געקאָנט צוריק אָפּצאָלן...

וואָלדאָ קוסינען — יעוודאָקיעס נייער מאַן — איז געווען אַ שיינער, געזונ־טער און ברייט־פּלייציקער מאַן אין אירע יאָרן; אַן אינטעליגענטער מענטש, אַ באַלעזענער, שטענדיק מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און אַ טרייסט־וואָרט, — אַ טיפע פאַרשטענדיקייט פאַר די באַגערן און נויטן פון די פאַרשיקטע כאַוויירים. ער האָט בעעמעס ליב געהאַט יעוודאָקיען, פּונקט ווי זי האָט אים פאַרגעטערט, און ער האָט געקאָנט ביי איר אַלץ פּויעלן אָף צו מאַכן וואָס באַקוועמער, וואָס לייכטער די לעבנס פון אַלע, וואָס האָבן געוואוינט באַ זיי. ער האָט איינגעשטעלט אַ ביבליאָטעק מיט ביכער אין דעם גאַסט־צימער, און האָט אין אַ ווינקל אפן הויף געלאָזט אויפבויען אַ ספּעציעלע כאַטקע — אַ קליינע שוויץ־באָד, וואָס איז צוויי מאָל אין וואָך באַהייצט געוואָרן — איין טאָג פאַר די מענער, און איין טאָג פאַר די פרויען. די קוואַרטיראַנטן אַליין האָבן געהאָלפן באַזאָרגן די באַהייצונג, זייף און בעזימלעך, דורך אַריינלייגן יעדע וואָך צו עטלעכע קאָפּיקעס אין אַ ספּעציעלער בלעכענער פּושקע, מיט וועלכער קוסינען האָט זיך אָפּגעגעבן, און אויך געהאָלפן מיט באַהייצן און האַלטן ריין די שוויץ־באָד און די מאַכשירים — די שעפלעך, וואַש־שיסלען, האַנטעכער און דאָס גלייכן...

שימשל האָט זיך גוט איינגעאָרדנט באַ יעוודאָקיען. דאָס צימער, וואָס זי האָט אים אָפּגעגעבן, איז געווען גרויס, מיט צוויי פענצטער צו אַ גערטנדל אַרויס, און גאַנצע טעג האָט עס זיך געבאָדן אין אַ יאַם פון זון און לופט. אין צימער איז געשטאַנען אַ ברייט אייזערן בעט מיט בליאַסקעדיק־מעשענע גאַלקעס אָף די פיר ווינקל־שפּיצן, און מיט קישנס און אַ פּערענע — נאָר צו שווימען אין זיי. אַנטקעגן דעם בעט איז געשטאַנען אַ קאָמאָדע מיט אַ שפּיגל, אַ ווייס־עמאַ־לירטע שיסל און אַזאַ קריג מיט וואַסער אָף צום גאָלן און אַרומוואַשן זיך. צו־פוסנס פון בעט איז געשטאַנען אַ גרין־געפאַרבטער און מיט מעש־באַשלאָגענער קופערט אָף צו האַלטן קליידער און זאַכן. אינמיטן שטוב — אַ קליין טישל און אַ טאַבורעטקע פון רויען האָלץ, און ביי דער וואַנט, אין ווינקל לעבן דער טיר

— אַ הויכער, רונדיקער און מיט בלעך־באַצויגענער געוויסטער איוון, אַף צום באַהייצן אין ווינטער...

מיטיקצייט האָט יעוודאָקיע אַריינגערופן צום עסן שימשלען, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אין זיין צימער מיט צעפּאַקן און פאַנאַנדערלייגן זיינע זאַכן, און זי האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר איר מאַן:

— קוסינען, — האָט זי אַ זאָג געטאָן צו איר מאַן, וועמען זי האָט נאָך אַלץ ניט געקענט רופן בײַ זיין ערשטן נאָמען. — דאָס איז אונדזער נייער קוואַרטיראַנט, וואָס איז היינט אָנגעקומען, כאַווער סאַמסאָן...

מיט אַ ברייטן שמייכל אפן פּאָנים האָט קוסינען אויסגעצויגן די האַנט צו שימשלען, זי וואַרעם געדריקט. די אַנדערע האַנט פריינטלעך אַ לייג־אַוועק געטאָן אַף זיין אַקסל, צוטרוילעך אים געקוקט אין די אויגן אַריין און — אין אַ שאַרף־אַקצענטירטן רוסיש — געפרעגט, וואָס זיין באַשעפטיקונג איז, פאַר וואָס און אַף ווי לאַנג ער איז פאַרשיקט אַהער, און אים דערמוטיקט; געזאָגט, אַז ער זאָל זיך פילן היימיש דאָ אין הויז, כאַווערישע מיט די אַנדערע פאַרשיקטע, און צוגעזאָגט צו באַקענען אים אין אָוונט מיט די כאַוויירים און כאַווערטעס, די פאַרשיקטע, וואָס וואוינען דאָ...

— איר ווייסט, ברודער סאַמסאָן, איר זענט אַ מאַזלדיקער יאַט! — האָט ער אים פלוצים גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און צוגעגעבן. — איר זענט אַהערגעקומען צו אונדז פּונקט אין אַ טאָג, ווען מיר באַהייצן אונדזער אייגענע שוויץ־באָד פאַר די מענער... אויב איר ווילט — און איר ווילט דאָך אַוואַדע — וועט איר שפּעטער זיך קאָנען ווי געהעריק אַרומוואַשן און אויספּאַרען, — אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם שמוץ פונעם וועג!...

שימשל האָט געדאַנקט קוסינען פאַר זיין פריינטלעכקייט, אים געפרעגט וועגן דעם שטעטל, וואָסער אויסקוק ער קאָן דאָ האָבן צו געפינען אַרבעט און...

— מען האָט דאָ, זע איך, פאַר מיר ניט צוגעגרייט קיין האָפן, — האָט ער געשפּאַסט, — אַז איך זאָל זיך קאָנען באַשעפטיקן בײַ מיין אייגענער אַרבעט...

— וואָס האָט איר שוין קיין צייט ניט, ברודער סאַמסאָן?! — האָט קוסינען אים פריינטלעך אויסגערעדט. — זאָרגט זיך ניט! איר זענט דאָך ערשט היינט אָנגעקומען אַהער!... רוט זיך פריער אָפּ אַ טאָג־צוויי, דאַן וועלן מיר זען צו געפינען עפּעס אַן אַרבעט פאַר אייך!...

און גלייך, פאַרטרוילעך, שטיל צוגעגעבן:

— אויב איר זענט געענגט אין געלט, ברודער סאַמסאָן, זענט איר דאָ צווישן אייגענע גוטע פריינט, כאַוויירים, און מיר וועלן אייך ניט לאָזן פאַלן...

אַף צומאָרגנס, נאָך אַ נאַכט גוטן שלאָף, האָט קוסינען גענומען שימשלען אַף אַ שפּאַציר איבערן שטעטל, האָט אים געוויזן די מאַרק־גאַס מיט די עטלעכע זייטיקע געסלעך, און אים דערביי דערציילט, אַז קיין גרויסע פאַבריקן, אָדער

אונטערגעמונגען, זענען דאָ נישטאָ; אַז אין די עטלעכע קליינע שניידער־און שוסטער־וואַרשטאַטן, אין האָטעלעכל, רעסטאָראַן, צוויי טיי־טראַקטירן, שוויץ־באָד, שערעריי מיט צוויי שטולן, פונקט ווי אינעם קינאָ־טעאַטערל, וואָס עמעצער האָט געמאַכט פון אַ פאָשעטער דירע זיינער; די שטאַל מיט עטלעכע פערד און בריטשקעס, וואָס פירן פאַסאַזשירן צו און פון דער באַן, און די עטלעכע גרעסערע קראָמען, וואָס דאָס שטעטל פאַרמאָגט יאָ, — זענען פאַרנומען אַרום און אַרום עפּעס מער ווי צוויי הונדערט אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, און אַז פאַר ניי־אָנגעקומענע איז דעריבער גאַנץ שווער זיך דאָ איינצואָרדענען...

— זעט איר, ברודער סאַמסאָן, — האָט קוסינען צוגעגעבן, — ווען די באַן־פאַרוואַלטונג וואָלט געווען וויליק אָנצושטעלן פּאָליטיש־פאַרשיקטע אַלס אָנלאָדער, טרעגער, באַגאַזש־נעמער און דאָס גלייכן, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צאָרע. דער אומגליק איז אָבער, וואָס די באַן דאָ — ווי ביכלאַל איבער גאַנץ רוסלאַנד — געהערט צו דער רעגירונג, — די זעלביקע, וואָס פאַרשיקט מענטשן אַהער, און זי וויל ניט אָנשטעלן קיין פּאָליטיש־אומגעטרויבאַרע צו דער אַרבעט!

און גלייך נאָכדעם — שוין פריילעכער אַ זאָג געטאָן:

— אָבער ניט געזאָרגט, ברודער סאַמסאָן! מיר וועלן שוין געפינען עפּעס צו טאָן פאַר אייך!... אין ערגסטן פאַל וועלן מיר אייך קויפן אַ פערד און אַ בריטשקע, און איר וועט אַליין קאָנען פירן פאַסאַזשירן צו און פון וואָקזאַל, ברענגען זייער געפעק, און זיך אויסשלאָגן אייער פאַרנאָסע!...

שימשל האָט אָבער ניט געוואָלט הערן וועגן זיין אַ באַלעבאָס פאַר זיך:

— איך האָב ניט קיין איבעריק געדולד זיך אַליין צו באַזאָרגן, — האָט ער זיך געוויצלט, — וועל איך זיכער קיין געדולד ניט האָבן אויפצופּאַסן אויף אַ פערד...

דאָס מאַזל האָט אָבער אַפּאָנים צוגעשפּילט שימשלען. עטלעכע טעג נאָך דעם שמועס, האָט קוסינען אים צוגערופן און פריילעך אַ זאָג געטאָן:

— ברודער סאַמסאָן, עס איז דאָ! איך האָב אַ שטעלע פאַר אייך!...

ער האָט אים דערציילט, אַז איינער פון די קוטשערס, — אַ פאַרשיקטער, וואָס האָט געאַרבעט באַ מאַליוטקאָוון, דעם אייגנטימער פון די עטלעכע בריטשקעס, — פאַרלאָזט די שטעלע און פאָרט אַוועק, ווייל זיין פאַרשיקונג־טערמין האָט זיך געענדיקט, און אַז מאַליוטקאָוו זוכט אַ צווייטן קוטשער, — אַ געזונטן באָכער, וואָס זאָל איבערנעמען די פריי־געוואָרענע בריטשקע:

— די שטעלע איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר אייך, ברודער סאַמסאָן! — האָט קוסינען געזאָגט. — עמעס, דער כאַזער מאַליוטקאָוו צאָלט טאַקע קליינע סכירעס די קוטשערס זיינע, וואָס וואוינען און עסן ביי אים. אָבער איר קאָנט זיך אָפּזאָגן פון וואוינען און עסן ביי אים, און באַשטיין ער זאָל אייך, אָנשטאָט דעם, צאָלן מיט סכירעס, ווייל איר ווילט וואוינען פאַר זיך און עסן וואו, וואָס און ווען איר ווילט... אַגעוו, דאַרפט איר וויסן, אַז ביי אָט־דער אַרבעט פאַלט גאַנץ אָפט צו

טרינק־געלט פון די פּאַסאַזשירן, און איר וועט זיך לייכט קאָנען דורכשלאָגן...

ער איז מיט שימשלען אַוועק צו מאַליוטקאָוון. אפן וועג האָט ער אים דער־ציילט, אַז יענער — אַ גראָבער נעפּעש, אַ באַל־גוף — איז מיט אַ צען יאָר צוריק, נאָך זיין אייגענער פאַרשיקונג, געבליבן דאָ אין שטעטל, האָט דאָ כאַסענע גע־האָט מיט דער טאָכטער פון אַ היגן באַלעגאָלע, זיך געקויפט אַ פערד מיט אַ בריטשקע און אַליין זי אָנגעטריבן. שפּעטער האָט ער צוגעקויפט אַ צווייטע, אַ דריטע בריטשקע, קלוימערשט מיטן אָנשטעל צו געבן באַשעפטיקונג פאַרשיקטע כאַווירים, און האָט זיך אַזוי, ביסלעכווייז, אַרויפגעאַרבעט צו זעקס בריטשקעס, וואָס פאָרן קעסיידער, בייטאָג און ביינאַכט, צו דער באַן... און כאָטש ער אַליין, מאַליוטקאָוו, אַרבעט שוין לאַנג ניט, האָט ער פונדעסטוועגן זיך אָפּגעשפּאַרט אַן אייגן הויז, געוואָרן אַן אָנגעזען באַלעבעסל אינעם שטעטל, אַ „סטאַראָסטע" אין קירך, אַ קאָשערער מענטש ביי נאַטשאַלסטווע און — מיט זיין גאַנצער אויפפירונג און האַלטונג — פלייסט ער זיך אויסצומעקן פון זיין אייגענער געדעכעניש, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ פאַרשיקטער פאַר פּאָליטישע זינד...

מאַליוטקאָוו האָט זיך ברייט באַגריסט מיט קוסינען און זיין גאַסט, זיי אַריינ־געפירט אין עס־צימער, געבעטן זיצן און — אָנגיסנדיק גלעזלעך בראָנפן — געפרעגט וועגן וואָס זיי זענען געקומען. קוסינען האָט אים געזאָגט און, נאָך אַביסל דינגעניש, געפּועלט ביי מאַליוטקאָוון, ער זאָל אָנשטעלן שימשלען און אים צאָלן פולע סכירעס, אָנשטאָט דעם עסן און וואוינען ביי אים. ווי ער איז געוויינטלעך אַלץ באַשטאַנען...

איצט, אַז שימשל האָט שוין געהאַט אַ שטעלע און זיך אַביסל איינגעשטעלט, האָט ער זיך ווידער גענומען צום לערנען זיך. יעדן אָוונט, נאָכדעם ווי ער איז אַהיימגעקומען פון דער שטאַל, וואו ער האָט איבערגעגעבן די בריטשקע מיט דעם פערד פאַר דעם ביינאַכטיקן אָנטרייבער, — האָט ער, גלייך נאָכן אָפּעסן די ווע־טשערע, זיך אַוועקגעזעצט ביי זיך אין צימער און געלייענט זילבעסווייז דעם גרויסן שריפט אינעם לערן־ביכל, אָדער נאָכגעשריבן מיט קרומע, אומגעלומ־פּערטע אויסיעס אַ בריוו פונעם בריוון־שטעלער. עס איז אים געגאַנגען גאַנץ שווער, אָפּטמאָל ביז צו אַנטוישונג און אָפּהענטיקייט, אָבער זיין אַקשאָנעס און אויסדויער האָט דאָך געבראַכט געוויסע רעזולטאַטן...

קנאַפּע צוויי כאַדאָשים איז שימשל געווען אין שטעטל און עס איז געווען נאָכן זומער. אינמיטן סענטיאַבער כוידעש זענען אויסגעפאַלן גרויסע שנייען און עס האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרקע פרעסט. דאָס ביסל קאָליר, וואָס האָט גע־וויינטלעך באַלעבט די גרויקייט אינעם פאַרשיקונג־שטעטל, איז איצט געווען ווי באַצויגן מיט ווייסע טויטן־טאַכריכים, וואָס האָט אויסגעשפּרייט אַ מאָנאָטאָנעם טרויער אף די הייזלעך,ביימער און דעם שליאַך פונעם שטעטל ביז דעם וואַק־זאַלעכל, און אָנגעלאָדן אַ געדריקטקייט אף די מענטשן. זיי — אָנגעפּעלצטע פון

אויבן, קעדיי ניט צוצולאָזן די קעלט אַף זיך, — האָבן זיך פֿאַרמאַכט אין זיך, ווי אין מוירע ניט אַרויסצולאָזן די אינערלעכע וואַרעמקייט פֿון זייערע הערצער. עס האָט אויסגעזען, ווי איין גרויסער ברויגעז, אַן אָפּגעזונדערטע פרעמדקייט, וואָלט אַלעמען באַהערשט און אַרומגעכאַפּט...

אָנשטאָט דער בריטשקע, האָט שימשל איצט געהאַט אַ שליטן מיט צוויי פֿערד, מיט וועלכע ער איז דריי מאָל אין טאָג געפֿאָרן צום וואָקזאַל, געפֿירט פּאַסאַזשירן אַהינצו, און פֿון דאָרט געבראַכט צו פֿירן אַנדערע, אָנגעקומענע סאָכרים און וואָיאַזשאָרן מיט זייער געפּעק... איצט, איבערן אומענדלעכן שניי און אונטערן קעסיידערדיקן געקלאַנג פֿון די גלעקלעך אַף די פֿערד, האָט ביי שימשלען זיך דערוועקט אַ טיפֿערע בענקשאַפֿט נאָך זיין היים־שטאָט, נאָך יעגאָרן, און — דער איקער — נאָך נאַדיען... ער האָט אַלץ געהאָפֿט צו קאָנען בעקאָרעוו אָנשרייבן אַ בריוו מיט דער אייגענער האַנט, קעדיי צו באַווייזן זיי, אַז ער האָט זיי געפֿאָלגט און זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען זיך...

נאָך אַ כוידעש איז פֿאַרביי. שימשל האָט געקראָגן מער זיכערקייט אין לייענען, און זיך מאַמעש געפֿרייט ווען ער האָט געפּרואווט און עס איז אים געלונגען, אָן דער הילף פֿונעם בריוון־שטעלער, אויפֿצושרייבן אַפֿן פּאַפּיר דאָס וואָס ער האָט געהאַט אין געדאַנק... אַ דערהייטערטער, האָפֿענונגפֿולער, האָט ער דאַן זיך אַוועקגעזעצט און — געלאַסן, מיט גרויס פֿאָרזיכט, אָבער דאָך מיט אַ שווערער, קוים־פֿאָלגנדיקער האַנט — אָנגעשריבן מיט גרויסע, אומגעלומפּערטע אויסיעס, צוויי בריוו — איינעם צו יעגאָרן און איינעם צו נאַדיען. ווי אין איין אָטעם, אָן אָפּשטעלן, האָט ער זיי געלאָזט וויסן ווי עס גייט אים, און געבעטן זיי זאָלן אים שרייבן וואָס עס הערט זיך באַ זיי... עטלעכע טעג האָט ער געטראָגן די אָנגעשריבענע בריוו מיט זיך, אַלץ געאַישעווט זיך, צי ער זאָל זיי אַוועקשיקן, אָדער בעטן עמעצן פֿון די כאַווירים אָנצושרייבן פֿאַר אים בעסערע בריוו. סאָף־קאָל־סאָף האָט ער אָבער באַשלאָסן אַוועקצושיקן זיינע אייגן־געשריבענע, און בלויז געבעטן קוסינען אָנצושרייבן די אַדרעסן פֿאַר אים. ער האָט די בריוו אַוועקגעשיקט און מיט אומגעדולד געוואַרט אַף ענטפֿער...

דערווייל איז אָנגעקומען „ראָזשדעסטוואָ“ — קריסטוס געבוירנטאָג. יעוודאָקיע האָט ביי זיך אין גאַסט־צימער אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן יאָלקע־בוים מיט באַפּוצעכצן, און — ווי אַלע יאָר — צוגעגרייט מאַטאָנעס פֿאַר די אָרעמע פֿאַרשיקטע פֿון דער געגנט, וועלכע האָבן ניט געקאָנט אַרבעטן, אָדער ניט געקאָנט קריגן קיין אַרבעט, צי סטאַם פֿאַרדינט ווינציק אַף צו קאָנען זיך פֿאַרגינען צו קויפֿן נייטיקע זאַכן. זי האָט אויסגעטיילט וואָלענע זאָקן, וואַלינקעס, קאַלאָשן, וואַרעמע הענטשקעס, פֿוטערנע היטלען, געשטריקטע לייבלעך און נאָך אַזעלכע זאַכן, אין וועלכע די פֿאַרשיקטע האָבן זיך גענויטיקט דאָ, אין קאַלטן סיבירישן קלימאַט...

אַף ביי־יאָר אָונט האָט יעוודאָקיע — ווי אַלע יאָר — צוגעגרייט אַ הוליאַנקע

לעטויוועס די פאַרשיקטע. נאָך מיט וואָכן פריער האָט יעדער קוואַרטיראַנט, וואָס האָט פאַרדינט, זיך באַשטייערט מיט וויפל ער האָט נאָר געקאָנט. פאַר אַ טייל פון דעם געלט האָט יעוודאָקיע צוגעגרייט פאַרשידענע שפּייזן, געבעקסן און געטראַנקען. מיט דער הילף פון צוויי פון די פאַרשיקטע פרויען האָט זי געבאַקן און געקאָכט פיר טעג נאָכאַנאַנד, צו האָבן פאַרטיק פונעם שענסטן פאַר דער סודע. זי האָט אָפּגעפּרעגלט אַ קליין יונג כאַזערל, עס באַפּוצט מיט פאַרשידענע גרינצייג, און האָט דאָס — אויף אַ ריזיקן פּולעמיסיק — אַוועקגעשטעלט אינמיטן דעם גרויסן, שיין־געדעקטן טיש, אין סאַמע מיטן פונעם עס־צימער... צוויי גרויסע, בליאַנקענדיק־מעשענע סאַמאָוואַרן מיט ווייסע, פאָרצעלייענע עסענץ־טשאַיניקעס אויף די לופט־רערן, האָבן זיך געפּאַרעט אויף ביידע עקן טיש און פאַרשמעקט דאָס גאַנצע הויז מיטן געשמאַקן רייעך פון פרישן טיי... געבלימלטע גלעזער און טעצעלעך, געמאָלטע טעלער און טעלערלעך, בליאַסקעדיק־מעטאַלענע לעפל־מעסער־גאָפּל, — פון אַ ספּעציעלן סערוויז, וואָס יעוודאָקיע האָט געהאַלטן פאַר בלויז אַזעלכע יאָנטעוודיקע געלעגנהייטן, — זענען געווען אויסגעשטעלט און אויסגעלייגט איבערן גאַנצן טיש, — אַ קאָמפּלעקס קעגן יעדער איינער פון די צוואַנציק שטולן ביים טיש, וואָס זענען געווען גרייט פאַר יעוודאָקיען און איר מאַן, פאַר די צוויי הויז־באַדינערקעס און פאַר די זעכצן קוואַרטיראַנטן, וואָס האָבן געוואוינט אינעם הויז... דער אויוון איז געווען שטאַרק באַהייצט און אין שטוב איז געווען מעכאַיעדיק וואַרעם, כאָטש אינדרויסן האָט געקנאַקט אַ שטאַרקער פראָסט...

קוסינען און די קוואַרטיראַנטן האָבן געטאָן זייער כיילעק צו באַשיינען די הוליאַנקע. נאָך מיט וואָכן צוריק האָט ער, קוסינען, צוגעגרייט אַ פאַרוויילונג און יעדן איינעם אויסגעטיילט וואָס פאָרצוטראָגן ביי דעם סימכעלע. דריי יאַטן האָבן צוגעשטעלט די מוזיק — איינער אויף אַ האַרמאָשקע, אַ צווייטער אויף זיין מאַנדאָלין, און אַ דריטער אויף דער באַלאַלאַיקע... צוויי פּאָרלעך — מיידלעך און באָכערים — האָבן געטאַנצט האָפּאַקס און קאָזאַצקעס, און איינער, אַ גרוזין, האָט באַוויזן וואָס ער קען, טאַנצנדיק אַ לעזגינקע... צוויי באָכערים און איין מיידל — אין גרים און קאָסטיומען — האָבן אויסגעשפּילט עפּעס אַן אייגן־פאַרפאַסטע קאָמעדיע, פון וואָס אַלע האָבן שטאַרק געלאַכט און גרויס האַנאָע געהאַט... קוסינען אַליין האָט — אין זיין שאַרף־אַקצענטירטן רוסיש — דעקלאַמירט פּושקינס אַ ליד... בלויז שימשל אַליין איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט גאָרניט געקענט און גאָרניט געהאַט צוגעגרייט צוצוטראָגן עפּעס צו דער פאַרוויילונג. אָבער קעדיי ניט אָפּצושטיין פון אַלעמען, האָט ער — קימאַט אין דער לעצטער מינוט, בלויז אַ שאָ פאַר דער סודע — ערגעץ געקראָגן אַן אייזערנעם פרענט, אַ שטיק ברעט און אַ גרויסן טשוואָק, מיט וועלכע ער האָט געגרייט זיין קונצן. ער האָט דאָס ברעטל אַוועקגעלייגט איבער צוויי שטולן, האָט מיט דער הוילער האַנט אַ יאָג־דורך געטאָן דעם טשוואָק דורך דעם, אים צוריק אַרויסגעשלעפּט און דאָס איבערגעכאָזערט

עטלעכע מאָל אַזוי. נאָך דעם האָט ער דעם אייזן־פּרענט אַוועקגעלייגט אַפן קאַרק זיינעם און לייכט, מיט די הוילע הענט, אים אַרומגעוויקלט אַרום זיין האַלדז נאָר ווי אַ געשטריקטן שאַליק... דאָס האָט גוט אויסגענומען ביי אַלעמען — דער איקער באַ די מיידלעך, וואָס האָבן געקוקט אַף שימשלען מיט באַגייסטערונג און אים שטאַרק אַפּלאָדירט. קוסינען האָט געהאַלטן אַ רעדע און געזאָגט, אַז ער, שימשל, טראָגט מיט רעכט דעם נאָמען סאַמסאָן, ווייל ער איז אַ גיבער טאַקע נאָר ווי סאַמסאָן פון דער ביבל... איינע פון די מיידלעך האָט אַפילע געפּרואווט זיך וויצלען מיט שימשלען, זאָגנדיק אים מיט בווילעטן אַנשטעל און שאַרזש, אַז ער מעג איר אויסזאָגן אין וואָס זיין גווירע באַשטייט, ווייל איר נאָמען איז ניט דעלילע, נאָר סאַשע, און אַז זי וועט אים אַבסאָלוט ניט פאַראַטן צו די פּלישטים...

שימשל — כאָטש ער האָט געשמייכלט, מיטגעהאַלטן מיט אַלעמען און אַפילע מיטגעזונגען די לידלעך — איז דאָך מיט זיינע געדאַנקען געווען ווייט פון דער הוליאַנקע. ער האָט גאָר קעסיידער געטראַכט וועגן נאַדיען, געבענקט צו הערן פון איר. ער איז מאַמעש צופרידן געווען ווען די הוליאַנקע האָט זיך ענדלעך פאַרענדיקט און ער איז אַריין צו זיך אין צימער, וואו ער האָט אומגעשטערט זיך איבערגעגעבן צו זיינע אייגענע בענקענדיקע ראַיאָינעס...

יעדע וואָך איז שימשל — פּונקט ווי אַלע אַנדערע פאַרשיקטע — געגאַנגען אין פּאָליציי זיך מעלדן. דאָס ראָוו האָט אים דאָרט אויפגענומען דער דעזשורנע־נאַדזיראַטעל, וואָס האָט פאַרשריבן אין אַ בוך די צייט פון זיין מעלדן זיך, און אים געהייסן גיין...

די וואָך נאָך ניי־יאָר, ווען שימשל איז געקומען זיך מעלדן, האָט דער פּאָליציימייסטער אַליין אים אויפגענומען. ער האָט גערעדט גאַנץ פריינטלעך צו אים, געפרעגט ווי ער האָט זיך איינגעאָרדנט, צי ער איז צופרידן פון דער שטעלע, צי ער פאַרדינט גענוג אַף צום לעבן, און פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— און וואָס טוט איר מיט זיך אין די אָוונטן, סאַמסאָן?... איך האָף, אַז איר לאַנגווייליקט זיך ניט באַ יעוודאָקיען, צווישן די אַנדערע פאַרשיקטע...

שימשל האָט אים פאַרדעכטיק אָנגעקוקט:

— ניין, ניטאָ קיין צייט פאַר לאַנגווייליקן זיך! — האָט ער טרוקן געענטפערט. — אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, בין איך צו מיד צו גיין פאַרברענגען. זיץ איך באַ יעוודאָקיע „די אַלמאָנע" אין הויז, הער די מאַיסעס און די וויצן, וואָס אַנדערע דערציילן דאָרט, אָדער איך גיי אָן מיט מיין לערנען זיך שרייבן און לייענען, קעדיי אָנצוזאָגן וואָס איך האָב אַלע יאָרן דורכגעלאָזט...

— הייסט עס, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג?! — האָט דער פּאָליציימייסטער זיך געריבן די הענט פון צופרידנקייט. — דאָס איינציקע, וואָס עס פעלט אייך דאָ, איז — ווי איך פאַרשטיי — אַ מיידל, אַ פרוי... נו, דאָס דאַרף דאָך ניט זיין קיין צו שווערע פּראָבלעם פאַר אַזאַ שיינעם, געזונטן באָכער ווי איר זענט...

ער האָט כיטרע אַ קוק געטאָן אַף שימשלען און פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט איר גאָר וואָס, סאַמסאָן, איר געפינט זיך אַ מיידל, און איך... איך וועל אייך געבן די דערלויבעניש כאַסענע צו האָבן!...

שימשל האָט געשמייכלט:

— אַ דאַנק אייך, אייער וואוילגעבירטיקייט! אָבער איך קלייב זיך ניט דאָ כאַסענע צו האָבן. איך האָב אינדערהיים איבערגעלאָזט אַ מיידל, מיט וועלכער איך וועל כאַסענע האָבן. איך דערוואַרט צו קריגן אַ בריוו פון איר...

דער פּאָליציימייסטער האָט זיך ווי אַ כאַפּ געטאָן:

— טאַקע גוט וואָס איר האָט מיך דערמאָנט וועגן אַ בריוו! — האָט ער פון צווישן זיינע פּאַפּירן אַרויסגענומען אַ בריוו און אים אויסגעצויגן צו שימשלען.

— דאָס איז טאַקע אַ בריוו פאַר אייך פון אייערע פריינט, אַ געוויסן יעגאָר און, ווי מיר דאַכט זיך, אַ געוויסע נאַדיע...

פון פריידיקער איבעראַשונג איז שימשל אַזש אויפגעשפּרונגען פון דער שטול און שיר ניט אַרויסגעריסן דעם בריוו פון פּאָליציימייסטערס האַנט אַרויס. יענער האָט געשמייכלט און צוגעגעבן:

— איך פאַרשטיי, מיין פריינט, אייער אומגעדולד... אַגעוו, מוזט איר באַגרייפן, אַז איך האָב ניט פאַרהאַלטן אייער בריוו ווייל איך וויל אַזוי, נאָר ווייל אַזוי גייט עס. בריוו, וואָס קומען אָן צו די פאַרשיקטע, ווערן פריער געבראַכט צו אונדז. מיר מוזן וויסן ווער עס שרייבט אייך און וואָס מען שרייבט אייך...

שימשל האָט געשוויגן, גענומען דעם בריוו, אים גיך אַ פאַררוק געטאָן צו זיך אין קעשענע אַריין, אַקוראַט ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, אַז יענער זאָל אים ניט צוריק צונעמען פון אים, און מיט אומגעדולד געוואַרט ביז יענער האָט אים געהייסן גיין. אין קאָרידאָר האָט ער מיט ציטערדיקע פינגער אַרויסגענומען דעם בריוו פונעם קאָנווערט אַרויס און — געלאַסן, זילבעסוויז — אים גענומען פאַרזיכטיק לייענען...

אין אָנהויב האָבן זיינע אויגן געגליט מיט ברויזנדיקער פרייד, און דאָס פּאָנים האָט ביי אים געשיינט פון אינערלעכער האַנאָע איבער יעגאָרס קאָמפּלימענטן און ליוב, וואָס ער קען שוין אַליין שרייבן אַ בריוו. באַלד, אָבער, האָבן זיינע ליפּן זיך אַ קרים געטאָן אין אַ צעוויטיקטער גרימאַסע, די אויגן זענען מיטאַמאָל ווי אויסגעלאָשן געוואָרן, און דאָס פּאָנים — מאַט און פאַרוואָלקנט... מיט פאַרדראָסיקן צאַאַר האָט ער געלייענט יעגאָרס מעלדונג, אַז ער האָט מיט אַ פּאָר כאַדאָשים צוריק כאַסענע געהאַט מיט נאַדיען; אַז זי בעט ביי אים פאַרגעבונג פאַר ניט שרייבן באַזונדער, און אַז זי שיקט אים איבער דורך יעגאָרן אירע פריינטלעכע גרוסן, בעטנדיק, אַז ער זאָל ווייטער לאָזן הערן פון זיך...

נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל האָט שימשל געלייענט דעם בריוו, אַלץ געוואָלט גלויבן, אַז ער האָט ניט ריכטיק געלייענט, ניט גוט פאַרשטאַנען, און געהאָפט,

אַז באַלד וועט ער זיך אָוואַדע אָנשלאָגן אפֿן טאָעס וואָס ער האָט געמאַכט. אָבער וויפֿל מאָל ער האָט ניט געלייענט, אַזויפֿיל מאָל — אָבער נאָך שאַרפֿער, נאָך גרויזאַמער — איז די כאַסענע־מעלדונג פֿאַר אים אויסגעקומען. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפֿילט עפּעס אַזוי ווי אַן אָפּגענאַרטער, אויסגעכויזעקטער, אַז ער האָט זיך אַזש שיר־ניט צעוויינט פֿון פֿאַרדראָס...

ניין, ניט אף נאַדיען איז ער איצט בייז געווען, נאָר אף זיך אַליין:

„וואָס קאָן איך דען האָבן צו נאַדיען?" — האָט ער זיך געזאָגט. — „טאַקע אין דער עמעסן, ווי קום איך גאָר צו איר — איך, אַזאַ פּראָסטער, אומגעלערנטער טרעגער, און זי — אַזאַ אינטעליגענטע, געבילדעטע?..."

אַ דערשלאָגענער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פּונקט ווי נאָך דער מאַמעס לעוואַיע, איז ער אַרויסגעגאַנגען צום שליטן, זיך אַריינגעזעצט און האַסטיק זיך אַ יאָג געטאָן צום מאַרק־פּלאַץ, דאָרט אויפֿצונעמען פּאַסאַזשירן צום וואָקזאַל. אַז דער שליטן איז שוין געווען באַזעצט, האָט ער אַ שמיץ געטאָן מיט דער בייטש אין דער לופֿט און — לאָזנדיק לויפֿן די פֿערד איבערן וועג, וואָס איז זיי באַקאַנט געווען — זיך איבערגעגעבן זיינע אייגענע מאַכשאָוועס... ער האָט אַלץ געטראַכט וועגן נאַדיעס כאַסענע, און געפּרוּווט זיך אויסרעדן און באַרואיקן, אָבער דער ווייטיק איבער דעם איז ביי אים געווען צו טיף, דער פֿאַרדראָס, — צו גרויס, אַז ער זאָל דאָס קאָנען אַזוי גיך איינשטילן... און נאָר ווי אף צו לעהאַכעס האָבן די גלעקלעך אף די לויפֿנדיקע פֿערד זיך געררייצט מיט אים און אָן אַן אויפֿהער ווי אויסגעקלונגען:

„נישטאָ מער נאַדיע, נישטאָ מער נאַדיע, נישטאָ מער נאַדיע!..."

יאָ, שימשל האָט באַגריפֿן, אַז קיינער, אַ כוץ ער אַליין, איז ניט שולדיק אין דעם וואָס ער האָט ניט נאַדיען. וואָרים האָט זי דען אים עפּעס צוגעזאָגט? האָט זי צומאָל געהערט פֿון אים אַפֿילע אַן אַנדייט, אַז ער האָט זי ליב? ניין! אַלץ, זיינע געפֿילן צו איר, הייסט עס, האָט ער דאָך געטראָגן פֿאַרבאָרגן ביי זיך אין האַרצן, ביי זיך אין מויעך, און דערביי אַלץ געהאָפֿט, אַז שפּעטער, ווען ער וועט זיך האָבן אויסגעלערנט שרייבן, וועט ער עס איר זאָגן אין אַ בריוו...

שימשל האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן צו זיך און איראָניזירט:

„אַ מאָדנע שלימאַזל איך בין עס!" — האָט ער זיך געזאָגט. — „איצט, אַז איך קען שוין יאָ אַביסל שרייבן, האָב איך שוין ניט צו וועמען און צוליב וואָס... עס קאָן זיין, אַז ווען איך וואָלט ניט פֿאַרשיקט געוואָרן און וואָלט געווען לעבן איר, וואָלט עס זיך עפּשער אַנדערש אויסגעלאָזט און..."

ניין, אויך אף יעגאָרן איז ער ניט בייז געווען, וואָס יענער האָט כאַסענע געהאַט מיט נאַדיען. פֿאַרקערט: שימשל איז שטאַרק צופֿרידן געווען, וואָס דאָס איז געווען יעגאָר. וואָרים געוואוסט האָט ער, שימשל, אַז אויב עמעצער האָט פֿאַרדינט נאַדיעס ליבע, — איז עס טאַקע בלויז ער, דער טייערער יאַט, דער

וואונדערלעכער מענטש, דער גוט־ברודער און פריינט — יעגאַר, וועמען ער האָט צו פאַרדאַנקען פאַר עפּעס פאַר אים די נייע וועלט...

אָבער וויפל ער, שימשל, האָט ניט געזוכט צו באַרואיקן זיך מיט פאַרשידענע פאַרענטפערס, איז ער דאָך געבליבן מיט אַ צעוויטיקט האַרץ און זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אָפּגעשלאָסן אין זיך און אַלץ געליטן פונעם קלאַפּ וואָס ער האָט געקראָגן...

דאָס לעבן אַרום שימשלען איז אָבער אַנגעגאַנגען פונקט ווי פריער. און פונקט ווי פריער איז ער יעדן טאָג אַרויסגעפאָרן מיטן שליטן, געפירט פּאַסאַ־זשירן צו און פונעם וואקזאַל, געטראָגן זייערע וואַליזעס, געקנאַקט מיט דער בייטש אין דער לופטן, צוגעקנאַקט מיט דער צונג אַ דערמוטיקונג פאַר די פערד, און געכאַלעמט זיינע כאַלוימעס זיצנדיק אַף דער קעלניע...

איינמאָל אין אַ פראָסטיקן טאָג, עטלעכע וואָכן נאָכדעם ווי ער האָט געקראָגן דעם בריוו, האָט שימשל — אַנקומענדיק, ווי אַלעמאָל, מיטן שליטן צום וואקזאַל אַף אויפצונעמען די פּאַסאַזשירן, וואָס זענען אָנגעקומען מיט דער באַן — באַ־מערקט, אַז דער צוג האָט געהאַט אַ צוגעטשעפּעטן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן. אים האָט פאַראינטערעסירט צו זען, צי מען האָט געבראַכט נייע פאַרשיקטע אַהער. באַלד האָט ער דערזען, ווי פונעם וואַגאָן זענען אַרויסגעקומען צוויי קאָנוואָי־סאָלדאַטן מיט אַ פרוי, וועלכע איז געווען אָנגעפּעלצט אין אַ פוטערנעם מאַנטל און מיט אַ קאַראַקולענער פּאַפּאַכע אַפן קאָפּ. ער האָט אָבער ניט געקאָנט כאַפּן איר אויס־זען און דעריבער ניט געקאָנט וויסן, צי איז דאָס אַ יונג מיידל, אָדער גאָר אַן עלטערע פרוי. באַמערקט האָט ער בלויז, ווי זי האָט דערלאַנגט די קאָנוואָ־אירן צו פּאַפּירענע אַסיגנאַציעס, און יענע האָבן איר דערפאַר געדאַנקט דורך סאַלוטירן און אַ שאָקל מיט די קעפּ. נאָך דעם האָט זי אויך דערלאַנגט צו פּאַ־פירלעך די צוויי פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן זי און אירע צוויי קליינע וואַליזקעס איבערגענומען פון די קאָנוואָאירן, און זיי האָבן זיך אויך גענומען קנייטשן און בייגן פאַר איר, גערעדט צו איר מיט כביפעדיקע זשעסטן, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געווען ניט אירע וועכטער, נאָר גאָר באַדינער, וואָס זענען גרייט אַף איר וואונק אויסצופילן אירע באַפעלן. זיי זענען געגאַנגען אָפּגעטראָטן עטלעכע טריט פון איר, האָבן זיך געבוקט קימאַט באַ יעדן וואָרט אירן, און האָבן דערביי עפּעס אַזוי נאַרישעוואַטע צוגעשמייכלט...

זיי, די צוויי פּאָליציאַנטן און די פרוי, זענען צוגעקומען צו שימשלס שליטן און, בעאייס זי האָט זיך אַריינגעזעצט און שימשל האָט גענומען אַרומדעקן אירע פיס מיט דער דיקער וואָלענער קאָלדרע, — האָט איינער פון די פּאָליציאַנטן, וואָס האָט אים געקענט, פריילעך אַ זאָג געטאָן צו אים:

— אַ־נו־קאַ, ברודערל, טו נאָר אַ פלי מיט דיינע אָדלערס צום אוטשאַסטאָק, און מאַך עס גיך, אַז די באַרינע זאָל ניט באַוויזן געפרוירן צו ווערן!...

די פּאַליציאַנטן האָבן זיך איינגעזעצט אפן הינטערשטן געזעס אין שליטן, הינטער דער פרוי. שימשל האָט זיך איינגעמאַשטשעט אף דער קעלניע, אַ שמיץ געטאָן מיט דער בייטש איבער די פערד, און דער שליטן האָט זיך אַ לאָז געטאָן שוועבן איבערן טיפן שניי טאַקע נאָר ווי אַ פויגל אין דער לופטן. שימשל איז מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ מאָדנע וואַרעמקייט און ער האָט פּלוצים דערפילט אַ באַגער זיך אויסצופיינען פאַר דער פּאַסאַזשירקע אינעם שליטן. ער האָט בעריעש אָנגעצויגן די לייצעס און פריילעך צוגעקנאַקט מיט דער צונג, אַז עס האָט אַזש הילכיק אָפּגעקלונגען אפן אַרום. דערביי האָט ער עטלעכע מאָל אַ דריי־אויס געטאָן דעם קאָפּ, אין אַ פאַרזוך צו זען ווער די פרוי איז. ער האָט געוואָלט אַ רעד טאָן צו איר, זי פרעגן, צי זי איז אַהערגעקומען אף פאַרשי־קונג און אף ווי לאַנג, אָבער יעדעסמאָל האָט איינער פון די צוויי פּאַליציאַנטן — כאַטש צוגעלאָזן און כניפעדיק צו דער פרוי — אַ דראָע געטאָן מיט אַ פינ־גער צו שימשלען פון הינטער אירע פּלייצעס, אַז ער זאָל דאָס ניט טאָן...

שימשל האָט געשוויגן. פאַרשטאַנען האָט ער, אַז עס איז ניט דערלויבט צו רעדן צו אַ פאַרשיקטן איידער מען ווערט אויפגענומען פון פּאַליציימייסטער... ער האָט אָבער אַלץ געפּרוּווט קוקן און אויסגעפינען וואָסער שטייגער מענטש אָט־די פרוי איז, צי זי איז אַ יונגע און... ווי זי זעט אויס...

אָנגעקומען אין שטעטל און זיך אָפּגעשטעלט ביים פּאַליציי־צירקל, איז די פרוי פלינק אַרויסגעשפּרונגען פונעם שליטן, ניט לאָזנדיק די פּאַליציאַנטן איר העלפן אין דעם. שימשל האָט דערפון געדרונגען, אַז זי מוז אָוואָדע זיין אַ יונגע, אַ זשוואַווע. ער איז אויך אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קעלניע, אַ נעם געטאָן די צוויי וואַליזקעס און זיי איר נאָכגעטראָגן אין קאָרידאָר אַריין. דאָרט האָט זי אַראָפּגעכאַפּט דאָס קאַראַקולענע היטל פונעם קאָפּ, אַ צעטרייסל געטאָן די אונטערגעשוירענע ברוינע האָר, אויסגעטאָן דעם פּעלץ, אים איבערגעגעבן די פּאַליציאַנטן, און דערביי, מיט אַ כיינעוודיקן שמייכל, געפרעגט שימשלען וויפל עס קומט אים פאַר דעם קורס. זי האָט אים באַצאָלט די פאַרלאַנגטע סומע און אים דערלאַנגט אַ האַלבן רובל טרינק־געלט, פון וואָס שימשל האָט זיך שעמעוו־דיק און פאַרלוירן אָפּגעזאָגט. זי האָט דאַן ווידער אַ שמייכל געטאָן צו אים און האָט זיך מיט לייכטע, פלינקע טריט געלאָזט גיין מיט די צוויי פּאַליציאַנטן אינע־ווייניק, אין צירקל אַריין...

שימשל האָט נאָכגעקוקט די אָפּגייענדיקע פרוי. ער האָט שוין איצט געזען און געוואוסט, אַז זי איז אַ יונגע, אַ שיינע, וואָס האָט מיט איר האַלטונג און איר גאַנג אים עפּעס אַזוי שטאַרק דערמאָנט אין נאַדיען, אַז ער האָט אַזש גענומען ציטערן... ער איז צוריק אַרויס צום שליטן. געטראַכט האָט ער, אַזוי ווי עס איז ביזן אָונט סיי־ווי קיין צוג נישטאָ, וועט ער דאָ, אינדרויסן, צוואַרטן אף דער ניי־אָנגעקומענער פרוי, קעדיי שפּעטער, ווען זי וועט זיין אָפּגעפּאַרטיקט

מיטן ווערן אויסגעפרעגט און פאַרשריבן, זי אַוועקצופירן צו יעווזדאָקיען דער „אַלמאָנע״ אין גאַסט־הויז אַריין, זי זאָל דאָרט דינגען אַ צימער פאַר זיך...

ער איז אָפּגעזעסן אין שליטן אויף דער גאַס אַריבער אַ שאָ צייט און איז שיר ניט פאַרשטייפּט געוואָרן פון דעם פראָסט, אָבער די פּרוי איז נאָך אַלץ ניט אַרויסגעקומען פון צירקל. שימשל האָט אָנגעהויבן ווערן אומרואיק, זיך געכי־דעשט פאַרוואָס עס נעמט איר אַזוי לאַנג, איצט, ווען דער פּאָליציימייסטער איז דאָ באַ זיין שרייב־טיש, און זי דאַרף ניט — ווי ער — וואַרטן אויף אים. עפּעס האָט אים דאָס האַרץ געזאָגט, אַז פּאַוועל אָסיפּאָוויטש באַגדאַנאָוו, — דער פּאָליציימייס־טער, האָט מיסטאָמע געוואָרפן אַן אויג אויף איר און פאַרהאַלט זי דעריבער... אפן מאָמענט האָט ער אַפילע אַ טראַכט געטאָן אַריינצוגיין אין אוטשאַסטאָק און אַ קוק טאָן וואָס עס איז, אָבער גלייך זיך באַרעכנט, אַז עס וועט זיין געזינטער פאַר אים דאָס ניט צו טאָן און זיך בעסער ניט אָנהויבן מיטן פּאָליציימייסטער...

ער האָט זיך שוין פאַרנומען אַוועקצופאָרן, אָבער פּלוצים האָט ער דערזען דעם פּאָליציאַנט גאַלאַשין אַרויסקומען פון אינעווייניק. שימשל האָט אים צוגעצ־רופן, אים דערלאַנגט אַ קופערנעם פּיאַטאַק און געפרעגט, עפשער ווייסט ער פאַר־וואָס די נאַר־וואָס אָנגעקומענע פרוי ווערט דאָרט פאַרהאַלטן.

— וואָסער פאַרהאַלטן? — האָט גאַלאַשין אויסגעצויגן. — זינט זי איז געק־קומען זיצט זי ביי פּאַוועל אָסיפּאָוויטשן אין פאַרמאַכטן קאַבינעט, טרינקט טיי מיט אים, און יעדע וויל ברעכט אויס אַ הילכיק געלעכטער. אָט, גיי איך דאָס טאַקע איצט קויפן פּאַפּיראָסן פאַר דער באַרינע!... ביסט אַ טשודאַק, סאַמסאָן, פאַרהאַלטן גאַר, כע־כע, כע!...

שימשל האָט זיך דערפילט צעווייטיקט און פאַרדראָסיק. ער האָט אַ שמיץ געטאָן די פערד און זיך גיך אַ יאָג־אַוועק געטאָן מיטן שליטן פונעם פּלאַץ...

* * * * *

קאַפּיטל צוועלף

ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ גאָלוב, — די ניי־אָנגעקומענע אַף פאַרשיקונג, אָדער ווי מען האָט זי היימיש גערופן: ליובע, — איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, און די איינציקע טאָכטער פון אַ רייכן ערשטע־גילדע סויכער אין פעטערבורג. געווען איז זי אַ זשוואַווע, אַ לעבעדיקע, מיט אַ פעסט־געבויטער, שיין־געפאָרעמטער פיגור פון העכערן וואוקס. זי האָט פאַרמאָגט אַ קאָפּ מיט ברוינע, אונטערגעשוירענע האָר, וואָס האָבן געהאַט דעם געוועב און גלאַנץ פון ווייכע זייד־פעדים און זיך פאַרענדיקט מיט אַ קורצער גריוווע אפן הויכן שטערן. דאָס פּאָנים — לענגלעך, מיט קוים־אויסגעשטופּטע קין־באַקן און אַ רונד־לעכער גאָמבע; טיף־אַריינגעזעצטע טונקל־בלויע פינקלדיקע אויגן פון אולטראַ־מאַרין־קאָליר, ווי יאַם־וואַסער אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט, — אויגן, וועגן וועלכע מענטשן פלעגן זאָגן, אַז זיי זענען עפּשער איין־און־איינציק אין דער וועלט; אַ קורצע, עטוואָס־פאַרריסענע נאָז און אַ קליין מויל מיט פעטלעכע, בויגן־אַרטיקע ליפּן, וואָס האָבן — האָט עס אויסגעזען — שטענדיק געשמייכלט און עפּעס אַזוי ווי וויברירט מיט באַגער בעת זי האָט זיי פאַנאַנדערגענומען, אויפדעקנדיק דערביי אירע ברייטע, בלוילעך־ווייסע־ציין, וואָס האָבן געשאַפן דעם אויסדרוק פון פעסטן כאַראַקטער און געוואַגטקייט...

געווען איז זי, ליובע, אַן אויסגעשלאָסענע קורסיסטקע פון פעטערבורגער אוניווערסיטעט. אין איר קלאַס האָבן די סטודענטן ניט געוואוסט אַף קלאָר צי האָט מען זי אויסגעשלאָסן פאַר אירע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן, אָדער גאָר דערפאַר, וואָס זי האָט איינעם פון אירע פּראָפעסאָרן דערלאַנגט אַ הילכיקן פּאַטש אין פּאָנים אַריין אין סאַמע קלאַס־צימער און אין פּראָנט פון אַלע סטודענטן, נאָכדעם ווי יענער האָט איר, בעת איר פאַרבייגיין, אַ טאַיוועדיקן קנופּ געטאָן אין די היפּטן, און זי האָט דערנאָך, ביים אויספרעגן זי, אַפילע ניט געוואָלט אויסזאָגן פאַרוואָס זי האָט עס געטאָן...

ליובע — ווי איר האַנדלונג — איז געבליבן אַ רעטעניש פאַר אַלעמען...

און אויב די סיבע פונעם אויסשליסן זי פון אוניווערסיטעט איז געבליבן ניט אינגאַנצן קלאָר פאַר די פרייַנט אירע, איז אָבער פאַר אַלעמען יאָ געווען באַוואוסט, אַז די פאַרשיקונג אירע אין סיביר איז געווען פאַר באַהאַלטן אין איר צימער פּעק מיט פאַרגרייטע פּראָקלאַמאַציעס פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי. זי אַליין, ליובע, האָט אַפילע געהאַלטן, אַז די שטראָף

פון זעקס יאָר פאַרשיקונג איז אַביסל צופיל פאַר איר „פאַרברעכן“, אָבער צופרידן איז זי פאָרט געווען פון גאַנצן איניען, סיי דערפאַר, וואָס דאָס, די פאַרשיקונג, הייסט עס, וועט איר געבן די מעגלעכקייט צו זען רוסלאַנד, און סיי דערפאַר, וואָס דאָס וועט איר געבן די געלעגנהייט זיך אַרויסצורייסן און זיך באַפרייען פון דער שטרענגער דיסציפלין אין איר פאָטערס איינגעפונדעוועטן, קליינבירגערלעך־סאָכרישן הויז, מיטן קאַלטן פאָטער, וועלכער איז טאָמיד פאַרטאָן מיט געשעפט און קען זי קימאַט ניט, און — דער איקער — פונעם אַזש ביז ביטערקייט סאַכאַרין־זיסן אויפזיכט פון איר קרענקלעך־פרעציזער מומען, — די אַלטע מויד, וועלכע האָט איבערגענומען דאָס אַפּיטראָפּסעס איבערן הויז און איבער איר, נאָכדעם ווי איר, ליובעס מאַמע, איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן פון אַ שווערער, פאַרצויגענער קרענק...

ליובע איז דעריבער געפאָרן קיין סיביר ניט ווי אף אַ פאַרשיקונג־שטראָף, נאָר ווי אף אַן עקספּעדיציע פון אַ וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט אין אַ טייל פון דער וועלט, וואָס איז איר באַקאַנט געווען בלויז פון די געאָגראַפיע־ביכער... אַ צענדליק וואַליזעס, קעסטלעך, קופערטן, שאַכטלעך, — אָנגעפּאַקטע מיט קליידער, מאַנטלען, היטעלעך, שיך און אַנדערע מינים פרויען־זאַכן, ווי אויך אַ מאַסע ביכער, האָט זי מיטגענומען און אָפּגעשיקט מיטן באַגאַזש, אַ כוץ די סאַמע נייטיקסטע זאַכן, וואָס זי האָט גענומען מיט זיך, אין צוויי וואַליזעס...

פון דער ערשטער מינוט, וואָס מען האָט זי אַרעסטירט, ביז צום אָנקומען אַהער, אין דעם קליינעם מאַרעוו־סיבירישן שטעטל, האָט זי, ליובע, קימאַט ווי ניט געפילט אַז זי איז אַרעסטירט. זי האָט אָפּגעקויפט און איבערגעקויפט וועמען מיט געלט און וועמען מיט אַ באַצויבערנדיקן שמייכל, און איז דעריבער פון אַלעמען — אָנגעהויבן פונעם קלענצטן פאָליציאַנט ביז צום סאַמע העכסטן זשאַנדאַרם־פאָלקאָווניק — גלייך באַהאַנדלט געוואָרן ניט ווי אַן אַרעסטירטע, אַ פאָליטיש־פאַרשיקטע, נאָר ווי עפּעס אַ וויכטיקער, בעקאָוועדיקער גאַסט. זי האָט אויסגעטיילט די אַסיגנאַציעס מיט אַ פרייער האַנט, גרויסמוטיק, און פאַר דעם צוריקגעקראָגן אַ קנעכטישע באַדינונג און אַ גרייטקייט אף איר מינדסטן וואונק צו טאָן פאַר איר אַלץ וואָס זי האָט נאָר פאַרלאַנגט...

באַלד ווי זי איז אָנגעקומען אַהער, אין פאַרשיקונג־שטעטל, און מען האָט זי אַריינגעפירט צום פאָליציימייסטער פּאַוועל אָסיפּאָוויטש באָגדאַנאָוו אין קאַבינעט אַריין, — איז ער ווי פאַרכאַפּט געוואָרן סיי פון איר שיינקייט און סיי פון איר שטאַלטנעם שטעל, וואָס האָט געווייעט מיט אַריסטאָקראַטישקייט און שטאָלץ. דער אַמאָליקער דאָן־זשואַן האָט גלייך אויפגעוואַכט אין אים און ער האָט שוין די אויגן ניט געקאָנט אַראָפּנעמען פון איר. ער איז פלינק דורכגעלאָפן מיט די אויגן די פּאַפּירן, וואָס די פאָליציאַנטן האָבן אים איבערגעגעבן, און זיי געהייסן גיין. אַזוי ווי זיי זענען נאָר אַרויס פון צימער האָט ער זיך אַ שטעל־אויף

געטאָן, זיך קאַוואַלערמעסיק פאַרנייגט פאַר איר, און — אויסציענדיק די האַנט צו ליובען — אַזש אויסגעפּיבערט:

— ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ גאַלוב; דאָס, זע איך, איז אייער נאָמען...

זי האָט מיט לייכטער איראָניע אויסגעשמייכלט:

— יאָ, אַזוי, זעט אויס, בלייבט ער נאָך אַלץ, אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָר פאַרשריבן אין די פּאָליצייאישע פּאַפּירן...

ער האָט אויפגעכאַפּט איר שטאָך, אָבער זיך געמאַכט ניט־ווייסנדיק. ער האָט זי אַ וויש־אַרויף געטאָן איבער די צעפּלאָשעטע וואָנצעס, פּריער די רעכטע העלפט, דערנאָך — די לינקע, און — ווידער זיך פאַרנייגנדיק — געזאָגט:

— עס פרייט מיך צו קענען אייך, מאַדמואַזעל ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ! מיין נאָמען איז: קאַפּיטאַן פּאַוועל אָסיפּאָוויטש באָגדאַנאָוו. איך בין דער פּריסטאַוו פון דער פּאָליציי אינעם שטעטל דאָ, און דערביי אויך פּאָליציימייסטער פון דער אַרומיקער געגנט... צו מיינע פּאָליצייאישע פליכטן איז מיר אויך צוגעטיילט געוואָרן, צום באַדויערן, די אומאַנגענעמע פליכט פון אויפנעמען און אויפפּאַסן אַף די פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס ווערן אַהערגעשיקט. איך דאַרף זיי פאַרטיילן און איינאָרדענען אין די דערפער און שטעטלעך פון מיין ראַיאָן...

ער האָט זיך ווידער אַ וויש געטאָן איבער די וואָנצעס, געבעטן ליובען זיך זעצן אַף דער שטול לעבן אים, דאַן האָט ער אַרויסגענומען זיין זילבערנע פּאַפּיראָסן־פּושקע, זי צעעפנט, צוגעטראָגן ליובען און געבעטן:

— פּאַזשאַלוסטאַ, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, פּאַזשאַלוסטאַ, פּאַררויכערט!...

און באַלד — צוטראָגנדיק אַ שוועבעלע צו איר פּאַפּיראָס — מיט אַ געוויסער ווייכקייט, געפרעגט:

— ווי קומט עס, איך בעט אייך, וואָס איר, אַזאַ יונגע, אַזאַ שיינע באַרישניע, זאָלט זיך גאָר אָפּגעבן מיט רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק?...

זי האָט אים דורכגעשפּיזלט מיט אַ קוים־אָנזעבאַר שמייכעלע:

— מיט וואָס בין איך עס אַנדערש פון אַנדערע? — האָט זי אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען און איראָניש געפרעגט. — אַלע מעגן, נאָר איך — ניט?...

ער האָט גלייך ניט געענטפערט. ווידער האָט ער גענומען אַריינקוקן אין די פּאַפּירן אַריין און, בעאייסן לייענען, פאַרכידעשט געדרייט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אַלץ געוואונדערט, און צום סאָף אַ זאָג געטאָן:

— איך מיין צו זאָגן, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, ווי קומט עס, וואָס איר, אַ טאָכטער פון וואוילן שטאַנד, ווי איך זע דאָ אין די דאָקומענטן אייערע, זאָל זיך פאַרנעמען מיט זאַכן, וואָס געהערן עפּשער צו די אָרעמע מאַסן?... יאָ, איך קאָן נאָך פאַרשטיין ווען דאָס איז דער פאַל מיט אַ געוויינטלעכן לוין־אַרבעטער, צי אַ פּויער. אָבער איר — אַ רייך קינד, אַ סטודענטקע, אַן אינטעליגענטע און, איבערהויפּט, אַזאַ שיין מיידל, — דאָס קאָן איך גאָרניט באַנעמען...

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך גענומען וויצלען:

— אָ, זייט מויכל, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, בעאייס איך האָב זיך אָנ־געשלאָסן, האָב איך ניט געוואוסט, אַז איר וועט עס ניט קאָנען באַנעמען...

ער האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעלאַכט:

— אָ, מאַדמואַזעל גאָלוב, איר זענט דאָך אַ שאַרפע אויך!...

און אַליין אויך זיך גענומען וויצלען:

— זיכער זענט איר דאָך ניט אַוועק צו די רעוואָלוציאָנערן, ווייל איר האָט מוירע געהאַט, אַז אַנדערשוואו וועט איר קיין כאָסן ניט געפינען...

און — באַמערקנדיק, אַז ליובעס פּאָנים איז פאַרוואָלקנט געוואָרן מיט אַ מין פאַרוואורף — גענומען מאַכן אַ צוריקטריט:

— ניין, ערנסט גערעדט, — האָט ער געזאָגט, — אַפּאָנים, אַז די ראָמאַנ־טישקייט פון רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אימפּאָנירט אייך, און עפּשער טאַקע גראַד, אַזעלכע ווי איר, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ... אָדער זאָל איך עפּשער אָננעמען, אַז איר זענט צופעליק און גאַנץ אומשולדיק אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דעם... האָב איך געטראָפן, מאַדמואַזעל גאָלוב?...

— אָ, איר זענט דאָך גאָרניט אָריגינעל, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע! — האָט זי געשמייכלט און אַ שאָקל געטאָן מיטן פינגער קעגן אים, אָפּטרייסלענדיק דער־ביי דעם אַש פונעם פּאַפּיראָסל. — נאָך מיין אַרעסט האָט דער זשאַנדאַרם־פּאָל־קאָווניק מיר אויך געשטעלט די זעלבע פראַגע, בעאייס מען האָט מיך פאַר אים פאַרגעבראַכט... זאָל איך אָננעמען, אַז איר דערוואַרט צו האָבן מער מאַזל ווי ער, און ווילט, אַז איך זאָל אייך אויסדערציילן אַקוראַט דורך וועמען, וואו און ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג? פאַר אַזאַ נאַר האַלט איר דאָך מיך זיכער ניט, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע!... סיי־ווי־סיי, אייער נאָמען איז דאָך ניט זובאַטאָוו, נאָר באָגדאַנאָוו!...

ער האָט זיך אומבאַקוועם גענומען דרייען אַף דער שטול:

— איך האָב דאָס גאָרניט געמיינט, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ. — האָט ער זיך גענומען פאַרענטפערן. — גלויבט מיר, אַז איך האָב ניט דעם מינדסטן באַגער צו ווערן אַ שפּיאָן, אָדער אַ זשאַנדאַרם־אויספאָרשער... גאָרניט, איך האָב בלויז פאַר זיך אַליין געוואָלט קלאָר מאַכן די פּסיכאָלאָגישע סיבע דערפון. דאָס אַלץ. גלויבט מיר, איך בעט אייך!...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך פאַרנייגט און ערנסט צוגעגעבן:

— דערלויבט מיר צו באַקענען אייך מיט מיין ווייניקייט, מאַדמואַזעל גאָלוב, וועט איר דאַן פאַרשטיין, אַז עס איז אַזוי. יאָ, עס וועט אייך עפּשער אויסקומען מאָדנע, אָדער ביכלאַל שווער זיין צו גלויבן, אָבער דער עמעס איז, אַז איך אַליין בין אויך אַ באַשטראָפטער פאַר ניט גיין אין שפּאָן, בין פאַרשיקט געוואָרן אַהערצו, און בין שטאַרק אומצופרידן דערפון... אָבער איך האָב ניט צוגעזאָגט צו ווערן קיין

סלעדאָוואַטעל, וואָס איז — אין אייער פאַל — שוין גאָרניט נויטיק אויך... וואָרים — גערעכט, אָדער אומגערעכט — אייער פסאַק־דין איז דאָך שוין אַרויסגעטראָגן געוואָרן און מען האָט אייך באַשטראָפט מיט פאַרשיקט צו ווערן צו מיר אין ראַיאָן... איר מעגט זיך דעריבער האַלטן גאַנץ פריי מיט מיר און מיר גלויבן, אַז איך האָב גאָר קיין שלעכטס ניט געמיינט מיט מיינע פריערדיקע ווערטער... יאָ, איך בין גיכער אייערס אַ פריינט, איידער אייערס אַ נאַטשאַלניק...

ליובע האָט אים שאַרף אָנגעקוקט און זיך פלוצלונג פאַנאַנדערגעלאַכט:

— האָ־האָ־האָ, זייער אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט!... באַלד וועט איר מיר אַוואַדע דערציילן, אַז איר זענט אַ פאָליטיש־פאַרשיקטער און...

ער האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן, געזאָגט:

— ניין, דאָס וועל איך ניט זאָגן, ווייל עס איז ניט אַזוי, מאַדמואַזעל גאָלוב. מיין זינד איז ניט קיין פאָליטישע, אָבער אַ פאַרשיקטער בין איך יאָ, און דעריי־בער אויך אַ פריינט פון די פאַרשיקטע... איך בין זיכער, אַז איר וועט זיך איינ־גיכן איבערצייגן אין דעם און אָננעמען מיין פריינטשאַפט... אַגעוו, בעט איך אייך, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, מיך מער ניט צו באַטיטלען מיט וויסאָקאָס און בלאַ־גאָראָדיעס... פאַר אייך איז מיין נאָמען: קאַפיטאַן באָגדאַנאָוו, אָדער גאָר פאָשעט: פאַוועל אָסיפאָוויטש...

ליובע האָט אַראָפגעלאָזט די אויגן, ווי זי וואָלט נאָכגעטראַכט וועגן דעם וואָס ער האָט איר געזאָגט. ער האָט זיך פלוצים אַ כאַפ געטאָן:

— אָ, גאָט מיינער, בין איך דאָס אַ טשודאַק, בין איך דאָס אַ טשודאַק!... איך האָב זיך אַוועקגעזעצט רעדן מיט אייך וועגן פאַרשידענע זאַכן, און אינגאַנצן גאָר פאַרגעסן צו באַמערקן, אַז איר זענט אַוואַדע דורכגעפרוירן פון וועג!... אָ, אַנטשולדיקט מיר דערפאַר, איך בעט אייך! אַנטשולדיקט... מעג איך אייך איצט פאָרשלאָגן אַ גלעזל טיי זיך צו דערוואַרעמען?...

און — ניט וואַרטנדיק אָף איר צושטימונג אָדער אָפזאָג — אַ דריק געטאָן דאָס גלעקל־קנעפל ביי זיך אפן טיש. גלייך איז אַריינגעקומען אַ פאָליציאַנט און זיך אויסגעצויגן אַ שטעל געטאָן פאַר אים — וואַרטנדיק וואָס ער וועט באַפעלן...

— גאַלאַשין, — האָט דער פאָליציימייסטער אַ זאָג געטאָן. — ברענג אַריין מיין סאַמאָוואַר טיי מיט צוויי גלעזער און, פאַרגעס ניט — אַ לימענע!...

דער פאָליציאַנט האָט אַ סאַלוטיר געטאָן, זאָגנדיק:

— טאַק טאָטשנאָ, וואַשע וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע!... איין מינוטקעלע און...

ער האָט זיך שטייף אַ דריי־אויס געטאָן און איז אַרויס. קאַפיטאַן באָגדאַנאָוו האָט ווידער מעכאַבעד געווען ליובען מיט אַ פאַפיראָסל, אַליין אויך פאַררויכערט, זיך איינגעמאָשטשעט אין זיין שטול און דערביי אַלץ ניט אַראָפגענומען זיינע אויגן פון איר. געטראַכט האָט ער, צי די רויטקייט אָף איר פאָנים איז אַזאַ נאַטירלעכע, אַן אָריגינעלע, צי אַ געקינצלטע, אַ צוגעפאָרבטע, אָדער איז גאָר

אַרויסגערופן געוואָרן פונעם שטאַרקן פראָסט, וואָס האָט זי געשמיסן פאָרנדיק פונעם וואקזאַל אַהערצו... באַלד האָט ער פאַרוואָרפן דעם קאָפּ איבערן אָנלען פון דער שטול, געבלאָזן דעם רויך פונעם מויל אַרויפצו, איבער זיך, און דערביי — ווי אָן שום זייטיקער קאַוואַנע — געגומען דערציילן ליובען, אַז כאָטש ער האָט אונטער זיך אַרום צוואַנציק דערפער און שטעטלעך, וואו ער קאָן איינאָרדענען די אָנגעקומענע פאַרשיקטע, — פירט ער זיך אָבער אַזוי, אַז יענע אַלע וואָס גע־פעלן אים און וועמעס פריינטשאַפט ער שאַצט, — לאָזט ער איבער דאָ, אינעם גרעסטן שטעטל פון דער געגנט, קעדיי זיי זאָלן זיך לייכטער קאָנען איינאָרדענען, געפינען אַרבעט, פאַרדינען, און קעדיי דערביי טאַקע אויך קאָנען געניסן פון די געוויסע פּיצלעך באַקוועמלעכקייטן, וואָס די מיקלוימערשטע גרויס־שטאָט דאָ האָט אין אירע שאַך־קאַמערן...

— פאַרשטייט זיך, — האָט ער זיך אַ גלייך־אויס געטאָן און, קוקנדיק ליובען גלייך אין די אויגן אַריין, געזאָגט, — פאַרשטייט זיך, אַז איר אַליין וועט זיכער אויך פאָרציען צו בלייבן דאָ, איידער צו זיין ערגעץ אין אַ קליין, פאַרוואָרפן דערפל...

זי האָט לייכט אַ בייג געטאָן מיטן קאָפּ:

— איך דאַנק אייך, קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו, פאַר דער געפעליקייט!...

גאַלאַשין איז אַריינגעקומען, טראָגנדיק אויף אַ גרויסער מעטאַלענער טאַץ אַ קליינעם געזילבערטן סאַמאָוואַר, אַ פאַרצעלייענעם טשאַיניק מיט טיי־עסענץ, צוויי גלעזער מיט טעצעלעך און לעפעלעך, אַ פושקע צוקער און אַ טעצעלע מיט אָנגעשניטענע רעפטלעך לימענע. ער האָט דאָס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש לעבן דעם פאָליציימייסטער, און — זיך אַוועקשטעלנדיק גלייך אויסגעצויגן — געפרעגט:

— זאָל איך אָנגיסן טיי, וואַשע וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע?...

דער פאָליציימייסטער האָט אַ שניט געטאָן מיט דער האַנט:

— ניין, גאַלאַשין, קאָנסט גיין. מיר וועלן זיך שוין אַליין באַדינען!...

יענער איז אַרויס. ער האָט אָנגעגאָסן די גלעזער מיט פאַרעדיקן טיי און — מיט איבערטריבענער העפלעכקייט — אַ פרעג געטאָן:

— וויפל צוקער, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ?...

— צוויי. אַ דאַנק, פּאַוועל אָסיפּאָוויטש! — האָט זי צוריקגעשמייכלט.

דער פאָליציימייסטער האָט איינמאָל און אַ צווייטמאָל עלעגאַנט אָנגעשעפּט מיט דעם לעפעלע דעם צוקער פון דער צוקער־פושקע און עס פאַרזיכטיק, געלאַסן, אַריינגעשאָטן אין איר גלאָז אַריין. דערביי האָט ער זייטיק, מיט אַ באַגערנדיקן בליק געקוקט אויף ליובען, ווי ער וואָלט זיך געאײַשעוועט וועגן עפּעס. באַלד האָט ער פריילעך אַ רייב געטאָן די הענט און גאַלאַנט זיך אַ ווענד געטאָן צו איר:

— עפּשער גאָר אַ גוט גלעזעלע קאָניאַק פריער, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ? — האָט ער פּלוצים אַ פרעג געטאָן. — עס וועט אייך דערוואַרעמען און...

זי האָט שמייכלענדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ניין. אַ דאַנק אייך, קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו! איך בין אַ קנאַפּער טרינקער, און אַ גלאָז טיי וועט איצט געווען גוט זיין!...

זיי האָבן גענומען זופּן דעם טיי, געקוקט איינער אפן אַנדערן און דערביי געשמייכלט, פּונקט ווי עפּעס אַזאַ שפּיל וואָלט אַנגעגאַנגען צווישן זיי, — די צוויי אַנטקעגנזיצנדיקע, קעגנערשע מענטשן. פּלוצים האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס, אייגנטלעך, רעכנט איר צו טאָן דאָ, אין דער פאַרשיקונג, מאַדמואַזעל גאַלוב?... איך מיין... צי האָט איר בעדייע אַנצונעמען עפּעס אַ שטעלע און אַרבעטן, אָדער וואָס?...

זי האָט גלייכגילטיק אַ הייב געטאָן די אַקסלען:

— דעם עמעס געזאָגט, קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו, האָב איך ביז איצט אַפילו ניט געטראַכט וועגן דעם... איך וועל זען... יעדנפאַלס, איז עס אַן איניען, וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן...

ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מיטאַמאָל זיך ווי אַ כאַפּ געטאָן:

— הערט וואָס מיר איז איינגעפאַלן, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ! אויב איר זענט גרייט אַנצונעמען אַ שטעלע, האָב איך אַ פּלאַן פאַר אייך... וואָס וואָלט איר געזאָגט וועגן ווערן מיינע אַ פּערזענלעכע סעקרעטאַרקע?... ביז איצט האָב איך געהאַט אַ פּאָליציאַנט פאַר סעקרעטאַר, אָבער... איך קאָן עס איבערמאַכן... וואָס זאָגט איר וועגן דעם?... אָ, איך וועל אייך פיין באַהאַנדלען, גוט באַצאָלן!...

זי האָט אים פאַרדעכטיק, אָבער מיט אַ לייכטן שמייכל, אָנגעקוקט:

— איך וועל אַ טראַכט טאָן וועגן דעם. — האָט זי געזאָגט. — עס איז נאָך דאָ צייט. פריער וועל איך זיך אָפּרוען עטלעכע טעג, זיך אַביסל אַרומקוקן אין שטעטל, זען וואו איך בין אין דער וועלט, און אויב מיין באַשלוס וועט זיין אַ פּאָזיטיווער, — וועט איר קריגן דעם פאַרזוג פאַר מיין באַדינונג... גוט?...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען נערוועז אַרומשפּרייזן, ווי ער וואָלט געטראַכט וועגן עפּעס. דערנאָך — צוטרעטנדיק נאָענט צו ליובען — זיך עלעגאַנט פאַרנייגט פאַר איר און געזאָגט:

— איך מוז אייך מאַכן אַ קאָמפּלימענט, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ. איר זענט ניט נאָר אַ שיינע, נאָר אויך אַ קלוגע, אַ געשעפט־פעאיקע. איר ווייסט, זעט עס אויס, דעם סאָד, אַז צושטימען גלייך צו אַ פאַרשלאַג, איז ניט געשעפטמעסיק. עס טאָר ניט אויסקומען, אַז איר זענט געווען זשעדנע דערויף... נו, זעט איר, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, איך שעם זיך ניט אייך אָפּן צוצוגעבן, אַז איך בין יאָ זשעדנע אייך צו האָבן פאַר מיין סעקרעטאַרקע... פאַרוואָס? — ווייס איך ניט, אָבער אַזוי איז עס... עפּשער ווייל איר געפעלט מיר. עפּשער ווייל איר זענט די ערשטע פרוי, וואָס האָט אַרויסגערופן אַט־דעם געדאַנק ביי מיר... יעדנפאַלס, איך וויל האָפן, אַז איר וועט נאָכטראַכטן און אָננעמען מיין פאַרשלאַג... דערווייל...

ער האָט זיך צוריק אָוועקגעזעצט אויף זיין שטול און אָנגעגאַנגען:

— דערווייל דאַרף מען קוידעם־קאָל זען, אַז איר זאָלט קריגן אַ באַקוועם פלאַץ וואו צו וואוינען, וואו זיך אויסצורוען...

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווייל און, מיטאַמאָל — פונקט ווי ער וואָלט זיך פלוצים געכאַפּט — אַ שנעל געטאָן מיט די פינגער און צוגעגעבן:

— הערט, מאַדמואַזעל גאָלוב. אויב איר ווילט, איז פאַראַן אַ וואוילער צימער אין דעם הויז וואו איך וואוין. עס איז אַ צימער מיט געוויסע באַקוועמ־לעכקייטן און... וועל איך זיין אייער שאַכן, וועל איך שוין קאָנען זען, אַז עס זאָל אייך דאָרט גאָרניט פעלן...

ער האָט געוואַרט אַ ווייל, אַ וויש געטאָן די וואָנצעס, און געפרעגט:

— וואָס זאָגט איר וועגן דעם, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ?...

— אַ דאַנק פאַר אייער זאָרג וועגן מיר, קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו! — האָט זי געענטפערט. — אָבער איך וויל בעסער וואוינען אין אַ האָטעל, פאַר זיך. איר פאַרמאָגט דאָך אָוואדע אַ האָטעל דאָ, אין דעם שטעטל...

— אָוואַדע איז פאַראַן אַ האָטעל, מאַדמואַזעל גאָלוב. אָוואַדע איז פאַראַן. אָבער... — האָט ער אַפּאַנים געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר גלייך זיך פאַרהאַלטן און, אָנשטאָט דעם, זי גאָר אַ פרעג געטאָן: — עפּשער נאָך אַ גלעזל טיי, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ?...

— ניין, אַ דאַנק אייך... איך בין מיד און וואָלט וועלן גלייך, אויב עס איז נאָר מעגלעך, דאָס הייסט, אויב איר זענט פאַרטיק מיט מיינע פאָרמאַליטעטן, גיין אין האָטעל אַריין, זיך אַביסל אָרומוואַשן און זיך אָוועקלייגן אויסצורוען זיך...

דער פּאָליציימייסטער האָט זיך אַ בייג געטאָן, פאַרזיכערנדיק:

— אָ, עס וועט נעמען בלויז עטלעכע מינוט, מאַדמואַזעל גאָלוב. בלויז עט־לעכע מינוט, און איך וועל זיין פאַרטיק מיט די פאָרמאַליטעטן...

ער האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין אירע פּאַפּירן, געמאַכט געוויסע נאָטירונגען אויף אַ בויגן פּאַפּיר, און געשווּיגן. זי האָט דערווייל געעפנט איר האַנט־טאַש, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָסן־שאַכטל, עס געעפנט, קעדיי אַפּאַנים אַרויסצונעמען אַ פּאַפּיראָס, אָבער דערזען, אַז עס איז ליידיק. פלינק, קעדיי דער פּאָליציימייסטער זאָל ניט זען איר אַנטוישונג, האָט זי דאָס שאַכטל צוריק אַריינגעלייגט אין האַנט־טאַש אַריין, מאַכנדיק דערביי אַ מינע פונקט ווי זי וואָלט גאָר עפּעס אַנדערש געזוכט אין דעם. דער פּאָליציימייסטער האָט עס אָבער אַפּאַנים יאָ באַמערקט. ער האָט אויסגעצויגן זיין פּאַפּיראָסן־פּושקע צו איר, זי געעפנט, און גאַלאַנט פאַרגעלייגט:

— ביטע, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, רויכערט מיינעם, קווענקלט זיך ניט!...

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, געדאַנקט, און — נעמענדיק אַ פּאַפּיראָס פון דער פּושקע — געזאָגט:

— אייערע זענען אַביסל צו שטאַרק פאַר מיר. אָבער אַזוי ווי איך האָב איצט ניט קיין אַנדערע ברירה, וועל איך שוין מוזן זיין אַ פּאַראַזיט, ווידער נעמען אייערס אַ פּאַפּיראָסל און זיך באַנוגענען מיט אַ שטאַרקערן...

— איר מוזט ניט זיך באַנוגענען, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — איין מינוט און איר וועט האָבן די פּאַפּיראָסן וואָס איר רויכערט... הם, באַנוגענען זיך?... ווי פאַלט אייך גאָר איין דאָס צו זאָגן?...

ער האָט ווידער אָנגעקוועטשט דאָס קנעפּל אפן טיש, און באַלד איז אַריינ־געקומען דער פּאַליציאַנט גאַלאַשין, צו וועמען ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— גאַלאַשין, טו אַ לויף אַרויס און קויף פאַר דער באַרישניע אַ פּעקל „קאַליאַן"־פּאַפּיראָסן!...

ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּירענעם רובל פון קעשענע, געוואָלט געבן גאַלאַשינען, אָבער ליובע האָט פלינקער דערלאַנגט אַ זילבערנעם האַלבן רובל דעם פּאַליציאַנט, וועלכער איז געבליבן שטיין ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן און וועלכעס געלט צו נעמען...

— איר קענט מיך ניט, פּאַוועל אָסיפּאָוויטש. — האָט ליובע אַ לאַך געטאָן, זאָגנדיק, — אָ, איך בין זייער אַ צעבאַלעוועטע. אַז איר וועט היינט באַשטיין צו צאָלן פאַר מיינע פּאַפּיראָסן, וועל איך מאָרגן דערוואַרטן פון אייך מער קאָסטבאַרע מאַטאָנעס, און דאָס איז זיכער ניט וואָס אַ פאַרשיקטע מעג דערוואַרטן פון איר נאַטשאַלניק. נישט עמעס, קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו?...

— איר קאָנט מיך אויספּרואוון אין דעם, מאַדמואַזעל גאַלוב! — האָט ער מיטגעלאַכט. — אָט, פּרואווט מיך אינמיסטן אויס!...

זי האָט זיך אַ ווענד געטאָן צום פּאַליציאַנט, וועלכער איז נאָך אַלץ גע־שטאַנען ווי אַ פאַרלוירענער, קוקנדיק אָט אף איר, אָט אפן נאַטשאַלניק, און זי האָט אים געזאָגט:

— נעמט מיין האַלבן רובל, גאַלאַשין. עס וועט אייך בעסער לוינען. דערפון וועט איר דעם אויסגאָב האַלטן אַלס טרינק־געלט פאַר אייער טירכע, — אַ זאַך, וואָס איר וועט זיכער ניט קריגן, אָדער ניט וואַגן צו נעמען, ווען איר זאָלט נעמען דאָס געלט פון זיין הויך־וואויל־געבירטיקייט, דעם הער פּריסטאַוו!...

דער פּאָליציימייסטער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— האַ־כאַ־כאַ, איר צעבאַלעוועט דאָך מיר מיינע פּאַליציאַנטן, מאַדמואַזעל גאַלוב! — האָט ער געזאָגט. — יאָ, גאַלאַשין, די באַרישניע איז גערעכט. עס וועט זיך דיר טאַקע בעסער לוינען צו נעמען דאָס געלט ביי איר! נעם זשע און מאַך עס גיךּ!...

גאַלאַשין האָט גענומען דעם האַלבן רובל און איז אַרויס. דער פּאָליציי־מייסטער האָט צוגערוקט צו ליובען דעם בויגן פּאַפּיר, אף וועלכן ער האָט שוין געהאַט אויפגעשריבן איר נאָמען, די דאַטע פון איר אָנקומען און די אַלע אַנדערע

נייטיקע אינפֿאָרמאַציע, און געבעטן זי זאָל זיך אונטערשרייבן דערויף. נאָכ־דעם ווי זי האָט דאָס געטאָן, האָט ער געזאָגט:

— מאַדמואַזעל גאָלוב, די געזעצן שרייבן פֿאָר, אַז די גאַנצע צייט וואָס איינער געפֿינט זיך אויף פֿאַרשיקונג, דאַרף ער קומען איינמאָל אין דער וואָך זיך מעלדן אין דער פּאָליציי. געוויינטלעך ווערט באַשטימט אַ געוויסער טאָג פֿאַר יעדן איינעם ווען צו קומען. מיט אייך וועל איך אָבער מאַכן אַן אויסנאַם, ליובאָוו אַבראַ־מאָוונאַ. איר וועט מעגן קומען וועט עס וועט נאָר זיין באַקוועם פֿאַר אייך...

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי אַ דאַנק פֿאַר זיין ספּעציעלער באַ־ציאונג צו איר, און זיך אויפֿגעשטעלט צו נעמען איר פֿוטער־מאַנטל. דער פּאָליציי־מייסטער איז אונטערגעשפּרונגען, אַ כאַפּ געטאָן דאָס פֿוטערל און איר געהאָלפֿן זיך אָנטאָן.

גאַלאַשין איז צוריקגעקומען מיט אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, וואָס ער האָט — צו־זאַמען מיטן קליינגעלט פֿונעם אויסגאַב — אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש, לעבן ליובען, און זיך געוואָלט אויסדרייען אויף אַוועקצוגיין. זי האָט אים אָבער אַ נעם־אָן גע־טאָן ביים אָרבל, אים פֿאַרהאַלטן און געזאָגט:

— אַ דאַנק אייך, גאַלאַשין, פֿאַר דער טירכע, און נעמט צו די עטלעכע קאָפּיקעס! עס איז אייערס, ווי איך האָב אייך צוגעזאָגט. איך גיי קיינמאָל ניט צוריק אויף מיינס אַ וואָרט!...

גאַלאַשין האָט פֿאַרלוירן געקוקט אויפֿן פּריסטאַוו, אַקוראַט ווי ער וואָלט פֿון אים דערוואַרט צו קריגן אַ דערלויבעניש אָנצונעמען דאָס געלט. ערשט ווען יע־נער האָט פֿאַרגיטיקנדיק אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ, האָט ער עס גענומען און — זיך בייגנדיק אין דרייען צו ליובען — געזאָגט:

— אַ דאַנק אייך, באַרישניע! אַ גרויסן דאַנק אייך!...

ער האָט זיך שטיף אַ דריי אויס געטאָן, געוואָלט אַרויסגיין, אָבער דער פּאָ־ליציימייסטער האָט אים פֿאַרהאַלטן און באַפֿוילן:

— הער, גאַלאַשין, וועסט נעמען די באַרישניע און זי צופֿירן צו דער גאַס־טיניצע דאָ!... זאָג דאָרט אין מיין נאָמען, אַז מען זאָל איר געבן דאָס בעסטע צימער וואָס זיי האָבן, און זען זי גוט צו באַהאַנדלען!...

און באַלד, נאָך שאַרפֿער צוגעגעבן:

— זאָג זיי דאָרט, אַז די באַרישניע איז מיינס גאָר אַ נאָענטער פֿריינט און...

ליובע האָט באַדאַנקט דעם פּאָליציימייסטער פֿאַר זיין זאָרג, גענומען זיין אויסגעשטרעקטע האַנט און זיך געזעגנט:

— אָ־רעוואואַר, פּאַוועל אָסיפּאָוויטש, און אַ דאַנק פֿאַר אַלעם!...

— אויף ווידערזען! — האָט דער פּאָליציימייסטער אונטערגעשטראָכן. — איך האָף, אַז מיר וועלן זיך זען אויסער די גרענעצן פֿון דער פּאָליציי...

— לאָמיר האָפֿן, אַז עס וועט זיין אַ געלעגנהייט! — האָט זי געענטפֿערט.

זי האָט כוואַטיש אָנגעטאָן דאָס שפּיציקע קאַראַקולענע היטל אפן קאָפּ און זיך געלאָזט גיין נאָך גאַלאַשינען, וועלכער האָט געטראָגן אירע צוויי וואַליזקעס. אף דער גאַס האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט און אַ פרעג געטאָן:

— הער גאַלאַשין, קאָן מען עפשער קריגן אַ שליטן צוצופאָרן?...

דער פּאַליציאַנט האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען:

— אָ, אַ שאָד, באַרישניע, דער קוטשער, וואָס האָט אייך אַהערגעבראַכט פון וואקזאַל, האָט געוואַרט דאָ אינדרויסן העכער אַ שאָ צייט אף אייך, אָבער זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן. שיר ניט פאַרפרוירן געוואָרן וואַרטנדיק, און איז ערשט מיט אַ פּאָר מינוט צוריק אַוועקגעפאָרן. יעדנפאַלס, באַרישניע, עס איז ניט ווייט צו דער גאָסטיניצע. אינגאַנצן עפשער אַ צוויי הונדערט טריט, אָט־דאָ־אָ!...

ליובע האָט פאַרזיכטיק געשפרייזט הינטער גאַלאַשינען אף דער אויסגעטראָטענער סטעזשקע אין טיפן שניי. זי האָט אַלץ געטראַכט וועגן דעם מאָדנעם קוטשער, און זיך ניט געקאָנט דערטראַכטן צו דער סיבע, פאַר וואָס ער האָט געוואַרט אף איר:

— ווער איז ער, דער קוטשער? — האָט זי קלוימערשט גלייכגילטיק און ווי צופעליק אַ פרעג געטאָן.

— דער קוטשער? — האָט גאַלאַשין איבערגעפרעגט. — ער הייסט סאַמסאָן, באַרישניע. ער איז דאָ אַ פּאָליטישער פאַרשיקטער...

ליובע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ווי צו זיך אַ מורמל געטאָן:

— אָ, אַ פּאָליטישער?... לאָזט עס זיך דאָך טייטשן אַהין און אַהער...

* * * * *

קאַפּיטל דרייצן

ליובע האָט געדונגען אַ צימער אין קליינעם האָטעלעכל פון שטעטל, און איז שטאַרק אומצופרידן געווען דערפון, מאַכמעס עס האָט ניט געהאַט די מינדסטע נייטיקע באַקוועמלעכקייטן, וועלכע זי איז געוואוינט געווען צו האָבן אינדערהיים, אינעם רייכן הויזביים פאָטער אין פעטערבורג. זי האָט אָבער באַגריפן, אַז דאָ, אף דער פאַרשיקונג אין דעם וויטן העק, קאָן זי ניט דערוואַרטן קיין בעסערס, און וועט זיך מוזן צוגעוואוינען צו דעם, סיידן זי זאָל גלויבן דעם פּאָליציימייסטער, אַז אין יענעם הויז, וואו ער וואוינט, וואָלט זי יאָ געהאַט די אַלע באַקוועמלעכקייטן, און דעריבער זאָל זי אָננעמען זיין פאָרשלאָג זיך אַהינצו אַריינצוקלייבן, דאָרט צו וואוינען בישכיינעס מיט אים און — דורך דעם — שטענדיק זיין אונטער זיינע אויגן און עפשער נאָך מער...

און כאָטש פאַוועל אָסיפּאָוויטש באָגדאַנאָוו — דער פּאָליציימייסטער, האָט אין אַלגעמיין געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אף איר, און האָט צו איר אַרויסגעוויזן אַן איידעלע, וואַרעמע באַציאונג — גאָרניט ווי אַ נאַטשאַלניק צו אַ פּאָליטיש־פאַר־שיקטער — האָט זי אָבער געפילט, אַז עס וועט פאַר איר זיין פיל געזינטער צו האַלטן זיך וואָס ווייטער פון אים... צו קלאָר האָט זי — פון זיינע אָפּט־אָנגעשטעלטע גליענדיקע בליקן אף איר — אַרויסגעלייענט דעם שוואַך־פאַרדעקטן, הונגעריק־באַגערנדיקן פאַרלאַנג פון אַ מאַן צו אַ פרוי, און זי האָט אים ניט געוואָלט געבן די מינדסטע דערמוטיקונג דורך וועלכער עס איז נאָכגיביקייט...

„עפּעס צו פריינטלעך, צו וואַרעם און צו איידל איז ער פאַר מיין גוסט, און צו גלאַטיק, צו כיטרע, אַז איך זאָל אים אָנגעטרויען זיך אַליין." — האָט זי געטראַכט. — „יעדנפאַלס, וואָס ווייטער זיך צו האַלטן פון אַ פּאָליצייאישער ,שקורע' — מעג עס אַפילע זיין אַן איידעלע ,שקורע' — אַלץ געזינטער וועט עס זיין פאַר מיר..."

זי האָט אַ צוק געטאָן מיט די ליפּן, דערמאָנענדיק זיך ווי זי האָט שיר ניט אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער, בעת'ן דער פּאָליציאַנט גאַלאַשין, נאָכדעם ווי ער האָט זי אַריינגעפירט אין האָטעלעכל אַריין, האָט זי פאָרגעשטעלט פאַרן באַלעבאָס דאָרט, זאָגנדיק מיט גרויס פּאָמפּ און אָנשטעל: „וואַסילי פּעטראָוויטש, אין נאָמען פון פּאָליציימייסטער, זיין הויך־וואויל־געבירטיקייט, קאַפּיטאַן באָג־דאַנאָוו, האָב איך דעם גרויסן קאָוועד אייך פאָרצושטעלן די באַרישניע ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ גאָלובטשיק! זיין הויך־וואויל־געבירטיקייט האָט באַפוילן צו געבן

איר דאָס סאַמע בעסטע צימער אין דער גאַסטיניצע דאָ און זי גוט באַהאַנדלען! געדענקט, זי איז פֿאַוועל אַסיפּאָוויטשעס צוקונפֿטיקע קאַלע!...״

דער אייגנטימער פֿון האָטעלעכל האָט גלייך אָנגעצויגן אַפֿן פּאָנים אַזאַ צעשוואומענעם מעכאַנישן שמייכל, זיך גענומען בייגן און בוקן פֿאַר איר, גע־כאַפּט אַ קוק אַפֿן שליסל־ברעט און כניפעדיק גענומען רעדן צו איר אין דער דריטער פּערזאָן:

— אויב די גנעדיקע באַרישניע וועט אַזוי גוט זיין, וועל איך איר גלייך ווייזן דאָס צימער. עס איז דאָס סאַמע בעסטע אין מיין אונטערנעמונג, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַזאַ געהויבענעם גאַסט, — די צוקונפֿטיקע קאַלע פֿון אונדזער באַ־ליבטן פּאָליצײַמייסטער, זיין הויך־וואויל־געבירטיקייט קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו, און איך האָף, אַז זי וועט צופֿרידן זיין...

אַ שווייגנדיקע, מיט פֿאַרקוועטשטע ליפּן קעדיי זיך ניט צו צעלאַכן, איז זי נאָכגעגאַנגען דעם אייגנטימער פֿון האָטעלעכל, וועלכער האָט זי אַרויפֿגעפֿירט איבער דעם שטאָק שטיגן צום באַשטימטן צימער...

ליובע איז צוגעגאַנגען צום דינסט־מיידל, וועלכע איז געווען פֿאַרפֿאַרעט מיט איינהייצן דעם אויוון ביי איר אין צימער, געפֿרעגט איר נאָמען, איר געגעבן אַ רובלדיקע אַסיגנאַציע און געבעטן, זי זאָל אַריינברענגען אַן עמער מיט הייס וואַסער, אַ גרויסע שיסל, און איר העלפֿן זיך אַרומוואַשן. דאָס מיידל האָט זיך אַ בייג געטאָן פֿאַר איר, צוגעשרויפֿט דאָס טירל פֿונעם אויוון און, אין אַ האַלבער שאָ אַרום — אין צימער איז שוין דאַן גאַנץ וואַרעם געווען — איז ליובע שוין געווען אַן אַרומגעוואַשענע און אַן איבערגעטאָענע אין לייכטע, באַקוועמע הויז־קליידער. דאַן האָט זי געגעבן דעם מיידל אַ צווייטע אַסיגנאַציע און געבעטן, זי זאָל איר אַרויפֿברענגען אַ געקאָכטן מיטיק פֿון אַ נאָענטן רעסטאָראַן, מאַכמעס זי אַליין איז איצט צו מיד אַראָפּצוגיין דאָרט צו עסן...

דאָס מיידל, — גלאַשע האָט זי געהייסן — צי ווייל זי איז בעטעווע געווען אַ שווייגנדיקע, אָדער עפּשער גאָר דערפֿאַר, וואָס דער באַלעבאָס פֿונעם האָטעל האָט אָנגעזאָגט די האָטעל־באַדינער ניט צו רעדן צו די געסט, נאָר בלויז ענטפֿערן ווען מען וועט רעדן צו זיי, — האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זיך געלאָזט גיין נאָכן עסן און איז אין עטלעכע מינוט אַרום צוריקגעקומען, טראָגנדיק אַ צוגע־דעקטע טאַץ, וואָס זי האָט אַוועקגעשטעלט אַפֿן קליינעם טישל, לעבן דעם בעט, אַף וועלכן ליובע האָט זיך שוין געהאַט אויסגעצויגן און געדרימלט...

ליובע האָט זיך גענומען צום עסן. זי האָט אָבער גלייך אויסגעפֿונען, אַז כאָטש זי איז טאַקע געווען היפּש הונגעריק און די שפּייז האָט אויך אויסגעזען אַפּעטיטלעך און געשמאַק, — האָט זי אָבער ניט קיין ווילן און פֿאַשעט קיין קויעך ניט צו עסן. דער לעפֿל איז מאַמעש געפֿאַלן פֿון איר האַנט אַרויס, און די אויגן האָבן זיך געקלעפּט ביי איר — נאָר איינצושלאָפֿן אַזוי זיצנדיק. זי

האָט דריבער בלויז פאַרזוכט צו ביסלעך פון יעדן געריכט, געהייסן גלאַשען דאָס צונעמען, און איר אָנגעזאָגט ניט צו שטערן איר און ניט אויפצואוועקן זי ביז אַף צומאָרגנס אַרום צען אַזייגער אינדערפרי, ווייל זי וויל זיך גוט אויס־שלאָפן און אויסרוען...

פאַרטאָג האָט ליובע זיך אויפגעכאַפּט און — כאָטש זי איז אָפּגעשלאָפן קנאַפּע זעכצן שאָ — האָט זי נאָך אַלץ געפילט אַ מידקייט אין די ביינער, אַפּאַנים פון דעם שלעפּן זיך אַהער די עטלעכע וואָכן מיטן עטאַפּ־צוג, וואו זי איז גע־שלאָפן — אָדער האַלב־זיצנדיק, אָדער האַלב־ליגנדיק — אַף די האַרטע ברעטער פונעם דריט־קלאַסיקן וואַגאָן... עס איז נאָך גאַנץ פינצטער געווען בעאייס זי האָט זיך אויפגעכאַפּט. האָט זי אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע לעמפּל איבערן בעט, גענומען דאָס בוך, וואָס זי האָט געהאַט איבערגעהאַקט אינמיטן לייענען בעאייסן דערבעענטערן זיך צו דער סטאַנציע פונעם שטעטל, און עס איצט געוואָלט ענדיקן. אָבער דאַווקע ווי אַף צו לעהאַכעס איז איר אַפּן געדאַנק געקומען דער קוטשער פונעם שליטן, וועלכער האָט זי געבראַכט צו פירן פון וואָקזאַל. זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס דער פּאָליציאַנט גאַלאַשין האָט איר נעכטן געהאַט געזאָגט, אַז יענער, דער קוטשער הייסט עס, איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען מיטן שליטן לעבן אוטשאַסטאָק און דאָרט, אין דרויסן, אין גרויסן פראָסט, געוואַרט אַף איר...

„עס קאָן דאָך ניט זיין,״ — האָט זי געטראַכט, — „אַז ער האָט געוואַרט גלאַט אַזוי זיך אַף מיר. מיסטאָמע האָט ער מיר געוואָלט עפּעס זאָגן, אָדער...״

ליובע איז געוואָרן שטאַרק פאַראינטריגירט. זי האָט באַקומען אַ שטאַרקן באַגער צו זען אָט־דעם הויכן, געזונטן יאַט, דעם אָנטרייבער פונעם שליטן. דער־מאָנט האָט זי זיך, ווי ער — בעאייס ער האָט זי געפירט פון דער באַן אין שטעטל אַריין — האָט אַלץ געהאַלטן אין איין אויסדרייען דעם קאָפּ צו איר, אַלץ געקוקט אַף איר, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט רעדן צו איר, איר עפּעס זאָגן, נאָר האָט איבער די פּאָליציאַנטן ניט געקאָנט, אָדער ניט געוואַגט...

זי האָט זיך אָנגעשטרענגט אין אַ פאַרזוך צו ברענגען פאַר אירע אויגן דעם הויכן, קרעפּטיק־געבויטן יונגנמאַן, וואָס האָט זיך גערויטלט ווי אַ קאַלע און שעמעוודיק זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען ביי איר דעם האַלבן רובל־טרינק־געלט, וואָס זי האָט אים דערלאַנגט אין קאָרידאָר פון אוטשאַסטאָק... נאָך דעמאָלט האָט זי דערפילט עפּעס אַזאַ ליבע וואַרעמקייט אין די געפרוירענע גלידער אירע און עס האָט זי אַ ציי געטאָן רעדן מיט אים. און וואָלט זי ניט געפירט געוואָרן פון די פּאָליציאַנטן, וואָלט זי עס דאַן זיכער געטאָן...

„איך וועל אים דאַרפן אויפזוכן, דעם יונגנמאַן!״ — האָט זי באַשלאָסן ביי זיך. — „איך וועל דאַרפן הערן וואָס ער וויל מיר זאָגן און... דערביי זיך טאַקע באַקענען מיט אים...״

אַז ער, דער יונגערמאַן, איז אַ פאַרשיקטער אַהער, פּונקט ווי זי, — דאָס

האָט ליובע נאָך נעכטן געהערט פון פּאָליציאַנט גאַלאַשין. די פראַגע איז נאָר: ווער איז ער? וואָס איז ער?...

„קאָן זיין,“ — האָט זי זיך אין געדאַנק געזאָגט, — „אַז ער איז אויך אַן אויסגעשלאָסענער סטודענט פון אוניווערזיטעט, פונקט ווי איך, און ער איז דאָ איינזאַם... אויב אַזוי, וועל איך דאָך האָבן איינעם פון מיינס גלייכן מיט וועמען איך וועל קאָנען צוזאַמען פאַרברענגען...“

זי איז מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ אומגעדולדיקער, און געוואוסט, אַז זי וועט זיך ניט קאָנען דערוואַרטן ביז צען אַזייגער, ווען גלאַשע וועט אַהער אַריינקומען, — ווי זי האָט איר נעכטן אָנגעזאָגט, — אויפצואוועקן זי און טיי צו ברענגען... יעדע ווייל האָט זי געכאַפּט אַ קוק אויף איר זייגערל, געזען, אַז עס איז קוים זעקס אַזייגער, קוים פופצן מינוט נאָך זעקס, פינף־און־צוואַנציק מינוט נאָך זעקס, און אַזוי קעסיידער, קעסיידער, פונקט ווי דאָס זייגערל וואָלט מיטאַמאָל פויל געוואָרן און די ווייזערס וואָלטן אין אַ פולער שאָ צייט קוים געמאַכט אַ גאַנג פון בלויז צען מינוט... קוים מיט אַנגסטן האָט זי זיך דער־וואַרט עס זאָל ווערן אַכט אַזייגער, ווען גלאַשע — ווי זי האָט איר נאָך נעכטן געזאָגט — נעמט באַהייצן די אויוונס אין די צימערן פון איר קאָרידאָר...

ליובע איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי געעפנט, אַ קלונג געטאָן מיטן האַנט־גלעקל, און — ווען גלאַשע האָט אַ פאַרכידעשטע אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון אַ שכיינעסדיקן צימער — אַ וואונק געטאָן זי זאָל אַריינקומען צו איר.

— הער, גלאַשע טייערינקע, — האָט זי זיך וואָרעם אַ ווענד געטאָן צו איר, באַלד ווי יענע איז אַריינגעקומען אין צימער. — קאָנסטו מיר עפשער זאָגן, ווי אַזוי איך קאָן באַשטעלן אַ שליטן, וואָס זאָל מיך נעמען צום וואקזאַל און פון דאָרט אַהערברענגען מיין באַגאַזש?...

גלאַשע האָט אַ פאַרלייג געטאָן די הענט אויפן בויך, אַ קוק געטאָן אויף ליובען, פונקט ווי זי וואָלט דאָ געפרעגט די גרעסטע נאַרישקייט, און פאַטעטיש געזאָגט:

— גאָר פּאָשעט, באַרישניע. מען גייט אַרויס אויפן מאַרק און דאָרט...

— איך זוך אָבער איינעם, אַ געזונטן, ברייט־פּלייציקן קוטשער, וואָס זאָל קאָנען טראָגן שווערע קופערטס און וואַליזעס! — האָט ליובע מיקלוימערשט ווי פון דער זייט אַ זאָג געטאָן, קעדיי ניט אַרויסצואווייזן פאַר גלאַשען, אַז זי פרעגט זיך נאָך וועגן אַ באַשטימטן קוטשער. — איך זוך אַ גרויסן, געזונטן יאַט...

— אַלע קוטשערס דאָ, באַרישניע, זענען געזונטע יאַטן. — האָט גלאַשע אַ זאָג געטאָן און ווי טאַמעוואָטע גלייך צוגעגעבן, — סיידן איר קאָנט מיר אויף קלאָר אויסמאָלן ווי דער באַלעגאָלע זעט אויס אויפן פּאָנים, וואָס זיין נאָמען איז...

ליובע האָט אַ שמייכל געטאָן, געזען, אַז זי האָט ניט געקאָנט באַהאַלטן פאַר גלאַשען דעם עמעסן מיין אירן. זי האָט געטראַכט און, מאַדנע: בעשום אופן זיך ניט געקאָנט דערמאָנען ווי יענער זעט אויס. נעכטן, ווען זי איז געפאָרן

אין זיין שליטן, פונקט ווי אין קאָרידאָר פון אוטשאַסטאָק, בעאייס זי האָט אים באַצאָלט פאַרן קורס, האָט זי בלויז געזען, אַז ער איז אַ הויכער, געזונטער באָכער, אָבער ניט געקאָנט זען זיינע פּאָנים־קאָנטורן. דער הויך־אויפגעשטעלטער קאָל־נער פון דער פוטערנער קורטקע, ווי די אויערן־דעקלעך פון זיין ברייטער באַ־ראַשקענער פּאַפּאַכע, — האָבן ווי אַרומגערעמט זיין פּאָנים און פאַרדעקט זיינע שטריכן, אַ כוץ די אויגן און דאָס מויל... יאָ, די אויגן, וואָס האָבן זיך אַזוי שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט בעאייס זי האָט אים דערלאַנגט דעם האַלבן רובל טרינק־געלט, און דאָס צוקנדיקע מויל ווען ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. זי האָט אַ טראַכט געטאָן ווען זיין נאָמען, זיך געוואָלט דערמאַנען ווי דער פּאָליציאַנט גאַלאַשין האָט אים פּאַר איר אָנגערופן, אָבער אויך דאָס איז איר ניט געלונגען, און זי האָט זיך שוין מעיאַעש געווען זיך אַליין צו דערמאָנען...

— ווייסט איר וואָס, באַרישניע, — האָט גלאַשע מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן. — איר וואַרט צו ביז אַרום צוועלף דעם זייגער, ווען אַלע שליטנס, וואָס פאָרן צום וואקזאַל, קומען זיך צונויף אפן מאַרק־פּלאַץ אויפצונעמען פּאַסאַזשירן צו דער באַן, קאָן זיין, אַז דעמאָלט וועט איר דאָרט קאָנען געפינען דעם קוטשער, וואָס איר באַגערט און זוכט...

ליובע האָט אַ גלעט געטאָן גלאַשעס איבערן שטרוי־בלאָנדן קאָפּ און פּאָשעט געפילט ווי אַרומצונעמען זי און זי קושן:

„וואָסער געזונטן כוש דער רוסישער פּויער פאַרמאָגט!“ — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. — „אַ פּויערשע מיידל, קאָן אַוואָדע ניט לייענען און ניט שרייבן, אָבער דאָך איז זי אַזוי שאַרף, אַזוי דירעקט...“

זי האָט אַרויפגעצויגן די שוואַרצע וואַלינקעס מיט די קאַלאָשן אף די פיס, אָנגעטאָן דאָס פוטערל און דאָס קאַראַקולענע היטל, און איז אַרונטער אף דער גאַס. זי האָט זיך עטלעכע מאָל אַרומגעדרייט אַהין און צוריק איבערן אויסגע־טראָטענעם שטעגל אינעם געפּאַקטן שניי, טראַכטנדיק, צי איז דאָ, אונטער אירע פיס, פאַראַן אַ ברוקירטער טראָטואַר, אָדער אַ וועג — געלייגט פון ברעטער, צי גאָר אַ נאַקעט שטיק ערד, וואָס וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טיפער בלאָטע, ווען די שנייען וועלן צעגיין... זי איז אַריינגעגאַנגען אין דעם קליינעם רעסטאָראַן דערבײַ, באַשטעלט צוויי לויז־געקאָכטע אייער, ברויט מיט פוטער, קעז, אַ טשאַי־ניק מיט טיי, און — אַן אומגעדולדיקע — זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל לעבן פענצטער, פאַרבירנדיק די גאַנצע צייט פון עסן אַרויסצוקוקן אף דער גאַס אַרויס דורך די גראָב־אָנגעפרוירענע שויבן...

„אַ נישקאָשעדיקע פאַרקאָוועטקייט דאָס איז!“ — האָט זי געטראַכט און אַזש אַ ציטער געטאָן. — „אויב עס איז אַזוי דאָ, ביי דער סאַמע טיר פון אייראָפּע, ווי אַזוי קאָן עס שוין זיין אַביסל ווייטער, אין מיטעלן, צי טאַקע אין סאַמע צאָפן־מיזרעך־סיביר?!...“

דער קעלנער איז צוגעקומען זען צי זי דאַרף עפּעס. ליובע האָט זיך באַ־נוצט מיט דער געלעגנהייט און אים געפרעגט, צי זי קאָן דאָ ערגעץ נאָענט קריגן צו קויפן אַ צייטונג. יענער — אַן אויסגעדאַרטער באָכער מיט אַ שאַרפער, דינער נאָז און מיט שפּיציקע, קלוגע אויגן — האָט זיך אַ בייג געטאָן, און — מיט פאַבריצירטן שטאָלץ, ווי ער וואָלט זיך באַליידיקט — אַ זאָג געטאָן:

— פאַרדאָן, מאַדמואַזעל, וואָס מיינט איר עפּעס, מיר זענען דאָ עפּעס אַ העק, צי וואָס?... מיר זענען דאָ אַן אויעזדנע שטאָט, קימאַט די הויפּט־שטאָט נאָך פּיטער!... אַוואַדע קריגט מען דאָ צייטונגען!... עס ווענדט זיך נאָר וואָס פאַר אַ צייטונג און פון ווען... אויב פון מאָסקווע, אָדער פּעטערבורג, צי גאָר אָפילע פון קיעוו, — וועט איר זיך מוזן באַנוגענען מיט אַ צייטונג, וואָס איז אַלט אַ כוידעש און עפּשער מער... אויב, אָבער, אַן אַמסקער צייטונג — קאָן דאָס מאַזל אייך אַמאָל אונטערשפּילן, אַז עס זאָל זיין פון נעכטן... אָ, מיר זענען דאָ, זאָג איך אייך, מאַמעש אַ הויפּט־שטאָט!...

ליובע האָט אין די איראָנישע רייד דערקענט, אַז דער קעלנער מוז אַוואַדע זיין ניט קיין דאַרטיקער, און זי האָט סימפּאַטיש מיטגעשמייכלט:

— איך זע, מיין פריינט, אַז איר זענט ניט צו שטאַרק באַגייסטערט פון דעם שטעטל דאָ. — האָט זי געזאָגט און גלייך אַ פרעג געטאָן, — אויב אַזוי, מעג איך אייך פרעגן פאַרוואָס איר האַלט זיך דאָ?...

— פרעגן מעגט איר, באַרישניע, — האָט ער אין זעלבן טאָן געזאָגט, — אָבער ענטפערן דערויף טאָר איך ניט. איך קאָן אייך בלויז זאָגן, מאַדאַם, אַז פון היינט איבער צוויי יאָר וועט איר מיך דאָ זיכער ניט געפינען...

— און ווער האַלט אייך דאָ איצט צו? — האָט ליובע שפּאַסיק געפרעגט.

— ווער? — האָט דער קעלנער אַ זאָג געטאָן און זיך אומגעקוקט. — אויב איך זאָל עס אייך זאָגן אַזוי ווי איך וואָלט עס אייך וועלן זאָגן, וואָלט עס פאַר מיר געקאָנט מיינען נאָך אַן איבעריקע צוויי יאָר אָדער מער זיך דאָ צו פּלאָגן...

ליובע האָט פאַרשטאַנען און שטילער צוגעגעבן:

— אָ, — האָט זי אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג. — זענט איר, הייסט עס, פון מיין קלאַס?!...

— איר זענט דען אויך אַ... — האָט דער קעלנער, אַ דערפרייטער, זי פאַר־בידעשט אָנגעקוקט. — איך האָב דערקענט, אַז איר זענט דאָ אַ נייער מענטש, אָבער, אַז איר... ווען זענט איר אָנגעקומען?... וואו שטייט איר איין?... אויב אַזוי, דערלויבט מיר זיך פאַרצושטעלן פאַר אייך. מיין נאָמען איז: גריגאָרי כאַר־טאָנאָוו, אָדער פּאַשעט: גרישאַ, אָדער כאַרקאָווסקי, אָדער...

— גרישאַ וועט גענוג זיין! — האָט ליובע ליבלעך איבערגעהאַקט און, מיט דער האַנט אָנווייזנדיק אויף זיך, צוגעגעבן. — מיין נאָמען איז: ליובאָוו אַבראַ־מאָווינאַ גאָלוב, און ליובע וועט גענוג זיין... איך בין געקומען אויף זעקס יאָר...

— איר וועט דאָ ניט זיין איינע אַליין. פאַראַן אַ סאַך אונדזעריקע דאָ, אין שטעטל. — האָט ער זי געטרייסט און מיטאַמאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן. — אָבער וואָס האָב איך זיך פאַררעדט מיט אייך וועגן דעם?... איר האָט דאָך מיך געפרעגט וועגן ציַיטונגען... ווייסט איר וואָס, ליובע, איך וועל אייך דערווייל לייען מיין ציַיטונג און איר קאָנט זי דורכקוקן... אַנטשולדיקט, וואָס איך קאָן איצט מער ניט רעדן מיט אייך. איך דאַרף גיין צו דער אַרבעט. אָט איז אַריינגעקומען אַ פּאָרל... גלייך ברענג איך אייך מיין ציַיטונג און...

ליובע האָט אַ דאַנקבאַרן שמייכל געטאָן צו גרישאַן. עס האָט איר האַנאָע געטאָן וואָס זי האָט אויסגעפונען, אַז אינעם שטעטל דאָ זענען פאַראַן נאָך אַנ־דערע פּאָליטיש־פאַרשיקטע; זי איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט אָנגעטראָפן איינעם פון זיי, און באַשלאָסן אים צו פרעגן, ווי אַזוי זי וועט זיך קאָנען שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די אַנדערע. באַלד האָט גרישאַ איר צוגעטראָגן די ציַיטונג, געזאָגט, אַז זי קאָן דאָ זיצן און לייענען ווי לאַנג זי וויל, און קיינער וועט איר ניט שטערן. ער האָט זיך ווידער אַנטשולדיקט פאַר איר, וואָס ער קאָן איצט ניט רעדן גענויער מיט איר וועגן אַלע זאַכן, ווייל ער מוז זיך איצט אָפּגעבן מיט די קונדן, וואָס קומען אריין עסן...

— אַז איר וועט זיך האָבן איינגעאָרדנט און אַמאָל האָבן צייט אין אַן אָוונט, אָדער אַ זונטיק, ווען איך בין פריי פון דער אַרבעט, — האָט ער האַלב שפּאַסיק און האַלב ערנסט געזאָגט, — וועל איך זיין צופרידן אייך צו באַקענען מיט אַלע לעבער אינעם שטעטל, און פאַרברענגען מיט אייך וויפל איר וועט מיך נאָר קאָנען דולדן... און יאָ, צו שטאַרק בעטן וועט איר מיך אויך ניט דאַרפן...

„זעט אויס צו זיין אַ וואוילער באָכער, דער קעלנער!" — האָט ליובע זיך געזאָגט און אַ טראַכט געטאָן. — „וואָס האָט ער, אַשטייגער, געקאָנט זיין אינדער־היים?... מיט וואָס האָט ער זיך באַשעפטיקט פאַר דער פאַרשיקונג?... סיי־ווי־סיי, עס קוקט אויס, אַז איך וועל דאָ, אין ערגסטן פאַל, האָבן צוויי באָכערים מיט וועמען צו פאַרברענגען און אַ וואָרט אויסצורעדן, און וועל ניט דאַרפן אָנקומען נאָך דער פריינטשאַפט פון הער פאָליציימייסטער..."

זי האָט זיך פאַרטיפט אין דער ציַיטונג, געשלונגען יעדעס פיצל בייעס אין די עטלעכע זייטן, און אַלץ איז איר אויסגעקומען עפּעס אַזוי ווייט און פרעמד. שוין עטלעכע וואָכן, פון זינט זי איז אַרויסגעפאָרן פון פעטערבורג, האָט זי קימאַט קיין ציַיטונג ניט געזען. בלויז איינמאָל, ביי אַ סטאַנציע פון אַ גרעסע־רער שטאָט, האָט איינער פון די קאָנוואָיאירן — פאַר אַ היפּשן טרינק־געלט — איר ביגנייווע אַריינגעבראַכט אַ ציַיטונג. זי האָט אָבער דעמאָלט אָפילו קיין געדולד ניט געהאַט צו לייענען זי. איר איז געווען אַ סאַך אינטערעסאַנטער צו רעדן מיט די אַנדערע צוויי פרויען, וועלכע זענען געפאָרן מיט איר אַ טייל פונעם וועג אין דעם פרויען־אָפּטייל פון וואַגאָן פאַר די פּאָליטיש־פאַרשיקטע...

אַ צען מינוט פֿאַר צוועלף אַזייגער האָט ליובע מיט אַ וואונק צוגערופֿן גרישאַן צו זיך, באַצאָלט וויפֿל עס איז געקומען פֿאַרן פֿרישטיק, און זיך גע־קווענקלט, טראַכטנדיק, צי זי זאָל איבערלאָזן טרינק־געלט פֿאַר גרישאַן, אָדער ניט. יענער האָט באַמערקט איר צעגערן, און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— טוט עס ניט, ליובע! דאָ פֿירן מיר זיך אַזוי, אַז צווישן די אייגענע כאַווײרים נעמען מיר ניט און גיבן ניט קיין טרינק־געלטער...

זי האָט אַ דאַנקבאַרן שמייכל געטאָן צו גרישאַן און זיך געזעגנט. איצט האָט זי שוין פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס דער קוטשער האָט זיך געהאַט אָפּגעזאָגט פֿון צו נעמען דעם האַלבן רובל, וואָס זי האָט אים געוואָלט געבן, און עס איז איר שטאַרק געפֿעלן געווען... זי האָט געפֿילט, אַז זי איז צווישן גוטע פֿריינט...

אַן אויפֿגעהייטערטע, אַ לעבהאַפֿטיקע, איז ליובע אַרויסגעגאַנגען אויפֿן מאַרק־פּלאַץ, וואָס אַנטקעגן דעם רעסטאָראַן, האָט געקוקט צווישן די עטלעכע שטייענ־דיקע שליטנס דאָרט, אָבער ניט געזען ז׳עם קוטשער, וואָס זי האָט געזוכט. זי איז שוין גרייט געווען צו דינגען אַ צווייטן שליטן, ווען פּלוצים האָט זיך צו איר אַ גליטש־צו געטאָן אַן אָנקומענדיקער שליטן, און דער קוטשער, — דער וועמען זי האָט געזוכט, — האָט זיך אַ וווּנד געטאָן צו איר:

— זדראַווסטוואויטיע, באַרישניאַ! — האָט ער, אַ פֿריידיקער, היימלעך אויס־גערופֿן, אָבער גלייך דעם מוט פֿאַרלוירן און שעמעוודיק צוגעגעבן. — איך... איך בין אַט נאָר־וואָס צוגעפֿאָרן צו אייער גאָסטיניצע, באַרישניע... געוואָלט אייך זען... דאָס הייסט... דאַרף עפּעס רעדן מיט אייך... האָט מען מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַרונטער עסן... בין איך אַריין אין רעסטאָראַן, האָט גרישאַ מיר גע־זאָגט, אַז איר זענט אַוועק אַהער און ווילט פֿאָרן צום וואָקזאַל ברענגען אייער געפּעק... אַ שאָד, באַרישניע, וואָס איך האָב עס פֿריער ניט געוואוסט... איצט וועל איך אייך, צום באַדויערן, נישט קאָנען באַדינען...

ליובע האָט אים פֿאַרכידעשט אָנגעקוקט:

— פֿאַרוואָס?... פֿאַרוואָס קאָנט איר מיך ניט נעמען צום וואָקזאַל?...

— ווייל עס איז אָפּגעמאַכט, אַז פּאַסאַזשירן דאַרפֿן זיך איינזעצן אין די שליטנס לויט דער ריי ווי זיי זענען אויסגעשטעלט...

— און וואָס אויב מען וויל פֿאָרן נאָר מיט אייך, מיט אייער שליטן?...

— דאַרף מען באַשטעלן פֿריער, איידער איך קום אַהער, אויף דער סטאַנציע...

— און אַז מען באַשטעלט ניט און מען וויל פֿאָרט פֿאָרן מיט אייך?...

— מוז מען וואַרטן ביז די אַנדערע נעמען אויף זייערע פּאַסאַזשירן און עס קומט אָן צו מיין ריי. — האָט שימשל איר געגעבן צו פֿאַרשטיין.

— נו, דאָס איז דאָך ניט קיין שווערע פּראָבלעם! — האָט ליובע, אַלץ ניט אַרונטערנעמענדיק אירע אויגן פֿון שימשלען, שמייכלענדיק געזאָגט. — וועל איך וואַרטן ביז עס וועט אָנקומען צו אייער ריי... דערווייל, אָבער, קאָן איך דאָך

זיך אַוואַדע איינזעצן אין אייער שליטן און מיר קאָנען שמועסן... איר וועט מיר דערווייל דערציילן וועגן וואָס איר האָט מיך געוואָלט זען...

— אָ, ניין, באַרישניע, ניין! — האָט שימשל, נערווירנדיק, ווי פאַרלוירן געזאָגט. — דאָס איז ניט ריכטיק. זיי וועלן מיינען, אַז איך האָב אויסגעכאַפּט אַ פּאַסאַזשיר און דאָס איז ניט ריכטיק...

— נו, גוט! — האָט זי געשמייכלט פון זיין פאַרלוירנקייט, וואָס איז איר, מאָדנע, שטאַרק געפעלן. — וועל איך וואַרטן שטייענדיק לעבן דעם שליטן ביז עס וועט דערגיין צו אייער ריי!...

שימשל האָט צושטימענדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ...

ליובע האָט אַרויפגעשטעלט אַ פוס אפן טרעפּ־ברעטל פונעם שליטן־גליטשער, מיט אַן עלנבויגן זיך אָנגעשפּאַרט אָף דער קעלניע, לעבן שימשלען, און מיט דרינגלעך־פאָרשערישע בליקן געקוקט אָף אים. זי האָט געוואַרט, ער זאָל איר זאָגן וועגן וואָס ער האָט זי נעכטן געוואָלט זען...

אין דער מינוט האָט דער לעצטער שליטן, וואָס פאַר שימשלס, אויפגענומען זיינע פיר פּאַסאַזשירן און איז אַוועקגעפאָרן. שימשל איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קעלניע, געהאָלפן ליובען זיך איינזעצן אין שליטן, און זאָרגפעליק אַרומגעהילט אירע פיס מיט דער וואָלענער דעק. נאָך דעם האָט ער אַליין זיך צוריק איינגעזעצט אָף דער קעלניע, אַ סוויסטש געטאָן מיט דער בייטש אין דער לופט, און די פערד האָבן זיך מיט הימלעכן גלעקל־געקלאַנג אַ לאָז געטאָן מיטן שליטן איבערן איינגעשניטענעם וועג אין דעם טיפן שניי...

שימשל האָט פריילעך צוגעקנאַקט מיט דער צונג אַ דערמוטיקונג צו די פערד, עטלעכע מאָל געפּרוּווט אָנהויבן רעדן צו זיין פּאַסאַזשיר, אויסדרייענדיק יעדע וויל דעם קאָפּ צו איר. אָבער דער ווינט, וואָס האָט שטאַרק געבלאָזן פון הינטן, האָט אָפּגעטריבן דעם קלאַנג פון זיינע רייד, אַזוי אַז צו ליובען האָט עס זיך ניט דערטראָגן. זי האָט קימאַט אפן קאָל אויסגעשריגן:

— איך קאָן ניט הערן קיין וואָרט אייערס! קיין איינציק וואָרט!... עפּשער וואָלט איר זיך איבערגעזעצט אַהער, לעבן מיר?... דאָן וואָלט זיכער באַקוועמער געווען פאַר אונדזביידן צו רעדן און הערן איינער דעם צווייטן...

שימשל האָט איינגעצויגן די לייצעס, פאַרהאַלטן די פערד און אָפּגעשטעלט דעם שליטן. ער האָט זיך איבערגעזעצט אפן מיטלסטן געזעס, רעכטס פון ליובען, וועלכע האָט זיך אָפּגערוקט עטוואָס צו דער זייט און פאַנאַנדערגענומען די דעק פון אירע פיס, קעדיי ער זאָל זיך אויך קאָנען אַרומהילן. פאַרטיק געוואָרן מיט דעם, האָט שימשל ווידער אַ שמיץ געטאָן מיט דער בייטש אין דער לופטן, אַ קנאַק־צו געטאָן מיט דער צונג, און די פערד האָבן זיך ווידער אַ לאָז געטאָן מיטן שליטן אין פריילעכן גאַלאָפּ אפן וועג צום וואָקזאַל...

עטלעכע מינוט האָבן ביידע געשוויגן. אויסגעזען האָט עס, אַז יעדער איינער

פון זיי האָט זיך איבערגעגעבן זיינע אייגענע געדאַנקען און איז צופרידן גע־וועז פון אַנדערנס שווייגן, וואָס איז ווי צוגעדעקט געוואָרן פון דעם הימלעכן, פיל־טאָניקן גלעקל־געקלאַנג, און באַגלייט מיט דעם שטילן, איינוויגנדיקן געשורש פון די שליטן־גליטשערס אינעם איינגעשניטענעם שניי...

ליובע האָט זיך געטוליעט נאָענט צו שימשלען, געקוקט אויף דעם שטיקל געזונט־פאַרברויינטן פּאָנים זיינעם, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון צווישן דעם הויך־אויפגעשטעלטן פוטערנעם קורטקע־קאָלנער און די אויערן־דעקלעך פון דער גרויסער באַראַשקענער פּאַפּאַכע. זי האָט מיטאַמאָל דערפילט עפּעס אַזאַ ליבע וואַרעמקייט איבערן גאַנצן קערפּער, אַזאַ אנגענעמע זיסקייט אין האַרצן, אַז עס האָבן זיך איר אַזש געשטעלט טרערן אין די אויגן. אין געדאַנק אירן זענען אויפגעשוואומען בילדער פון אַמאָל. דערמאַנט האָט זי זיך, ווי זי פלעגט אָפט אינדערהיים, אין פּעטערבורג, אַרויספאָרן אין די ווינטער־אָוונטן מיט אַ גרופּע סטודענטן, באַכערים און מיידלעך, אויף אַ געדונגענעם שליטן ווייט הינטער דער שטאָט... די דריי פערד פון דער „טראָיקע" האָבן פריילעך גאַלאָפּירט; די גלעק־לעך, מיט וואָס זיי זענען געווען באַהאָנגען, האָבן — פּונקט ווי איצט — היימלעך געקלונגען, און דער שליטן איז מאַמעש געפלויגן אין לופטיקע, זאַרגלאָזע וועלטן... כעוורע האָבן געזונגען, געלאַכט און געשטיפּט צווישן זיך. אָבער זי, ליובע, האָט זיך דערביי טאָמיד געפילט איינזאַם, אָן שום אינערלעכער פרייד... איצט, אָבער, זיצנדיק דאָ, לעבן אָט־דעם געזונטן, הויכן באָכער, — האָט זיך אין איר צעשפּילט אַזאַ גרויסע פרייד, אַזאַ טיפע צופרידנקייט, אַז זי — וואָס האָט אַמאָל אַ פּאַטש געטאָן איר לערער פאַר אָנרירן זי, — האָט איצט געהאָפט, אַז דער קוטשער, וואָס זיצט לעבן איר, זאָל איבערנעמען די בייטש מיט די לייצעס אין דער רעכטער האַנט אַריין, און מיט דער לינקער — זי אַרומנעמען, צודריקן צו זיך, זי קושן מיטן גאַנצן פייער וואָס ער פאַרמאָגט אַוודאי...

שימשל, ווידער, האָט מיט באַהאַלטענע, אומדרייסטע בליקן געפּרואווט קוקן אויף זיין פּאַסאַזשירקע, און דאָס האַרץ האָט אַזש געגומען האַסטיקער קלאַפּן ביי אים... פּאַרזיכטיק, קעדיי זי כאָלילע ניט צו באַליידיקן, האָט ער אָפּט געכאַפּט אַ זייטיקן קוק אויף איר שמייכלדיק־צערויטלטן פּאָנים, וואָס האָט — ווי אים האָט אויסגעזען — געשפּריצט מיט בלוט מאַמעש. שעמעוודיק, מיט אַ געוויסער מוירע, האָט ער געזוכט צו באַגעגענען אירע אויסערגעוויינטלעך־טונקל־בלויע אויגן, וואָס האָבן אים — יעדעסמאָל ביים אָנטרעפן זיך מיט זיי — פּאַשעטע געסאַרפּעט מיט זייער בליציקן פייער, און אים געמאַניעט צו זיך, ווי ליכט — אַ נאַכט־פליגעלע...

ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַן אומרו אין גאַנצן געמיט זיינעם, — אַן אומרו, וואָס פלעגט אים טאָמיד באַהערשן בעאייס ער האָט זיך געפונען נאָענט לעבן אַ פרוי... ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ שטאַרקן באַגער צו פאַרוואַרפן

זיין האָנט אַרום איר, זי צוציען צו זיך, און זיך איינזויגן מיט זיינע ליפּן אין אירע, און זי קושן ביז דער אָטעם וועט זיי ביידן פאַרפעלן... ,

ער האָט אָבער גלייך אַ ציטער געטאָן און זיך פאַרשעמט פאַר זיינע מאַכ־שאָוועס. עפּעס האָט ער פּלוצים זיך באַרעכנט, אַז זי, זיין פּאַסאַזשירקע, איז ניט ווי יענע מיידלעך מיט וועלכע ער פלעגט אַמאָל האָבן צו טאָן... אַז גיכער איז זי אַזאַ ווי נאַדיע, וואָס האָט מיט איר גאַנצן וועזן, מיט איר האַלטונג, ווי אָנ־געזאָגט: „קוק מיך אָן, האָב האַנאָע, נאָר ריר מיך ניט אָן!...‟

ליובע האָט באַמערקט זיין אומרו און זיך פּלוצים אַ ווענד געטאָן צו אים:

— איר האָט געזאָגט, מיין פריינט, אַז איר האָט מיך געוואָלט זען, וועגן עפּעס געוואָלט רעדן צו מיר. נו, איך בין איצט גרייט אייך צו הערן...

שימשל האָט זיך ווי דערשראָקן פון איר מיטאַמאָליקער ווענדונג, האָט אַ שלונג אַראָפּ געטאָן ווי עפּעס אין האַלדז וואָלט אים געוועזן געשטיקט, האָט זיך אָנגעשטרענגט און גענומען ווי אויסשטאַמלען:

— ע... אייגנטלעך, באַרישניע, ע... איז דאָס... וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגן, ניט קיין זייער וויכטיקע זאַך... נישט מער, נאָר וואָס איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איר... זענט ע... אַ פּאָליטיש־פאַרשיקטע, האָב איך ע... געוואָלט אייך צופירן צום גאַסט־הויז, וואו איך... דאָס הייסט... מיר — די מערסטע פּאָליטיש־פאַרשיקטע דאָ אין שטעטל, וואוינען, קעדיי... קעדיי איר זאָלט אויך קאָנען זיין צווישן אייגענע... איר פאַרשטייט, איך בין אויך אַ פּאָליטיש־פאַרשיקטער...

— יאָ, איך ווייס עס. גאַלאַשין האָט עס מיר געזאָגט. — האָט זי אַ זאָג געטאָן און גלייך געפרעגט. — אַף ווי לאַנג?... איך מיין, ווען זענט איר אַהער אָנגעקומען און ווי לאַנג האָט איר נאָך צו זיין דאָ?...

שימשל האָט אַ שמייכל געטאָן און מיט אַ גע‌פּיל פון שטאָלץ געזאָגט:

— איך בין פאַרשיקט אַף פינף יאָר, באַרישניע. בין אַהערגעקומען ערשט מיט עטלעכע כאַדאָשים צוריק און...

— זענען מיר דאָך כאַוויירים און וועלן זיין צוזאַמען אַ לאַנגע צייט דאָ!

— האָט ליובע פריילעך אויסגערופן און דערלאַנגט שימשלען איר וואַרעם־גע־הענטשקעטע האַנט. — אויב אַזוי, דאַרפן מיר זיך דאָך באַקענען איינער מיטן אַנדערן... מיין נאָמען איז ליובע!...

— און מיך רופט מען סאַמסאָן! — האָט ער שעמעוודיק אַ מורמל געטאָן.

— יאָ, גאַלאַשין האָט עס מיר געזאָגט, כאַווער סאַמסאָן, און עס פרייט מיך צו קענען אייך!...

— איך בין אויך שטאַרק צופרידן, כאַווערטע ליובע! איך האָף, אַז מיר וועלן זיין גוטע פריינט...

— אַוואַדע וועלן מיר זיין גוטע פריינט! — האָט זי קימאַט אויסגעזונגען.

— איך האָב ליב צו האָבן גוטע פריינט, ספּעציעל דאָ, אין דער פרעמד...

שימשל איז מיטאַמאָל געוואָרן באַרעדעוודיק. ער האָט גענומען ליובען אויס־דערציילן וועגן יעוודאָקיעס גאַסט־הויז און אַז דאָרט וואוינען אַרום אַכצן פּאָלי־טיש־פאַרשיקטע. ער האָט איר איבערגעגעבן וועגן די פאַרשידענע כאַוויירים און כאַווערטעס, וואָס וואוינען דאָרט, וואָס זיי טוען און ווי מען פאַרווײַלט זיך; דערציילט וועגן יעוודאָקיע „די אַלמאָנע״ און איר מאַן קוסינען, וואָס האָט אויפ־געבויט אַ שוויץ־באָד ספּעציעל פאַר די קוואַרטיראַנטן, און פאַרענדיקט:

— אַ שאָד, כאַווערטע ליובע, וואָס איר האָט זיך אַרײַנגעקליבן אין דעם האָטעל און ניט צווישן די אייגענע כאַוויירים!...

זי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— עס איז ניטאָ וואָס צו באַדויערן, סאַמסאָן. איך האָב מיטן אייגנטימער פון האָטעל קיין קאָנטראַקט ניט אונטערגעשריבן, און איך קאָן זיך צו יעדער צייט אַרויסקלײַבן פון דאָרט. יעדנפאַלס, איך וועל נאָך זען וועגן דעם...

שימשלס בליק האָט אַ וואַנדער געטאָן פאַרויס אין דער אומבאַשטימטער ווייטקייט. דאָס האַרץ זײַנס, — האָט ער דערפילט, — האָט גענומען שטאַרק קלאַפּן, און אין זײַן מויעך — האָפערדיקע געדאַנקען, וואָס האָבן אים דערפרייט און אויפגעהייטערט. די עטלעכע ווערטער, ליובעס, אַז זי וועט נאָך זען וועגן דעם, האָט אים געגעבן דעם גלויבן, אַז זי וועט זיך אַריבערקלײַבן צו יעוודאָקיען, און די האָפענונג, אַז ער וועט דאַן זײַן נאָענט לעבן איר, האָט אים דערהויבן און גליקלעך געמאַכט...

זיי זײַנען אָנגעקומען צום וואָקזאַלעכל. שימשל איז מיט ליובען צוגעגאַנגען צום באַגאַזש־אָפּטייל, האָט אַרויסגענומען אירע וואַליזעס און קופערטס, און אָנ־געלאָדן זיי אויפן שליטן. נאָך דעם האָט ער אײַנגעזעצט ליובען אויף דער קעלניע, אַליין זיך אויך געזעצט לעבן איר, אײַנגעהילט ביידנס פיס מיט דער וואָלענער דעק, אַ שמיץ געטאָן מיט דער בײַטש אין דער לופטן, אַ קנאַק־צו געטאָן מיט דער צונג, און אַ לאָז געטאָן די פערד אין פריילעכן גאַלאָפּ מיטן שליטן קימאַט פליענדיק אויפן וועג צום שטעטל, צום האָטעל צו...

* * * * *

קאַפּיטל פערצן

שטיל, ווי אין דרימל פאַרשלאָפן, איז דאָס קליינע סיבירישע שטעטל געלעגן אין די ווינטער־אָוונטן. אַפילו אין די בייטאָגן האָבן די מענטשן דאָרט זיך באַוועגט פּאַמעלעך, קימאַט קריכנדיק. דער מאַרק האָט זעלטן געזען אַ קוינע. די פּויערים און די איינוואוינער פון די אַרומיקע דערפלעך און שטעטלעך זענען געקומען אין שטעטל אַריין בלויז איינמאָל אין וואָך — אין די שאַבאָסים — איינצוקויפן. די באַלעבאָסטעס פונעם שטעטל גופא האָבן אין זומער זיך פאַרגרייט מיט פאַרשידענע מאַרינירטע און איינגעמאַכטע שפּייזן אין סלאָיעס, און ברויט האָבן זיי געבאַקן ביי זיך אינדערהיים, קעדיי — פון איין זייט, צו האָבן די שטוב געהייצט, און פון דער צווייטער — ניט צו דאַרפן אַרויסגיין אין די בייסנדיקע פרעסט און שנייען... אַפילו די קינדער פונעם שטעטל, וואָס פלעגן זומער־צייט אַרומלויפן מיט געפילדער איבערן מאַרק־פּלאַץ, געשפּילט אין פּילקע אָדער אין באַהעלטעניש, — זענען ווינטער־צייט קימאַט ניט אַרויס פון די הייזער. אַז זיי זענען אַמאָל אַרויס זיך גליטשן, אָדער מאַכן אַ שניי־מענטש, — זענען זיי געווען אָנגעפּעלצט ווי קליינע בערעלעך און האָבן, מיט רויט־אָנגעפרוירענע בעקלעך און רינענדיקע נעזלעך, זיך אומרירעוודיק געשפּילט, ביז די מאַמעס זייערע האָבן זיי גערופן צוריק אין די וואַרעם־אָנגעהייצטע היימען אַריין... דער קליינער שטאָט־גאָרטן, וואו זומער־צייט פלעגט אַמאָל אין אַ זונטיק שפּילן אַ מיליטערישער אָרקעסטער פון אַ פּאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין לאַגער דערביי, — איז ווינטער־צייט געווען פּוסט ווי אַ וואַלד אין טיפסטער ווילדערניש...

אַמאָל פלעגט איבער דער מאַרק־גאַס פאַרבייטאָפּטשען אַ וואַקלענדיקער שיקער, וועלכן מען האָט אַרויסגעוואָרפן פון אָקולינס טראַקטיר. איז ער געגאַנגען אין טיפן שניי, אונטערברומענדיק אַ פאַרשיקערט זמערל, אָדער געפּלאַפּלט אומפאַרשטענדלעכע רייד צו זיך, ביז ער האָט זיך ערגעץ פאַרטשעפּעט מיט אַ פּוס, זיך אויסגעגליטשט און געבליבן ליגן אויסגעצויגן אינעם שניי. טיילמאָל, אַז דאָס מאַזל האָט אים צוגעשפּילט, אָדער — ווי די באַבעס פלעגן זאָגן — ער האָט נאָך געהאַט יאָרן צו לעבן, — האָט מען אים געפונען באַצייטנס, איידער דער פראָסט האָט באַוויזן אים צו פאַרשטייפן. דאַן האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אין אַ פּאָליציי־קאַמער ביז ער האָט זיך אויסגעניכטערט און עמעצער איז געקומען אים אַהיימנעמען. אָפטער, אָבער, פלעגט מען אַזעלכן געפינען שוין אַ שטייף־געפרוירענעם — צו שפּעט אים אָפּצוראַטעווען...

קיין גנייוועס, רויבערייען, אָדער מאָרדן, זענען אין דעם שטעטל געוויינטלעך ניט פֿאָרגעקומען. די פּאָליציי פֿלעגט דערליבער אין די ווינטער־טעג אָפּזיצן קימאַט אַן אַ שטאָך אַרבעט, אַ כּוץ אין די אָוונטן, ווען עס פֿלעגט אַמאָל אַריינגיין זיך מעלדן איינער אָדער מער פֿון די אָרום פּופּציק פּאָליטישע פֿאַרשיקטע אינעם שטעטל און אין געגנט, און מען האָט עס געדאַרפֿט פֿאַרשרייבן אין די ביכער. אין די ביינאַכטן, ווידער, זענען די דעזשורנע־פּאָליציאַנטן אָפּגעשלאָפֿן זיצנ־דיק באַ די טישן, אַ כּוץ אין די נעכט ווען עס פֿלעגט אַמאָל אָנקומען אַ נייער פּאָליטיש־פֿאַרשיקטער, און מען האָט געדאַרפֿט צושיקן צוויי פּאָליציאַנטן צו דער באַן־סטאַנציע איבערצונעמען יענעם פֿונעם קאָנוואָי. זומערצייט פֿלעגן די דאָזיקע וואַך־פּאָליציאַנטן — אין זייער גאַנג צום וואָקזאַל — זיך אַרויפֿכאַפּן אָן געלט אַף אַ בריטשקע, און צוריקקומען מיטן פֿאַרשיקטן צו־פֿוס. אין ווינטער־טעג פֿלעגן זיי הייסן דעם פֿאַרשיקטן ער זאָל באַצאָלן פֿאַרן שליטן פֿאַר אַלע דריי, און טיילמאָל — אויב יענער האָט קיין געלט ניט געהאַט, — טאַקע באַצאָלט פֿון דער אייגענער קעשענע. אין די ווינטער־נעכט, אָבער, זענען קיין שליטנס ניט געפֿאָרן, האָבן זיי געמוזט גיין צו־פֿוס די עטלעכע ווי־אָרסט אין טיפֿן שניי. אינעם בודזשעט פֿון דער לאָקאַלער פּאָליציי איז ניט אַריין קיין אַסיגנירונג פֿאַר אַזעלכע אויסגאַבן, ווייל עס איז געווען אָנגענומען, אַז אַרעסטירטע אָדער פֿאַר־שיקטע זענען ניט כּוילע צו גיין צו־פֿוס...

שטיל און רואיק איז געווען אינעם שטעטל, סיידן עס האָט זיך אַמאָל ווען געמאַכט אַ כאַסענע, אָדער אַ לעוואַיע. ביי אָקולינען אין טראַקטיר פֿלעגן זיך אין די פֿאַרנאַכטן יאָ צונויפֿקומען עטלעכע קרעמער און באַלעגופֿים, ניט אַזוי צוליבן שנעפּסל, וואָס זיי האָבן דאָרט געטרונקען — דאָס האָבן זיי געהאַט ביי זיך אין די היימען אויך, — נאָר פּאַשעט, קעדיי צו זען זיך מיט אַ לעבעדיקן מענטשן און „אויסרעדן אַ וואָרט" צווישן זיך... דאָס קינאָ־טעאַטערל האָט מען געהאַלטן אָפֿן בלויז צוויי טעג אין וואָך — אַ כּוץ שאַבאָסים און זונטיקס. דער אייגנטימער האָט גערעכנט, אַז אַזוי־אַרום וועט ער צווינגען די קונדן צו קומען געדיכטער, אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אין די צוויי טעג זענען געקומען אויך ניט מער ווי אַ צענדליק באַזוכער. מען איז אַהינצו אַריינגעגאַנגען ניט אַזוי צוליבן בילד, וואָס מען האָט דאָרט געוויזן, נאָר ווייל עס איז פּאַשעט ניט געווען קיין אַנדער פּלאַץ אין שטעטל וואו זיך אַהינצוטאָן...

קימאַט די איינציקע — יעדנפֿאַלס אָנזעעוודיקע — רעגלמעסיקע טעטיקייט אין שטעטל, זענען געווען די שליטנס. אין שנייען ווי אין פֿרעסט, ווינטן און זאַווערוכעס, — זיי פֿלעגן דריי מאָל אין טאָג אַרויסקומען אַפֿן מאַרק־פּלאַץ, אויפֿ־געמען די פּאַסאַזשירן, זיי אָוועקגעפֿירט צום וואָקזאַל, און פֿון דאָרט געבראַכט צו פֿירן יענע, וואָס זענען אָנגעקומען מיטן צוג. די סאָכרים פֿונעם שטעטל פֿלעגן געוויינטלעך אויסמיידן אָוועקצופֿאָרן אָדער אָנצוקומען מיטן ביינאַכטיקן

צוג, די פרעמדע, ווידער, וואָס פלעגן אַמאָל יאָ אָנקומען ביינאַכט, — האָבן גע־דאַרפט אָפּזיצן אינעם שוואַך־באַהייצטן הילצערנעם וואקזאַלעכל ביז אינדערפרי, ווען די שליטנס זענען אָנגעקומען מיט פּאַסאַזשירן פונעם שטעטל...

אין אָט אַזאַ רואיקן ווינטער־טאָג האָט שימשל געבראַכט צו־פירן פונעם וואקזאַל ליובעס קופערטס און וואַליזעס צום האָטעל וואו זי איז איינגעשטאַנען...

ליובע איז באַשטאַנען, אַז ער זאָל ניט איינער אַליין אַרויפדזשוויגען די שווערע קופערטס אירע, נאָר זאָל דינגען עמעצן, וואָס זאָל אים העלפן אין דעם. איר איז אויסגעקומען, אַז אַפילע פאַר אים — כאָטש ער האָט זיך פּאָשעט דער־פון אויסגעלאַכט — וועט עס זיין צו שווער צו טאָן, און זי האָט אים ניט געוואָלט עקספּלואַטירן. שימשל האָט איר געמוזט צוליב־טאָן און קוים געקראָגן צו דינגען עמעצן, וואָס זאָל אים העלפן...

אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער לעצטער וואַליזע, איז שוין געווען גאַנץ טונקל. ליובע האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן און איינלאַדן אין רעסטאָראַן אויף אַ גלאָז טיי, אָבער שימשל האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן דערפון, ווייל ער האָט געדאַרפט מאַכן נאָך איין קורס צום וואקזאַל, צום אָוונט־צוג...

ליובע האָט דעריבער אָפּגעמאַכט מיט אים, קלוימערשט באַשטעלט, אַז ער זאָל אויף צומאָרגנס נאָכן צווייטן צוג, צוקומען מיטן שליטן און זי אָוועקפירן צו יעוודאָקיע „די אַלמאָנע“, קעדיי אָ קוק צו טאָן וועגן אַ צימער פאַר זיך און דערביי זיך אויך באַקענען מיט די פאַרשיקטע, וואָס זענען דאָרט איינגעשטאַנען.

ווען שימשל איז אויף צומאָרגנס, נאָך מיטיקצייט, צוגעפאָרן מיטן שליטן צום האָטעלעכל, האָט ליובע שוין געוואַרט אונטן, אינעם אויפנעם־צימער. זי האָט זיך מאַמעש דערפרייט בעאייס זי האָט אים דערזען, ניט געוואַרט אַז ער זאָל אַריינקומען זי רופן, נאָר איז אַליין — אַ פריילעכע, אַ לעבעדיקע — אַרויסגעלאָפן און זיך וואַרעם באַגריסט מיט אים ווי מיט אַן אַלטן גוטן־פריינט:

— זדראַוואוסטוואויטיע, סאַמסאָן! — האָט זי אויסגערופן און אים דערלאַנגט די האַנט. — וואָס מאַכט איר?...

— אַ דאַנק אייך, ליובע! — האָט ער, אַראָפּשפּרינגענדיק פון דער קעלניע, געענטפערט שוין אָן דער נעכטיקער שעמעוודיקייט, און אַ פרעג געטאָן. — און וואָס מאַכט איר?... ווי איז אייך די נאַכט געגאַנגען?...

ער האָט זי איינגעזעצט אָפּן מיטלסטן געזעס, אַרומגעהילט אירע פיס מיט דער וואָלענער דעק, און איז צוגעפאָרן צו יעוודאָקיעס פלאַץ, וואו מען האָט זיך שוין געריכט אויף איר, ווייל ער, שימשל, האָט נאָך דעם אָוונט פריער געהאַט פאַר אַלעמען אין הויז דערציילט וועגן דער ערשט־אָנגעקומענער וואונדערלעכער באַרישניע, — דאָס שיינע מיידל פון פּעטערבורג...

ער האָט ליובען פאַרגעשטעלט און באַקענט מיט יעוודאָקיען, וועלכע איז געווען פאַרפאַרעט מיטן צוגרייטן די וועטשערע, און אַליין — נאָכן אַנטשולדיקן

זיך פֿאַר ליובען — זיך פֿאַרנומען צום אַרויספֿאָרן אַפֿן מאַרק־פּלאַץ און דאָרט אויפֿצונעמען די פּאַסאַזשירן צום לעצטן צוג:

— איך האָף, איך וועל אייך זען שפּעטער, ליובע! — האָט ער געזאָגט און געפּרואווט זיך אַ וויצל טאָן. — יעוודאָקיע זאָגט, אַז אַ גוטע וועטשערע און אַ שיין מיידל טאָר מען ניט לאָזן צו לאַנג וואַרטן. זיי ווערן קאַלט ווערן...

עס איז געווען, קאָן מען זאָגן, אַ קעגנזייטיקע גינציקייט צווישן ליובען און יעוודאָקיען, פֿון דער מינוט וואָס זיי האָבן זיך נאָר באַקענט. יעוודאָקיע האָט פֿאַרבעטן ליובען צו זיין איר גאַסט אַף וועטשערע. זי האָט אויסגעדריקט גרויס באַדויער, וואָס זי האָט גראָד איצט ניט קיין פֿרייען צימער פֿאַר איר אין דער הויפּט־געביידע, אינעם גרויסן הויז, און איר פֿאָרגעשלאָגן צו נעמען דערווייל איינעם פֿון די צימערן אין דעם קלענערן הייזל אַפֿן הויף, וואָס איז געווען אינגאַנצן אומבאַוואוינט, ביז עס וועט זיך אָפּליידיקן אַ צימער דאָ, אָדער ביז זי וועט קאָנען פֿויעלן ביי איינעם פֿון די מענער־קוואַרטיראַנטן, אַז ער זאָל זיך אַריבערקלייבן אַהינצו און אָפּטרעטן זיין צימער פֿאַר ליובען:

— איר פֿאַרשטייט, מיין פֿריינט, — האָט זי געזאָגט צו ליובען, — איך פֿיר זיך, אַז די מיידלעך קומען ביי מיר אַפֿן ערשטן פּלאַץ צו וואוינען אין דעם גרויסן הויז. דאָ איז באַקוועמער, בעסער און... כּוויס... אַ מיידל אַליין...

ליובע האָט זיך הילכיק פֿאַנאַנדערגעלאַכט:

— אָ, דאָס איז עס?! — האָט זי געזאָגט. — איר קענט מיך ניט, יעוודאָקיע! איך בין ניט מעקאַנע יענעם, וואָס וועט פּרואוון מיך באַלעסטיקן קעגן מיין ווילן... איך קאָן אויפֿפּאַסן אַף זיך!... סיי־ווי־סיי, איך האָב ליב צו וואוינען אַליין. דאָס וועט מיר געבן דעם געפֿיל פֿון וואוינען פֿאַר זיך, ווי אין אַן אייגן הויז אַף דער פֿריי...

און גליייך, מיט פֿעסטער באַטאָנונג, צוגעגעבן:

— און איך מיין טאַקע אַן אייגן הויז, יעוודאָקיע!... איך מיין צו זאָגן, אַז איך וויל דינגען ביי אייך דאָס גאַנצע הייזל, — אַלע דריי צימערן, אויב זיי שטייען סיי־ווי־סיי ליידיק ביי אייך...

זי איז באַלד דורכגעקומען מיט יעוודאָקיען וועגן דעם פּרייז פֿון די דריי צימערן און איז באַשטאַנען, אַז יענע זאָל איר דערלויבן אויסצומעבלירן זיי אַף אירע אייגענע קאָסטן, און דאָרט איינשטעלן פֿאַר זיך די נייטיקע באַקוועמ־לעכקייטן לויט איר אייגענעם געשמאַק און פּערזענלעכע באַדערפֿענישן...

שפּעטער, אַז קוסינען איז אָנגעקומען, האָט ליובע אים געזאָגט, אַז זי וואָלט וועלן איינשטעלן אין איינעם, דעם סאַמע קלענצטן פֿון די צימערן, אַ וואַנע מיט אַ קעסל אַף אָנצוואַרעמען וואַסער און — אויב מעגלעך — אַ וואַסער־קלאָ־זעט; אַז זי איז וויליק צו באַצאָלן דערפֿאַר און עס איבערלאָזן אינעם הויז נאָך איר אַוועקפֿאָרן, אַבי צו האָבן די געהעריקע באַקוועמלעכקייטן איבער דער צייט

וואָס זי וועט דאָרט וואוינען... קוסינען איז איינגעגאַנגען דערויף. ער האָט ליובען צוגעזאָגט אויסצופאַרבן פאַר איר די צימערן, אַליין זיך אָפּגעבן מיט באַזאָרגן די געהעריקע איינריכטונגען, וואָס זי וויל האָבן, און זען, אַז אַלץ זאָל זיין פאַרטיק אין עטלעכע טעג צייט... ליובע האָט געדאַנקט פאַר דער געפעליקייט און אים גלייך איינגעצאָלט אַ געוויסע סומע געלט — אַן אַדערויף, ביז עס וועלן קלאָר ווערן די גענויע קאָסטן פון די איינריכטונגען...

נאָך וועטשערע האָט ליובע פאַרבראַכט צוזאַמען מיט די אַנדערע קוואַרטי־ראַנטן יעוודאָקיעס, אינעם גוט־באַהייצטן, היימלעך־באַלויכטענעם עס־צימער. צוליב איר, דעם גאַסט, האָט מען געזונגען לידער, דערציילט אַנעקדאָטן און פאַר־זענלעכע דערפאַרונגען, און ליובען האָט שטאַרק האַנאָע געטאָן, וואָס זי האָט דאָ, באַ יעוודאָקיען, געדונגען די צימערן. געפילט האָט זי, אַז דאָ וועט איר זיין היימלעך, פריילעך, און זי וועט, אַגעוו, האָבן אַ בעסערע געלעגנהייט זיך נעענטער צו באַקענען, אָפּטער פאַרברענגען מיט סאַמסאָנען, — דעם באָכער, וואָס איז איר אַזוי שטאַרק געפעלן פון דער ערשטער מינוט אָן...

שפּעט אין אָוונט, נאָכדעם ווי ליובע — צוזאַמען מיט אַלעמען — האָט גע־האַט אָפּגעטרונקען טיי, און דער אוילעם האָט זיך איינציקווייז גענומען אַריינכאַפּן צו זיך אין די צימערן, — האָט שימשל געהאָלפן ליובען אַרויפציען די קליינע, שוואַרצע וואַליזקעס מיט די קאָלאָשן אויף די פיס, איר צוגעטראָגן און געהאָלפן אָנטאָן דעם שווערן פעלץ, און — ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט — זיך אָנגעטאָן צו באַגלייטן זי אַהיים, צו איר האָטעל...

ער האָט געבעטן ביי קוסינען אַ לאַמטערנע, אָנגעצונדן דאָס קליינע קעראָסין־לעמפּל אין דעם, און — נעמענדיק ליובען אונטערן אָרעם — זיך געלאָזט גיין מיט איר דורך די שוואַך־באַלויכטענע געסלעך צו דער הויפּט־גאַס...

ליובע האָט זיך געהאַלטן נאָענט צוגעטוליעט צו שימשלען און געפילט אַן אינערלעכע פרייד. איר איז בלויז אַ שאַד געווען, וואָס באַלד, אין עטלעכע מינוט אַרום, וועט זי שוין זיין ביים האָטעל, וועט זיך דאַרפן שיידן מיט אָט־דעם וואוילן באָכער, און זי וועט ווידער בלייבן אַליין...

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, אַז ליובעס צימערן זענען שוין געווען אויסגעפאַרבט און איינגעשטעלט מיט די נייע איינריכטונגען, האָט זי געבעטן שימשלען צו גיין מיט איר אָפּן מאַרק און איבער די קראָמען איינצוקויפן די נייטיקע זאַכן פאַר איר דירע. זי האָט געקויפט אַ שיין מעטאַלן בעט מיט אַ מאַטראַץ, אַ ווייך־גע־בעטע קושעטקע מיט צוויי געבעטע פאָטעלן, אַ טיש מיט פיר שטולן, אַ פּאָר שיינע עלעקטרישע לאָמפּן מיט זיידענע אַבאַזשורן, און נאָך אַנדערע קלייניקייטן. זי האָט אויך געקויפט אַ פאָנאָגראַף מיט אַ צאָל פּלאַטן פון פאָלקס־לידער און אָפּערע־אַריעס, און עטלעכע ביכער צום לייענען. נאָכדעם האָט זי איינגעהאַנדלט אַ קליין געזילבערט סאַמאָוואַרל מיט אַ טאַץ, און אַ טיי־סערוויז פאַר זעקס פּערזאָן,

— זאַכן פון באַלעבאַטישקייט, פונקט ווי אַ יונגע, נאָר־וואָס פאַרהייראַטע פרוי, וואָס שטעלט איין אַ נייע וואוינונג פאַר זיך און איר מאַן...

צום אַריינקלייבן זיך אין דער דירע — אַ שאַבעס אוונט איז עס געווען, — האָט ליובע, אף אירע קאָסטן, געמאַכט אַ סימכעלע באַ יעוודאָקיען אין עס־צימער, און פאַרבעטן אַלע קוואַרטיראַנטן. מען האָט געגעסן און געטרונקען, געזונגען לידער און געשפּאַסט ביז גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט אַריין. נאָכדעם, אַז דאָס סימכעלע האָט זיך געענדיקט, האָט זי — פונקט ווי עס וואָלט געווען אַ נאַטיר־לעכע זאַך — גענומען שימשלען אונטערן אָרעם, אַז ער זאָל זי באַגלייטן דורכן הויף אין איר דירע אַריין...

דאָרט, ביי זיך אינעם מיטלסטן צימער, האָט זי שוין געהאַט שטיין אפן טיש דאָס זידנדיקע סאַמאָוואַרל מיטן טשאַיניק טיי־עסענץ דערויף, וואָס יעוו־דאָקיעס אַ דינסט־מיידל האָט פאַר איר געהאַט צוגעגרייט. זי האָט געבעטן שימשלען זיך צו זעצן צום טיש, קעגן איר, טרינקען טיי און דערביי איר דער־ציילן אַביסל וועגן זיך און זיין לעבן פאַרן אַהערקומען...

שימשל האָט מיט פאַרכאַפּטע בליקן געקוקט אף ליובען און גענומען שטאַרק נערווירן. אים איז מיטאַמאָל באַפאַלן אַ מאָדנע שרעק. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער פלוצים מוירע געקראָגן, אַז ער זאָל זיך אַמאָל אין זיינע רייד כאַלילע נאָר ניט אַרויסכאַפּן מיט אַן אומאיידל וואָרט אין ליובעס קעגנוואָרט. ער האָט ווי דורכגעזיפּט די ווערטער דורך די ליפּן און איר בעקיצער דערציילט וועגן זיין לעבן אַלס קינד, וועגן זיין אַרבעט אין האַפן, וועגן דעם פּאָגראָם אין אָדעס, און זיין מוטערס אומקום. ער האָט דערציילט ליובען ווי יעגאָר האָט אים אַריינגעצויגן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אים געגעבן די ערשטע לעקציע צו לייענען פון די שילדן איבער די קראָמען; ווי נאַדיע האָט זיך אונ־טערגענומען אים צו לערנען און ביכלאַל אים אָנגעהויבן אַרויפפירן אפן וועג פון סייכלדיקן, ווערטפולן לעבן, ביז... ביז ער — אין זיין שלימאַזלדיקן גאַנג — איז אַריינגעפאַלן, איז אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן:

— ווי איר זעט, ליובע, — האָט ער, צעשפּרייטנדיק די הענט אין רעזיגנאַציע, פאַרענדיקט, — אָט דאָס בין איך, ניט קיין זייער וואַזשנער פאַרשוין!...

און גלייך, מיט פעסטקייט, צוגעגעבן:

— אָבער איינמאָל פאַרזוכט דערפון, האָב איך עס שוין מער ניט געקאָנט אויפגעבן. איך האָב אַליין פּראָבירט זיך לערנען, אָבער... איך האָב, אַפּאָנים, אַ גראָבן קאָפּ דערצו... און צו דינגען אַ לערער — פאַרדין איך ניט גענוג...

די גאַנצע צייט פון זיין דערציילן האָט ליובע ניט אַראָפּגענומען אירע בליקן פון שימשלען, און אויפמערקזאַם אויסגעהערט יעדעס וואָרט זיינס וועגן זיין שווער לעבן. זי איז אַרומגענומען געוואָרן מיט עפּעס אַזאַ וואַרעמען געפיל צו אים, און זיך געכידעשט, וואָס זי — כאָטש אַ רעוואָלוציאָנערקע — האָט קיין שום

באַגריף ניט געהאַט, אַז עס איז גאַר פאַראַן אַזאַ שווער געמאַטערט לעבן... זי האָט זיך אָבער געפרייט, וואָס איצט — אַנשטאָט צו ווערן אַנטוישט אין דעם באָכער, וואָס ער איז ניט קיין סטודענט, אָדער אַזוי אַ קולטורעלער, געבילדעטער מענטש, ווי זי האָט געהאַט געהאָפט, — האָט זי גאָר, פאַרקערט, דערפילט אַ נאָך וואַרעמערע דערנעענטערונג צו אים. אין מויעך ביי איר האָט דורכגעבליצט אַ געדאַנק, אַז עס איז גוט וואָס זי האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט אים; אַז זי דאַרף דאַנקען דעם צופאַל, וואָס האָט זיי ביידע צוזאַמענגעפירט, קעדיי זי זאָל קאָנען אויספילן דעם בלויז אין זיין לעבן, ווערן אַ לערער, אַ מאַמע, אַ שוועסטער, אַ געליבטע צו אים, און אים העלפן, אַז ער זאָל זיך קאָנען אַרויסהייבן פון דעם שווערן לעבן זיינעם, פון דער אָנגעשטרענגטער פּראַצע, וואָס ער איז געווען געצוואונגען צו טאָן איבער זיין צוריקגעשטאַנענקייט, זיין אומגעלערנטקייט...

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צו שימשלען, אַרויפגעלייגט איר האַנט אַף זיינס אַן אַקסל אַרויף און — קוקנדיק מיט וואַרעמער ליבשאַפט אין זיינע אויגן אַריין — צערטלעך געזאָגט:

— סאַמסאָן, איך וועל זיין אייער לערער! איך וויל בלויז איר זאָלט מיר צוזאָגן, אַז איר וועט מיר העלפן אין דעם. איך וויל אייך העלפן אָניאָגן דאָס, וואָס אייער שווער לעבן האָט אייך באַרויבט פון דערגרייכן!...

שימשל האָט דערפילט עפּעס אַזאַ מאָדנע וויברירן אין זיין האַרצן און אַ פייכטקייט אין זיינע אויגן. גיך, פּונקט ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, אַז ער וועט זיך באַלד דערשרעקן און זיך אָפּהאַלטן, — האָט ער גאַנץ פאַרזיכטיק אַראָפּגע־נומען איר האַנט פון זיין אַקסל, זי צוגעטראָגן צו זיין מויל און, מיט פריידיקער דאַנקבאַרקייט, אָפּגעקוועטשט אַ לייכטן קוש אַף איר ראָזעווער הויט:

— איך וועל אייך דערפאַר אייביק דאַנקבאַר זיין, ליובע! — האָט ער גע־זאָגט. — איך קאָן אייך צוזאָגן, אַז איך וועל זיין אַ גוטער, אויפמערקזאַמער טאַלמיד און וועל פאָלגן אַלץ וואָס איר וועט מיר נאָר באַפעלן!...

— איך וועל אייך ניט באַפעלן, סאַמסאָן! — האָט זי געשמייכלט. — איך וויל בלויז אייער אייגענעם ווילן, אייער מיטאַרבעט, דאָס אַלץ! דאַן וועלן מיר ביידע צוזאַמען קאָנען וואונדער באַווייזן... געדענקט, סאַמסאָן, דער ווילן איז דאָס שטאַרקסטע געוועער ביים מענטשן. מיט ווילן קאָן מען די העכסטע הויכן גרייכן... און איך, פון מיין זייט, בין גרייט אייך צו העלפן דערגרייכן ווי הויך איר זענט וויליק צו גיין!...

שימשל איז געוואָרן ווי פאַרהיפּנאָטיזירט פון ליובעס וואַרעמע רייד און אַלץ צושטימענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט זיך שטיל געזעגנט מיט איר און איז — אַ האָפערדיקער — אַוועק צו זיך אין צימער...

* * * * *

קאַפּיטל פופצן

מיט געמישטע געפילן — מערסטנס שרעק — האָט שימשל אומגעדולדיק געוואַרט אף מאָנטיק אָוונט, פאַר דער ערשטער לעקציע בײַ ליובען. ער האָט אַלץ מוירע געהאַט, אַז ער וועט ניט קאָנען נאָכקומען אירע פאָדערונגען, און זי וועט זיך אַנטוישן אין אים. ער האָט זיך דעריבער קימאַט דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג געהאַלטן פאַרמאַכט בײַ זיך אין צימער, געלייענט אין לערן־בוך און איבערגעשריבן געוויסע פּלעצער, קעדיי — ווי ער האָט זיך געזאָגט — ניט צו זײַן אינגאַנצן רוי און אומצוגעגרייט...

ווען ער איז מאָנטיק אין אָוונט אַרײַן צו ליובען אין הויז, האָט זי אים באַגעגנט מיט אַזאַ וואַרעמען, ליבלעכן שמייכל, אַז די גאַנצע שרעק האָט זיך גלייך אָפּגעטאָן פון אים און ער האָט באַקומען מער זיכערקייט אין זיך און אין זײַנע פעאיקייטן...

זי, ליובע — אָנגעטאָן אין אַ שיינעם, נעטן און באַקוועמען הויז־קליידל פון אַ ווייכער, גלעטנדיקער קאָליר — האָט געבעטן שימשלען זיך אַוועקצוזעצן ביים טיש, אַנטקעגן איר, וואו עס זענען שוין געלעגן גרייט די געהעריקע שרייב־געצייג: לערן־ביכער, העפטן און טינט־און־פעדער, וואָס זי האָט נאָך אינדערפרי געהאַט אײַנגעקויפט. זי האָט געעפנט איינעם פון די ביכער און אַוועקגעלייגט אין פראָנט פון שימשלען:

— געדענקט, סאַמסאָן, — האָט זי, פאַרן אָנפאַנגען, געזאָגט צו אים מיט אַ שמייכל, — עס איז גאָר נישטאָ קיין שווערע, אומדערגרייכבאַרע זאַך! דער איקער איז נאָר דער ווילן און אַ גלויבן אין זיך... יעדנפאַלס, איז דאָס וואָס איר וועט לערנען, אייך שוין טיילווייז באַקאַנט פון לעבן, פון דער פּראַקטיק... אָט, וועלן מיר, לעמאָשל, לערנען גראַמאַטיק, — אָבער איר רעדט דאָך די שפּראַך מער־ווייניקער קאָרעקט, ניט־וויסנדיק אַז איר רעדט גראַמאַטיק... אָדער נעמט אַשטייגער אַריפמעטיק — רעכענען, — אַן איביעזן, וואָס דאָס לעבן אַליין האָט אייך שוין זיכער אויסגעלערנט... יאָ, נישטאָ אַזאַ שווערע זאַך, וואָס מען זאָל ניט קאָנען דערגרייכן אויב מען וויל נאָר!... אויב מען וויל — איז אַלץ מעגלעך!...

שימשל האָט זיך מיטן גאַנצן האַרצן איבערגעגעבן צום לערנען. ער האָט מאַמעש געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס ליובע האָט אים געזאָגט און זיך שטאַרק געפלייסט אײַנצוקריצן אין זײַן מויעך יעדע באַמערקונג וואָס זי האָט געמאַכט. ער האָט זיך געפילט איבערגליקלעך, ווען ליובע האָט אים — נאָך דער ערשטער

לעקציע — קאָמפּלימענטירט פאַר זיין פליס, אויפנעם און זיקאָרן... ער האָט פּאָשעט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פון פרייד, נאָכדעם ווי זי האָט מיט וואַרעמע, דערמוטיקנדיקע ווערטער, אים געזאָגט, אַז זי איז זיכער עס וועט קיין פול יאָר ניט דורכגיין און ער וועט האָבן דערוואָרבן אַזויפיל וויסן און קענטעניש, וואָס עס נעמט געוויינטלעך ביי אַנדערע עטלעכע יאָר צייט צו דערגרייכן...

ווי אַ פאַרשיקערטער פון פרייד האָט ער זיך געזעגנט מיט ליובען און איז אַריין צו זיך אין צימער. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אפן בעט, נאָר ניט געוואָלט איינשלאָפן. ער האָט אַלץ געזוכט ענטפערס אַף די רעטענישן, וואָס האָבן אים געעגבערט אין מויעך. ער האָט ניט געקאָנט באַגרייפן, פאַרוואָס ער ווערט אַזוי פאַרלוירן, אַזוי שעמעוודיק, בעאייס ער דאַרף רעדן צו ליובען, — ער, וואָס איז טאָמיד געווען דרייסט און זיך קיינמאָל ניט פאַרלוירן לעבן אַ מיידל... ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער — וואָס פלעגט אַלעמאָל קוקן אַף אַ פרוי מיט באַגערנדיקע געדאַנקען — האָט גאָר גאַנץ אַנדערע געפילן צו ליובען... דערמאָנט האָט ער זיך, אַז אַפילע בעאייס ער איז געזעסן קעגן נאַדיען, ווען ער איז צו איר געקומען זיך לערנען, האָט ער דעמאָלט גאָר געטראַכט וועגן איר ווי וועגן אַ פרוי; אויסגעמאָסטן אין זיינע געדאַנקען איר קערפּער, אירע באַזונדערע גלידער, און גאָר קיין געדולד ניט געהאַט צום לערנען... דאָ, אָבער, זיצנדיק קעגן ליובען, איז עס געווען ווי ער וואָלט געזעסן מיט אַן אייגענער שוועסטער און, פּונקט ווי ער וואָלט זיך ניט דערלויבט צו באַליידיקן זיין שוועסטער מיט מאַכשאָוועס, אָדער מיט אַ האַנט־באַריר, אַזוי מוז ער אויך, האָט ער געפילט, האַנדלען בענויגייע ליובען... ער האָט געוואוסט, אַז זי איז זיין לערער און ער האָט זיינע אַלע געדאַנקען אַריינגעטאָן אין דעם וואָס זי האָט אים געלערנט...

און גראַד איז זי דאָך, ליובע, — לויט זיין אָפּשאַצונג — אַ פרוי אין אַלע פּראָטים. זי איז דאָך אַפילע מער פרוי ווי נאַדיע... בעאייס יענע האָט אויס־געזען ווי אַ יונג, אומשולדיק מיידל, אַזוי ווייט און פרעמד און אומדערגרייכבאַר, — איז זי, ליובע — כאָטש אין די זעלביקע יאָרן — אַ פולשטענדיק־אַנטוויקלטע פרוי, מיט געטאָקטע גלידער, וואָס שפּילן מיט לוסט און באַגער אין יעדן באַ־וועג... אַפילע איר טיף־ברוסטיקע שטימע, וואָס האָט אַזעלכע צאַרט־גלעטנדיקע אונטער־טענער, זינגט מיט רייץ און אַרויסרוף... זי רעדט טאָקע אָפט אַזאַ אידעלע שפּראַך מיט אַזעלכע מאָדנע ווערטער, נאָר עס קומט ביי איר אַרויס אַזוי פּאָשעט, אַזוי נאָענט און פאַרשטענדלעך, אַז עס צעטומלט אים ניט אַפילע אַף דער מינדסטער האָר... יאָ, ער האָט זי ליב, שטאַרק ליב, אָבער...

עפּעס אַן אומרו האָט דאָך געמאַטערט זיין געמיט:

„ווי וואַג איך גאָר צו טראַכטן וועגן איר?" — האָט ער זיך גענומען אין געדאַנק שטראָפן. — „ווי קום איך צו איר? זי, — אַזאַ אינטעליגענטע און גע־בילדעטע, אַ רייכע און שיינע, און איך..."

באַלד, אָבער, האָט ער אין געדאַנק גענומען מעסטן און וועגן איר באַ־נעמונג און האַלטונג צו אים, אירע וואַרעמע רייד און ליבע בליקן, און ער איז געוואָרן זיכער ביי זיך, אַז זי, ליובע, האָט אים אויך ליב און גערן... יאָ, דאָס האָט ער געפילט אין איר יעדן בליק, אין איר האַנט־באַריר, אין איר אַלגעמיינער באַציאונג, אין איר ליבלעך רעדן צו אים...

„עס קאָן עפשער זיין,״ — האָט שימשל זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן, — „אַז טאָקע דערפאַר וואָס איך האָב זי בעזעמעס ליב און וויל זי האָבן פאַר מיין פרוי, — בין איך עס אַזוי רואיק לעבן איר; עפשער דערפאַר, וואָס איך בין קימאַט זיכער, אַז זי האָט מיך אויך ליב און איך האָף, אַז זי וועט סאָף־קאָל־סאָף זיין מיינע, — דריקט מיך ניט קיין הונגער זי שוין צו האָבן...״

— אָבער איך וועל מוזן רעדן מיט איר וועגן דעם! — האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך. — ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועל איך איר דאַרפן דערקלערן וועגן מיין ליבע צו איר, און הערן וואָס זי האָט דערויף צו זאָגן...

צופרידן פון זיין אויסטייטש און באַשלוס, האָט שימשל צוגעמאַכט זיינע אויגן און מיט פריידיקן געמיט זיך איבערגעגעבן דעם צודרינגלעכן שלאָף...

יעדעסמאָל, אָבער, ווען שימשל איז נאָך געקומען פּאָנים־על־פּאָנים מיט ליובען, האָט ער זיך ווידער דערשראָקן און מוירע געקראָגן אויסצורעדן אַ וואָרט וועגן זיין ליבע צו איר. באַלד האָט זיך אים אין וועג געשטעלט זיין אייגענער באַוואוסטזיין, אַז ער איז אַ פּאָשעטער האַפן־אַרבעטער, אַ פּראָסטער, אומגעלערנטער יונג, — בעאייס זי, ליובע, איז אַ געלערנטע, אַן איידעלע, מאַמעש אַ פּרינצעסן... דאָס האָט אים ווי שטום געמאַכט און ער האָט אַפילו ניט גע־וואַגט מיט דער האַנט זי אָנצורירן, שוין אָפּגערעדט פון אַ קוש טאָן...

דערווייל איז די צייט געלאָפן מיט אַ גיכן טעמפּאָ פאַר שימשלען. קימאַט ווי אומבאַמערקט האָט דער פראָסט געפּלאַצט און דער פרילינג איז אָנגעקומען. אין שטעטל האָט דער שניי אָנגעהויבן צעגיין און די גאַסן זענען געלעגן אין בלאָטעס. מיט יעדן טאָג איז די זון געוואָרן אַלץ וואַרעמער, און די איינוואוינער — נאָר ווי כאַיעס, וואָס כאַפּן זיך אויף נאָך אַ לאַנגן ווינטער־שלאָף — האָבן זיך אָנגעהויבן געדיכטער באַווייזן אַף די גאַסן... די ביימער האָבן אָנגעהויבן צו גרינען, קנאָספּן האָבן זיך גענומען אויסשיילן און עס האָט פאַרשמעקט מיט בעז און אַקאַציע... די גרויע און שוואַרצע קאָלירן פון די ווינטער־מאַנטלען און פוטערס, — זענען פאַרביטן געוואָרן מיט לייכטערע מאַנטלען און קליידער פון לעבעדיקע קאָלירן; אַנשטאָט באַשליקעס, אָדער וואָלענע טיכער אַף די קעפּ, — זענען די פרויען איצט אַרומגעגאַנגען מיט אויפגעדעקטע האָר, אָדער גאָר פאַרהילט אין קאָלירפולע געבלימלטע קאָפּ־טיכלעך... אַ הילכיקער געטומל און פרייער געלעכטער האָט זיך געטראָגן אַפן מאַרק און איבערן שטעטל, פונקט ווי עס וואָלט אַף דאָס ניי געבוירן געוואָרן...

שימשל איז שוין ווידער געפֿאָרן מיט אַ בריטשקע, אַנשטאָט דעם שליטן, און גאַנצע טעג געוואַרט מיט אומגעדולד אַף די אָונטן, ווען ער וועט — ווי יעדן אָונט — אַריינגיין צו ליובען זיך לערנען. אָבער די אָונטן אַליין, די לעקציעס דאָרט, זענען פֿאַר שימשלען פֿאַרבייגעלאָפֿן אַזוי גיך, אַז אים איז אויסגעקומען ווי זיי וואָלטן זיך געענדיקט נאָך איידער זיי האָבן זיך אָנגעהויבן...

אינגאַנצן ווי אומגעריכט האָט שימשל איינמאָל אויסגעפֿונען, אַז ער קען שוין גאַנץ נישקאָשעדיק רעכענען: אונטערציען סאַכאַקלען, צוגעבן, אַראָפּנעמען, טאָפּלען, צעטיילן און ביכלאַל מאַכן פֿאַרשידענע קאָמפּליצירטע אַריפֿמעטישע כעשבוינעס לויט די איבונגען אינעם בוך. די דאָזיקע אויפֿגאַבן האָבן אים אָפּט אַמוזירט. אים איז געפֿעלן דער עצעם איניען פֿון די געקינצלטע פֿראַגעס, ווי לעמאָשל: „איין צוג איז אַרויסגעפֿאָרן אַכט אַזייגער פֿון אַ געוויסן פּונקט און געמאַכט פֿערציק ווירסט אַ שאָ; אַ צווייטער צוג איז פֿון זעלביקן פּלאַץ אַרויסגעפֿאָרן מיט אַ שאָ שפּעטער און געפֿאָרן פֿופֿציק ווירסט אַ שאָ. די פֿראַגע איז: אין וויפֿלטן ווירסט האָט דער צווייטער צוג אָנגעיאָגט דעם ערשטן?...“ צי אַשטייגער אַזאַ אויפֿגאַב: „עס איז געפֿלויגן אַ סטאַיע גענדז. באַגעגנט זיי איין גאַנדז און באַגריסט זיך מיט זיי: אַ גוט־מאָרגן אייך, הונדערט גענדז! ענטפֿערן זיי: ניין, נאָכאַמאָל אַזויפֿיל ווי מיר זענען, און אַ העלפֿט פֿון אונדז, אַ פֿערטל פֿון אונדז, — מיט דיר צוזאַמען, — וועט ערשט זיין הונדערט גענדז!... די פֿראַגע איז: וויפֿל גענדז איז געווען אין דער סטאַיע?...“

יעדן אָונט פֿלעגט ליובע אים אויפֿגעבן אַ בוך צו לייענען. אַמאָל איז עס געווען קורצע מאַיסעלעך, און אַמאָל — פּאָעטישע לידער, וואָס האָבן געהויבן זיין גאַנצן געמיט. זי, ליובע, האָט זיך דאַן אַוועקגעזעצט אַף דער קושעטקע, געבעטן שימשלען צו זעצן זיך לעבן איר און לייענען פֿאַר איר אויפֿן קאָל. נאָכן לייענען האָט זי אים געהייסן ער זאָל מיט זיינע אייגענע ווערטער איר איבערדערציילן, וואָס ער האָט געלייענט. שימשל האָט דאַן אויסגעפֿונען, אַז ניט נאָר האָט ער שוין געקענט פֿליסיק לייענען, נאָר אַז ער האָט אויך געקאָנט זיך אַריינטראַכטן אין געלייענטן, עס פֿאַרדייען און — דורך דעם באַרייכערט זיין אייגן רעדן מיט נייע ווערטער און שיינע אויסדריקן... אַ כוץ דעם האָט ליובע אים אויך געלערנט געאָגראַפֿיע, פּאָליטישע טעאָריע, נאַטור־וויסנשאַפֿט און נאָך אַנדערע אַזעלכע קעגנשטאַנדן, וועגן וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט געהערט, און איצט האָט ער דאָס אַלץ מאַמעש געשלונגען מיט ליידנשאַפֿטלעכן דאָרשט...

און ניט בלויז מיט לערנען אים „בוך־בילדונג“ האָט ליובע זיך אָפּגעגעבן. זי האָט אויך גענומען אויספֿיינערן שימשלען און אים לערנען מאַניערן. זי האָט אים געלערנט ווי זיך צו באַנעמען און ווי זיך צו קליידן. זי האָט אים געגעבן אָנווייזונגען וואָסערע קאָלירן צו טראָגן, אַז עס זאָל אים פּאַסן; אים דערקלערט די וויכטיקייט פֿון גאָלן זיך יעדן פֿרימאָרגן; פֿון אַרומוואַשן

און איבערטאָן זיך נאָכן אַהיימקומען פון דער אַרבעט און פון טראָגן לייכטע שיך אין הויז און אף שפּאַציר — אנשטאָט די שווערע שטיוול, וואָס ער טראָגט ביי דער אַרבעט. אַפילע ווי אַזוי צו לאָזן זיך אָפּשערן, ווי צו פאַרקעמען זיין שיינע גריווע האָר, — האָט זי אים אויך געוויזן, און אים ביכלאַל אַזוי באַ־ווירקט, אַז ער האָט שוין מער ניט געקויפט פאַר זיך קיין שום זאַך אָן ליובען, אָדער אָן איר גוטהייסונג...

אין די שאַבעס־אָוונטן, ווען ליובע האָט אים געוויינטלעך פרייגעלאָזט פון די לעקציעס, פלעגט זי אַרויספאָרן מיט שימשלען אין דער בריטשקע, וואָס זי האָט קלוימערשט געדונגען און טאַקע באַצאָלט פאַרן קורס. זיי פלעגן דאָן ביידע אַוועק זוייט הינטערן שטעטל, זיך אָפּשטעלן ערגעץ ביי אַ וועלדל, אָדער אַ טייכל, וואו עס האָט געשמעקט מיט אויפגייענדיקע פרילינג־רייכעס, און זיי האָבן זיך דאָרט געזעטיקט מיט די נאַטור־שיינקייטן. שימשל האָט זיך געהאַלטן צו ליובען קאָרעקט, מיט גרויס אָפּשיי, און ניט געוואָגט זי מיט דער האַנט צו באַרירן, אָדער איר אַ קוש צו טאָן... ער פלעגט בלויז באַגייסטערט קוקן אין אירע אויגן אַריין און לײדנשאַפטלעך שלינגען יעדעס וואָרט אירס און יעדן שמייכל אירן...

אָפּטמאָל אין אַזעלכע אָוונטן איז ליובע געגאַנגען מיט שימשלען אין דעם שטעטלשן קינאָ־טעאַטערל, געזען אַ בילד, אָדער — ווען עס איז אַמאָל געקומען אין שטעטל אַריין אַ דראַמאַטישע טרופּע — געגאַנגען מיט אים זען די שפּיל, וואָס יענע האָבן פאַרגעשטעלט אף דער צונויפגעקלאַפּטער ברעטער־בינע אינעם שפּייכלער פון דער פרייוויליקער פייער־לעשער־קאָמאַנדע. ליובע פלעגט דאָן אָנ־לענען איר קאָפּ אף זיין אַקסל, און אָפט — ביי דראַמאַטישע מאָמענטן — גענומען זיין האַנט אין אירע און זיך צוגעטוליעט צו אים מיט אַזאַ באַגערנדיקן ציטער, אַז ביי שימשלען האָבן אַזש די געבליטן אָנגעהויבן זידן און ער האָט זיך מאַמעש געדאַרפט באַהערשן ניט אַרומצונעמען ליובען און זי כאַפּן קושן פאַר אַלעמען אין די אויגן...

ער האָט זיך אָפּט אַליין קאָמפּלימענטירט, שימשל, פאַר זיין פייאיקייט זיך צו קאָנטראָלירן. יעדעסמאָל, ווען ער האָט נאָך דעם פאַרברענגען מיט ליובען זי באַגלייט אין איר הויז אַריין און דאָך באַוויזן ניט צו באַלעסטיקן זי מיט אַ קוש, כאָטש עס האָט אים שטאַרק געצויגן דאָס צו טאָן, — האָט ער זיך אַליין געלויבט דערפאַר, גלויבנדיק, אַז דערמיט האָט ער ניט נאָר אויסגעמיטן צו דערבייזערן ליובען, נאָר אַז ער וועט — דורך אָט־דער קאָרעקטער האַלטונג — סאָף־קאָל־סאָף געווינען זי און איר ליבע...

איינמאָל, אָבער, נאָכן קומען פון אַ פאָרשטעלונג, בעאייס ער האָט ליובען באַגלייט אין הויז אַריין און זי האָט אים, ווי טאָמיד, איינגעלאַדן צו טרינקען טיי מיט איר, האָט שימשל — גלייך נאָכן אַריינקומען אין איר צימער אַריין — זי פּלוצים אַרומגענומען און איר אַ הייסן קוש געטאָן — דעם ערשטן לײדנשאַפטלעכן

קוש. ליובע איז ניט ברויגעז געוואָרן, זיך ניט אָנגעבלאָזן, ווי ער האָט אַלץ מוירע געהאַט. פאַרקערט: זי האָט צופרידן אַ שמייכל געטאָן, האָט אים נעענטער צוגעצויגן צו זיך און זיך גענומען וויקלען אין אים מיט איר הייסן זיידענעם קערפּער... זי האָט אים צוריקגעצאָלט מיט אַזאַ ליבשאַפט, מיט אַזעלכע ברענענ־דיקע קושן, וואָס ער האָט קיינמאָל, אַפילו אין זיינע פאַנטאַסטישסטע כאַלוימעס, ניט אויסגעטרוימט... דערנאָך האָט זי זיך צוגעזעצט מיט אים אף דער קושעטקע, זיך געהאַלדזט מיט אים, זיך געטוליעט אין אים, געשפּילט מיט אירע הייסע, פוכקע פינגער אין זיין גריזווע האָר, אים געקושט אין די באַקן, אין מויל, אין די אויגן, און געטאָן האָט זי דאָס אַזוי שטיל, אַזוי באַשיידן און פּראָסט, אָן דעם מינדסטן אָנשטעל פון איבערנעמען זיך, פון קאָקעטירן... זי האָט אים טיף געקוקט אין די אויגן אַריין און פּאָשעט אָפן אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב דיך ליב, סאַמסאָן, שטאַרק ליב!... דו, פיל איך, האָסט מיך אויך ליב, — ווען מיר זיך טיילן מיט אונדזער ליבשאַפט צווישן זיך!...

„אָ, ווי ליב און ווי זיס אירע קושן זענען דאַן געווען!" — האָט שימשל געטראַכט ווען ער האָט זיך נאָר דערמאָנט אין יענער נאַכט. — „עפּעס נאָר ווי אַ געדיכטער, זיס־שמעקנדיקער ווייַן, וואָס בלייבט קלעפּן אף די ליפּן נאָכן טרינ־קען!... אָ, ווי קישעפדיק איר ראָזעווע, סאַמעט־גלאַטיק לייב, האָט עס געדופט מיט מעכאַיעדיק־פאַרפיומירטן גערוך פון הינטער איר טיף־דעקאָלטירטן, צאַרט־שורשעדיקן זיידענעם נאַכט־העמד!... די צוויי בוילעטע, ברוינע וואָרצעלעך אף אירע רונדע, קורנאָסע בריסטן, האָבן מאַמעש געבליט ווי צוויי יונגע רויז־קנאָספּן, וואָס האַלטן זיך ביים צעעפענען... אירע בלוי־פיאָלעטע, גליענדיקע אויגן, האָבן אים געלאַשטשעט און פּאָשעט פאַרשיקערט... איר שיין פּאָנים האָט געפלאַמט מיט זון־גלי, און אירע צעוויקלטע ליפּן — הייסער האָניק... אירע קלאָרע, פעסטע אָרעמס — שטאָלענע קלאַמערס, בעאייס זי האָט אים — אין איר ליבשאַפט — אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך... אָ, עס איז געווען אַ נאַכט — קיינמאָל ניט צו פאַרגעסן, דאָס גאַנצע לעבן דעם טאַם צו געדענקען!..."

אינדערפרי, ביים עסן פרישטיק, וואָס ליובע האָט געהאַט צוגעגרייט בעאייס ער איז נאָך געשלאָפן, האָט שימשל גענומען איר האַנט אין זיינער, זי אַ קוש געטאָן און — קוקנדיק אין אירע אויגן אַריין — פּאַטעטיש געזאָגט:

— ליובע, טייערע, איך דאַנק דיר פאַר דיין ליבע!... איך ווייס, אַז אין אַ גלייכן, נאָרמאַלן לעבן, וואָלט איך אַוואַדע די מינדסטע געלעגנהייט ניט גע־האַט אַפילו נאָענט צו שטיין לעבן דיר, אָפגערעדט פון קענען דיך, ליבן דיך און פון דיר געליבט צו ווערן!... איך דאַנק דיר, איך דאַנק דיר אַזוי!...

— רעד ניט אַזוי, סאַמסאָן, געליבטער מייַנער! — האָט זי פלינק צוגעלייגט צו זיינע ליפּן אירע צוויי פינגער, וואָס ער האָט שטיל געקושט. — אָ, רעד ניט אַזוי, מיין איינציקער!... ליבע רעכנט זיך ניט מיט דעם!... ליבע איז אַ געפיל,

וואָס רעכנט זיך ניט מיט דעם אָפּשטאַם, שטאַנד, אָדער קולטורעלער הויך פון איינעם אָדער אַ צווייטן... אין ליבע גילט בלויז איין געזעץ: דער באַגער פון מאַן און פרוי זיך צו באַהעפטן איינער מיטן צווייטן, ווערן איין פּער׳זאָן!...

שימשל האָט זי אַ נעם געטאָן צו זיך אויף די קני, איינגענורעט די ליפּן זיינע אין אירע שמעקנדיקע האָר, און — אַ טיף־געריהרטער — געמורמלט:

— אָ, ליובע, טייער מיידל מיינס! ווי גליקלעך דו מאַכסט מיך מיט דיינע האַרציקע רייד, ווי דערהויבן איך פיל זיך לעבן דיר!...

ער האָט מיטאַמאָל איבערגעהאַקט דעם געמורמל, אַנגענומען מיט די ביידע הענט זיינע ליובעס אַקסלען, דרינגלעך געקוקט אין אירע פאַרכידעשטע אויגן אַרייך, און אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן:

— הער, טייערסטע מיינע, געליבטע ווייב מיינס; איך רעכן, אַז איצט וואָלט רעכט געווען, מיר זאָלן זיך ווענדן צום פּאָליציימייסטער נאָך אַ דערלויבעניש און... מיר זאָלן געזעצלעך כאַסענע האָבן!...

ליובע האָט אים אַרומגענומען, גיך אָפּגעדריקט עטלעכע קושן אויף זיינע באַקן, אויף זיינע ליפּן, און דערנאָך — שטיפעריש צעשויבערנדיק מיט אירע הייסע פינגער זיין גריווע האָר — פריילעך געזאָגט:

— אויב דו ביסט וויליק, — בין איך גרייט, געליבטער מיינער!... אָבער... צי וואָלט ניט בעסער געווען, אַז מיר זאָלן וואַרטן מיט דעם ביז אונדזערע פאַר־שיקונג־טערמינען וועלן זיך ענדיקן, און דאַן, ווי פרייע מענטשן...

שימשל איז געוואָרן ווי פאַרלוירן. ער האָט איר געוואָלט עפּעס ענטפערן דערויף, אָבער קיין ווערטער ניט געפונען. ער האָט בלויז ווי געשטאַמלט:

— אָבער ליובע... טייערסטע... איך... דו... מיר...

זי האָט ווידער מיט אירע צווי פינגער אַ דעק־צו געטאָן זיינע ליפּן:

— נו־גוט, טייערער, מיר וועלן נאָך זען וועגן דעם!... דערוויל טרינק בעסער דאָס גלאָז טיי, איידער עס ווערט צו קאַלט!...

שימשל האָט אַ זופּ געטאָן דעם טיי און ווידער אַנטשלאָסן געזאָגט:

— יאָ, ליבסטע, דעם קומענדיקן מיטוואָך, ווען איך וועל זיך מעלדן צו באַגדאַנאָוון, וועל איך אים זאָגן און בעטן די דערלויבעניש!...

ליובע איז צוגעטראָטן פון הינטן צו שימשלען, האָט אים אַרומגענומען, אים אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און — מיט אַ נאָכגיביקן שמייכל — געזאָגט:

— נו־גוט, אַז דו ווילסט אַזוי, איז מיר ניכע! איך וויל, אָבער, מיין טייערער, דו זאָלסט וויסן זיין, אַז דו ביסט מיר גאָרניט שולדיק און ביסט מיט קיין זאַך ניט פאַרפליכטעט צו מיר!... דער עמעס איז דאָך, סאַמסאָן, אַז איך האָב דיך באַגערט עפּשער פיל מער ווי דו — מיך!... איך גלויב נאָר, אַז עס וואָלט געווען פיל געזינטער ווען דו זאָלסט זיך נעמען צייט אויף איבערצוטראַכטן און זיין זיכער ביי זיך, צי דו האָסט מיך טאַקע געגוג ליב, צי איך בין טאַקע די

פרוי וואָס דו באַגערסט צו האָבן און... ערשט נאָכדעם... איצט, מיין ליבסטער, וועסטו מיר דאַרפן אַנטשולדיקן. איך וועל אַריינגיין זיך אָפּבאָדן און אַרומוואַשן... מיר וועלן זיך זען צום מיטיק באַ יעוודאָקיען!...

אַ צעטראָגענער האָט שימשל גענומען זיין רעקל און איז אַרויס פון ליובעס הויז. ווי אַ פאַרכושטער איז ער געלאָפן געגאַנגען איבערן הויף אפן וועג צו זיך אין צימער אַריין, און בעשום אופן ניט געקאָנט צונויפנעמען די געדאַנקען אַף צום אַנאַליזירן ליובעס רייד. ער האָט אַלץ געמורמלט צו זיך:

— וואָס הייסט, איך זאָל ערשט איבערטראַכטן, צי איך האָב זי ליב? קאָן דען זיין דער מינדסטער צווייפל אין דעם?...

ער איז אַריין צו זיך אין צימער, זיך צוגעשפּאַרט אפן בעט, און מיט פאַרמאַכטע אויגן אַלץ געטראַכט:

„ווי אַזוי קאָן איך אַזאַ ליב און האַרציק מיידל ווי ליובע ניט ליב האָבן? זי איז דאָך אַקוראַט ווי באַשאַפן געוואָרן פאַר מיר...״

ער האָט גענומען אין זיינע געדאַנקען אויסמאָלן איר בילד:

„זי, ליובע, איז אַזאַ שיינע, אַזאַ שטאָלטנע און געזונטע... זי איז אַ טייערע, אַ ליבע און אַזאַ פאַרשטענדיקע... זי איז לעבעדיק־פריי אין אירע רייד, אין אירע האַנדלונגען — אָן דער מינדסטער געמאַכטער נאַאיווקייט, אָן אָנשטעל און אָן כוצפּעדיקער קאָקעטסטווע... זי איז אָנגרייפעריש־פריי — מאַמעש ווי דער ווינט אפן וועג צום וואקזאַל, און אַקטיוו־לעבעדיק — ווי די יאַם־כוואַליעס ביי אָן אָפענעם באָרטן, זעצנדיק מיט קראַפט אין די ברעג־סקאַלעס... זי איז אָפנהאַרציק און אָן באַהעלטענישן... האָט זי עפּעס צו זאָגן — זאָגט זי עס דירעקט און אָפן, און האָט זי ליב — איז עס מיטן גאַנצן פייער, אָן ברעכן זיך, אָן פּיעסטשען זיך... אָ, צי קאָן דען זיין אַ סאָפעק אַז איך האָב זי ליב?...״

יאָ, שימשל איז געווען זיכער, אַז ער האָט ליב ליובען און וויל זי פאַר זיין פרוי. זינט ער האָט זי דעם ערשטן מאָל געזען, זינט זי האָט דאָס ערשטע וואָרט אויסגערעדט צו אים, איז איר שטימע אַריין אין זיין האַרץ ווי אַ פייל, וואָס פאַראַנקערט זיך מיט די צוויי שאַרפע שפּיץ־האָקנס אינעם פלייש, און שאַפט גרויס ווייטיק ווען מען פּרוווט זי אַרויסציען... יאָ, ער האָט געפילט און געוואוסט, אַז זיין האַרץ איז שוין באַהאָפטן מיט איר האַרץ, זיין נעשאָמע — צונויפגעוואַקסן מיט איר נעשאָמע, זיין גוירל — פאַרקנופּט אין איר גוירל, — זיי זענען ביידע איין מענטש, איין פּאָר...

אויך ער איז דאַנקבאַר געווען דעם צופאַל, וואָס האָט אים דערפירט אַהער, אַף פאַרשיקונג, וואו ער האָט זיך באַגעגנט מיט ליובען. ער איז געווען זייער צו־פרידן וואָס נאַדיע האָט כאַסענע געהאַט מיט יעגאָרן, און ער איז דעריבער פריי געוואָרן צו טיילן זיין ליבע מיט ליובען, — דעם גאָלדענעם מיידל, און געניסן צוזאַמען מיט איר פון אַ קומענדיקן פריידיקן צוזאַמענלעבן...

ער איז געווען איבערגליקלעך, שימשל. די איינציקע זאַך, אָבער, וואָס האָט פאַרטונקלט זיין פרייד, איז געווען דאָס, וואָס ליובע — יעדעסמאָל ווען ער האָט נאָר גענומען רעדן מיט איר וועגן ווענדן זיך צום פּאָליציימייסטער באָגדאַנאָוו נאָך אַ דערלויבעניש כאַסענע צו האָבן — האָט עס אַלץ אָפּגעצויגן און אים אָפּ־געריידט דערפון. דאָס האָט אים שטאַרק געערגערט און אַרויסגערופן ביי אים פאַרשידענע פאַרדאַכטן. ווען ער איז איינמאָל צוגעשטאַנען צו ליובען, זי זאָל אים אָפּן זאָגן די עמעסע סיבע פון איר אָפּלייגן, האָט זי אים דערקלערט, אַז זי וויל וואַרטן ביז ער, שימשל, וועט האָבן דערגרייכט אַ געוויסע שטופע אין לערנען, קעדיי ער זאָל קאָנען אויפגעבן זיין אַרבעט אַלס קוטשער און אָננעמען אַ בעסער־באַצאָלטע שטעלע, פון וועלכער ער זאָל קאָנען אויפהאַלטן אַ הויז, אַז זיי זאָלן זיך ניט דאַרפן קוועלן אין אָרעמקייט, אָדער מוזן אָנקומען נאָך מאַ־טעריעלער שטיצע צו איר פאָטער...

שימשל האָט זיך געדונגען, געזאָגט, אַז עס כידעשט אים צו הערן פון איר אַזעלכע רייד, ווייל זי אַליין האָט דאָך אים אַנומלטן געהאַט געזאָגט, אַז צום לערנען זיך איז גאָר קיין גרענעץ נישטאָ און אַז עס זענען פאַראַן אַ סאַך שטופעס און גראַדן פון געלערנטקייט... ליובע האָט דאַן — ווי אַ באַזיגטע — אַ שמייכל געטאָן, איז צוגעטראָטן צום וואַנט־קאַלענדאַר, אָנגעוויזן מיטן פינגער אף דער דאַטע און אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן:

— ביסט גערעכט, מיין ליבער. איך דאַרף טאַקע אָוועקשטעלן אַ באַשטימטע צייט. איז אָט: פון היינט איבעראַיאָר, פונקט צום טאָג, — ניט געקוקט וואָסער שטופע אין לערנען דו וועסט דעמאָלט האָבן דערגרייכט, אָדער וואָס עס זאָל ניט האָבן געשען דורך דער צייט, — וועסטו זיך דאַן מעגן ווענדן צו באָגדאַנאָוון און קריגן פון אים די דערלויבעניש — אויב ער וועט זי אונדז געבן!...

און כאָטש שימשלען האָט זייער ניט געשמעקט ליובעס אָפּלייגן דעם איניען אף אַ גאַנץ יאָר, איז ער דאָך צופרידן געווען, וואָס זי האָט באַשטימט אַ גענויע דאַטע. ער האָט זי פריידיק אַרומגענומען, געקושט, און איר צוגעזאָגט זיך אָפּ־צוגורטן מיט געדולד ביזן באַשטימטן טאָג...

* * * * *

קאַפּיטל זעכצן

דער זומער איז גיך פאַרבייגעלאָפן. ווי אומבאַמערקט איז דער ווינטער פּלוצים אָנגעקומען אין שטעטל. איבער נאַכט איז אויסגעפאַלן אַ טיפער שניי, וואָס האָט מאַמעש פאַרשאָטן די הייזער און די שליאַכן, און שימשל האָט ווידער געקראָגן אַ שליטן מיט צוויי פערד — אָנשטאָט דער בריטשקע...

און מאָדנע: דער אומגעדולד, וואָס האָט אים שוין געהאַט פאַרלאָזט, ווייל ליובע האָט אים געגעבן אַ באַשטימטע צייט צום לאַנג־געגאַרטן ציל, — האָט אים איצט, אין די ווינטער־טעג, ווידער אָנגעהויבן גריבלען און צעפייניקט זיין געמיט. זיצנדיק אַן אָנגעפּעלצטער, אַן איינגענורעטער אף דער קעלניע פונעם שליטן בעאייסן פירן די פּאַסאַזשירן צו און פון וואקזאַל, — זענען אים אָפט געקומען פאַרשידענע מאַכשאָוועס אין קאָפּ אַריין און אַרויסגערופן אין זיין מויעד נייע צווייפלען, וואָס ער האָט אין די אָוונטן, סיי ביים לערנען און סיי ביים פאַרברענגען מיט ליובען, אַרויסגעוויזן אי דורך זיין האַנדלונג, און אי מיט זיינע רייד. עס איז אַפילע דערגאַנגען צו אַ פּונקט, אַז איינמאָל — בעאייס ער איז געזעסן מיט ליובען אף דער סאָפע און זיך האָלובעט מיט איר — איז זיין פּאָנים פּלוצים זויער געוואָרן און ער האָט זי געזומען באַשולדיקן אין ניט־אויפריכטיקייט. ער האָט איר פאָרגעוואָרפן, אַז זי באַהאַלט פון אים די עמעסע מאָטיוון פון איר אָפּלייגן און אָפּציען. ליובע האָט געפּרואווט צו־נישט־מאַכן שימשלס פאַרדאַכטן און סוואָרעס מיט געלעכטער און שפּאַסן, זיך געפּלייסט צו באַרואיקן זיין ברויגעז מיט לאַסקעס און מיט קושן, פאַרזיכערנדיק אים, אַז זי האָט ניט קיין שום באַהאַלטענע קאַוואָנעס, אַ כוץ דער איינציקער סיבע, וואָס זי האָט אים שוין געהאַט דערקלערט. שימשל האָט עס אָבער ניט אָנגענומען. עס איז געקומען צו אַ שאַרפן איבעררייד צווישן זיי. שימשל איז אינמיטן דעם שמועס אויפגעשפּרונגען פון דער סאָפע און צעווייטיקט געברומט:

— אויב איך בין דיר דערווידער, ליובע; אויב דו שעמסט זיך מיט מיר, — דעם אומגעלערנטן יונג, דעם פּראָסטן האַפּן־אַרבעטער, — דאַרפסטו עס מיר זאָגן אָפן און איך וועל עס נעמען ווי אַ מענטש — אַזאַ ווי דו האָסט געמאַכט פון מיר!... און פּונקט ווי דו האָסט מיר אַמאָל געהאַט געזאָגט, אַז איך בין דיר גאָרנישט שולדיק, אַזוי זאָג איך עס איצט דיר, אַז דו ביסט מיר גאָרנישט שולדיק! איך וועל דיך דעריבער מער ניט באַלעסטיקן מיט מיין צודרינגלעכקייט, און דיך ניט שטעלן אין פאַרלעגנהייט מיט מיין אומקאָוועד!...

און ער איז אָן אַ זיי־געזונט אַרויסגעלאָפן פון ליובעס הויז...

דער דאָזיקער ברויגעז האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. ניט ליובע און ניט שימשל האָבן עס געקאָנט איבערטראָגן. שימשל — נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין געהאַט אַ ביסל באַרואיקט, האָט איבערגעטראַכט וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן און זיך פאָשעט פאַרשעמט. ער האָט באַגריפן, אַז זיין פאָרוואורף ליובען, אַז זי שעמט זיך מיט אים, איז געווען אומבאַרעכטיקט און נאַריש:

„אַז מען שעמט זיך מיט עמעצן“, — האָט ער, ליגנדיק באַ זיך אפן געלעגער, געטראַכט, — „ווייזט מען ניט אַרויס צווישן מענטשן אַזאַ אינטימע ליבשאַפט, אַזאַ אָפענע נאָענטקייט. ניין, ליובע איז אַ צו־אָפנהאַרציקע, אַ צו־שיינער מענטש, אַף צו דאַרפן פאַרמאַסקירן אירע עמעסע געפילן...“

אפן צווייטן אָוונט — זיצנדיק ביים טיש בעאייס ווּעטשערע באַ יעוודאָקיען — האָט ער, שימשל, ניט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון ליובען. ער האָט אַלץ געוואָלט אויפכאַפּן אירס אַ בליק און איר איבערשיקן אַ צייכן פון זיין כאַראָטע. נאָכן עסן איז ער אַריין צו ליובען אין הויז, געבעטן זי זאָל אים פאַרגעבן פאַר זיין אויסברוך, און זי — פונקט ווי עס וואָלט גאָרניט געהאַט פאָרגעקומען צווישן זיי — האָט אים אַרומגענומען, געקושט, און אַ זאָג געטאָן:

— עס איז צייט, סאַמסאָן, זיך צו נעמען צום לערנען!...

דאָס שטעטל איז ווידער ווי אויפגעלעבט געוואָרן מיטן ניי־אָנגעקומענעם זומער, און שימשל האָט גענומען אומגעדולדיק ציילן די כאַדאָשים און וואָכן, וואָס פעלן נאָך צו יענעם באַשטימטן טאָג — די דאַטע, וואָס ליובע האָט מיט אַ צייט צוריק געהאַט אָנגעצייכנט...

אַז עס איז ענדלעך אָנגעקומען די געהעריקע צייט, האָט שימשל אָבער ניט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו מעלדן פאַרן פּאָליציימייסטער פערזענלעך, קעדיי צו בעטן ביי אים די דערלויבעניש כאַסענע צו האָבן מיט ליובען. ווי אַף צו־לעהאַכעס איז יענער אַוועקגעפאָרן אַף וואַקאַציע אַף עטלעכע וואָכן, און די פאַרשיקטע האָבן זיך געמאָלדן ביים דעזשורנע־נאַדזיראַטעל. געשמועסט האָט מען, אַז קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו איז געפאָרן קיין פּעטערבורג וועגן זיין אַפּעלאַציע צום קריגס־מיניסטער בענויגייע זיין אייגענעם איניען; זען, צי ער קאָן פויעלן, אַז מען זאָל אים פאַרגעבן, אָדער לעכאָל האַפּאָכעס פאַרקלענערן דעם טערמין, אַזוי אַז מיט די עטלעכע יאָר וואָס ער איז שוין אָפּגעווען אַף דער פאַרשיקונג אין אישים, זאָל ער האָבן אָפּגעקומען די שטראָף פאַר זיינע זינד...

אין באָגדאַנאָווס אָפּוועזנקייט האָט זיין צייטווייליקער שטעל־פאַרטרעטער, — אַ יונג אָפיצירל פון דער גובערניע — גערופן ליובען צו זיך אין קאַנצעלאַריע און געפאָדערט זי זאָל אים דערקלערן צוליב וואָס זי קריגט צוגעשיקט אַזויפיל געלט פון איר פאָטער; אָפּגעבן אַ רעכענונג, וואָס זי טוט דערמיט, און אויסזאָגן וואָסערע געהיימע טעטיקייטן זי האַלט דאָ אויס מיט איר געלט...

ליובע איז געווען שטאַרק אויפגערודערט איבער די פּראָגעס. זי האָט גוט געוואוסט, אַז די פּאָליציי נעמט איבער אַלע בריוו צו די פאַרשיקטע, לייענט זיי און ווייסט וואָס באַ יעדן טוט זיך. זי האָט זיך אָבער ניט געריכט, אַז מען זאָל ביי איר פאָדערן אָפּצוגעבן אַ רעכענונג וועגן די געלטער וואָס זי קריגט. זי האָט פּראָבירט אָנווענדן איינעם פון אירע קישעפדיקע שמייכעלעך אַף דעם יונגן פּאַרוטשיק, אָבער יענער — עפּעס אַזאַ מיידלשער און שטילינקער — האָט קוים געקוקט אַף איר. די גאַנצע צייט האָט ער געהאַלטן די אויגן און די נאָז איינגעגראָבן אין די פּאַפּירן און אַריינגעשריבן די ענטפערס, וואָס זי האָט געגעבן...

ליובע האָט צוגעזאָגט אינגיכן צוצושטעלן אַ רעכענונג, וואָס זי האָט געטאָן מיט דעם געלט וואָס זי האָט ביז איצט געקראָגן. בעאייס דעם האָט זי געטראַכט, אַז זי וועט דאָס אָפּציען ביז קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו וועט צוריקקומען, און דאַן וועט דער גאַנצער איניען צעריבן ווערן פון זיך אַליין... שפּעטער, אַז שימשל איז אַהיימגעקומען, האָט זי וועגן דעם זיך דורכגערעדט מיט אים, און באַשלאָסן, אַז קעדיי אויסצומיידן אַזעלכע פּראָגעס אין דער צוקונפט, דאַרף זי איבערכיטרעווען די פּאָליציי, און זען ניט צו קריגן קיין בריוו און געלט אַף איר אייגענעם נאָמען און אַדרעס, נאָר אַף אַ צווייטן, — אַ פּריוואַטן... זי האָט געטראַכט צו בעטן יעוודאָקיען איר צו דערלויבן באַנוצן איר נאָמען און אַדרעס, אָבער שימשל האָט געהאַלטן, אַז דאָס טויג אויך ניט, ווייל די פּאָליציי נעמט איבער די בריוו פון אַלע פאַרשיקטע און וועט האָבן אַ כשאַד אַף יעוודאָקיעס בריוו, כאָטש זי אַליין איז ניט קיין פאַרשיקטע...

זי איז אַוועק צום מעבל־סויכער כאַראַשוכין, ביי וועמען זי האָט אַנומלטן געהאַט איינגעקויפט אירע שטוב־זאַכן, און האָט אים דערציילט וועגן דעם. זי האָט אים געבעטן ער זאָל איר טאָן די טויווע און איר דערלויבן צו קריגן אירע בריוו און געלט אַף זיין אַדרעס און זיין נאָמען...

ער, לאַזאַר מאַיסעיעוויטש כאַראַשוכין, איז געווען אַ קליין־געוויקסיק אידעלע, מיט אַ גרויענדיק שפּיציק בערדל, פלינקע אויגן, און איבערטריבן־ווייכע, שיר־ניט פרויאישע מאַניערן און שטימע. אַף אים האָט מען געקאָנט זאָגן, אַז ער איז דער אידישער מאַליוטקאָוו פון שטעטל. אויך וועגן אים האָט מען צווישן די פאַרשיקטע געשמועסט, אַז ער איז מיט יאָרן צוריק אַהערגעקומען אַלס אַ פּאָליטיש־פאַרשיקטער פון עפּעס אַ קליין ליטוויש שטעטל, וואו ער איז געווען אַ לערן־אינגל ביי אַ סטאָליער און איז — צוזאַמען מיט די עלטערע געזעלן — אַרויס אין סטרייק, פאַר וועלכן ער איז באַשטראָפט געוואָרן מיט פאַרשיקונג אַף עטלעכע יאָר. דאָ, אין אישים, האָט ער דערנאָך געעפנט אַ קראָם פון מעבל און איז היפש רייך געוואָרן... עמעס, ער אַליין פלעגט דאָס לייקענען. געזאָגט האָט ער, אַז האָט געהאַט געדינט אין מיליטער אין אַ סיבירער שיסער־פּאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין אָמסק, און האָט — נאָכן אויסדינען — דאָרט

כאַסענע געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ דאָרטיקן מעבל־סויכער, וועלכער האָט אים געראָטן זיך צו באַזעצן אין אישים און עפענען דאָס מעבל־געשעפט, אף וואָס ער האָט, אַלעוואַי ווייטער, קיין כאַראָטע ניט... אַזוי צי אַזוי, ער איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער באַלעבאָס אינעם שטעטל, אַ גאַבע אין דעם אישימער שולעכל, וואו ער האָט אָפט געהאַלטן מאַגידישע דראָשעס פאַר די אַריבער צוואַנציק אידישע איינוואוינער פונעם שטעטל, האָט זיי גערופן צו פרומקייט, צו גאָט־פאָרכטיקייט און — דער איקער — אָרנטלעכקייט אין האַנדל:

— אַ איד, — איז געווען זיין באַליבטסטע טאַינע, — דאַרף זיין אָרנטלעכער פון אַ גאָי! און ניט אַזויפיל צוליב דער הייליקער טוירע, ווייל גאָט האָט אַזוי באַפוילן, ווי צוליב די אַרומיקע גאָים, וואָס זוכן בלויז זינד ביי אונדז!...

אַז ליובע האָט אים געזאָגט וואָס פאַר אַ טויווע זי וויל פון אים, האָט ער אַ קוק געטאָן אף איר מיט איינעם פון זיינע כיטרע קוקעלעך און איר גאַנץ שטעכלדיק אַ פרעג געטאָן:

— נו, און איר געטרויט מיר, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ?... וואָס ווען זיין, אַז איך וועל קריגן געלט פאַר אייך און עס דערנאָך פאַרלייקענען?...

ליובע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער שפּאַסט, און געענטפערט:

— אַ פראַגע צי איך געטרוי אייך, לאַזאַר מאָיסעיעוויטש?... דער פאַקט, וואָס איך בין געקומען צו אייך, פאַרענטפערט דאָס שוין. יאָ, איך וואָלט אייך געטרויט אַפילע אַ מיליאָן רובל. איר נויטיקט זיך ניט אין מיינע געלטער!...

אַ שטיקל צייט איז אַלץ צוגעגאַנגען גאַנץ גלאַטיק. באַלד ווי עס איז נאָר אָנגעקומען אַ בריוו צו כאַראָשוכינען, און ער האָט געזען אַז עס קומט פון פּעטערבורג, — האָט ער דעם בריוו אַפילע ניט געעפנט, כאָטש ער איז געווען אף זיין אייגענעם נאָמען, נאָר האָט גלייך געלאָזט וויסן ליובען, זי זאָל צוקומען אים אָפנעמען. איינמאָל, אָבער, מיט אַ פּאָר כאַדאָשים שפּעטער, ווען ליובע האָט זיך געריכט אף אַ בריוו מיט אַ געלט־אָנווייזונג אף פינף־הונדערט רובל, און זי האָט אַלץ ניט געהערט פון כאַראָשוכינען, — איז זי אַליין צוגעגאַנגען אים פרעגן. יענער האָט איר פאַרזיכערט, אַז ער ווייסט ניט פון אַזאַ בריוו; זיך געשוואוירן, אַז ער וואָלט אירס אַ בריוו ניט פאַרהאַלטן אף אַ מינוט אַפילע, אַזוי ווי ער האָט עס ביז איצט געטאָן... ליובע האָט דאַן אָנגעפרעגט ביי איר פאָטער, אָנגעבנדיק אים אַן אַדרעס מיט אַ נאָמען פון אַ צווייטן פּריוואַטן מענטשן וואוהין צו שרייבן, און זי האָט באַקומען אַן ענטפער פון פאָטער, אַז ער האָט מיט עטלעכע וואָכן צוריק אַרויסגעשיקט אף כאַראָשוכינס נאָמען אַן אָנווייזונג אף דער פאַרלאַנגטער סומע, און אַז די באַנק זיינע האָט באַשטעטיקט, אַז דאָס געלט איז אויסגעצאָלט געוואָרן צו כאַראָשוכינען...

ליובע איז מיט אָט־דעם בריוו אַוועק צו כאַראָשוכינען, אים געוויזן, אָבער יענער האָט אַלץ געלייקנט. שפּעטער, אַז ליובע איז דאָך ניט אָפּגעטראָטן, האָט

ער צוגעגעבן, אַז יאָ, ער האָט טאַקע געקראָגן די אָנווייזונג, זי איבערגעביטן אין דער באַנק און געקראָגן באַרע געלט דערויף, אָבער...

— צום באַדויערן, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, קאָן איך עס אייך ניט אַרויסגעבן! — האָט ער, זיך קנייטשנדיק, געזאָגט. — איך וויל ניט נעמען קיין צאָרעס אַף זיך... עס זענען שוין געווען אַזעלכע פאַלן דאָ, ווען פּריוואַטע מענטשן האָבן געקראָגן געלט פאַר פּאָליטיש־פאַרשיקטע, אָבער יענע האָבן אָפּגעצויגן פון דאַנען און די פּאָליציי האָט באַשטראָפט די מענטשן פאַר העלפן זיי אַנטלויפן...

— אָבער איך, לאַזאַר מאָיסעיעוויטש, קלייב זיך דאָך ניט צו אַנטלויפן! — האָט ליובע גענומען אַפּעלירן צו אים. — איר ווייסט דאָס גאַנץ גוט... איך דאַרף דאָס געלט האָבן אַף צו לעבן... איך אַרבעט דאָך ניט, פאַרדין ניט, און דאָס צוגעשיקטע געלט איז מיין איינציקער מיטל זיך אויפצוהאַלטן...

— גייט זשע אַרבעטן! — האָט כאַראָשוכין כוצפּעדיק געענטפערט. — וואָס איז, איר מוזט עס דאַווקע לעבן אַף אייער פאָטערס פּראַצע?... איר זענט דאָך עפּעס אַ סאָציאַליסטקע, אַ פאַרערערקע פון אַרבעטער, פון אַרבעט!...

ליובע האָט געקוקט אַף יענעם און אַלץ געמיינט, אַז ער שפּאַסט עס אַזוי. אָבער אַז יענער האָט זיך אַלץ אָפּגעזאָגט פון צוריקגעבן איר דאָס געלט און אַפילע פון אויסצאָלן עס איר צוביסלעך, — האָט זי אים גענומען וואָרענען, אַז אויב ער וועט איר טייקעף ניט אָפּגעבן די פולע סומע, וועט זי אים אָנ־קלאָגן אין געריכט. ער האָט אָבער כוצפּעדיק זיך אויסגעלאַכט דערפון:

— גייט, קלאָגט מיך אָן! — האָט ער כיטרע געזאָגט. — אָבער ווי אַזוי וועט איר באַווייזן, אַז עס איז געווען אייער געלט?... די אָנווייזונג איז געווען אַף מיין אייגענעם נאָמען. אין בריוו האָט אייער פאָטער געשריבן, אַז עס איז פאַר אַן אַלטן כויוו, וואָס איז מיר געקומען פון אים... סיידן, ליובאָוו אַבראַ־מאָוונאַ, איר זאָלט מיך אָנקלאָגן אין דער פּאָליציי! — האָט ער נאָך צינישער פאַרענדיקט, וויסנדיק, אַז אויך דאָס קאָן זי ניט טאָן...

ליובע איז אַוועק פון אים אַן אַנטוישטע, אַ נערוווירנדיקע. געוואוסט האָט זי, אַז אויב זי זאָל וועגן דעם רעדן מיטן קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו, וואָלט ער דאָס געלט אַוואַדע אַרויסגעקראָגן פון כאַראָשוכינען. זי האָט אָבער ניט געוואָלט זיין פאַרפּליכטעט צו אים און בעסער געלאָזט דאָס געלט פאַרפאַלן־גיין...

שימשל האָט אָבער דעם שווינדל ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען. ער האָט גע־וואָלט צוגיין אין אָוונט צו כאַראָשוכינען אין געשעפט אַריין און מיט קויעך פאָדערן פון יענעם ער זאָל צוריקגעבן דאָס געלט. ער האָט ליובען געזאָגט, אַז ער וועט יענעם פּאַשעט אַ פּוס אויסדרייען, אויב ער וועט דאָס געלט גלייך ניט אומקערן... ליובע האָט עס אָבער ניט דערלאָזט. זי האָט אַרומגענומען שימשלען, אים געהאַלדזט, געקושט און געבעטן, אַז ער זאָל זיך ניט פאַרשאַפן קיין אומ־זיסטיקע צאָרעס, ווייל ער קאָן דערפאַר קריגן אַ פּאָר יאָר קאַטאָרגע...

ענדלעך האָט שימשל זיך דערוואַרט צו ווערן אויפגענומען פון באָגדאַנאָוון אַליין, בעאייס ער איז — ווי יעדן מיטוואָך — געקומען זיך מעלדן אין דער פּאָליציי. ער האָט דעריבער באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט און בעטן באַ יענעם די לאַנג־געגאַרטע דערלויבעניש:

— וואַשע ווייסאָקאָבלאַגאָראָדיע! — האָט ער, סאַלוטירנדיק, אָנגעהויבן צו רעדן. — איך האָב אַ באַקאָשע צו אייך... אַנומלטן האָט איר מיר געהאַט געזאָגט, אַז ווען איך וועל געפינען אַ מיידל פאַר זיך און וועל זיין גרייט כאַסענע צו האָבן, וועט איר מיר געבן די געהעריקע דערלויבעניש דערויף... נו, איצט האָב איך דעם קאָוועד אייך צו מעלדן, וואַשע ווייסאָקאָבלאַגאָראָדיע, אַז איך האָב געפונען אַזאַ מיידל און וואַרט בלויז אויף אייער דערלויבעניש...

דער פּאָליציימייסטער האָט איבערראַשט אַ קוק געטאָן אויף אים:

— אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, סאַמסאָן, האָט איר דאָך באַקומען אַ בריוו, אַז אייער מיידל האָט כאַסענע געהאַט מיט אַ צווייטן, אַ פּריינט אייערן...

— אָ, איך רעד איצט ניט וועגן יענער, וואַשע ווייסאָקאָבלאַגאָראָדיע. איך האָב געפונען אַ מיידל דאָ, אין אישים, צווישן די פאַרשיקטע, און...

— פיין, זייער פיין! ווער איז דאָס מיידל? וואָס איז איר נאָמען?...

שימשל האָט אים געזאָגט.

— וואָס? — איז באָגדאַנאָוו אַזש אויפגעשפּרונגען פון דער שטול. — זי? ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ?... אוממעגלעך!... אומגלויבלעך!... ווי קומט זי צו אייך?... זי — אַ געבילדעטע, אַ רייכע, און איר... אָ, אומגלויבלעך!...

— ליבע רעכנט זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכן, וואַשע ווייסאָקאָבלאַגאָראָדיע! — האָט שימשל געזאָגט. — ליבע האָט בלויז איין געזעץ: דער באַגער פון צוויי...

— אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך! — האָט באָגדאַנאָוו אים אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן, גענומען בייז אַרומשפּרייזן איבערן צימער און איז מיט יעדער רעגע געוואָרן אַלץ מער אויפגערעגט. — יעדנפאַלס, מיר געפעלט דאָס ניט!... ניין, אַבסאָלוט ניט!... דאָס איז דאָך העפקיירעס, סאַמאָוואָלנע העפקיירעס!... ניט איר האָט מיך אָנגעפּרעגט, ניט זי האָט מיר געזאָגט וועגן דעם!...

— זייט מויכל, וואַשע ווייסאָקאָבלאַגאָראָדיע. — האָט שימשל מיט אַ געוויסער איראָניע אַ זאָג געטאָן. — מיר האָבן ניט געוואוסט, אַז אויף צו פאַרליבן זיך דאַרף מען אויך פריער קריגן אַ דערלויבעניש פון דער פּאָליציי...

— מאָלטשאַט! — האָט באָגדאַנאָוו אין אויפרעגונג אויסגעשריגן, אַז יענער זאָל שווייגן. — דאָס איז דאָך אומגלויבלעך... זי איז ניט פון אייער קלאַס... זי איז דאָך גאָר פון אַן אַנדער סאָרט... זי... יעדנפאַלס, איך גלויב אייך ניט... איך וועל דאַרפן זען זי, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, רעדן מיט איר און...

און באַלד — ווידעראַמאָל מיט געבייזער:

— אָט אַ נאַכאַלסטווע!... אָט אַ כוצפּע!... איך האָב אייך געהאַט גאַנץ קלאָר

געזאָגט, אַז איך בין בעטעווע אַ גוטער מענטש, און בין וויליק צו העלפן מיט וואָס איך קאָן נאָר יעדן פאַרשיקטן... אָבער איך האָב אייך דאָן אויך געזאָגט, אַז ווען מען טוט מיר עפּעס אָן צו־לעהאַכעס, אָדער ווען מען פירט זיך ניט אויף ווי געהעריק, בין איך פּייאיק פון יענעם שטיקער צו רייסן... נעמט איך און... אָ, ניין... עס איז דאָך אַבסאָלוט אומגלויבלעך!... יאָ, איך וועל פריער מוזן זען ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, רעדן מיט איר און הערן וואָסערע שטיק איר האָט אָנגעווענדט זי צו באַווירקן, זי צו פאַרנאַרן...

שימשל האָט געזען, אַז ער וועט גאָרניט פּויעלן, האָט ער גענומען בעטן ביי באָגדאַנאָוון, אַז ער זאָל אים לאָזן גיין. יענער האָט אים אָבער נאָך אַלץ פאַרהאַלטן און ביז איבערגערעדט דאָס זעלביקע. ענדלעך האָט ער זיך צוריק אַוועקגעזעצט, געבעטן שימשלען זיך צוזעצן, אים פאָרגעלייגט אַ פּאַפּיראָס און שוין ווייכער גענומען רעדן צו אים:

— מיין פריינט, צווישן מיינע פליכטן דאָ, אַלס פּאָליציימייסטער, האָב איך די פליכט אויפצופּאַסן אָף די פאַרשיקטע אונטער מיין יוריסדיקציע, און דאַרף זאָרגן פאַר זייער וואוילזיין... איך גלויב ניט, סאַמסאָן, אַז דאָס־אָ, אייער פאַר־לאַנג כאַסענע צו האָבן מיט מאַדמואַזעל גאָלוב, איז פאַר אייער, אָדער פאַר איר וואוילזיין... יעדנפאַלס, ווי אַן אויפפּאַסער, אַ גוטער פריינט אייערער, וויל איך אייך וואָרענען, אַז זי איז ניט פאַר אייך!... פאָלגט מיך, סאַמסאָן, הערט וואָס איך זאָג אייך: — זי איז ניט צוגעפּאַסט פאַר אייך!... גלויבט מיר... יאָ, עס קאָן זיין, אַז זי — זייענדיק דאָ, אין דער פרעמד, און זעענדיק אייך, — אַ שיינעם, געזונטן באָכער, — איז זי צייטווייליק פאַרכאַפּט געוואָרן מיט אייך... אָבער גלויבט מיר, סאַמסאָן, זי וועט זיך אַ שפּיל־טאָן מיט אייך, אייך צערייצן און דערנאָך אייך אויסלאַכן... זי וועט אייך פאַרלאָזן און אַוועקוואַרפן... פאָלגט מיך, סאַמסאָן, רייסט אַליין איבער מיט איר, איידער זי וועט אייך פאַרוואונדיקן, איידער עס וועט אייך קאָסטן בלוט פון אייער האַרצן!...

שימשל האָט געקוקט אָף באָגדאַנאָוון מיט אַ ביטערן שמייכל:

— מיילע, וואָשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע, — האָט ער אַ צעשפּרייט געטאָן זיינע הענט, — מיר איז שוין באַשערט אַלעמאָל צו זיין דער פאַרשפּילער... וועל איך וואָרטן ביז זי וועט מיך, ווי איר זאָגט, אויסלאַכן און פאַרלאָזן... דערווייל בעט איך אייך, גיט אונדז די געהעריקע דערלויבעניש כאַסענע צו האָבן!...

— אין קיין פאַל ניט! — האָט באָגדאַנאָוו אויסגעשריגן און זיך אויפגעשטעלט. — יעדנפאַלס, ניט פריער ווי איך רעד מיט איר אַליין...

אַ שטיק צייט נאָך שימשלס אַוועקגיין איז קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו נאָך אַלץ געווען שטאַרק אויפגערעגט און מער ניט אויפגענומען קיינעם. ער האָט אַריינגע־רופן דעם דעזשורנע־פּאָליציאַנט און אים שטרענג אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אים ניט באַאומרואיקן און קיינעם ניט אַריינלאָזן צו אים. ער האָט נערוועז גע־

רויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן און אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך קאָניאַק, וואָס ער האָט טאָמיד געהאַט גרייט אין שופלאָד פון זיין שרייב־טיש. עטלעכע מאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן צימער, געקנאַקט מיט אַ פויסט אין דער דלאָניע פון זיין צווייטער האַנט, זיך צוריק אַוועקגעזעצט, ווידער זיך אויפגעהויבן, ווידער אַרומגעשפּאַנט און, ענד־לעך, אַז די אויפרעגונג זיינע איז עטוואָס אָפּגעקילט געוואָרן, — צוריק זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייב־טיש און גענומען טראַכטן וואָס דאָ איז פּאָרגעקומען. ער האָט זיך געפילט באַליידיקט, צעווייטיקט, ניט געקאָנט באַנעמען, ווי אַזוי אַזאַ פּראָסטער יונג ווי סאַמסאָן, אַ גאָרנישט קעגן אים, אַ גראָבער אומגעביל־דעטער פאַרשיקטער אויסוואורף, אַ האַפּן־טרעגער און אַ שמייסער אָף אַ בריטש־קע, — האָט עס געקאָנט באַוויזן צוצונעמען פון אונטער זיינע הענט דאָס מיידל, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, וועלכע איז אים אַזוי שטאַרק געפעלן... ער איז שטאַרק ברויגעז געווען אָף איר, וואָס זי — אַן אינטעליגענטע, אַ געבילדעטע און אַ וועלטלעכע, האָט אויסגעקליבן יענעם פּראָסטן יונגאַטש, און ניט אים, — דעם שטאַלטנעם אַדלמאַן, דעם אָפיציר, וואָס פיל אַנדערע מיידלעך וואָלטן זיך מאַמעש גליקלעך געשעצט ווען ער וואָלט זיי אַרויסגעוויזן אַ פּאַשעטן שמייכל, שוין אָפּגערעדט פון אַזאַ אויפמערקזאַמקייט ווי ער האָט איר אַרויסגעוויזן...

— דאָס איז דאָך אומנאַטירלעך! — האָט ער בייז געקלאַפּט מיט זיין פויסט אין שרייב־טיש אַריין. — אַזעלכעס קאָן ניט, טאָר ניט און וועט ניט געשען!...

עטלעכע טעג זענען אַריבער און ער, קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו, האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַפרייען פון יענער געדריקטקייט, פון דעם פּאַרדראָס איבער זיין באַליידיקטן, פאַרוואונדעטן עגאָ. ער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ מאַכט איבער די דאָזיקע צוויי מענטשן, האָט זיך געפילט באַזיגט פון זיי און דערשלאָגן... ער האָט פּאָשעט ניט געקאָנט שלאָפן פון פּאַרדראָס און אַלץ ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, וועגן דער באַליידיקונג וואָס איר האַנדלונג האָט אים צוגעטיילט...

אָבער אַז עס זענען פאַרביי נאָך עטלעכע טעג און די שאַרפקייט פון דעם פּאַרדראָס איז שוין טאַקע עטוואָס אָפּגעטעמפּט געוואָרן, אָבער ליובעס געשטאַלט איז אַלץ ניט אָפּגעטראָטן פון זיינע געדאַנקען, — האָט ער אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז דאָ איז ניט בלויז אַ פראַגע פון זיין באַליידיקונג. ער האָט דערפילט, אַז ער איז גאָר בעעמעס פאַרליבט אין אָט־דעם אידישן מיידל, — פאַרליבט אַזוי ערנסט, אַז ער איז אַפילע גרייט כאָטש מאָרגן כאַסענע צו האָבן מיט איר, אויב זי זאָל נאָר געבן איר צושטימונג...

איצט האָט ער געוואוסט איין זאַך, אַז ער טאָר זיך בעשום אויפן ניט אונ־טערגעבן; אַז ער דאַרף טאָן אַלץ אין זיינע קויכעס, ערשטנס, אָפּצוהאַלטן ליובען פון כאַסענע האָבן מיט סאַמסאָנען און, צווייטנס, רעווידירן און אויסבעסערן

זיין אייגענע טאַקטיק, פּראָבירן אַנדערש רעדן מיט איר, זען צו געווינען איר צוטרוי, איר פריינטשאַפט און...

ער האָט געטראַכט וועגן צושיקן אַ פּאָליציאַנט צו ליובען, אַז זי זאָל קומען צו אים אין קאַנצעלאַריע וועגן אַ וויכטיקן איניען, אָבער גלייך האָט ער כאַראַטע געהאַט דערויף. ער האָט איינגעזען, אַז אויב ער זאָל דאָס טאָן, וואָלט עס זיכער געגעבן ליובען דעם געפיל, אַז ער וויל איר באַווייזן אַז ער קאָן באַלעבאַטעווען איבער איר; אַז ער באַפעלט און זי איז אונטערגעוואָרפן אונטער אים, און דאָס וואָלט זיכער אַרויסגערופן ביי איר נאָך מער ווידערשטאַנד, וואָס וואָלט זי נאָך מער דערווייטערט פון אים...

„ניין!" — האָט ער באַשלאָסן. — „איך וועל עס בעסער מאַכן אַזוי, אַז איך זאָל זיך מיט איר באַגעגענען ווי צופעליק, ניט אין דער פּאָליציי, וואו עס וועט זיך שפּירן די שווערע אָנגעצויגנקייט, ווי געוויינטלעך צווישן אַ נאַטשאַלניק און אַ פאַרשיקטן, — נאָר זיך טרעפן מיט איר ערגעץ אינדרויסן, וואו דער שמועס און די באַציאונג וועט אויסקומען ווי צווישן איין פריינט מיט אַ צווייטן..."

און אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך אים גיך געמאַכט. איינמאָל אין אַן אָוונט, בעאייס קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו איז אַהיימגעפאָרן פון זיין קאַנצעלאַריע אויף זיין „טאַראַנטאַסל" — אַזאַ קעטשל פאַר צווייען, מיט אַ כופּע־אַרטיקער דעק צו שיצן פון זון און רעגן, — האָט ער אינדערווייטנס דערזען גיין ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ. ער איז צוגעפאָרן עטוואָס פאַרויס פון איר, זיך אָפּגעשטעלט ביים טראָטואַר, אַרויסגעשפּרונגען פונעם קעטשל און — גייענדיק איר אַנטקעגן, שטייף אויסגעצויגן ווי אויף אַ פּאַראַד, — סאַלוטירט און כניפעדיק אויסגערופן:

— אַ גוטן אָוונט אייך, מאַדמואַזעל גאָלוב!... הערט אַ זאָך! איך פאָר זיך איצט אַזוי אויף מיין קעטשל און וועמען זע איך? — געטראָפן: ליובאָוו אַבראַמאָוונאַס וואונדערלעכע פיגור!... פרעג איך זיך: וואָסער קאַוואַלער וואָלט איך עס געווען, ווען איך זאָל ניט צופאָרן צו דער פרעכטיקער דאַמע און ניט פאַרשלאָגן איר זי צוצופירן וואוהין זי דאַרף?...

ער האָט זיך אַ וויש געטאָן איבער די צעפּלאָשעטע וואָנצעלעך, ווי דאָס איז געווען זיין טעווע בעאייס ער האָט געוואָלט מאַכן אַן איינדרוק, און געפרעגט:

— וועט איר מיר געבן די געלעגנהייט, געערטע ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, צו דינען אייך?...

ליובע האָט אים געדאַנקט, געפּרואווט זיך אָפּזאָגן, אָבער ער איז אַלץ צוגעשטאַנען און — האַלטנדיק נאָך אַלץ איר האַנט אין זיינער — מאַמעש געבעטן:

— אָ, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, פאַרוואָס זענט איר אַזוי פרעמד צו מיר?... איך וויל זיין אייער פריינט, אָבער איר... איר ווילט בעשום אויפן ניט אָננעמען מיין גוט־פריינטשאַפט... אָ, גאָט מיינער, וואָס האָב איך געטאָן אַזעלכעס זיך צו פאַרדינען ביי אייך אַזאַ קאַלטע באַציאונג?...

ליובע האָט געשמייכלט. אין דער רעגע האָט זי געטראַכט אים גאַנץ אָפּן צו ענטפערן, אַז ער — אַ נאַטשאַלניק, און זי — אַן אונטערטעניקע צו אים, — קאָנען קיין עמעסע פריינט ניט זיין. זי האָט זיך אָבער באַרעכנט, אַז עס וועט זיין גלייכער דאָס דורכצולאָזן און בעסער אָננעמען זיין פאָרשלאָג:

— פּאַוועל אָסיפּאָוויטש, — האָט זי שמייכלענדיק אַ פרעג געטאָן, — צי וועט אייער צופירן מיך ניט שטעלן אייך אין אַ פאַרלעגנהייט?... וועט מען דען ניט אין די באַלעבאַטישע קרייזן דאָ, אין שטעטל, אָנהויבן רעדן, אַז איר כאַווערט זיך צופיל מיט פּאָליטישע אויסוואורפן?... און וועט עס ניט שאַטן אייער קאַריערע, קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו?...

— איך האָב אין דער ערד די גאַנצע קאַריערע מיינע, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ!

— האָט ער, אָננעמענדיק זי אונטערן אָרעם און צופירנדיק זי צו זיין קעטשל, גאַנץ ערנסט געזאָגט. — איך בין גרייט אויסצובייטן מיין קאַריערע פאַר אייערס אַ שמייכל, אויפצוגעבן מיין גאַנצע מיליטערישע צוקונפט פאַר אייער ליבע... יאָ, מיין טייערע, צוליב אייך בין גרייט אַלץ אויפצוגעבן!...

— עס איז נאָר גערעדט אַזוי. — האָט זי שטיל געלאַכט. — איר האָט דאָך אָף אָט־דער קאַריערע אַוועקגעגעבן יאָרן, אייער גאַנץ לעבן... עס איז דאָך אין אייער בלוט!...

ער האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד, גענומען פאָרן און פּאַטעטיש געזאָגט:

— איר קאָנט מיר געבן אַ ניי לעבן, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ! — האָט ער ווי מיט געבעט געקוקט אָף איר. — איר קאָנט מיר געבן ניי בלוט!... איך בעט ביי אייך, פאַרשטויסט מיך ניט!... זייט דערוויל כאָטש אַ פריינט צו מיר!... לאָזט מיך זיין אייער פריינט און לאָזט מיך פאַרדינען און געווינען אייער ליבע!... איך בין זיכער, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, אַז ווען איר וועט מיך נעענטער קענען, וועט איר אויסגעפינען, אַז אונטער אָט־דעם מיליטערישן און פּאָליצייאישן מונדיר געפינט זיך אַ וואַרעם האַרץ, — אַ האַרץ, וואָס קאָן שטאַרק ליב האָבן!...

— מעגלעך! — האָט ליובע אָפּגעהאַקט. — אָבער ווי קום איך צו אייך?... ווי קומט איר צו מיר?... איך — אַ אידיש מיידל, אַ רעוואָלוציאָנערקע, און איר — אַן אָפיציר, אַ פּאָמיעסטשיק, אַ רוסישער אַדלמאַן!...

— און ווי קומט ער צו אייך? — האָט באָגדאַנאָוו אויפגערעגט אַ זאָג געטאָן.

— איך מיין... ווי קומט ער, אַ פּראָסטער האָפּן־טרעגער, אַ פערד־שמייסער, אַן אומגעבילדעטער יונג, — צו אייך, — אַזאַ איידעלע, אַזאַ...

ליובע האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער:

— אַ פערד־שמייסער? — דאָס איז אַ טשיקאַווע זאַך... אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, שמייסט איר דאָך אויך אַ פערד... וואָס איז דער כילעק?...

— אַ, איר ווייסט וואָס איך מיין, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ! — האָט ער אַלץ ניט אָפּגעלאָזט.

— זיכער ווייס איך, פֿאַוועל אָסיפּאָוויטש. — האָט זי אַלץ געלאַכט. — איר שמייסט אומזיסט און סאַמסאָן קריגט באַצאָלט דערפֿאַר...

באָגדאַנאָוו האָט זיך אומבאַקוועם געדרייט און געפּרואווט מיטלאַכן:

— עס איז אַ פֿיינער וויץ, ליובאָוו אַבראַמאָווגאַ. אָבער ערנסט גערעדט: איך רעד שוין ניט וועגן דעם, וואָס אייערע פֿריינט וועלן זאָגן אויב איר זאָלט טאַקע כאַסענע האָבן מיט אים. איך פֿרעג בלויז, וואָס איר אַליין וועט טראַכטן וועגן דעם אַ שטיקל צייט שפּעטער, נאָכדעם ווי די ערשטע פֿייערן פֿון אייער אַזוי־גערופֿענער ליבע וועלן ווערן אָפּגעקילט און איר וועט בלייבן פּאָנים־על־פּאָנים מיט דער ווירקלעכקייט, שוין ניט אינעם פֿאַרוואָרפֿענעם שטעטל, נאָר...

— ווער זאָגט עס, אַז מיין ליבע וועט ווערן אָפּגעקילט? — האָט ליובע אַ זאָג געטאָן. — איך גלויב, אַז פֿאַרקערט, זי וועט מיט דער צייט הייסער ווערן...

— איך רעד ערנסט, ליובאָוו אַבראַמאָווגאַ! — האָט קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו ווייטער גערעדט. — איך פֿרעג אייך, ווי וועט איר גאָר קאָנען זיצן צוזאַמען און פֿאַרברענגען מיט אַזאַ אומוויסנדיקן, אומגעהובליעוועטן מענטשן?... וועגן וואָס וועט איר רעדן מיט אים?... וואָסערע געמיינשאַפֿטלעכע אינטערעסן קאָנט איר עס האָבן? — איר, אַ געוועזענע קורסיסטקע, אַ געבילדעטער מענטש, און ער — קימאַט אַן אַנאַלפֿאַבעטניק, אַ פּויער?!...

ליובע האָט אָנגעהויבן ווערן אומגעדולדיק און בייז פֿון זיינע רייד:

— ערשטנס, פֿאַוועל אָסיפּאָוויטש, — האָט זי מיט אָפֿענער איראָניע אים אַ שטאָך געטאָן, — ווייסט איר אַוואַדע פֿון אייגענער דערפֿאַרונג, אַז אַזעלכע זאַכן שפּילן קיין ראָלע ניט ווען עס האַנדלט זיך וועגן ליבע. צווייטנס, ווער זאָגט עס, אַז סאַמסאָן איז אַ פּויער, אַן אומגעהובליעוועטער, און נאָך אַזעלכע עפּיטעטן, וואָס איר האָט דאָ אויסגערעכנט?... באַשער וואָס, ער האָט איינגלוייז ניט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו לערנען?... ווייסן מיר דאָך ווער עס איז שולדיק אין דעם... מיר ווייסן אויך, אַז אינטעליגענץ, פֿאַרשטענדיקייט, איידלקייט, האָט גאָר־ניט צו־טאָן מיט בילדונג... איך פֿאַרזיכער אייך, פֿאַוועל אָסיפּאָוויטש, אַז אָט־דער „אומגעבילדעטער" באַכער סאַמסאָן פֿאַרמאָגט גענוג איינגעבוירענע אינטעליגענץ, גענוג נאַטירלעכן טאַלאַנט, צו זיין אַ פּראָפֿעסאָר... יעדנפֿאַלס, איך האָב דעם קאָוועד אייך צו מעלדן, אַז אָט־דער מענטש באַזיצט איצט שוין גענוג וויסן און קענטעניש, אַף צו קענען רעדן מיט וועמען עס איז פֿון די געבילדעטסטע מענטשן וועגן פֿיל הויכע איניאָנים... ניין, ער איז שוין מער ניט דער זעלביקער סאַמסאָן, וואָס האָט אַמאָל ניט געקענט אונטערשרייבן זיין נאָמען!...

ליובע האָט נאָך עפּעס גערעדט, אָבער קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו, ווי עס האָט אויסגעזען, האָט זי ניט געהערט, ער האָט גאָר געטראַכט וועגן אַ געדאַנק, וואָס איז אים נאָר־וואָס איינגעפֿאַלן. ער האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז פּאָטער ווערן פֿון סאַמסאָנען, געפֿינען אַ וועג ווי אים איבערצוטראַנספֿערירן אין אַ צווייט פּלאַץ,

אין אַ ווייטן פונקט און אונטער אַן אַנדערנס יוריסדיקציע; פאַרשיקן אים אַזוי ווייט, אַז זיי זאָלן ניט קאָנען זען קאָנען זען אײנער דעם צווייטן און דאַן... ער איז געווען זיכער, אַז ווען ליובע וועט ניט האָבן סאַמסאָנען אויף די אויגן, וועט איר ליבע צו אים — אויב עס איז טאַקע ליבע — ביסלעכווייז אָפּגעקילט ווערן און זי וועט אים אינגאַנצן פאַרגעסן... דאַן וועט ער, קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו — אין איר איינזאַמקייט — זיכער האָבן אַ בעסערע געלעגנהייט, גרעסערע שאַנסן, צו דער־נענטערן ליובען צו זיך, געווינען איר פריינטשאַפט און... איר ליבע... גע־וואוסט האָט ער אָבער, דער קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו, אַז וואָס ער זאָל ניט טאָן וועגן סאַמסאָנען, וועט ער עס דאַרפן טאָן אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל אויסקומען ווי ער איז אין דעם גאָרניט שולדיק, נאָר פאַרקערט: ווי ער וואָלט געמאַכט אַלע פאַר־זוכן עס צו פאַרמיידן, נאָר עס איז אים ניט געלונגען... באַגריפן האָט ער, אַז אויב ליובע זאָל כאָלילע האָבן דעם מינדסטן כשאַד, אַז ער האָט עפּעס געהאַט צו־טאָן דערמיט, וואָלט זי דאָס אים קיינמאָל ניט מויכל געווען...

מיט דעם פּלאַן אין געדאַנק, האָט באַגדאַנאָוו זיך אַזש צעשמייכלט...

ער איז צוגעקומען צו יעוודאָקיעס פּלאַץ און אָפּגעשטעלט דאָס קעטשל. פלינק איז ער אַראָפּגעשפּרונגען דערפון און — קאַוואַלערמעסיק, איידל — גע־האָלפן ליובען אויסשטייגן. דערנאָך — אָננעמענדיק איר האַנט און צוטראַגנדיק זי צו זיינע ליפּן — שטיל געזאָגט:

— איך האָף, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, איר וועט זיך בעקאָרעוו איבערצייגן, אַז איך רעד ערנסט, מיט אַ האַרץ פול מיט ליבע צו אייך, און איר וועט קאָנען באַשאַפן אין אייער האַרץ אַביסל ליבע צו מיר!...

זי האָט שמייכלענדיק געשוויגן און ער האָט פאַרגעזעצט:

— אַ גוטע נאַכט אייך, כאַלעם מיינער! אַ רואיקע נאַכט אייך, האָפענונג מיינע! אַ ליבע נאַכט אייך, באַגערטע מיינע!...

ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוש געטאָן ליובעס האַנט און איר נאָכגעקוקט ביז זי איז אַריין הינטערן פאַרקן פון יעוודאָקיעס הויף און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין דעם קליינעם הייזל אַריין, וואו זי האָט געהאַט אירע צימערן...

עטלעכע וואָכן זענען פאַרביי. דער זומער איז שוין געווען אין פולן ברען. אין שטעטלשן גאָרטן האָט יעדן זונטיק אָוונט געשפּילט דער בלאָז־אָרקעסטער פונעם סיבירער שיסער־פּאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין לאַגער הינטערן שטעטל, און דער שטעטלשער אוילעם איז געזעסן אויפן שיטערן גראָז אַרום דער עסטראַדע און זיך איינגעהערט. אויך ליובע און שימשל זענען קימאַט יעדן זונטיק אָוונט געקומען הערן די מוזיק, ווייל דאָס איז געווען דאָס בעסטע, איינציק־עמעסדיקע פאַרגעניגן, וואָס זיי האָבן דאָרט, אינעם שטעטל, געקאָנט געפינען. זיי זענען געזעסן אויפן גראָז, אָנגעלענט איינער אָן צווייטן, און זיך צוגעהערט צו די מילי־טער־מאַרשן און אָפּערע־פּאָפּוריס, וואָס דער אָרקעסטער האָט געשפּילט...

איינמאָל, עס האָט שוין אָנגעהויבן טונקלען, איז צוגעפאָרן דער קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו אין זיין קעטשל. ער, דער פּאָליציימייסטער, איז אַרויסגעשטיגן, האָט אַ וואונק געטאָן צום קאַפּעלמייסטער, אים עפּעס אַ זאָג געטאָן און...

באַלד האָט דער אָרקעסטער אויפגעשפּילט „באָזשע צאַריאַ כראַני״ און דער אוילעם האָט זיך גלייך אַ שטעל־אויף געטאָן. די סאָלדאַטן, וואָס זענען דאָרט געווען, האָבן זיך אויסגעצויגן און סאַלוטירט. נאָכן אָפּשפּילן איז דער פּאָליציי־מייסטער אַרויף אַף דער עסטראַדע, אויפגעהויבן אַ האַנט און גענומען רעדן:

— מיינע געערטע דאַמען און הערן, ליבע שוועסטער און ברידער! אַף מיין גוירל, אַלס פּאָליציימייסטער און פּריסטאַוו, איז אויסגעפאַלן די אומאַנגענעמע פליכט צו ברענגען אייך ניט־פריילעכע נייעס... נאָר־וואָס איז אָנגעקומען די מעלדונג, אַז די פאַרשאָלטענע דייטשן האָבן דורכגעפירט אַ פּראָוואָקאַציע אין אַ קליין סלאַוויש לאַנד, אין סערביע, וואו זיי האָבן דערמאָרדעט זייערס אַן אייגע־נעם פּרינץ, וואָס זיי וואַרפן אַרויף אַף די סערבן און קלייבן זיך דערפאַר איבער־צופאַלן אַף אונדזערע פּראַוואָסלאַוונע ברידער דאָרט!... יאָ, מיינע פריינט, עס טראָגן זיך ווידער פינצטערע וואָלקנס איבער אייראָפּע!... די דייטשישע יונקערס קלייבן זיך צו דערטרינקען דאָס קליינע סערבישע לאַנד מיטן בלוט פון פּראַוואָ־סלאַוונע מענטשן!... מיר, דאָס רוסישע פאָלק, — די עלטערע ברידער — וועלן ניט דערלאָזן אַזאַ זאַך!... מיר וועלן מיט אונדזער שווערד, מיט אונדזער בלוט, פאַרטיידיקן אונדזער סלאַווישן קאָוועד, אונדזער פּראַוואָסלאַוונע גלויבן!... יאָ, עס קומט איצט אַ צייט, מיינע ליבע שוועסטער און ברידער, ווען מיר אַלע וועלן גערופן ווערן צו פאַרטיידיקן אונדזער לאַנד, אונדזער שטאָלץ!... איך בין זיכער און האָף, אַז קיין איינער פון אייך וועט ניט אָפּשטיין פון צו טאָן אַלץ אין זיינע קויכעס צו דערמעגלעכן אַ שנעלן זיג איבער אונדזערע סאָנים, — די דייטשישע יונקערס, אויב זיי וועלן נאָר וואַגן צו מאַכן דעם איבערפאַל!...

אַרום איז געווען טויט־שטיל, ווי אַ פאַכעד וואָלט אַלעמען אַרומגענומען. קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו האָט ווידער אַ הייב־געטאָן די האַנט און אויסגערופן:

— לאַנג לעבן זאָל אונדזער מוטערל רוסלאַנד!... לאַנג לעבן זאָל אונדזער צאַר־פּאָטערל!... הוראַ!...

— הוראַ!... הוראַ!... — האָט דער אוילעם מעכאַניש אונטערגעכאַפּט.

ווידער האָט דער אָרקעסטער אויפגעשפּילט „באָזשע צאַריאַ כראַני״, אָבער עפּעס האָט עס שוין ניט געקלונגען אַזוי הילכיק ווי פריער. דער פּאָליציימייסטער איז אַוועקגעפאָרן אין זיין ברישקע, אָבער דער אומרו, וואָס ער האָט געהאַט פאַרשפּרייט מיט זיינע רייד, איז שוין ניט אָפּגעטראָטן פון גאַנצן אוילעם, וואָס האָט זיך גענומען פאַנאַנדערגיין פון קליינעם שטעטלשן גאָרטן...

* * * * *

קאַפּיטל זיבעצן

דאָס קליינע סיבירישע שטעטל איז געלעגן אין אומרו. די באַפעלקערונג איז אַרומגעגאַנגען צעטראָגן און מיט גרוי־פאַרוואָלקנטע פּנימער, אַקוראַט ווי מען וואָלט זיך געריכט אויף עפּעס אַ שווערע, טויטלעכער מאַגייפע, וואָס האַלט ביים אָנקומען. וואו עטלעכע מענטשן האָבן זיך נאָר באַגעגנט, האָט מען גערעדט וועגן דעם פּאָליציימייסטער באָגדאַנאָווס רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין גאָרטן, אויף דער עסטראַדע פון דער מוזיק־קאָמאַנדע, און מען האָט קעסיידער ספּעקולירט, צי עס וועט זיין אַ מילכאָמע, און אויב יאָ — ווען, וואו און מיט וועמען... דער ביטערער טאַם פון דער שווערער מאַפּאָלע אין דער מילכאָמע מיט יאַפּאַן, וואָס איז געווען מיט אַ קנאַפּן צענדליק יאָר צוריק, איז נאָך געלעגן פריש אין זיקאָרן ביי אַלעמען און ביי פיל נאָך ניט אינגאַנצן פאַרהיילט די וואונדן איבער אַ פאַרלוירענעם מאַן, אַ ברודער, אָדער אַ זון אויפן שלאַכטפעלד...

עטלעכע טעג זענען אַריבער און פאַר אַלעמען איז שוין קלאָר געווען, אַז עס וועט זיין אַ מילכאָמע און אַז רוסלאַנד וועט זיך שלאָגן מיט די דייטשן. מען האָט שוין אַפילו אָפן געשמועסט וועגן אַ זיכערער מאָביליזאַציע...

באָגדאַנאָוו, דער פּאָליציימייסטער, וועלכער איז באַלד אויף צומאָרגנס נאָך זיין רעדע אַרויסגערופן געוואָרן אין דער גובערניע, קיין אָמסק, אויף עפּעס אַ געהיימער באַראַטונג, אַפּאָנים טאַקע וועגן דער פאָרשטייענדיקער מאָביליזאַציע, — איז צוריקגעקומען מיט עטלעכע טעג שפּעטער, און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן צו רודערן אין שטעטל. גלייך האָט ער אַרויסגעשיקט אַ פּאָר פּאָליציאַנטן מיט איינלאַדונגען צו אַ צאָל אָנגעזעענע באַלעבאַטים פונעם שטעטל, — צווישן זיי: אָרלאָוו — דער שטאָט־„גאָלאָוואַ“; מיטשורין — דער אַפּטייקער; לאַוורענטי — דער בייַשאָף און הויפּט־גאַלעך פון דער געגנט; אוזלאָוו — דער נאַטשאַלניק פון דער באַן־סטאַנציע; מאַליוטקאָוו — דער אייגנטימער פון די בריטשקעס; כאָראָשוכין — דער מעבל־סויכער; אָקולין — דער באַלעבאָס פון טראַקטיר; לאַווראָוו — דער אייגנטימער פון האָטעלעכל; און בריסקין — דער באַלעבאָס פונעם קינאָ־טעאַטערל, — און זיי געבעטן אומבאַדינגט קומען אין אָוונט צו אים אין קאַנצעלאַריע אַריין... שפּעטער, ווען זיי זענען אָנגעקומען, איז באָגדאַנאָוו טאַקע ניט געווען אין זיין קאַבינעט, אָבער אויפן שרייב־טיש זיינעם זענען שוין געווען גרייט עטלעכע פלעשער קאָניאַק מיט פאַרבייסן, און צוויי פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַרומגעפּאָרעט צו באַזאָרגן, אַז

די טומלדיק־שמועסנדיקע געסט זאָלן קעסיידער האָבן פֿול־אָנגעגאָסענע גלעז־לעך... דערנאָך, אַז אַלע זענען שוין געווען אויפֿגעהייטערט און לעבעדיק, — איז קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו אַרײַנגעקומען, זיך באַגריסט מיט די געסט און גענומען האַלטן אַ רעדע פֿאַר זיי. ער האָט זיי דערקלערט, אַז ווידעראַמאָל האָבן די סאָנים פֿון פּראַוואָסלאַוויע — ווי פֿון רוסלאַנד בּיכלל — זיך פֿאַרשוואוירן אויפֿן געליבטן פֿאָטערלאַנד, קעדיי עס אונטערצויאָכן און פֿאַרשקלאַפֿן...

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, גענומען אַ גלעזל קאָניאַק, אַ זופּ געטאָן, און מיט פּאַטאָס אויסגערופֿן:

— מײַנע פֿרײַנט, עס איז דעריבער דער הייליקער כּיוו פֿון יעדן רוסישן אונטערטאַן — אָפּגעזען פֿון אײנעמס גלויבן און רעליגיע — זיך אַרײַנצוּוואַרפֿן מיט לײַב און לעבן, מיט דער גאַנצער נעשאָמע און פֿאַרמעגן, אין קאַמף צו העלפֿן באַזיגן די אומווירדיקע סאָנים פֿון אונדזער ליבן פֿאָטערלאַנד!...

די פֿאַרזאַמלטע האָבן ווידער גענומען צו גלעזלעך קאָניאַק, און באָגדאַנאָוו איז צוגעטראָטן צום איניען, וועגן וואָס ער האָט די מענטשן געבעטן קומען. ער האָט דערקלערט, אַז ער האָט אויסגעקליבן זיי — די אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים און סאָכרים פֿונעם שטעטל — זיי זאָלן אָרגאַניזירן אויפֿן קומענדיקן שאַבעס אינדערפֿרי אַ מאַניפֿעסטאַציע פֿון דער באַפֿעלקערונג, קעדיי אַרויסצורופֿן בײַ זיי אַ פּאַטריאָטישן אויפֿשוואונג, אָן וועלכן קיין שום מילכאָמע קאָן ניט געפֿירט ווערן און זיכער ניט געוואונען ווערן:

— איך בין זיכער, גאָספּאָדאַ, — האָט ער צום סוף צוגעגעבן, — אַז איר וועט טאָן אַלץ אין אײַערע קויכעס, צו זען אַז די מאַניפֿעסטאַציע בײַ אונדז אין שטעטל זאָל זײַן אַזוי אימפּאָזאַנט, אַזוי פּאַטריאָטיש, אַז מיר זאָלן זיך ניט דאַרפֿן שעמען פֿאַר אָמסק!... מײַנע הערן, עס איז איצט אין אײַערע הענט. איר וועט דאַרפֿן זען, אַז צו אָט־דער מאַניפֿעסטאַציע זאָלן אַרויסקומען קינד און קייט, גרויס און קליין, יונג און אַלט — אײַערע ווײַבער און קינדער און — דער איקער — יעדער אַרבעטער און אָנגעשטעלטער אײַערער!... אישים דאַרף אַרויף אויף דער מאַפּע פֿון רוסלאַנד ווי אַ פּאַטריאָטישע שטאָט!...

שאַבעס אינדערפֿרי — עס איז געווען אַ טריבעדיקער טאָג, און די אַרויס־געהאָנגענע דרײַ־קאָלירנדיקע פֿענער זענען געהאַנגען ווי שמאַטעס איבער די קראָמען און פֿון די פֿענצטער פֿונעם שטעטל — האָט דער ציווילער אוילעם זיך אָנגעהויבן אײַנזאַמלען אויפֿן פּלאַץ לעבן דעם מאַרק. אויף דער אַנדערער זײַט, צום שטאָט־גאָרטן צו, האָט זיך אויסגעשטעלט אײנער פֿון די צוויי באַטאַליאָנען פֿונעם סיבירער שיסער־פּאָלק, וואָס איז געשטאַנען אויף לאַגער הינטער דער שטאָט. לעבן דעם באַטאַליאָן איז געשטאַנען אַ העלפֿט פֿונעם פּאָלק־אָרקעסטער און געשפּילט מאַרשן איינעם נאָכן אַנדערן... ווי פֿון אונטער דער ערד האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אַ היפּשע גרופּע גאַלאָכים פֿון די עטלעכע קלויסטערס אינעם שטעטל, —

מיטן בישאָפּ בעראָש און אַ צאָל דיאַקאָנס הינטער זיי. אַלע — אין ווייסע קיטלען מיט שפּיצן, און טראַגנדיק הייליקע פענער, גאָלדענע איקאָנעס און גרויסע צלאָמים, — זענען זיי מיט געלאַסענע טריט געגאַנגען איבערן פּלאַץ, אין פאַרנט פון שטייענדיקן אוילעם. דער בישאָפּ האָט מיט נאַכלעסיקע באַוועגונגען געטונקען אַ באַרשט אין אַ שיסל „געהייליקט" וואַסער, וואָס אַ דיאַקאָן האָט נאָכגעטראָגן, און דערמיט באַשפּריצט די מענטשן, פּרעפּלענדיק דערביי עפּעס אַ טפילע, צו דער באַגלייטונג פון אַ כאָר אינגלעך אין ווייסע ריאַסעס און מיט גרויסע, ברע־נענדיקע לעכט אין די הענט...

באַלד זענען — רייטנדיק אַף פערד — אָנגעקומען דער פּאָליציימייסטער באַג־דאַנאָוו און דער קאָמאַנדיר פון דעם באַטאַליאָן — אַ דיקער פּאָדפּאָלקאָווניק אין אַ פּאַראַדנעם מונדיר. עס האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע: „סמירנאָ!", און דער גאַנצער אוילעם איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן... באַגדאַנאָוו — זיצנדיק אפן פערד, וואָס האָט זיך געדרייט אונטער אים — האָט מיט אַ הילכיקער שטימע און אין אַ געהאַקטן ריטם, לויטן מיליטערישן שטייגער, — גענומען רעדן צום אוילעם:

— געערטע דאַמען און הערן, איינוואוינער פון אישים, טייערע פריינט!... די מילכאָמע, וואָס מיר האָבן ניט געוואָלט, האָט זיך שוין פאַקטיש אָנגעהויבן!... די פאַרשאָלטענע דייטשן האָבן זי אַף אונדז אַרויפגעצוואונגען!... איצט דאַרפן מיר, אַלע רוסלענדישע אונטערטאַנען, זיך פאַראייניקן ווי איין מענטש, צו העלפן געווינען די מילכאָמע!... מיר זענען ניט אַליין אין דעם קאַמף!... מיר האָבן גרויסע און מאַכטיקע פאַרבינדעטע!... ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, — שטייען שוין צוזאַמען מיט אונדזערע רומפולע רוסישע אַרמייען — גרייט צום קאַמף קעגן די סאָנים אונדזערע!... בעקאַרעוו וועט אויך אַמעריקע, וועלכע איז שוין איצט אַף אונדזער צאַד, — זיך אַריינוואַרפן אין שלאַכט און... מיר וועלן זיגן!...

— הוראַ! — האָט עמעצער פון ערגעץ אויסגערופן, ווי צו שליסן באַגדאַ־נאָווס רייד. — הוראַ!...

— הו־ראַ־אַ־אַ! — האָט אַ מעטושטעש־צעשוואומענער אָפּרוף פון אוילעם אָפּגעענטפערט ווי אין אַ צעפּאַלענעם עכאָ, און דער אָרקעסטער האָט אויסגע־שפּילט „באָזשע־צאַריאַ־כראַני..."

נאָך דעם האָט דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר — אויך זיצנדיק אַף זיין פערד — גענומען רעדן צום ציווילן אוילעם:

— מיינע פריינט! — האָט ער מאַמעש געשריגן אַף די העכסטע טענער. — אין נאָמען פון די סאָלדאַטן וויל איך אייך פאַרזיכערן, אַז מיר, די באַוואָפנטע קויכעס פון לאַנד, זענען גרייט צו וואַרפן זיך אין קאַמף קעגן דעם סוינע, באַלד ווי מיר וועלן נאָר דעם באַפעל קריגן!... מיר זאָגן אייך צו, אַז מיר וועלן ניט אָפּטרעטן ביז מיר וועלן ניט האָבן צעשמעטערט דעם ווילדן סוינע, — דעם אָנפאַלער אַף אונדזער הייליק לאַנד!...

געענדיקט די רייד, האָט ער זיך אַ שטייף־אויס געטאָן אפֿן זאָטל, זיך אויסגעדרייט מיטן פֿערד צום באַטאַליאָן און צוגעוואָרפֿן אַ געהאַקטן באַפֿעל:
— באַטאַליאָן — אין אָפּטייל־רייען — גרייט זיך צום מאַרש!...

די ראָטע־קאָמאַנדירן — קאַפּיטאַנען אין ראַנג — האָבן איבערגעכאַזערט דעם באַפֿעל אָרונטערצו, צו די פּאָרוטשיקעס — די זוואָד־קאָמאַנדירן, יענע — צו די אונטער־אָפֿיצירן — די עלטסטע פֿון די אָפּטיילן, און באַלד האָבן די סאָלדאַטן זיך איבערפֿאָרמירט און אויסגעשטעלט אין די געהעריקע אָפּטייל־רייען — צו אַכט אין אַ שורע. דער אָרקעסטער האָט צוגעמאַרשירט און זיך געשטעלט אין סאַמע מיטן פּלאַץ, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאַראַד, — אַ קורצער מאַרש איבערן מאַרק־פּלאַץ, אפֿן וועג צו דער הויפּט־גאַס, וואו די געשעפֿטן זענען געווען געשלאָסן צוליב דער מאַניפֿעסטאַציע...

באַלד נאָכן פּאַראַד האָט זיך אָנגעהויבן די מאַניפֿעסטאַציע. איבער דעם זעלביקן וועג, אַרום און אַרום דעם מאַרק־פּלאַץ, האָט מאַרשירט דאָס בירגער־טום פֿונעם שטעטל, — איינגעטיילט אין גרופּעס לויט זייערע קירכעס, אָדער די באַשעפֿטיקונגען, — טראָגנדיק מאָסן דריי־קאָלירנדיקע פֿענדלעך, קליינע היי־מישע איקאָנעס, פֿאַרשידענע טראַנספּאַראַנטן מיט פּאַטריאָטישע אויפֿשריפֿטן, און פּלאַקאַטן מיט קאַריקאַטורן פֿון דייטשישן קייזער. מוזיק־קלאַנגען — געמישט מיט פּאַטריאָטישע אויסרופֿן און הוראַ־געשרייען אַלט ענטפֿערס — האָבן פֿון צייט צו צייט אַ פֿאַרהילך געטאָן די הויפּט־גאַס און זיך אָפּגעטראָגן אין די זייטיקע געסלעך אַריין, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ שאַרפֿע שטילקייט אויף אַ ווייל, ביז עס האָט זיך אַ ריס־דורך געטאָן אַ נייער אויסרוף... עס איז געווען קלאָר צו זען, אַז דער ענטוזיאַזם איז געווען אַן אויבנאויפֿיקער, אַ מיטגעריסענער, און אַז טיף אין די הערצער ביי דאָס ראָוו פֿון אוילעם האָט געוויינט אַ שטילער, באַהאַלטענער טרויער, אַ פּיינלעכע שרעק... די איינציק־עמעסדיקע דערהויבנקייט האָט זיך געטראָגן פֿון די מינדער־יעריקע קינדער, פֿאַר וועלכע די גאַנצע פּראָ־צעסיע איז פֿאָרגעקומען ווי עפּעס אַ זעלטענער יאָנטעוו...

די פּראָצעסיע האָט זיך באַוועגט זייער פּאַמעלעך, טריט ביי טריט און פֿויל — ווי אָן לעבן. עס האָט גענומען אַ שטיק צייט ביז אַלע זענען אַרויס אויף דער הויפּט־גאַס און צוגעקומען צו דער ספּעציעל־אויפֿגעשטעלטער און מיט פֿענער־באַפּוצטער פּלאַטפֿאָרמע, אין פֿאָרנט פֿון האָטעלעכל, וואו עס זענען שוין געשטאַנען די גאַנצע נאַטשאַלסטווע און די ציווילע „פּניי" פֿונעם שטעטל — צו־זאַמען מיט זייערע אויסגעפּוצטע ווייבער... באַלד ווי אַ געוויסע גרופּע איז אָנ־געקומען צו דער פּלאַטפֿאָרמע, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, און איינער פֿון דער נאַטשאַלסטווע, אָדער פֿון די ציווילע אָרגאַניזירער, האָט גענומען רעדן צו דער געגעבענער גרופּע, רופֿנדיק זי צו אַקציע און פּאַטריאָטישע קאָרבאָנעס...

הינטער אַלעמען, עפּעס נאָך ווי אָרעמעלייט אויף אַ פֿרעמדער, רייכער כאַסענע,

האָט זיך געשלעפּט די אידישע גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון די אָרום צוויי צענדליק אידישע איינוואוינער אינעם שטעטל, — בעראָש מיט דעם קליינגע־וויקסיקן מעבל־סויכער כאַראַשוכין. ער, כאַראַשוכין — ווי דער גאַבע פון דעם שולעכל — האָט געטראָגן אַ סייפער־טוירע קימאַט אַזוי גרויס ווי ער אַליין, — אַ באַפּוצטע מיט אַ געגילדעטער, גלעקלדיקער קרוין, און אויסגעצירט אין אַ שניי־ווייס סאַמעטן מענטעלע, וואָס מען פלעגט אָנטאָן בלויז אין די הייליקע טעג — ראָשאַשאָנע און יאָמקיפּער...

ווען די אידישע גרופּע איז אָנגעקומען צו **דער** פּלאַטפאָרמע, האָט כאַראַ־שוכין צוגעטראָגן די סייפער־טוירע צו נאַטשאַלסטווע, זיך פאַרנייגט און — צוזאַמען מיט זיך — אויך טיף געבוקט די סייפער־טוירע פאַר זיי... קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו איז צוגעטראָטן, האָט זיך צוגעבויגן צו דער סייפער־טוירע, און אַ קוש געטאָן דעם גאָלדענעם מאָגן־דאָוויד, וואָס איז געווען אויסגעהאַפטן אַפן מענטעלע. נאָך דעם איז ער האַסטיק צוריקגעטראָטן, אויפגעהויבן אַ האַנט און גענומען הילכיק ווי אויסדעקלאַמירן:

— אינעם נאָמען פונעם צאַר־פאָטערל, אין נאָמען פון גאַנץ רוסלאַנד, וויל איך דאָ פאַרזיכערן אונדזערע אידישע אונטערטאַנען, אַז פון איצט אָן וועט זיך אויך פאַר זיי אָנהויבן אַ ניי לעבן אין רוסלאַנד!... מיר, דאָס גאַנצע לאַנד, אַלע פּראַוואָסלאַוונע מענטשן, — האָט ער כניפעדיק גערעדט, — וועלן מיט פריינטשאַפט און ברידערלעכקייט אָפּצאָלן די אידן פאַר זייער געטריישאַפט, פאַר זייער איבערגעגעבנקייט צום באַליבטן פאָטערלאַנד!... גאָט וועט בענטשן אונדזער אַלעמענס באַליבטע, רומפולע אַרמיי און אירע קאָמאַנדירן, — הוראַ!...

— הו־ראַ! — האָט דער אוילעם, שוין מיד פון גאַנג, אונטערגעכאַפּט.

באָגדאַנאָוו האָט באַדאַנקט דעם אוילעם פאַר זייערע פּאַטריאָטישע געפילן, און זיי געהייסן זיך פאַנאַנדערגיין אַהיים. דער אָרקעסטער האָט ווידעראַמאָל גע־נומען שפּילן אַ מאַרש און דער אוילעם האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפאַלן. אין עטלעכע מינוט צייט איז די הויפּט־גאַס און דער מאַרק געווען אינגאַנצן אָפּגע־ליידיקט פון מענטשן, אַקוראַט ווי קיינער וואָלט דאָרט קיינמאָל ניט געווען. עס האָט אויסגעזען, אַז אַלץ איז ווידער פרידלעך, אָן אַ צייכן פון אומרו...

מאָנטיק אינדערפרי האָבן זיך איבערן שטעטל אָנגעהויבן באַווייזן גרופּקעס מאַרשירנדיקע ציווילע מענער פון פאַרשידענעם עלטער. עס זענען געגאַנגען שטעטלשע און דאָרפישע מענטשן, — באַלמעלאָכעס, אַרבעטער און פּויערים. פיל פון זיי מיט גרויסע בערד און אונטערגעקאָסעטע קוטשמעס האָר; טייל אָנגעטאָן אין שטיוול און אַנדערע — אין לאַפּטשעס. עס זענען אויך געווען אַ צאָל יונגע אינגלעך... אַלע — מיט קלומיקלעך, אַלטע וואַליזקעס אָדער קעסטלעך אויף די פּלייצעס — האָבן זיך געצויגן צו אַ באַשטימטן הויף אויף דער מאַרק־גאַס, וואו עס האָט זיך געפונען דער מאָביליזאַציע־פּונקט פון געגנטלעכן וואָינסקע־נאַ־

טשאַלניק... דאָרט האָט מען יעדן איינעם פון זיי פאַרשריבן, אַרויסגעגעבן פאַר אַ טאָג שפּייז, צוזאַמען מיט עטלעכע קאָפּיקעס געהאַלט, און זיי — גרופּעסווייז — געשיקט מאַרשירנדיק צום וואָקזאַל, אַף זייער וועג קיין אָמסק, צום גובערנסקע וואָינסקע־נאַטשאַלניק...

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו, — דער פּאָליציימייסטער, — אַרויסגעשיקט אַ באַפעל צו אַלע פּאָליטיש־פאַרשיקטע אונטער זיין יוריסדיקציע, אַז זיי זאָלן אַלע צוקומען אין אַ געוויסן אָוונט, נאָך דער אַרבעט, צו אים אין דער פּאָליציי־סטאַנציע. גערופן האָט ער אַלעמען — אָנגעהויבן פון קוסינען, וועלכער איז שוין געווען אין די פריע פופציקער, ביז צו סאַמסאָנען, דעם סאַמע אינגסטן, איינגעשלאָסן אויך אַלע פרויען צווישן זיי — מיטן האַרבן אָנזאָג, אַז פאַר ניט קומען וועט מען שטרענג באַשטראָפט ווערן...

דעם געהעריקן אָוונט, צו דער באַשטימטער צייט, זענען אַלע געקומען און זיך פאַרזאַמלט אין גרויסן צימער פון דעזשורנע־נאַדזיראַטעל. קיין ספּעציעלע בענקלעך זענען ניט געווען צוגעגרייט און דאָס ראָוו פון די פאַרזאַמלטע איז דעריבער אויסגעקומען צו שטיין, אָדער זיך בייטן צווישן זיך מיט די עטלעכע בענקלעך, קעדיי אַף עטלעכע מינוט די פיס אָפּצורוען...

נאָכן אָפּוואַרטן אַ היפּש שטיקל צייט, האָט דער דעזשורנע־נאַדזיראַטעל, — וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין דער טיר און אַרויסגעקוקט אין פאָרהויז אַריין, — זיך מיטאַמאָל אַ דריי־אויס געטאָן צום אוילעם און, אפן מיליטערישן שטייגער, אַ קאָמאַנדע געטאָן: „סמירנאָ“!... אַלע האָבן זיך אַ שטעל־אויף געטאָן. קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו — אַן אויסגעפּוצטער אין זיין פּאַראַדנע מונדיר, ווי צו אַ יאָנטעוו — איז אַריינגעקומען און, ניט־אומקוקנדיק זיך אַפילע אַף די פאַרזאַמלטע, זיך געלאָזט צום נאַדזיראַטעלס שרייב־טיש. דער פּאָליציאַנט גאַלאַשין — הינטער אים — האָט נאָכגעטראָגן באָגדאַנאָווס קאַנצעלאַריע־שטול און זי אַוועקגעשטעלט אויבן־אָן, הינטערן שרייב־טיש. באָגדאַנאָוו האָט אויסגעטאָן דאָס היטל, זיך אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט געזוכט עמעצן צווישן די פאַרזאַמלטע, און — אַוועקזעצנדיק זיך — אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— זעצט זיך, גאָספּאָדאַ, און האַלט זיך פריי, איך בעט אייך!...

ער האָט אַ וויש געטאָן הין און צוריק איבער די וואָנצעס, געכאַפּט בעאייס דעם אַ זייטיקן קוק אַף ליובען, וועלכע איז געשטאַנען אַן אָנגעשפּאַרטע ביי דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, און ער האָט — ווי נערווירנדיק — אַ ברום געטאָן צום דעזשורנע־נאַדזיראַטעל:

— דעזשורנע פּאַוולענקאָ, פאַרוואָס האָט איר ניט געזען צו באַזאָרגן, אַז עס זאָלן זיין צוגעגרייט בענקלעך פאַר די דאַמעס?!...

דאָס רויט־אָנגעדראָלענע פּאָנים, פּאַוולענקאָס, איז נאָך רויטער געוואָרן און ער האָט גענומען שווער אָטעמען מיט זיין גראָבער נאָז, זוכנדיק ווי צו פאָר־

ענטפערן זיך. באַגדאַנאָוו האָט מער ניט געקוקט אױף אים, נאָר זיך אַ ווענד געטאָן צו גאַלאַשינען און צו נאָך אַ פּאָר פּאַליציאַנטן, וואָס זענען גראָד געווען דאָרט, און בייז אויסגעשריגן צו זיי:

— באַלוואַנעס אַזעטיקע! גייט און ברענגט מיר גלייך אַהער בענקלעך פון די אַנדערע צימערן! זאָלן כאָטש די פּרויען האָבן אױף וואָס צו זיצן!...

די פּאָליציאַנטן זענען זיך גלייך אַ צעלויף געטאָן איבער די דערבייאיקע צימערן און באַלד געבראַכט צו טראָגן צו עטלעכע בענקלעך, וואָס זיי האָבן צוגעטראָגן צו די שטייענדיקע פּרויען. יענע האָבן זיך אָבער ניט אָוועקגעזעצט, אָפּאַנים אויס פּראָטעסט, פאַרוואָס מען לאָזט די מענער אָן בענקלעך...

באָגדאַנאָוו, באַמערקנדיק דעם ספּאָנטאַנעם פּראָטעסט־אויסדרוק, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מאַשמאָעס געטראַכט, צי זאָל ער הייסן ברענגען נאָך אַ צאָל בענקלעך פאַר די מענער, אָדער לאָזן עס גיין אַזוי. און באַלד — האָבנדיק, זעט אויס, באַשלאָסן, אַז נישקאָשע, עס מעג זיין ווי עס איז, — זיך אויסגעהוסט און, גלייך ווי גאָרניט, אָנגעהויבן רעדן:

— מיינע ליבע דאַמען און הערן! איך פאַרשטיי, אַז איר מוזט זיך אָוואַדע וואונדערן, נאָך וואָס און וועגן וואָס איך האָב אייך איינגעלאַדן אַהער. פיל פון אייך מוזן מיסטאָמע טראַכטן: „נו, און אַז עס איז מילכאָמע, וואָס האָט עס צו טאָן מיט אונדז? מיר זענען דאָך פּאָליטיש־פאַרשיקטע און מיר געהערן זיך גאָר ניט אָן דערמיט...“ וויל איך אייך דערויף גלייך זאָגן, מיינע פריינט, אַז עס איז ניט אַזוי... איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיר לעבן איצט איבער אַ זייער קריטישע צייט און עס איז דעריבער אַלעמענס כויוו צו העלפן פאַרטיידיקן אונדזער באַליבט פאָטערלאַנד!... יאָ, עמעס, געווייינטלעך ווערן קיין פּאָליטישע פאַרברעכער ניט אָנגעטרויט מיט אַזעלכע זאַכן... איך, אָבער, האָב נאָכגעפאָלגט דעם אויפפיר פון יעדן איינעם פון אייך, און האָב זיך איבערצייגט, אַז איר אַלע — מיט גאָר קליינע אויסנאַמעס און מיט גאַנץ מינדערוויכטיקע זאַכן — האָבן זיך דאָ, אין פאַרשיקונג, אויפגעפירט אָרנטלעך און גוט, ניט פאַרשאַפן מיר און זיך אַליין וועלכע עס איז שאַרפע אומאַנגענעמלעכקייטן, אָדער מיספאַרשטייעניש... איך האָב דעריבער באַטראַכט די זאַך און בין געקומען צום באַשלוס, אַז איר, יעדער איינער פון אייך, וועט קאָנען נוצן־ברענגען אונדזער באַליבט פאָטערלאַנד אױף אַ פיל־בעסערן אויפן איידער דורך גלאָט זיצן דאָ, אױף פאַרשיקונג, און גאָרניט טאָן פאַר דעם... איך בין זיכער, אַז איר קאָנט און ווילט באַווייזן מיט אַקטועלע מאַיסים אייער געטריישאַפט צו אייער אייגענעם לאַנד, און אַז איר זענט גרייט אױף אַ ווירדיקן אויפן אויסצוקויפן אייער פריערדיקבאַגאַנגענע זינד קעגן דעם צאַר־פאָטערל און דעם באַליבטן פאָטערלאַנד!...

ער האָט ווידער אַ וויש געטאָן פריער איין העלפט, דערנאָך די צווייטע פון זיינע צעפלאָשעטע וואָנצעס, שטיל אַ ברום געטאָן, ווי ער וואָלט געטראַכט וואָס

ווייטער צו זאָגן, אַ זופּ געטאָן אַביסל וואַסער פונעם גלאָז, וואָס גאַלאַשין האָט אים צוגעטראָגן, און פאַרגעזעצט:

— אַלזאָ, מיינע ליבע דאַמען און הערן, מיינע פריינט! איך האָב דעריבער די טעג אָוועקגעשיקט אַ רעפּאָרט וועגן דעם צו די געהעריקע אינסטאַנצן, צוזאַמען מיט אַ באַקאַשע, מען זאָל אייך, יעדן איינעם פון אייך, שענקען אַן אַמנעסטיע, אָדער לעכאָל־האַפּאָכעס פאַרקלענערן דעם פאַרשיקונג־טערמין. איך — פון מיין זייט — וועל פּערזענלעך יעדן איינעם פון אייך אַרויסגעבן אַ באַשטעטיקונג פון גוטן אויפפיר און... די מענער צווישן אייך — אין די געהעריקע יאָרן, פאַרשטייט זיך — וועלן דאַן קאָנען און דאַרפן זיך צושטעלן צום וואָינסקע־נאַטשאַלניק, וואו איר וועט אונטערזוכט ווערן און — אויב אָנגענומען — אָנגעשלאָסן ווערן אין די רייען פון די רומפּולע, העלדישע רוסישע אַרמייען, קעדיי מיט פייער און שווערד מיטצוהעלפן פאַרטיידיקן דאָס באַליבטע לאַנד אונדזערס!... די עלטערע צווישן אייך, די צוריקגעוויזענע, און די פרויען ביכלאַל, וועלן קאָנען צוטראָגן זייער ביישטראָג צום אַלגעמיינעם קאַמף דורך אָנשליסן זיך און אַרבעטן אין די פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אָגענטורן, ווי לעמאָשל: אין „רויטן קרייץ", אין „זעמסקע־סאָיוז", אָדער אַנדערע ענלעכע טעטיקייטן, און דורך דעם העלפן די קעמפנדיקע שלאַכטמענער לייכטער דורכצופירן זייערע אויפגאַבעס צו באַקעמפן און פאַרטיליקן דעם סוינע אפן שלאַכטפעלד!...

ער האָט אַ וואונק געטאָן צו פּאַוולענקאָ, — דעם דעזשורנע נאַדזיראַטעל, און יענער האָט אים דערלאַנגט אַ פּעקל מיט פּאַפּירן. באַגדאַנאָוו האָט דאָס צעעפנט, דערקלערנדיק בעאייס דעם, אַז דאָס זענען די באַשטעטיקונגען פון גוטן אויפפיר, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר אַלעמען. דערנאָך האָט ער איינציקווייז אַרויסגענומען פונעם פּעקל אַ פאַרשריבענעם בויגן, איבערגעליינט דעם נאָמען דערויף און עס איבערגעגעבן איינעם פון די פּאָליציאַנטן, ער זאָל דאָס צוטראָגן און איבערגעבן דער געהעריקער פּערזאָן צווישן די פאַרזאַמלטע...

נאָכן אויסטיילן יעדן איינעם זיין „אַטעסטאַט", האָט קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו זיך אויפגעשטעלט, גאַלאַנט אַ סאַלוטיר געטאָן און געזאָגט:

— איצט, מיינע פריינט, זענט איר פריי זיך פאַנאַנדערצוגיין! איך האָף, ביין, איך מעג זאָגן — איך בין זיכער, אַז איר וועט וויסן ווי אָפּצושאַצן די דאָזיקע „אַטעסטאַטן" און זיך פלייסן ניט צו מאַכן קיין ליגנער פון מיר!...

די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אויך אויפגעשטעלט און, שווייגנדיק, זיך איבערגעקוקט צווישן זיך, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן — מיט די בליקן זייערע — געוואָלט איינער דעם צווייטן איבערגעבן דעם כשאַד וועגן די מאָטיוון פון פּאָליציימייסטערס האַנדלונג און דעם באַדייט פון זיינע רייד. זיי האָבן געקוקט אף די „אַטעסטאַטן" ביי זיך אין די הענט, ווי זיי וואָלטן געטראַכט וואָס צו טאָן מיט אָט די דאָזיקע פּאַפּירלעך... דער קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו — און, נאָך אים, דער פּאָליציאַנט גאַ־

לאַשין, נאָכטראָגנדיק אים זיין שטול — האָט זיך אַ לאָז געטאָן צוריק צו זיך אין קאַבינעט אַריין, גייענדיק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ניט אומקוקנדיק זיך אויף די פּאַרזאַמלטע, פּונקט ווי ער וואָלט אויף זיינע פּלייצעס געפּילט דאָס שאַרף־גליענדיקע פייער פון זייערע שניידנדיקע בליקן...

די פּאַרזאַמלטע האָבן זיך גענומען פּאַנאַנדערגיין. שוין ביי דער אַרויסגאַנג־טיר פון דער פּאָליציי־סטאַנציע, האָט אַ פּאָליציאַנט, — וועלכער איז אָפּאָנים ספּעציעל אָנגעשטעלט געוואָרן צוליב דעם, — פּלוצים פאַרהאַלטן שימשלען און אים, אין פּאָליציימייסטערס נאָמען, באַפוילן אַריינצוגיין אין יענעמס קאַבינעט אַריין, וואו ער וויל אים פּערזענלעך זען:

— זיצט, סאַמסאָן! — האָט באַגדאַנאָוו מיט איבערטריבענער העפלעכקייט אָנגעוויזן שימשלען אַ שטול אַזוי ווי ער איז נאָר די שוועל אַריבערגעטראָטן. — זיצט, איך בעט אייך, און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס!...

שימשל — אַ פאַרכידעשטער — האָט זיך צוגעזעצט אויפן ברעג שטול. ער האָט ניט געקאָנט באַגרייפן פאַרוואָס באַגדאַנאָוו האָט אים, בלויז אים אַליין, אַריינגע־רופן צו זיך אין קאַבינעט אַריין, און וואָס אַזעלכעס ער וויל עס אים זאָגן. באַגריפן האָט ער בלויז איין זאַך: אַז עס מוז אַוואַדע זיין עפּעס אין שאַיכעס מיט דעם פריערדיקן פּאַסקודנע שטיקל אַרבעט, וואָס ער האָט איבער די פּאַרשיקטע דורכ־געפירט... ער האָט זיך אָבער אָנגעשטרענגט ניט אַרויסצואווייזן פאַר באַגדאַנאָוון דעם מינדסטן נייגער, אָדער אומגעדולד. ער האָט אָנגעצויגן אַ גלייכגילטיקע מינע אויפן פּאָנים אַרויף און געדולדיק געוואַרט ביז יענער האָט אָנגעהויבן רעדן...

— איר כידעשט זיך אַוואַדע, סאַמסאָן, נאָך וואָס איך האָב אייך פאַרבעטן צו זיך אין קאַבינעט אַריין. — האָט קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו מיט אַ כיטרע שמייכעלע געלאָזן אויסגעצויגן. — אָט וועל איך עס אייך גלייך זאָגן, מיין פריינט!... איך האָב אייך גערופן צוליב אַ דערקלערונג, וואָס איך וויל מאַכן פאַר אייך, קעדיי עס זאָל ניט אויסקומען קיין מיספאַרשטייעניש. ווי עס זעט אויס, מיין פריינט, וועט איר — עפשער מיט נאָך אַ פּאָר פון אייער גרופּע — זיין צוגעפּאַסט אָנגע־נומען צו ווערן אין מיליטער־דינסט. די אַנדערע, איז קלאָר, זענען אָדער שוין אַריבער די געהעריקע יאָרן, אָדער זענען ביכלאַל ניט ביים בעסטן געזונט... איז אָט וועגן דעם וויל איך טאַקע רעדן מיט אייך...

ער האָט מאַנירלעך זיך אַ וויש געטאָן איבער די וואָנצעס, ווידער פּראָבירט פאַרלייגן שימשלען זיינס אַ פּאַפּיראָס צו רויכערן, און דאַן געזאָגט:

— יאָ, מיין פריינט, איך וואָלט זייער ניט וועלן, אַז עס זאָל ביי אייך, אָדער ביי וועמען עס איז פון אייערע, אויסקומען עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט געזוכט זיך אָפּצורעכענען מיט אייך פּערזענלעך און דעריבער...

שימשל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געקנייפּט זיין אונטערשטע ליפּ מיט די פינגער. באַגדאַנאָוו איז אָנגעגאַנגען:

— איך פאַרזיכער אייך, מיין פריינט, אַז דאָס איז ניט דער פאַקט. דער עמעס איז דאָך, סאַמסאָן, אַז ווען איר וואָלט ניט געווען קיין פּאָליטיש־פאַרזיכ־דיקטער, — האָט באַגדאַנאָוו, מיט אַ זייטיק קוקעלע, כיטרע אויסגעצויגן. — ווען איר וואָלט ניט געווען, ווי עס ווערט אָנגערופן, אַ פּאָליטיש־אומגעטרויבאַרער, וואָלט איר, נאָך פאַרן סאָף פון פאַר צוויי יאָר צוריק, — עטלעכע כאַדאָשים נאָך אייער איין־און־צוואַנציקסטן געבוירנטאָג, — זיך געדאַרפט צושטעלן צום פּריזיוו, ווי יעדער יונגערמאַן אין אייער עלטער, און איר וואָלט זיכער געווען געקראָגן די פּריווילעגיע צו דינען דעם צאַר און דאָס פאָטערלאַנד אין די רייען פון דער רומפולער רוסישער אַרמיי, באַגלייך מיט מיר און נאָך אַנדערע מיליאָנען רוסלענדישע מענטשן... אָבער איר אַליין — דורך אייער פּאָליטישער האַנדלונג — האָט זיך באַרויבט פון אָט־דער פּריווילעגיע... איצט זענט איר שוין אין אייער פיר־און־צוואַנציקסטן יאָר און... עס וואָלט זייער ניט פיין געווען פון מיין זייט, ווען איך וואָלט אייך ניט געהאָלפן צוריקגעווינען די רעכט; ווען איך זאָל אייך ניט געבן די געלעגנהייט צו באַווייזן, אַז אייער פריערדיקע פּאָליטישע טעטיקייט איז געווען בלויז, ווי זאָל איך עס אָנרופן, אַ יוגנטלעכע בלאָנדזשעניש, אַ צייטווייליקע פאַרכאַפּטקייט פון שיין־קלינגענדיקע, אָבער פּוסטע אידעאַלן, וואָס זענען פרעמד דעם רוסישן גייסט, דעם רוסישן מענטשן, און אַז איר זענט איצט גרייט אַרויסצואַווייזן אייער ליבשאַפט און געטריישאַפט צו אייער געבורט־לאַנד, ניט ווינציקער ווי אַלע אַנדערע רוסישע אונטערטאַנען!...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען אַרומשפּאַצירן איבערן צימער, און באַלד — צוטרעטנדיק צו שימשלען פון הינטן — אַוועקגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל און, מיט געמאַכטער פריינטלעכקייט, ווייך אַ זאָג געטאָן:

— איך האָף, סאַמסאָן, אַז איר וועט מיר זיין אַ גוטער פריינט דערפאַר!...

שימשל האָט אַלץ געקוקט מיט אַ געפּרווירן פּאָנים אויף באַגדאַנאָוון און זיך געמאַכט ווי ער וואָלט אַפילו ניט געזען יענעמס אויסגעשטרעקטע האַנט צו אים. ער האָט בלויז אַ פרעג געטאָן, צי באַגדאַנאָוו האָט אים נאָך עפּעס צו זאָגן, און — גלייך ווי יענער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז שוין פריי צו גיין — אָן אַ וואָרט זיך פאַרנומען פון קאַבינעט. ער איז אַוועק אַהיים, וואו ליובע און די אַנדערע פאַרשיקטע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אים, צו הערן וואָס באַג־דאַנאָוו האָט געוואָלט פון אים...

ליובע איז געווען שטאַרק צעוויטיקט. נאָך פריער, בעאייס באַגדאַנאָוו האָט גערעדט צו אַלעמען, האָט זי קלאָר געזען די פאַלשע שטעך און האָט פאַרשטאַנען וואָס ער צילט צו דערגרייכן. איצט, אָבער, נאָך יענעמס פאַרזוך צו פאַרגלעטיקן דעם איניען מיט פריינטלעכע דערקלערונגען צו שימשלען, האָט זי קיין צווייפל ניט געהאַט, אַז באַגדאַנאָוו האָט אויף אַזאַ אויפן זיך פאַרנומען אָפּצורוימען פון וועג שימשלען, זיין קאָנקורענט, קעדיי ער אַליין, ווי ער רעדט זיך איין, זאָל

האָבן אַ לייכטערן צוטריט צו איר... זי האָט אָבער גאָרנישט ניט געזאָגט, ווייל זי האָט ניט געוואָלט אויפרודערן שימשלען, שאַפן אַ פּאַרדראָס ביי אים וועגן דעם גאַנצן איניען און אַרויסרופן אומזיסטיקע זאָרג ביי אים וועגן זייער ליבע... זי האָט אים נאָך אַלץ ניט געוואָלט דערציילן וועגן קאַפּיטאַן באַגדאַנאָווס צושטייַן צו איר, וועגן זיינע ליבע־דערקלערונגען, קעדיי אים ניט ווי צו טאָן... זי אַליין האָט עס געהאַלטן פאַר אַ פאַרבייגייענדיקער זאַך, פאַר אַ דאָן־זשואַנישער האַנדלונג מיצאַד באַגדאַנאָוון, און קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז ער מיינט עס אַפילע ערנסט...

עטלעכע טעג שפּעטער האָט שימשל — צוזאַמען מיט נאָך אַ צאָל פּאַרשיקטע — געקראָגן אַ מעלדונג פון וואַינסקע־נאַטשאַלניק, זיך צוצושטעלן צום פּריזיוו...

עס האָט ניט גענומען קיין פולע דריי מינוט נאָכדעם ווי די צוויי דאָקטוירים האָבן אַ קוק געטאָן אויף שימשלען, מיקלוימערשט אויסגעהערט מיטן טרייבל זיין האַרץ און די לונגען, און זיי האָבן אַ מורמל געטאָן: „גאָדיען!" — דאָס הייסט, אַז ער איז טויגבאַר און ווערט אָנגענומען אַלס סאָלדאַט... אַ האַלבע שאָ שפּעטער האָט מען אים — צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע — איינגעשוואוירן אין דער קאַנצעלאַריע פון וואַינסקע־נאַטשאַלניק... נאָך דעם האָט מען אים פּרייגעלאָזט אויף צוויי טעג, קעדיי ער זאָל קאָנען ברענגען אין אָרדענונג זיינע פּערזענלעכע איניאָנים און זיך צוגרייטן אויף אָפּגעשיקט צו ווערן צום וואַינסקע־נאַטשאַלניק אין דער גובערניע־שטאָט, קיין אָמסק...

ליובע האָט שוין מער ניט געקאָנט באַהערשן איר צעוויטיקטקייט, און מער ניט געוואָלט באַהאַלטן פון שימשלען די פאַקטן וועגן באַגדאַנאָווס צודרינגלעכ־קייטן. זי האָט אים דערציילט, ווי יענער האָט זי געפּרואווט אָפּרעדן פון אים, ווי ער האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע, און — צום סאָף, האַלדזנדיק און קושנ־דיק שימשלען אין גרויס ליבשאַפט — מיט ספּאַזמעס אין קאָל געזאָגט:

— אָ, געליבטער מיינער, עס איז אַלץ איבער מיר!... איך בין שולדיק אין אַלעם, מיין טייערער!... ווען איך וואָלט ניט געווען קומען אין דיין לעבן אַריין, וואָלט באַגדאַנאָוון זיכער ניט איינגעפאַלן אַזאַ זאַך צו טאָן!...

שימשל, ווידער, — כאָטש אים אַליין איז אויך קלאָר געווען, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי — האָט אָבער געוואָלט דעם גאַנצן איניען צו־נישט מאַכן און אַלץ געפּרואווט צו באַרואיקן ליובען. ער האָט קלוימערשט אויסגעלאַכט איר גאַנצע טעאָריע און געזאָגט:

— איך גלויב ניט, מיין טייערסטע, אַז עס איז איבער דיר, צי איבער מיר! איך בין זיכער, אַז באַגדאַנאָוו האָט דאָס געטאָן בלויז צוליב איין זאַך. ער, ווי אַ „שקורע", וויל בלויז באַווייזן זיינע באַלעבאַטים, אַז ער דינט זיי געטריי און גראָבט אויס קאָנאָנען־פלייש פאַר זייער מילכאָמע...

יענע נאַכט האָט ליובע שוין ניט געלאָזט שימשלען אַוועקגיין צו זיך אין

זיין צימער אַריין. באַלד ווי מען האָט אָפּגעגעסן וועטשערע באַ יעוודאָקיען אין עס־צימער, האָט זי אים גענומען אונטערן אָרעם און איז אַריין מיט אים צו זיך, אין אירע צימערן, וואו זיי ביידע האָבן פאַרבראַכט אין ליבשאַפט און אין באַשמועסן פּלענער פאַר זייער ביידנס צוקונפט:

— וואָסער מאָדנע געדאַנקען־גאַנג אָט־די „דאָן־זשואַנס" האָבן עס! — האָט ליובע געזאָגט. — זיי רעדן זיך איין, אַז ווען זיי וועלן זיך נאָר גראָב אָפּ־רעכענען מיט דער פּערזאָן, וואָס שטייט זיי אין וועג צו געווינען די ליבע פון דער פרוי, וואָס האָט יענעם ליב, — וועלן זיי שוין דערמיט אַליין האָבן געעפנט פאַר זיך דעם וועג צו דער פרויס האַרץ... זיי פאַרשטייען ניט, אַז דורך אַזאַ האַנדלונג שאַפן זיי אַ נאָך־טיפערן אָפּגרונט צווישן זיך און דער געגעבענער פרוי, און רופן ביי איר אַרויס נאָך מער סינע צו זיך!...

זי האָט געקוקט טיף אין שימשלס אויגן אַריין, ווי זיך אַנצוזעטיקן מיט אים און זיין אויסזען, און צוגעגעבן:

— באַגדאַנאָוו רעדט זיך איין, אַז באַלד ווי דו וועסט נאָר אַוועק פון מיינע אויגן, אַזוי עפן איך גלייך מיין האַרץ פאַר אים און וואַרף זיך צו אים אין די אָרעמס אַריין... דאָס באַווייזט בלויז, טייערער מיינער, אַז אַ כוץ כוצפּע און רישעס, פאַרמאָגט ער אויך אַ סאַך טיפּשעס!... ער מיינט, אַז פּונקט ווי עס איז דעם אידישן קעניג דאָוויד געלונגען צו געווינען די ליבע פון באַס־שעווען, נאָכדעם ווי ער האָט איר מאַן אוריען אַוועקגעשיקט אויף דער מילכאָמע, אַזוי וועט אים געלינגען צו געווינען מיך, מיין ליבע... איך קאָן דיר אָבער שווערן, מיין איינציקער און אייביקער, אַז איך וועל קיין באַס־שעווע ניט זיין!... נאָך מער: איך פאַרזיכער דיך, אַז אויב פריער האָט ער נאָך אַמאָל געקראָגן מיינס אַ שמייכל, וועט ער פון איצט אָן בלויז קריגן מיין טיפּסטע פאַראַכטונג!...

זי האָט ווידער געקושט שימשלען, זיך געגורעט אין אים, פּונקט ווי זי וואָלט וועלן אַריינדרינגען אין זיין האַרץ אַריין, זיך צונויפגיסן מיט זיין קערפּער, ווערן אומצעטיילבאַר און פאַראייניקט אויף אייביק... זי האָט אים געקושט מיט אַזאַ פייער, פון וואָס זיי זענען ביידע ווי פאַרשיקערט געוואָרן, און געפלאַפּלט ליבע־רייד און צוזאָגן פון אייביקער ליבשאַפט און געטריישאַפט...

אויף צומאָרגנס האָט שימשל שוין ניט געאַרבעט. ער איז בלויז אַוועק צו מאַליוטקאָוון זיך צו צערעכענען מיט אים און אָפּנעמען די סכירעס, וואָס יענער איז אים שולדיק געווען פאַר די לעצטע צוויי וואָכן , און דערנאָך זיך גענומען צום פּאַקן די זאַכן אויף מיטצונעמען מיט זיך...

ליובע האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט פון שימשלס אַוועקגיין. זי האָט זיך דורכגערעדט מיט יעוודאָקיען, אַז זי זאָל אויף אירע, ליובעס קאָסטן, צו־גרייטן אַ וועטשערינקע, — אַן אָפּשייד־אָוונט לעקאָוועד שימשלען. זי אַליין, ליובע, איז אַוועק אויף דער מאַרק־גאַס און געקויפט אַ שיין קעשענע־זייגערל, אויף וועלכן

זי האָט געלאָזט אויסגראָווירן אַן אויפשריפט מיט איר נאָמען, קעדיי צו געבן שימשלען אַ מאַטאַנע אין אָנדענק פון איר...

יענעם אָוונט, נאָכדעם ווי מען האָט אָפגעגעסן וועטשערע און אַלע זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען פון טיש, האָט ליובע זיך אַוועקגעזעצט מיט שימשלען ביי איר אין צימער צו מאַכן אַ צעטל פון די זאַכן, וואָס ער וועט דאַרפן מיטנעמען מיט זיך אין וועג אַריין. שפּעטער האָט ליובע אים געזאָגט, אַז זי דאַרף וועגן עפּעס זען יעוודאָקיען, און זיך געלאָזט גיין מיט אים צום גרויסן עס־צימער, וואָס איז געווען אומבאַלויכטן, ווי אַלעמאָל ווען מען האָט עס ניט גענוצט.

שימשל איז אַ ווייל געשטאַנען אַ פאַרכידעשטער אין דער שטאָק־פינצטער־ניש, זוכנדיק זיך צו אָריענטירן. אָבער איידער וואָס־ווען איז מיטאָמאָל ליכטיק געוואָרן און שימשל האָט דערזען אַ פול־געפּאַקטע שטוב מיט מענטשן, — פריינט, וואָס האָבן — צוזאַמען מיט דער אויפלויכטונג — אויסגעשריגן אַ הילכיקע הוראַ־באַגריסונג לעקאָוועד אים...

באַלד האָט מען שימשלען אַוועקגעזעצט אויבן־אָן, און קוסינען — מיט אַ גלעזל בראָנפן אין דער האַנט — האָט אויסגערופן:

— פאַר אונדזער פריינט און כאַווער סאַמסאָן, לאָמיר טרינקען אַ לעכאַיים!...

אַ הוראַ־אויסרוף פון די פאַרזאַמלטע, נאָכגעפאָלגט מיט געזאַנג פון אַ פריילעך געזעגענונג־ליד, האָט פאַרקלונגען דאָס צימער. שימשל האָט זיך דער־פילט געהויבן, אויפגעלעבט און, מיט זיין גלעזל אין האַנט, אויסגערופן:

— פאַר ליובען! פאַר מיין געליבט ווייב, וועלכע האָט מיך געלערנט לעבן און ליבן!... פאַר איר וואוילזיין, — הוראַ!...

דער אוילעם האָט מיט פרייד אויפגעכאַפּט און פאַרגעזעצט דעם אויסרוף, און אַזוי אָפּגעהוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין...

* * * * *

קאַפּיטל אַכצן

פון קאַפּיטאַן באַגדאַנאָווס צוזאָג וועגן אַן אַמנעסטיע, אָדער כאָטש פאַר אַ טיילווייזער פאַרקלענערונג פון די פאַרשיקונג־טערמינען פאַר די פּאָליטישע פאַרשיקטע אונטער זיין יורידיקציע, — האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידים... פונעם פּאָליטישן אָפּטייל ביים אינערן מיניסטעריום איז אָנגעקומען אַ טרוקענער, אָבער שאַרפער אָפּזאָג אפן פּאָליציימייסטערס ווענדונג. עס איז בלויז צו דעם געווען צוגעגעבן אַ נאָכבאַמערקונג, אַז וואָס שאַיך די מיליטעריש־פּייאיקע צווישן די פאַרשיקטע, קאָנען זיי — די וואָס האָבן זיך גוט אויפגעפירט אין דער פאַרשיקונג — זיך צושטעלן צום אָרטיקן וואָינסקע־נאַטשאַלניק, און וועלן אָנגענומען ווערן אין „ביע־סטראָיעוויע" אָפּטיילן, — אַזעלכע, וואָס געפינען זיך ווייטלעך הינטער די פראָנטן, ווייל מען טאָר קיין פּאָליטיש־פאַרשולדיקטע ניט אָנגעטרויען מיט פראָנט־אנגעלעגנהייטן... און וואָס שאַיך די פרויען צווישן די פאַרשיקטע, פּונקט ווי די מענער, וואָס זענען אומפּאַסיק פאַר מיליטער־דינסט ביכלאַל, — מעג מען זיי לאָזן זיך אָנשליסן אין די פאַרשידענע לאָקאַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט הילף־טעטיקייטן לע־טויוועס דעם אַקטיוון מיליטער...

אין העסקעם מיט אָט־דעם איינשטעל, האָט מען שימשלען און גרישען, דעם קעלנער פון רעסטאָראַן, — די איינציקע צוויי פון די פאַרשיקטע, וואָס זענען אָנ־גענומען געוואָרן פאַר מיליטער־דינסט, — באַשטימט, נאָך זייער אָנקומען אין זאַמל־פּונקט ביים אָמסקער וואָינסקע־נאַטשאַלניק, צו דינען אין אָבאָז. שימשל איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַן אָבאָז־אָפּטייל פון אָרטיקן גאַרניזאָן. דאָרט האָט ער געקראָגן אַ גרויסן פּויערשן „דראָנגאָווע" וואָגן מיט צוויי געזונטע לאַסט־פערד, און גאַנצע טעג האָט ער געדאַרפט אָנלאָדן ריזיקע שווערע קאָסטנס מיט אַמוניציע, אָדער מיליטערישן פּראָוויאַנט, און זיי ברענגען צו־פירן פון די מיליטערישע סקלאַדעס ביי דער אייזנבאַן צום אָבאָז־טשעכהאַוז... פון דאָרט האָבן שוין אַנדערע אָבאָזניקעס איבערגעלאָדן די אַמוניציע אף זייערע וועגענער און זיי געגומען צו זייערע פּאָלקן און באַטאַליאָנען...

שימשל האָט זיך גאַנץ גיך צוגעפּאַסט צום קאַזאַרמע־לעבן, אָבער אף וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט, זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע סאָל־דאַטן. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרבראַכט מיט די אַנדערע אָבאָזניקעס אין זייער קאָרטן־שפּיל, און זעלטן אָנטייל גענומען אין די אַנדערע זעלנערשע פּוסטע אַקטי־

וויטעטן אין דער פרייער צייט. אַנשטאָט דעם האָט ער זיך געווענדט צו זיין קאָמאַנדיר און געקראָגן פון אים אַ דערלויבעניש צו באַזוכן די לאָקאַלע מיליטערישע ביבליאָטעק, דאָרט צו לייענען, אָדער אַרויסצונעמען פון דאָרט ביכער אויף צום לייענען אין קאַזאַרמע. יעדע פרייע מינוט, וואָס ער האָט נאָר געהאַט, האָט ער — ווי ליובע האָט אים אָנגעזאָגט — פאַרבראַכט מיט אַ בוך. ער האָט געלייענט די ווערק פון טאָלסטאָי, גאָגאָל, פּושקין און נאָך אַנדערע רוסישע שרייבער, וועמענס ביכער עס האָבן זיך געפונען אין דער ביבליאָטעק, און זיך מאַמעש געפרייט מיט יעדן ווערק ווי מיט אַ ניי־אַנטדעקטער וועלט... עפּעס האָט ער זיך געפילט דערהויבן פון די באַשרייבונגען, באַגייסטערט פון די סיטואַציעס, און ליידנשאַפטלעך מיטגעלעבט מיט די העלדן אין די ראָמאַנען...

פון סאַמע ערשטן טאָג אָן, וואָס ער איז אָנגעקומען אין אַמסק, האָט שימשל — ווי מיד ער זאָל ניט געווען זיין — יעדן אָוונט געשריבן אַ בריוו צו ליובען. מיט די קלענסטע דעטאַלן האָט ער איר אויסגעמאָלט ווי עס דערגייט אים, און אויסדערציילט ווי שטאַרק ער בענקט נאָך איר. ער האָט אַליין גאָרניט באַמערקט ווי זיין שפּראַך אין די בריוו איז מיט יעדן מאָל געוואָרן אַלץ רייכער אין אויסדרוק און מאַמעש באַפליגלט מיט געדאַנקען... ווי אַ געניטער שרייבער, אַ דיכטער, האָט ער פאַר ליובען געשילדערט זיין בענקשאַפט נאָך איר, זיין דאָרשט נאָך אירס אַ קוש, זיין באַגער צו זיצן לעבן איר, קוקן אין אירע טיף־בלויע, גלעטנדיקע אויגן אַריין, און זיך זעטיקן מיט איר וואַרעמער, טיף־ברוסטיקער שטימע, וואָס וואָלט איצט, אין זיין אָפּגעריסנקייט פון איר, געווען ווי באַלזאַם פאַר זיין בענקנדיק האַרץ...

ער האָט באַגריפן, שימשל, אַז ער דאַרף זיין פאָרזיכטיק אין זיינע בריוו, ניט שרייבן עפּעס אַזוינס, וואָס באַגדאַנאָוו זאָל קאָנען נוצן קעגן אים, אָדער קעגן ליובען. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זיינע בריוו — ווי ביכלאַל אַלע בריוו צו די פאַרשיקטע — ווערן איבערגענומען פון דער פּאָליציי, וואו מען לייענט זיי איידער מען גיט זיי איבער צו דער געהעריקער פּערזאָן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז וואָס שאַייך זיינע בריוו צו ליובען, לייענט זיי זיכער באַגדאַנאָוו אַליין, און שימשל האָט זייער ניט געוואָלט, אַז אַ פרעמדער זאָל לייענען זיינע אינטימע געפילן. ער האָט אָבער געמוזט שרייבן ליובען אַזעלכע בריוו, קעדיי אויסצודריקן זיין ליבע צו איר...

שימשל האָט דעריבער, נאָך פאַרן אַוועקגעשיקט ווערן קיין אַמסק, געזוכט אַ וועג ווי דאָס אויסצומיידן, אַרומצוגייען, און געפּרוּווט קריגן עמעצן אַ ציווילן אין שטעטל, אויף וועמענס נאָמען און אַדרעס ער זאָל קאָנען ליובען שיקן זיינע בריוו. אָבער אינעם גאַנצן שטעטל אישים איז ניט געווען קיין איין ציווילער מענטש וועמען מען זאָל עס קאָנען אָנגעטרויען, — אויב יענער וואָלט שוין אַפילע יאָ וויליק געווען צו לאָזן נוצן זיין נאָמען און אַדרעס פאַר קאָרעספּאָנדענץ

צווישן די פּאַרשיקטע, — אַז ער זאָל עס סאָף־קאָל־סאָף ניט איבערגעבן דער פּאָליציי... שימשל האָט נאָך גוט געדענקט די מאַיסע מיט ליובעס בריוו און געלט פון איר פאָטער, וואָס דאָס געמיינע מענטשעלע — דער מעבל סויכער כאַראָשוכין — האָט געהאַט פאַרלייקנט... און יענער, כאַראָשוכין, וואָס איז איינער פון די „בעקאָוועדיקסטע" באַלעבאַטים אינעם שטעטל, איז בלויז אַ מוסטער פון די אַלע אַנדערע ציווילע לייט דאָרט... אַפילו מאַליוטקאָוו, ביי וועמען שימשל האָט געהאַט געאַרבעט, און וועלכער איז אַליין אויך אַמאָל געווען אַ פּאָליטיש־פאַרשיקטער, האָט אים אויך ניט געוואָלט דערלויבן צו נוצן זיין נאָמען־אַדרעס פאַר זיינע בריוו צו ליובען. ער האָט ניט געוואָלט ריזיקירן מיט זיין איצטיקער באַלעבאַ־טישער כשיוועס ביי נאַטשאַלסטווע, צו טאָן די מינדסטע זאַך קעגן דער מאַכט...

און טאָמער איז איין צענזור ווינציק געווען, האָט דער פּאָליציימייסטער באַגדאַנאָוו — אַ פאַר וואָכן נאָכן אָנהויב פון דער מילכאָמע — איינגעפירט, אַז אויך די בריוו, וואָס די פאַרשיקטע אונטער זיין יוריסדיקציע שיקן אַרויס פון געגנט, זאָלן איבערגענומען ווערן פון דער פּאָליציי און פריער צענזורירט ווערן, קעדיי — ווי ער האָט עס מאָטיווירט — עס זאָלן זיך אַמאָל ניט אַרויסכאַפּן קיין מיליטערישע סוידעס דורך די בריוו, אָבער אין דער עמעסן, קעדיי נאָכצו־שפּיאָנירן צי עס ווערן ניט אָנגעפירט קיין פּאָליטישע טעטיקייטן, אָדער צו־גרייטונגען אף צום אַנטלויפן פון דער פאַרשיקונג...

דאָס איז אים, אָבער, ניט איינגאַנצן געלונגען. די פאַרשיקטע — באַלד ווי זיי האָבן נאָר געהערט וועגן דעם נייעם איינשטעל — האָבן זיך גענומען קליגלען און פלעגן דאָס ראָוו פון זייערע בריוו איבערגעבן צו די קוטשערס, — אייגענע יאַטן, — ווען יענע זענען געפאָרן צום וואָקזאַל, אַז זיי זאָלן בעטן עמעצן פון די פּאַסאַזשירן אַוועקצולייגן די בריוו אף אַ ווייטערדיקער סטאַנציע...

ליובע האָט געזוכט איסצומיידן יעדע מעגלעכע אומאָנגענעמלעכקייט מיצאַד באַגדאַנאָוון. און כאָטש זי איז געווען זיכער, אַז זי וואָלט אים צו יעדער צייט געקאָנט „אַרומוויקלען אַרום איר פינגער", — האָט זי אָבער ניט געוואָלט, אַז ער זאָל האָבן אַ בייטש איבער איר דורך זיינס אַ געפעליקייט. זי האָט ניט גע־וואָלט שאַפן אַזאַ לאַגע, וואָס זי זאָל אים דאַרפן בעטן פאַרגעבונג, און ער זאָל איר דערנאָך קאָנען געבן צו פילן, אַז ער האָט איר געטאָן אַ טויווע מיט דעם וואָס ער האָט זי ניט באַשטראָפט דערפאַר...

בלויז אַן איינציקן בריוו האָט זי אַוועקגעשיקט צו שימשלען דורך אַ גע־לעגנהייט. זי איז צוליב דעם אַליין צוגעפאָרן צום וואָקזאַל, פערזענלעך איבער־געגעבן דעם בריוו איינעם פון די פּאַסאַזשירן, און אים געבעטן ער זאָל אים אַוועקלייגן אף אַ ווייטערדיקער סטאַנציע. אין יענעם בריוו האָט זי שימשלען דערציילט וועגן באַגדאַנאָווס נייעם איינפיר, און אים אָנגעזאָגט, אַז אין זיין ענטפער צו איר זאָל ער ניט דערמאָנען וועגן קיין זאַך, וואָס זי שרייבט אים

אין דעם בריוו, קעדיי די פּאָליציי זאָל זיך ניט כאַפּן, אַז זי האָט זיי איבער־געכיטרעוועט, און ניט דרינגען דערפון, אַז זי האָט אויסגעמיטן די צענזור ווייל זי האָט מיסטאָמע געשריבן ווער ווייסט וואָסערע פאַרבאָטענע סוידעס... זי האָט אים געבעטן ער זאָל איר מויכל זיין, וואָס אירע בריוו צו אים וועלן — איבער דעם וואָס באָגדאַנאָוו וועט זיי לייענען — זיין מער־ווייניק טרוקענע, און ער זאָל באַגרייפן, אַז זי טוט דאָס צוליב זייער בידנעם וואוילזיין:

„געדענק שטענדיק איין זאַך, מיין געליבטער", — האָט זי געשריבן ביים סאָף פונעם בריוו, — „זיי וויסן, אַז אויב איך זאָל דיר אַמאָל צושיקן אַפילע אַ ליידיק בויגעלע פּאַפּיר, וועט דאָס אויך זיין אָנגעפילט מיט מיין גרויסער און הייסער ליבע צו דיר! געדענק, אַז יעדער בוכשטאַב, יעדעס וואָרט, יעדע שורע, אין מיינע בריוו צו דיר, וועט טראָגן דעם צוזאָג, אַז וואָס עס זאָל ניט געשען מיט מיר, ווי ווייט און ווי לאַנג מיר זאָלן ניט זיין אָפּגעשיידט איינער פון דעם אַנדערן, — וועל איך שטענדיק זיין מיט דיר, טאָמיד בלייבן דיינע!..."

דעמאָלט, שטייענדיק אויף דער פּלאַטפאָרמע לעבן דער באַן, איז ליובע מיט־אַמאָל אַרומגענומען געוואָרן פון אַזאַ שטאַרקער בענקשאַפט נאָך שימשלען און אַ באַגער זיך צו זען מיט אים. דער פייף פון לאָקאָמאָטיוו פאַרן אָפּפאָרן האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ דראַנג זיך אויפצוזועצן און זיך צוכאַפּן קיין אָמסק אויף אַ טאָג־צוויי... אָבער ווידעראַמאָל דאָס אייגענע: זי האָט ניט געוואָלט שאַפן קיין לאַגע צו דאַרפן בעטן און קריגן פאַרגעבונג פון באָגדאַנאָוון...

די ערשטע פּאָר כאַדאָשים נאָך שימשלס אָוועקפאָרן איז אַלץ צוגעגאַנגען גלאַטיק, ווי געוויינטלעך. ווען ליובע פלעגט, ווי אַלעמאָל פריער, קומען איינ־מאָל אין וואָך זיך מעלדן צו דער פּאָליציי, — האָט דער פּאָליציימייסטער אַליין, ווי יעדעסמאָל, זי פערזענלעך אויפגענומען. ער האָט זיך באַצויגן צו איר קאָ־רעקט און איידל, אָפּט איר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, געזאָגט אַ וויץ, און דער־ביי פלעגט ער איר איבערגעבן די בריוו, וואָס זענען דורך דער וואָך אָנגעקומען פאַר איר פון איר פאָטער, פון היימישע פריינט אירע, און פון שימשלען. אַלע בריוו, אָבער, — מיט צעעפנטע קאָנווערטן, אָן דעם מינדסטן פאַרזוך צו פאַר־דעקן, אַז זיי זענען געעפנט און געלייענט געוואָרן פון דער פּאָליציי — און אין דעם פאַל — פון אים, פון באָגדאַנאָוון אַליין...

ביים סאָף אָקטיאַבער — עס איז שוין דאַן געווען גרויסער ווינטער אין שטעטל און אַ טיפער שניי האָט שוין געהאַט פאַרדעקט די גאַסן — האָט ליובע געהאַט די ערשטע שאַרפע אומאַנגענעמלעכקייט מיצאַד באָגדאַנאָוון. זי איז דע־מאָלט — אין אַ מיטוואָך, ווי יעדע וואָך — געקומען זיך מעלדן צום פּאָליציי־מייסטער און קריגן פון אים אירע בריוו. באָגדאַנאָוו האָט דאַן פון צווישן דעם פּעקל בריוו, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פונעם שופלאָד אין זיין שרייב־טיש, אויסגעטיילט אַ באַזונדערן בריוו פון שימשלען און, איידער ער האָט אים איר

דערלאַנגט, — אַרויסגענומען פונעם קאָנווערט דאָס פאַרשריבענע בויגעלע פּאַ־פּיר, עס צעעפנט, אויסגעשפּרייט אפן טיש און — אונטערשטרייכנדיק דערויף עטלעכע שורעס מיט אַ בלייפעדער — געמיטלעך געזאָגט:

— אייגנטלעך, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, וואָלט איך אָט־די עטלעכע שורעס דאָ געדאַרפט אויסשניידן, אָדער פאַרשמירן מיט טינט, ווייל זיי אַנטהאַלטן געוויסע אינפאָרמאַציע, וואָס איז קלאַסיפיצירט אַלס מיליטערישע סודעס און — לויט די געזעצן פון מילכאָמע־צייט — געפערלעך פאַר דער זיכערקייט פון לאַנד!...

ער האָט מיט אָנשטעל זיך פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט איבערן צימער, פּונקט ווי ער וואָלט וועלן מאַכן זיכער, אַז עס איז דאָרט ניטאָ קיין זייטיקער מענטש אַרום, און דערנאָך סודעסדיק פאַרגעזעצט:

— סאַמסאָן שרייבט אייך דאָ, אַז ער ווערט טראַנספערירט אין אַ נייעם טייל, אין אַן אַבאַז־באַטאַליאָן, וואָס ווערט די טעג אָפּגעשיקט צום פראָנט און...

ער האָט זיך צוגעבויגן צו ליובען און פּלעגמאַטיש צוגעגעבן:

— איך דאַרף דאָך אייך ניט זאָגן, טייערע ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, וואָס אַזאַ שטייגער אינפאָרמאַציע וואָלט ווערט געווען פאַר די דייטשן, און וואָס עס וואָלט געמיינט, ווען אָט־דער בריוו פאַלט אַריין אין די הענט פון די אינערלעכע סאָנים — די דייטשישע אַגענטן — די סאַבאָטאַזשניקעס און צעשטערער!...

ער האָט געשוויגן אַ ווייל, בעאַיס דעם זיך אַ וויש געטאָן איבער די וואָנ־צעס אַהין און צוריק, און ווידער גערעדט:

— איך האָב זיך דעריבער טאַקע געשלאָגן מיט דער דייע, צי זאָל איך עס אויסשניידן, אָדער איבערלאָזן. איך האָב, אָבער, צוליב אייך, באַשלאָסן דאָס ניט אויסצושניידן, ווייל דער בריוו איז צו אייך, און ווייל, ווי עס זעט אויס, ער ווערט — יעדנפאַלס פאַר אַ צייט — זיין דער לעצטער בריוו פון סאַמסאָנען...

ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו ליובען מיט אַזאַ אויסדרוק אַקוראַט ווי ער וואָלט פון איר דערוואַרט אַ דאַנק דערפאַר, און דאַן צוגעגעבן:

— איך בין זיכער, אַז נאָכדעם ווי איר וועט האָבן איבערגעלייענט דעם בריוו, וועט איר אים פאַרניכטן און... די אינפאָרמאַציע אין אים וועט ניט אַרויס פון אייערע ליבלעכע ליפּן... איך ווייס, אייך קאָן איך געטרויען, אַז איר...

— אָבער פּאַוועל אָסיפּאָוויטש, — האָט ליובע, שוין האָבנדיק גענומען דעם בריוו און איבערגעלייענט די אונטערגעשטראָכענע שורעס, אים איבערגעשלאָגן, — איך זע ניט אין אָט־דעם בריוו קיין שום אינפאָרמאַציע, וואָס זאָל קאָנען נוצן דעם סוינע! דאָ שרייבט זיך ניט וועלכער באַטאַליאָן דאָס איז, ווי ער הייסט, אָדער וואָסער נומער ער טראָגט. עס זאָגט זיך דאָ ניט ווען ער פאָרט אָפּ און ניט וואוהין. עס שרייבט זיך דאָ ניט פון וואָסער פּלאַץ, מיט וועלכן צוג, אין וואָסער צייט און... באַטאַליאָנען פאָרן דאָך זיכער אָפּ צום פראָנט יעדן טאָג, און דאָס ווייסן אַוודע אויך די דייטשן אַפילו אָן אינפאָרמאַציע...

באַגדאַנאָוו האָט שפּאַסיק אָ דראָע געטאָן מיט אַ פינגער און זיך געדונגען:

— ע־ע, דערלויבט מיר, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, ניט מאַסקים צו זיין מיט איך!... איר, ציווילע מענטשן, פאַרשטייען זיך ניט אָף דעם. מיר, מיליטערישע, קאָנען אָבער דערפון אַרויסלייענען אַלץ!...

— דאָס זע איך טאַקע, פּאַוועל אָסיפּאָוויטש, — האָט ליובע איראָניזירט. — איר קאָנט אַריינלייענען אין דעם אַלץ וואָס איר ווילט, אָפּילע דאָס וואָס דאָרט איז גאָר קיין אָנדייט ניטאָ... אַגעוו, קענט איר מיר עפשער טאַקע זאָגן דעם נאָמען, אָדער דעם נומער פון דעם אָבאָז־באַטאַליאָן וואו סאַמסאָן ווערט אַריבער־געשיקט? איך וועל אים דאָך דאַרפן שרייבן...

זי האָט די באַקומענע בריוו אַריינגעלייגט צו זיך אין האַנט־טעשל אַריין, געלאָזט אין דער האַנט ביי זיך בלויז שימשלס בריוו, און — אָנדייטנדיק אַ שאַרפן אומגעדולד — אַ פרעג געטאָן ביי באַגדאַנאָוון:

— אַנטשולדיקט מיר, פּאַוועל אָסיפּאָוויטש, אָבער... בין איך שוין עפשער פריי צו גיין?... איך מיין...

— אָ, טייערע ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ! — האָט קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו זיך אַ כאַפּ געטאָן, פלינק זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ, צוגעשפּרונגען צו ליובען (אָבער פאַרשפּעטיקט), קעדיי אָפּצורוקן איר שטול ווען זי וועט זיך אויפהייבן, און דערביי גערעדט. — איר זענט אַלעמאָל פריי, אַלעמאָל!... איך באַדויער נאָר, וואָס מיינע פליכטן אַלס פּאָליציימייסטער צווינגען מיך אַזוי צו האַנדלען. אָבער איך וויל דאָ איצט ווידעראַמאָל אונטערשטרייכן, אַז דאָ, צווישן די־אָ פיר ווענט פון מיין קאַבינעט, זענט איר טאָמיד מיין גאַסט, מיין פריינט, און ניט מיינע אַ געפאַנגענע... איך בעט איך, איר זאָלט שטענדיק רעדן צו מיר ווי מיט אייער פריינט, — אַ פריינט, וואָס פאַרערט איך, פאַרגעטערט איך, און וועלכער איז גרייט צו טאָן פאַר איך אַלץ אין דער וועלט איך גליקלעך צו מאַכן!...

ליובע האָט אַ בליצל געטאָן מיט די אויגן און די ליפּן:

— אַ דאַנק איך, פּאַוועל אָסיפּאָוויטש, פאַר אייערע רייד! — האָט זי געזאָגט. — אָבער עס פאָרט זיך ניט!... לאָמיר זיך ניט נאַרן, מיר זענען דערוואַקסענע מענטשן. דער פאַקט איז, אַז איר האָט די מאַכט און נוצט זי איבער מיר. נוצט זי נאַקעט און רוי און... עמעס, איך קאָן גאַרניט האָבן קעגן איך דערפאַר. דאָס איז אייער פליכט... אָבער צו פריינטשאַפט צווישן אונדז האָט דאָס גאָר קיין שאַיכעס ניט!...

באַגדאַנאָוו איז רויט געוואָרן, האָט מאַשמאָעס אָפן מאָמענט ניט געפונען וואָס צו ענטפערן ליובען אָף איר באַמערקונג, און ער האָט דעריבער — ווי אַ באַזיגטער — אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט ליובען געהאָלפן אָנטאָן דאָס פוטערל און — אַ שווייגנדיקער — זי באַגלייט צו דער טיר פון זיין קאַבינעט אַרויס...

ליובע — שוין שטייענדיק ביי דער שוועל — האָט אויסגעצויגן איר האַנט

צו באָגדאַנאָוון, דערביי געכאַפּט אַ קוק אף אים, אף זיין געפּאַלבקייט, און אין האַרצן כאַראָטע געקראָגן אף די האַרבע ווערטער, וואָס זי האָט נאָר־וואָס אומבאַ־רעכנט אַרויסגערעדט. אין דער רעגע איז זי אַפילע אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ ראַכמאָנעס־געפיל צו אים, אַ פאַרשטענדיקייט פאַר זיין געקוועלטער לאַגע — די צעריסנקייט צווישן זיינע פליכטן אַלס פּאָליצייִמייסטער און זיינע געפילן צו איר. אפן מאָמענט האָט זי אַ טראַכט געטאָן זיך צו אַנטשולדיקן פאַר אירע רייד. זי האָט אָבער מוירע געהאַט, אַז אירס אַ וואַרעם וואָרט, אַ סימפּאַטישער שמייכל, קאָן נאָך אַמאָל שאַפן ביי אים אַ פאַלשן אויסטייטש און איינפלאַנצן אַ גרונטלאָזע האָפענונג ביי אים בענויגייע אירע געפילן צו אים. זי האָט דעריבער לייכט אַ דריק געטאָן זיין האַנט און געזאָגט:

— איך בעט אייך, פּאַוועל אָסיפּאָוויטש, נעמט ניט צו פערזענלעך און צו ערנסט די פאָר נאַרישע ווערטער פון אַן איינגעבוירענעם אָקשן און בונטאַר!...

באָגדאַנאָוו האָט געקוקט אף איר און געשמייכלט, פּרואוונדיק צו פאַרדעקן די אויפרעגונג, וואָס די דאָזיקע רייד, ליובעס, האָבן אַרויסגערופן אין אים... ערשט ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען און ער האָט צוגעמאַכט די טיר הינטער איר, האָט ער — אין באַפרייטער אויפרעגונג — גענומען נערוועז אַרומשפּאַנען איבערן צימער, זיך פּלוצים אַ זעץ־אַוועק געטאָן אויף זיין שטול, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט איבערן שרייב־טיש און — מיט קריצנדיקע ציין — אַ ברום געטאָן:

— פאַרדאַמטע זשידאָווקע! ווער, מיינט זי, איז זי דאָס, וואָס זי דערלויבט זיך אַזוי צו רעדן צו מיר?!...

ער האָט אַ רוק־אויף געטאָן אַ שופלאָד ביי זיך אין שרייב־טיש, אַרויסגע־נומען פון דאָרט אַ פלאַש קאָניאַק מיט אַ גלעזל, עס אָנגעגאָסן און, מיט איין זופּ, דאָס אַריינגעגאָסן אין זיך. דערנאָך האָט ער צעווייטיקט גענומען מורמלען:

— אָ, גאָט מיינער, גאָט מיינער, פאַרוואָס האָסטו זי באַשאַפן אַזוי שיין, אַזוי רייצנדיק?... פאַרוואָס האָט זי גאָר ביכלאַל געדאַרפט קומען אַהער, אין מיין לעבן אַריין?!...

ווידער האָט ער אָנגעגאָסן אַ גלעזל קאָניאַק און עס אויסגעטרונקען ווי צום פאַרגיסן זיך, פאַרגעסן און... זיך גענומען דורכקוקן געוויסע פּאַפּירן...

ליובע — אַז זי איז אַרויס פון באָגדאַנאָווס קאַבינעט — איז געווען שטאַרק אָנגעכמורעט איבער דעם איבעררייד מיט אים. עס האָט איר פאַרדראָסן און זי האָט טיף כאַראָטע געהאַט דערויף, אָבער עס איז שוין געווען פאַרפאַלן. דערביי איז זי אויך געווען באַהערשט פון גרויס אומגעדולד צו לייענען וואָס גיכער שימשלס בריוו. זי האָט זיך דעריבער אָפּגעשטעלט אין אַ ווינקל קאָרידאָר, לעבן אַ לעמפּל, און — שטייענדיק אַזוי אָנגעלענט אָן דער וואַנט — גענומען לייענען דעם בריוו, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין דער האַנט:

„אָ, ליבסטע, טייערסטע מיינע!" — האָט זי געלייענט אַ געוויסן טייל אינעם

בריוו, און איר איז אויסגעקומען ווי שימשל וואָלט עס גאָר אַזוי גערעדט צו איר. — „איך זיץ און טראַכט, צוליב וואָס איז דאָס לעבן, די גאַנצע וועלט, באַשאַפן געוואָרן?... זיכער איז עס דאָך ניט צוליב דעם, אַז צווישן מענטשן זאָל איין טייל דריקן דעם צווייטן... זיכער אויך ניט קעדיי צו פאַרשפּרייטן סינע צווישן איין פאָלק און אַ צווייטן, וואָס זאָל פירן צו מילכאָמעס און בלוט־פאַרגיסונג... איך גלויב, מיין טייערע, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוליב איין זאַך בלויז: צוליב ליבע — צווישן דעם, אונדזער ליבע — דאָס שענסטע, דאָס העכסטע אינעם לעבן... וואָרים ליבע, מיין איינציקע, איז דאָך דער היפּעך פון סינע, פון מילכאָמע... און דאָס מערקווירדיקסטע איז דאָך דאָס, וואָס די סינע איז אַלעמאָל אַ קינסטלעך־געשאַפענע, אַ לעבן־צעשטערנדיקע, בעת ליבע איז אַ נאַטירלעכער פּראָצעס פון דער נאַטור פאַר אַ ווייטערדיקן העמשעך פונעם וועלט־באַשאַף... יאָ, געליבטע מיינע, איך וועל גיריק ציילן די טעג, וואָס איך וועל דורך צוואַנג זיין אָפּגעריסן פון דיר, פונעם ליכט פון דיין שיינער פּערזענלעכקייט; איך וועל באַוויינען די צייט, וואָס איך וועל, קעגן מיין ווילן, מוזן לעבן אין אַ סוויווע פון סינע, אנשטאָט צו אָטעמען די אַטמאָספערע פון דיין האַרציקער ליבע... איך וועל די אומגליקלעכע טעג אַראָפּרעכענען פונעם כעשבן פון מיין לעבן, ווייל אָן דיר, מיין אייגענע, קאָן קיין לעבן קלאַל ניט געמאָלט זיין און האָט אַפילע קיין שום זינען ניט... אָ, ליובע, ליובינקע, טייער זיס מיידל מיינס, איך אָטעם מיט דער איינציקער האָפענונג — ניין, מיט דער זיכערקייט, אַז אונדזער אַרויפגעצוואונגענע אָפּגעזונדערטקייט איז אַ קורץ־טערמיניקע, און אַז גאָר בעקאָרעוו וועלן מיר צוריק זיין פאַרייניקט, ווידער זיין צוזאַמען, אַזוי ווי די נאַטור האָט עס באַשטימט פאַר אונדז!... איך טראַכט, ווי מיר וועלן דאַן — לאָמיר האָפן, אין אַ בעסערער וועלט — לעבן ווי פרייע מענטשן, און שאַפן אַ נייעם דאָר, וואָס וועט זיין אַ קאָמבינאַציע פון אונדז ביידן, אַ צונויפשמעלץ פון מיר און דיר, — אַ באַשאַף פון קעגנזייטיקער, פאַרייניקטער ליבע — אויסגעפאָרעמט אין אַ נייעם, צאַרטן קערפּער!... אָ, ליבע מיינע, שוועסטער מיינע, מאַמע מיינע, איך בענק אַזוי נאָך דיר!... אָט, צייכן איך דאָ אָן אַ צירקל, אין וועלכן איך שיק דיר איבער מיין אָטעם, מיין נעשאָמע, מיין האַרץ, מיין זיין מיט דיר, — צוזאַמען מיט מיינע פלאַמענדיקסטע קושן!...“

ליובע האָט אַזש געציטערט פון פרייד. מיט יעדער איבערגעלייענטער שורע איז איר פּאָנים געוואָרן אַלץ לויטערער, רואיקער, און אויף אירע ליפּן האָט אויפגעשיינט אַ האַנאָעדיקער שמייכל. אַזאַ ליבע וואַרעמקייט האָט געוויי‏עט אויף איר פון יעדן זאַץ אין שימשלס בריוו, אַזאַ הייסע ליבשאַפט פון זיינע האַרציקע ווערטער, אַז זי האָט זיך אַזש דערפילט אַ באַהערשטע פון זיי. זיין בעטנדיקער אָנזאָג צו איר, אַז זי זאָל אויפפּאַסן אויף זיך, אָפּהיטן איר געזונט, און לעבן מיט דער האָפענונג פון דעם צוקונפטיקן גליקלעכן טאָג פון זייער ווידער־

פּאַרייניקונג, — האָט עפּעס אַזוי אָנגענעם געצופּט שטיקער האַרץ ביי איר, אָט פּונקט ווי דעמאָלט, ווען זי האָט געקראָגן דעם „אַטעסטאַט״ נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע... אין האַלדז ביי איר האָבן טרערן גענומען קלעמען, — נאָר צום צע־וויינען זיך... פּונקט אַזוי געריכט, — איז איר אָפּן געדאַנק געקומען, — האָט זי זיך געהאַט געפּילט ביים פּאָטערס אָנזאָג, אַז זי זאָל זען אָפּהיטן איר געזונט, בעאייס ער האָט זיך געזעגנט מיט איר, ווען מען האָט זי אָפּגעפירט צום אַרעס־טאַנטן־וואַגאָן, אין דער באַן, מיט וועלכער מען האָט זי גענומען אויף איר פּאַר־שיקונג... דער איינציקער כילעק איז בלויז געווען, וואָס דעמאָלט איז עס ביי איר געווען אַ רעזולטאַט פון איר געדריקטקייט, האָפענונגלאָזיקייט און פאַרדעכ־טיקער מוירע פאַר דעם אומבאַוואוסטן, אומבאַשטימטן, וואָס שטייט איר פאַר, — בעאייס דאָ, איצט, איז עס, פאַרקערט, גאָר אַ געפיל פון פרייד, פון ברוויזנ־דיקער האָפענונג אויפן גליקלעכן טאָג, וואָס וועט זיכער קומען... זי האָט געווישט די אויגן, לייענענדיק ביים סאָף פון בריוו שימשלס דערקלערונג, אַז איבער דעם וואָס ער וועט זיך געפינען עטלעכע וואָכן אין וועג, קאָן מעגלעך זיין, אַז אַ געוויסע צאָל בריוו זיינע צו איר זאָלן פאַרהאַלטן ווערן, ניט אָנקומען רעגל־מעסיק, אָדער גאָר ערגעץ פאַרלוירן ווערן... ער האָט איר אָבער אָנגעזאָגט, זי זאָל וויסן זיין, אַז וואו ער זאָל זיך ניט געפינען און וואָס ער זאָל ניט טאָן, — וועלן זיינע מאַכשאָוועס וועגן איר קיינמאָל ניט זיין איבערגעריסן און ער וועט שטענדיק זיין מיט איר און לעבן איר...

זי האָט הייס געקושט שימשלס אונטערשריפט, געצערטלט דעם אַרומגע־רינגלטן צירקל, געגלעט איר פּאָנים מיט דעם בויגעלע פּאַפּיר, און געטוליעט צום האַרצן דעם בריוו, ניט האָבנדיק קיין מאַכט און קיין ווילן אַריינצולייגן אים צו זיך אין האַנט־טעשל אַריין...

ענדלעך, אַז זי האָט זיך שוין געהאַט אַביסל באַרואיקט, איז זי אַרויס אויף דער גאַס. זי איז געשטאַנען, געקוקט אויף דעם ווייס־פּאַרשנייטן אַרום, און זיך ניט געקאָנט דעצידירן וואָס צו טאָן און אין וועלכער זייט זיך צו פאַרנעמען... אַהיימצוגיין, האָט זי געוואוסט, איז נאָך צו פרי געווען. זי האָט געהאַט נאָך אַ פּאָר פרייע שאָ ביז וועטשערע באַ יעוודאָקיען. זי האָט דעריבער גענומען אויסרעכענען ביי זיך אין געדאַנק, צי איז דאָס איינער פון יענע טעג אין דער וואָך, וואָס דאָס קינאָ־טעאַטערל אין שטעטל ווערט געהאַלטן אָפן, און געקלערט אַהין אַריינצוגיין און דאָרט אָפּזיצן ביז וועטשערע־צייט. מיטאַמאָל, אָבער, האָט זי אָנטקעגן זיך דערזען אַ שליטן, וואָס איז געלאָפן געפאָרן אויף דער גאַס. באַ־מערקט האָט זי, ווי דער קוטשער האָט געקוקט אין אַלע זייטן, אַקוראַט ווי ער וואָלט געזוכט אַ פּאַסאַזשיר. ניט־טראַכטנדיק אַפילע, — האָט ליובע אַ הייב־אויף געטאָן איר האַנט און אינסטינקטיוו אויסגערופן:

— העי, יאַמשטשיק, אַהערצו, פּאַזשאַלוסטאַ!...

דער שליטן האָט זיך אַ גליטש־צו געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר. דער קוטשער האָט זיך פאַרנייגט, געפרעגט וואוהין זי וויל פאָרן, און איז געוואָרן שטאַרק פאַרכידעשט, בעאייס זי האָט אים אַ זאָג געטאָן:

— צום וואקזאַל, פּאַזשאַלוסטאַ!...

— אָבער באַרישניע,— האָט ער זיך גענומען דינגען.— עס איז נאָך צו פרי צום אָוונט־צוג. איר וועט דאָרט געפרוירן ווערן וואַרטנדיק...

ליובע האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אַ, נישקאָשע, יאַמשטשיק. איך פאָר ניט צו שטיין דאָרט. איך וויל זיך בלויז אַביסל דורכפאָרן. נעמט מיך צום וואקזאַל און צוריק. דאָס אַלץ!...

דער קוטשער האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען. ער האָט אַפּאָנים ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ מענטש קאָן עס נעמען גלאַט אַזוי זיך, אָן שום נוצן, דינגען אַ שליטן צו פאָרן צום וואקזאַל און צוריק, און נאָך אין אַזאַ פראָסט דערצו... עפּעס איז אים אויסגעקומען, אַז ער האָט דאָ עפּשער צו טאָן מיט אַ ניט־קלאָרן מענטשן, אָדער מיט אַזאַ, וואָס האָט ניט קיין באַגריף וויפל דאָס דאַרף קאָסטן פאַר אַן איינציקן פּאַסאַזשיר. ער האָט איר דעריבער געזאָגט דעם פּרייז פון אַזאַ קורס און זיך באַרואיקט, ווען ליובע האָט מיט אַ שמייכל אים געזאָגט, אַז נישקאָשע, זי וועט אים באַצאָלן דעם פּרייז, נאָך מיט אַ צו־גאָב „נאַ־טשאַי"...

ער איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קעלניע, געהאָלפן ליובען זיך איינזעצן אין שליטן און גענומען אַרומוויקלען אירע פיס מיט דער וואָלענער דעק, ווי עס האָט זיך געפירט אין פּראָסטיקע טעג...

ליובע איז געזעסן, זיך צוגעקוקט ווי ער האָט דאָס געטאָן, און עפּעס אַזוי מאָדנע געשמייכלט צו זיך...

אַז דער קוטשער איז פאַרטיק געוואָרן מיט איינאָרדענען ליובען אויף דעם געזעס, איז ער צוריק אַרויף צו זיך אויף דער קעלניע, האָט אַ צי געטאָן די לייצעס און געלאָזט לויפן די פערד אין היימלעכן גאַלאָפּ, צוקלינגענדיק מיט די אָנגעהאָנגענע, פאַרשידנטאָניקע גלעקלעך. ער האָט געסוויסטשעט מיט דער בייטש אין דער לופט און זיך אָפילע ניט אומגעקוקט אויף זיין פּאַסאַזשירקע, וועלכע איז געזעסן הינטער אים און, מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַ שמייכלדיקע, זיך איבערגעגעבן די דערינערונג פון דער ניט־וויטער פאַרגאַנגענהייט...

* * * * *

קאַפיטל ניינצן

צוויי כאַדאָשים זענען פאַרביי, און ליובע האָט אַלץ ניט געקראָגן קיין בריוו פון שימשלען. זי איז געווען שטאַרק באַזאָרגט און צעבראָכן דערפון, און ניט געקאָנט באַגרייפן, פאַרוואָס שימשל האָט איר — אין פריערדיקן בריוו זיינעם — ניט געשריבן דעם נאָמען אָדער נומער פון דעם אָבאָז־באַטאַליאָן אין וועלכן ער ווערט אַריבערגעשיקט. זי האָט זיך געערגערט, פאַרוואָס זי האָט שימשלען — פאַר זיין אַוועקפאָרן קיין אָמסק — ניט געגעבן דעם אַדרעס פון איר פאָטער אין פעטערבורג, קעדיי צו האָבן אַ באַגעגן־פונקט מיט אים, אויב זייער פאַרבינדונג זאָל זיך איבעררייסן, און צו קאָנען — אין אַזאַ פאַל — איבערשיקן זייערע בריוו איינער צום אַנדערן דורכן פאָטער. זי איז מאַמעש אַרומגעגאַנגען ווי ניט אף איר וועלט און ניט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן. עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט זי אַוועקגעשריבן בריוו צום וואָינסקע־נאַטשאַלניק אין אָמסק און צום קאָמאַנדיר פונעם אָבאָז־באַטאַליאָן, וואו שימשל האָט געהאַט געדינט פריער. זי האָט אַפילע געבעטן דעם פּאָליציימייסטער באָגדאַנאָוו, אַז ער אַליין זאָל נאָכפאָרשן, צי האָט אַמאָל שימשלס אַ בריוו זיך פאָרט ניט פאַרוואַלגערט אין דער פאָליציי בעאייסן צענזורירן, — אָבער אַלץ אָן דערפאָלג.

— ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ. — האָט קאַפיטאַן באָגדאַנאָוו איר איינמאָל מיט אַזאַ לייכט געמיט אַ זאָג געטאָן, בעאייס זי האָט אים געבעטן נאָכזוכן וועגן סאַמסאָנס בריוו, — די וועלט זאָגט אַ ווערטל, אַז אויב מען שרייבט בריוו — דערהאַלט מען זיי. איך האָב דעריבער ניט דעם מינדסטן צווייפל, אַז סאַמסאָן שרייבט אייך ניט... עמעס, איך נעם זיך ניט אונטער צו זאָגן אף באַשטימט די סיבע פון זיין ניט שרייבן, אָבער... עס לאָזט זיך גלויבן, אַז... נו... נאָך וואָס זיך נאַרן, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ?... ער האָט מיסטאָמע ערגעץ ווידער זיך באַקענט מיט אַ מיידל, זיך פאַרליבט אין איר, און וועט זיך אַוואַדע האַלטן מיט איר ביז זי וועט אים צוגעגעסן ווערן און ער וועט זיך געפינען אַן אַנדערע, אַ פרישע... אָ, יאָ, מיין טייערע, מיר קאָנען זיך שוין גאָר גוט אף די דאָזיקע לייט!...

ליובע — אין איר גאַנצער צעבראָכנקייט — האָט אָבער ניט געקאָנט צולאָזן צו איר געדאַנק, אַז שימשל האָט זי פאַרגעסן, אָדער פאַרביטן אף אַ צווייטער. צו גוט האָט זי אים קענען־געלערנט אין די אַנדערהאַלבן יאָר, צו שטאַרק האָט ער זי ליב געהאַט, אַז ער זאָל זי אויסבייטן אַפילע אף אַ מאַלעך פון הימל... ניין, עפּעס האָט אַוואַדע געמוזט טרעפן מיט סאַמסאָנען! אָבער וואָס?...

„וואָלט ער געדינט אין פּראָנט־מיליטער״, — האָט זי געטראַכט, — „וואָלט מען געקאָנט אָננעמען, אַז ער איז געפאַלן אפן שלאַכטפעלד. אָבער אַזוי...״

דעם איינציקן לאָגישן ענטפער, וואָס זי האָט — אין איר נאָכטראַכטן — געקאָנט געפינען פאַר זיך, איז געווען, אַז ער, סאַמסאָן — צוזאַמען מיט זיין גאַנצן אָבאָז־באַטאַליאָן — איז אַוואַדע פאַרנומען געוואָרן אין „פּליען״; אַז ער געפינט זיך אין געפאַנגענשאַפט באַ די דייטשן, און זי וועט מיסטאָמע בעקאָרעוו הערן פון אים. ליובע האָט געטראַכט וועגן ווענדן זיך צום רויטן־קרייץ מיט אַן אָנפראַגע, אָבער... אַזוי ווי זי האָט ניט געוואוסט ניט דעם נאָמען און ניט דעם נומער פון באַטאַליאָן, האָט זי דאָס אויך ניט געקאָנט טאָן...

ווידעראַמאָל האָט זי געשריבן אַ בריוו צום וואָינסקע־נאַטשאַלניק אין אָמסק, אים געבעטן צו לאָזן איר וויסן דעם נאָמען אָדער נומער פון אָבאָז־באַטאַליאָן, וואָס איז צו יענער צייט פאַרמירט און אַוועקגעשיקט געוואָרן צום פראָנט, אָבער ווידער האָט זי קיין ענטפער ניט געקראָגן. באַגדאַנאָוו האָט איר געפּרואווט איינ־רעדן, אַז אַזעלכע זאַכן זענען מיליטערישע סודעס און דעריבער קאָן איר די נאַטשאַלסטווע קיין אינפאָרמאַציע ניט געבן...

אף ליובעס באַקאַשע, אַז ער אַליין, קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו, זאָל מאַכן אַזאַ אָנפראַגע ביי די אָמסקער קאָמאַנדירן, ווייל סאַמסאָן איז דאָך, נאָך אַלעמען, גע־ווען אונטער זיין יוריסדיקציע און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, — האָט ער איר מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער דערציילט וועגן אַן ענטפער, וואָס ער זאָל האָבן געקראָגן פון דאָרט, אַז מען קאָן דאָס ניט וויסן גענוי, ווייל, ערשטנס, זענען דאָרט געווען אַ סאַך סאָלדאַטן מיטן זעלביקן נאָמען און, צווייטנס, ווייל מען האָט צו יענער צייט צוזאַמענגעשטעלט און אָפּגעשיקט צו די פראָנטן אַ צאָל אַזעלכע אָבאָז־באַטאַליאָנען, און עס איז דעריבער אוממעגלעך איצט צו זאָגן אין וועלכן פון זיי דער געגעבענער סאָלדאַט איז אַריבערגעשיקט געוואָרן...

דאָס האָט ליובען ניט צופרידנגעשטעלט. זי איז געבליבן אומרואיק און אַלץ געזוכט אַ וועג ווי אויסצוגעפינען וואָס עס איז געשען מיט איר סאַמסאָנען. זי האָט געטראַכט וועגן צוכאַפּן זיך ביגנייווע אף אַ טאָג־צוויי קיין אָמסק, זען פּערזענלעך דעם וואָינסקע־נאַטשאַלניק, גיין צום קאָמאַנדיר פונעם אָבאָז־באַ־טאַליאָן, וואו שימשל האָט געדינט פאַרן אַוועקגעשיקט ווערן, אָבער זי האָט דעם פּלאַן געמוזט אויפגעבן. אָפּגערעדט דערפון, וואָס אף אַרויסצופאָרן פון שטעטל וואָלט זי געדאַרפט האָבן אַ דערלויבעניש פון דער פּאָליציי, און זי האָט זייער ניט געוואָלט אַז באַגדאַנאָוו זאָל עס וויסן, — איז נאָך געווען אַ פראַגע, צי די אָמסקער נאַטשאַלסטווע וואָלט זי ביכלאַל געוואָלט אויפנעמען און צי זיי וואָלטן איר געענטפערט. עס איז דעריבער ניט געבליבן פאַר איר קיין שום אַנדערע ברירע ווי צו זיצן און וואַרטן אף אַ נעס...

זי איז געווען אַזוי דערשלאָגן און פאַרצווייפלט, אַז זי האָט אַפילו ניט

געקאָנט גלייך דענקען. איר גאַנצער מויעך, איר גאַנץ וועזן איז געווען פאַר־נומען מיט איין פראַגע: אויב סאַמסאָן לעבט, אויב עס האָט גאָרניט געטראָפן מיט אים, פאַרוואָס־זשע שרייבט ער איר ניט?...

אַז באַגדאַנאָוו קאָן אַמאָל זיין דער שולדיקער אין דעם; אַז ער פאַרהאַלט סאַמסאָנס בריוו צו איר, — האָט ליובע אָנגענומען, אָבער ניט געקאָנט באַגרייפן, פאַרוואָס סאַמסאָן — נאָכדעם ווי עס איז אַריבער אַ שטיקל צייט און ער האָט קיין ענטפער ניט געקראָגן פון איר אף זיינע בריוו — האָט ניט פּראָבירט שרייבן צו קוסינען, צו יעוודאָקיען, אָדער צו וועמען עס איז אין שטעטל, אַז מען זאָל אים לאָזן וויסן די סיבע פון איר שוויגן... זי האָט געוואוסט איין זאַך: אַז אויב זי וואָלט געווען אף סאַמסאָנס פּלאַץ, וואָלט זי אַזוי געטאָן. זי וואָלט אָנגעווענדט אַלע מיטלען און וואָלט ניט איינגערוט ביז זי וואָלט דורכגעבראָכן די בלינדע וואַנט, וואָס האָט זיך געשטעלט צווישן אים און איר...

איינמאָל אין אַן אָוונט, צו וועטשערע, בעאייס איינער פון די פאַרשיקטע איז צוריקגעקומען פון מעלדן זיך ביי דער פּאָליציי, און האָט דערביי מיטגע־בראַכט אַ בריוו, וואָס ער האָט דאָרט אָפּגענומען, — האָט ליובע, אין איר פאַר־צווייפלונג, אַזש צוזאַמענגעבראָכן און אויסגעפּלאַצט אין אַ היסטעריש געוויין, אַז יעוודאָקיע האָט איר דאַן געדאַרפט געבן טראָפּנס צום שמעקן, קעדיי אירע ספּאַזמעס צו באַרויקן...

שפּעטער האָט קוסינען באַגלייט ליובען צו איר אין הויז אַריין און זיך אָוועקגעזעצט מיט איר צו באַטראַכטן און דורכרעדן דעם גאַנצן איניען. און נאָכדעם ווי ליובע האָט אים דערציילט וועגן באַגדאַנאָווס ליבע־דערקלערונגען און זיין צושטיין צו איר, — איז ער געקומען צום אויספיר און געזאָגט:

— איצט בין איך שוין זיכער, ליובע, אַז באַגדאַנאָוו פאַרהאַלט סאַמסאָנס בריוו צו אייך!... יאָ, איך האָב מער ניט דעם מינדסטן צווייפל אין דעם!...

— פאַרוואָס זשע שרייבט ניט סאַמסאָן צו אייך, אָדער צו יעוודאָקיען? — האָט ליובע זיך געשטיקט מיט אירע טרערן. — ער קאָן דאָך באַגדאַנאָוון אַרומגיין...

— אָ, ליובע טייערע, איר זאָלט דאָס זאָגן?! — האָט קוסינען גוטמוטיק אויסגערעדט ליובען, גלעטנדיק דערביי צערטלעך איר האַנט. — איר פאַרגעסט, אַפּאַנים, אַז פּונקט ווי באַגדאַנאָוו נעמט איבער אייערע בריוו צום צענזורירן, אַזוי נעמט ער אויך איבער מיינע און... יאָ, אַפילע יעוודאָקיעס, כאָטש זי איז ביכלאַל ניט קיין פּאָליטיש־פאַרשיקטע. איר באַענטקייט צו די פאַרשיקטע איז שוין פאַר אים גענוג גרונט צו באַרעכטיקן זיין איבערנעמען אויך אירע בריוו...

קיין אייצע, אָבער, וואָס צו טאָן, האָט קוסינען ניט געהאַט. ער האָט אַפילע יאָ אַ טראַכט געטאָן צו ראָטן ליובען, אַז זי זאָל „אונטערשפּילן" צו באַגדאַנאָוון, אים אַרויסווייזן אַביסל אינטערעס און וואַרעמקייט, קעדיי דורך דעם אים ווייך צו מאַכן, אַז ער זאָל איר איבערגעבן די אָנגעקומענע בריוו. ער האָט אָבער גלייך

איינגעזען, אַז דאָס — אָפּגערעדט, וואָס עס וואָלט געווען היפּאָקריטיש און אַ דער־נידעריקונג פאַר ליובען — וואָלט עס קיין רעזולטאַטן אויך ניט געבראַכט. ער, באַגדאַנאָוו, וועט זיכער ניט וועלן צוריק פאַרבינדן דעם איבערגעריסענעם קאָנ־טאַקט צווישן סאַמסאָנען און ליובען, און דורך דעם ווידער שאַפן אַ שטערונג פאַר זיך אַליין צו געווינען ליובען פאַר זיך...

— יאָ, ליובע, — האָט קוסינען פאַרענדיקט. — איך האָב ניט קיין שום צווייפל, אַז סאַמסאָן שרייבט אייך און איז צעבראָכן וואָס ער הערט ניט פון אייך! איר וועט זיך דעריבער דאַרפן שטאַרקן, מיין פריינט, און האָבן געדולד ביז די זאַך וועט זיך אויסקלאָרן!...

און שימשל האָט טאַקע, ווי קוסינען האָט געזאָגט, געהאַלטן אין איין שרייבן צו ליובען, און זיך געכידעשט, פאַרוואָס ער האָט ניט קיין ענטפער פון איר. נאָכדעם, אַז עס זענען אַריבער אַ פּאָר כאַדאָשים זינט ער האָט איר געשיקט דעם ערשטן בריוו פון וועג צום פראָנט און אַלץ קיין ענטפער ניט געקראָגן, האָט ער — אַ כוץ די טעגלעכע בריוו צו ליובען — אויך אָוועקגעשיקט בריוו צו קוסינען, צו יעוודאָקיען, און צו נאָך אַ פּאָר פריינט, וואָס האָבן געוואוינט באַ זיי, ווידער געוואַרט אַ פּאָר כאַדאָשים, אָבער קיין ענטפער אַלץ ניט באַקומען פון קיינעם. שימשל איז דאַן זיכער געווען, אַז אין דעם ליגט באַגדאַנאָווס האַנט. „וואָרים ניט אַלע" — האָט ער זיך דאַן געזאָגט — „זענען דאָך מיטאַמאָל דאָרט אויס־געשטאָרבן." ער האָט אַפילע געשריבן אַ בריוו צו מאַליוטקאָוון, — זיין געוועזענעם באַלעבאָס, און אים געבעטן איבערצוגעבן ליובען כאָטש דעם בלויזן אַדרעס זיינעם, קעדיי זי זאָל אים קאָנען שרייבן און ניט דאַרפן איבערטראַכטן. אָבער אויך דער בריוו האָט קיין רעזולטאַטן ניט געבראַכט...

אין גרויס פאַרצווייפלונג האָט שימשל דאַן אָנגעשריבן אַ פערזענלעכן בריוו צו באַגדאַנאָוון אַליין, געבעטן אים אין נאָמען פון מענטשלעכקייט, אַז ער זאָל אים לאָזן וויסן, וואָס עס איז געשען מיט ליובען, פאַרוואָס זי ענטפערט ניט אַף זיינע בריוו צו איר, אָבער... ווידעראַמאָל דאָס אייגענע: — קיין ענטפער ניט באַקומען... שימשל האָט דאַ געהאַט אַ קלאָרן באַוויז פאַר זיך, אַז זיין כשאַד אַף באַגדאַנאָוון איז אַ באַרעכטיקטער, ווייל אויב עס וואָלט עפּעס געווען געשען מיט ליובען, וואָלט באַגדאַנאָוו אים זיכער געלאָזט וויסן וועגן דעם...

שימשל איז געווען אַזוי צעפּייניקט, אַזוי באַזאָרגט און צעטומלט, אַז ער האָט אַזש גענומען טראַכטן וועגן אַרויסגאַנווענען זיך פון זיין אָפּטייל, אַוועק־פאָרן קיין אישים, און אַליין אויסגעפינען וואָס עס האָט געטראָפן. געוואוסט האָט ער, אָבער, שימשל, אַז אַזאַ ווייטער מעהאַלעך — פונעם פראָנט אין פוילן, ביז אַהין אין סיבירישן שטעטל — איז אַ ריזיקאַלישער אייסעק פאַר אַ סאָלדאַט אָן דער געהעריקער דערלויבעניש... ער איז אַפילע גרייט געווען צו ריזיקירן, ווען ער וואָלט נאָר געהאַט דעם מינדסטן אויסזיכט צו קאָנען דערגרייכן אישים

און זען ליובען איידער מען וועט אים כאַפּן. ער איז געווען זיכער, אַז כאַפּן וועט מען אים אפן וועג, איידער ער וועט נאָך באַוויזן אָנצוקומען אַהין... דאַן וואָלט מען אים — ווי אַ דעזערטיר, אַן אַנטריניקן פון דער אַרמיי אין מילכאָמע־צייט, און מיט זיין פּאָליטישן איכעס אַלס צוגאָב — געשטעלט צו אַ פעלד־געריכט און... פאַרמישפּעט צום טויט, צום דערשאָסן ווערן...

לויט דער אייצע פון אַן עלטערן סאָלדאַט, האָט שימשל זיך געווענדט צום אָבאָז־קאָמאַנדיר מיט אַ באַקאָשע, ער זאָל אים געבן עטלעכע וואָכן „אורלויב", קעדיי ער זאָל קאָנען צופאָרן און אויסגעפינען, וואָס עס איז געשען מיט זיין קאַלע. אָבער דער קאָמאַנדיר האָט דאָס אים אָפּגעזאָגט, מיט דעם אויסרייד, אַז — ערשטנס — ווערן קיין „אורלויבס" ביכלאַל ניט געגעבן צו סאָלדאַטן אינעם ערשטן יאָר פון זייער דינסט; צווייטנס — אַז די „אורלויבס", וואָס ווערן יאָ געגעבן, זענען בלויז אין פאַלן ווען אַ פרוי פון אַ סאָלדאַט איז געפערלעך קראַנק, אָדער ווען עס טרעפט אַן אַנדערע צאָרע אין דער היים... שימשל האָט ניט געהאַט קיין אַנדערע ברייררע ווי געדולדיק צו וואַרטן און וואַרטן...

די מילכאָמע איז שוין אַריין אין צווייטן יאָר. פון די פראָנטן זענען אָנגעקומען יעדיעס וועגן צעקלאַפּטע רוסישע אַרמייען און וועגן שטעט, וואָס די דייטשן האָבן פאַרנומען. און כאָטש אין די צייטונגען האָט מען ווינציק, אָדער קימאַט גאָרניט געשריבן וועגן דעם, — האָט מען דאָך אַפילע אין דעם ווייטן און קליינעם סיבירישן שטעטל געהערט צווישן זיך וועגן מאַסן געהאַרגעטע און צענדליקער טויזנטער פאַרוואונדעטע רוסישע סאָלדאַטן. אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, האָבן די איינוואוינער געקאָנט זען דערפון, וואָס מען האָט אַהערצו, אין אישים, וואָס האָט פאַרמאָגט בלויז אַן איינציקן קליינעם שפּיטאָל אָף צו באַדינען די אָרומיקע געגנט, — געבראַכט אַ צאָל פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, וועלכע מען האָט איינגעאָרדנט אין אַ צייטווייליקן שפּיטאָל, וואָס מען האָט איילנדיק איינגעשטעלט אין איינער פון די צערקוועס, וואָס מען האָט צוליב דעם אָפּגערייניקט...

ליובע, וועלכע האָט טכילעס — ווי עס איז געווען דער באַשלוס פון דער מערהייט פאַרשיקטע ביי אַן אַלגעמיינער געהיימער פאַרזאַמלונג — זיך אָפּגעזאָגט פון האָבן צו טאָן מיט וועלכער עס איז אַרבעט פאַר דער מילכאָמע, איז געוואָרן מאַמעש אַ צעבראָכענע, בעאייס זי האָט געזען די פאַרוואונדעטע און צעקאַליעטשעטע סאָלדאַטן, וואָס מען האָט געבראַכט צו־פירן אַהינצו. געטראַכט האָט זי:

„וואָס זענען נעבעך די אָרעמע רוסישע מענטשן שולדיק אין דער בלוט־באָד?... ניט זיי האָבן אָרויסגערופן די מילכאָמע, ניט זיי פירן אָן מיט איר און ניט זיי זענען אַוועק אָף די פראָנטן מיט זייערע אייגענע ווילנס!... זיי זענען אַהינגעשיקט געוואָרן ווי געבונדענע, אומבאַהאָלפענע שקלאַפן, אָפּצוגעבן זייערע לעבנס, אָדער זייערע איווערים, פאַר די גייציקע אינטערעסן פון זייערע באַצווינגער, — די וואָס פראָפיטירן פון מילכאָמעס!...״

און זי איז געקומען צום איינציקן פאַר איר לאָגישן אויספיר:
„מען מוז העלפן אָט־די אָרעמע, אומגליקלעכע מענטשן!...‟
זי איז אַוועק אין מיליטערישן לאַזאַרעט און זיך דאָרט פאַרשריבן פאַר אַ געהילף קראַנקן־שוועסטער, — גרייט צו טאָן, וואָס מען וועט זי הייסן...
יעדן טאָג נאָכדעם איז ליובע געגאַנגען אַף עטלעכע שאָ אין שפּיטאָל אַריין און דאָרט געהאָלפן מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט און צו וואָס מען האָט זי באַשטימט. זי האָט אַרומגעוואַשן די פאַרברודיקטע לייבער פון די מויט־מידע סאָלדאַטן, געקאָרמעט די הילפלאָזע צעקריפּלטע, גערעדט צו די געדריקטע באַ־ כערים, זיי געטרייסט, און דערביי געהאָפט, אַז עפּשער וועט זי דורך עמעצן פון זיי זיך קאָנען דערוויסן עפּעס וועגן שימשלען אָדער זיין אָפּטייל...
איר צאַרטקייט און איידלקייט פון באַנעמען זיך מיט די פאַרוואונדעטע, איר האַרציקייט ביים רעדן מיט זיי, איר צערטלעכער פאַרזיכט ביים אויפזעצן, ביים איבערקערן, אָדער ביים אויסבעסערן דאָס קישן אונטער זייער צוקאָפּנס, — איז געוואָרן אַ שעם־דאָוואָר צווישן די פאַרוואונדעטע. די יאַטן האָבן זי שטאַרק ליב באַקומען און זי באַקרוינט מיט אַ פאַרצויגענעם נאָמען: „ליבע ליובע‟...
זי, ליובע, איז אַזוי אַריינגעטאָן געוואָרן אין אָט־דער אַרבעט, אַז עס איז געוואָרן מאַמעש אַ טייל פון איר אייגן לעבן. זי האָט זיך געפליסט צו העלפן יעדן איינעם אין שפּיטאָל מיט אַלע אירע קויכעס, אָבער דערביי זיך אַלץ צוריקגעהאַלטן פון יעדער אַנדער אַקטיוויטעט פאַר דעם שפּיטאָל, וואָס האָט ניט געהאַט צו טאָן דירעקט מיט באַדינען און העלפן די פאַרוואונדעטע...
זי האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון אָנטייל־נעמען אין דער באַזאָרגונג פון פינאַנציעלער הילף פאַרן שפּיטאָל גופע, ווייל זי האָט געהאַלטן, אַז די רע־ גירונג, וואָס גיט אויס מיליאָנען אַף געווער צו פירן די מילכאָמע, דאַרף אויך באַזאָרגן די צעקריפּלטע מיט געהעריקער אויפפּאַסונג. זי האָט אַפילע ניט גע־ וואָלט גיין צום „מאַסקן־באַל‟, וואָס די באַלעבאַטים אין שטעטל האָבן דורכ־ געפירט אין שפּיגלער פון דער פּריוויליקער פייערלעשער־קאָמאַנדע, קעדיי צו שאַפן פאַנדן אַף צו קויפן מאַכאַרקע און אַנדערע קלייניקייטן פאַר די פאַרוואונ־ דעטע. זי פלעגט אַליין — באַ יעדן באַזוך אירן אין שפּיטאָל — מיטברענגען מיט זיך אַ צאָל פּעקלעך פּאַפּיראָסן און אַליין זיי צעטיילט צווישן די סאָלדאַטן...
איינמאָל — דאָס איז שוין געווען ערעוו דעם צווייטן יערלעכן מאַסקן־באַל, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען — איז קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו פּלוצים צוגעקומען צו ליובען, בעאייס זי האָט געאַרבעט אַרום אַ פאַרוואונדעטן סאָלדאַט, און ער האָט גענומען בעטן ביי איר:
— טייערע ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, טוט נאָר אַ טראַכט וואָסער שלעכטן איינ־ דרוק אייער אַוועקשטיין פונעם מאַסקן־באַל וועט דאָסמאָל שאַפן ביים ברייטן אוילעם דאָ! אויב איר — אַן אינעווייניקסטער מענטש, וואָס איז זיך אַזויפיל

מאַקרעוו פאַר די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן — ווילט אפילע צום באַל ניט גיין, ווי קאָן מען דאַן דערוואַרטן אַ גינסטיקן אָפּרוף פון די מיעסטשאַנעס?...

ליובע האָט זיך אַפילע ניט אומגעקוקט און בלויז שטיל צוגעוואָרפן:

— איך טו מיין טייל אַרבעט און בין אַבסאָלוט צופרידן!...

— אָבער מיין טייערע, — איז ער ניט אָפּגעטראָטן. — און וואָס וועגן אייך אַליין, וועגן אייער אייגן לעבן, אייער אייגענעם פאַרגעניגן?... אָ, גאָט מיינער, איר זענט דאָך ניט קיין מאַנאַשקע זיך אָפּצוזאָגן פון יעדן געַנוס און פריידן!... אָ, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, אויב ניט פאַר זיך, — טוט עס פאַר די אומגליקלעכע סאָלדאַטן. זיי ווילן איר זאָלט זיך באַלוינען מיט אַ ביסל פרייד!... טוט זיי די געפעליקייט, איך בעט אייך!... קומט, מאַדמואַזעל גאָלוב, זייט מיין פּערזענלעכער גאַסט... איך פאַרזיכער אייך, אַז עס וועט אייך ניט פאַרדריסן!...

ליובע האָט זיך געלאָזט איבעררעדן פון באָגדאַנאָוון... זי האָט געהאָפט אַרויסצוקריגן פון אים דעם עמעס וועגן שימשלען. צום ערשטן מאָל זינט זי איז געקומען אַף פאַרשיקונג אין אָט־דעם קליינעם סיבירישן שטעטל, — דער איקער טאַקע אין די צוויי יאָר נאָך שימשלס אָוועקפאָרן, — האָט זי איצט געוואָלט זיך אַ שפּיל־טאָן מיט אָט־דעם פאַרהאַסטן מאַן... זי האָט געטאַנצט מיט אַ פּאָר יונגעלייט, צווישן זיי אַ סטודענטל, — אַ סויכערס אַ זון פונעם שטעטל, וועלכער איז דאָ געווען אַף זיינע קאַניקולן, און זי האָט האַרציק געלאַכט פון זיין פּלוצים־דיקער, נאַאיוו־אינגלשער ליבע־דערקלערונג, בעאייס זי — אַ מאַסקירטע — האָט געטאַנצט מיט אים... זי האָט אויך עטלעכע מאָל געטאַנצט מיט באָגדאַנאָוון, געטרונקען עטלעכע גלעזלעך קאָניאַק, וואָס ער האָט איר צוגעטראָגן אין צווישן די טענץ, און זי האָט — אין איר אויפהייטערונג — האַנאָעדיק, כאָטש איינגע־האַלטן — געשמייכלט פון זיינע קאָמפּלימענטן, אַז זי איז ניט בלויז די בעסטע, געשמאַקפול־געקליידעטע און שענסטע פרוי אַפן באַל, נאָר אַז זי שיינט מאַמעש ווי אַ פּרינצעסן...

ער, באָגדאַנאָוו, האָט גלייך דערפילט די וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון ליובען, און ער האָט זיך געפרייט מיט דעם אומגעריכטן ווענד אין איר האַלטונג צו אים. נאָך יעדן טאַנץ האָט ער קאַוואַלערמעסיק און גאַלאַנט געקושט איר וויס־געהענטשקעטע האַנט און אַלץ געזוכט זי צו באַדינען און פאַרווילן. שפּעטער, ביים סאָף פונעם באַל, האָט ער געבעטן ליובען, זי זאָל אים אַנטאָן דעם קאָוועד און אים דערלויבן זי אַהיימצופירן אַף זיין „טאַראַנטאַסל", און זי האָט עס גערן אָנגענומען. געטראַכט האָט זי בעאייס דעם, אַז אַפן וועג וועט זי זיך האַלטן פריינטלעך־וואַרעם צו אים און אַזויאַרום אים עפּשער באַווירקן, ער זאָל איר אויסזאָגן שימשלס אַדרעס און איר איבערגעבן די בריוו, וואָס שימשל האָט איר געשיקט איבער דער גאַנצער צייט...

עס איז געווען אַ הייסער שאַבעס־ביינאַכט, שוין ווייט נאָך איינס אַזייגער,

ווען דער באַל האָט זיך געענדיקט. ליובע האָט זיך געפילט צו וואַרעם אף אָנצוטאָן איר מאַנטעלע, וואָס באָגדאַנאָוו האָט פאַר איר אָפּגענומען פונעם גאַרדעראָבע־צימער, און זי האָט אים דעריבער געלאָזט עס אַריבערוואַרפן איבער אירע אַקסלען. זי האָט ניט פּראָטעסטירט ווען ער האָט פאַרלייגט זיין אָרעם אַרום איר טאַליע, בעאייס ער האָט זי אַרויסגעפירט פון זאַל אפן וועג צו זיין קעטשל. צו מיד איז זי געווען פון טאַנצן און דער קאָפּ איז ביי איר צו שווער געווען פון די עטלעכע גלעזלעך שנאַפּס, אַז זי זאָל אויסזעצן קעגן דעם אָנשפּאַר. פון דער זייט האָט זי באַמערקט ווי באָגדאַנאָוו ווערט מאַמעש צעשמאָלצן פון פרייד. ער האָט זי אַרויפגעהויבן און איינגעזעצט אפן קעטשל, אַליין פלינק אַ שפּרונג אַרויף געטאָן, גענומען די לייצעס און געלאָזט דאָס פערד אין אַ געלאַסענעם טראָט, אַז דער ריטמישער פּאָדקאָווע־געקלאַפּ אף די קיזל־שטיינער האָט זיך קוים געהערט און פאַרוויגנדיק געווירקט אף ליובען. באַלד האָט באָגדאַנאָוו אַראָפּגעקירעוועט זיך פון דער הויפּט־גאַס און זיך פאַרנומען אפן אומברוקירטן שליאַך, וואָס האָט געפירט פונעם שטעטל אַרויס...

אַרום איז שטיל געווען. דער הימל — אַ טיף־בלויער און אַ הייסער, האָט געפינקלט מיט ברילִיאַנטענע פייערלעך. געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס שיקן זיי עס אַראָפּ דעם הייסן ברי, צעגליען די לופט און לאָזן ניט איבער מיט וואָס צו אָטעמען. באָגדאַנאָוו האָט זיך צוגעבויגן נאָענט צו ליובען, געוואָלט באַרירן מיט זיינע פיבערדיקע ליפּן ליובעס ווייסן האַלדז, אָבער זי — דערפילנדיק זיין הייס־פאַרשיקערטן אָטעם אף איר נאַקן — האָט זיך אינסטינקטיוו אַ צי־צוריק געטאָן און, אַ שמייכלדיקע, אים צוגעוואָרפן אַ ברויגעזן פאָרוואורף...

נאָך עטלעכע מינוט פאָרן, אַרום אַ קנאַפּן וויאָרסט הינטערן שטעטל, האָט באָגדאַנאָוו אָפּגעשטעלט דאָס קעטשל אף אַ שמאָלן פּאַס לאָנקע, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן צווישן די ברעגן פון אַ סאָסנע־וועלדל און אַ קליינער אָזערע. פון איין זייט האָט זיך געטראָגן אַ פריש און קיל נאַכטיק ווינטעלע, און פון דער צווייטער — האָט זיך געשפּירט אַ מעכאַיעדיק־געשמאַקער רייעך פון אָטעמדיקע ביימער. ליובע האָט אַזש האַנאָעדיק פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אפן אָנלען פון געזעס און טאַיוועדיק איינגעאָטעמט די דערפרישנדיק־שמעקנדיקע לופט. מיטאַמאָל האָט זי דערפילט אַ שטאַרקן באַגער זיך אַוועקצולייגן אפן גראָז, זיך אויסציען און אַריינאָטעמען אין זיך דעם פּראַכט פון דער נאַכט, צוזאַמען מיט דער פרישקייט פונעם וואַסער און דעם זויער־שטאָף פון דעם וועלדל. באָגדאַנאָוו האָט זי איידל און פּאָרזיכטיק אַראָפּגעהויבן פונעם קעטשל, אויסגעשפּרייט זיין פּאַלערינע אפן גראָז און — פאַרנייגנדיק זיך פאַר ליובען — אַראָפּגענומען פון אירע אַקסלען דאָס מאַנטעלע, נעט דאָס אַוועקגעלייגט אפן גראָז, לעבן אירע פיס, און — אַ קוש־טוענדיק איר האַנט — ווייך געזאָגט:

— זעצט זיך צו, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, און געניסט פון דער נאַטורס

פראַכט!... זיצט, ליב מיידל פון מיינע כאַלוימעס, און הערט דאָס געזאַנג פון מיין האַרץ, וואָס גייט אויס פון ליבע צו אייך!...

ער האָט איר געהאָלפן זיך אַראָפּזעצן און — שטעלנדיק זיך אױף די קני לעבן איר — געגומען היסלאַיוועסדיק אויסדעקלאַמירן:

— אָ, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, איך וויל אייך טיף דאַנקען פאַר דעם קאָוועד און דער פרייד, וואָס איר האָט מיר היינט פאַרשאַפט! גלויבט מיר, איך וועל עס שטענדיק אָפּשאַצן. איך וועל דעם היינטיקן אָוונט קיינמאָל ניט פאַרגעסן!...

ליובע האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— אויב איר האָט מיך טאַקע בעעמעס ליב, פאַוועל אָסיפּאָוויטש, דאַן טוט פאַר מיר איין קלייניקייט. נעמט אַראָפּ פון מיר, איך בעט אייך, מיינע אַנגסטן און גיט מיר סאַמסאָנס בריוו און אַדרעס! לאָזט מיך ניט ליידן אומזיסט!...

באָגדאַנאָוו האָט געשוויגן. ער איז מאַשמאָעס געטראָפן געוואָרן אומגעריכט פון איר באַקאָשע און געטראַכט וואָס איר צו ענטפערן. ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— אָ, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, פאַרגעסט וועגן אים!... גלויבט מיר, אַז ער איז ניט ווערט איר זאָלט האָבן דעם מינדסטן האַרצווייטיק איבער אים!...

ער האָט שווער געאָטעמט און פאַרגעזעצט:

— אָ, ליובע, טייער זיס מיידל! טראַכט בעסער וועגן מיר, וועגן אונדז! אָ, איך האָב אייך ליב, ליובע, שטאַרק ליב!... זאָגט אייער וואָרט און איך וועל אייך פאַר אַ פּרינצעסן מאַכן!... יאָ, ליובע, אינגיכן ענדיקט זיך מיין פאַרשיקונג־טערמין. מיין פאַל ווערט איצט רעוויזירט אין קריגס־מיניסטעריום און איך וועל זיכער בעקאָרעוו צוריקקריגן מיין פרייהייט!... דאַן וועל איך זיך גלייך צוריקקערן אין צענטראַל־רוסלאַנד, וועל דאָרט וואַקסן אין ראַנג, וועל אָוואַדע ווערן פּאָלקאָווניק און... מיט אייך, מיין ליבע, באַ מיין זייט, וועל איך אָנשטרענגען אַלע מיינע קויכעס, מיין גאַנצע אַמביציע, צו ווערן גענעראַל און... אָ, ליובע, איך וועל אייך גליקלעך מאַכן!... איך וועל שטענדיק, אייביק זאָרגן פאַר אייער וואוילזיין, פאַר אייער צופרידנקייט, פאַר אייער גליק!...

ליובע האָט אויפגעהויבן אַ האַנט אים אָפּצושטעלן, און געזאָגט:

— איך דאַנק אייך, פאַוועל אָסיפּאָוויטש, פאַר אייערע וואַרעמע געפילן צו מיר, אָבער... צום באַדויערן קאָן איך אייער ליבע ניט אָננעמען!... ניין, איך גלויב ניט, אַז איר האָט מיך ליב. וואָרים אָט, איר זענט דאָך אַפילע ניט וויליק צו טאָן פאַר מיר אַזאַ קליינע געפעליקייט, וואָס איר ווייסט, אַז מיין געמיט־רו, מיין גאַנץ לעבן איז אָפּהענגיק אין דעם!... ניין, איך גלויב ניט, אַז איך וואָלט געקאָנט גליקלעך זיין מיט אייך. ניין, אַפילע ניט צופרידן זיין, ווייל איר ווילט אַלץ בלייבן דער באַהערשער, דער דייע־זאָגער, און זוכט אַלץ צו אונטערדריקן מיינע באַגערן, מיינע פאַרלאַנגען!...

זי האָט זיך אומגעדולדיק אַ דריי געטאָן און פאַרגעזעצט:

— אָ, וואָס נוצן די רייד, אַז איר ווילט מיך אַפילע ניט פאַרשטיין. איר האַלט, אַז איך בין שלעכט צו אייך. אָבער פאַרשטייט, איך בעט אייך, אַז עס איז ניט אַזויפיל איר פּערזענלעך, וואָס איז מיר דערווידער, נאָר אייער קלאַס אין אַלגעמיין!... איך האָב אייך געזאָגט און זאָג עס אייך ווידער: איך האָב מיין לעבן געווידמעט צו אַ באַוועגונג, אַן אידעאַל, און זיך פאַרשוואוירן צו קעמפן פאַר דער אָפּשאַפונג פון אייער קלאַס, — דעם קלאַס, וואָס באַהערשט און דריקט דאָס פּאָשעטע פאָלק. ווי זשע קאָן איך גאָר טראַכטן וועגן פאַרבינדן זיך מיט איינעם פון דעם קלאַס קעגן וועמען איך קעמף און וועלכער האַלט מיך געפאַנגען?...

באַגדאַנאָוו האָט גענומען ליובעס האַנט אין זיינער, זי צאַרט געגלעט, געקושט און גערעדט:

— איר רעדט אַזוי, ליובע טייערע, ווייל איר קענט מיך ניט! עמעס, איך בין טאַקע אַן אָפיציר און, ווי איר זאָגט, אייער באַהערשער. אָבער ד'ער עמעס איז, אַז אין האַרצן בין איך מיט אייך, מיט אייער אידעאַל!... איך וויל אויך זען אונדזער געליבט רוסלאַנד באַפרייט און גליקלעך!...

ליובע האָט גאַליק געשמייכלט:

— שיינע רייד. אָבער אין אַ קריזיס וועט איר זיך ניט אָפּהאַלטן פון צו שיסן און דערמאָרדן די, וואָס קעמפן פאַר אַ גליקלעך און פריי רוסלאַנד!...

— דאָס זענען מיינע פליכטן, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ! — האָט באַגדאַנאָוו ווי אָפּגעשניטן. — איך האָב געגעבן אַ שוואוע צו דינען געטריי און וואָלט געמוזט אַזוי האַנדלען ווי מען וואָלט מיר באַפוילן. אָבער וואָס האָט צו־טאָן ד'ער קלאַס מיינער צו מיר פּערזענלעך?...

ליובע האָט אַ לאַך געטאָן:

— איך האָב ניט געזאָגט, אַז עס איז אויסשליסלעך צוליב אייער קלאַס, פּאַוועל אָסיפּאָוויטש!... איך גלויב ביכלאַל ניט, אַז מיר זענען צוגעפּאַסט איינער פאַרן צווייטן... איך בין בעטעווע אַ שטילע, אַ ווייכע, כאָטש דערביי אויך אַ שטאָלצע און רעבעלירנדיקע, בעאַיס איר זענט — עפשער צוליב אייער פּאָזיציע — אַ שטרענגער, אַ דאָמינירנדיקער, און דאָס וואָלט געמיינט, אַז איך וואָלט געדאַרפט זיין אונטערגעוואָרפן, אונטערטעניק צו אייך... און מיר איז אַ וואונדער, פאַרוואָס איר ווילט דאָס ניט פאַרשטיין...

זי האָט איבערגעהאַקט און שוין אין אַ ווייכערן טאָן פאָרגעזעצט:

— ערנסט גערעדט, פּאַוועל אָסיפּאָוויטש. איר זענט דאָך אַן אינטעליגענטער מענטש און, איך נעם אָן, אויך מוזיקאַליש געשטימט. איר דאַרפט דעריבער וויסן, אַז אַ באַלאַלאַיקע קאָן ניט געפּאָרט ווערן מיט קיין האַרפע; אַז צימבאַלן וועלן פאַרטויבן און דערשטיקן די טענער פון אַ פידל. דאָס זענען קעגנגעזעצטע אינסטרומענטן, — פרעמד איינער צום אַנדערן, און זיי קאָנען קיינמאָל ניט האַרמאָניזירן. יאָ, זיי טוען טאַקע זייערע פליכטן, אָבער דערביי דערשטיקן זיי

און פאַרטויבן די האַרפע... צו אַ האַרפע, פאַוועל אָסיפּאָוויטש, דאַרף גיין אַ פליוט, אַ פידל, אָדער אַפילע אַ שווערער קאָנטראַבאַס, ווי סאַמסאָן איז, — אַלץ אַזעלכע אינסטרומענטן, וואָס ווילן ניט און קאָנען ניט דאָמינירן איבער דער האַרפע, נאָר לאָזן זי ביי איר אייגענעם זעלבסטשטענדיקן טאָן און אויסדרוק...

באַגדאַנאָוו האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, לעבן ליובען, אָנגענומען איר האַנט, צוגעדריקט צו זיין האַרץ און געמורמלט:

— אָ, ליובע, איר וועט מיך משוגע מאַכן! איך וועל פון זינען אַראָפּ איבער אייער באַהאַנדלונג!... איך האָב אין מיין לעבן פיל מיידלעך געקענט. דאָס ראָוו פון זיי וואָלטן זיך געפילט גליקלעך ווען איך וואָלט זיי אָנגעבאָטן מיין ליבע... יעדע איינע פון זיי האָט געוואָלט זיין אין מיינע אָרעמס, געקושט ווערן פון מיר און מיך קושן... איר, אָבער, ליובע, איר... זינט איך האָב אייך דערזען, האָב איך ערשט דערפילט די עמעסע קראַפט פון אַ מאַנס לוסט צו אַ פרוי, די גיריקייט נאָך איר ליבע!... יאָ, ליובע, איך באַגער אייך, איך דאַרף אייך, איך וויל אייך!... אָן אייך איז מיין לעבן קיין לעבן ניט!... איך בעט אייך, ליובע, פאַרשטויסט מיך ניט!... זייט מיינע, מיינע!...

ער איז מיטאַמאָל צוגעפאַלן צו איר, זי אַרומגעכאַפּט און גענומען באַ־שיטן מיט הייסע, ליידנשאַפטלעכע קושן איר פּאָנים, איר האַלדז און נאַקן און יעדן אָפּגעדעקטן טייל פון איר קערפּער, וואָס איז נאָר אונטער זיינע ליפּן גע־קומען. ליובע האָט זיך געווערט, געפּרואווט זיך באַפרייען פון אים, אָבער באַג־דאַנאָוו האָט שוין געהאַלטן אירע ביידע הענט צוגעדריקט צו דער ערד און — ליידנשאַפטלעך שיפּענדיק דורך די ציין — זיך גענומען דערנעענטערן צו איר:

— איך וועל דיך צווינגען צו זיין מיינע! — האָט ער ווילד געברומט. — דו וועסט מוזן מיר געהערן!...

ליובע האָט זיך גענומען וואַרפן און דרייען, אין אַ פאַרזוך צו באַפרייען זיך פון באַגדאַנאָווס קלעם. זי האָט געביסן זיינע הענט און — באַלד ווי ער האָט זיי נאָר צוגעכאַפּט פון אירע ציין — זיך איינגעגראָבן מיט אירע נעגל אין דער הויט פון זיין פּאָנים. באַלד איז זי אָבער געבליבן ליגן אָן קויכעס. דער קערפּער אירער איז געוואָרן מיד און שווער, דער קאָפּ איז געווען ווי פאַרנעפּלט פונעם שנאַפּס, וואָס האָט איצט דערגרייכט די שטאַרקסטע ווירקונג, און ליובען פאַרוויגט ווי אין אַ הינער־פּלעט... ווען זי איז ענדלעך געקומען צו זיך און באַגריפן וואָס עס איז פאַרגעקומען, — איז זי, ווי אַ צערייצטע טיגערן, אויפ־געשפּרונגען פון דער ערד, דערלאַנגט אַ פּאַטש באַגדאַנאָוון אין פּאָנים אַריין און צעווייטיקט אויסגעשריגן:

— ניוועדיקער כאַזער! אָט וואָס פאַר אַ ווערט עס האָבן געהאַט אייערע אַלע ליבע־רייד און ליבע־דערקלערונגען צו מיר!...

ווי אַ געיאָגטע האָט זי זיך געלאָזט לויפן איבערן זאַמדיקן וועג צוריק אין

שטעטל אַריין. באַגדאַנאָוו איז איר נאָכגעפאָרן מיטן קעטשל, זי געבעטן זיך איינצוזעצן און אים לאָזן זי אַהיימפירן. ליובע האָט אָבער אַפּשוילעך אַ דריגע געטאָן מיטן קאָפּ, ווי אַף אָפּצוטרייסלען פון זיך עפּעס אַ מיעסקייט, און גאַנץ שאַרף אויסגעשריגן:

— אַז איר וועט מיך גלייך ניט געמאַך־לאָזן, קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו, וועל איך אַזוי נעמען שרייען, אַז דאָס גאַנצע שטעטל וועט זיך צונויפלויפן!...

ווען ליובע איז אַהיימגעקומען אַ מידע, אַ צעבראָכענע, איז שוין געווען בלויער טאָג. שטילערהייט האָט זי זיך אַריינגעגאַנוועט צו זיך אין הויז אַריין, אַראָפּגעריסן פון זיך דאָס באַשמוציקטע באַל־קלייד, זיך אַ וואָרף געטאָן אין בעט אַריין און איז דעם גאַנצן טאָג ניט אַרויס עסן, כאָטש יעוודאָקיע האָט עטלעכע מאָל אַריינגעשיקט איר דינסט־מיידל זי צו רופן. ליובע האָט געזאָגט, אַז זי האָט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק און מוז זיך אָפּרוען... זי איז געלעגן אַ צעווייטיקטע און געפּרוואווט זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג פון דעם, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען די פאַרגאַנגענע נאַכט. עפּעס האָט זיך אין איר מויעך אַלץ געפּלאָנטערט אי דעם פּראָפעסאָרס טאַיוועדיקער קנופּ, אי באַגדאַנאָווס פּלוצים־דיקער אָנפאַל, און ביידע זענען פאַר איר אויסגעקומען ווי איין מיעסע שווידער־לעכקייט, וואָס קריכט ווי אַ לעבעדיקער שערעץ אַף איר קערפּער...

זי האָט זיך פּלוצים אַ זעץ־אויף געטאָן, איינגעהייצט דעם קעסל־אויוון פון דער וואַנע, און זיך געוואָלט זעצן וואַרטן ביז דאָס וואַסער וועט הייס ווערן. פּלוצים האָט זי אַ נעם געטאָן דאָס פּעקל בריוו אירע, און האָט זיי אַלע — אַ כוץ דעם לעצטן בריוו פון שימשלען — אַריינגעוואָרפן אין פייער אַריין... זי האָט אַ טראַכט געטאָן אַוועקצולויפן צו דער אָזערע, אָבער גלייך זיך אָנמאַכטיק צוריק אַוועקגעזעצט אפן בעט און — מיט פאַרטרערטע אויגן אָנגעצילט אַף איין פּונקט, אַקוראַט ווי שימשל וואָלט דאָרט געשטאַנען — גענומען שטיל מורמלען:

— פאַרגיב מיר, סאַמסאָן, געליבטער מיינער, פאַר מיין לייכטזיניקייט, פאַר מיין אָנגעטרויען זיך אַזאַ אויסוואורף!... פאַרשטיי, מיין טייערסטער, אַז איך בין געגאַנגען מיט אים בלויז דערפאַר, ווייל איך האָב געהאָפט אַרויסצוקריגן פון אים אַ פאַרבינדונג מיט דיר!... איך האָב ניט געוואָלט זיין אומטריי צו דיר!... איך האָב געוואָלט בלייבן ריין פאַר דיר, אָפּגעהיטן, דיך ניט פאַראַטן!...

ליובע האָט גענומען ברעכן די הענט אין פאַרצווייפלונג. אין איר מויעך האָבן זיך גענומען יאָגן פראַגעס איינע נאָך דער אַנדערער: וואָס זאָל זי איצט טאָן?... ווי וועט זי איצט גאָר ביכלאַל קאָנען לעבן דאָ, אינעם פאַרשיקונג־שטעטל, גיין זיך מעלדן צו דער פּאָליציי, זען באַגדאַנאָוון, קוקן אין זיין פאַרהאַסטן פּאַרצעף?... פאַר אירע אויגן האָבן זיך געהאַלטן אין איין שטעלן בילדער פון פאַרלוירנקייט, שרעק און דערנידעריקונג, אַז עס האָט אַזש פאַרנעפּלט אירע בליקן, און אָן אינערלעכע שטימע האָט איר פּלוצים ווי אונטערגעזאָגט:

„אַנטלויפן! אַוועק פון דאַנען! גיין וואו די אויגן וועלן טראָגן!...“

ווי אַ פאַרווירטע איז זי אַראָפּ פון בעט און זיך אַוועקגעזעצט אָנצושרייבן אַ פּאָר ווערטער צו קוסינען. זי האָט געוואָלט אים אויסדערציילן, וואָס עס איז געשען מיט איר, און אים איבערלאָזן איר פּאָטערס אַדרעס אין פּעטערבורג, קעדיי — אויב סאַמסאָנס אַ בריוו וועט זיך אַמאָל פּאָרט דורכרייסן אַהער, אָדער אויב ער אַליין וועט אַהערקומען — אים צו לאָזן וויסן וואו זי צו געפינען... איר האַנט און מויעך האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט זי צו פאָלגן. דערצו האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי וועט שוין צום פּאָטער אַוואַדע ניט אַהיימפּאָרן. געפילט האָט זי אויך, אַז זי וועט זיך שוין קיינמאָל ניט ווייזן פאַר סאַמסאָנען. איר איז אויסגעקומען, אַז זי — אַ פאַראומרייניקטע — טאָר זיך שוין קיינמאָל מער ניט צונויפקומען מיט דעם טייערן באָכער, וועלכער האָט זי אַזוי שטאַרק און ערלעך ליב... זי האָט זיך איינגערעדט, אַז אַפילע מיטן בלויזן גיין צום באַל — דערצו נאָך מיט זייער סוינע באָגדאַנאָוו — בעאייס סאַמסאָן וואַלגערט זיך אין געפאַר אפן פראָנט — איז געווען אַ פּאָשעטער פאַראַט צו אים:

— ניין, האָט זי זיך געזאָגט, — סאַמסאָן, וואָס האָט אַזוי אַרויפגעקוקט צו מיר און מיך אַזוי פאַרגעטערט, טאָר ניט וויסן פון מיין שאַנד!... אים טאָר איך ניט נאַרן, אָדער זיך מאַכן ניט־וויסנדיק, פונקט ווי עס וואָלט גאָרניט געווען געשען מיט מיר!... ניין, ער טאָר מיך ניט זען, ניט וויסן וואו איך בין, קעדיי ער זאָל זיך ניט דערוויסן דעם עמעס!...

אינמיטן דער נאַכט האָט זי צונויפגענומען די סאַמע בייטיקסטע זאַכן אירע, עטלעכע קליידלעך, שיך, און דאָס — צוזאַמען מיט עטלעכע ביכער, וועלכע זי האָט געהאַלטן אין לייענען — איינגעפּאַקט אין אירס אַ קליינע וואַליזקע אַריין. זי האָט גענומען דאָס גאַנצע באַרע געלט, וואָס זי האָט געהאַט און שטילערהייט זיך אַרויסגעכאַפּט פונעם הויז, זיך געלאָזט צו־פוס צום וואקזאַל, געקויפט אַ בילעט ביי דער קאַסע און איז אַוועק מיטן ערשטן בייַנאַכטיקן צוג...

אף צומאָרגנס, אין שפּעטן נאָכמיטיק, האָט זיך אין באָגדאַנאָווס קאַבינעט אַריינגערוקט דער פּאָליציאַנט גאַלאַשין. אַ בלאַסער, אַ ציטערנדיקער, האָט ער אַ סאַלוטיר געטאָן און גענומען אויסשטאַמלען:

— וואַשע וויסאָקאָ־בלאַהאָראָדיע... איך... מיט אייער דערלויבעניש... האָב דעם קאָוועד אייך צו מעלדן... זי... די באַרישניע... פאַרענדיקט מיט זיך...

באָגדאַנאָוו איז, ווי אַ געביסענער פון אַ שלאַנג, אויפגעשפּרונגען:

— וואָס פּלאַפּלסטו דאָרט, באָלוואַן?! רעד קלאָר! וואָס? ווער? ווען?...

גאַלאַשין האָט נאָך שטאַרקער גענומען שטאַמלען:

— מאַמזעל גאָלובטשיק... די שיינע באַרישניע... באַגאַנגען זעלבסטמאָרד... זיך דערטרונקען...

— פון וואַנען נעמסטו דאָס? — האָט באָגדאַנאָוו אים גענומען טרייסלען.

— זי איז די לעצטע נאַכט ניט געווען אינדערהיים ביי זיך און... אָקאָרשט האָט מען געפונען איר מאַנטעלע ביים ברעג פון דער אָזערע... אָט איז עס דאָ, וואַשע וויסאָקאָ־בלאַהאָראַדיע... דער באַרישניעס מאַנטעלע...

ער האָט אויסגעצויגן זיין האַנט מיטן מאַנטעלע צו באָגדאַנאָוון, אָבער יענער האָט אַזש אַ ציטער געטאָן און זיך צוריקגעצויגן, שרייענדיק:

— לאַדנאָ! הענג עס אויף אַפן הוק דאָ און... קאָנסט שוין גיין!...

אַ צערודערטער האָט באָגדאַנאָוו, נאָך גאַלאָשינס אַרויסגיין, גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק איבערן קאַבינעט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. אַ נערווירנדיקער האָט ער זיך צוריקגעזעצט צום טיש, אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך קאָניאַק איינס נאָכן אַנדערן און — אומבאַוואוסטזיניק פאַררוקנדיק די פינגער זיינע אינעם נעט־קאַרבירטן קאָפּ האָר אַריין, — אַ זאָג, וואָס ער האָט געטאָן בלויז ווען ער האָט פאַרלוירן דעם זעלבסט־קאָנטראָל און איז געווען שטאַרק געדריקט, — גענומען נאָכטראַכטן וועגן יענער נאַכט, דאָרט אַף דער לאָנקע, ביי דער אָזערע... דערמאַנט האָט ער זיך, אַז ליובע האָט דאַן — בעאייסן אַנטלויפן פונעם פּלאַץ — געלאָזט ליגן איר מאַנטעלע אַפן גראָז, און ער — כאָטש ער האָט דעמאָלט אינזינען געהאַט צוצופאָרן שפּעטער עס נעמען — האָט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אין דעם... באָגדאַנאָוו האָט דעריבער פאַרשטאַנען, אַז ליובע האָט זיך ניט דערטרונקען, ווי די פּאָליציי האָט געדרונגען, נאָר אַז זי איז אַוואַדע אַנטלאָפן פון שטעטל, און ער וואָלט גאָר געדאַרפט אַרויסשיקן אַן אַלאַרם מען זאָל זי כאַפּן...

געטאָן האָט ער דאָס אָבער ניט. ער האָט פּאַשעט מוירע געהאַט, אַז אויב מען זאָל ליובען כאַפּן און צוריקברענגען, וועט זי דאַן אַוואַדע אויסזאָגן ווי דאָס מאַנטעלע קומט צו זיין ביי דער אָזערע; וואָס מיט איר איז געשען אין יענער נאַכט דאָרט און... דער סקאַנדאַל וואָלט זיכער געשטערט צו געווינען די פאַרקירצונג פון זיין פאַרשיקונג־טערמין, אַף וואָס ער וואַרט אַזוי אומגעדולדיק...

באָגדאַנאָוו האָט אַ קנאַק געטאָן מיט די פינגער און זיך דעמאָניש ברייט צעשמייכלט. ער האָט געעפנט דעם פּראָטאָקאָל־בוך און אַריינגעשריבן אין אים:

„די פּאָליטיש־פאַרשיקטע, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ גאָלוב, פון פּעטערבורג, איז אין דער נאַכט פון זונטיק אַף מאָנטיק דעם 7טן אַווגוסט פונעם יאָר 1916, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך דערטרינקען זיך אין דער קליינער אָזערע הינטערן שטעטל. דעם קערפּער האָט מען ניט געפונען און די סיבע פון איר זעלבסטמאָרד איז אומבאַוואוסט...“

ער האָט ווידער אָנגעגאָסן אַ גלעזל קאָניאַק, מיט איין זופּ דאָס אַריינגעגאָסן אין זיך, און מיט דער פרייער האַנט צוגעמאַכט דאָס פּראָטאָקאָל־בוך...

* * * * *

קאַפּיטל צוואַנציק

עס איז געווען דער צווייטער טאָג אין מערץ פון יאָר 1917. אַ צאָל אַבאָזניקעס — צווישן זיי שימשל — זענען געפאָרן מיט זייערע טראַנספּאָרט־וועגענער צו דער אייזנבאַן־סטאַנציע פון אַ געוויסער שטאָט הינטערן פראָנט, אויפצונעמען דאָרט פּראָוויאַנט און אַמוניציע פאַר זייערע מיליטער־טיילן. דורכפאָרנדיק דורך דער שטאָט, האָט שימשל באַמערקט אַן אומגעוויינטלעכע באַ־לעבטקייט אויף די גאַסן. אומעטום זענען געשטאַנען גרופּקעס מענטשן און לעבעדיק געשמועסט וועגן עפּעס: דאָ און דאָרט האָבן פּאָרלעך — פריילעכע און לאַכנדיקע — געטאַנצט אין מיטן דער גאַס. אַנדערע האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, זיך געקושט און עפּעס אַזוי מאָדנע היסלאַיוועסדיק געהויבן די הענט. אין שימשלס מויעך האָט דורכגעבליצט אַ געדאַנק:

„די מילכאָמע... זיך אָוואַדע געענדיקט...“

אַביסל ווייטער, אַז דער טראַנספּאָרט איז צוגעקומען צו דער הויפּט־גאַס און זיך געוואָלט אַהין אַריינקירעווען, — איז דער פּאָסטן־פּאָליציאַנט צוגעטראָטן צום ערשטן וואָגן, גענומען עפּעס הייס רעדן צום אַנטרייבער, און דערביי אָנגע־וויזן מיט אַ האַנט, אַז ער זאָל פאָרן גלייך. דער וואָגן — און די אַנדערע נאָך אים — האָט זיך גערירט און בעאייסן אַריבערפאָרן די ברייטע גאַס, האָט שימשל באַמערקט ווי פון ווייטן, פון אַנדערן עק גאַס, האָט געהאַלטן אין אָנקומען אַ מאַרשירנדיקע מאַסע מענטשן מיט צעפּלאַטערטע רויטע פענער. ער האָט געקוקט אַהין און ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס עס איז:

„וואָס טוט זיך דאָ?“ — האָט ער, אַ פאַרכידעשטער, זיך אַליין געפרעגט — „עס איז דאָך נאָך ניט דער ערשטער מאַי, וואָס מען מאַכט אַ דעמאָנסטראַציע...“

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ שטורמישן הוראַ־געשריי, וואָס איז געקומען פונווייטן, נאָך הילכיקע, אָבער אומקלאָרע אויסרופן...

שימשל האָט געוואָלט פרעגן ביי עמעצן פון די פאַרבייגייער, וואָס עס איז געשען, אָבער ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט דערצו, ווייל ער האָט זיך געדאַרפט האַלטן מיט זיין וואָגן אין דער ריי. באַלד, אָבער, זענען אַ כאַפּטע באַכערים און מיידלעך צוגעטראָטן צו די וועגענער, זיך גענומען אַרויפכאַפּן אויף זיי און — איידער וואָס־ווען — זענען שוין אויף זיין וואָגן געווען עטלעכע פאָרלעך. איינע, אַ יונג שיין מיידל, האָט פריילעך אַרומגעכאַפּט שימשלען און אים גענומען קושן, בעאייס דער יונגערמאַן לעבן אים האָט היסלאַיוועסדיק אויסגערופן:

— מיר באַגריסן איך, כאַווער סאָלדאַט, מיט דער געוואונענער פרייהייט!...

שימשל האָט ווי אַ געפּלעפטער געקוקט אף אים און ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. דער יונגערמאַן האָט אים דאַן איבערגעגעבן, אַז מיט צוויי טעג צוריק איז דער צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער געצוואונגען געוואָרן „אָפּצודאַנקען" פון טראָן און אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַ צייטווייליקע רעגירונג, וואָס וועט בעקאָרעוו צונויפרופן אַ גרינדונג־פאַרזאַמלונג פון פאַרטרעטער פונעם גאַנצן לאַנד, אף צו באַשטימען וואָסער שטייגער רעפּובליק איינצושטעלן אין רוסלאַנד:

— איצט, כאַווער סאָלדאַט, — האָט ער פאַרענדיקט, — דאַרפן מיר אַלע זיך שטעלן אף דער וואַך צו קעמפן פאַר עמעסע פאָלקס־פאַרטרעטער, וואָס זאָלן איינשטעלן אַ ריכטיקע פאָלקס־רעפּובליק!...

— יאָ, — האָט דאָס מיידל צוגעגעבן, פאַרדעקנדיק מיט אַ רויטער טאַשמע די „קאָקאַרדע" פון שימשלס היטל. — די צייטווייליקע רעגירונג וועט זיך אַזוי לייכט ניט אונטערגעבן!...

שימשל איז נאָך געווען אומבאַהאַוונט אין פּאָליטישער אָריענטאַציע. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז אויב דער צאַר — קעגן וועמען מען האָט געקעמפט אַזויפיל יאָרן — איז שוין אַראָפּגעוואָרפן, איז שוין אַלץ דערגרייכט געוואָרן. זיין אייגענער אינסטינקט האָט אים אָבער אונטערגעזאָגט, אַז איצט דאַרף מען זען, עס זאָל נעמען אַ סאָף צו דער מילכאָמע און געשלאָסן ווערן אַ שאָלעם. דאַן... דאַן, — האָט ער געוואוסט, — וועט ער זיין פריי און וועט, פאַרשטייט זיך, גלייך זיך אַ לאָז טאָן קיין אישים, אויסצוגעפינען וואָס אַזעלכעס עס איז געשען מיט זיין געליבטער ליובען...

טעג זענען פאַרביי און שימשל איז געוואָרן אַלץ מער אומגעדולדיק. קיין בריוו צו ליובען האָט ער שוין מער ניט געשריבן. ערשטנס, ווייל ער האָט אַלץ געהאָפט, אַז עפשער היינט־מאָרגן וועט אָנקומען אַ מעלדונג, אַז די מילכאָמע איז געענדיקט און ער וועט אַליין אַהינפאָרן צו ליובען, אָבער דער איקער דערפאַר, וואָס בריוו האָבן ביכלאַל אויפגעהערט אָנקומען פאַר די סאָלדאַטן, און מען האָט געשמועסט, אַז די פּאָטשט האָט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן... ער האָט גענומען פרעגן באַ זיינע כאַווירים סאָלדאַטן, געפּרואווט אויסגעפינען באַ די שרייבער פון קאַנצעלאַריע, אָבער קיינער האָט אים ניט געקאָנט זאָגן צי און ווען די נייע רעגירונג וועט שליסן אַ שאָלעם. לויט אַלע סימאָנים האָט עס גאָר אויסגעזען, אַז זי איילט זיך גאָרניט דערצו. פאַרקערט: די נייע רעגירונג איז גאָר אַרויסגעקומען מיט אַ רוף צו די סאָלדאַטן אף די פראָנטן, אַז זיי זאָלן בלייבן פעסט אין קאַמף קעגן די סאָנים ביז מען וועט זיי פאַרטרייבן פון דער רוסישער ערד... אין דער זעלבער צייט, אָבער, זענען אָנגעקומען יעדיעס פון די פראָנטן, אַז אין אַ צאָל ראָטעס האָבן די רוסישע סאָלדאַטן אָנגעהויבן זיך צו ברידערן מיט די דייטשישע סאָלדאַטן, און זיי ווייזן ניט אַרויס קיין איבעריקן

כיישעק זיך ווייטער צו שלאָגן... עמעס, עפנטלעך האָט נאָך קיינער ניט גערופן זיך אָפּצוזאָגן פון גיין אין די שלאַכטן, ווייל איינער האָט נאָך אַפּאָנים מוירע געהאַט פאַרן אַנדערן, אַז יענער זאָל אים ניט פאַרמאַסערן פאַר נאַטשאַלסטווע, וועלכע האָט ווייטער געטריבן די מילכאָמע, אַקוראַט ווי אין לאַנד וואָלט גאָר קיין איבערקערעניש ניט פאָרגעקומען. דאָך האָבן זיך דאָ און דאָרט, אין געוויסע פאָלקן, אָנגעהויבן באַווייזן סימאָנים פון אומרו צווישן די סאָלדאַטן, וואָס איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעוואָלט און זיך אויסגעדריקט אין אַ ספּאָנטאַנעם אויסברוך קעגן נאַטשאַלסטווע. סאָלדאַטן האָבן גענומען אַראָפּרייסן די שליפעס פון די אָפיצירן און אָנגעהויבן גרינדן סאָלדאַטישע קאָמיטעטן אין די אָפּטיילן, אַף צום באַהאַנדלען פּאָליטישע פראַגעס און אויפצונעמען קריוודעס וועגן אומגוטער שפּייז, קליידונג, אָדער סטאַם שלעכטער באַהאַנדלונג מיצאַד נאַטשאַלסטווע צו די סאָלדאַטן...

עטלעכע וואָכן שפּעטער האָבן פון צענטער אָנגעהויבן אַראָפּקומען צו די פראָנטן שעליכים פון פאַרשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען. זיי האָבן געהאַלטן רעדעס פאַר די סאָלדאַטן, גערופן זיי צו האַנדלען ווי שטאָלצע, באַפרייטע רוסישע בירגער, און ניט אָפּטרעטן פון די שלאַכט־ליניעס ביז דער סוינע וועט ווערן פולשטענדיק געשלאָגן:

— אַז מיר וועלן באַזיגן דעם סוינע, — האָבן זיי מיט פּאַטאָס געשריגן, — וועלן מיר זיך דאַן אַ נעם טאָן צו באַפעסטיקן די געוואונענע פרייהייט!...

עס זענען, אָבער, אויך געהערט געוואָרן אַנדערע מיינונגען. פאַרטרעטער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן — די באָלשעוויקעס, האָבן געהאַלטן פאַרקערט, אַז די מילכאָמע איז אַ זינלאָזע, אַ פאַרברעכערישע, וואָס די קאַפּיטאַליסטן און אימפּעריאַליסטן האָבן אַרויסגערופן, קעדיי צו געווינען אָפּזאַץ־מערק פאַר זייערע סכוירעס... די רעדנער האָבן גערופן די סאָלדאַטן זיך וואָס מער צו ברידערן מיט די דייטשישע סאָלדאַטן, וועלכע זענען אויך געשיקט געוואָרן אַף די פראָנטן קעגן זייערע אייגענע ווילנס; דערציילן זיי בעאייס דעם וועגן דעם אַראָפּזעצן פון צאַר און זיי רופן אַראָפּצוואַרפן אויך זייער קייזער, קעדיי נאָך דעם צו קאָנען שליסן אַ שאָלעם צווישןביידע לענדער... זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז אפן ערשטן פּלאַץ דאַרף איצט שטיין די פראַגע וועגן באַפעסטיקן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און מאַכן זיכער, אַז די מאַכט אין לאַנד זאָל ניט פאַרכאַפּט ווערן פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט טאַקע געהאַט אירע פּריוואַטע כעשבוינעס מיטן צאַר און זיין זעלבסטהערשונג, אָבער וועלכע זענען פּונקט אַזעלכע סאָנים פון פאָלק, — די אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן, — פּונקט ווי דאָס איז געווען דער צאַר און זיינע מיניסטאָרן...

— מיר קאָנען עפשער טאַקע נאָך צוריקגעווינען אַ שטיקל פאַרנומען פּלאַץ פון די דייטשן, אויב מיר זאָלן ווייטער אָנגיין מיט דער מילכאָמע, — האָבן זיי

געטאָינעט, — אָבער דערביי וועלן מיר פאַרלירן דאָס גאַנצע לאַנד דורך פאַר־שקלאַפן עס צו דער בורזשואַזיע!... וואָרים ווער פון די נייע רעגירער וועט עס אָפּהיטן אייערע אינטערעסן בעאַייס איר וועט בלייבן אָף די פּראָנטן? — פּירשט לוואָוו, מיליוקאָוו, ראַדיטשעוו, צי אַנדערע פון זייער גלייכן?... ניין, כאַווײרים סאָלדאַטן, מיר, איר אַליין, וועלן דאָס דאַרפן טאָן!... אונדזער פאָדערונג דאַרף קוידעם־קאָל זיין: פרידן! פרייהייט! די ערד צו די פּויערים! די פאַבריקן צו די אַרבעטער!... איבערן לאַנד דאַרף זיך צעטראָגן דער לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט צו די סאָוועטן פון אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן!...״

שימשל האָט געגלויבט, אַז אָט־די גרופּע איז טאַקע גערעכט. ער האָט געהאַלטן, אַז די ערשטע זאַך איז טאַקע די נויטיקייט גלייך צו פאַרענדיקן די מילכאָמע. און כאָטש דער פרידן וואָלט אים פּערזענלעך ניט געבראַכט קיין ערד, אָדער פאַבריקן, האָט ער דאָך געפילט, אַז ער וועט געווינען דערפון; געווינען דאָס טייערסטע אָף דער וועלט — ליובען, נאָך וועמען ער בענקט אַזוי שטאַרק...

עס זענען געקומען טעג, ווען ער, שימשל, האָט זיך אַזוי פאַרבענקט נאָך איר, אַז ער האָט אַזש גענומען טראַכטן ניט צו וואַרטן ביז עס וועט געשלאָסן ווערן דער שאָלעם, נאָר טאַקע גלייך זיך אויפהייבן און אין אַ מיטן דער נאַכט זיך אַוועקלאָזן קיין סיביר, קעדיי וואָס גיכער אויסצוגעפינען וואָס עס איז געשען מיט זיין געליבטער ליובען...

דער דאָזיקער פּלאַן איז אָבער גלייך צו־נישט געוואָרן. שימשל איז דער־ווילט געוואָרן אַלס מיטגליד אין סאָלדאַטן־קאָמיטעט פון זיין אָבאָז, און נאָכדעם — אויך אַלס פאַרטרעטער צום בריגאַדע־קאָמיטעט, צו רעדן אין נאָמען פון זיין אָפּטייל. ער איז גלייך פאַרכאַפּט געוואָרן אין אָט־דער אַרבעט און איז צופרידן געווען, וואָס מען האָט דאָס אים אָנגעטרויט. עפּעס האָט ער דערפילט אַזאַ שטאָלץ דערפון, פּונקט ווי דעמאָלט, בעאַייס מען האָט אים געהאַט געגעבן די פּראָקלאַ־מאַציעס צום פאַרטיילן... ער האָט אין דעם געזען אַ מעגלעכקייט צו דערלערנען אַביסל געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אַרבעט, און דערוועגבן פאַר זיך פּאָליטישן ויסן, וואָס האָט אים נאָך אַזוי שטאַרק געפעלט:

„איך וועל זיין אין קאָמיטעט אַ כוידעש־צוויי״, — האָט ער זיך געטראַכט. — „איך וועל העלפן באַפעסטיקן די געוואונענע פרייהייט און אַרויספקירעוועז די רעוואָלוציע אָף די געהעריקע רעלסן... דאַן וועל איך בעטן אַן אורלויב און אַוועקפאָרן צו ליובען... וואָרים אויב איך האָב איבער דער מילכאָמע געמוזט וואַרטן דריי יאָר דורך צוואַנג, מעג איך צוליב דער רעוואָלוציע וואַרטן נאָך אַ צוויי כאַדאָשים פרייווילִיק...״

שימשל איז געווען צופרידן פון זיין באַשלוס. ער איז געווען זיכער, אַז ליובע אַליין — ווען ער וועט עס איר דערציילן — וועט דאָס באַגיטיקן און אים לויבן דערפאַר...

דערווייל האָבן זיך גענומען טראָגן פאַרשידענע באַאומרואיקנדיקע מאַיסעס צווישן די סאָלדאַטן אַף די פראָנטן. פון דער הויפּט־שטאָט, פון פּעטערבורג, — וואָס מען האָט ביים אָנהויב מילכאָמע געענדערט אַף פּעטראָגראַד, — זענען גע־קומען נייעסן וועגן שטרייטיקייטן צווישן די אָנהענגער פון דער צייטווייליקער רעגירונג און די אָנהענגער פון די סאָוועטן. די פראַגע, וואָס עס דאַרף קומען פריער, — פרידן און רעפאָרמען, אָדער שלאַכטן און סטאַביליטעט אין לאַנד, — איז געווען אַ שאַרפע און האָט אַרויסגערופן רייסערייען און קאַמפן צווישן די פּאַרטייען. דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויך אין די סאָלדאַטן־קאָמיטעטן אַף די פראָנטן, וואָס זענען באַשטאַנען פון פאַרשידענע גרופּעס. עס האָבן זיך אָנגעהויבן הערן שטימעס, אַז אין פּאַנים פון דער געפאַר צו פאַרלירן די פרייהייט און רעוואָ־לוציע צו דער בורזשואַזיע, וועלכע וויל ניט קיין שאָלעם און לייגט אָפּ דאָס דורכ־פירן פון די רעפאָרמעס, — דאַרף די אַרמיי זיך פאַנאַנדערלאָזן און די סאָלדאַטן דאַרפן זיך פאַנאַנדערפאָרן אַהיים, יעדער אין זיין שטאָט אָדער דאָרף אַריין, קעדיי דאָרט צו שטעלן זיך אין קאַמף פאַר שאָלעם, ברויט און פרייהייט...

מיטאַמאָל האָט מען פון מיליטערישן שטאַב געלאָזט וויסן, אַז קערענסקי, וועלכער איז געוואָרן דער פּרעמיער־מיניסטער פון דער צייטווייליקער־רעגירונג, קומט אַליין צו פאָרן אַפן פראָנט און וועט פּערזענלעך רעדן צו די סאָלדאַטן. די מינדערהייט אין קאָמיטעט האָט דאַן געפאָדערט ניט אָנצונעמען קיין באַשלוס ביז מען וועט ניט הערן וואָס קערענסקי האָט צו זאָגן...

קערענסקי האָט אַרגומענטירט קעגן דער טעאָריע, אַז די סאָלדאַטן דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט אָפּהיטן די רעוואָלוציע אַפן ציווילן פראָנט. דאָס, — האָט ער געזאָגט, — דאַרף איבערגעלאָזט ווערן פאַר די ציווילע לייט אַף די ערטער. די פליכט פון די סאָלדאַטן, פון דער אַרמיי, איז צו שטיין אַף די פראָנטן און מאַכן זיכער, אַז ניט נאָר זאָל די רעוואָלוציע און די ניי־געוואונענע פרייהייט ניט פאַרלוירן גיין, נאָר אַז גאַנץ רוסלאַנד זאָל ניט פאַרנומען און באַהערשט ווערן פון אַ צווייטן — אַ ניט־רוסישן צאַר, — פון דייטשישן קייזער...

— מיר זאָגן אייך צו, ברידער סאָלדאַטעלעך, — האָט ער פאַרענדיקט מיט גרויס פּאַטאָס, — אַז ווען די צייט וועט קומען וועט די צייטווייליקע רעגירונג טאָן אַלץ אין אירע קויכעס צו ברענגען אַן ערנהאַפטיקן שאָלעם און וועט נאָך דעם אויסטיילן ערד צו די ערדלאָזע, נויטבאַדאַרפטיקע פּויערים!...

שימשל האָט איינגעזען, אַז קיין שאָלעם וועט שוין אַזוי גיך ניט געשלאָסן ווערן און ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך מער ניט צו וואַרטן. ער האָט זיך דאַן געווענדט צו זיינע כאַווירים אין קאָמיטעט מיט אַ באַקאָשע, אַז מען זאָל אים געבן אורלויב אַף זעקס וואָכן, — די נויטיקע צייט אַף צום פאָרן אַהין און צוריק אין סיבירישן שטעטל, אויסצוגעפינען וואָס עס איז געשען מיט זיין קאַלע...

עס איז שוין געווען באַלד סאָף כוידעש יולי, ווען שימשל האָט ענדלעך

געקראָגן אַ מעלדונג פון בריגאַדע־שטאַב, צו וועלכן זיין אָבאָז־אָפּטייל האָט געהערט, אַז עס איז אים באַוויליקט געוואָרן אַן אורלויב אַף אַכט וואָכן. אינעם טעגלעכן באַפעל איז געווען געמאָלדן וועגן דעם, צוזאַמען מיט אַ פאַראָרדענונג, ער זאָל זיך צושטעלן אין שטאַב, וואו ער וועט קריגן די געהעריקע דערלויבעניש, — די פּאַפּירן און דאָקומענטן, — צוזאַמען מיט אַ „ליטער־אַ“־בילעט, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז ער וועט ניט דאַרפן באַצאָלן קיין שום טייל פון די רייזע־קאָסטן, ווי עס האָט זיך געווייינטלעך געפירט בעאייס סאָלדאַטן זענען געפאָרן אַף זייער אורלויב, נאָר אַז ער — אין אנערקענונג פאַר זיין אַרבעט אין קאָמיטעט — וועט קריגן דעם פּריווילעגירטן בילעט אינגאַנצן פריי...

שימשל האָט זיך געזעגנט מיט זיינע פריינט און זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך צוריקקערן אַזוי גיך ווי ער וועט זיך נאָר דערוויסן וועגן זיין קאַלע, און אויב עס וועט איבער דער צייט ניט געשלאָסן ווערן קיין שאָלעם. ער האָט איינגעפּאַקט זיינע זאַכן און איז אַף צומאָרגנס אַוועקגעפאָרן אַף איינעם פון די אָבאָז־וועגענער, וואָס זענען געפאָרן אין שטאָט נאָך פּראָוויאַנט, און איז גלייך אַוועק זיך מעלדן אין שטאַב נאָך דעם בילעט און זיינע פּאַפּירן...

עטלעכע טעג האָט שימשל זיך אָבער געדאַרפט וואַלגערן אין אַ שטאַל ביים שטאַב פון דער בריגאַדע, ביז מען האָט אין דער קאַנצעלאַריע ענדלעך פאַרטיק געמאַכט די נויטיקע פּאַפּירן פאַר אים און זיי אים אַרויסגעגעבן...

שווער איז געווען די רייזע פאַר שימשלען. אין די עטלעכע מילכאָמע־יאָרן זענען די באַנען פון לאַנד — די וואָס זענען ניט געווען צוגעטיילט פאַר אויסשליסלעכע מילכאָמע־צוועקן — געוואָרן אָפּגענוצט און טיילווייז אַפילע צעבראָכן. קיין נייע לאָקאָמאָטיוון, אָדער וואַגאָנען פאַר ציווילן געברויך זענען ניט געגעבן געוואָרן. די צוגן זענען דעריבער קיינמאָל ניט געפאָרן אין צייט. אַ רייזע, וואָס האָט געווייינטלעך געדאַרפט דויערן אַ טאָג, האָט איצט גענומען פיר־פינף טעג און אַמאָל אויך מער. אָפט פלעגט אַ צוג דאַרפן אָפּשטיין ביי אַ סטאַנציע שאָען לאַנג איידער מען האָט געקראָגן באַהייצונג פאַרן לאָקאָמאָטיוו, אַז ער זאָל קאָנען פאָרן צום ווייטערדיקן פונקט. אַף די קנופּ־סטאַנציעס, וואו מען האָט געדאַרפט זיך איבערזעצן אַף אַ צווייטן צוג, האָט מען קיינמאָל ניט געקאָנט וויסן ווען אַזאַ צוג וועט פאַרטיק זיין צום אָפּפאָרן, און מען האָט אַמאָל געדאַרפט וואַרטן אַ וואָך צייט דערויף. די וואַגאָנען זענען דעריבער געווען איבערגעלאָדן מיט פּאַסאַזשירן. אַף איין פּלאַץ זענען געווען פינף מענטשן און מער. מען איז געפאָרן שטייענדיק און ענג־צוגעדריקט אין די דורכגאַנגען, אַף די פּלאַטפאָרמעס, אַף די טרעפּלעך און אַפילע אין די וואַש־צימערלעך... אַף די בענק און פּאָליצעס איז מען געזעסן קימאַט איינער אַפן אַנדערן — אָנגעפּאַקט ווי הערינג אין די פעסער... שימשל האָט זיך איינגעקוועטשט אַפן דיל, צווישן צוויי בענק, וואו ער האָט, האַלב־זיצנדיק, געכאַפּט אַ דרימל און איז אָפט אָנגעטראָטן געוואָרן

פון פאַסאַזשירן, וואָס האָבן געדאַרפט דורכגיין. ערשט נאָך עטלעכע טעג פאָרן איז אים ענדלעך געלונגען צו פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ אױף דער סאַמע אױבערשטער פּאָליצע, וואָס איז געווײנטלעך געווען פאַר געפּעק, און דאָרט — אױפן שמאָלן ברעטל — זיך אַוועקגעלײגט אױסצורוען די מידע בײנער...

אױף די סטאַנציעס, בעת שימשל איז אַראָפּ פון צוג קעדײ אָנצוגיסן זיך אַ טשאַיניק אָקריפּ פאַר טײ, האָט ער — אױף די צוגן, וואָס זענען געקומען פון דער אַנדערער ריכטונג — באַמערקט אַ מאַסע מענטשן זיצנדיק אױף די דעכער פון די וואַגאָנען, אױף די שטױס־פּלאַטן, אָדער מאַמעש אָנגעהאָנגען מיט די הענט אָן די שטאַבעס אױף די אַרײַנגאַנג־טרעפּלעך. דערוואוסט האָט ער זיך, אַז דאָס ראָוו פון אָט־די מענטשן זענען געוועזענע פּאָליטיש־פאַרזינדיקטע, וואָס קערן זיך איצט צוריק אַהײם פון זײער פאַרשיקונג אין סיביר. ער האָט געקוקט אױף זײ און מיטאַמאָל דערפילט ווי דאָס האַרץ זײנס האָט אַזש אױפגעציטערט:

„עפּשער איז ליובע שוין אױך אַהײמגעפאָרן?" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

— „וואָס וועל איך דאַן טאָן?... ווי וועל איך זי קענען געפינען, אַז איך האָב דאָך אַפילו ניט דעם אַדרעס פון איר פאָטער אין פּעטערבורג?!..."

ער האָט אָבער געהאָפט, שימשל, נײן, ער איז זיכער געווען, אַז אױב ליובע איז אַוועקגעפאָרן, האָט זי אַוואַדע איבערגעלאָזט איר אַדרעס בײַ יעוודאָקיען...

שימשל האָט מאַמעש געפיבערט פון אומגעדולד, דער איקער דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געוואוסט ווען ער וועט זיך פאַרט אַמאָל דערשלאָגן קײן אישים. אין געווײנטלעכע, נאָרמאַלע צײַטן, וואָלט די גאַנצע נעסיע געדאַרפט נעמען העכסטנס אַ וואָך, אָדער צען טעג. איצט, אָבער, נאָכן אָפּפאָרן פולע דרײַ וואָכן, איז ער נאָך אַפילו קײן העלפט וועג ניט דורכגעפאָרן און ווער ווײסט ווי לאַנג עס וועט נאָך דױערן דורכצומאַכן די צווײטע העלפט?...

אָבער צו אַלץ, זאָגט די וועלט, קומט דאָך אַ סאָף. אױב מען וואַרט נאָר געדולד. ענדלעך, נאָך זיבן וואָכן שלעפּן זיך, איז שימשל — שוין אין מיטן כוידעש סעפּטעמבער — אָנגעקומען צום וואָקזאַל פון סיבירישן שטעטל אישים...

דאָס שטעטל — שוין באַדעקט מיט טיפן שנײ — איז געווען קימאַט ניט צו דערקענען. נאָך אױפן וואָקזאַלכל דאָרט האָט שימשל — אַ כוץ דער געווײנטלעכער אַנדערשדיקײט, וואָס קוקט אױס נאָך דרײַ יאָר אַוועקזײן — באַמערקט אַ בולטע ענדערונג. עפּעס האָט זיך ניט געשפּירט די אַמאָליקע טרוקנקײט און פרעמדקײט. אָנשטאָט דעם שטענדיקן זשאַנדאַר, וואָס פלעגט זיך אַרומדרײען ווי אַן אָנגע־בלאָזענער פּענכער בעת אַ צוג איז אָנגעקומען אָדער געדאַרפט אַוועקגײן, — האָט שימשל געזען צווײ פּאַשעטע מענטשן, אין אױסקוק פּויערים, וואָס זענען געשטאַנען מיט ווײַסע אָרעם־בענדער אױף די אַרבל פון זײערע באַראַשקענע קורט־קעס. ער איז צוגעגאַנגען צו זײ, זיך פאַרגעשטעלט און זײ געזאָגט, אַז ער איז דאָ געהאַט געווען אױף פאַרשיקונג, אָבער יענע האָבן אים ניט געקענט. זײ האָבן

אים דערקלערט, אַז זיי זענען ניט לאַנג אין אישים און קאָנען אים דעריבער גאָרניט זאָגן וועגן דער ליובען, אַף וועלכער ער פרעגט זיך נאָך...

אַ שטיק צייט האָט שימשל געדאַרפט וואַרטן אַף אַ שליטן אַף צוצופאָרן אין שטעטל אַריין, ווייל עס זענען ניט געווען גענוג שליטנס. שפּעטער, פאָרנדיק שוין אַפן וועג צום שטעטל, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז די מערסטע פון די אַנטרייבער ביי מאַליוטקאָוון, — די וואָס זענען געווען פּאָליטיש־פאַרשיקטע, — זענען אַוועק אַהיים, און מאַליוטקאָוו איז געבליבן מיט בלויז עטלעכע אַנטרייבער, אַלטע לייט פונעם שטעטל, אָדער פויערים פון אַ דערבייאיקן דאָרף. שימשל האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז שוין עטלעכע כאָדאָשים צייט וואָס די מאַכט אינעם שטעטל איז איבערגעגאַנגען צום פאָלקס־קאָמיטעט פון אַרבעטער און פויערים, און אַז קוסינען איז איצט דער קאָמיסאַר פון דער פאָלקס־מיליציע אין שטעטל און אין דער אַרומיקער געגנט, אַנשטאָט דעם קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו, וועלכער איז אַנטלאָפן...

קימאַט ווי אָן אָן אָטעם איז שימשל אַריינגעלאָפן אין הויז פון דעם געוועזענעם פּאָליציי־צירקל, וואָס איז שוין איצט געווען די פאָלקס־מיליציע, און איז גלייך איבעראַשט געווען צו זען צווישן די מיליציאָנערן — דער איקער די וואָס ביי די שרייב־טישן — עטלעכע פון זיינע פריערדיקע פריינט פאַרשיקטע, וואָס האָבן, ווי ער, געהאָט געוואוינט באַ יעוודאָקיען. זיי האָבן זיך דערפרייט מיט אים, גענומען אים אויספרעגן ווי עס איז אים דערגאַנגען, אָבער שימשל האָט זיי געבעטן, אַז מען זאָל אים גלייך צולאָזן צום קאָמיסאַר, צו קוסינען...

איינער פון די מיליציאָנערן איז אַריין אין צימער צו קוסינען אים צו מעלדן וועגן שימשלען. באַלד האָט די טיר פון קאַבינעט זיך ברייט אַ צעעפן געטאָן, און קוסינען — אָנגעטאָן אין אַ מיליטערישן כאַקי־מונדיר, גאַליפע־הויזן, הויכע שטיוול און מיט אַ ווייסן אָרעם־באַנד אפן אָרבל — האָט מיט ברייט־פאַנאַנדער־געשפּרייטע הענט און אַ פריילעכן קאָל איבעראַשט אויסגערופן:

— סאַמסאָן!... כאָווער סאַמסאָן!... אָט אַ גאַסט!... וואָס מאַכט איר?... אָט אַ גאַסט!... קומט אַריין, קומט צו מיר אין קאַבינעט אַריין!...

ער האָט אַ נעם געטאָן שימשלס האַנט, זי וואָרעם געדריקט, אַרויפגעלייגט די צווייטע האַנט אַף זיין אַקסל, גוט־ברודעריש אים צוגעצויגן צו זיך און אים אַריינגעפירט אין באָגדאַנאָווס אַמאָליקן קאַבינעט אַריין, אָבער שוין אָן דעם צאַרס פּאָרטרעט אַף דער וואַנט. קוסינען האָט אים געבעטן זיצן און — קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין — אַ זאָג געטאָן:

— איך פאַרשטיי, כאָווער סאַמסאָן, צוליב וואָס איר זענט אַהערגעקומען, און איך דרינג דערפון, אַז איר ווייסט נאָך אויך ניט וואו ליובע איז...

שימשל איז בלאַס געוואָרן און גענומען ציטערן. זיינע אויגן — צעפייניקטע — זענען געוואָרן אָנגעגאָסן מיט טרערן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אין האַלדז ביי אים איז מיטאַמאָל געוואָרן טרוקן און ער האָט אַפילע אַ קלאַנג

ניט געקאָנט אַרויסברענגען. ער איז פּאַשעט געבליבן זיצן נאָר ווי אַ פּאַרכושטשער. קוסינען האָט מיטפילנדיק געקוקט אויף אים און אים דערציילט, אַז באַלד נאָך זיין אַוועקפאָרן פון אָמסק, האָט ליובע שוין מער קיין בריוו פון אים ניט געקראָגן און איז שטאַרק באַזאָרגט געוואָרן דערפון:

— יאָ, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — ליובע, פּונקט ווי מיר אַלע דאָ, האָט געוואוסט, אַז איר שרייבט איר, נאָר אַז עפּעס געשעט מיט די בריוו. זי האָט אַפט געבעטן באַגדאַנאָוו וועגן דעם, אָבער ער האָט איר אַלץ פאַרזיכערט, אַז קיין בריוו פון אייך זענען מער ניט אָנגעקומען פאַר איר...

קוסינען האָט אַ זיפץ געטאָן און צוגעגעבן:

— אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס ליובע האָט זיך ניט דערוואוסט דאָ ביז נאָך דער איבערקערעניש! — האָט ער מיט באַדויער געזאָגט. — זי וואָלט דאַן אויסגעפונען, דאָס וואָס מיר האָבן זיך שפּעטער פּאַקטיש איבערצייגט, אַז איר האָט ניט אויפגעהערט שרייבן, נאָר באַגדאַנאָוו האָט אַלע אייערע בריוו צו איר, ווי צו אַלע אַנדערע אין שטעטל, פּאַשעט פאַרהאַלטן און פאַרלייקנט!...

ער איז צוגעטראָטן צו איינער פון די דאָקומענטן־שאַפעס, וואָס ביי דער וואַנט, אויפגערוקט אַ שופלאָד און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ היפשן פּאַק מיט בריוו, וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש לעבן שימשלען, און געזאָגט:

— יאָ, מיין פריינט סאַמסאָן, נאָכן איבערנעמען די מאַכט דאָ, האָב איך געפונען אָט־דעם פּאַק בריוו אייערע — צווישן זיי אַפילו די, וואָס איר האָט געשריבן צו מיר, צו יעוודאָקיען און יאָ, אַפילו צו מאַליוטקאָוון, אין וועלכן איר האָט אים געבעטן איבערצוגעבן ליובען אייער אַדרעס... יאָ־יאָ, מיין פריינט, מאַליוטקאָוו האָט איבערגעגעבן באַגדאַנאָוון דעם בריוו, און ליובען ניט געגעבן אייער אַדרעס, אָדער אַפילו אַן אָנצוהערעניש, אַז איר האָט געשריבן צו אים. ביי דער אויספאָרשונג, וואָס מיר האָבן אַנומלטן דורכגעפירט, האָט ער אונדז דערקלערט, אַז ער האָט מוירע געהאַט פאַר באַגדאַנאָוון, ווייל יענער האָט אים שטרענג אָנגעזאָגט גלייך צו ברענגען די בריוו אויב און ווען איר וועט נאָך שרייבן, און ניט וואָגן אויסצורעדן אַ וואָרט וועגן דעם מיט קיינעם... ניט קיין וואונדער, וואָס ליובע איז אַזוי שטאַרק פאַרצווייפלט געוואָרן און...

— איז עפּעס געשען מיט איר? — האָט שימשל קימאַט אויסגעשריגן און דערביי נערוועז געדרענגט זיינע הענט. — זאָגט מיר, וואו איז זי?...

קוסינען האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט צו קוקן אויף שימשלען, און שטיל אַ מורמל געטאָן:

— זי איז אַוועק, סאַמסאָן! אינמיטן נאַכט זיך פאַרנומען און אַוועק!...

— אַוועק? — האָט שימשל אויסגעגלאָצט די אויגן. — פאַרוואָס?...

קוסינען האָט אַ צעשפּרייט געטאָן די הענט ווי אין אומבאַהאָלפנקייט און אים קיין ענטפער ניט געגעבן. נאָך עטלעכע ווייל שווייגן האָט ער שימשלען גאַנץ

פּאָרזיכטיק און געלאַסן גענומען דערציילן וועגן ליובעס מאַנטעלע, וואָס איז געהאַט געפונען געוואָרן ביים ברעג פון דער אָזערע; אים געוויזן דאָס בלאַט אין פּאָליצייאישן פּראָטאָקאָל־בוך, וואו באָגדאַנאָוו האָט געהאַט פאַרשריבן וועגן ליובעס קלוימערשטן זעלבסטמאָרד, און דאַן צוגעגעבן:

— יאָ, מיין פריינט, אַ שטיקל צייט זענען מיר אויך געווען געניגט צו גלויבן אין דעם, כאָטש — קענענדיק ליובען, ווייסנדיק איר לעבנסלוסטיקייט און פריידיקייט — האָבן מיר גלייך געדאַרפט וויסן, אַז עס איז אַ ליגן. אָבער באַלד ווי מיר האָבן איבערגענומען די מאַכט און איך בין דערוויילט געוואָרן פאַר קאָמיסאַר פון דער מיליציע, האָב איך גלייך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג וועגן דעם איניען און... בלויז אין עטלעכע טעג איז פאַר אונדז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנץ אַנדער בילד... מיר האָבן געפונען אַן אידעס, אַ סטודענט, וואָס איז צו יענער צייט אַהיימגעקומען אף זיינע קאַניקולן, געווען ביים מאַסקן־באַל, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען, און אַפילע געטאַנצט מיט ליובען. ער האָט זיך דאַן, זאָגט ער, גלייך פאַרליבט אין ליובען און געוואָרן אייפערזיכטיק אף באָגדאַנאָוון. האָט ער איר דעריבער נאָכגעקוקט און געזען, ווי גלייך נאָכן באַל האָט באָגדאַנאָוו אַרויסגעפירט אונטערן אָרעם ליובען, וועלכע איז געווען פאַרשיקערט און מיד, און האָט זי איינגעזעצט אין זיין קעטשל, אַפּאָנים אף אָפּצופירן זי אַהיים... איך בין זיך דערפון מעשאַער, אַז ליובע האָט זיך דעמאָלט געהאַט באַצוואונגען צו האַלטן זיך פריינטלעך צו באָגדאַנאָוון, קעדיי אַזויאַרום אים צו באַווירקן, אַז ער זאָל איר געבן אייער אַדרעס און די בריוו אייערע... ווי עס זעט אויס, אָבער, האָט באָגדאַנאָוו זי ניט גלייך אַהיימגעפירט, נאָר גענומען זי צו דער אָזערע, ווייל זי איז ניט אַהיימגעקומען ביז עס איז שוין געווען בלויער טאָג... האָבן מיר דעריבער געזוכט אויסצוגעפינען וואו זי איז געווען אין צווישן דער צייט... אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג האָט זיך אָפּגעזוכט אַ צווייטער אידעס, — אַ פויער, וואָס האָט אין יענעם פרימאָרגן דורכן פענצטער פון זיין כאַטע געזען ווי אַ שיין־אָנגעטאָענע יונגע דאַמע איז געלאָפן מאַמעש ווי אַ צעווילדעוועטע אפן וועג פון דער אָזערע אין דער ריכטונג צום שטעטל, און אַן אָפיציר — לויט די סימאָנים, באָגדאַנאָוו — איז איר נאָכגעפאָרן אין אַ קעטשל, אַקוראַט ווי ער וואָלט זי געוואָלט איבערבעטן... לויט דעם בילד וואָס האָט זיך געשאַפן, קוקט עס אויס, אַז באָגדאַנאָוו, נאָכדעם ווי ער האָט ליובען — קעגן איר ווילן — אַוועקגעפירט צו דער אָזערע, האָט זיך ניט אָרנטלעך באַנומען צו איר, און זי איז דעריבער אַנטלאָפן קעדיי זיך צו ראַטעווען... אָבער די הויפּט־זאַך, וואָס שלאָגט אינגאַנצן אָפּ באָגדאַנאָווס פאַרצייכענען וועגן אַ זעלבסטמאָרד, איז דאָס אידעס־זאָגן פון קיסליוקן, — דער בילעטן־פאַרקויפער אפן אייזנבאַן־וואקזאַל. ער האָט אונדז דערציילט, אַז דעמאָלט, אַ נאַכט אידער מען האָט אין שטעטל גענומען רעדן וועגן ליובעס קלוימערשטן זעלבסטמאָרד, האָט ער — אַ מידער און פאַר־

שלאָפּענער — איר פאַרקויפט אַ בילעט קיין סאַמאַרע. בעאַיס דעם, זאָגט ער, האָט ער טאַקע ניט געוואוסט, אַז דאָס איז געווען זי, ליובע, אָבער ער האָט זיך געכאַפּט וועגן דעם, ערשט נאָכדעם ווי דער צוג איז שוין געווען אַוועק פון דער סטאַנציע. געטראַכט האָט ער דאַן גלייך צו מעלדן דעם זשאַנדאַר וועגן זיין כשאַד, אָבער ער האָט מוירע געקראָגן, אַז דער פּאָליציימייסטער באַגדאַנאָוו וועט אים באַשולדיקן אין העלפן אַ פּאָליטיש־פאַרשיקטער צו אַנטלויפן, און וועט אים שטרענג באַשטראָפן דערפאַר. ער האָט דעריבער די גאַנצע צייט געשטיקט די געשיכטע אין זיך, ביז... אָבער אַ כוץ דעם אַלעם, סאַמסאָן, האָבן מיר, דאָס הייסט, איך און יעוודאָקיע, אָף צומאָרגנס נאָך ליובעס פאַרשווינדן ווערן, — צוזאַמענגענומען אירע זאַכן און זיי פאַרשלאָסן. דערביי האָבן מיר גלייך באַמערקט, אַז ניט נאָר האָבן געפעלט ליובעס עטלעכע קליידלעך, שיך, וועש, אַ מאַנטל און נאָך אַנדערע פּערזענלעכע זאַכן, וואָס אַ מענטש נעמט גע־ווייִנטלעך ניט מיט זיך אָף צום באַגיין זעלבסטמאָרד, — נאָר מיר האָבן זיך אויך געכאַפּט, אַז עס פעלט איינע פון אירע וואַליזקעס, פון וואָס מיר האָבן געדרונגען, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן, אַפּאַנים אַנטלאָפן פון באַגדאַנאָוון...

קוסינען האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער און — זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט — פאַרגעזעצט:

— דאָס איינציקע, אָבער, וואָס איז פאַר מיר געבליבן אַ רעטעניש און וואָס איך קאָן אינגאַנצן ניט פאַרשטיין, מיין פריינט, איז פאַרוואָס ליובע האָט זיך מיר ניט פאַרטרויט וועגן דעם... איך קאָן ניט באַגרייפן, פאַרוואָס זי האָט מיר ניט דערציילט, וואָס אַזעלכעס עס איז געשען מיט איר, וואָס האָט זי דערפירט צום באַשלוס צו אַנטלויפן און... דער איקער, פאַרוואָס זי האָט אונדז ניט איבער־געלאָזט דעם אַדרעס וואו זי צו געפינען... איך זאָג, איך באַגרייף עס ניט, ווייל נאָך אייער אַוועקפאָרן פון דאַנען, און ווען ליובע האָט אייך מער ניט געהאַט לעבן זיך, — איז זי געוואָרן נאָך מער דערנעענטערט צו מיר און יעוודאָקיען, געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי צו אונדז און... יאָ, מיין פריינט, עס זעט אויס, אַז עפּעס איז געשען מיט איר דעם אָוונט פריער, און דער באַשלוס צו אַנטלויפן איז געקומען צו איר מיטאַמאָל, ספּאָנטאַן... יעדנפאַלס, דער שליסל דערצו, בין איך זיכער, געפינט זיך ביי באַגדאַנאָוון, און ער איז אויך נישטאָ מער אין אישים. ער איז אַנטלאָפן באַלד ווי עס איז געשעפן געוואָרן דער פאָלקס־קאָמי־טעט און איידער איך האָב איבערגענומען די פליכטן פון קאָמיסאַר... ער האָט זיך אַפּאַנים אָפּגעטראָגן — אַן איבערגעטאָענער, אַ פאַרשטעלטער — בעאַיס דער קאָמיטעט איז געזעסן און פאַרהאַנדלט וועמען צו באַשטימען פאַר די פאַרשידענע אַמטן, און נאָכדעם ווי דער פאָלקס־קאָמיטעט האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז ער זאָל בלייבן אָפן אַמט ביז ער וועט איבערגעבן אַלע דאָקו־מענטן און די נויטיקע אינפאָרמאַציע דעם פאָלקס־קאָמיסאַר... יאָ, מיין פריינט

סאַמסאָן, באַגדאַנאַוו האָט אַפּאָנים פֿאַרשטאַנען וואָס עס דערוואַרט אים און ער איז דעריבער געווען מיט איין שפּרונג פֿאָרויס פֿון אונדז!... דאָס לערנט אונדז נאָך אַן איבעריק מאָל, אַז מיט די פֿאָלקס־סאָנים דאַרף מען האַנדלען גיך און אַנטשלאָסן, און זיך ניט פֿאַרלאָזן אַף זייער יוישער... מיר האָבן געדאַרפֿט אים גלייך אַרעסטירן און היטן, אַז ער זאָל ניט קאָנען אַנטלויפֿן!...

שימשל איז געזעסן, געקוקט מיט שטאַרע אויגן אַף קוסינען, און קימאַט ווי ניט געהערט וואָס ער האָט גערעדט. זיין מויעך איז געווען פֿאַרנעפּלט און ער האָט מער גאָרניט געקאָנט אויפֿנעמען. די אַלע רייד קוסינענס, וועגן דעם זעלבסטמאָרד, ליובעס, און איר אַנטלויפֿן, האָבן ווי אָנגעפֿילט זיינע געהירן און דאָרט אויסגעמישט איינס אין אַנדערן. ער האָט ניט געקאָנט געפֿינען ביי זיך אין קאָפּ קיין באַרעכטיקונג פֿאַרביידע זאַכן. אים האָט אַלץ געפּייניקט איין איינציקע פֿראַגע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין מורמלען אין זיך:

„פֿאַרוואָס?... איבער וואָס?...“

ער האָט געפּרוווט אין גדאַנק ביי זיך רעזאָנירן:

„אויב צווישן איר און קאַפּיטאַן באַגדאַנאַוו וואָלט עפּעס געווען פֿאַרגעקומען; אויב זי וואָלט אָנגענומען זיין ליבע, — וואָלט זי דאָך ניט געהאַט קיין גרונד צו אַנטלויפֿן, אָדער אומצוברענגען זיך... אויב, ווידער, זי האָט מיך אויפֿגעהערט ליב האָבן, — איז זי געווען גענוג מענטש דאָס אָפֿנהאַרציק מיר צו זאָגן... ניין, אַפּאָנים, אַז געשען איז עפּעס אַנדערש, וואָס האָט זי פּאַשעט געטריבן פֿון דאַנען און זי ניט געלאָזט מער דאָ צו פֿאַרבלייבן...“

קוסינען האָט געשוויגן, געוואַרט, אַז שימשל זאָל זיך אַביסל באַרואיקן, און — קעדיי אים אויפֿצוהייטערן פֿון זיין געדריקטקייט — זיך מיטאַמאָל ברייט צעשמייכלט און, אין אַ פֿריילעכן טאָן, אָבער דאָך גענוג ערנסט, געזאָגט:

— איר האָט געדאַרפֿט זען מאַליוטקאָוון בעאַיס מיר האָבן אים אויסגע־פֿרעגט, כאַוועס סאַמסאָן. ער, וואָס האָט די אַלע יאָרן זיך געפֿלייסט אָרונטערצו־וואַשן פֿון זיך דעם פֿלעק פֿון אַן אַמאָליקן פּאָליטיש־פֿאַרשיקטן, האָט פּלוצים גענומען שטאַלצירן דערמיט. ער האָט זיך געקלאַפּט אין ברוסט אַריין און זיך מאַמעש געשוואוירן, אַז ער איז אַלעמאָל געווען און געבליבן אַ געטרייער סאָ־ציאַליסט, — אַ סימען: ער האָט אַלעמאָל באַשעפּטיקט פֿאַרשיקטע צו דער אַר־בעט... יאָ, און אַפּילע כאַראַשוכין... ער איז געקומען אומאיינגעלאַדן און גענומען טאַינען, אַז ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין אויסגעדינטער סאָלדאַט, וואָס איז מיט יאָרן צוריק דאָ געבליבן וואוינען, ווי ער האָט דאָס פֿריער געפֿלעגט זאָגן, נאָר בעפּיירעש אַ פּאָליטיש־פֿאַרשיקטער... אָבער די שענסטע זאַך איז, וואָס ער האָט דערביי געבראַכט צו טראָגן און מיר איבערגעגעבן די 500 רובל, וועלכע ער האָט געהאַט פֿאַרנומען באַ ליובען, און זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז ער האָט דאָן געמוזט אַזוי האַנדלען, ווייל ער האָט מוירע געהאַט פֿאַר באַגדאַנאָוון, אין פֿאַל

אויב ליובע וואָלט אַנטלאָפן... יאָ, כאַוועך סאַמסאָן, די דאָזיקע שטשורעס, וואָס זענען געווען די ערשטע צו אַנטלויפן, זענען אויך געווען די ערשטע אַרויס־צושטעלן זייער אַמאָליקן פּאָליטישן איכעס, זייער רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענ־הייט, כאָטש באַשטים זיי פאַר קאָמיסאַרן איבער פּאָליטישע איניאָנים!...

שימשל איז געזעסן, אַלץ געדרענגט די הענט און אין האַרצן ביי אים האָט געזאָטן אַ ברוויזנדיקער קאַאָס אָף באַגדאַנאָוון. געפּילט האָט ער, אַז וואָלט ער אים איצט געהאַט פאַר זיך, וואָלט ער אים קיין לעבעדיקן פון זיינע הענט ניט אַרויסגעלאָזט. ער האָט נערוועז פאַררויכערט איין פּאַפּיראָסל נאָכן צווייטן, אַ צי געטאָן דערפון און אים צעבראָכן. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט, גענו־מען אומרואיק אַרומשפּאַנען איבערן צימער, און — ווי זיין געוואוינטשאַפט איז געווען בעאייס ער איז געווען אויפגערעגט — אומגעלומפּערט אַ הייב געטאָן די הויזן אָף זיך, איינגעצויגן דעם פּאַסיק און אַ ברום געטאָן אונטער דער נאָז עפּעס אַ וואָרט, וואָס ער אַליין האָט ניט געוואוסט דעם באַדייט דערפון. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, צוגעטראָטן צו קוסינען און אַ זאָג געטאָן:

— קאָן איך עפּשער, כאַוועך קוסינען, קריגן די בריוו מיינע?... איך... ע... איך קאָן ניט אַננעמען ליובעס אַנטלויפן ווי אַ סאָף צו אונדזער ליבע... ניין... איך וועל ניט רוען ביז איך וועל זי געפינען און...

— איך פאַרשטיי אייך, כאַוועך סאַמסאָן, — האָט קוסינען געשמייכלט. — אָבער אויך מיר דאָ ווילן דאַרפן האָבן די בריוו אייערע, טאָמער וועט אונדז פאַרט אַמאָל געלינגען צו כאַפּן באַגדאַנאָוון און אים שטעלן צום מישפּעט...

ער האָט מיט די פינגער אַ קנייטש געטאָן אַ ליפּ און דאַן צוגעגעבן:

— ווייסט איר גאָר וואָס, כאַוועך סאַמסאָן, לאָמיר זיך איינטיילן מיט די בריוו. מיר וועלן זיך לאָזן אַ טייל און איר וועט נעמען דעם אַנדערן טייל. דאָס וועט, גלויב איך, זיין צופרידנשטעלנדיק אי פאַר אונדז אי פאַר אייך. יעדנפאַלס, איר קאָנט דאָך סיי־ווי־סיי ניט מיטשלעפּן אַזאַ פּאַק בריוו מיט זיך!...

ער האָט שימשלען דערלאַנגט די האַנט און שמייכלענדיק געזאָגט:

— איך נעם אָן, אַז איר זענט אַנטשלאָסן זיך גלייך אַרויסצולאָזן אָף אויפ־צוזוכן ליובען, און איר וועט מיסטאָמע ניט ווילן, צו מיין גרויס באַדויער, פאַרברענגען אַביסל צייט דאָ מיט אונדז... וועל איך אייך דעריבער ניט פּרואוון אָפּרעדן אָדער פאַרהאַלטן. איך וועל אָבער יאָ באַשטיין, כאַוועך סאַמסאָן, — אויב נייטיק, אַפילו אַלס קאָמיסאַר אייך באַפעלן — צו זיין מיין און יעוודאָקיעס גאַסט כאָטש אָף וועטשערע און איבערנעכטיקן איין נאַכט ביי אונדז... מיר וועלן אייך געבן ליובעס שלאָף־צימער, וואו איר וועט זיך קאָנען אויסרוען פון דער רייזע אַהערצו און זיין אַ דערפרישטער פאַר דער פאַרשטייענדיקער...

קוסינען האָט געעפנט דאָס שופלאָד פון שרייב־טיש, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פּעקעלע מיט געלט און — דערלאַנגענדיק דאָס סאַמסאָנען — געזאָגט:

— ווען איר וועט זען ליובען, גיט איר איבער די 500 רובל. איך ווייס ניט פון קיין בעסערן וועג ווי דאָס איר איבערצושיקן... אַ כוץ דעם, גלויב איך טאַקע, אַז זי וועט גאָרניט האָבן קעגן דעם, אויב איר וועט אויסלייען פון דעם געלט די נויטיקע סומע פאַר אייערע הויצאָעס אף צו געפינען זי...

שימשל האָט געדאַנקט קוסינען פאַר זיין פריינטלעכקייט, אַריינגעלייגט דאָס געלט צו זיך אין קעשענע און אונטערגעשריבן אַ קאַבאָלע דערויף. דערנאָך האָט ער גענומען אויסקלייבן פונעם היפשן פעקל אַ צאָל בריוו פאַר זיך און דערביי זיך אָפּט מיט בענקשאַפט פאַרלייענט אין זיי. קוסינען איז דאַן צוגעטראָטן צו אים, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אף זיין אַקסל און גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן:

— זייט מויכל, כאַווער סאַמסאָן. איר וועט האָבן צייט צו לייענען די בריוו אפן וועג. איצט דאַרף מען אַהיימגיין אף וועטשערע! וואָרים ווי האָט איר עס אַמאָל געהאַט געזאָגט: — אַ שיין מיידל און אַ גוטע וועטשערע דאַרף מען ניט לאָזן צו לאַנג וואַרטן אף זיך!...

ער האָט גענומען שימשלען אונטערן אָרעם, און — מיט ברייטע, לעבעדיקע טריט — זיך פאַרנומען מיט אים אפן וועג אַהיימצו...

* * * * *

קאַפּיטל איין־און־צוואַנציק

ווי שטאַרק שימשל האָט קיין כּיישעק ניט געהאַט אָפּ־צולייגן דאָס צוריקפאָרן און זיך נעמען צום זוכן ליובען, — האָט ער אָבער ניט גע־קאָנט אָפּזאָגן יעוודאָקיען ווען זי איז צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל פאַרווײַלן מיט זיי כאָטש אַ וואָך צײַט. זי האָט אים אויפגעוויזן, אַז ער וועט גאָרניט פאַרלירן, נאָר עפּשער פאַרקערט, געווינען דורך בלײַבן אין אישים עטלעכע טעג:

— עס קאָן דאָך טרעפן, — האָט זי געטאַינעט, — אַז ליובע זאָל איצט פאָרט לאָזן הערן פון זיך און זיך נאָכפרעגן אָף אײַך...

שימשל האָט דאָס איר צוליב־געטאָן. קוסינען האָט אים מיטגענומען צו אַ זיצונג פונעם פאָלקס־קאָמיטעט און ער איז צופרידן געווען פון דעם וואָס ער האָט געלערנט פון די פאַרהאַנדלונגען. אָבער מיט יעדן טאָג, וואָס איז פאַר־בײַגעגאַנגען און קיין יעדיע פון ליובען איז אַלץ ניט געקומען, — אַלץ אומ־רואיקער און אומגעדולדיקער איז ער געוואָרן, און געוואָלט, אַז די וואָך זאָל שוין אַריבער, קעדיי ער זאָל קאָנען אַוועקפאָרן. ענדלעך, ביים סאָף פון דער וואָך, האָט ער זיך געזעגנט מיט יעוודאָקיען און קוסינען, זיי איבערגעלאָזט דעם אַדרעס פון זײַן פרײַנט יעגאָרן, מיט וועמען ער האָט געהאָפט צו שטיין אין פאַרבינדונג, און איז אַוועק אָף אַ שליטן צום וואָקזאַל...

מיט אַ שווער האַרץ און אַ צעווייטיקט געמיט, פונקט ווי איינער וועמען די דאָקטוירים האָבן נאָר־וואָס אָפּגעזאָגט דאָס לעבן, — איז שימשל געזעסן אין דעם וואָקזאַל און געוואַרט אַפן צוג, וואָס איז שוין געווען פאַרשפּעטיקט אָף מער ווי אַ טאָג. ער אַליין, שימשל, האָט זיך שוין אויך פאַרזאַמט מיט אַ וואָך אַריבער די אַכט וואָכן, וואָס ער האָט געקראָגן אורלויב, און אים האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער וועט ניט קאָנען האַלטן וואָרט צו זײַן צוריק אין צײַט אין זײַן אָבאָז־אָפּטייל, ווי ער האָט צוגעזאָגט זײַנע כאַווײרים פון קאָמיטעט. אָבער מער פון אַלעם איז ער געווען פאַרצווייפלט איבער דעם, וואָס ער פאָרט צוריק אָן ליובען און ווייסט אַפילע ניט וואו אָנצוהויבן זי צו זוכן. פאַרשטאַנען האָט ער, אַז ער וואָלט, אייגנטלעך געדאַרפט אַוועקפאָרן קיין פעטערבורג, — דאָס הייסט, פעטראָגראַד, — וואו איר פאָטער האָט אַ גרויס האַנדלס־געשעפט, דאָרט נאָכצופרעגן און אויס־צוגעפינען, צי זי איז ניט אַמאָל אינדערהיים. אים האָט זיך אָבער אַלץ געבאָמבלט אין קאָפּ די מאַיסע, וואָס קוסינען האָט אים געהאַט דערציילט, אַז ליובע האָט — בעאייסן אַנטלויפן — געקויפט אַ בילעט קיין סאַמאַרע, און אים איז דעריבער אויס־

געקומען לאָגיש אויך דאָרט נאָכצופרעגן, דער איקער טאַקע דערפאַר, וואָס אין סאַמאַרע וועט ער סיי־ווי־סיי זיך פאַרהאַלטן עטלעכע שאָ צו וואַרטן אפן צוג...

און בעעמעס: אין סאַמאַרע האָט שימשל געגוג צייט געהאַט דערויף. אפן וואקזאַל האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ער וועט דאַרפן וואַרטן ווינציקסטנס אַרום אַ מעסלעס אף אַ צוג קיין סיזראַן... ער האָט דעריבער גלייך געדונגען אַ שליטן און צוגעפאָרן צו דער הויפט־קוואַרטיר פון דער אָרטיקער מיליציע. אָבער ווען ער האָט דאָרט ניט געפרעגט, און וויפל ער האָט ניט אָנגעגעבן סימאָנים וועגן ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ גאָלוב; אַז זי איז מיט העכער אַ יאָר צוריק אַנטלאָפן פון איר פאַרשיקונג אין אישים, — האָט אים קיינער גאָרנישט געקאָנט זאָגן וועגן איר. ער האָט אַפילע אַלעמען געוויזן דאָס פאָטאָגראַפישע בילדל, ליובעס, וואָס ער האָט — אַן אָפּגעריבנס און אָפּגעבליאַקעוועטס — געהאַט מיט זיך די גאַנצע צייט אפן פראָנט, — אָבער קיינער האָט ניט געקאָנט זיין זיכער צי ער האָט זי דאָ געזען... דאַן האָט שימשל געבעטןביים קאָמיסאַר די אַדרעסן פון די פּאָליטישע פּאַרטייען אין שטאָט, גלויבנדיק, אַז אויב ליובע געפינט זיך נאָר דאָ, איז זי אַוואַדע טעטיק אין איינער פון זיי. אָבער אויך דאָס האָט קיין רעזולטאַטן ניט געבראַכט. ליובען האָט ער אין סאַמאַרע ניט געפונען...

אַן אַנטוישטער האָט שימשל זיך דאַן געלאָזט גיין צוריק צום וואקזאַל. ער איז געווען מיד און הונגעריק. דאָס היפּשע פּעקל מיט זיינע זאַכן, וועלכע ער האָט אַמאָל געהאַט געלאָזט אין אישים און וואָס ער האָט איצט געטראָגן צוזאַמען מיט זיין אָנגעפּאַקטן זעלנערשן זאַק אפן רוקן, — האָט אים מאַמעש אַריבערגע־וואויגן אף צוריק. ער האָט געטראַכט וועגן אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן און דאָרט אָפּעסן אַ ריכטיקן מיטיק, אָבער גלייך זיך באַרעכנט, אַז קיין צופיל געלט פאַר־מאָגט ער ניט, און פון ליובעס פינף־הונדערט רובל האָט ער ניט געוואָלט רירן ביז זיין אייגן געלט וועט האָבן אינגאַנצן אויסגעגאַנגען...

ניט וויט פונעם וואקזאַל איז שימשל פאַרבייגעגאַנגען אַן אָפּענעם מאַרק. צווישן די הענדלער דאָרט האָט ער באַמערקט אַ סאַך סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט איבערן פּלאַץ, געקויפט און פאַרקויפט אַלערליי זעלנערשע קליידער: שינעלן, הויזן, העמדלעך, שטיוול, און נאָך אַנדערע זאַכן. ער האָט זיך געכידעשט פונוואַנען עס האָבן זיך דערנומען אַזויפיל זעלנערשע זאַכן דאָ, בעאייס אפן פראָנט איז געווען אַ דויכעק אין זיי, אָבער קיין ענטפער ניט געפונען. ער איז צוגעגאַנ־גען צו אַ געשטעל, וואו מען האָט סערווירט געקאָכטע שפּייז, זיך אַוועקגעזעצט אף דער רויער באַנק, לעבן אַ סאָלדאַט, וואָס האָט אפן אַקסל געהאַט אָנגעוואָרפן עטלעכע ליילעכער און ציכלעך, און געשמאַק געגעסן קרויט־באָרשט מיט שוואַרץ ברויט. שימשל האָט אויך באַשטעלט אַזאַ פּאָרציע באָרשט מיט איינגעקרישלטע פּיצלעך פלייש, און זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט דעם שאָכן זיינעם. יענער האָט אַ שאַרף קוקעלע געטאָן אף שימשלען און כיטרע געפרעגט:

— האָסט, לאַנדסמאַן, עפּעס גוטע זאַכן אין די פּעקלעך צום פאַרקויפן?...

— ניין! — האָט שימשל טרוקן אָפּגעשניטן. — דאָס זענען מיינע אייגענע זאַכן. ניט צום פאַרקויפן!...

— אָ־אָ־אָ! — האָט יענער איראָניש אויסגעצויגן. — אויב אַזוי, וואָס־זשע טוסטו דאָ, אפן מאַרק, מיין איך?...

— איך פאָר בלויז פאַרביי. זיך אָפּגעשטעלט דאָ צו כאַפּן אַ ביס...

— וואוהין פאָרסטו דען? — האָט יענער פאַרשעריש אַ פרעג געטאָן.

— איצט פאָר איך צוריק פון אורלויב און צו מיין אָפּטייל אפן פראָנט! — האָט שימשל פאַשעט געענטפערט.

יענער האָט זיך ציניש פאַנאַנדערגעלאַכט:

— אָ־כאָ־כאָ! נאָך פאַראַן אַזעלכע יאָלדן איצט?... צוריק צום פראָנט גאָר?!... אָ־כאָ־כאָ־כאָ, דאָס איז יאָ אַ ריכטיקע קאָמעדיע!...

— איך האָב צוגעזאָגט מיינע כאַווירים סאָלדאַטן, אַז איך וועל צוריקקומען. — האָט שימשל, ווי אַ פאַרשולדיקטער, זיך גענומען פאַרענטפערן. — און איך מוז דאָך האַלטן וואָרט. ניין?...

יענער האָט זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט:

— האַלטן וואָרט? — דאָס איז אַ געלעכטער, כלעבן!... ווער האַלט עס איצט וואָרט, לאַנדסמאַן?... אָט האָט קערענסקי צוגעזאָגט צו פאַרענדיקן די מילכאָמע און שליסן אַ שאָלעם, — האָט ער געהאַלטן וואָרט?... ער האָט צוגעזאָגט צו פאַר־טיילן ערד צו די פּויערים, — נו, האָט ער געהאַלטן וואָרט?... אַ כוץ דעם, לאַנדס־מאַן, ביסטו זיכער, אַז דיינע כאַווירים וועלן האַלטן וואָרט און וואַרטן אף דיר?...

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנים צום מאַרק־צו, אַ ציי־אויס געטאָן די האַנט, ווי ער וואָלט וועלן גרייכן די אַרומגייענדיקע הענדלער, און דערציילט, אַז די אַלע סאָלדאַטן, וואָס דרייען זיך אַרום דאָ אפן מאַרק, האָבן — פּונקט ווי ער אַליין — פאַרלאָזט זייערע ראָטעס, ניט־וואַרטנדיק מען זאָל זיי דעמאָביליזירן, און האַנדלען דאָ, אפן זעלנערשן מאַרק, קעדיי אויסצושלאָגן זיך זייער אויסקומע־ניש און אָנצוזאַמלען אף הויצאָעס אַהיימצופאָרן:

— פאַרשטייסט, ברודערל, — האָט ער וואוילויונגעריש געזאָגט צו שימשלען, — וואַרטן ביז קערענסקי וועט זיך מעיאַשעוו זיין און שליסן אַ שאָלעם מיט די דייטשן, איז ניט קיין אייסעק. און אַהיימפאָרן וויל יעדער איינער. עמעס, קיין בי־לעטן אף דער באַן דאַרף מען טאָקע ניט האָבן, ווייל יעדער איינער פאָרט איצט אָן בילעטן. אָבער עסן אפן וועג, אַביסל מאַכאָרקע אף צום רויכערן, — דאַרף מען נאָך אַלץ קויפן, און דאָס, זאָגט מען, קאָסט איצט אפן וועג אַ סאַך טייערער ווי עס קאָסט דאָ, אין סאַמאַרע. אָט, איך אַליין וועל דאַרפן כאָטש אַ הונדערט רובל אף בלויז עסן ביז איך וועל אָנקומען אַהיים, צו זיך אין דאָרף אַריין...

און מיטאָמאָל:

— אָט, איבער אַזעלכע פינצטערע און צוריקגעשטאַנענע יאָלדן ווי דו ביסט, לאַנדסמאַן, האַלטן זיי אונדז פאַרשקלאַפּט!... די בורזשענאַזיע האָט אונדז געגנוג עסקלאַפּאַטירט מיט קלאַפּיטיליסטישע זאַבאַבאַנעס!... איצט איז געקומען די צייט, ווען מיר — די פּראָטעלאַרישע סאָלדאַטן, דער אַרבעטער־קלאַס און פּויערים — דאַרפן זיך פּאַרייניקן און אַראָפּוואַרפן די בורזשענאַזנע עסקלאַפּאַטאָרס!...

שימשל האָט אַ באַהאַלטענעם שמייכל געטאָן און זיך באַהערשט ניט צו לאַכן. דעם סאָלדאַטס רייד האָט אים דערמאָנט, אַז ער אַליין האָט מיסטאָמע אויך אַזוי געפּלעגט רעדן, איידער ליובע האָט אים גענומען אין די הענט אַריין...

„דער געדאַנק איז ביי אים גאַנץ לאָגיש‟, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — „כאָטש די ווערטער זענען צעקאַליעטשעט... אַפּאַנים, אַז דאָס פּאָלק, ווי שטאַרק מען האָט עס געהאַלטן אין פינצטערניש און ווי אומגעלערנט עס איז, באַנעמט דאָך מיטן פּאָשעטן סייכל, וואָס עס איז ריכטיק און וואָס עס איז ניט...‟

דער סאָלדאַט האָט פּלוצים זיך אַ ווענד געטאָן צו אים:

— פּאָלג מיך, ברודערל, — האָט ער פריינטלעך געזאָגט, — מאַך זיך ניט נאַריש מיט פּאָרן צוריק אין פּאָלק אַריין!... אויב קערענסקי וויל דאַווקע זיך ווייטער שלאָגן, טאָ זאָל ער נעמען זיינע קלאַפּיטיליסטן און גיין מיט זיי אָפּן פראָנט, ניט זיצן אין פּיטער און פּלאַפּלען... מיר האָבן גאָרנישט צו געווינען פון דער נימפּעלעריסטישער מילכאָמע!... יאָ, און אויב דו ווילסט, לאַנדסמאַן, וועל איך דיר ווייזן ווי צו קויפן און פאַרקויפן, אַז זאָלסט אויך קאָנען פּאַרדינען...

שימשל האָט געדאַנקט דעם סאָלדאַט פאַר דער פריינטלעכקייט, זיך געזעגנט מיט אים און זיך געלאָזט גיין צום וואָקזאַל. יענעמס רייד זענען אָבער מיטגע־גאַנגען מיט אים, און ער האָט אַלץ געטראַכט, צי לוינט זיך טאַקע צוריקצופּאָרן אין זיין אָפּטייל, און צי זענען זיינע כאַווירים ביכלאַל נאָך דאָ דאָרט... ער האָט זיך אָבער ניט געקאָנט באַשליסן וואָס צו טאָן, און אָפּגעמאַכט באַ זיך, אַז ער האָט ניט, יעדנפאַלס, וואָס צו יאָגן זיך מיטן צוריקפּאָרן, און בעסער נאָכזוכן, נאָכפרעגן אין יעדער גרויסער שטאָט, באַ יעדן אָפּשטעל, עפּשער וועט אים פּאָרט געלינגען ערגעץ צו געפינען ליובען...

אָפן וואָקזאַל איז שטאַרק קאַלט געווען. דער פּראָסטיקער ווינט האָט געיאָגט דורך די ברייטע, צעעפנטע טירן, און אַזש דורכגענומען די ביינער. שימשל האָט זיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל מיט די פּעקלעך, זיך איינגענורעט אין שינעל און געפּרואווט איינדרימלען. ער איז געווען שטאַרק שלעפּעריק פון די צוויי נעכט פּאָרן אין צוג, און זייער מיד פון אַרומשלעפּן זיך איבער דער שטאָט, אָבער דער געזשום פון דעם גרויסן אוילעם אין וואָקזאַל האָט אים יעדע ווייל איבערגעוועקט און אַזוי האָט ער זיך אָפּגעפּלאָגט די גאַנצע נאַכט...

קיין געניע צייט וועגן דעם אָפּפּאָרן פון אַ צוג קיין סיזראַן איז נאָך אַלץ ניט געווען. אף שימשלס נאָכפרעגן זיך, האָט דער סטאַנציע־נאַטשאַלניק אים נאָך

נעכטן געהאַט געענטפערט, אַז ער האָט ניט קיין באַשטימטן רעפּאָרט וועגן דעם, אָבער ער האָפט, אַז עפּשער מאָרגן נאָכמיטיק, אָדער גאָר ערשט אַרום מיטן דער נאַכט, וועט אַ צוג מעגלעך פאַרטיק ווערן אָף אָפּצופאָרן:

— יעדנפאַלס, — האָט ער, אַן אויפגערעגטער, אים אַ זאָג געטאָן, — עס איז ניט נייטיק מיך יעדע ווייל צו פרעגן, ווייל מען וועט מיט אַ שאָ פאָרן צוג אויסרופן אין וואקזאַל. און איר וועט האָבן גענוג צייט זיך צוצוגרייטן!...

אַ דורכגעפרוווירענער, אַ צעבראָכענער, איז שימשל געזעסן און געטראַכט וועגן אויפהייבן זיך און צוגיין אָנגיסן אַ טשאַיניק אָקריפּ, פאַרבריען טיי און פרואוון זיך אַביסל דערוואַרעמען. פּלוצים, זיצנדיק אַזוי, האָט ער דערזען לעבן זיך אַ פּאָר גרויסע, הויערנדיקע פיס, ווי צוויי צעשפּרייטע קלעצער, אין ביידע זייטן, און באַלד האָט זיך פון אויבן אַ שיט געטאָן אָף אים אַ לעבעדיקער אויסרוף:

— אַ גוט־מאָרגן אייך, לאַנדסמאַן! איך זע, אַז איר וואַרט נאָך אַלץ אָפן צוג!... אויב אַזוי, רוקט זשע זיך אָפּ אַביסל, מאַכט פּלאַץ פאַר מיר לעבן זיך, וועלן מיר וואַרטן צוזאַמען און עס וועט אונדזביידן הימלעכער זיין!...

שימשל האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען פאַר זיך דעם סאָלדאַט, מיט וועלכן ער האָט זיך מיט אַ טאָג פריער געהאַט געטראָפן אָפן מאַרק, ביים שפּייז־געשטעל. ער האָט באַצוואונגען אַ שמייכל געטאָן:

— אַ, דאָס זענט איר? ווי קומט איר גאָר פּלוצים אַהער?...

יענער האָט אַוועקגעלייגט דעם רוק־זאַק זיינעם אָף דער ערד, לעבן שימשלען, און אַפּאָלאָגעטיש אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן ווייטער. סאַמאַרע איז שוין אויסגעשפּילט. נישטאָ קיין סכוירע און נישטאָ קיין קוינים. אַלע צעפאָרן זיך אַהיים און... אַ כוץ דעם, איז איצט אין סאַמאַרע צו הייס געוואָרן צו האַנדלען אָפן מאַרק מיט זעלנערשע זאַכן. די היגע מיליציע...

ער האָט אַ בלאָז געטאָן אָף זיינע הענט און אויסגעצויגן:

— או־או! קאַלט איז דאָ נאָר ווי אין אַ ווינט־מיל, און אַ גלעזל טיי וואָלט גאָר געווען ווי געוואונטשן!... איך זע, לאַנדסמאַן, אַז איר האָט אַ טשאַיניק מיט זיך. איך האָב צוקער, טרוקענעם טיי און... אויב איר זענט אַ באַלן זיך צו דער־וואַרעמען, וועל איך צולויפן צום קעסל נאָך אָקריפּ און...

שימשל האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט עפּעס היימלעכער מיט אָט־דעם סאָלדאַט לעבן זיך. די גאַנצע איינזאַמקייט און פאַרלוירנקייט, וואָס האָט אים געדריקט די פאַרגאַנגענע נאַכט, האָט מיטאַמאָל נאָכגעלאָזט. ער האָט יענעם דערלאַנגט זיין בלעכענעם טשאַיניק, זיך אויפגעשטעלט און דערביי אַ זאָג געטאָן:

— איך ווייס ניט ווי איר, לאַנדסמאַן, אָבער איך בין הונגעריק נאָר ווי אַ וואָלף. וואָרים פון זינט דעם באָרשט, נעכטן, האָב איך נאָך גאָרניט געגעסן. איך דאַרף איצט עפּעס מער ווי טיי!...

— זייט רואיק, לאַנדסמאַן! — האָט יענער אים אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט, אַז ער זאָל זיך צוריקזעצן. — איך האָב טאַקע געזאָגט טיי, אָבער געמיינט האָב איך אויך אַ קיי... איר דאַרפט זיך ניט זאָרגן, לאַנדסמאַן. איך וועל שוין פאַר איין וועג אויך איינקויפן עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין... איר בלייבט בעסער זיצן דאָ און כאַפּט אַ קוק אַף די זאַכן, ווייל מען קאָן זיי נאָך דאָ פון אונטער די אויגן צולאַקכענען... איר קענט ניט סאַמאַרע!...

— אומעטום, ברודערל, איז אַזוי! — האָט שימשל אַ קרומען שמייכל געטאָן.

— די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג האָט געשאַפן די באַדינגונגען דערפאַר!...

עס האָט ניט לאַנג גענומען און דער סאָלדאַט איז צוריקגעקומען מיט אַ גרויסן שקאַרמעץ אין איין האַנט און אַ פּאַרעדיקן טשאַיניק אין דער צווייטער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגן שימשלען, אויסגעשפּרייט אַף דער ערד אַ בלאַט־ צייטונג, אַף וועלכן ער האָט פונעם שקאַרמעץ אַרויסגעלייגט עטלעכע פּאָמידאָרן, אַ „קאָפּטשאָנקע”, אַ שטיק סאָלע, קעז, און אַ האַלב הייפּטל שוואַרצן, זעלנערשן ברויט. ער האָט זיך איבערגעציילעמט און גלייך אַ זאָג געטאָן:

— נו, איצט, אַז איך האָב שוין אָפּגעגעבן גאָט זיינס, — וועל איך זיך נעמען צו מיינס!... און איר, לאַנדסמאַן, נעמט זיך אויך צו דער אַכילע!... נישקאָשע, ברודער, עס וועט סטאַיען פאַר אונדזביידן!...

ער האָט זיך אַ נעם געטאָן געשמאַק צום עסן, ניט קוקנדיק אַפילע מער אַף שימשלען, צי ער עסט יאָ, אָדער ניט. ער האָט געביסן שטיקלעך צוקער און געזופט איין טעצעלע טיי נאָכן אַנדערן, און דערביי, נאָך יעדן שלונג, זיך פאַר־ גאַנגען מיט האַנאָע:

— אַ־אַ, גוט! אַ־אַ, אַ מעכאַיע! עס דערוואַרעמט אַזוי די ביינער, כאָטש צי זיך אויס און לייג זיך שלאָפן ביז דער צוג וועט אָנקומען!...

מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו שימשלען:

— אייגנטלעך, לאַנדסמאַן, וואָס איז אייער נאָמען?... עס איז עפּעס אַזוי פּריקרע צו רעדן צווישן זיך און דערביי ניט וויסן ווי מען הייסט אַפילע...

— געזעכט, לאַנדסמאַן! — האָט שימשל איינגעשטימט. — איך אַליין האָב שוין אויך געטראַכט וועגן דעם... מיין נאָמען איז סאַמסאָן...

— זייער אָנגענעם, סאַמסאָן! — האָט יענער אים דערלאַנגט די האַנט און צוגעגעבן. — און מיין נאָמען איז פּאַוועל!...

ער האָט זיך פּלוצים אַ שטעל אויף געטאָן און געפרעגט:

— ווען דאַרף דער צוג קיין סיזראַן אַוועקגיין?...

— איך ווייס ניט! — האָט שימשל אַפּאַטיש געענטפערט. — קיינער ווייסט ניט!

— דאָס האָב איך פאַרשטאַנען. — האָט פּאַוועל אַ ברום געטאָן. — און אויב אַזוי, וועל איך טאַקע צוגיין אויסגעפינען... יעדנפאַלס, מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק און... איך קום גלייך צוריק, סאַמסאָן!...

און איידער שימשל האָט באַוויזן אים צו פרעגן וואו ער גייט, איז פּאַוועל פאַרשוואונדן געוואָרן. עס האָט אָבער ניט גענומען קיין פולע האַלבע שאָ איז ער — אַ שטראַלנדיקער — צוריקגעקומען און פריילעך אַ זאָג געטאָן:

— קומט מיט מיר, סאַמסאָן! פאַרנעמט אייערע פּעקלעך און קומט!...

שימשל האָט אים געוואָלט פרעגן וואוהין און נאָך וואָס, אָבער פּאַוועל האָט בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און צוגעוואָרפן:

— פרעגט ניט קיין פראַגעס, סאַמסאָן! אַז איך זאָג אייך: קומט — וועט איר קיין פאַרדראָס ניט האָבן. קומט, און איר וועט באַלד אַליין זען!...

זיי זענען אַרויס פונעם וואקזאַל צו דער גאַס צו, געגאַנגען שווייגנדיק, כאָטש שימשל האָט נאָך אַלץ ניט באַגריפן וואוהין פּאַוועל פירט אים. ער איז אים נאָכגעגאַנגען און בלויז געזען, אַז זיי גייען פּאַזע דער אייזנבאַן־ליניע, אין דער ריכטונג צום דעפּאָ. באַלד האָבן זיי — דורך אַ צעבראָכן ברעט אין פּאַרקאַן, וואָס האָט אָפּגעצאַמט די גאַס פון דעם דעפּאָ — זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ ריזיק־ברייטן פּלאַץ, וואו עס זענען — אויף רייען און רייען רעלסן — געשטאַנען אַ מאַסע פּאַראַלעל־צעשטעלטע צוגן פון ליידיקע פראַכט־און פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען... זיי האָבן זיך גערוקט לעבן די צוגן, זיך אַריינגעדרייט דורך די אָפענע בלויזן צווישן די וואַגאָנען, און ענדלעך — אַז זיי זענען צוגעקומען צו איינער פון די אינע־ווייניקסטע ליניעס, וואו עס איז געשטאַנען אַ לאַנגער צוג פון אַ צאָל פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען — האָט פּאַוועל טריאומפירנדיק אַ זאָג געטאָן:

— דאָס, סאַמסאָן, איז דער צוג, וואָס ווערט צוגעגרייט אויף צו פאָרן קיין סיזראַן!... מען וואַרט בלויז אויף אַ לאָקאָמאָטיוו... זאָרגט זיך ניט, ברודערל, איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביים הויפּט־קאָנדוקטאָר און...

געזען, אַז שימשל קווענקלט זיך, ווי ער וואָלט געטראַכט, צי ער זאָל אים יאָ גלויבן, אָדער ניט, — האָט ער צוגעגעבן:

— אָ, עס איז ניט בעכינעם! איך האָב אים דערפאַר געגעבן אויף אַ קוואַטירל בראָנפן... אָבער ער האָט שוין דערפאַר געלאָזט אָפן פאַר מיר די טיר פון אָט־דעם וואַגאָן און דערלויבט אַז מיר זאָלן דאָרט פאַרכאַפּן פּלעצער פאַר זיך איידער דער צוג וועט צופאָרן צום וואקזאַל!...

ער איז אַרויף אויף די טרעפּלעך פון יענעם וואַגאָן, געעפנט די טיר און אַריין אינעווייניק. שימשל איז געבליבן שטיין ווי אַ געפּלעפטער און זיך נאָך אַלץ קיין ריר ניט געטאָן. פּאַוועל האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און געכויזעקט:

— שעמען מעגט איר זיך, סאַמסאָן! אַ פראָנט־סאָלדאַט — און שרעקט זיך פאַר יעדער זאַך!... נו, אויב איר ווילט ניט האָבן קיין אייגן פּלאַץ אויף אַוועקצו־לייגן אייערע ביינער און פאָרן באַקוועם, — קאָנט איר זיך גיין געזונטערהייט צו־ריק אין וואקזאַל אַריין, דאָרט געפּרוּוון ווערן וואַרטנדיק, און ערשט דערנאָך פאָרן שטייענדיק!... פאַר מיין געלט, ברודערל, קאָן איך באַשטיין צו פאָרן מער

באַקוועם... איך וועל זיך אַוועקלייגן שלאָפן און וויל אַפילו ניט זען ווי דער צוג וועט אָפּפאָרן פון סאַמאַרע!... סיי־ווי־סיי, איך האָב געטאָן מיין פליכט אייך צו העלפן, און אויב איר ווילט ניט — איז עס אייער זאַך!...

שימשל האָט אומבאַקוועם אַ שמייכל געטאָן, זיך דערפילט ווי שולדיק, וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין צוטרוי צו אָט־דעם גוטמוטיקן יאַט, און איז אַריין אין וואַגאָן נאָך אים. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איינער פון די בענק, לעבן אַ פענצטער, און געוואָלט דאָרט אויסבעטן פאַר זיך אַ געלעגער אויף צום שלאָפן. פּאַוועל האָט אָבער אַ קוק געטאָן אויף אים און זיך גוטמוטיק צעלאַכט:

— איך זע, סאַמסאָן, אַז איר זענט נאָך מער יאָלד ווי איך האָב נעכטן גע־רעכנט. אַן אונטערשטע באַנק האָט זיך אייך גאָר פאַרגלוסט?... נו, אויף ווי לאַנג, רעכנט איר, וועט איר זי קאָנען האַלטן פאַר זיך?... באַלד ווי מען וועט נאָר ביים וואָקזאַל אַריינלאָזן די פּאַסאַזשירן, וועט איר דאָך אַפילו פאַרן טאַכעס קיין פּלאַץ ניט האָבן, שוין אָפּגערעדט פאַר אַוועקצולייגן זיך... פאַרנעמט אַ פּאָליצע! דאָרט וועט איר זיין פאַרזיכערט מיט אייער פּלאַץ פאַרן גאַנצן וועג!...

ער האָט מיט אַ וואונק צוגערופן שימשלען צום צווייטן עק וואַגאָן, איז אַריין אין דעם ווינקל־אָפּטייל, האָט דאָרט אויפגעעפנט די ברייטע פּאָליצע איבער איי־נער פון די צוויי בענק, זי פאַרהעקלט מיט די גרויסע אייזערנע הוקעס, און אַרויפגעלייגט זיינע זאַכן. דערנאָך האָט ער געעפנט די אַנדערע פּאָליצע, וואָס איבער דער צווייטער באַנק, ביי דער סאַמע וואַנט, און געהייסן שימשלען דאָרט זיך אַוועקצולייגן ביז מען וועט צופאָרן צום וואָקזאַל און אַריינלאָזן די פּאַסאַ־זשירן. שימשל האָט מעכאַניש געפאָלגט. ער האָט אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָליצע זיין באַראַשקענע קורטקע, וועלכע ער האָט מיטגענומען מיט די אַנדערע זאַכן, וואָס ער האָט געהאַט געלאָזט באַ יעוודאָקיען; אַוועקגעלייגט זיין רוק־זאַק פאַר אַ צוקאָפּנס, און צעקנעפּלט דאָס הינטערשטע פּאַסיקל פון זיין שינעל, קעדיי אים צו נוצן פאַר אַ צודעק. דערנאָך איז ער אַליין אַרויפגעקראָכן אויף דער פּאָליצע און זיך באַקוועם אויסגעצויגן...

ער איז געלעגן, געטראַכט און מעקאַנע געווען פּאַוולען, — דעם נייעם פריינט זיינעם, פאַר יענעמס דערפינדערישקייט און געוואַגטקייט. ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער אַליין, שימשל, — וואָס איז געוויינטלעך אַלעמאָל געווען אַ געוואַגטער, — פאַרלירט זיך איצט ביי אַזעלכע פּאָשעטע זאַכן און פאַרמאָגט גאָר קיין איניציאַטיוו ניט אויף דורכצודרייען זיך אַזוי ווי פּאַוועל:

„אַפּאָנים“, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — „אַז אַמאָל, ווען איך בין נאָך געווען אַ רויער, אינגאַנצן אַן אומגעלערנטער מענטש, האָב איך זיך דערלויבט צו טאָן זאַכן, וואָס איך קאָן זיך איצט שוין מער ניט דערלויבן... עס זעט אויס, אַקוראַט ווי דאָס ביסל בילדונג, וואָס איך האָב געקראָגן, האָט מיר אָנגעטאָן אַ כאָמוט און האַלט מיך איצט אין שפּאַן פון געצאַמטקייט, פון מעסיקייט... קיין

סאַפּעק ניט, אַז אויב פּאָוולען וואָלט געטראָפן אַזאַ זאַך ווי מיר, וואָלט ער זיכער געוואוסט וואָס צו טאָן און וואו צו זוכן...״

פּאָוועל, וואָס האָט אַפּאָנים אויפגעכאַפּט שימשלס געמורמל, האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אַף אים, געשאָקלט מיטן פינגער און אַ זאָג געטאָן:

— אַז איר וועט עפּעס דאַרפן, סאַמסאָן, — זאָלט איר זיך ניט שעמען!... זאָגט מיר און איך וועל עס גלייך באַזאָרגן פאַר אייך!...

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנים צו דער וואַנט, זיך איבערגעדעקט מיטן שינעל איבערן קאָפּ און איז איינגעשלאָפן...

אויך שימשל — אַ מידער, ניט־אויסגעשלאָפענער פון צוויי נעכט אַף דער באַן און אַ דורכגעפרוירענער פון זיצן די פאַרגאַנגענע נאַכט אין קאַלטן וואָקזאַל — האָט זיך אויך איבערגעדעקט און איז גלייך איינגעשלאָפן. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך ערשט מיט שאָען שפּעטער איבערן געטומל און געשריי פון די פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן — מאַמעש ווי אַ פאַרפלייצונג־כוואַליע — זיך אַריינגעגאָסן אין דעם וואַגאָן אַריין, וואָס איז שוין געשטאַנען ביים וואָקזאַל, פון וואַנען פּאַסן ליכט האָבן אַריינגעשטראָמט דורך די פענצטער. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געשטופּט, געשטויסן איינער דעם צווייטן, און פאַרכאַפּט די ליידיקע פּלעצער. איין רעגע, און אַלע בענק זענען באַזעצט געוואָרן. יענע, וואָס האָבן שוין מער קיין פּלעצער ניט געקאָנט געפינען פאַר זיך, זענען געבליבן שטיין אומבאַהאָלפענע און אַנטוישטע, אָבער מיט שאַרף־אַנגעשפּיצטע בליקן, נאָר ווי ביי רויב־פייגל, וואָס וואַרטן אַף זייער פאַנג. די מינדסטע באַוועגונג אינעם וואַגאָן האָט מאַמעש ווי אַן עלעקטרישער שטראָם אַ רודער־אויף געטאָן די שטייענדיקע, אַז זיי האָבן גלייך אינסטינקטיוו און מעכאַניש אַ דריי־אויס געטאָן די קעפּ אין יענער ריכטונג, צו זען צי עס ליידיקט זיך אַמאָל ניט אָפּ אַ פּלאַץ אַף אַוועקצוזעצן זיך...

שימשל האָט געקוקט אַף אָט־די מענטשן און זיך דערפילט קעגן זיי ווי שולדיק, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט אַ פּלאַץ — אַ גאַנצע פּאָליצע פאַר זיך אַליין. אים האָט געמאַטערט אַ פאַרלאַנג צו פאַרבעטן עטלעכע מענטשן צו זיך אַף דער פּאָליצע אַרויף. פּאָוועל האָט באַמערקט זיין אומרו און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— יאָגט זיך ניט אַזוי, סאַמסאָן! אַביסל שפּעטער וועל איך שוין זען צו געפינען פאַר אייך עמעצן אַף אַרויפצונעמען, אַז איר זאָלט האָנאָע האָבן!...

ער האָט דערביי עפּעס אַזוי מאַמזעריש אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג, פון וואָס שימשלען איז אַזש הייס געוואָרן איבערן גאַנצן קערפּער...

שפּעטער אַביסל, ווען דער צוג איז ענדלעך אָפּגעפאָרן פון וואָקזאַל, האָט שימשל מיטאַמאָל באַמערקט צווישן די פּאַסאַזשירן, וואָס זענען געשטאַנען אין וואַגאָן־דורכגאַנג אַנטקעגן אים, צוויי מיידלעך מיט געבלימלטע טיכלעך אַף די קעפּ. איינע פון זיי האָט אים אַזויפיל דערמאָנט אין ליובען, אַז ער האָט פּאַשעט די אויגן ניט געקאָנט אַראָפּנעמען פון איר און אַפילו גענומען טראַכטן, צי איז

דאָס אַמאָל טאַקע ניט זי. אין שוואַכן אָפּשיין פּונעם לעכט, וואָס האָט געצאַנקט אין דער לאַמטערנע איבער דער אַרויסגאַנג־טיר, צו דער זייט צו, איז געווען אוממעגלעך געניי צו באַשטימען איר עמעסן אויסזען. ער האָט זיך אָבער יאָ גע־קאָנט מעשאַער זיין, אַז זי איז אַ סאַך נידעריקער און דאַרער פון ליובען, כאָטש איר רירעוודיקע האַלטונג און די פּאַרעם פון איר פּאָנים איז געווען אַזוי ענלעך צו ליובעס — מאַמעש ווי זי וואָלט געווען אירע אַ שוועסטער. ער האָט געוואָלט אַרויפבעטן אַט־דאָס מיידל צו זיך, נאָר זיך געשעמט פאַר די אַרומיקע פּאַסאַ־זשירן, אַז זיי זאָלן עס אַמאָל ניט אויסטייטשן אויף אַ שלעכטן אויפן. אָבער איינ־מאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן אַרויפבעטן, האָט אים דער געדאַנק שוין מער ניט אָפּגעלאָזט. מיט יעדער מינוט, וואָס איז פאַרביי, אַלץ אַ גרעסערן באַגער האָט ער געקראָגן צו האָבן דאָס מיידל לעבן זיך, רעדן מיט איר, פרעגן זי ווער זי איז, פון וואַנען און וואוהין זי פאָרט...

ענדלעך האָט ער זיך אָנגעשטרענגט און — פאַרזיכטיק, אַז די אַרומיקע זאָלן עס ניט באַמערקן — גענומען אי מיט די אויגן, אי מיט אַ פינגער וואָרפן צייכנס צו דעם מיידל, און דערביי זיך עטוואָס אָפּגערוקט צו דער זייט, ווי צו מאַכן פּלאַץ פאַר איר אויף דער פּאַליצע. דאָס מיידל האָט עס גלייך באַמערקט, אָבער ניט געמאַכט קיין באַוועגונג צוצוגיין צו אים...

אין דער מינוט האָט פּאַוועל גאַנץ אָפן אַ רוף געטאָן די מיידלען צו זיך, און — איידער יענע זענען צוגעקומען — שטיל אַ זאָג געטאָן צו שימשלען:

— איך האָב באַמערקט, אַז איר האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער קלענערער. איר ווייסט וואָס גוט איז, דער טייוול זאָל עס נעמען!...

די מיידלעך האָבן מיט מאַטערניש זיך גענומען דורכשניידן צווישן די גע־דיכט־שטייענדיקע מענטשן, און דערביי זיך שטיל געשושקעט צווישן זיך...

שימשל האָט אויסגעצויגן אַ האַנט צו דעם קלענערן מיידל, צוגענומען פון איר דאָס קליינע געפלאַכטענע קיישעלע, וואָס זי האָט געהאַלטן, און דאָס אַוועק־געשטעלט איבער זיך, אויף דער באַגאַזש־פּאַליצע. דאָס מיידל האָט דערווייל שוין געהאַט אַוועקגעשטעלט אַ פוס אויף דער באַנק, צווישן צוויי זיצנדיקע פּאַסאַזשירן, אָנגעכאַפּט דעם אייזערנעם הוק און געפּרואווט זיך אַרויפהייבן, אָבער עס ניט געקאָנט. שימשל האָט זיך דאָן צוגעבויגן צו איר, זי אַ נעם געטאָן מיט ביידע הענט אונטער אירע אָרעמס און זי אַ הייב־אַרויף געטאָן צו זיך מיט אַזאַ אימפּעט, אַז זי איז אַזש אַ פאַל־צו געטאָן מיט איר פּאָנים צו זיינעם, אַזוי אַז אירע ליפּן האָבן אומגערן אַ ברי געטאָן זיינע באַקן. שימשל האָט אַזש אויפגעציטערט פון אויפרעגונג און גענומען שטאַמלען:

— ע... זיצט, פריילין... ע... גענוג פּלאַץ... מאַכט זיך באַקוועם!...

זי האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, זיך אַוועקגעזעצט אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט הינטער זיך און כיינעוודיק אויסגעצויגעגן:

— אַ האַרציקן דאַנק אייך, סאָלדאַטעלע! איר האָט איצט פּאַשעט מיין לעבן געראַטעוועט. מער קיין קויעך האָב איך שוין ניט געהאַט צו שטיין, און איך וואָלט זיכער אַוועקגעפאַלן ווען איר קומט מיר ניט צו הילף די מינוט!...

זי האָט געקוקט אַף שימשלען מיט אַזאַ געמיש פון הילפלאָזיקייט און קאָ־קעטסטווע, פון וואָס ער איז אַזש אַנגעגאָסן געוואָרן מיט שווייס:

— אויב איר ווילט, פריילין, — האָט ער מיטפילנדיק געזאָגט, — קאָנט איר זיך אַוועקלייגן אָפּרוען און אַפילע כאַפּן אַ דרימל!...

ער האָט זיך ווידער אַ רוק־אָפּ געטאָן און שעמעוודיק געשמייכלט...

— אָ, ניין! — האָט זי זיך געכיינדלט. — איך קאָן דאָס ניט אָננעמען. נאָך אַלעמען איז עס דאָך אייער פּלאַץ און... איך וועל דרימלען זיצנדיק...

שימשל האָט פאַרלעגן אַ פרעג געטאָן:

— עפּשער זענט איר הונגעריק, פריילין?... איך... אָט...

— איך קאָן ניט זאָגן, אַז איך בין זאַט. — האָט זי געענטפערט. — אָבער איך קאָן איצט ניט עסן. זעט איר, אַ גלאָז טיי וואָלט איך יאָ געטרונקען...

— עס וועט זיין טיי אויך! — האָט שימשל שיר ניט אויסגעשריגן און זיך אַ ווענד געטאָן צו פּאַוולען, וועלכער איז געווען פאַרקאָכט אין אַ שמועס מיט דעם אַנדערן מיידל, וואָס ער האָט אַרויפגענומען צו זיך אַף דער פּאָליצע. — פּאַוועל, באַקענט זיך מיט מיין נייעם פריינט, מאַדמואַזעל...

— ראַכיל! — האָט דאָס מיידל לעבן שימשלען אַ פאַרכאַפּ געטאָן און זיך געווענדט צו ביידע סאָלדאַטן. — איר מעגט מיך רופן פּאַשעט: ראַכיל!...

— מיין נאָמען איז פּאַוועל! — האָט יענער אַ זאָג געטאָן און צוגעגעבן. — און די באַרישניע, סאַמסאָן, איז ניוטע!...

— זייער אָנגענעם, ניוטע. מיין נאָמען איז סאַמסאָן! — האָט שימשל אַ זאָג געטאָן און זיך אויסגעדרייט צו ראַכילן. — צופרידן אייך צו קענען!...

און באַלד זיך ווידער אַ ווענד געטאָן צו פּאַוולען:

— הערט פּאַוועל, איר זענט דאָך אַ מאַדים אַף אַזעלכענע זאַכן. וואָלט איר עפּשער געווען אַ גוטער און פאַרפאַרעט אַ טשאַיניק טיי באַ דער קומענדיקער סטאַנציע?... ראַכיל שטאַרבט נאָך אַ טרונק!...

פּאַוועל האָט גענומען דעם טשאַיניק און זיך דורכגעשניטן צו דער טיר פון וואַגאָן. באַלד ווי דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער סטאַנציע, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען און איז אין עטלעכע מינוט צוריקגעקומען מיט אַ טשאַיניק אָקריפּ, אַ פויעריש קעזל און פיר פראַנצויזישע בולקעס, וואָס ער האָט דאָרט, ביים וואָקזאַל, איינגעהאַנדלט. ראַכיל האָט געעפנט איר קיישל, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ שטיק וואורשט, און איינגעלאַדן שימשלען צו געניסן דערפון. דאַן האָט זי פון קיישעלע אַרויסגענומען אַ גלאָז מיט אַ שעלעכל און אַ קליין זעקעלע מיט שטיקלעך צוקער, האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי פאַר שימשלען, אַ גלאָז טיי פאַר

זיך, אַריבערדערלאַנגט דעם טשאַיניק די שכנים אַף דער אַנטקעגנדיקער פּאַ־ליצע, און זיך גענומען צום טרינקען און פֿאַרבייסן...

אָפּגעגעסן און צוגערוימט, האָט ראַכיל אַראָפּגענומען דאָס קאָפּ־טיכל פֿון זיך, און שימשל האָט דערזען אירע האָר, וואָס זענען — סיי לויט דער קאָליר, סיי לויטן פֿאַרקעמען — געווען שטאַרק ענלעך צו ליובעס. ער האָט מיטאַמאָל דערפֿילט אַזאַ נאָענטקייט צו אָט־דעם מיידל, אַזאַ קרוווישאַפֿט צו איר, אַקוראַט ווי ער וואָלט זי שוין לאַנג געקענט. זי האָט אים דערציילט, אַז זי — צוזאַמען מיט איר פֿאָטער און מוטער — זענען געווען פּליטים פֿון אַ שטאָט אין פּוילן, וואָס די דייטשן האָבן ביים אָנהויב מילכאָמע פֿאַרנומען, און מען האָט זיי דע־ריבער אַוועקגעשיקט קיין סאַמאַרע, וואו די עלטערן זענען געשטאָרבן, און אַז איצט פֿאָרט זי מיט ניוטען קיין סיזראַן נאָך „סכוירע״, וואָס זיי פֿירן דערנאָך בעשוטפֿעס אין אַנדערע שטעט אַף צום פֿאַרקויפֿן...

עס איז געוואָרן שפּעט. שימשל האָט באַמערקט, אַז ראַכיל האַלט קוים די אויגן אָפֿן, און ער האָט זי דעריבער ניט געוואָלט באַלעסטיקן מיט פֿראַגעס, וואָסער מין סכוירע זיי פֿירן. אין וואַגאָן איז געווען גאַנץ פֿינצטער. די צוויי צאַנ־קענדיקע, שוין קימאַט אויסגעברענטע ליכט אין די לאַמטערנעס אַף ביידע עקן וואַגאָן, האָבן מיט זייער שיין ניט דערגרייכט ווייטער ווי אַ פּאָר טריט אַף אַ גלייכער ליניע פֿון זיך, און איבערגעלאָזט דעם איבעריקן טייל וואַגאָן — דער איקער די באַזונדערע אָפּטיילונגען — אין אַ טיפֿער פֿינצטערניש. דאָס ראָוו פּאַסאַ־זשירן — סיי די, וואָס האָבן געהאַט פּלעצער אַף די בענק, און סיי די, וואָס זענען געזעסן אַף דער ערד צווישן די בענק און אין די דורכגאַנגען — זענען שוין געווען איינגעשלאָפֿן, און איבערן וואַגאָן האָט זיך געטראָגן אַ שנאָרכעריי און כראָפּעריי אַף פֿאַרשידענע טענער. שימשל האָט זיך איידל צוגעבויגן צו דעם מיידל לעבן זיך און איר צאַרט אַ זאָג געטאָן:

— ראַכיל, איר זענט שטאַרק מיד. פֿאָלגט מיך און לייגט זיך צו!...

זי האָט ניט געוואָלט הערן דערפֿון:

— ניין, סאַמסאָן! — האָט זי געזאָגט. — איך וועל ניט פֿאַרנעמען אייער פּלאַץ. איר לייגט זיך אַוועק און איך וועל כאַפּן אַ דרימל זיצנדיק!...

— ניין, ראַכיל! — האָט ער זיך געדונגען. — איר לייגט זיך, און איך וועל זיך צושפּאַרן זיצנדיק. נאָך אַלעמען בין איך דאָך אַ מאַנספּערשוין, אַ סאָלדאַט, און קאָן בעסער איבערטראָגן ווי איר...

זי האָט אים אַ גלעט געטאָן איבער דער באַק און שושקענדיק געזאָגט:

— גוט, סאַמסאָן, איך וועל אָננעמען אייער פֿאָרשלאַג, אָבער נאָר מיט איין באַדינג, אַז אויך איר זאָלט זיך אַוועקלייגן... נישקאָשע, עס וועט זיין גענוג פּלאַץ פֿאַר צווייען. איך בין אַ דינינקע, און וועל זיך אַזוי איינגנורען, אַז איר וועט מיך אָפּילע ניט קאָנען געפֿינען...

שימשל האָט דערפילט אַ שטאַרקע היץ איבערן לייב. דאָס פּאָנים האָט אים געברומען פלאַמען און ער האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסרעדן. ראַכיל האָט זיך אַוועקגעלייגט, זיך אַ רוק־צו געטאָן צו דער וואַנט, אַזוי אַז זי איז טאַקע בעעמעס ווי פאַרלוירן געוואָרן, לאָזנדיק קימאַט די גאַנצע פּאָליצע פריי פאַר שימשלען. ער, אָבער, האָט אַלץ געצעגערט, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און זיך דערפילט שטאַרק אומבאַקוועם. ראַכיל האָט דאַן אָנגענומען שימשלען ביי די הענט, און אים — ווי אַ קינד — גענומען אַראָפּציען זיך אַוועקצולייגן...

אַ שעמעוודיקער, אַן אומרואיקער, האָט שימשל געפּרוּווט זיך אַרומקוקן, געוואָרפן אַ בליק אַראָפּצו — צו די פּאַסאַזשירן, און אַנטקעגן זיך — צו פּאָוולען, אָבער די פינצטערניש אין אָפּטייל איז געווען אַזוי דיק און טיף, אַז ער האָט ניט געקאָנט זען קיינעם, אַפילו ניט פּאָוולען אָדער דאָס מיידל לעבן אים...

דאַן האָט ער געלאָזן זיך אַוועקגעלייגט פּאָנים־על־פּאָנים צו ראַכילן, און פאַרזיכטיק צוגעדעקט זי און זיך מיטן שינעל. ער איז געלעגן שטיל, מוירע געהאַט צו אָטעמען, און באַלד דערשפּירט ראַכילס הייסן אָטעם אויף זיך. איר מיידל־שער קערפּער־געַרוך האָט אים ווי פאַרשיקערט און דער קאָפּ האָט אים אַזש פאַר־שווינדלט. דאָס בלוט זיינס — האָט ער געפילט — האָט גענומען האַסטיקער יאָגן אין די אָדערן און דאָס האַרץ זיינס האָט גענומען גיכער קלאַפּן... זיין אויסגע־הונגערטער קערפּער האָט אים גענומען בריען, און — ניט אָנגעבנדיק זיך קיין רעכענונג, ניט־וויסנדיק וואָס ער טוט — זיך מיטאַמאָל אַ זויג־איין געטאָן מיט זיינע ליפּן אין ראַכילס, זי אַרומגענומען און זי צוגעצויגן צו זיך. זי האָט זיך ניט געוועהרט. פאַרקערט: זי האָט זיך געטוליעט צו שימשלען ווי אַ קעצל, וואָס וויל געלאַשטשעט ווערן, און אים אָפּגעענטפערט אויף יעדן קוש זיינעם מיט אַזאַ ליידנשאַפטלעכער וואַרעמקייט ווי אַן אייגענעם געליבטן...

דאָס ריטמישע סאַפּען פון לויפנדיקן צוג, דער רעגלמעסיקער געקלאַפּ פון די רעדער איבער די רעלסן, האָט פאַרדעקט יעדן געשורש אין וואַגאָן און פאַרטויבט יעדן באַוועג פון די שלאָפנדיקע פּאַסאַזשירן. פון צייט צו צייט האָט דער לאָקאָמאָטיוו זיך פּלוצים ווי פאַרבענקט אַ צעפּייף־געטאָן אין דער הוילער נאַכט אַריין, אָנזאָגנדיק אָפּאָנים, אַז אָט קומט ער אָן צו אַ בריקל איבער אַ טייכל, אָדער פליט פאַרביי אַ שלאָפנדיק דערפל ביי דער זייט פונעם אייזנבאַן־וועג... יעדער פּייף — ווי אַ רוף צו עפּעס אייגנס, נאָר ווייטס — האָט אין דער נאַכטיקער שטילקייט מאַמעש אַ שניט געטאָן שימשלען אין האַרצן מיט אַ וועקנדיקער בענקשאַפט:

— ליו־אָו־בע־ע!...

שימשל האָט אַזש אַ ציטער געטאָן און זיך האַסטיק אויפגעזעצט. ער האָט — אַ פאַרשעמטער — אָפּגעקערט דעם קאָפּ, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך פּלוצים געכאַפּט וואָס ער האָט דאָ געטאָן, און גענומען אַקשאָנעסדיק אַרויסקוקן דורכן

פענצטער, אין וועלכן עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אַריינצוגיסן די ערשטע, נאָר־וואָס געבוירענע ליכט־פּאַסיקלעך פון דער נאָך־ניט געזעענער אויפגייענ־דיקער זון... ער האָט מיט די הענט פאַרדעקט זיינע אויגן און אין געדאַנק באַ זיך שטיל און צעווייטיקט געמורמלט:

— ליובע, געליבטע מיינע, זיי מיר מוחל, זיי מיר מוחל!...

דעם גאַנצן איבעריקן וועג ביז סיזראַן, האָט שימשל אויסגעמיטן צו קוקן אף ראָכילן און געהאַפּט אָנצוקומען וואָס גיכער אַהין, זיך אָפּטיילן פון פּאַוולען און די מיידלעך, און זיך פאַרנעמען אף זיין וועג נאָכצוזוכן און נאָכצופרעגן וועגן ליובען ביז ער וועט זי געפינען...

שפּעטער, אפן וואקזאַל אין סיזראַן, נאָכן אַראָפּגיין פון צוג, האָט פּאַוועל אַ קוק געטאָן אף אים מיט אַ מאַמזעריש בליקעלע און געפרעגט:

— עפּעס אַ גוטע נאַכט געהאַט, סאַמסאָן?...

שימשל האָט געשוויגן. פּאַוועל האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— אַז איר זענט אַ יאָלד, סאַמסאָן, האָב איך גלייך געוואוסט. — האָט ער געזאָגט. — איך האָב זיך אָבער ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז איר וועט זיין אַזאַ גרויסער יאָלד און...

דאָן פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— סיי־ווי־סיי, ברודערל, איך האָב פאַר אייך אַ פאָרשלאָג. אויב איר ווילט — קאָנט איר עס אָננעמען און זיין אַ גלייכער שוטעף מיט אונדז. אויב ניט — קאָנט איר זיך גיין אייער וועג, און איך — מיין וועג...

ער האָט שימשלען דערציילט, אַז ניוטע און ראָכיל פירן אַ וואונדערלעך גוט געשעפט, ביי וועלכן מען קאָן פאַרדינען אַ סאַך געלט; אַז די „סכוירע“, וואָס זיין פירן אין בלעכן אַרום זייערע קערפּערס — ווען זיי האָבן די „סכוירע“ — איז ריינער ספּירט, וואָס זיי צעפירן אין פאַרשידענע שטעט און פאַרקויפן עס פאַר גרויסע פּראָפיטן, און זענען ווילִיק זיי אָנצונעמען פאַר שוטפים...

— איר פאַרשטייט, סאַמסאָן, — האָט ער פאַרענדיקט. — מיר, אין זעלנערשע קליידער, וועלן קאָנען פירן אַ סאַך מער „סכוירע“ ווי זיי, און קיינער וועט אף אונדז קיין כשאַד ניט וואַרפן!...

שימשל האָט געדאַנקט פּאַוולען פאַר דעם פאָרשלאָג, אָבער זיך אָפּגעזאָגט דערפון. ער האָט זיך געזעגנט מיט אים און מיט די מיידלעך, און זיך גלייך געלאָזט גיין צו דער קוואַרטיר פון דער מיליציע אין סיזראַן, נאָכצופרעגן זיך דאָרט וועגן ליובען...

* * * * *

קאַפּיטל צוויי־און־צוואַנציק

פאַר אַ ווייל האָט עס שימשלען אויסגעזען, אַז אין סיזראַן האָט ער, ענדלעך, אָנגעכאַפּט אַ שפּור צו ליובען. באַלד ווי ער האָט נאָר דאָרט געוויזן דעם קאָמיסאַר פון דער מיליציע דאָס פאָטאָגראַפישע בילדל, ליובעס, אַזוי האָט יענער אים גלייך אַ זאָג געטאָן, אַז יאָ, די פּערזאָן, וואָס אויף דעם בילדל, געפינט זיך דאָ אין שטאָט; אַז זי איז אַהערגעקומען מיט העכער אַ יאָר צוריק, און איז אַ לערערן אין איינער פון די שטאָטישע רעגירונג־שולן...

ער האָט מיטאַמאָל איבערגעשלאָגן זיינע אייגענע רייד, זיך פאַרטראַכט, און — אַ קראַץ־טוענדיק זיך אויפן שטערן — אַ זאָג געטאָן:

— איר נאָמען איז אָבער ניט ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ גאָלוב, ווי איר זאָגט, מיין פריינט, נאָר גאָר וואַרוואַראַ פּעטראָוונאַ דאָלגאָרוקאָוואַ!...

שימשל איז געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעצוואָגענער מיט קאַלט וואַסער. באַלד אָבער האָט ער זיך באַהערשט און אומגעדולדיק אויסגעשאָסן:

— זענט איר אָבער זיכער, כאַווער קאָמיסאַר, אַז דאָס איז די זעלביקע פרוי וואָס ביי מיר אויפן בילדל? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, טראַכטנדיק בעאייס דעם, אַז עפּשער האָט ליובע — באַלד נאָכן אַנטלויפן און קעדיי זיך אויסצובאַהאַלטן פון דער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע — זיך פאַרשאַפט און באַנוצט מיט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט אונטער אָט־דעם נייעם נאָמען און...

— קיין צווייפל ניט, מיין פריינט, אַז דאָס איז די זעלביקע פרוי! — האָט דער קאָמיסאַר פעסט געזאָגט. — יאָ, דאָס איז זי, וואַרוואַרע... איך וואָלט זי דערקענט אַפילע אונטער צען שלייערן... איך האָב געלערנט צוזאַמען מיט איר אין דער זעלבער שול, אַ קלאַס לעבן אַ קלאַס, און איך קען זי זייער גוט...

ער האָט שימשלען איבערגעגעבן געוויסע סימאָנים וועגן דער לערערן, וואָס זענען אים אויסגעקומען גאַנץ אויטענטישע. ער האָט אים דערציילט וועגן איר אייגנאַרטיק־נידעריקער שטימע, איר קישעפדיקן שמייכל, און צוגעגעבן:

— זאָל דער נאָמען אייך ניט אָפּנאַרן, מיין פריינט! איצט, נאָכדעם ווי איר האָט מיר דערציילט, אַז זי איז געהאַט אַנטלאָפן פון פאַרשיקונג, איז גאַנץ מעגלעך, אַז... יעדנפאַלס, איר קאָנט צוגיין אויף דער דירע וואו זי וואוינט, און פערזענלעך זען צי זי איז דאָס די פּערזאָן וואָס איר זוכט, אָדער...

שימשל האָט הייס געדאַנקט דעם קאָמיסאַר פאַר זיין פריינטלעכקייט און איז אַוועק אויפן אָדרעס, וואָס יענער האָט אים געגעבן. נאָך אַ לאַנגן איינטאָפּן מיט

דער באַלעבאָסטע פונעם גאַסט־הויז, און עטלעכע רובל אַ „מאַטאַנע",— האָט יענע — אַ מיטליעריקע, עטוואָס־דיקלעכע פרוי, מיט אַ היפשער שפּראַצונג איבער דער אויבערשטער ליפּ, וואָס האָט איר געגעבן דעם אויסזען פון אַקשאַנעסדיקער שטרענגקייט — פויל געזאָגט, אַז די פרוי, אַף וועלכער ער פרעגט זיך נאָך, איז — ערשטנס — ניט די זעלביקע וואָס אפן פאָטאָגראַפישן בילדל; צווייטנס — איז זי ניט קיין מיידל, נאָר אַ פאַרהייראַטע פרוי, אַ מאַמע פון אַ מיידעלע פון אַרום אַ יאָר, און — דריטנס — אַז עס איז שוין באַלד צווי כאַדאָשים וואָס זי איז אַוועק פון סיזראַן און ניט געלאָזט קיין אַדרעס וואוהין זי פאָרט...

שימשל איז געוואָרן אינגאַנצן צעטומלט, געקוקט מיט שטאַרע אויגן אַף דער פרוי, פונקט ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען וואָס זי האָט געזאָגט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן און וואָס צו טאָן. אַ כוואַליע געדאַנקען האָבן אַ פאַרפלייץ געטאָן זיין מויעך און צעפּייניקט זיין גאַנץ געמיט:

„אויב דאָס איז יאָ געווען ליובע," — האָט ער רעזאָנירט מיט זיך. — „ווי זשע קומט צו איר אַ קינד?... זאָל עס מעגלעך זיין, אַז זי זאָל האָבן אין געהיים זיך פאַרבונדן מיט באַגדאַנאָוון און איז אַוועק פון אישים ווען זי האָט געדאַרפט געבערן דאָס קינד?..."

ער האָט זיך אָבער גלייך פאַרשעמט פאַר זיינע שלוסן און גענומען זיך אַליין פאַרוואַרפן פאַר האָבן גאָר צוגעלאָזט אַזאַ געדאַנק וועגן ליובען...

„פאַרוואָס איז זי אָבער פאָרט אַוועק?... פאַרוואָס באַהאַלט זי זיך אויס פון מיר?" — האָט ער זיך אַלץ קיין ענטפער ניט געקאָנט געבן. — „מען טוט דאָך ניט אַזאַ זאַך צו דעם וואָס מען האָט ליב..."

איין זאַך איז אָבער פאַר שימשלען קלאָר געווען, אַז וואָס עס זאָל ניט האָבן געווען די סיבע פון ליובעס אַנטלויפן און אויסבאַהאַלטן זיך פון אים, — וועט ער ניט אָפּטרעטן, ניט אויפגעבן דאָס זוכן, ביז ער וועט זי געפינען און פון איר אייגן מויל הערן, וואָס עס איז געשען, און מיט וואָס אַזעלכעס ער האָט זיך עס אַזוי פאַרזינדיקט קעגן איר...

„ליובע איז גענוג פריייער מענטש צו זאָגן דעם עמעס אין די אויגן אַריין." — האָט ער זיך געזאָגט. — „איך וועל זי מוזן געפינען..."

אַנטמוטיקט און אַנטוישט איז שימשל אַוועקגעפאָרן פון סיזראַן, זיך אָפּגעשטעלט אין פּענזע, וואו ער איז דורכגעגאַנגען דעם זעלבן פּראָצעס פון זוכן און נאָכפרעגן, אָבער אָן שום דערפאָלג. צו אים אין האַרצן האָט זיך דאַן אַריינגעכאַפּט אַ צווייפל, צי קוסינען און יעוודאָקיע האָבן אים ביכלאַל געזאָגט דעם עמעס וועגן ליובען; צי זיי האָבן אַמאָל — מיט זייערע רייד וועגן איר אַנטלויפן פון אישים — ניט געזוכט צו פאַרדעקן פון אים דעם טרויעריקן עמעס, אַז זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אָדער — וואָס נאָך ערגער — אַז זי איז אַוועק מיטן קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו, בעאייס יענער איז אַנטלאָפן פון שטאָט...

„עס איז דאָך אוממעגלעך,״ — האָט ער געטראַכט ביי זיך, — „אַז אַ מענטש זאָל אַזוי פאַרשווינדן ווערן, פונקט ווי אין וואַסער אַריין, סיידן זי האָט זיך טאַקע אָף אַן עמעס דערטרונקען...״

ער האָט אָבער נאָך אַלץ ניט געוואָלט אויפגעבן דאָס זוכן. ער האָט זיך נאָך אָפּגעשטעלט אין טאַמבאָוו און אין וואָראָניעזש, ווידער געזוכט, געגישטערט און נאָכגעפרעגט, אָבער דעם מינדסטן סימען פון ליובען אַלץ ניט געפונען. ניט די מיליציע־קאָמיסאַרן, ניט די שול־דירעקטאָרן און אַפילע ניט די אָנפירער פון די פּאָליטישע פּאַרטייען, האָבן אים געקאָנט געבן אַ וועלכן עס איז אָנדייט וועגן דעם מיידל, וואָס ער האָט געזוכט, — וועגן ליובען...

עס איז שוין געווען אינמיטן כוידעש אָקטאָבער, בעאַייס שימשל איז אָנגעקומען קיין קורסק און באַשלאָסן ניט אַראָפּצוגיין פונעם צוג, נאָר פאָרן ווייטער, קיין קיעוו. ער האָט זיך שוין געהאַט פאַרזאַמט דריי וואָכן אַריבער די אַכט, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר זיין אורלויב, און ער האָט דעריבער אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ער וועט צוריקפאָרן צום פראָנט, אויפזוכן זיין אָפּטייל, זיך מעלדן פון אורלויב, און דאַן וואַרטן ביז ער וועט דעמאָביליזירט ווערן, קעדיי ער זאָל נאָכדעם קאָנען מיט אַ רואיק געמיט זיך פאַרנעמען קיין פּעטראָגראַד, דאָרט אויפצוזוכן דעם אַדרעס פון ליובעס פאָטער און אויסגעפינען ביי אים וואו ליובע געפינט זיך...

אַן אומגעדולדיקער איז ער געזעסן אין קיעווער וואָקזאַל און פּאַשעט מוירע געהאַט אַרויסצוגיין אַ קוק טאָן איבער דער שטאָט. קיין באַשטימטע צייט ווען אַ צוג וועט אָפּפאָרן קיין סאַרנע, האָט ער ניט געקאָנט קריגן. וואָרים אויב די אייזנבאַן־קאָמוניקאַציע איז ביכלאַל געווען אַ פּראָבלעם נאָך דריי יאָר מילכאָמע אין לאַנד, איז זי איצט — איבער די פּאָליטישע געשעענישן — נאָך פיל שאַרפער געוואָרן. עס זענען קעסיידער פאָרגעקומען אויפשטאַנדן און אומרוען. דעם לעצטן בייטראַג צו דער אַלגעמיינער אומאָרדענונג האָט צוגעטראָגן דער קאָזאַקן־גענעראַל קאָרנילאָוו, וועלכער איז אויך געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי אָפן מיטל־פראָנט. ער האָט זיך פאַרנומען דורכצופירן אַן אויפשטאַנד און אָרגאַניזירט אַ מאַרש פון צוואַנציק־טויזנט סאָלדאַטן אָף דער הויפּט־שטאָט, פּעטראָגראַד, קעדיי דאָרט אַראָפּצוואַרפן די צייטווייליקע רעגירונג, וועלכע איז — לויט זיין מיינונג — ניט געווען גענוג שטרענג אין איר קאַמף מיט די באָלשעוויקעס און דעם סאָוועט, וואָס זיי האָבן דאָרט קאָנטראָלירט. עמעס, קאָרנילאָווס אָוואַנטיורע איז נאָך עטלעכע טעג צעשמעטערט געוואָרן. די מאַטראָזן פונעם באַלטישן פלאָט, וואָס זענען געשטאַנען אין קראָנשטאַט, לעבן פּעטראָגראַד, פונקט ווי די סאָלדאַטן פונעם גאַרניזאָן אין דער הויפּט־שטאָט, זענען גלייך צוגעשטאַנען צו די באַוואָפנטע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פון פּעטראָגראַד, און זיי האָבן דערלאַנגט אַזאַ קלאַפּ קאָרנילאָווס קאָנטער־רעוואָלוציאָ־

נערער אַרמיי, אַז זי איז זיך גלייך צעפאַלן. דאָס ראָוו סאָלדאַטן זיינע, וועלכע האָבן טכילעס אויך ניט געהאַט קיין איבעריקן כיישעק צו גיין מיט אים אין זיין אַוואַנטיורע, און זענען צו דעם בלויז געצוואונגען געוואָרן דורך שרעק פאַר זייערע אָפיצירן, — זענען ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַריבער צו די רעוואָ־לוציאָנערע מאַכנעס און צו הילף די סאָוועטן. די איבעריקע, ווידער, יענער טייל סאָלדאַטן, וואָס זענען אַנטלאָפן, האָבן — אָפּגעריסענע און באָרוועסע, מיט שמאַטעס אַף זייערע פיס — זיך הונגעריקע אַרומגעבלאָנקעט איבער די וועגן און שטעגן פון גאַנצן געגנט. דער גענעראַל קאָרנילאָוו אַליין — פונקט ווי זיינע הויפּט־אָפיצירן — איז אַרעסטירט געוואָרן פון דעם סאָלדאַטן־קאָמיטעט, וואָס האָט אין געהיים פונקציאָנירט אין זיין אייגענער אַרמיי, און עס האָט אויסגע־זען, אַז מיט דעם האָט עס זיך געענדיקט. אָבער דער כאַאָס, וואָס קאָרנילאָוו האָט פאַרזייט, האָט זיך צעוואַקסן און זיך אויסגעשפּרייט אַף אַלעם, וואָס האָט נאָר געהאַט אַן אָנדייט פון רעגלמעסיקייט און אָרדענונג...

שימשל איז געזעסן אין קאַלטן וואַקזאַל און געוואַרט אַף זיין צוג. דער־וויל האָט ער געגעסן ברויט מיט וואורשט, פאַרטרונקען מיט טיי, און אַלץ גע־טראַכט וועגן די געשעענישן אין לאַנד. ער האָט מיטאַמאָל באַגריפן, אַז זיין אייגענע פּראָבלעם וועגן ליובען איז אַזוי קליין און נישטיק אין פאַרגלייך מיט די גרויסע געשעענישן אין רוסלאַנד, אַז ער האָט זיך אַזש פאַרשעמט פאַר זיך. קיין פאַרענטפער איז דאָס אָבער פאַרט ניט געווען פאַר אים, און ער האָט זיך בעשום אויפן ניט געקאָנט באַפרייען פון זיין געדריקטקייט, פון זיין ב׳ענקשאַפט, און פון זיין באַגער צו געפינען ליובען, — זיין געליבטע, זיין קאַלע...

ער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען און אַפילו ניט באַמערקט ווי לעבן אים האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ סאָלדאַט און עפּעס אַזוי מאָדנע געקוקט אַף אים. שימשל האָט זיך ווי פון שלאָף אַ כאַפּ געטאָן ערשט ווען ער האָט דער־הערט יענעמס פריינטלעכע, אָבער אומדרייסטע ווענדונג צו אים:

— כאַווער לאַנדסמאַן, — האָט יענער איידל ווי אויסגעזונגען, — קאָנט איר עפּשער אָפּשפּאָרן אַ גלעזל טיי פאַר אַ כאַווער סאָלדאַט?... איך...

— מיט פאַרגעניגן! — האָט שימשל זיך אַ כאַפּ געטאָן און אינסטינקטיוו צוגערוקט דעם טשאַייניק צו יענעם. — נעמט, גיסט זיך אָן און טרינקט וויפל אייער האַרץ גלוסט, כאַווער סאָלדאַט!...

יענער האָט אין פאַרלעגנהייט געשמייכלט:

— אַ האַרציקן דאַנק אייך, כאַווער, אָבער... איך האָב ניט מיט זיך קיין גלאָז, פאַקטיש — קיין שום זאַך ניט. איך בין אַרויסגעפאָרן פון פראָנט אָט־אַזוי ווי איר זעט מיך דאָ, אָן די סאַמע נייטיקסטע זאַכן... גערעכנט האָב איך, אַז איך וועל זיך קאָנען באַגיין אָן דעם גאַנצן כלאַם און וועל קאָנען קריגן צו קויפן שפּייז און טיי באַ די וואַקזאַל־בופעטן ווען איך וועל נאָר דאַרפן... צום סאָף,

אָבער... גיי ווייס, אַז אָט־די באַקוועמלעכקייט עקזיסטירט שוין ניט מער...

שימשל, וואָס האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען דאָס דריטע גלאָז טיי, האָט אויסגעגאָסן אין אַ ווינקל לעבן זיך דאָס איבעריקע ביסל, וואָס איז נאָך געווען אין גלאָז, האָט עס אויסגעשווענקט מיט אַביסל טיי פונעם טשאַיניק, אָנגעגאָסן אַ פריש גלאָז טיי פאַרן גאַסט, און — צורוקנדיק צו יענעם דאָס זעקעלע מיט צוקער, דאָס ברויט און אַ שטיקל פאַרבליבענעם וואורשט — אַ זאָג געטאָן:

— געניסט, מיין פריינט, פון מיין פראָסטן, אָבער פולהאַרציקן מאָלצייט! איך אַליין האָב שוין געהאַט מיין פרישטיק. אַף מיטיק וועל איך שוין זען צו קויפן אַנדער ברויט מיט פאַרבייסן!...

יענער האָט מיט אַ שמייכל באַדאַנקט שימשלען פאַר זיין גאַסט־פריינטלעכקייט, גענומען זופן דעם טיי און פאַרביסן מיט שטיקלעך ברויט און פיצלעך פון וואורשט, וואָס ער האָט צעשניטן מיט זיין קעשענע־מעסערל. שימשל האָט געקוקט אַף דעם סאָלדאַט און מיטאַמאָל דערפילט עפּעס אַזאַ וואַרעמקייט צו אים. לויט יענעמס רייד און זיין האַלטונג האָט שימשל געדרונגען, אַז ער דאַרף זיין אַ געלערנטער, איידעלער מענטש. אַ באַשטעטיקונג דערויף האָט ער געהאַט גלייך ווי יענער האָט אָפּגעגעסן און אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזער טיי. ער האָט דאַן גלייך אויסגעוואַשן און טרוקן אויסגעווישט דאָס גלאָז, און נאָכדעם פאָרגעלייגט צו באַצאָלן שימשלען פאַר דעם ברויט און וואורשט, וואָס ער האָט אים געגעבן. שימשל האָט זיך אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו נעמען געלט דערפאַר און אַלץ באַשטאַנען, אַז ער איז געווען זיין גאַסט:

— ביי אונדז אין דער גובערניע, — האָט ער שפּאַסיק אַ זאָג געטאָן, — נעמט מען ניט קיין געלט ביי אַן אייגענעם גאַסט, מיין פריינט!...

יענער האָט ליבהאַרציק מיטגעשמייכלט:

— גערעכט זענט איר טאַקע, — האָט ער געזאָגט. — אָבער ווייסט איר גאָר וואָס, דעם קומענדיקן מאָלצייט וועל איך קויפן און אייך פונדעווען. גוט?...

— מאַסקים! — האָט שימשל קורץ אַ זאָג געטאָן. — אָבער איך פאָר אַוועק פון דאַנען אַזוי גיך ווי מיין צוג קומט נאָר צו!...

— איך פאָר אויך אַוועק! — האָט יענער געלאָזט וויסן. — איך האָף נאָר, אַז איר פאָרט אין דער זעלבער ריכטונג וואָס איך, קיין פּעטראָגראַד!...

שימשל האָט טרויעריק אַ מורמל געטאָן:

— אַ שאָד... איך פאָר גאָר קיין סאַרנע און פון דאָרט צום פראָנט. אָבער זאָל דאָס אייך ניט אַרן, מיין פריינט...

— און איך פאָר איצט פון סאַרנע, פון פראָנט, הייסט עס. — האָט יענער געזאָגט און מיט באַדויער צוגעגעבן. — אַ שאָד טאַקע, וואָס מיר פאָרן ניט ביידע אין דער זעלבער ריכטונג. עס וואָלט געווען פריילעכער און...

ער האָט שימשלען דערציילט, אַז ער פאָרט קיין פּעטראָגראַד אַלס דעלעגאַט

צום אַלרוסישן קאָנגרעס פון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־סאָוועטן, קעדיי דאָרט — ווי אַ פאָרשטייער פון זיין פאָלק — איבערצוגעבן די פאָדערונג פון זיינע סאָל־דאַטן פאַר אַ באַלדיקן פרידן, און אויסצודריקן זייער סאָלידאַריטעט מיט די סאָוועטן דורך אַ צוזאָג צו שטיצן זיי אין אַלע זייערע פאָדערונגען...

שימשל האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט אָט־דעם סאָלדאַט. ער האָט זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט, אים געזאָגט זיין נאָמען, און דערציילט וועגן זיך, אַז ער איז אַ מיטגליד אין קאָמיטעט פון זיין אָפּטייל און אַ דעלעגאַט צום בריגאַדע־קאָמי־טעט. ער האָט אים אויך פאַרטרויט, אַז ער קערט זיך איצט צוריק פון זיין אורלויב אין זיין פריערדיקן פאַרשיקונג־שטעטל אין סיביר, וואוהין ער איז געפאָרן קעדיי דאָרט אויסצוגעפינען וואָס עס איז געשען מיט זיין קאַלע — אויך אַ פּאָליטיש־פאַרשיקטע, וועלכע איז פאַרשוואונדן געוואָרן...

— איך וואָלט זיך געפילט גליקלעך, — האָט ער מיט אַ זיפץ צוגעגעבן, — ווען איך וואָלט, אַנשטאָט דעם, אויך געווען אַ דעלעגאַט און וואָלט, ווי איר, גע־פאָרן צום סאָוועטן־קאָנגרעס אין פעטראָגראַד... איר פאַרשטייט, מיין פריינט, מיין קאַלעס פאָטער וואוינט דאָרט און... איך וואָלט עפשער פון אים געקאָנט אויס־געפינען וואו מיין קאַלע געפינט זיך...

— און ווער, אייגנטלעך, לאָזט עס אייך איצט ניט פאָרן קיין פעטראָגראַד? — האָט יענער געשמייכלט. — איך מיין פאַרקערט: אויב איר זענט שוין יאָ אפן וועג, וואָלט אייער קאָמיטעט אייך דאַנקבאַר געווען פאַר נעמען די איניציאַטיוו פון צוכאַפּן זיך צום קאָנגרעס און דערנאָך אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן די אָנגענומענע באַשלוסן... איך, אין אייער פּלאַץ, וואָלט אַזוי געהאַנדלט און וואָלט אין די פרייע שאָען, צווישן די זיצונגען, געגאַנגען אויפזוכן מיין מיידל...

שימשל איז אַזוי אויפגעהייטערט געוואָרן פון אָט־דעם סאָלדאַטס רייד, אַז ער האָט מאַמעש דערפילט ווי אַרומצונעמען אים און זיך צעקושן מיט אים פון גרויס דאַנקבאַרקייט פאַר דער אייצע, וואָס ער האָט אים געגעבן:

— איך פאָר מיט אייך קיין פעטראָגראַד! — האָט ער פלוצים אַ זאָג געטאָן, דערלאַנגט יענעם די האַנט און שפּאַסיק צוגעגעבן. — און אויב איך וועל דאָרט געפינען מיין קאַלע און כאַסענע האָבן מיט איר, וועל איך דאַן אונדזער קינד, — דאָס ערשטע קינד — אָנרופן מיט אייער נאָמען...

— אַ דאַנק, זייער פיין. אָבער דערצו דאַרפט איר דאָך פריער וויסן מיין נאָמען. — האָט יענער געלאַכט.

— איר וועט דאָך מיר און זיך דעם פאַרגעניגן אַוואַדע ניט אָפּזאָגן...

— פאַרשטייט זיך. מיין נאָמען איז באָריס. באָריס גאָלוב!...

— גאָלוב?! — איז שימשל שיר אויפגעשפּרונגען פון איבעראַשונג. — דאָס איז דאָך מיין קאַלעס נאָמען!... זענט איר ניט אַמאָל פון פעטראָגראַד?...

— ניין, מיין פריינט. איך בין פון בעסאַראַביע, פון קישענעוו!...

— האָט איר עפּשער מישפּאָכע אין פּעטראָגראַד? איך מיין, קרויווים מיטן נאָמען גאָלוב?...

יענער האָט אַ הייב געטאָן די אַקסלען און צעשפּרייט די הענט:

— איך האָב פון מיינע עלטערן קיינמאָל ניט געהערט, אַז איך זאָל האָבן קרויווים אין פּעטראָגראַד. — האָט ער פאַרלעגן געזאָגט. — אָבער וואָס איז דען דער כילעק? איר זוכט דאָך ניט מיך, נאָר אַ מיידל, אייער קאַלע...

שימשל האָט געשמייכלט. ער איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון באַריסן, פון זיין וואַרעמקייט, פון זיין הומאָר, אַז ער איז שוין ניט אָפּגעטראָטן פון אים. די עלף וואָכן, וואָס ער איז געווען אין וועג, מערסטנס איינער אַליין, אָן אַ פריינט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, מיט וועמען צו באַראַטן זיך, — האָט אין אים געשאַפן אַ בענקשאַפט נאָך אַ נאָענטן, צוגעלאָזענעם מענטשן, וואָס ער האָט איצט אומגעריכט אין באַריסן געפונען. פון דעם ביסל וואָס זיי האָבן גערעדט צווישן זיך אין אָט־דער קורצער צייט, האָט שימשל דערזען אין באַריסן אַ מענטש, וואָס ווייסט וואָס ער רעדט, ווייסט וואָס ער וויל, — אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט גוט די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד, האָט אַ באַשטימטע איבערצייגונג און איז גרייט צו קעמפן פאַר זיין אידעאַל... ער איז געווען זיכער, שימשל, אַז מיט אים, מיט באַריסן אַלס פריינט לעבן זיך, וועט ער זיך קאָנען באַראַטן און ווי צו האַנדלען אין געקוועלטע סיטואַציעס און לערנען פון אים אַ סאַך וואָס אים פעלט נאָך אין פּאָליטישער אָריענטאַציע... מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף די ליפּן, האָט ער ביי זיך אין געדאַנק אינמיסטן געפּרואווט באַריסן פאַרגלייכן און קעגנשטעלן קעגן פּאַוולען, — דעם סאָלדאַט, וועלכן ער האָט געהאַט באַגעגנט אין סאַמאַרע און געפאָרן מיט אים ביז סיזראַן, און אַ, וואָסער טיפער כילעק צווישן אָט־די צוויי מענטשן!... יענער, פּאַוועל, — טאַקע אַ כיטרער, אָבער אַ פּראָסטער. און כאָטש ער האָט מיטן מויל אַרויסגעזאָגט גאַנץ לאָגישע עמעסן, האָט ער אָבער אַלץ אין זיינען געהאַט בלויז זיך אַליין, זיינע אייגענע אינטערעסן און באַקוועמ־לעכקייטן, איבערלאָזנדיק די פּראָבלעמען פון לאַנד, פון דער רעוואָלוציע, פאַר אַנדערע, פאַר אַזעלכע ווי באַריס, פונקט ווי אים אַליין וואָלטן זיי אינגאַנצן ניט אָנגעגאַנגען... דערצו נאָך איז ער געווען אַן אַוואַנטיוריסט, אַ ספּעקוליאַנט, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך אַ לייכט פאַרדינסטל, מעג עס זיין ווי ניט־קאָשער...

די דערפאַרונגען, אָבער, וואָס ער, שימשל, האָט דערוואָרבן פאַרנדיק מיט אָט־דעם פּאַוולען; די קונציקייט יענעמס, ווי אַזוי צו באַזאָרגן פאַר זיך זיך־פּלעצער אויף דער באַן, — האָט ער איצט געוואָלט אויסנוצן. פריער, בעאייס ער איז געפאָרן איינער אַליין, האָט ער דערצו קיין דראַנג ניט געהאַט און זיך באַ־נוגנט מיט דעם ווי עס איז געגאַנגען. איצט, אָבער, זייענדיק מיט באַריסן, דעם נייעם פריינט זיינעם, האָט שימשל דערפילט אַ באַגער צו פאַרלייכטערן די רייזע פאַר אים... ער האָט זיך דעריבער אַנטשולדיקט פאַר באַריסן, אים געבעטן צו

בלייבן זיצן אַ ווייל אין וואקזאַל אָפּצוהיטן די זאַכן, און אַליין האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום דעפּאָ, דאָרט אויסצוגעפינען וואו עס שטייט דער צוג, וואָס דאַרף אָפּגיין קיין פּעטראָגראַד... נאָך דעם — אַ צופרידענער, וואָס דאָס איז אים געלונגען — האָט ער גענומען באָריסן און, פּונקט ווי פּאַוועל האָט אים געהאַט גענומען אין סאַמאַרע, צוגעגאַנגען מיט אים צום צוג, וועלכער איז — צווישן אַנדערע — געשטאַנען אַף די זייטיקע שינעס לעבן דעם דעפּאָ, און דאָרט — אין איינעם פון די וואַגאָנען — פאַרנומען פּלעצער פאַר זיך און באָריסן אַף צוויי אויבערשטע פּאָליצעס... פּונקט ווי דעמאָלט, אין סאַמאַרע, האָט שימשל זיך גלייך אַוועקגעלייגט שלאָפן און געראָטן באָריסן אויך אַזוי צו טאָן, קעדיי מען זאָל זיי ניט זען בעאייס דער צוג וועט צופאָרן צום וואקזאַל...

שפּעט אין אָוונט האָבן זיי זיך אויפגעוועקט פון אַ שטויס אין צוג, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז אַ לאָקאָמאָטיוו איז ענדלעך צוגעפאָרן, און נאָך עטלעכע מינוט מאַנעווורירן פאָרויס און צוריק, איז דער צוג צוגעפאָרן צום וואקזאַל, פון וואַנען ער איז — אַן איבערגעפּאַקטער מיט פּאַסאַזשירן — ערשט אינמיטן דער נאַכט אָפּגעפאָרן...

אפן וועג איז שימשל געוואָרן אַקטיוו און פול מיט דערפינדערישער איניציאַטיוו, בעאייס עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַרויסכאַפּן זיך פונעם צוג ביי די סטאַנציעס, קעדיי צו קויפן שפּייז און אָנצוגיסן אַ טשאַיניק אָקריפּ אַף צום פאַרבריען טיי פאַר זיך און באָריסן. ער האָט זיך געפילט אַזוי שטאָלץ, וואָס דאָס געלינגט אים; אַזוי צופרידן, וואָס ער קאָן העלפן זיין פריינט באָריסן, און דערמיט כאָטש טיילוויז אָפּצאָלן אים פאַר די באַלערנדיקע שמועסן, וואָס יענער האָט די גאַנצע צייט פון דער רייזע געפירט מיט אים, אויסקלאָרנדיק פאַר אים פּראַגעס, וואָס האָבן אים געמאַטערט בענויגייע דער רעוואָלוציע און ז'ער אויסגעקעמפטער פרייהייט. עס האָט אים פּאָשעט פאַרדראָסן, וואָס די עטלעכע טעג זענען אַזוי גיך דורכגעלאָפן און זיי זענען אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד...

זיי זענען אַרויס פון וואקזאַל און צוזאַמען זיך געלאָזט גיין אין שטאָט אַריין. אויבנאויפיק האָט פּעטראָגראַד אויסגעזען גאַנץ רואיק. פון דאָ און דאָרט האָבן זיך צייטנווייז געהערט שיטערע און צופעליקע ביקסן־שאָסן. איבער די גאַסן האָבן געמיטלעך שפּאַצירט גרופּקעס באַוואָפנטע סאָלדאַטן און מאַטראָזן, אָדער פּאָשעטע אַרבעטער מיט ביקסן און האַנט־גראַנאַטן... די בירגער — מענער און פרויען — זענען געשטאַנען אין רייען ביי די קראָמען, געוואַרט אַף ברויט און אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן, און האָבן דערביי טומלדיק גערעדט צווישן זיך, הייס אַרגומענטירט, און — זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט — געלייענט די פּראָקלאַמאַציעס און אויפרופן, וואָס זענען איבער נאַכט אויסגעקלעפּט געוואָרן אַף די מויערן... די טראַמוואַיען האָבן הילכיק געקנאַקט איבער די רעלסן, געקלונגען מיט זייערע גלעקלעך בעאייס זיי זענען צוגעקומען און זיך געדאַרפט דורכשניידן

צווישן די צעשטעלטע באַריקאַדן און דראָט־פאַרצאַמונגען, וואָס זענען געווען צעלייגט אין מיטן גאַס אף געוויסע אינטערוואַלן... אף די טראָטואַרן האָבן זיך געמערקט אַ צאָל אומבאַוואָפנטע סאָלדאַטן, אף וועלכע מען האָט נאָך געקאָנט זען סימאָנים פון טראַנשייען־בלאָטע אף די שטיוול און שינעלן. זיי — סיי איינציקע, סיי אין פאַרלעך, אָדער אין קליינע גרופּקעס — האָבן זיך געצויגן אין איין באַ־שטימטער ריכטונג — אַהין, וואו באַריס און שימשל זענען געגאַנגען — צום סמאָלני־אינסטיטוט, צו דער זיצונג פונעם אַלרוסישן קאָנגרעס פון די סאָוועטן פון אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן. פון זייערע צעווינטיקטע פּענימער, — פונקט ווי פון זייערע רייד, — האָט געוויייעט אַ טיפער ערנסט צו זייער מיסיע...

שימשל האָט זיך געפילט ווי פאַרלוירן. ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן פריער: צי זאָל ער גלייך גיין מיט באַריסן צו דער זיצונג פון קאָנגרעס און אָנטיילנעמען אין די פאַרהאַנדלונגען, אָדער זיך פריער גאָר אַ לאָז טאָן אויסצוגעפינען דעם אַדרעס פון ליובעס פאָטער. איין מינוט איז אים אויסגע־קומען, אַז קוידעם־קאָל דאַרף ער גיין זוכן ליובען, קעדיי דערנאָך צו קאָנען מיט אַ רואיקן קאָפּ זיך באַטייליקן אין קאָנגרעס, אָבער באַלד האָט ער מוירע געקראָגן, אַז אויב עס זאָל אים ניט געלינגען צו געפינען ליובען, וועט ער דערנאָך זיין אינגאַנצן אַ צעבראָכענער און וועט שוין אַפילע ניט קאָנען גיין צו די זיצונגען פון דעם קאָנגרעס...

ער האָט זיך אָפּנהאַרציק דורכגערעדט מיט באַריסן וועגן דעם. יענער האָט אים געראָטן צו גיין פריער צום קאָנגרעס, זיך קוידעם־קאָל פאַרשרייבן, און ערשט דאָרט באַשטימען ווען ער זאָל גיין וועגן זיינע פּריוואַטע איניאָנים:

— אייער קאַלע וועט דערווייל ניט אַנטלויפן, אויב זי געפינט זיך נאָר דאָ, אין פּעטראָגראַד! — האָט ער אים געזאָגט. — דער קאָנגרעס, אָבער, האָט יאָ אַ באַשטימטע צייט און איר קאָנט אים פאַרשפּעטיקן...

שימשל איז אַוועק מיט באַריסן צום סמאָלני־אינסטיטוט. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז מען האָט אים דאָרט ניט געוואָלט אָנערקענען פאַר קיין אָפיציעלן דעלעגאַט, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין געשריבענעם מאַנדאַט, אַז ער איז גע־שיקט געוואָרן צו פאַרטרעטן זיין אָפּטייל. מען האָט אים אָבער יאָ — ווי אַ פראָנט־סאָלדאַט — צוגעלאָזט צו די זיצונגען אַלס גאַסט און באַאָבאַכטער...

פאַרדראָסיק איבער דעם אָפּזאָג, האָט שימשל פונדעסטוועגן זיך באַמת ניט אַרויסצוואַווייזן זיין אַנטוישונג. ער איז געזעסן אין אַ לאָזשע פון דעם רייכן, עלעגאַנטן טאַנץ־זאַל, פאַרגאַפט געקוקט מיט באַוואונדערונג אף די גראַנדיעזע מירמלשטיינערנע זיילן, אף די הערלעך־בלישטשענדיקע שענדעליערן, און אף דעם פּראַכטיק־שיינעם פּאַרקעט־דיל... געוואוסט האָט ער שוין, אַז דאָס דאָזיקע הויז — דער פּאַלאַץ, איז פריער, אונטערן צאַר, געהאַט געווען אַן אַקאַדעמיע פאַר די רייכע טעכטערלעך פון דער צאַרישער אַריסטאָקאַטיע, און אַז אין דעם

זאָל האָבן זיי דורכגעפירט טענץ, גימנאַסטישע איבונגען און אַנדערע סאָרטן פאַר־ווײַלונגען... איצט האָט שימשל דאָרט געזען די דערוויילטע פאָרשטייער פון רוסישן פאָלק: — פאַשעטע פאַבריק־אַרבעטער אין אַלטע, פאַרשמאַלצעוועטע רעק־לעך אָדער אָרעמע קליידלעך, מיט קעפּקעס, מיט געבלימלטע טיכלעך אויף די קעפּ; מאַטראָזן אין זייערע געשטרייפטע העמדלעך און אין קליינע, רונדע היטעלעך מיט געגילדעטע אויפשריפטן און נאָכהענגענדיקע בלויע טאַשמעס, אָדער סאָל־דאַטן אין אָפּגעפּאַרענע שינעלן און פאַרברודיקטע שטיוול. זיי האָבן געמיטלעך זיך אַרומגעדרייט איבער דעם ריזיקן זאַל, געראויכערט מאַכאָרקע־ציגאַרלעך, געשמועסט און געשפּאָסט צווישן זיך, וואַרטנדיק אַפן אָנהויב פון די פאַרהאַנד־לונגען. ענדלעך האָבן אַלע — לויט אַ מעלדונג — פאַרנומען זייערע פּלעצער, און די זיצונג האָט זיך אָנגעפאַנגען. די מיטגלידער פונעם אויספיר־קאָמיטעט זענען אַרויף אויף דער טריבונע, זיך אַוועקגעזעצט, און באַלד האָט איינער נאָכן אַנדערן זיך אויפגעשטעלט און געהאַלטן אַ רעדע, וואָס האָט אַרויסגערופן באַ־גייסטערונג ביי די פאַרזאַמלטע...

שימשל האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעהערט צו די רעדעס, פייערלעך אַפּלאָ־דירט די רעדנער, און איז — צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אין זאַל — אויפגעש־שפּרונגען אין גרויס פרייד, נאָכדעם ווי מען האָט פון דער טריבונע געמאָלדן וועגן די נאָר־וואָס אַרויסגעגעבענע אויפרופן, אין וועלכע עס האָט זיך געזאָגט:

„צו די בירגער פון רוסלאַנד!

„די צייטווייליקע רעגירונג איז אָפּגעשאַפט! די מאַכט פון לאַנד ליגט אין די הענט פון דעם אָרגאַן פון פּעטראָגראַדער סאָוועט פון אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן, — דעם מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, וואָס שטייט בעראָש פונעם פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט און גאַרניזאָן!...

„די זאַך, פאַר וואָס דאָס פאָלק האָט געקעמפט: — טייקעף פאָרצושלאָגן אַ דעמאָקראַטישן שאָלעם, אָפּצושאַפן דאָס אייגנטום־רעכט פון די באַלע־באַטים איבער ערד, אַרבעטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע, און צו באַשאַפן אַ סאָוועטן־רעגירונג — אָט די זאַך איז שוין פעסט דערגרייכט געוואָרן!...

„זאָל לעבן די רעוואָלוציע פון אַרבעטער, סאָלדאַטן און פּויערים!...״

אַ הוראַ־געשריי איז אויסגעבראָכן אין זאַל. סאָלדאַטן, מאַטראָזן, אַרבעטער, האָבן אַ צייט לאַנג געיובלט און דערביי געוואָרפן זייערע היטלען אין דער הויך. שימשל איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן אַלגעמיינעם עקסטאַז. געזען האָט ער, אַז אַ נייע וועלט, אַ נייע אָרדענונג איז איצט באַשאַפן געוואָרן, — און ער, ער איז געווען אַן איידעס פון אָט־דער באַשאַפונג... ער איז אַזוי איבערגעפילט געוואָרן מיט פרייד, אַז ער האָט אַזש דערשפּירט טרערן ביי זיך אין די אויגן.

אין דעם מאָמענט האָט ער אַ טראַכט געטאָן און זיך געפרייט, וואָס אויך ער

— כאַטש אין אַ קלענער מאָס — האָט געגומען אַנטייל אין קאַמף פאַר דער באַשאַ־פונג פון דער נייער וועלט. ער איז געווען דאַנקבאַר יעגאָרן פאַרן אַריינציען אים אין דער באַוועגונג, און ליובען — פאַר לערנען אים זי צו פאַרשטיין...

ער איז געווען שטאַרק צופרידן, שימשל, וואָס ער האָט געפאָלגט באַריסן און איז אַהערגעקומען. געטראַכט האָט ער, אַז איצט, אויב עס זאָל אים נאָר געלינגען צו געפינען ליובען, וואָלט ער געווען איבערגליקלעך...

עס איז געווען שוין גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט ווען די ערשטע זיצונג פון קאָנגרעס האָט זיך געשלאָסן. שימשל האָט באַגריפן, אַז עס האָט קיין זינען ניט זיך איצט אַרויסצולאָזן איבער דער שטאָט אויף אויסצוגעפינען דעם אַדרעס פון ליובעס פאָטער. ער איז דעריבער אַוועק צוזאַמען מיט באַריסן אויף נאַכטלעגער אין דעם גאַסט־הויז, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר אַ טייל פון די דעלעגאַטן און געסט. אין אומגעדולד און אין האָפענונג, אַז עס זאָל שוין וואָס גיכער טאָג ווערן, קעדיי ער זאָל זיך קאָנען פאַרנעמען צו גיין אויפזוכן ליובען, — האָט ער זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן...

אינדערפרי האָט שימשל זיך אַרומגעוואַשן, אָפּגעגאָלט און זיך געלאָזט גיין אין שטאָט אַריין, — אין קאַנטאָר פון אַדרעסן־ביוראָ, נאָכצופרעגן דעם אַדרעס פון ליובעס פאָטער, — זיין היים, אָדער דאָס געשעפט זיינס. די גאַסן — פּונקט ווי נעכטן — זענען געווען רואיק. עס איז מיט גאָרניט געווען צו דערקענען, אַז ערשט נעכטן איז פאָרגעקומען אַזאַ וויכטיקע, וועלט־דערשיטערנדיקע איבער־קערעניש. די טראַמוואַיען זענען געפאָרן פּונקט ווי מיט אַ טאָג פריער. די ביר־גער — אין די רייען בײַ די קראָמען — האָבן ווידער דיסקוטירט צווישן זיך, אָבער דאָסמאָל שוין מיט מער פּאַטאָס און איבערצייגונג...

ניט קיין לייכטער איניען איז עס געווען פאַר שימשלען אויסצוגעפינען דעם אַדרעס, וואָס ער האָט געדאַרפט. אין דער אַדרעסן־ביוראָ האָט מען אים געזאָגט, אַז אין שטאָט זענען פאַראַן אַ סאַך מענטשן מיטן נאָמען גאָלוב, וועלכע פאַרמאָגן אַזאַ אָדער אַנדער מין געשעפט. דעם וויכטיקסטן סימען — וואָסער מין געשעפט ליובעס פאָטער האָט פאַרמאָגט, — האָט שימשל ניט געוואוסט אָדער ניט גע־דענקט. אַלץ וואָס ער האָט געוואוסט, איז געווען בלויז, אַז זיין נאָמען איז אַבראַם גאָלוב. שימשל האָט דעריבער געבעטן די אַדרעסן פון עטלעכע מענטשן מיט אַט־דעם נאָמען, און איז געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן, אין האָפענונג, אַז אַזוי־אַרום וועט ער זיך פריער אָדער שפּעטער פאַרט דערשלאָגן צו דעם וואָס ער זוכט. יעדן איינעם פון זיי האָט ער געפרעגט די זעלבע פראַגע, צי איז ער דאָס דער אַבראַם גאָלוב, וואָס האָט אַ טאָכטער, ליובע, וועלכע איז געווען אַ פּאָליטיש־פאַרשיקטע אין סיביר. די דאָזיקע פראַגע — נאָכן איבערכאַזערן זי עטלעכע מאָל — איז אים געוואָרן אַזוי פּריקרע, אַז ער האָט זיך פאַשעט אָנגע־הויבן שעמען זי צו פרעגן. באַמערקט האָט ער, אַז דאָס ראָוו מענטשן, ביי וועמען

ער האָט געפּרעגט וועגן דעם, האָבן געקוקט אַף אים מיט אַ מאָדנע כּשאַד, עפּעס ווי ער וואָלט געווען אַ נאַר, אָדער אַ מעשוגענער. שימשל האָט זיך אָבער געמאַכט ווי עס וואָלט אים ניט געאַרט און איז ווייטער אַנגעגאַנגען מיט זיין זוכן...

ענדלעך, אַרום מיטיקצייט, האָט איינער — אַן עלטערער, טויבלעכער מאַן מיטן נאָמען אַבראַם גאָלוב, אַן אייגנטימער פון אַ גאַלאַנטעריי־קראָם, וועלכער האָט זיך, ווייזט אויס, געיאָגט צו גיין עסן מיטיק, — אים אומגעדולדיק אַ זאָג געטאָן, אַז ער זאָל פּרואוון צוגיין אין גרויסן אוניווערסאַלן מאַגאַזין אַף נעווסקי־פּראָספּעקט, און דאָרט פרעגן ביים אייגנטימער, וועמעס נאָמען עס איז אויך אַבראַם גאָלוב, צי ער איז ניט דער פאָטער פון דעם מיידל, — די סאָציאַליסטקע:

— יאָ, מיין פריינט, — האָט דער אַלטער, באַגלייטנדיק שימשלען צו דער טיר, אומזיכער געזאָגט. — עפּעס געדענק איך, דאַכט זיך, אַז איך האָב אַמאָל טאַקע געלייענט אין דער צייטונג, אַז זיין טאָכטער איז געווען פאַרמישט אין עפּעס ניט קיין קאָשערע זאַכן און... איך געדענק ניט גענוי, צי מען האָט זי דעמאָלט פאַרמישפּעט צו טורמע, אָדער קאַטאָרגע, צי גאָר, ווי איר זאָגט, זי פאַרשיקט קיין סיביר...

שימשל האָט אַ באַהאַלטענעם שמייכל געטאָן, געדאַנקט דעם אַלטן פאַר דער אָנווייזונג, און איז גלייך אַוועק אַף נעווסקי־פּראָספּעקט, אַפן אָנגעגעבענעם אַד־רעס. ער איז מאַמעש איבעראַשט געוואָרן בעאייס ער האָט דערזען, אַז דאָס איז אַ ריזיקער אוניווערסאַלער מאַגאַזין, מיט אַ ריי פּראַכטיק־אויסגעצירטע שוי־פענצטער, וואָס האָבן מיט די אויסגעשטעלטע, רייך־באַקליידטע מאַנעקענעס, אים פאַשעט ווי פּריטשמעלעט און אַרויסגערופן אַ צווייפל ביי אים, צי דאָס איז טאַקע ליובעס פאָטערס געשעפט. עפּעס צו רייך און צו פאַרנעמיק איז דאָס געווען, צו דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז ליובע איז אַ קינד פון אַזאַ אַשירעס, וואָס קאָן נאָך אַמאָל אָנקומען צו איר ווי אַ יערושע... אַ שטיקל צייט האָט ער זיך אַפילו גע־שלאָגן מיט דער דייע, צי ער זאָל ביכלאַל אַריינגיין אַהין פרעגן, אָדער ניט. עפּעס האָט אים באַהערשט אַ מוירע, אַז אויב דאָס דאָזיקע געשעפט געהערט טאַקע צו ליובעס פאָטער, איז קלאָר, אַז זי, ליובע, איז — ביי איר בעסטן ווילן — ניט זיין גלייכן... אים האָט גענומען מאַטערן אַ געדאַנק, אַז דער פאַקט, וואָס ליובע האָט אָנגענומען זיין ליבע, איז געווען בלויז דערפאַר, ווייל זי איז געווען איינזאַם אין דעם וויטן סיבירישן שטעטל, און ער האָט באַפרידיקט איר בענק־שאַפט און הונגער נאָך ליבע פון אַ מאַן... אַ באַשטעטיקונג דערויף איז דאָך דער סימען, וואָס ביים ערשטן קריזיס, אַזוי ווי ער איז נאָר אַוועק פון אירע אויגן, איז זי אַוועק און באַהאַלט זיך אויס פון אים...

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אַזוי צעפּייניקט שימשלען, אַז עס האָט אים אַזש פאַרכאַפּט ביים האַרצן. אַ צעווייטיקטער האָט ער זיך עטלעכע מאָל אַרומ־געדרייט אַהין און צוריק אין פראָנט פון דעם געשעפט, און אַלץ געפּרואווט צו־

ריקשלאָגן די אומגעבעטענע געדאַנקען, וואָס זענען אים באַפאַלן ווי בייזע פליגן. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, שאַרף זיך אויסגערעדט פאַר צולאָזן צו זיך אַזעלכע געדאַנקען, און זיך אונטערגעזאָגט:

„איך טאָר ניט און וועל ניט מישפּטן ליובען איידער איך וועל זי זען, רעדן מיט איר און הערן פון איר אייגן מויל...“

ער האָט זיך אַ גלייך־אויס געטאָן און דרייסט אַריין אין געשעפט. דאָרט האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו איינער פון די פאַרקויפערנס:

— קענט איר מיר עפשער זאָגן, פריילין, צי דער אייגנטימער פון אָט־דעם געשעפט האָט אַ טאָכטער, ליובע, וועלכע איז געווען פאַרשיקט אין סיביר?...

יענע האָט אַ קוק געטאָן אויף שימשלען מיט עפּעס אַזאַ מאָדנע פאַרדעכטיק קוקעלע, וואָס איז אים אויסגעקומען, אַז אָט־אָט צעלאַכט זי זיך. באַלד, אָבער, האָט זי אָנגעצויגן אַ זויער פּאָנים און ברויגעז געענטפערט:

— עס פאַרדריסט מיך, מיין הער, אָבער מיר ווייסן ניט וועגן די געשעפטן פון אונדזערע באַלעבאַטים. זיי דערציילן אונדז ניט וועגן זיך, זייערע פריוואַטע געשעפטן, און אַוואַדע ניט וועגן אַזעלכע פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן...

— קאָן איך זען דעם הער גאָלוב אַליין? — האָט שימשל דאַן געפרעגט.

— דאָס קאָן איך אייך אויך ניט זאָגן, מיין הער. — האָט זי ווידער טרוקן געזאָגט. — איר וועט דאַרפן פרעגן אין געשעפט־קאַנטאָר, אפן צווייטן שטאָק...

שימשל איז אַוועק צום געשעפט־קאַנטאָר, וואו יענע האָט אים אָנגעוויזן, האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און איז — אַ ציטערנדיקער — אַריינגעגאַנגען...

גלייך ווי ער איז אַריבער די שוועל האָט שימשל דערזען פאַר זיך אַ גרויסן, רייך־מעבלירטן קאַנטאָר, וואָס האָט אים, מאָדנע, שטאַרק דערמאָנט אין באַגדאַ־נאָווס קאַנצעלאַריע. גרויסע, קאָלירפולע טעפּיכער זענען געלעגן צעלייגט אפן דיל און געהאָנגען אויף די ווענט. איבער אַ גרויסן דעמבענעם שרייב־טיש קעגן דער טיר און צווישן צוויי פענצטער, איז אויף דער וואַנט געהאָנגען אַ געמאָלטער פאַר־טרעט פון אַ מיטל־יאָריקן, אַריסטאָקראַטישן מאַן, וואָס האָט ווי אַראָפּגעקוקט אויף דעם פליכבוואָטן אַלטיטשקן, וואָס האָט מיט אַן אָנגעזאָטלטער גאָלדענער פּענסנע אויף דער פליישיקער נאָז, — קוים־קוים די אויגן אויפגעהויבן אַ קוק צו טאָן אויף דעם אַריינגעקומענעם. שימשל האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט ליובעס פאָטער, און געטראַכט, אַז דאָס מוז אַוואַדע זיין דער געשעפט־פאַרוואַלטער, וואָס האָט אים שאַרף דורכגענומען מיט זיינע בליקן און מיט איבערגעטריבענער איידלקייט אים געלאַסן געפרעגט:

— וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך, מיין הער?...

— איך וואָלט וועלן זען דעם הער גאָלוב. — האָט שימשל געענטפערט.

יענער האָט אַראָפּגענומען די פּענסנע און געשמייכלט:

— דאָס איז אוממעגלעך, מיין הער. — האָט ער צעצויגן געזאָגט. — דער

הער גאָלוב געפינט זיך אין אויסלאַנד, אין דער שווייץ, וואו ער איז געפאָרן צוליב געזונט. קאָן איך אייך עפשער העלפן, מיין פריינט?...

ער האָט שימשלען אַנגעוויזן אף אַ שטול קעגן זיך און אים געבעטן זיך צוזעצן. שימשל האָט אים דאַן דערציילט ווער ער איז און אַז ער איז געקומען אויסצוגעפינען וועגן דעם הער גאָלובס טאָכטער, ליובע, מיט וועלכער ער איז געווען צוזאַמען אף פאַרשיקונג אין סיביר:

— זי איז פאַרשוואונדן געוואָרן בעאייס איך בין געווען אפן פראָנט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — און איך קאָן איצט ניט געפינען קיין שפור צו איר. האָב איך דעריבער געהאָפט, אַז...

דער מאַן האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו שימשלען און געזאָגט:

— עס פאַרדריסט מיך, מיין הער, וואָס איך קאָן אייך גאָרניט זאָגן וועגן מאַדמואַזעל ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ. שוין העכער אַ יאָר וואָס הער גאָלוב האָט ניט געהערט פון איר. ער האָט אַפילע געשריבן צום אינערן־מיניסטער, געבעטן צו העלפן געפינען זיין טאָכטער, און דערנאָך געקראָגן אַ מעלדונג פונעם דאָרטיקן פאָליציימייסטער, אַז ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ איז וואַרשיינלעך באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד, וואָרים מען האָט געפונען אירס אַ מאַנטעלע ביים ברעג פון דער אָזערע דאָרט. דער הער גאָלוב איז פון אָט־דער מעלדונג אַזוי צעוויטיקט געוואָרן, אַז ער איז אַזש צוזאַמענגעבראָכן און געמוזט אָוועקפאָרן אין דער שווייץ זיך צו דערהוילן. נאָך אַלעמען איז ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ פאָרט געווען אַן איינציק קינד זיינס, וואָס כאָטש ער האָט פון איר קיין גרויס נאַכעס ניט געהאַט, אָבער דאָך זי שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט ניט געוואָלט אָננעמען די אָפיציעלע מעלדונג, ניט געקאָנט גלויבן, אַז זי — אַזאַ לעבנסלוסטיקע, אַזאַ קלוגע — זאָל האָבן אַזוי גע־האַנדלט... ער איז געווען זיכער, אַז דאָ איז פאָרגעקומען עפעס אַ טאָעס און אַז זי וועט זיך בעקאָרעוו אומקערן אַ לעבעדיקע און געזונטע...

דער אַלטער האָט אַ וויש געטאָן די אויגן און זיך צוריקגעזעצט אף זיין פלאַץ. אף שימשלס באַקאָשע צו געבן אים דעם אַדרעס פון הער גאָלוב אין דער שווייץ, האָט ער זיך אַ וויילע געקווענקלט און געזאָגט, אַז ער קאָן דאָס ניט טאָן. ער האָט אים אָבער צוגעזאָגט צו שרייבן דעם הער גאָלוב וועגן אים, איבערגעבן זיין פאַרלאַנג, און אים לאָזן וויסן אַזוי גיך ווי ער וועט נאָר האָבן אַן ענטפער פון הער גאָלוב, אָדער הערן פון מאַדמואַזעל גאָלוב אַליין...

שימשל האָט אים געדאַנקט, איבערגעלאָזט ביי אים דעם אַדרעס פון יעגאָרן, וואו ער וועט אים קאָנען גרייכן, און איז מיט אַ צעבראָכן געמיט אַרויס פון קאַנטאָר, קוים קאָנענדיק אָנטאַפּן מיט די פיס די ערד אונטער זיך...

* * * * *

קאַפּיטל דריי־און־צוואַנציק

באַטש שימשל איז געווען שטאַרק דערשלאָגן איבער דעם וואָס ער האָט אין פּעטראָגראַד ניט געפונען ליובען, אָדער אַ שפּור וועגן איר, — איז ער דאָך געווען צופרידן וואָס ער איז געקומען און געהאַט אַ געלעגנ־הייט צו זיין ביי די זיצונגען פונעם סאָוועטן־קאָנגרעס. די פרייד, וואָס ער האָט איבערגעלעבט ביי דער אָוונט־זיצונג אפן צווייטן, דעם לעצטן טאָג פון קאָנגרעס, — האָט אים נאָך אַלץ געהאַלטן ווי אין אַ היפּנאָטישער דערהויבונג. דער איקער האָט אים באַוועלטיקט די באַגייסטערונג, וואָס איז דערגאַנגען צו אַ גרענעצלאָזן עקסטאַז, בעאייס אַלע אינעם זאַל האָבן זיך אַ שטעל־אויף געטאָן און אויסגעבראָכן מיט דונערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן, ווען אַף דער עסטראַדע האָט זיך אויפגעשטעלט דער נידעריקער, פעסט־געבויטער מאַן אין אַ צעקנייטשטן אָנצוג, און — איינ־בויגנדיק זיך עטוואָס אין פאָרויס — פאָשעט אַ זאָג געטאָן צו די פאַרזאַמלטע:

— איצט, כאַוויירים, וועלן מיר צוטרעטן איינצושטעלן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג!...

און ווידעראַמאָל האָט אויסגעבראָכן אַ שטורמישער אויפברויז, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע מינוט...

שימשל האָט דאַן אויפגעכאַפּט דאָס שושקעריי הינטער זיך, אַז דער רעדנער איז לעניך... דאָס איז געווען אַזאַ שטאָלצע פרייד ביי שימשלען, וואָס האָט אים אָפּגעצאָלט פאַר אַלע זיינע פאַרדרוסן און אַנטוישונגען, און ער איז געווען זיכער, אַז אַט־דעם מאָמענט וועט ער קיינמאָל אין לעבן ניט פאַרגעסן...

שפּעט ביינאַכט, אינעם צימער פון גאַסט־הויז, וואו ער איז איינגעשטאַנען צוזאַמען מיט באָריסן, האָט שימשל אים איבערגעגעבן וועגן דער פרייד, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, און געוואָלט אָפּמאַכן מיט אים וועגן פאָרן צוזאַמען צוריק צום פראָנט, צו זייערע אָפּטיילן. באָריס האָט אים אָבער דאַן געלאָזט וויסן, אַז ער וועט ניט צוריקפאָרן, ווייל ער איז דערוויילט געוואָרן אין אַ קאָמיטעט ביים סאָוועט דאָ, און אַז אַ דעלעגאַט פון אַ צווייטן, דערבייאיקן אָפּטייל, וואָס געפינט זיך דאָ, האָט אים צוגעזאָגט אָפּצוגעבן דעם באַריכט וועגן קאָנגרעס אויך אין זיין אָפּטייל. באָריס האָט אויך געשטעלט אונטער אַ פראַגע די פּראַקטישקייט פון שימשלס צוריקפאָרן. ערשטנס, ווייל ער איז ניט קיין דעלעגאַט און האָט ניט קיין פאַרפליכטונג אָפּצוגעבן אַ באַריכט; צווייטנס, ווייל עס איז ביכלאַל פאַראַן אַ צווייפל צי ער וועט נאָך געפינען זיין אָפּטייל אפן פראָנט, מאַכמעס עס זענען

אָנגעקומען באַריכטן, אַז דאָס ראָוו סאָלדאַטן זענען מיד געוואָרן צו וואַרטן אפֿן סאָף פֿון דער מילכאָמע און האָבן אַליין — אָן אַן אָפֿיציעלער דעמאָביליזאַציע — מאַסנווייז אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן די פֿראָנטן און צעפֿאָרן זיך אַהיים...

— אַז איר זענט שוין סיי־ווי־סיי אַוועק פֿון פֿראָנט, — האָט ער אים אַ זאָג געטאָן, — צו וואָס זיך אַהינשלעפּן און דערנאָך נאָכאַמאָל דאַרפֿן אַוועקפֿאָרן?... אַז איר זענט שוין דאָ, — בלייבט דאָ און פּרואווט דאָ זיך איינצואָרדענען!...

די אייצע, וואָס באָריס האָט אים געגעבן, איז שימשלען געפֿעלן. ער האָט שוין אַליין געהאַט געטראַכט וועגן בלייבן אין פּעטראָגראַד, זיך דאָ איינאָרדענען, געפֿינען אַרבעט און... וואַרטן, עפּשער וועט ליובע פֿאָרט אַהיימקומען... ער האָט אָבער באַלד דערפֿילט, אַז ער וועט דאָ ניט קאָנען בלייבן איבער דעם אומרו, וואָס וועט אים טאָמיד האַלטן געקלעמט וועגן ליובען... דערצו האָט אים פּאָשעט גענומען ציען אַ באַגער צוריקצופֿאָרן אַהיים, אין זיין אייגענער היים־שטאָט. עפּעס האָט אים אַזוי פֿאַראינטריגירט צו זען ווי אָדעס זעט אויס איצט, נאָך דער רעוואָלוציע, וואָסערע ענדערונגען עס זענען דאָרט פֿאָרגעקומען, און דערצו האָט ער טאַקע געוואָלט זען זיינע פֿריינט. ער האָט געבענקט נאָך יעגאָרן, נאַדיען, ווי ביכלאַל נאָך די אַלע יאַטן אפֿן האַפֿן... עפּעס אַ מאָדנע פֿאַראַקשנטער באַגער צו ווייזן זיי, אַז ער איז שוין ניט מער דער אַמאָליקער, אומוויסנדיקער סאַמסאָן, נאָר אַ מענטש מיט וויסן, האָט קעסיידער געמאַטערט זיין מויעך — אָן אַן אויפֿהער.

אָף צומאָרגנס האָט שימשל זיך געזעגנט מיט באָריסן, אים געזאָגט, אַז ער האָט באַשלאָסן אַהיימצופֿאָרן, קעדיי דאָרט, ביי זיך אין שטאָט, אין זיין אייגענעם פֿאַך, זיך אַריינצוּוואַרפֿן אין דער אַרבעט פֿאַר דער סאָוועטישער אָרדענונג, און צו העלפֿן בויען דעם סאָציאַליזם...

עס איז שוין געווען האַלב נאָוועמבער כוידעש פֿון יאָר 1917, ווען שימשל איז ענדלעך אָנגעקומען אין זיין היים־שטאָט, אָדעס. געווען איז גראָד אַ מילד־פֿראָסטיקער, אָבער שיינער, זוניקער טאָג, און ער האָט באַשלאָסן צו גיין צו־פֿוס פֿונעם וואָקזאַל צו דעם פּלאַץ וואו יעגאָר און נאַדיע האָבן געוואוינט. עס איז אָבער נאָך צו פֿרי געווען צו גיין אָף אַ באַזוך צו זיי, האָט ער דעריבער געלאַסן שפּאַצירט מיט זיינע צוויי היפּשע פּעקלעך אפֿן רוקן, און דערביי — אַ פֿאַרגאַפּטער — געקוקט אין אַלע זייטן אַרום זיך. די הייזער, די גאַסן, האָבן אים אויסגעזען עפּעס אַזוי אַנדערשדיק און פֿרעמד, פּונקט ווי אַלץ וואָלט זיך דאָרט אינגאַנצן געווען איבערגעענדערט אין די עטלעכע יאָר וואָס ער איז דאָרט ניט געווען. שימשלען האָט שטאַרק אימפּאָנירט די מאַסן רויטע פֿענער, וואָס זענען געהאָנגען פֿון קימאַט יעדן פֿענצטער און באַלקאָן. נאָך ביים וואָקזאַל האָט שימשל געהאַט באַמערקט גרויסע לייוונטענע טראַנספּאַראַנטן מיט פֿאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען און אויפֿשריפֿטן — צעהאָנגען איבער דער ברייט פֿון דער גאַס. דאָ און דאָרט זענען אָף די מויערן געווען אויפֿגעקלעפּט פֿאַרשידענע פּלאַקאַטן מיט

אויסגעמאָלטע קאַריקאַטורן, וואָס האָבן אויסגעכויזעקט דעם געוועזענעם צאַריזם, אָדער מיט בייסיק־שניידנדיקער קריטיק אף דעם געפאַלענעם קערענסקי־רעזשים, וואָס איז באַשטאַנען קימאַט דורכויס פון קניאַזן, פריצים און סטאַם מיליאָנערן. אַנדערע פלאַקאַטן האָבן געוויזן אַרבעטער ביי מאַשינען, פויערים ביים אַקער, און — אונטער דעם — לאָזונגען מיטן אָנזאָג: „דאָס לאַנד זאָל געהערן די וואָס באַאַרבעטן עס! די מאַשינען — צו יענע, וואָס פּראָדוצירן אף זיי!...“

שימשל האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט אין לעניס רייד:

„מיר וועלן געבן דער וועלט אַן אַרויסרוף דורך אַ רעפּובליק פון פּראָדוצירער!... מיר וועלן ניט אַריינזעצן אין די סאָוועטן קיין מענטשן בלויז דערפאַר וואָס זיי פאַרמאָגן אַקציעס, אָדער ווייל זיי זענען די אייגנטימער פון געוויסע פאַבריקן, צי לענדערייען!... מיר וועלן אַהין אַריינזעצן די פּראָדוצירער גופא!... דער דאָנעצער באַסעין וועט זיין פאַרטראָטן דורך די וואָס פּראָדוצירן קוילן; די אייזנבאַנען — דורך די טראַנספּאָרט־אַרבעטער; די פּאָסט־סיסטעם — דורך יענע וואָס באַשאַפן די דאָזיקע באַדינונג, און אַזוי קעסיידער!...“

שימשל האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט קאַלט, מיד און הונגעריק. ער איז אַריין אין ערשטן רעסטאָראַן, אָפּגעגעסן פרישטיק, געטרונקען עטלעכע גלעזער טיי, און — אַ דערוואַרעמטער, אַ דערפרישטער — זיך געלאָזט צו יעגאָרן, אף דעם אַדרעס, וואָס ער האָט געהאַט פאַרשריבן ביי זיך. ער איז אָבער געווען שטאַרק אַנטוישט ביים אויסגעפינען, אַז מיט העכער צוויי וואָכן צוריק, באַלד נאָך דער רעוואָלוציע, האָבן זיי זיך אַרויסגעקליבן אין אַ צווייטן פלאַץ, און ניט איבערגעלאָזט קיין אַדרעס נאָך זיך. דער אייגנטימער פונעם הויז — אַ מאַן מיט אַ היפשן פליך, אַ היפש בייכל, היפשע הענט און אַ היפשער פאַררויטלטער נאָז — האָט מיט אַ הייזעריקלעך־פאַרשיקערטן קאָל אים איראָניש אַ זאָג געטאָן:

— איך ווייס נאָר, כאַווער סאָלדאַט, אַז מען האָט פאַר דעם נייעם פאַרעץ קאָנפיסקירט אַ גראַמע דירע פון פיר צימערן ביי אַ געוועזענעם פאַרעץ!...

שימשל האָט יענעם אָפּגעמאָסטן מיט אַן איבלדיקן בליק און גאַרניט געענטפערט אף זיין כויזעקדיקער באַמערקונג. ער איז אַוועק, געדונגען אַ צימער אין אַ ביליקן האָטעל ניט ווייט פונעם האַפן, און זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן, קעדיי זיך אַביסל אָפּצורוען פונעם וועג. שפּעטער, אַרום מיטיקצייט, איז ער אַראָפּ צום האַפן. עס האָט אים געצויגן צו זען זיינע אַמאָליקע פריינט, און ער איז געווען זיכער דאָרט צו טרעפן יעגאָרן. ער איז אַריין פאַרזיכטיק, נאָר ווי געגאַנוועט זיך, קעדיי איבערצוראַשן די יאַטן און אומגעריכט אַנטקעגנקומען יעגאָרן. אָבער וואו ער האָט ניט געקוקט און געזוכט — יעגאָרן האָט ער ניט געפונען. פון די אַמאָליקע כאַוויירים זיינע האָט ער אויך ניט געזען קיינעם, אַ כוץ פימקען, וועלכער איז געווען שטאַרק געעלטערט ניט לויט די עטלעכע יאָר. יענער האָט נאָר־וואָס אַוועקגעשטעלט עפּעס אַ שווערן קאַסטן, וואָס ער האָט געטראָגן, און גע־

נומען ווישן דעם שוויס מיטן אַרבל פון זיין דיק־אָנגעפּעלצטער האַנט...

ער איז צוגעטראָטן, שימשל, זיך אַוועקגעשטעלט קעגן פּימקען און — פּאַר־לייגנדיק די הענט ביי זיך אויף די זייטן — שווייגנדיק געקוקט אויף אים, און געוואַרט ציי ער וועט אים דערקענען. פּימקע האָט אַפילע ניט אַ קוק געטאָן אויף שימשלען, נאָר — מיט אַ געבויגענער פּלייצע און אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, וואָס איז כאַראַק־טעריסטיש פאַר האָפּן־טרעגער — זיך געלאָזט גיין צו זיין אַרבעט, פּרואוונדיק דערביי אַרומצוגיין דעם סאָלדאַט, וואָס איז אים אין וועג געשטאַנען. שימשל האָט זיך פלינק אַ רוק געטאָן, אים ווידעראַמאָל פאַרשטעלט דעם וועג, און שמייכלדיק געשוויגן. דאָס האָט זיך איבערגעכאַזערט עטלעכע מאָל. ערשט נאָכן דריטן מאָל האָט פּימקע פויל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויף שימשלען מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט געזאָגט: „וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט דאָ גלאָצן מיט די אויגן?", און זיך ווידער געלאָזט גיין. שימשל האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט באַהערשן און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— דערקענסט מיך טאַקע ניט, פּימקע? — האָט ער פריילעך אויסגערופן, — אָדער האָסטו מיך שוין אינגאַנצן פאַרגעסן?...

פּימקע האָט אַ וויש געטאָן די שפּיציק־פאַרריסענע נאָז און בייז געפרעגט:

— ווער ביסטו דאָס אַזוינס, וואָס איך דאַרף דיך דערקענען?...

ער האָט זיך גענומען קראַצן אין קאַרק, אונטער דער געדיכטער אונטער־געקאָסטער קוטשמע האָר, געקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן אויף דעם סאָלדאַט קעגן זיך, און ענדלעך אויסגעפּלאַצט:

— ניין! עס קאָן דאָך ניט זיין!... דו, סאַמסאָן?... מען האָט דאָך דאָ געשמועסט, אַז דו ביסט ערגעץ אין סיביר!... ווי זשע קומסטו גאָר אַהער, און דערצו נאָך אין זעלנערשע קליידער?!...

שימשל האָט אַרויפגעלייגט זיינס אַ האַנט אויף יעפּימס אַקסל און געלאַכט:

— זאָלסט ניט אַלעמאָל גלויבן אַלץ וואָס דו הערסט, פּימקע!... ערשטנס, בין איך שוין העכער דריי יאָר אַ סאָלדאַט, — געדינט דעם צאַר און פאָטערלאַנד. צווייטנס, האָבן מיר דאָך עפּעס געהאַט אַ רעוואָלוציע און איך בין דאָ צוריק!...

— און איצט וועסטו ווידער אַרבעטן מיט אונדז אויפן האָפּן, סאַמסאָן?...

— דאָס ווייס איך נאָך ניט, פּימקע. — האָט שימשל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווייל אים אַליין איז נאָך אויך ניט קלאָר געווען וואָס ער קלייבט זיך צו טאָן. — יעדנפאַלס, ברודער, מיר וועלן נאָך זען וועגן דעם. אָבער זאָג מיר, יעפּים, וואו זענען אַלע יאַטן? איך מיין: וואו איז דער רויטער פּאַוולושקע, מאַטוועי דער טענ־צער, וואָלאָדיע די קאַץ און... יאָ... וואו איז יעגאָר?...

פּימקע האָט זיך געקראַצט אין קאַרק און זיך פאַרטראַכט:

— ווי לאַנג איז שוין, סאַמסאָן, וואָס מען האָט דיך פון דאַנען אַוועקגענומען, האַ?... וויפל יאָר אַ שטייגער?... דאָס ראָוו יאַטן זענען געגומען געוואָרן אין דער

אַרמיי, אַוועקגעשיקט געוואָרן אפן פראָנט און... אַ טייל וועט שוין אַפילע ניט צוריקקומען... אָט, ניקיטיטש און דער רויטער פּאַוולושקע, — זיי זענען אומגעקומען באַלד אין אָנהויב, גאָט זאָל היטן זייערע נעשאָמעס!...

ער האָט זיך פרום איבערגעציילעמט און דערביי געבויגן דעם קאָפּ. שימשל האָט אויך פאַרטרויערט אַראָפּגעלאָזט די אויגן:

— אַ שאָד. פיינע יאַטן געווען. — האָט ער מיט באַדויער שטיל געזאָגט און אַ פרעג געטאָן, — אָבער יעגאָר, וואו איז יעגאָר?...

— אָ, יעגאָר איז איצט אין די הויכע פענצטער! — האָט פּימקע אי מיט קינע אי מיט שטאָלץ אַ זאָג געטאָן. — ער איז דער סעקרעטאָר פון אונדזער פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, וואָס מיר האָבן געגרינדעט באַלד נאָכדעם ווי מען האָט אַראָפּגעוואָרפן ניקאָלאַיקען... און איך מוז דיר זאָגן דעם עמעס, סאַמסאָן, אַז ער, יעגאָר מיין איך, איז אַ טייערער יאַט. ער האָט גלייך אין אָנהויב געוואונען פאַר אונדז העכערע סכירעס פאַר דער אַרבעט, און אויסגעפירט, אַז מיר זאָלן האָבן אַן אייגענעם יאַט ביי דער וואָג און ביי די ביכער, צו זען אַז מען זאָל אונדז ניט קריוודען אָדער באַגאַנווענען. נאָכדעם האָט ער אויסגעפּויעלט, אַז די שיף־קאַפּיטאַנען און באַצמאַנס זאָלן אונדז באַהאַנדלען מענטשלעכער ווי זיי זענען עס געוואוינט געווען אונטערן צאַר. יאָ, ברודער סאַמסאָן, דאָ האָט זיך אַ סאַך, זייער אַ סאַך געענדערט זינט דער לעוואָרוציע און דער איקער נאָכדעם ווי יעגאָר איז געוואָרן דער פירער פון אונדזער פּראָפאַריין... איצט איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד אין שטאָטישן סאָוועט און פאָרט אַרום איבער די שטעט און דערפער פון געגנט, האַלט דאָרט רעדעס און העלפט דאָרט איינשטעלן סאָוועטן... פונקט נעכטן איז ער צוריקגעקומען פון וועג און מוז איצט אַוואַדע זיין אין זיין קאַנצעראַליע...

— וואו איז זיין קאַנצעלאַריע? — האָט שימשל אומגעדולדיק אים אַ פרעג געטאָן, — גרייט צו לאָזן זיך גיין אַהינצו...

פּימקע האָט זיך ווידער אַ קראַץ געטאָן אין קאַרק:

— אייגנטלעך, ברודער, זענען פאַראַן צוויי קאַנצעראַליעס. איינע — דאָ, טאַקע אפן האַפן, וואו ער קומט בעאייס ער דאַרף פאַרהאַנדלען, אָדער אויסגלייכן אַ סיכסעך מיט אַן עקספּעדיטאָר, אָדער אַנדערע, ווי מען זאָגט, פּראָלבעמעס; און די אַנדערע, די ריכטיקע, — איז העכער אַרויפצו, לעבן דעם אַדרימאַל, טפו זאָל עס ווערן, איך קאָן נאָך אַלץ ניט קלאָר אויפכאַפּן און ריכטיק אַרויסרעדן, — אַד־מי־ראַל־טעט, יאָ, אַדרימאַלטעט־געביידע, אפן בולוואַר...

שימשל האָט אַ שמייכל געטאָן ווי איינער וואָס זעט זיך אַליין אין אַ קרומען שפּיגל. ער האָט גוטמוטיק אַ קלאַפּ געטאָן פּימקען איבער דער פּלייצע, און זיך געלאָזט גיין צו יעגאָרן אין קאַנצעלאַריע...

גלייך ווי ער האָט זיך נאָר באַוויזן אין דער טיר דאָרט, איז יעגאָר אַ

שפּרונג־אויף געטאָן פון זיין שטול, אַנטקעגנגעלאָפן שימשלען, זיך אַרומגעכאַפּט און צעקושט מיט אים:

— סאַמסאָן! — האָט ער פריידיק־איבעראַשט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— הייסט עס, אַז מיר זעען זיך ווידער, נאָך אַזויפיל יאָר!... ווי לאַנג איז עס שוין, סאַמסאָן?... אָבער, זאָג מיר, ברודער, ווי קומסטו גאָר אין זעלבערשן אָנטאָן, אַז דו ביסט געווען אַ פּאָליטיש־פאַרשיקטער און... אָף וויפל איך ווייס, האָט מען דאָך קיין פּאָליטיש־פאַרזינדיקטע ניט גענומען אין דער אַרמיי...

ער האָט שימשלען צוגעפירט צום שרייב־טיש, געבעטן אים זיך זעצן און דערציילן ווי עס איז אים דערגאַנגען די גאַנצע צייט און ביכלאַל...

שימשל האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און אָנגעהויבן רעדן. אָבער יעגאָר האָט זיך גלייך אַ כאַפּ געטאָן און געזאָגט:

— זיי מוחל, סאַמסאָן. איך בין זיכער, אַז אויך נאַדיע וועט וועלן הערן וואָס דו האָסט צו דערציילן און... וועלן מיר עס דעריבער אָפּלייגן אָף שפּעטער, אָט, באַלד גיי איך שוין אַהיים, און דו וועסט דאָך זיכער ניט אָפּזאָגן מיר און נאַדיען צו זיין אונדזער גאַסט אָף וועטשערע... איך האָב גראַד היינט איינעם פון די גאָר־ווינציק פרייע אָוונטן, וועלן מיר נאָכן עסן זיך אַוועקזעצן אויסהערן וואָס דו האָסט צו דערציילן, און דערנאָך וועלן מיר אַלע דריי צוזאַמען צוגיין ערגעץ פאַרברענגען... נאַדיע וועט זיין אַזוי צופרידן דיך צו זען... זי האָט לעצטנס שוין עטלעכע מאָל געפרעגט וועגן דיר און...

שימשל האָט אַ ציטער געטאָן. דאָס האַרץ האָט מיטאַמאָל גענומען האָסטיקער קלאַפּן ביי אים און ער האָט דערפילט, אַז ער איז רויט געוואָרן. עפּעס האָט ער פלוצים מוירע געקראָגן צו באַגעגענען זיך מיט נאַדיען און ער האָט זיך גע־פּרוואווט אַרויסדרייען דורך פאַרשידענע טעריצים פון צו גיין מיט יעגאָרן אַהיים. יעגאָר האָט אָבער פון גאָרניט געוואָלט הערן און איז באַשטאַנען, אַז ער מוז טאַקע היינט גיין מיט אים און עס ניט אָפּלייגן אָף אַ צווייטמאָל:

— נאַדיע וועט דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין אויב דו וועסט ניט קומען. — האָט ער געזאָגט. — און איך... איך וועל טאַקע אויך ברויגעז זיין אָף דיר...

שימשל האָט גאָרניט געזאָגט און איז געגאַנגען מיט יעגאָרן...

נאַדיע האָט זיך שטאַרק דערפרייט בעאייס זי האָט דערזען שימשלען. זי האָט זיך צעקושט מיט אים און באַגייסטערט אויסגערופן:

— אָ, סאַמסאָן, וואָסער אָנגענעמע איבעראַשונג!... וואָס מאַכט איר?... אָ, איך בין אַזוי צופרידן אייך צו זען!...

זי האָט אים אָנגענומען באַ ביידע הענט, זיך אָפּגערוקט פון אים אָף דער לענג פון די אויסגעצויגענע הענט, און — באַטראַכטנדיק אים — קימאַט ווי אויסגעזונגען:

— ווי פיין איר זעט אויס, סאַמסאָן! ווי העלדיש... אַ מיליטערישער אוניפאָרם

איז ווי באַשאַפן געוואָרן פאַר אַזאַ פיגור, אָדער זאָל איך זאָגן, אַז אַזאַ פיגור ווי אייערע איז באַשאַפן געוואָרן פאַר אַ מיליטערישן אוניפאָרם?!...

שימשל האָט געקוקט אויף נאַדיען, באַוואונדערט ווי זי האָט זיך געענדערט אין די עטלעכע יאָר, און דאָך געבליבן אַזוי ליבלעך ווי אַמאָל. זי איז שוין טאַקע מער ניט געווען דאָס קינדישע, דינע מיידל, אָבער דאָך נאָך אַלץ מיט דעם אַמאָליקן קינדערש־אומשולדיקן שמייכל אויף די ליפּן. פאַר אים איז געשטאַנען אַ שיין־צעשפּראָצטע, גוט־אַנטוויקלטע פרוי. די דיקע, בלאָנדע צעפּ אירע — פאַרלייגט אויפן קאָפּ ווי אַ קרוין, און דאָס אַמאָליקע בלאַסלעכע פּנים — מיט בײַנעוודיק־רויטלעכע פלעקן אויף די קין־באַקן. זי האָט גערעדט, געלאַכט און זיך גערויטלט, פּרעגנדיק ביי שימשלען צי ער געדענקט נאָך יענעם אָוונט ווען ער איז געקומען צו איר אַהיים נעמען די ערשטע לעקציע אין לייענען און שרייבן. האַלב־שפּאַסיק און האַלב־ערנסט האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— אויב איר ווילט, סאַמסאָן, אָנגיין מיט דעם לערנען זיך, בין איך גרייט דאָס צו טאָן צו יעדער צייט!...

שימשל האָט זיך גערויטלט ווי אַ אינגל און אויסגעשטאַמלט:

— מיין טיפסטן, ע... דאַנק אייך, ע... נאַדיעזשדאַ גריגאָ...

— וואָסער נאַדיעזשדאַ? — האָט זי אים איבערגעשלאָגן און צוגעגעבן. — פאַר אייך, פּונקט ווי פאַר אַלע מיינע פריינט, בין איך נאָך אַלץ נאַדיע, און אַזוי וויל איך, זאָלט איר מיך רופן!...

שימשל האָט זיך געפילט אומבאַקוועם און זיך נאָך אַלץ געקווענקלט:

— אָבער... נו־גוט, נאַדיע! — האָט ער ענדלעך אויסגעפּלאַצט. — איך דאַנק אייך פאַר אייער געפעליקייט, אָבער דאָס איז איצט שוין מער ניט נויטיק. אָט, אַז איך וועל אייך דערציילן וועגן זיך, וועט איר וויסן פאַרוואָס...

יעגאָר האָט זיך געזעצט צום טיש און געבעטן שימשלען זיך צו זעצן לעבן אים. נאַדיע האָט גענומען גרייטן צום טיש און שימשל האָט פאַרגאַפט נאָכגע־קוקט איר רירעוודיקייט און שלאַנק־שווימענדיקן גאַנג. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער ציכטיקייט פון די גלעזער יענעם אָוונט, דעם געשמאַקן טיי און אין די קיכלעך, וואָס זי האָט געהאַט אָנגעבאַקן, און איצט האָט ער געזען די זעלביקע לויטערע בליאַסקעדיקייט אינעם געפעס, וואָס זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש...

נאָכן אָפּעסן האָט יעגאָר געהאָלפן נאַדיען צוריקטראָגן דאָס געפעס אין קיך אַריין, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע און גענומען אַריינקוקן אין אַ צייטונג. שימשל האָט שטיל געשמייכלט און ווי פּלוצים זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אַ, צום טייוול! איך האָב פאַרגעסן צו קויפן אַ צייטונג!... איך בין אַזוי איבערפילט געווען מיט פריידן פון דער באַגעגעניש מיט אייך, אַז איך... איך וועל שוין מוזן, זעט אויס, אייך בעטן מיר צו לייען אייער צייטונג ווען איר וועט פאַרטיק ווערן מיט איר...

יעגאַר האָט פאַרכידעשט אַ קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט:

— דו קאָנסט זי שוין נעמען, סאַמסאָן. איך האָב זי שוין געלייענט נאָך אין קאַנצעלאַריע ביי זיך. מיר האָבן געהאַט באַשטימט צו גיין היינט ערגעץ אין אַ קינאָ־טעאַטער, האָב איך בלויז געוואָלט אַ קוק טאָן וואָס מען וויזט היינט אין די קינאָס, קעדיי אויסצוקלייבן וואו מיר זאָלן צוזאַמען גיין פאַרברענגען...

ער האָט שימשלען דערלאַנגט די צייטונג און דערביי אַ קוק געטאָן אויף נאַדיען, וועלכע איז געווען פאַרכידעשט פונקט ווי ער. שימשל האָט אַ קוק געטאָן אויף זייביידן, געשמייכלט און שפּאַסיק געזאָגט:

— איך זע, פריינט, אַז איר כידעשט זיך. איר טראַכט אוודאי, אַז איך שטיי נאָך איצט לעבן יענער שילד דאָרט און פּרוּוו צונויפשטעלן דאָס וואָרט, לויט די זילבן: „אַ־פּע — אַפּ; טע־ע — טע; אַפּ־טע; קאַ־אַ — קאַ; שאַפּ־קאַ״... ניין, מיינע פריינט, איך בין שוין מער ניט דער אַמאָליקער אומוויסנדיקער און ניט־געלערנטער סאַמסאָן. איך לייען שוין איצט עפּעס מער ווי אַ צייטונג!...

און ווי אַ טאַלמיד, וואָס גיט אָפּ עקזאַמען און וויל ווייזן זיינע לערער, אַז ער האָט גוט געמאַכט זיינע אויפגאַבן, אַזוי האָט ער, שימשל, גענומען אָפּן קאָל לייענען אַן אַרטיקל אין דער צייטונג, אַז נאַדיע און יעגאַר זענען מאַמעש געבליבן זיצן מיט אָפענע מיילער פון אָנגענעמער איבעראַשונג ווי שימשל האָט קאָרעקט און לייכט געלייענט. פּלוצים האָט נאַדיע זיך צוגעבויגן צו שימשלען און אים אַ קוש געטאָן אין דער באַק:

— מאָלאָדיעץ, סאַמסאָן! — האָט זי פריידיק אויסגערופן. — מאָלאָדיעץ!...

יעגאַר האָט צופרידן אים אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע און צוגעגעבן:

— פיין! זייער פיין!... הייסט עס, אַז דו ביסט ניט געזעסן ליידיק אין סי־ביר?!... זייער און זייער פיין!... איך בין שטאַרק צופרידן דערפון!... זאָג מיר, אָבער, ברודער סאַמסאָן, ווער?... ווען?... ווי אַזוי?...

שימשל האָט אַ שמייכל געטאָן:

— עס איז אַ לאַנגע געשיכטע אין דעם, מיינע פריינט! עס איז פאַרבונדן מיט אַלץ אין מיין לעבן די לעצטע עטלעכע יאָר, און וועגן וועלכן איך וועל אייך דערציילן... איין זאַך מוז איך אייך אָבער גלייך זאָגן: דאָס וואָס איך בין שוין מער ניט דער אַמאָליקער סאַמסאָן, האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין געליבטער קאָלע — ליובען, וועלכע איז געווען איינע פון די פּאָליטיש־פאַרשיקטע אין דעם זעלבן שטעטל אין סיביר... אָבער זייט מיר מויכל, איך כאַפּ די פיש פאַר דער נעץ. איך וועל אייך מוזן דערציילן אַלץ און לויטן סיידער, קעדיי איר זאָלט האָבן אַ פולן באַגריף וועגן מיר און מיין לעבן אין די לעצטע עטלעכע יאָר!...

— גאָרקי, — האָט נאַדיע זיך אַ ווענד געטאָן צו איר מאַן, ווען זי האָט בלויז אונטער פיר אויגן גערופן מיט אָט־דעם שפּילעוודיק־פאַרצויגענעם נאָמען. — איך מאַך אַ פאָרשלאָג, אַז מיר זאָלן אָפּלייגן אויף אַן אַנדערשמאָל דאָס גיין

אין קינאָ און, אָנשטאָט דעם, היינט פֿאַרברענגען דאָ אין הויז מיט סאַמסאָנען. לאָמיר הערן וואָס ער האָט צו דערציילן... איך שטאַרב פֿאָשעט צו הערן ווער זיין קאַלע איז, וואָסער סאָרט מענטש זי איז און...

און אַ קוק־טוענדיק אויף שימשלען, פֿאַראינטריגירנדיק געפֿרעגט:

— וואו איז זי איצט, ליובע, אייער קאַלע מיין איך?... איך וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט זי קענען און... איר ווייט, האָף איך, אָננעמען און איר איבער־געבן אונדזער גרוס און איינלאַדונג צו קומען צו־גאַסט צו אונדז...

— יאָ, — האָט יעגאָר צוגעגעבן. — מיר ווילן איר פּערזענלעך דאַנקען פֿאַר דער טראַנספֿאָרמאַציע, וואָס זי האָט געשאַפֿן אין אייך!...

— איך בין מאַסקים, גאָרקי. — האָט נאַדיע זיך אָפּגערופֿן. — כאָטש איך מוז דאָ באַמערקן, אַז דער פֿאַקט באַווייזט אויך, אַז כאַוועט סאַמסאָן אַליין האָט אַוואַדע געמוזט באַזיצן אַן איינגעבוירענע אינטעליגענץ און אַ באַהאַלטענעם טאַלאַנט, אַז ווער עס איז — אַפֿילע אַ מאַלעך פֿון הימל — זאָל קאָנען אין אַזאַ קורצער צייט אַזאַ וואונדער באַווייזן... בין איך עפּשער אומגערעכט, גאָרקי?...

יעגאָר האָט זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן:

— איך האָב ניט געמיינט צו זאָגן, נאַדיע, אַז סאַמסאָן אַליין פֿאַרדינט ניט קיין לויב און אָנערקענונג דערפֿאַר... איך האָב בלויז געזאָגט, אַז זי פֿאַרדינט זיכער אַ גרויסן דאַנק פֿאַר אַרויסברענגען עס אין אים...

און צו סאַמסאָנען, האַלב־פֿרעגנדיק, אַ זאָג געטאָן:

— וועסט דו אונדז אָפּזאָגן דעם פֿאַרגעניגן אונדז צו באַקענען מיט איר?...

שימשל האָט גאָרניט געענטפֿערט דערויף. ער האָט בלויז געזאָגט, אַז אויב זיי האָבן געדולד און ווילן הערן, וועט ער גלייך צוטרעטן צום דערציילן וועגן אַלעם, אַזוי אַז אַלץ זאָל פֿאַר זיי קלאָר ווערן...

זיי האָבן צוגעשטימט. נאַדיע האָט בלויז געבעטן שימשלען צו וואַרטן אַ ווייל ביז זי וועט אַריינברענגען דעם סאַמאָוואַר, קעדיי זיי זאָלן, ביי אַ גלאָז טיי, קאָנען זיצן באַקוועם און אויסהערן...

זי איז אַרויס אין קיך און גלייך צוריקגעקומען, טראָגנדיק — פּונקט ווי דעמאָלט, ביי דער ערשטער לעקציע — די אייגענע זילבערדיקע טאַץ מיט דעם זעלבן בלישטשענדיקן סאַמאָוואַר פֿון וועלכן עס האָט געזעצט אַ פּאַרע. זי האָט דאָס אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש, אָנגעגאָסן די גלעזער, און געזאָגט:

— נו, סאַמסאָן, דערציילט! מיר זענען איצט גרייט צו הערן!...

שימשל האָט גענומען דערציילן וועגן זיין לעבן און זיינע באַגעגענישן פֿונעם טאָג ווען ער איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין סיביר, ביז דעם טאָג פֿון זיין צוריקקומען אַהער אין שטאָט אַריין. ער האָט דערציילט וועגן דעם פּאָליציי־מייסטער באָגדאַנאָוו; וועגן יעוודאָקיע „די אַלמאָנע" און איר מאַן קוסינען, און וועגן זייער כאַווריש־פֿריינטלעכע באַהאַנדלונג פֿון די פֿאַרשיקטע. דערנאָך האָט

ער פאַר זיי אויסגעמאָלט ליובען, ווי ער האָט זי געזען דאָס ערשטע מאָל, ווען זי איז געבראַכט געוואָרן קיין אישים און ער האָט זי געפירט אפן שליטן פון וואקזאַל צו דער פּאָליציי־סטאַנציע... ער האָט איבערגעגעבן וועגן זייער קעגנזייטיקן אינטערעס איינער צום צווייטן; ווי זי האָט אים יעדן אָוונט סיסטעמאַטיש געלערנט, און ער האָט זיי גאַנץ אָפנהאַרציק אויסגעזאָגט וועגן זייער ליבע און זייערע פּלענער פאַר דער צוקונפט...

נאַדיע און יעגאָר זענען שווייגנדיקע געזעסן אַנטקעגן שימשלען, שטיל געזופּט דעם טיי און פאַרכאַפּטע געהערט זיין דערציילן. זיי האָבן זיך געהיטן אַן איבעריקן באַוועג צו מאַכן, און בלויז נאָכגעפאָלגט ווי דער טאָן און ריטם פון שימשלס רייד האָט זיך קעסיידער געביטן. אָט — געהויבן און געהאַקט, און אָט — פּלוצים אַראָפּגעפאַלן און צעצויגן; אָט האָבן די רייד געקלונגען ווי מיט פריידיקן געזאַנג, און אָט — מיט טרויער און אינערלעך געוויין. עס איז פאַר זיי אויסגעקומען עפּעס נאָר ווי אַ סימפּאַניע פון מענטשלעך גליק און פון ליידן, פון האָפענונגען און אַנטוישונגען... מיטאַמאָל האָט שימשל גאָר איבערגעהאַקט, געוואָרן אומרואיק, און — האַבנדיק פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס — מיט אַ פאַרדראָסיקן טאָן גענומען דערציילן, ווי דער קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו האָט — באַלד נאָכן אויסברוך פון דער מילכאָמע — גענומען מאַנעווורירן ווי פּאָטער צו ווערן פון אים אַלס קאָנקורענט און שטער צו ליובעס ליבע, און האָט אויסגעפּויעלט ביים אינערן־מיניסטעריום, אַז מען זאָל אים, שימשלען, נעמען אין דער אַרמיי, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז אַ פּאָליטיש־פאַרזינדיקטער... ער האָט דאַן דערציילט, ווי דערנאָך, שוין זייענדיק אפן פראָנט, האָט ער מיטאַמאָל אויפגעהערט צו קריגן ענטפערס אף זיינע בריוו צו ליובען, כאָטש ער אַליין האָט קימאַט טאָג־טעגלעך איר געשריבן:

— איך האָב פּאָשעט ניט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן! — האָט שימשל אין פאַרצווייפלונג אַ זאָג געטאָן. — דאָס איז ניט געווען אין ליובעס כאַראַקטער. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל מאַמעש פון זינען אַרונטער. צו וועמען איך האָב ניט געשריבן אַהין, אָבער אַלץ פון קיינעם קיין ענטפער ניט געקראָגן... איך האָב זיך געריסן אַהינצו, אָבער... אַלס סאָלדאַט קיין מעגלעכקייט ניט געהאַט דאָס צו טאָן... ערשט עטלעכע כאָדאָשים נאָך דער מערץ־איבערקערעניש האָב איך געקראָגן אורלויב און בין געפאָרן אין סיביר אויסצוגעפינען וואָס עס האָט געטראָפן מיט ליובען, אָבער... מאָלט אייך, מיינע פריינט, — האָט ער צעוויינטיקט אויסגערופן, — איך האָב דאָרט ליובען ניט געפונען!... קוסינען, וועלכער איז שוין דאַן געווען דער קאָמיסאַר פון דער מיליציע, האָט מיר געוויזן די פּעק מיט בריוו מיינע, וואָס ער האָט געהאַט געפונען אין באָגדאַנאָווס קאַנצעלאַריע, און וועלכע יענער האָט, זעט אויס, פאַרהאַלטן, און ניט דערלאָזט אַז זיי זאָלן דערגיין צו ליובען און צו די וועמען איך האָב געשריבן...

שימשל איז מיטאַמאָל שטיל געבליבן, צוגעמאַכט די אויגן און גענומען גיך שלינגען, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געשטיקט מיט עפּעס. עס איז קלאָר געווען, אַז טרערן האָבן אים געשטיקט און ער קאָן מער ניט רעדן. נאַדיע איז צוגע־טראָטן, האָט באַרויקנדיק אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און אים געוואָרעמט מיט אירע בליקן. שימשל איז געקומען צו זיך און פאַרגעזעצט:

— דאָס ערגסטע איז, אָבער, וואָס קיינער ווייסט ניט וואָס עס האָט בעעמעס געטראָפן מיט ליובען און וואו זי איז אַהינגעקומען. אין פּאָליצייאישן פּראָטאָקאָל־בוך האָט דער פּאָליציימייסטער געהאַט פאַרשריבן, אַז זי איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד דורך דערטרינקען זיך אין דער אָזערע דאָרט. אָבער נאָך דער רעוואָלוציע, ווען קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו איז שוין געווען אַנטלאָפן פון שטאָט, — האָבן זיך אָפּ־געזוכט איידעס, וואָס האָבן דאָס אָפּגעוואָרפן, און עס איז פון זייערע רייד קלאָר געוואָרן, אַז עפּעס שרעקלעכס איז פאָרגעקומען צווישן איר און באָגדאַנאָוון, נאָך וועלכן זי איז אַנטלאָפן פון שטאָט אינמיטן דער נאַכט...

ווידעראַמאָל האָט שימשלען, זעט אויס, אַ שטיק געטאָן אין האַלדז און ער האָט איבערגעהאַקט דאָס דערציילן. נאָכדעם האָט ער ווי געמורמלט צו זיך:

— און אָט־דאָס גאָלדענע מיידל, וואָס איך האָב אַזוי שטאַרק ליב געהאַט; אָט־דעם האַרציק־ליבן מענטש, וואָס האָט מיך אַרויסגעהויבן פון מיין פינצטער־ניש, האָב איך אָנגעוואוירן איבער דעם אויסוואורף — קאַפּיטאַן באָגדאַנאָוו!...

ער האָט אַ פאַרדריק געטאָן די פויסטן און אויסגעברומט:

— אָ, ווען איך זאָל פּאַקן אָט־דעם הונט, וואָלט איך אים, שווער איך אייך, מיט די אייגענע הענט דערשטיקט!...

— יאָ — האָט נאַדיע, ווישנדיק אירע אויגן, צוגעשטימט. — פאַר אַזאַ גע־מיינער האַנדלונג האָט ער זיכער פאַרדינט דערשאָסן צו ווערן ווי אַ הונט!...

— קיין צווייפל ניט, אַז ער האָט פאַרדינט באַשטראָפט צו ווערן. — האָט יעגאָר זיך אָפּגערופן. — איך גלויב, אָבער, אַז דער געמלעכער קאַפּיטאַן באָג־דאַנאָוו איז מיסטאָמע באַגאַנגען פיל מער און נאָך אַנדערע פאַרברעכנס פאַר וועלכע ער וואָלט געדאַרפט געמישפּעט ווערן. דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך אָפּ־געטראָגן, באַשטעטיקט עס שוין אַליין!...

שימשל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשוויגן. פּלוצים האָט ער אַ הייב־אויף געטאָן דעם קאָפּ און אויפגעלעבט אַ זאָג געטאָן:

— זעט איר, מיינע פריינט, פאַר איין זאַך דאַרף איך אים עפּשער יאָ זיין דאַנקבאַר, דעם הונט. וואָרים ווען ניט זיין געמיינע האַנדלונג קעגן מיר און ליובען, וואָלט מיר אַוודאי ניט אויסגעקומען און זיכער ניט איינגעפאַלן צו פאָרן קיין פּעטראָגראַד אין אַ פאַרזוך אויפצוזוכן מיין קאַלע, און איך וואָלט דעריבער ניט געהאַט די גליקלעכע געלעגנהייט אָנצוקומען און בייצוואוינען דעם ערשטן קאָנגרעס פון די סאָוועטן... איך וואָלט דאָן ניט געזען מיט מיינע

אייגענע אויגן די באַשאַפונג פון דער סאָוועטן־מעלוכע, און וואָלט ניט געהערט מיט די אייגענע אויערן די רייד פון איר באַשאַפער און באַגרינדער, — דעם זעל־טענעם לערער און פירער, כאַווער לענין!...

— וואָס? דו ביסט געווען ביים קאָנגרעס? — איז יעגאָר אַ שפרונג־אויף געטאָן אין איבעראַשונג. — הער אַ מאַיסע, זיצט ער און שווייגט!... דערצייל־זשע, סאַמסאָן. דערצייל וועגן דעם קאָנגרעס!...

שימשל האָט מיט שטאָלץ גענומען דערציילן וועגן פּעטראָגראַד, וועגן דעם סמאָלני־אינסטיטוט און וועגן דעם קאָנגרעס גופע. זיינע באַגייסטערטע רייד, זיין בילדלעך־קלאָר אויסמאָלן וועגן די פאַרהאַנדלונגען און די רעדעס דאָרט, האָבן מאַמעש באַצויבערט נאַדיען און יעגאָרן, אַז זיי זענען געבליבן זיצן נאָר ווי פאַרכאָלעמטע און ניט אויסגערעדט קיין וואָרט אַפילע שוין נאָכדעם ווי שימשל האָט געענדיקט... ערשט עטלעכע מינוט שפּעטער, אַז יעגאָר איז ענדלעך גע־קומען צו זיך פונעם טיפן איינדרוק, וואָס דאָס דערציילן האָט געמאַכט אויף אים, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, צוגעטראָטן צו שימשלען, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל און פאַטעטיש געזאָגט:

— איך מוז זיך מוידע זיין, סאַמסאָן, אַז איך בין דיך מעקאַנע!... איך וואָלט געווען גליקלעך ווען מיר וואָלט זיך געמאַכט אַזאַ געלעגנהייט!...

— אַפילע פאַרן פּרייז פון פאַרלירן מיך? — האָט נאַדיע האַלב־שפּאַסיק און האַלב־ערנסט צוגעוואָרפן, קוקנדיק דערביי אויף יעגאָרן מיט אַ קאָקעטישן בליק.

— עס מוז ניט דאַווקע זיין פאַר אַזאַ פּרייז! — האָט יעגאָר אין זעלבן טאָן געענטפערט. — איך וואָלט צופרידן געווען, ווען מיר, דאָס הייסט אונדזער פּראָ־פאַריין, וואָלט אַהינגעשיקט אַ דעלעגאַט און אַז איך זאָל געווען זיין דער דער־וויילטער... מיר האָבן, אָבער, צוליב געוויסע סיבעס קיין דעלעגאַט ניט געשיקט און דעריבער...

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ מינוט און דערנאָך פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— הער, סאַמסאָן, וואָס מיר איז איצט איינגעפאַלן! גלויבסטו ניט, אַז עס וואָלט געווען גוט דו זאָלסט אָפּגעבן אַ באַריכט פון קאָנגרעס פאַר די מיטגלידער פון אונדזער פּראָפאַריין, — די האַפן־ און שיף־אַרבעטער?... וואָס דענקסטו וועגן דעם, נאַדיע?...

— איך גלויב, אַז עס וואָלט שוין גאָר געווען אַ גלייכע זאַך! — האָט זי צוגעשטימט. — נאָך אַלעמען איז דאָך כאַווער סאַמסאָן טאַקע אַן אייגענער מענטש, אַ געוועזענער האַפן־אַרבעטער!...

— וואָס עפּעס אַ געוועזענער? — האָט שימשל מיט געמאַכטן ברויגעז צוגע־וואָרפן. — איך בין נאָך ווייט ניט דערגאַנגען צו דער מאַדרייגע צו קאָנען ווערן אַ דאָקטער אָדער אינזשעניר, און קיין פּלענער אויף צו באַשעפטיקן זיך מיט עפּעס אַנדערש ווי צוריק אין האַפן, — האָב איך נאָך דערווייל אויך ניט...

— איז בלייבט עס אַזוי, סאַמסאָן?! — האָט יעגאָר אים אַ דערלאַנג געטאָן זיין האַנט. — איך וועל צוגרייטן אַ גרויסע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אין אונדזער קלוב, און דו וועסט אָפּגעבן דעם באַריכט!...

שימשל האָט זיך געקווענקלט אַ וויילע און ענדלעך צוגעשטימט:

— איך וועל פּראָבירן. כאָטש דאָס וועט זיין דעם ערשטן מאָל וואָס איך וועל רעדן פאַר אַן אוילעם אַף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג...

עס איז געוואָרן גאַנץ שפּעט און שימשל האָט זיך אויפגעשטעלט צום אַוועקגיין. נאַדיע האָט אַ וואונק געטאָן צו יעגאָרן, זיך דורכגערעדט מיט אים בלויז מיט די אויגן, און זיך אַ ווענד געטאָן צו שימשלען:

— וואו שטייט איר איין, כאַווער סאַמסאָן?

— אָ, איך האָב דערווייל, אַף היינט בלויז, געדונגען אַ צימער אין אַ האָטעל. אַז איך וועל זיך שטעלן אַרבעטן, וועל איך אַוואַדע זען צו קריגן אַ צימער ביי אַ פאַמיליע ערגעץ, ווייל עס איז ניט קיין פּלאַן צו...

— פאַרוואָס ניט וואוינען מיט אונדז? — האָט נאַדיע אים איבערגעשלאָגן. — מיר האָבן אַן איבעריקן שלאָף־צימער און וועלן זיין שטאַרק צופרידן אייך צו האָבן מיט אונדז דאָ. איך און יעגאָר האַלטן, אַז...

— וועגן דעם צימער איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך! — האָט יעגאָר אַ זאָג געטאָן. — און מיר וועלן איצט ניט רעדן וועגן דעם. און וואָס שאַיך אַרבעט, סאַמסאָן, קום אַרויס אפן האַפן ווען דו וועסט גרייט זיין! וועסט אָפּאַרבעטן עטלעכע טעג און דערנאָך, גלייך נאָכן אָפּגעבן דעם באַריכט, וועלן מיר...

ער האָט פּלוצים איבערגעהאַקט, אַ טראַכט געטאָן און דאַן צוגעגעבן:

— ביז איצט האָב איך זיך אָפּגעהאַלטן פון צוריקציען זיך פון מיין אַמט אין פּראָפאַריין, ווייל איך האָב ניט געזען צווישן די האַפן־אַרבעטער קיין איינעם, וועמען מען זאָל דאָס קאָנען אָנגעטרויען. פריער האָב איך אויך געהאָט געגלויבט, אַז איך וועל קאָנען אָנהאַלטן אי דעם אַמט, אי זיין אַ מיטגליד אין שטאָטישן סאָוועט און דערביי אויך אַרומפאָרן איבער די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער צוליב אָרגאַניזאַציע־צוועקן. איצט, אָבער, פעלט עס צו שווער אַף מיר און... יאָ, איך בין זיכער, אַז דו, סאַמסאָן, — נאָכדעם ווי דו וועסט אָפּגעבן דעם באַריכט און איך וועל דאָס פאַרשלאָגן, — וועסטו איינשטימיק דערווילט ווערן פאַר דעם אַמט און... וועסט זיין אַ גאַנץ וואוילער סעקרעטאַר!...

שימשל האָט געשמייכלט, ווי ער וואָלט געזאָגט: „מיר וועלן שוין זען וועגן דעם", האָט זיך געזעגנט מיט נאַדיען און יעגאָרן, און איז אַוועק צו זיך אין זיין האָטעל־צימער...

* * * * *

קאַפּיטל פיר־און־צוואַנציק

בלויז עטלעכע טעג זענען פאַרביי נאָך שימשלס אַהיימקומען, און באַלד האָט ער זיך צוריק איינגעלעבט און זיך ווידער געפילט היימיש אין אָדעס. די מיליטערישע קליידער האָט ער פאַרביטן אויף ציווילע און איז ווידער געגאַנגען אַרבעטן אין האַפן, ווי ער פלעגט דאָס טאָן מיט יאָרן צוריק. ער האָט געדונגען אַ צימער ביי אַ פרעמדער פאַמיליע, ווייל ער האָט ניט געקאָנט פויעלן ביי זיך צו וואוינען ביי נאַדיען און יעגאָרן. נאָך מער: ווען ער פלעגט אַמאָל אין אַן אָוונט גיין אויף אַ באַזוך צו זיי, האָט ער עס געטאָן נאָר דעמאָלט ווען ער איז געווען זיכער, אַז יעגאָר איז אינדערהיים. ער האָט פּאַשעט מוירע געהאַט צו בלייבן אַליין מיט נאַדיען; מוירע געהאַט אויפצוהייבן די אויגן און אַ קוק טאָן אויף איר שמייכלדיק פּנים, וואָס האָט נאָך אַלץ — ווי אים האָט אויסגעזען — אויסגעדריקט ליבשאַפט צו אים... ער פלעגט דעריבער אָפט זיך לאָזן אויף אַ שפּאַציר איבערן בולוואַר, אָדער אַריינגיין אין ביבליאָטעק לייענען אַ בוך, אָדער אַ צייטונג. צו קיין פאַרוויילונג, אָדער אין קינאָ־טעאַטער, איז ער ניט געגאַנגען, פּונקט ווי ער וואָלט געטרויערט אפן טויט פון אַן אייגענעם. אָפט פלעגט ער זיך סטאַם לאָזן וואַנדערן איבער די גאַסן פון שטאָט, נאָכגעקוקט די פאַרביי־גייענדיקע מיידלעך, אַקוראַט ווי ער וואָלט דערוואַרט צו באַגעגענען ליובען צווישן זיי... ער האָט געהאַפט אויף אַ נעס און אַלץ געטראַכט, אַז ער וואָלט געווען גליק־לעך ווען ליובע וואָלט זיך אָפּגעזוכט און געקאָנט בייזיין בעאייס ער וועט פאַר די אַרבעטער אָפּגעבן דעם באַריכט וועגן דעם סאָוועטן־קאָנגרעס...

אַ טאָג פאַר דער פאַרזאַמלונג האָט יעגאָר געבעטן שימשלען, אַז ער זאָל אויף צומאָרגנס, גלייך נאָך דער אַרבעט, צוקומען צו אים אין קאַנצעלאַריע, פון וואַנען זיי — ער, נאַדיע און יעגאָר — וועלן צוזאַמען צופאָרן אין אַרבעטער־קלוב, קעדיי דאָרט צו עסן וועטשערע. שימשל האָט אָנגעהויבן נערווירן, זיך שרעקן, אָבער יעגאָר האָט אים אַלץ געמוטיקט און דערוואַרעמט:

— ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך, סאַמסאָן! — האָט ער אים געזאָגט. — וועסט דערציילן פּונקט אַזוי ווי דו האָסט עס געטאָן ביי אונדז, פאַר נאַדיען און פאַר מיר!... איך בין זיכער, אַז דו וועסט עס מאַכן אויסגעצייכנט!...

אין אָוונט פון דער פאַרזאַמלונג איז שימשל גלייך נאָך דער אַרבעט אַוועק צו זיך אַהיים, האָט זיך אויף גיך אַרומגעוואַשן און אָפּגעגאָלט, אָנגעטאָן אַ פרישע העמדל, זיין נייע לעדערנע קורטקע, און איז אַוועק צו יעגאָרן. נאַדיע איז שוין

געווען דאָרט און האָט — גלייך ווי ער איז אַריינגעקומען — אים דערלאַנגט איר האַנט און באַגייסטערט אויסגערופן:

— איר זעט אויס פּראַכטיק, סאַמסאָן! איך ווינטש אייך גרויס דערפאָלג!...

זיי זענען אַוועקגעפאָרן אין קלוב אַריין. יעגאַר האָט שימשלען אַרומגע־פירט איבער די פאַרשידענע אָפּטיילן, אים געוויזן די ביבליאָטעק, די אָפּרו־צימערן, די שפּיל־צימערן, און דעם גרויסן זאַל פאַר פאַרשטעלונגען און טענץ. שימשל האָט געקוקט מיט פאַרגאַפטע אויגן און זיך גאַרניט געקאָנט גלויבן, אַז דאָס איז טאַקע בעעמעס אַ קלוב פאַר פּאַשעטע אַרבעטער. אַזאַ מין רייכקייט, אַזאַ באַקוועמלעכקייט, אַזאַ פּראַכטיקע אויסשטאַטונג, — האָט ער זיך גאָרניט גע־ריכט צו טרעפן. יעגאַר האָט אים דערציילט, אַז פריער, פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז דאָס געווען דער יאַכט־קלוב פון און פאַר די שיף־אייגנטימער און סטאַם רייכע לייט, — אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן, פּוסט־און־פּאַסטניקעס, וואָס פלעגן אַהערקומען שיקערן און דורכפירן ווילדע אָרגיעס...

— איצט, מיין פריינט, — האָט ער שימשלען אַרומגענומען אַרום אַקסל און געזאָגט, — איצט איז דאָס קאָנפיסקירט און איבערגעגעבן געוואָרן אין רעשוס און פאַרן נוץ און פאַרוויילונג פון די האַפן־ און שיף־אַרבעטער, וועלכע קומען אַהער נאָך אַ שווערן טאָג פּראַצע, דאָ אָפּצועסן אַ גוטן מאָלצייט פאַר אַ צוגענג־לעכן פרייז אין דעם לייטיש־פיינעם רעסטאָראַן, און דערנאָך זיך אָפּרוען אין אָט־די באַקוועמע, ווייך־געבעטע שטולן און דיוואַנען; פאַרברענגען ביי דאָמינאָ, שאַך־שפּיל, צי גאָר זיצן אין ביבליאָטעק צו לייענען אַ בוך, אַ צייטונג, אָדער הערן אַ לעקציע וועגן אַ געוויסער באַלערנדיקער פראַגע. אין גרויסן זאַל דאָ ווערן אָפט געוויזן קינאָ־בילדער, טעאַטער־פאָרשטעלונגען, און עס ווערן דורכ־געפירט אַנדערע גייסטיקע און פיזישע טעטיקייטן, וואָס די קולטור־קאָמיסיע פון אונדזער פּראָפאַריין גרייט צו פאַר די אַרבעטער, וועלכע זענען ביז איצט געווען באַרויבט פון אַלעם, אַ כוץ פון שווערער פּראַצע!...

שימשל איז געווען באַגייסטערט און אויפגעהייטערט. אים איז געקומען אָפּן געדאַנק דער סמאָלני־אינסטיטוט, וועלכער איז אויך אַמאָל געהאַט געווען אַ פּאַלאַץ פאַר רייכע פּוסט־און־פּאַסטניצעס, אָבער איצט...

„ווי איז דאָס מעגלעך געווען,“ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — „וואָס אַזוי־פיל יאָרן זענען אָט־די פּאַלאַצן און קלובן געווען בלויז און נאָר פאַר יענע, וואָס האָבן אַליין קיינמאָל גאָרניט געשאַפן, גאָרניט געטאָן, בעאייס די באַשאַפער, די וואָס האָבן די קלובן געבויט און באַזאָרגט, — די אַרבעטער־מענטשן ביכלאַל, האָבן זיך געדאַרפט וואַלגערן אין אָרעמע טראַקטירן, אָדער ביליקע קנייפּעס?... ווי אַזוי האָבן די אַרבעטער אַזאַ לאַנגע צייט געשוויגן?...“

יעגאַר — ווי ער וואָלט באַגריפן וואָס שימשל טראַכט — האָט אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, כאַווער סאַמסאָן, אַ נייע וועלט ווערט איצט געשאַפן! אַ וועלט, אין

וועלכער דער מענטש פון פּראַצע וועט קריגן דעם פּאַרדינטן אָנזען און קאָוועד, די געהעריקע אָנערקענונג און באַלוינונג!... דער וואָס באַקט ברויט — וועט האָבן ברויט צום עסן! דער וואָס בויט די הייזער — וועט האָבן אַ באַקוועם הויז צום וואוינען!... מיר וועלן בויען אַן אָרדענונג, אין וועלכער עס וועלן ניט זיין קיין פּוסט־און־פּאַסטניקעס און לעבּ־יונגען! זיי וועלן מוזן ווערן ניצלעכע מענטשן, לעבן פון אייגענער פּראַצע, אָדער אונטערגיין! אַלס קלאַס פון גאַרניט־טוער וועלן זיי מער ניט עקזיסטירן!...

זיי האָבן אָפּגעגעסן אין קלוב־רעסטאָראַן און זענען דערנאָך אַריין אין גרויסן זאַל, וואָס איז שוין געווען אָנגעפּילט מיט אַרבעטער, וועלכע זענען — אַפּן רוף פון פּראָפּאַריין — געקומען הערן דעם פּערזענלעכן באַריכט וועגן דעם סאָוועטן־קאָנגרעס פון אַן אייגענעם יאַט... יעגאָר און סאַמסאָן זענען אַרויף אַף דער בינע, וואָס איז געווען העל־באַלויכטן און וואו עס זענען שוין געזעסן עטלעכע אַרבעטער — מיטגלידער פון דער קולטור־קאָמיסיע. יעגאָר האָט גלייך פּאַרנומען די פּאָרזיץ־שטול, אויפגעהויבן אַ האַנט און געמאָלדן:

— כאַווײרים האָפן־ און שיף־אַרבעטער! איך האָב דעם קאָוועד פּאָרצושטעלן פאַר אייך דעם כאַווער סאַמסאָן, — אַן אַמאָליקער (און איצטיקער) האָפן־אַרבע־טער! ער איז געווען פּאַרשיקט אין סיביר און האָט באַזוכט דעם ערשטן קאָנגרעס פון די סאָוועטן! ער וועט אייך איצט אָפּגעבן אַ גענויען באַריכט וועגן אים!...

אין זאַל איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקע אָוואַציע, אַז שימשל איז אַזש גערירט געוואָרן ביז טרערן. געלאַסן, און מיט אַ קלינגענדיקער שטימע, האָט ער דאַן דערציילט וועגן דעם קאָנגרעס, איבערגעגעבן וועגן די פּאַרהאַנדלונגען און די אָנגענומענע באַשלוסן, און צום סאָף מיט פּאַטאָס אויסגערופן:

— איצט, ברידער אַרבעטער, איז דאָס גאַנצע לאַנד אונדזערס! איצט איז עס ענדלעך צוריקגעקערט געוואָרן צו אונדז, — די געזעצלעכע באַלעבאַטים, די בויער און שאַפער!... עס איז דעריבער אין אונדזערע אייגענע אינטערעסן צו זען, אַז עס זאָל קיינמאָל ניט אַרויסגעריסן ווערן פון אונדזערע הענט!... מען וועט דאַרפן האַלטן די אויגן אָפן, זיך היטן פאַר די שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרס, וואָס די בורזשואַזיע שיקט אַריין אין די אַרבעטער־רייען!... יאָ, אַ סאַך ספּע־קוליאַנטן, פּאָליציאַנטן, אַפּיצירן, זשאַנדאַרן און ביכלאַל „געוועזענע", וואָס זענען זיך צעלאָפן ווי מייז נאָך דער רעוואָלוציע, קעדיי זיך צו באַהאַלטן פונעם פּאָלקס־צאָרן, — האָבן זיך געגומען אָנגעבן אַלס פּאַשעטע אַרבעטער און זיך אַריינגע־דרייט אין פּאַרשידענע אַרבעטער־אינסטיטוציעס, איבערצוּוואַרטן — ווי עס גייט אַף זייער לאָשן — דעם רעוואָלוציאָנערן שטורעם, און זיין גרייט — אַזוי מיינען זיי — צוריק איבערצונעמען די מאַכט און הערשאַפט איבערן לאַנד, ווען מיר וועלן זיי נאָר געבן די ערשטע געלעגנהייט דערצו. די פּראַגע איז: וועלן מיר זיי געבן אַזאַ געלעגנהייט?...

— ניין!... קיינמאָל ניט!... — האָט אָפּגעשטורעמט אַן ענטפער פון אוילעם פאַרזאַמלטע, און איז גלייך אונטערגעכאַפּט געוואָרן מיט באַזונדערע אויסרופן:

— זאָל אייביק לעבן די סאָוועטן־מאַכט!...

— לאַנג לעבן זאָל אונדזער פּראָפּאַריין!...

— הוראַ פאַר כאַוועד יעגאָר!... הוראַ פאַר אונדזער כאַוועד סאַמסאָן!...

אַ שטורמישער הוראַ־אויסברוך האָט די אויסרופן באַפעסטיקט...

יעגאָר האָט וואַרעם געדריקט שימשלס האַנט און אים באַגריסט מיט דעם גרויסן דערפאָלג פון זיין בילדלעכן באַריכט. דערנאָך — אויסדרייענדיק זיך צו נאַדיען, וועלכע איז אויך צוגעקומען באַגריסן שימשלען — פריידיק אַ זאָג געטאָן צו איר:

— נו, טייערע, האָב איך עפּשער געמאַכט אַ טאָעס אין מיין אָפּשאַצונג פון סאַמסאָנען?... האָסטו שוין אַמאָל געהערט אַזוי אַ באַריכט אָפּגעבן?...

נאַדיע האָט געשוויגן, געקוקט מיט באַוואונדערונג אויף שימשלען און גע־שמייכלט. יעגאָר האָט זיך ווידער אַ ווענד געטאָן צו שימשלען:

— יאָ, כאַוועד סאַמסאָן, היינט האָסטו באַוויזן, אַז דו ביסט אין די עטלעכע יאָר אויסגעוואַקסן אויך גייסטיק, ווי צום דעריאָגן דיין פיזישן געבוי!... דאָס באַשטעטיקט אַן איבעריק מאָל, וואָס די פאַרשאָלטענע צאַרישע אָרדענונג האָט געטאָן צום לאַנד דורך באַרויבן דאָס פאָלק פון לערנען, פון פאַרפיינערן זיך און פון פאַרשטיין דאָס לעבן... איך באַגריס דיך מיטן גאַנצן האַרצן, און איך בין צופרידן, ווייל איך פיל, אַז אויך איך און נאַדיע האָבן אַ געוויסן כיילעק אין דיין דערגרייכונג!...

עטלעכע טעג שפּעטער האָט יעגאָר געמאָלדן אין פּראָפּאַריין וועגן זיין צוריק־ציען זיך פון אַמט און פאַרגעשלאָגן צו דערוויילן סאַמסאָנען אויף זיין פּלאַץ.

לעקאָוועד שימשלס אַריינטרעטן אין אַמט, האָט נאַדיע געפּלאַנעוועט צוצו־גרייטן אַ וועטשערינקע ביי זיך אין הויז. געטראַכט האָט זי דאָס צו פאַרבינדן מיט ערעוו ניי־יאָר, צו וועלכן עס זענען געווען נאָך עטלעכע וואָכן.

דער פּלאַן אירער איז אָבער צו־נישט געוואָרן. פּלוצים איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אויפשטאַנד אין דאָרעם־רוסלאַנד, וואָס דער קאָזאַקן־אַטאַמאַן, גענעראַל קאַלעדין, האָט געהאַט אָנגעפאַנגען אפן דאָן מיט צוויי־הונדערט־טויזנט קאָזאַקן און סאָלדאַטן, מיטן ציל צו מאַרשירן אויף דער הויפּט־שטאָט אין קאַמף קעגן דער סאָוועטן־מאַכט, — האָט אָנגענומען אַן ערנסטן כאַראַקטער. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזט אַ טרעוואָגע־רוף צו די מיטגלידער זיך אָנצושליסן אין דער רויטער גוואַרדיע און העלפן צעשמעטערן די נייעסטע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַוואַנטיורע...

יעגאָר — ווי אַ פּאַרטיי־מיטגליד — איז גלייך אַוועק זיך מעלדן. שימשל האָט אויך געוואָלט זיך אָנשליסן, אָבער דער אָרטיקער סאָוועט האָט באַשלאָסן, אַז ער

— ווי דער פירער פון די האָפן־ און שיף־אַרבעטער — דאַרף בלייבן באַ זיין אַמט אפּן אָרט, קעדיי צו זען, אַז די פּראָנט־קעמפּער זאָלן קעסיידער זיין באַזאָרגט מיט גענוג געווער, פּראָוויאַנט און אַמוניציע...

שימשל האָט זיך געפילט שטאַרק געקרענקט און באַליידיקט דערפון. ער האָט געפּרוווט אַרגומענטירן, אָבער דער פּאַרזיצער פון שטאָט־סאָוועט, וואַסיליעוו, וועלכער האָט אויך געהאַלטן ביים אַוועקגיין צום פראָנט, — האָט אים באַרואיקט, געזאָגט אים, אַז ביים דערפילן זיינע פליכטן דאָ און מיטן פאַרזיכערן דורך טראַנספּאָרט די באַזאָרגונג פאַר די קעמפּער, וועט ער פונקט אַזוי אַקטיוו זיך האָבן באַטייליקט אינעם קאַמף. שימשל איז דאַן באַשטאַנען, אַז מען זאָל אים כאָטש אַריינגעמען אין דער פּאַרטיי, און דאָס איז אים באַוויליקט געוואָרן, נאָכ־דעם ווי יעגאָר און טאַקע וואַסיליעוו האָבן פערזענלעך קאַווירט פאַר אים...

מיט יעגאָרס אַוועקפאָרן האָט שימשל זיך דערפילט ווי איינזאַם אין שטאָט. נאַדיע האָט אים אָפט געבעטן קומען צו־גאַסט צו איר, און אָפט פלעגט זי אַפילע אַרויפקומען צו אים אין קאַנצעלאַריע, געבעטן ער זאָל גיין מיט איר אין קינאָ־טעאַטער, אָדער אַזוי ערגעץ פאַרברענגען, — אָבער שימשל האָט אַלעמאָל געפונען טעריצים אָף ניט צו גיין. זיינע געדאַנקען זענען געווען מיט און וועגן ליובען, און ער האָט אַלץ ניט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז זי וועט זיך אָפּזוכן; אַז ער וועט זי געפינען... ער האָט זיך מיט אייפער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון פּראָפּאַריין, און זיך געפּלייסט אויסצופילן זיין לעבן מיט זוכן אויסצובעסערן די אַרבעט־באַדינגונגען פון די מיטגלידער און מיט דער באַזאָרגונג פאַר די פּראָנט־קעמפער...

דאָס לאַנד האָט צו יענער צייט איבערגעלעבט אַ שווערן קריזיס. פון איין זייט — די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנדעס, וואָס זענען יעדן טאָג אויפגעקומען אָט אין איין געגנט און אָט אין אַ צווייטער; פון דער אַנדערער זייט — די דייטשן, וואָס האָבן — פאַרן פּרייז פון אַ שאָלעם מיט דער סאָוועטן־מעלוכע — געפאָדערט אַ קאָנטריבוציע פון גאַנצע געגנטן און אינדוסטריעס; פון דער דריטער — דאָס נאַ־ציאָנאַליזירן פון די אינדוסטריעס, — אָט די אַלע פאַקטאָרן האָבן אַריינגעטראָגן אַ כאַאָס אין גאַנצן אינדוסטריעלן לעבן פונעם לאַנד און שיר־ניט דערשטיקט די פּראָדוקציע. מאַסן פאַבריקן זענען געשטאַנען ליידיק, אָדער ווייל די געוועזענע אייגנטימער, וועלכע מען האָט אָנגעשטעלט אַלס פאַרוואַלטער, האָבן צעשטערט די מאַשינען, אָדער ווייל ע׳ס זענען סטאַם ניט געווען קיין רוי־מאַטעריאַלן פאַר דער אַרבעט. די אייזנבאַן־לאָקאָמאָטיוון זענען געשטאַנען צעבראָכענע אין די דע־פּאָס; די שיפן, וואָס האָבן געדאַרפט פאַריכט ווערן, זענען געשטאַנען פאַראַנקערט אין די האָפנס, און מען האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו ברענגען די נייטיקע מאַ־טעריאַלן — שטאָל און אייזן — זיי צו פאַריכטן. שפּייז האָט געפּוילט אין איין געגנט פון לאַנד, בעאייס אין אַ צווייטן האָט מען געליטן נויט. עס איז געשאַפן

געוואָרן אַ געפּאַר פון אַן אַלגעמיינעם הונגער און אַ פּאַראַליז פון גאַנצן לאַנד...

דער גורל פון דער יונגער סאָוועטן־מעלוכע איז געהאָנגען אף מישקוילעס. די פאַרשידענע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנדעס האָבן געקראָגן אי שפּייז, אי אַמוניציע און געווער פון ענגלאַנד און פראַנקרייך — די געוועזענע שוטפים אין דער מילכאָמע קעגן די דייטשן. די רויטע פאָלקס־גוואַרדייער איז אויסגעקומען צו קעמפן קימאַט מיט די הוילע הענט און מיט ליידיקע מאָגנס... בלויז מיט אידעאַל אין זייערע הערצער און אַ גלויבן אין דער גערעכטיקייט פון זייער צאַד, — האָבן זיי זיך געוואָרפן אין די שלאַכטן קעגן די באַנדעס און זיי, איינס נאָכן אַנדערן, גויווער געווען...

שימשל איז אַרומגעגאַנגען אַ באַזאָרגטער און אַלץ געטראַכט וועגן אַ מיטל ווי צו העלפן לייזן אָדער פאַרלייכטערן די פּראָבלעם און...

איינמאָל, ווען עס האָט אויסגעזען שוין זייער שלעכט, האָט שימשל — ביי אַ זיצונג פונעם שטאָט־סאָוועט, וואו ער איז געוואָרן אַ מיטגליד נאָך יעגאָרס און וואַסיליעווס אָוועקגיין צום פראָנט — געבעטן אַ וואָרט און געזאָגט:

— איך האַלט, כאַוויירים, אַז מיר טאָרן ניט פאַרצווייפלט ווערן און אַראָפּלאָזן די הענט! איך גלויב, אַז מיר האָבן אַ מעגלעכקייט — עמעס, אין אַ קליינער מאָס — צו העלפן אונדזערע אינדוסטריעס! איך בין זיכער, אַז ביי אונדז אין שטאָט, אף די ליידיקע פּלעצער, הייפן, לאָנקעס, אף און אַרום דעם האָפן, וואַלגערן זיך אַרום שטיקער אַלט ברוכוואַרג: אייזן, מעש, קופּער, צין, בליי און נאָך אַנדערע מעטאַלן, וואָס וואָלטן געקאָנט האַלטן אין גאַנג די אייזן־גיסערייען און מעכאַנישע פאַבריקן. מען וואָלט אָט־די אַלטע ברוכוואַרג־מעטאַלן געקאָנט איבערגיסן און דערמיט פאַריכטן די לאָקאָמאָטיוון, די שיפן, און מאַכן געווער פאַר די קעמפער... מען דאַרף נאָר טראַכטן וועגן אַן אויפן ווי אַזוי אָט־די אַרומוואַלגערנדיקע מעטאַלן צונויפצוקלייבן און זיי ברענגען אף איין פּלאַץ...

שימשלס איינפאַל איז געפעלן געוואָרן קימאַט אַלע מיטגלידער פון סאָוועט. יעדנפאַלס, דאָס איז געווען דער איינציקער מיטל, וואָס האָט זיך געלאָזט אויספילן. די פראַגע איז נאָר געווען: וואו נעמט מען אַזויפיל מענטשן, וואָס זאָלן קאָנען צונויפקלייבן אָט־דעם אַרומוואַלגערנדיקן ברוכוואַרג?...

אויך וועגן דעם איז שימשל אַרויסגעקומען מיט אַ וואונדערלעכן איינפאַל. ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז יעדער פּראָפּאַריין אין שטאָט זאָל מאָביליזירן זיינע מיטגלידער אף אָפּצוגעבן אַ פרייען טאָג און זיך אַרויסלאָזן אין אַ באַשטימטן פּלאַץ, וואָס וועט זיי צוגעטיילט ווערן, קעדיי דאָרט אויפצוקלייבן יעדעס פּיצל מעטאַל, וואָס וואַלגערט זיך נאָר אף דער ערד...

דער דאָזיקער פאָרשלאָג, שימשלס, איז גלייך אָנגענומען געוואָרן פון דעם סאָוועט, און שימשל האָט זיך אונטערגענומען דורכצופירן דעם אויפגאַב אינעם פּראָפּאַריין פון די האָפן־ און שיף־אַרבעטער...

גלייך אַף צומאָרגנס האָט שׂימשל געמאָלדן די מיטגלידער פון פּראָפּאַריין, אַז מיט אַן אָוונט שפּעטער ווערט אין קלוב פאַררופן אַן אויסערגעווייטלעכע פאַרזאַמלונג, צו וועלכער עס ווערן געבעטן די מיטגלידער צוזאַמען מיט זייערע פרויען און דערוואַקסענע קינדער...

צו דער באַשטימטער צייט איז דער זאַל אין קלוב געווען איבערגעפּאַקט. עס האָט אויסגעזען, אַז קיינער, אַ כוץ יענע וואָס זענען געווען מיט זייערע שיפן אַף די יאַמים, האָט ניט געפעלט. שימשל האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע, דערציילט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, אויסגעמאָלט אַ בילד פון צעשטערונג און דורכפאַל, אויב דאָס וועט ניט געטאָן ווערן, און גערופן אַלעמען פריייוויליק זיך אָנצושליסן פאַר דעם שאַבעסדיקן אינדערפרי, קעדיי צוזאַמען זיך אַרויסלאָזן אַף צונויפצוקלייבן דעם מעטאַל־ברוכוואַרג:

— געדענקט, כאַוויירים, — האָט ער אויסגערופן, — דאָס איז פאַר אונדז אַליין, פאַר אונדזערע אייגענע פאַבריקן!... לאָמיר דורכפירן דעם „סובאָטניק" און דורך דעם פאַרזיכערן אַ זיג און אַ פרידלעך לעבן פאַר זיך!...

הוראַ־געשרייען און שטורמישע אָוואַציעס האָבן אויפגענומען זיין אויפרוף, און אַלע אין זאַל האָבן אויפגעהויבן די הענט, אַלס צייכן פון אָנשליסן זיך...

יענעם שאַבעס אינדערפרי, ווי באַשטימט, זענען הונדערטער מיטגלידער פון פּאַריין — צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער — צוזאַמענגעקומען זיך אַפן פּלאַץ ביים האַפן. שימשל האָט געבעטן אַלעמען זיך אויסצושטעלן אין אַן איינצל־ריי, איינער לעבן אַנדערן, און באַלד האָבן אַלע — ווי אַ סאָלידע וואַנט — זיך אַ רוק געטאָן אַף אַ שפּאַן פאָרויס, און דערביי אויפגעקליבן פון דער ערד יעדעס פּיצל מעטאַל, וואָס האָט זיך דאָרט געוואַלגערט. דאָס אויפגעקליבענע האָט מען אַרויפגעוואָרפן אַף האַנט־וועגעלעך און טאַטשקעס, און מיט אַ פּאָר שאָ שפּעטער זענען אין האַפן געלעגן אָנגעהויפנט עטלעכע באַזונדערע בערג פון שטיקלעך אייזן, אָדער קופּער, צין מעש, צינק, בליי, און דאָס גלייכן...

דער דערפאָלג פון אָט־דעם עקספּערימענט איז געווען אַזוי גרויס, אַזוי אומדערוואַרט, אַז באַלד אַפן אָרט האָבן די אויפקלייבער באַשלאָסן דאָס איבערצוכאַזערן דעם קומענדיקן שאַבעס, קעדיי צו דעקן אַ ווייטערדיק שטיק שעטעך און פון דאָרט אויפקלייבן דעם מעטאַל־ברוכוואַרג...

אויך די אַנדערע פּראָפּאַריינען פון שטאָט האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג פון זייער „סובאָטניק", אַזוי אַז באַלד איז דאָס געוואָרן אַן אָנגענומענע אינסטיטוציע איבערן גאַנצן לאַנד. די קוימענס פון די שמעלץ־אויוונס האָבן ווידער געאָטעמט מיט רויך; די מעטאַל־גיסערייען האָבן געשלונגען דאָס אַלטע ברוכוואַרג און אַרויסגעגעבן נייע, סאָלידע מעטאַלן. די רעדער אין די מעכאַנישע פאַבריקן האָבן ווידער אָנגעפאַנגען זיך צו דרייען. די שיף־הייף און די לאָקאָמאָטיוו־דעפּאָס זענען ווידער פאַרהילכט געוואָרן מיטן גערויש פון קאָוואַדלעס

און דעם טאַנץ פון האַמערס. ביסלעכווייז האָבן די שיפן און לאָקאָמאָטיוון ווידער אָנגעהויבן קורסירן און געגומען פירן שפּייז און מאַטעריאַלן ווי אין די נאָר־מאַלע צייטן. ער האָט אויסגעזען, אַז דאָס לאַנד הויבט זיך ענדלעך אָן צוריק־שטעלן אַף די פיס...

שימשל איז געווען שטאַלץ מיט זיין דערפאָלג, אָבער זיין פרייד איז באַלד צעשטערט געוואָרן. עס איז פּלוצים אָנגעקומען אַ מעלדונג, אַז וואַסיליעוו איז אומגעקומען אין דער שלאַכט קעגן קאָלעדינס באַנדעס, און אַז יעגאָר איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן פון אַ שראַפּנעל און מען האָט ביי אים געמוזט אַמפּוטירן זיינע ביידע פיס ביז די היפטן, קעדיי צו ראַטעווען אים דאָס לעבן...

דאָס האָט שימשלען שטאַרק געטראָפן. ער איז געוואָרן מאַמעש אַ צעבראָ־כענער. און כאָטש ער האָט פון זינט יעגאָרס אַוועקפאָרן צום פראָנט אַלץ געהאַט אויסגעמידן צו באַגעגענען זיך מיט נאַדיען, — האָט ער אָבער איצט דערפילט, אַז ער דאַרף אַהיימגיין צו איר, זי טרייסטן, דערמוטיקן, און איר ביכלאַל העלפן אין די שווערע שאָען פון איר טראַגישער איבערלעבונג...

נאַדיע איז געווען צופרידן וואָס שימשל איז געקומען. זי האָט זיך גע־טוליעט צו אים ווי אַ קעצל, און — אַ הילפלאָזע — זיך אָנגעהאַלטן אין זיין אָרעם בעאייס זיי זענען געגאַנגען באַזוכן יעגאָרן, וועלכער איז געבראַכט געוואָרן פון פעלד־שפּיטאָל אין איינעם פון די שטאָטישע...

עס איז געווען אַ פיינלעך־פּאַטעטישער מאָמענט בעאייס מען האָט נאַדיען און שימשלען אַריינגעלאָזט אין שפּיטאָל־צימער צו יעגאָרן. נאַדיע, וועלכע האָט געוויינט און ספּאַזמירט פאַרן אַריינגיין צו אים, — איז מיט אַנשטעל פון בראַוו־קייט אַריינגעטראָטן, אַקוראַט ווי יעגאָר וואָלט דאָ געלעגן אין שפּיטאָל איבער אַ לייכטער פאַרקילונג. זי האָט זיך — אַ שמייכלדיקע, אַ לעבעדיקע, — אַ וואָרף־צו געטאָן צו איר מאַן, אים געקושט אין די ליפּן, אין די אויגן, און געזאָגט:

— אָ, גאָרקי, עס איז דאָך אַזוי גוט צו זען דיך צוריק, טייערער מיינער! אַזאַ פרייד!... דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז בלויז אין אַ צוויי־דריי וואָכן און דו וועסט קאָנען זיך אויסשרייבן פון שפּיטאָל!...

שימשל, אָבער, — כאָטש ער האָט פאַרן אַריינגיין אין צימער זיך געהאַלטן העלדיש — איז געוואָרן אינגאַנצן אַ צעפּאַלענער און דאָס אַפילו ניט געקאָנט באַהאַלטן. ער האָט זיך געשטיקט מיט די טרערן און ניט געקאָנט אויסרעדן אַ וואָרט צו יעגאָרן, דער איקער נאָכדעם ווי ער האָט — דריקנדיק יענעמס האַנט — דערזען דאָס צעוויטיקט־ליידנדיקע פּאָנים זיינס, אַף וועלכן עס איז געווען ווי איינגעקריצט אַ טיפע פיין אין יעדן פאַקן־גריבל... ער איז מאַמעש מעקאַנע גע־ווען נאַדיען, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַזוי העלדיש אין פּאָנים פון אַזאַ שווערן קלאַפּ, און אַזוי קינצלעך געקאָנט מאַסקירן אירע געפילן און באַ־האַלטן איר ווייז, קעדיי ניט צו צעפּייניקן יעגאָרן... אין יענער מינוט האָט ער

געפילט ווי צו דאַנקען נאַדיען פאַר האַנדלען אַזוי מוטיק, אַזוי נאָבל צו יעגאָרן — זיין בעסטן, זיין איינציק־נאָענטן גוטן פריינט:

„יעגאָר איז גליקלעך, וואָס ער האָט נאַדיען, אַזאַ ליבן מענטש, פאַר זיין ווייב.״ — האָט שימשל זיך געטראַכט. — „זי וועט פאַרזיסן זיינע אומגליקלעכע טעג. זי וועט אים פאַרלייכטערן זיין אומבאַהאָלפנקייט...״

ער איז געווען צופרידן, שימשל, ווען די קראַנקן־שוועסטער איז אַריינגעקומען אין צימער און אַ שעפּטשע געטאָן צו אים און צו נאַדיען, אַז זיי מוזן שוין פאַרלאָזן דעם קראַנקן, ווייל ער דאַרף האָבן רו נאָך דער אויפּרעגונג.

ביסלעכווייז איז שימשל צוגעוואוינט געוואָרן צום געדאַנק, אַז יעגאָר — כאָטש אָן פיס — בלייבט אַלץ דער אַמאָליקער גוטער און קלוגער כאַווער, דער אַקטיווער פירער, וואָס וועט ווייטער אָנגיין מיט זיין אַרבעט און קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן פאַר די אַרבעטער־מאַסן, ווי פאַרן גאַנצן פאָלק און לאַנד ביכלאַל. אָט־דער גלויבן איז באַשטעטיקט געוואָרן נאָכדעם ווי יעגאָר — אַז ער איז שוין געווען פאַרטיק אויסגעשריבן צו ווערן פון שפּיטאָל — האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון צו פאָרן זיך דערהוילן אין אַ סאַנאַטאָריע, און איז באַשטאַנען גלייך זיך אומצוקערן צוריק צו זיין אַרבעט אין שטאָט־סאָוועט:

— וואַסיליעוו איז ניטאָ! טוער זענען פאַראַן זייער ווינציק. און איצט איז ביכלאַל ניט די צייט צו רוען! — האָט ער גאַנץ ערנסט און אָן אָנשטעל געטענהט. — צו שטאַרק און פאַרביסן זענען די סאָנים פון אונדזער נייער אָרדענונג, אַז מיר זאָלן זיך איצט קאָנען דערלויבן אַן אָפּרו!...

שימשל — כאָטש ער אַליין האָט געהאַלטן, אַז יעגאָר האָט יאָ געדאַרפט פאָרן אין דער סאַנאַטאָריע, קעדיי דאָרט צוריק צו די קויכעס קומען איבערן פאַרלוירענעם בלוט, און ערשט אַפילע נאָכדעם באַפרייט זיין פון דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט — איז אָבער דאָך געווען באַגייסטערט פון יעגאָרס האַנדלונג, פון זיין געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פון זיין אומעגאָאיזם... אין יעגאָרן האָט ער געזען אַן עמעסן מוסטער פון אַן אידעאַלן אַרבעטער־פירער, אַ קעמפער פאַר דער נייער, באַשאַפנדיקער אָרדענונג... אין געדאַנק האָט ער זיך געוואונטשן, שימשל, אַז ער אַליין — אויב ער זאָל אַמאָל געשטעלט ווערן צו אַזאַ פּרואוו — זאָל אויך קאָנען האַנדלען אַזוי ווי יעגאָר...

מיטן גאַנצן קויעך זיינעם, מיטן גאַנצן פייער פון זיין געמיט, האָט שימשל זיך ערשט אַף דאָס ניי אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, ניט אָפּגעשראָקן זיך, ניט געצעגערט פאַר די שווערסטע אויפגאַבן און פליכטן, און ניט אָפּגעלייגט קיין זאַך, וואָס האָט געדאַרפט געטאָן ווערן לעטוויוועס די מיטגלידער פון זיין פּראָפאַריין, אָדער פאַר די אַרבעטער אין שטאָט ביכלאַל...

אַזוי האָט שימשל מיטן גאַנצן אייפער זיך אַ נעם געטאָן דורכצופירן דעם דעקרעט פון צענטראַלן סאָוועט וועגן דעם נאַציאָנאַליזירן פון דער אינדוסטריע,

— אין זיין פֿאַל: דאָס איבערנעמען די שיפֿן פֿון די פֿריערדיקע פּריוואַטע אייגנ־טימער און זיי איבערגעבן אין רעשוס און אייגנטום פֿון דער סאָוועטן־מעלוכע, — פֿון גאַנצן פֿאָלק. נאָכדעם ווי דאָס איז פֿאָרמעל דורכגעפֿירט געוואָרן, האָט שימשל זיך גענומען אויסצואַרבעטן פּלענער און פּראָיעקטן וועגן אויסבעסערן די אַרבעט־באַדינגונגען פֿון די האַפֿן־ און שיף־אַרבעטער. טעג און נעכט איז ער אָפּגעזעסן ביי זיך אין קאַנצעלאַריע, זיך בעראַטן מיט די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג און פֿאַר זיי פֿאָרגעשלאָגן אַ צאָל פּונקטן, וואָס זאָלן גלייך דורכגעפֿירט געוואָרן אין לעבן. שימשלס פֿאָרשלאָגן זענען באַגוטיקט געוואָרן און אים האָט מען צוגעטיילט דעם קאָוועד פֿאַרצובריינגען ביי אַ ספּעציעלער פֿאַרזאַמלונג פֿון די אַרבעטער די פֿאָלגנדיקע פּונקטן:

ערשטנס, און פֿריער פֿאַר אַלץ — אַ העכערונג אין די סכירעס.

צווייטנס, — אַ פֿינף־טאָגיקע אַרבעט־וואָך און אַן אַכט־שאָעיקער אַרבעט־טאָג, מיט צוויי שאָ פֿאַר מיטיק־איבעררייס.

דריטנס, — אַ פֿאַרמאַכטע געביידע אפֿן האַפֿן, מיט וואַש־צימערן, וואו די האַפֿן־אַרבעטער זאָלן גלייך נאָך דער אַרבעט זיך קאָנען אַרומוואַשן און איבער־טאָן, און וואו עס זאָל זיין אַ ספּעציעלער צימער מיט אַ דעזשורנע קראַנקן־שוועס־טער אפֿן פּלאַץ, צו געבן מעדיצינישע הילף די אַרבעטער ווען נויטיק...

פֿאַר די שיף־אַרבעטער — די מאַטראָזן, — אויסטיילן אויף יעדער שיף איינע פֿון די באַקוועמסטע און בעסטע קאַיוטעס צום וואוינען, און ניט האַלטן זיי — ווי ביז איצט — פֿאַרשטופּט אין ענגע, פֿינצטערע לעכער ביי די שיף־נעז, וואו עס וויגט און וואַרפֿט, שאַפֿנדיק ביי די מאַטראָזן שטיקעניש און קאָפּ־שווינדל. אויך דאַרף אויף יעדער שיף אויסגעטיילט ווערן אַ באַזונדערע קאַיוטע פֿאַר אַ קלוב און לייען־צימער, וואו די פֿרייע וואַכטעס זאָלן קאָנען פֿאַרברענגען אין זייער אָפּרו־צייט. זיי, די וואָס דאַרפֿן אַרבעטן פֿאַרנדיק איבער די יאַמים, פֿאַר־דינען באַקוועמע שלאָף־פּלעצער אויף אָפּצורוען זיך און אָנצוזאַמלען פֿרישע קוי־כעס פֿאַר זייערע קערפּערס, פּונקט ווי זיי נויטיקן זיך אין פֿרייד און שפּיל פֿאַר דער דערפֿרישונג פֿון זייער גייסט...

אַ פֿאַר שאָ פֿאַר דער פֿאַרזאַמלונג איז שימשל אַוועק צו יעגאָרן, קעדיי צו הערן זיין מיינונג וועגן די פּראָיעקטירטע פּונקטן און עפּשער קריגן פֿון אים געוויסע אָנווייזונגען. יעגאָר האָט אים שטאַרק געלויבט און דערביי אויסגע־דריקט פֿאַרדראָס וואָס ער אַליין וועט ניט קאָנען מיטגיין צו דער פֿאַרזאַמלונג, כאָטש ער וואָלט עס שטאַרק געוואָלט. ער האָט אָבער געבעטן נאַדיען, אַז זי זאָל מיטגיין מיט שימשלען, קעדיי „צו האַלטן אַן אויג אויף אים" און דערנאָך אים, יעגאָרן, איבערגעבן ווי עס איז צוגעגאַנגען...

שימשל איז געווען צופֿרידן וואָס נאַדיע איז מיטגעגאַנגען. עפּעס האָט ער דאָסמאָל געפֿילט, אַז ער נויטיקט זיך אין אַ גייסטיקן אָנשפּאַר, און זי, נאַדיע,

— האָט ער געוואוסט, — וועט עס אים קאָנען געבן. ווען זיי זענען אָנגעקומען אין קלוב, איז דער גרויסער זאַל שוין געווען איבערגעפּאַקט מיט אַרבעטער. און געקומען זענען זיי ניט נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן געוואָלט הערן וועגן די נייע אַרבעט־באַדינגונגען, וואָס זייער פירער וועט פאָרברענגען, נאָר מערסטנס דערפאַר, וואָס איבער דער קורצער צייט האָבן זיי פּאַשעט ליב געקראָגן שימשלען און געגאַרט צו הערן זיין פייערדיק רעדן...

דער זאַל איז ווי אײַנגעהילט געוואָרן אין טויט־שווייגעניש בעת שימשל האָט אָנגעהויבן רעדן. עס האָט אויסגעזען, אַז אַפילו אָטעמען האָט קיינער פון די פאַרזאַמלטע ניט געוואַגט, קעדיי ניט צו פאַרלירן קיין איינציק וואָרט פון זיין רעדע, אין וועלכער ער האָט פאַר זיי אויסגעמאָלט בוילעטע בילדער ווי אַזוי די האַפן־ און שיף־אַרבעטער האָבן געליטן און עקספּלואַטירט געוואָרן אונטערן צאַר, דערנאָך אונטער קערענסקין, געלעבט אין פיזישער און גייסטיקער אָרעמקייט און אומוויסנקייט, און ווי זיי דאַרפן און וועלן לעבן אונטער זייער אייגענער רעגירונג — די סאָוועטן־מאַכט...

דער קלאַנג פון שימשלס רייד האָט זיך געטראָגן קלאָר און הילכיק איבער דעם זאַל און איז מיט יעדער ווייל געוואָרן אַלץ מונטערער און פייערדיקער. ער האָט — ווי זיין שטייגער איז געווען — גערעדט פּראָסט, אָפן, און דערביי זשעסטיקולירט מיט די הענט קעדיי בוילעטער אַרויסצוברענגען אַ געוויסן פּונקט. דער עולם איז געזעסן מאַמעש ווי היפּנאָטיזירט און נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן זיין יעדן באַוועג...

ער האָט שוין געהאַלטן אין מיטן דער רעדע, שימשל. מיטאַמאָל האָט זיין בליק צופעליק אַ וואַנדער געטאָן צו דער זייט בינע, צום ווינקל ביים פּאָרהאַנג, וואו עס איז — אין האַלב־טונקלקייט — געשטאַנען דער מאַן, וואָס האָט געהאַט די אַרבעט פון אַרויפציען און אַראָפּלאָזן דעם פּאָרהאַנג. און מאָדנע: עפּעס איז יענער שימשלען אויסגעקומען שטאַרק קענטלעך, אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען וואו און ווען ער האָט אים געזען. ער האָט פאָרגעזעצט דאָס רעדן, זיך געפלייסט צו פאַרגעסן וועגן דעם מאַן דאָרט, אָבער דאַווקע נאָר ווי אף צו להכעיס איז יענעמס געשטאַלט ניט אָפּגעטראָטן פון זיינע אויגן און גדאַנקען, — ניט צום באַפרייען זיך. ער האָט אַזש אָנגעהויבן צו בלאָנדזשען אין די רייד, ניט געקאָנט אָנהאַלטן דעם שנור פון זיין גדאַנקען־גאַנג, ווייל ביי אים אין מויעך האָט זיך אַלץ צונויפגעמישט אי דאָס וואָס ער דאַרף רעדן, אי דאָס רעטעניש וועגן דעם מאַן ביים פּאָרהאַנג...

שימשל האָט געפּרואווט אַוועקקוקן, אָבער ניט געקאָנט לאַנג האַלטן זיינע אויגן אָפּגעווענדט פון יענעם ווינקל. און יעדעסמאָל ווען ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אַהין, אין דעם שוואַכן ליכט דאָרט, האָט ער געזען דעם מאַן פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ קאָפּ שטייף־שטייענדיקע האָר ווי אַ יאָזשיק, און מיט אַ פּאָנים

— גלאַט ראַזירט. אין דער האַלב־טונקלקייט דאָרט האָט שימשל פון זיין פּלאַץ ניט געקאָנט אַף קלאָר אויסשיילן יענעמס גענויע פּאָנים־שטריכן, אַ כוץ די שאַרפע קאָנטורן פון זיין אַלגעמיינעם געבוי, וואָס האָט אים אינטריגירט...

„איך מוז פאַרגעסן וועגן דעם־דאָזיקן מאַן!" — האָט שימשל, אָנגייענדיק מיט זיין רעדע, זיך אין געדאַנק אַ זאָג געטאָן. — „איך מוז פאַרענדיקן מיין באַריכט!... מאַלע וואָס אַ מענטש זעט מיר אויס קענטלעך..."

אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין האָט שימשל פּלוצים גענומען אָפּטרעטן פונעם שטענדער אין צענטער פון דער בינע, און געלאַסן, מיט זייטיקע שפּאַן, אָנגעהויבן זיך צורוקן נעענטער צום ווינקל צו. ער האָט טאַקע גערעדט צום אוילעם פאַרזאַמלטע, אָבער אָנשטאָט צו קוקן אַף זיי, אין זאַל, גאָר געהאַלטן די אויגן זיינע זייטיק אָנגעצילט אַף יענעם אומבאַשטימטן מענטשן, וועלכער האָט זיך פּלוצים גענומען אָפּרוקן פון זיין פּלאַץ, ווי אין אַ פאַרזוך צו פאַרלאָזן דעם פּאָסטן. זיין פּאָנים איז דערביי אומגערן אַ פּאַל געטאָן אונטער די שטראַלן פון איינעם פון די גרויסע ליכט־וואַרפער אַף דער בינע, און שימשלס אויגן האָבן זיך גלייך ברייט אַ צעעפן געטאָן, אַקוראַט ווי די אַפּלען וואָלטן זיך געריסן אַרויסצושפּרינגען פון די נעסטן. שימשל האָט זיך אַזש אַ כאַפּ געטאָן:

— באַגדאַנאָוו! — האָט ער שיר־ניט אויסגעשריגן. — ס'איז דאָך ער, דער געוועזענער פּאָליציימייסטער פון אישים, — דער קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו!...

און ניט באַגרייפנדיק אַפילו וואָס ער טוט, איז שימשל פלינק אַ שפּרונג־צו געטאָן צו דעם אָפּטרעטנדיקן מאַן, אים אַ כאַפּ געטאָן ביי די האָר און אים האַסטיק אַ שלעפּ־אַריין געטאָן צום צענטער פון דער בינע, אַזוי אַז יענער איז אַזש פון דעם אימפּעט אַ פּאַל געטאָן אַף די קני, אויפהייבנדיק דערביי זיינע הענט איבערן קאָפּ ווי צום באַשיצן זיך...

— וואו איז ליובע? ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ גאָלוב? — האָט שימשל אויסגעשריגן מיטן גאַנצן קויעך, אַז זיין שטימע האָט אַזש אָפּגעדונערט מיט אַן עכאָ איבערן זאַל. — זאָגט, וואָס האָט איר געטאָן מיט ליובען? וואו איז זי?...

יענער האָט זיך גענומען צאַפּלען און אויסגעשטאַמלט:

— איך... איך ווייס ניט וואָס איר רעדט, כאַוועד סאַמסאָן!... איר מוזט מאַכן אַ טאָעס און... איר נעמט מיך אָן פאַר אַן אַנדערן...

— איך מאַך שוין גאָרניט קיין טאָעס, קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו! — האָט שימשל אַ געשריי געטאָן און אים אויפגעהויבן פון דיל. — אַן אָפּגעשונדענעם וואָלט איך אייך דערקענט, ניט נאָר אונטער דער נייער האָר־פאַרקעמונג און מיט די קאָטערשע וואָנצעס אָפּגעגאָלט!...

דער אוילעם אין זאַל איז טכילעס געבליבן זיצן ווי פאַרטשמעלעט און, שווייגנדיק, זיך צוגעקוקט צו דער סצענע, אַקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען אַ טייל פון שימשלס רעדע. באַלד, אָבער, האָט זיך איבערן זאַל אַ טראָג געטאָן אַ שטיל

שושקעריי, דערנאָך — אַ פאַרכידעשטער, אומרואיקער געמורמל, און — גלייך נאָכדעם — אַ הילכיקער געטומל. איינער האָט געזוכט אויסצוגעפינען ביים צוויטן, צי ער האָט אַ באַגריף וואָס דאָס קאָן מיינען, געפּרואווט טרעפן ווער עס איז דער קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו און וועגן וואָסער ליובען עס האַנדלט זיך...

דער מאַן אַף דער בינע האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אַף די קני, גענומען וואַרפן מיט די הענט, און אַלץ אָפּגעלייקנט, אַז ער איז באַגדאַנאָוו. אָבער מיט יעדן אויסרוף זיינעם, מיט יעדער אַפּלייקענונג, אַלץ מער דערצאָרנט און אַלץ שטאַרקער אויפגערעגט איז שימשל געוואָרן. ער האָט מיט קאַאָס יענעם אַ הייב־אויף געטאָן פון דער ערד, קימאַט אין דער לופטן אים אַ טראָג געטאָן און דער־ביי שוין גאַנץ שטרענג געזאָגט:

— קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו, עס וועט אייך ניט העלפן אייער אַפּלייקענען, פּונקט ווי עס האָט אייך ניט געהאָלפן דאָס אַריינדרייען זיך צו אונדז אין קלוב אַלס פּאַשעטער אַרבעטער!... זאָגט וואו ליובע איז און איר וועט בעסער מאַכן!...

— איך ווייס ניט! — האָט יענער אַלץ געשריגן און פּלוצים זיך אַ ווענד גע־טאָן צו די פאַרזאַמלטע. — העלפט, גאָספּאָדאַ! העלפט! ער איז פּאַשעט מעשוגע געוואָרן און ווייסט ניט וואָס ער רעדט!... איך בעט אייך, העלפט!...

שימשל האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט באַהערשן. אין זיין גרויסער אויפ־רעגונג האָט ער ווי פאַרלוירן דעם זעלבסט־קאָנטראָל, די פייאיקייט זיך צו אָריענ־טירן אין געקוועלטע מאָמענטן, — אייגנשאַפטן, וואָס ער האָט דערוואָרבן אין די לעצטע עטלעכע יאָר. אין אים האָט פּלוצים דערוואַכט דער אַמאָליקער אימפּול־סיווער גיבער, וואָס פלעגט אויסדריקן זיין פאַרדראָס ניט מיט ווערטער, וואָס ער האָט ניט פאַרמאָגט, נאָר דורך זיינע געזונטע פויסטן. ער האָט מאַרקריצט מיט די ציין און אַ שוואונג געטאָן מיט אַ פויסט איבער יענעמס פּאָנים, אַז בלוט האָט אַזש גענומען גיסן פון יענעמס נאָז...

— זאָג, אויסוואורף איינער! — האָט ער דערביי געשריגן. — זאָג וואָס דו האָסט געטאָן מיט ליובען, מיין געליבטער קאַלע! זאָג וואו זי געפינט זיך!...

און ווידער איז ער אַ פאַרפאַר געטאָן יענעם איבערן פאַרצעף, אַז יענער האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן און שטאַמלענדיק גענומען אויסקרעכצן:

— זי... זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד!... זי... האָט זיך דערטרונקען!...

— ניט עמעס! — האָט שימשל געשריגן, האַלטנדיק זיין פויסט קעגן יענעמס פּאָנים. — זאָג בעסער, וואו איז ליובע? וואָס האָסטו געטאָן מיט איר?!...

אַ היסטערישער פרויען־אויסגעשריי „סאַמסאָן!“ האָט זיך מיטאַמאָל אַ טראָג געטאָן איבערן זאַל, און עס איז געוואָרן אַ גערודער. דער עולעם האָט זיך אַ הייב־אויף געטאָן און געקוקט אַהינצו, וואו עטלעכע מענטשן האָבן אַרומגערינגלט די געכאַלעשטע און זי גענומען אַריינטראָגן אין אַמבולאַטאָריע־צימער, וואו עס האָט זיך געפונען אַ קראַנקן־שוועסטער אַף דעזשורסטווע...

שימשל איז געווען פֿאַרנומען מיט זיין געפּאַנגענעם און זיך אַפּילע ניט אומגעקוקט צו זען וואָס אין זאַל טוט זיך. אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס האָט אַוואַדע נאַדיע אויסגעשריגן, און ער האָט ווייטער געטאַינעט צו באַגדאַנאַון:

— זאָגסט ליגן! ליובע איז ניט באַגאַנגען קיין זעלבסטמאָרד! עס האָבן זיך אָפּגעזוכט איידעס, וואָס האָבן דיך געזען נאָכיאָגן זי בעאייס זי איז אַנטלאָפֿן פֿון דער אָזערע!... אַ נאַכט נאָך יענער געשעעניש האָט מען זי געזען קויפֿן אַ בילעט און אָפּפֿאָרן מיט דער באַן!... זאָג בעסער, וואו האָסטו זי אַוועקגעשיקט?... זאָג, אָדער איך וועל דיך דאָ אָפּן אָרט קאַלט מאַכן!...

ווידער האָט ער אַ הייב געטאָן זיין פֿויסט, אָבער די מיטגלידער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, וועלכע זענען ביז איצט געבליבן זיצן אָף דער בינע ווי פֿריטש־מעלעטע, זענען אַפּאַנים געקומען צו זיך און צוגעטראָטן צו שימשלען. זיי האָבן אים גענומען איינשטילן, און איינער פֿון זיי האָט אים אויסגערעדט:

— כאָווער סאַמסאָן, באַרואיקט זיך! גענוג! ווי פּאַסט עס פֿאַר אַ פּירנדיקן טוער?!... מיר זעען דאָך שוין, אַז דאָס איז טאַקע דער העכט. טאָ לאָמיר אים אַרעסטירן און דאַן וועט מען שוין אַלץ אויסגעפֿינען אָפּן געזעצלעכן וועג!...

שימשל האָט זיך, שווער־סאָפּענדיק, צוגעשלעפּט צום טיש, זיך אַוועקגע־זעצט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין די הענט אַריין און זיך מיטאַמאָל צעוויינט. די אַנדערע האָבן צוגערופֿן צוויי וועכטער פֿונעם קלוב און זיי געהייסן אָפּפֿירן באַגדאַנאַוון אין דער מיליציע. דער אוילעם האָט זיך אַנגעהויבן זאַמלען אין גרופּקעס און גערעדט צווישן זיך וועגן דעם, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אָפּגעשפּילט אָף דער בינע פֿאַר זייערע אייגענע אויגן...

ענדלעך, אַז ער האָט זיך שוין געהאַט אַביסל באַרואיקט, שימשל, האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט, גענומען קוקן איבערן זאַל, געזוכט נאַדיען מיט די אויגן, אָבער זי ניט געפֿונען. געדרונגען האָט ער, אַז זי איז אַוואַדע ברויגעז געוואָרן אָף אים איבער זיין אומטאַקטישער האַנדלונג, האָט זי דעריבער שוין ניט געוואָרט ער זאָל זי אַהיימפֿירן און איז אַהיימגעגאַנגען אַליין. דאָס האָט אים אַפּילע ניט געוואונדערט. ער האָט באַגריפֿן, אַז ער האָט דאָס פֿאַרדינט. אַ צעבראָכענער — פֿול מיט פֿאַרדראָס און כאַראָטע איבער זיין צעהיצטן אויסברוך — האָט ער געלאָזן זיך פֿאַרנומען אָפּן וועג אַהיים צו זיך...

* * * * *

קאַפּיטל פינף־און־צוואַנציק

אַף צומאָרגנס נאָך דער געשעעניש אין אַרבעטער־קלוב, האָט דער שטאָט־סאָוועט אָנגעקלאָגט שימשלען און באַשטימט אים צו מישפּעטן פאַר דער סקאַנדאַליעזער, העפקערדיקער האַנדלונג, וואָס פּאַסט ניט פאַר קיין פירער פון אַ פּראָפאַריין און אַוואַדע ניט פאַר אַ מיטגליד פון סאָוועט און דער פּאַרטיי... יעגאָר, — וועלכער איז שוין געווען צוריק אַף זיין אַמט אין שטאָט־סאָוועט, — איז באַשטימט געוואָרן פאָרצוברענגען די באַשולדיקונג. שימשל איז באַשטאַנען אַליין אָנצופירן מיט זיין אייגענער פאַרטיידיקונג...

ער, שימשל, האָט גוט פאַרשטאַנען די ערנסטקייט פון זיין סקאַנדאַליעזן טאָט. עטלעכע אָוונטן פאַרן מישפּעט איז ער געזעסן ביז שפּעט אין די נעכט ביי זיך אין צימער און פאַרשריבן די געשיכטע וועגן דעם קאַפּיטאַן באָגדאַנאָווס געמיינע האַנדלונגען בענוגייע אים און ליובען; ווי ער האָט אים אַריינגעפּאַקט אין דער אַרמיי און פאַרהאַלטן זיינע בריוו צו ליובען און צו אַלע זיינע פריינט אין דעם סיבירישן שטעטל. ער האָט פאַרצייכנט דאָס וואָס קוסינען — דער קאָמיסאַר אין אישים, נאָכן אַראָפּזועצן פון צאַר — האָט אים איבערגעגעבן וועגן דעם איידעס־זאָגן פון די געוויסע מענטשן, וואָס האָבן באַלויכטן דעם איניען פון ליובעס פאַר־שווינדן ווערן... ער איז געווען זיכער, שימשל, אַז נאָכדעם ווי דער סאָוועט, די ריכטער, וועלן האָבן געהערט זיין געשיכטע, וועלן זיי האָבן איינזען און אים ניט צו שטרענג באַשטראָפן...

יעגאָר — וועלכער האָט טכילעס געפּרואווט זיך אָפּבעטן פון צו זיין דער אָנקלאָגער, מאַכמעס ער איז אַ פּערזענלעכער פריינט פון דעם באַשולדיקטן, — האָט דערנאָך געביטן זיין שטעלונג און גערן איינגעשטימט, נאָך דעם ווי מען האָט אים בעסאָד געלאָזט וויסן, אַז עס איז פאַראַן אַ וויכטיקער איידעס, וועמעס וואָרט עס וועט צעשמעטערן די ערנסטע באַשולדיקונג קעגן שימשלען. אים אָבער, שימשלען, האָט מען וועגן דעם ניט אויסגעזאָגט. מען האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ סאָד און אים געוואָלט דערמיט איבעראַשן...

די געריכט־זיצונג איז פאָרגעקומען אין אַ צימער פון שטאָט־סאָוועט, און ניט אין געריכט־הויז, ווייל שימשל — ווי אַ מיטגליד פונעם סאָוועט — איז ניט געווען אונטערגעוואָרפן דער יוריסדיקציע פון ציווילע ריכטער. אַ געוויסע ראָלע אין דעם האָט אויך געשפּילט דער פאַקט, וואָס דאָרט, אין דער סאָוועט־געביידע, האָט יעגאָר — דער באַשולדיקער — געהאַט זיין אייגענע, ספּעציעל־געבויטע,

ווייך־אויסגעבעטע הויכע שטול, אַף וועלכער מען פלעגט אים — ווי אין אַ פויגל־נעסט — אַוועקזעצן נאָכדעם ווי מען האָט אים געבראַכט צו פירן פון זיין היים אין אַן אינוואַלידן־שטול אַף רעדער...

פּאָר איידעס זענען אַרויסגערופן געוואָרן צווייִ פאַרוואַלטונג־מיטגלידער פון פּראָפּאַרייך, וואָס האָבן בייגעוואוינט די געשעעניש, און אויך דער געוועזענער קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו, וועלכער האָט — אַן אַרעסטירטער — געוואַרט אַף אַ פולער אויספאָרשונג וועגן אים און זיינע מאַיסים...

שימשל האָט זיך שטאַרק געכידעשט, וואָס ער האָט ניט געזען נאָדיען אין געריכט־צימער, אָבער פרעגן באַ יעגאָרן פאַרוואָס זי איז ניט געקומען, האָט ער ניט געוואָלט. באַגריפן האָט ער, אַז עס איז ניט עטיש ער זאָל רעדן מיטן באַשולדיקער, כאָטש ער איז זיין פערזענלעכער פריינט. ער האָט אַפילע אויסגע־מידן צו קוקן אַף אים איידער די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן...

ענדלעך איז אַריינגעקומען דער פאָרזיצער פון סאָוועט, פאַרנומען זיין שטול ביים רויט־געדעקטן טיש, און געעפנט די זיצונג. ער האָט גלייך געבעטן, אַז יעגאָר זאָל אָנהויבן זיין אַריינפיר־רעדע מיט דער באַשולדיקונג. יעגאָר האָט אָנ־געהויבן רעדן, אָבער עס איז אים ניט געגאַנגען. אין זיינע רייד איז ניט געווען די ליידנשאַפטלעכע איבערצייגונג, דער פייערדיקער אייפער פון אַ באַשולדיקער. און כאָטש דער אינהאַלט פון דער רעדע איז געווען אָנגעלאָדן מיט די בוילעט־אָנקלאָגנדיקע פאַקטן, איז אָבער דער טאָן פון זיין רעדן געווען אַזוי מאָנאָטאָן, אַזוי לעפיש, אַז עס האָט זיך געקאָנט שאַפן דער איינדרוק, ווי ער וואָלט עס געטאָן בעקיוון, קעדיי אָפּצושוואַכן די באַשולדיקונג און אַזויאַרום העלפן זיין גוטן־פריינט שימשלען...

דער עמעס איז אָבער געווען אַ גאַנץ אַנדערער. יעגאָר — נאָכדעם ווי ער איז אַהיימגעבראַכט געוואָרן פון שפּיטאָל אָן זיינע פיס — איז געוואָרן אַ גאַנץ אַנדערער מענטש ווי ער איז אַמאָל געווען. ער איז געוואָרן שעמעוודיק, אָפּאָלאָ־געטיש, עפּעס נאָר ווי ער אַליין וואָלט געווען שולדיק אין דעם, וואָס ער איז צעקריפּלט געוואָרן. ער האָט מער ניט פאַרמאָגט דאָס אַמאָליקע פייער אין זיינע רייד. דער שאַרפזין זיינער, פאַר וועלכן ער איז פריער באַרימט געווען, איז מיט־אַמאָל ווי מיט דער האַנט אָפּגענומען געוואָרן פון אים, אָפּגעמעקט און אויסגע־ווישט. אַפילע האַלטן אַ רעדע, וואָס ער פלעגט אַלעמאָל טאָן מיט אַזאַ לייכטקייט, אַזוי ספּאָנטאַן און אָן אַ פון־פריער־צוגעגרייטן פּאַפּיר, — איז פאַר אים אויך גע־וואָרן שווער. ער האָט פּאַשעט מוירע געקראָגן צו רעדן אָן צוגעגרייטע אויפגע־שריבענע נאָטיצן...

ספּעציעל איז יעגאָרן שווער געווען צו קאָנצענטרירן זיך אין יענע מאָ־מענטן, בעאייס עס איז אים באַפאַלן די פּיינלעכע בייסעניש אין די אָפּגעשניטענע פיס־פינגער, אָדער אין די טריט... אין אַזעלכע אָנפאַלן, וואָס זענען געקומען אָפט

אינמיטן דער שטענדיקער ברענונג, האָט ער זיך איינגאַנצן ווי פאַרלוירן. ער פלעגט דאַן פאַרבייסן די ליפּן, און מענטשן האָבן עס גענומען אויסטייטשן, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל ער האָט ניט וואָס צו זאָגן...

ניט איינמאָל בעאייס אַזעלכע שמאַרצפּולע אָנפאַלן פלעגט ער ווערן צעטומלט. אַליין — טאָמיד אַ גוטמוטיקער, פריינטלעכער און צוגעלאָזענער צו מענטשן — האָט ער פּלוצים אָנגעהויבן ווערן טרוקענער, צוריקגעצויגענער און שרעקעוו־דיקער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די מענטשן, וואָס האָבן אים ניט געקענט פון פריער, באַטראַכטן אים פאַר אַ נאַרישן, אומאָריגינעלן מענטש, אָן אַ טיפן געדאַנק; און אַז אַפילו זיינע אייגענע אַלטע כאַווירים פאַרשטייען אים מער ניט, מאַכמעס ער שוויגט אָפט ווען ער וואָלט זיך געדאַרפט אַרויסזאָגן...

„נו, גיי דערציייל מענטשן,״ — האָט ער ניט איינמאָל אַ טראַכט געטאָן, — „אַז דאָס פאַרבייס איך די ליפּן איבער דער דאַקוטשליוועך, ניט־אָפּטרעטנדיקער בייסעניש און בריענייש... גיי דערקלער זיי, אַז דאָס טוט מיר ווויי אָן אייוער, וואָס איך האָב שוין אַפילו ניט, און אַז דאָס צעשלאָגט ביי מיר די געדאַנקען און שטימונגען... עס איז פּונקט ווי איינער זאָל זאָגן, אַז דער צאָן, וואָס איז שוין לאַנג אַרויסגעשלעפּט געוואָרן, טוט אים שטאַרק וויי...״

מיט אַלע קויכעס זיינע האָט יעגאָר דעריבער געפּרואוווט זיך אָנשטרענגען אָף אונטערצודריקן די ווייטיקן און אַרויסצוברענגען דעם באַשולדיקונג־אַקט וואָס בוילעטער און איינדרוקפולער, קעדיי עס זאָל זיך ניט באַקומען, אַז ער האָט עס אינמיסטן אָפּגעשוואַכט...

באַלד נאָך זיין פאַרענדיקן האָט דער פּאַרזיצער אויפגערופן שימשלען זיך צו פאַרטיידיקן. שימשל האָט ניט געזוכט צו באַרעכטיקן זיין האַנדלונג. ער האָט נאָר געבעטן די ריכטער צו נעמען אין אַכט דעם פאַקט פון דער געשעעניש אין ליכט פון דער פּיין, וואָס יענער, דער אַרעסטירטער געוועזענער קאַפּיטאַן באַג־דאַנאָוו, האָט אַלס פאַליציימייסטער אים צוגעטיילט; פאַרביטערט זיין לעבן און געמיט דורך אַפּרייסן פון אים אַ טייל פון זיין פּערזאָן, — זיין געליבטע קאַלע, וועלכע ער האָט דערנאָך אויך ברוטאַל באַהאַנדלט... ער האָט געבעטן צו רעכענען זיך מיט דעם פאַקט, וואָס יענער, וועלכער איז — ווי די אויספאָרשונג האָט עס איצט פעסטגעשטעלט — געקומען אַהער, אין דער גרויסער האַפן־שטאָט, מיט דער אויסרעכענונג זיך דאָ אַרויפצוכאַפּן אָף אַ שיף, וואָס דאַרף אָפּשווימען קיין אויס־לאַנד, קעדיי צו אַנטלויפן, האָט זיך דערווייל אַריינגעדרייט אין קלוב אַריין, קעדיי אים נאָכצושפּיאָנירן... שימשל האָט געבעטן די ריכטער צו באַגרייפן, אַז ער האָט געהאַנדלט אימפּולסיוו יענעם אָוונט דערפאַר, וואָס יענער — גלייך ווי ער האָט נאָר באַמערקט, אַז ער איז דערקענט געוואָרן — האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו אַנטלויפן און, ווען דאָס איז אים ניט געלונגען, גענומען לייקענען, אַז ער איז דער געוועזענער קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו, — פאַליציימייסטער פון דעם סיבירער

שטעטל, שרייענדיק צו די פאַרזאַמלטע אין זאַל, אַז ער, סאַמסאָן, וואָס האָט אים דערקענט און געכאַפּט, איז מעשוגע דאָס צו זאָגן וועגן אים...

אַז שימשל האָט געענדיקט, האָט דער פאָרזיצער געבעטן אַריינצופירן דעם סורפּריז־איידעס, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען אינעם זייטיקן צימער...

די טיר פון דערבייאיקן צימער, וועלכע איז ביז איצט געווען האַלב־אָפן, האָט זיך גלייך ברייט אַ צעעפן געטאָן און שימשל האָט דערזען נאַדיען צוזאַמען מיט אַ צווייטער יונגער פרוי. ער איז ווי פאַריטשמעלעט געוואָרן פון גרויס איבעראַשונג, דערזעענדיק אַז דאָס איז געווען ליובע, — זיין קאַלע... ער איז געוואָרן בלאַס, זיך ניט געקאָנט קיין באַוועג טאָן, אָדער אַ וואָרט אַרויסברענגען, טראַכטנדיק דערביי, אַז ער לעבט אַוואַדע איבער אַ זיסן כאָלעם, וואָס וועט זיכער באַלד פאַרשווינדן ווערן...

— ווי איז אייער נאָמען, מאַדמואַזעל? — האָט דער פאָרזיצער ווי בעקיוון שאַרף אונטערגעשטראָכן, בעאייס ליובע איז צוגעטראָטן און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש קעגן אים.

— מיין נאָמען איז ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ גאָלוב, כאַווער פאָרזיצער! — האָט זי קלאָר־קלינגענדיק געענטפערט מיט איר טיף־ברוסטיקער שטימע און גלייך צוגעגעבן. — און כאָטש אָט־דער נאָמען איז מיין אייגנטום פון זינט איך בין געבוירן געוואָרן, איז ער מיר אָבער ערשט אומגעקערט געוואָרן צו מיין אייגע־נעם באַוואוסטזיין אין דראַמאַטישן מאָמענט בעאייס דער געשעעניש אין קלוב!...

דערהערט ליובעס טיף־ברוסטיקע שטימע, איז שימשל ווי געקומען צו זיך און אינסטינקטיוו זיך אַ צי געטאָן מיט די הענט צו איר. יעגאָר האָט אים אָבער אַ ווייז געטאָן ער זאָל דאָס ניט טאָן, האָט ער זיך באַהערשט און געבליבן זיצן אפן פּלאַץ מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ און טרערן אין די אויגן...

— האָט איר, ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ, געהערט די באַהויפּטונגען, וואָס דער באַשולדיקטער דאָ האָט פריער געמאַכט פאַרן געריכט? — האָט דער פאָרזיצער אַ פרעג געטאָן ביי ליובען. — קאָנט איר זיי באַשטעטיקן, אָדער דערווידערן?...

— ניט נאָר קאָן איך זיי באַשטעטיקן, — האָט ליובע פעסט געענטפערט, — נאָר איך וואָלט נאָך געקאָנט צוגעבן זייער אַ סאַך אַנדערע פאַקטן! איך וויל אים אָבער ניט געבן קיין מאָראַלע באַרעכטיקונג פאַר אַ מאָרד. איך וועל וועגן דעם האָבן געגוג וואָס צו זאָגן ביים מישפּעט פון דעם אַמאָליקן פּאָליציימייסטער, — דעם געוועזענעם קאַפּיטאַן פון דער געוועזענער צאַרישער אַרמיי, דעם פּסעוודאָ־עלעגאַנטן הער באָגדאַנאָוו!...

נאָך ליובען האָט דער פאָרזיצער אויפגערופן באָגדאַנאָוון, ער זאָל אָפּלייקענען, אָדער אָפּפרעגן געוויסע באַהויפּטונגען. יענער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון דער פּריווילעגיע צו רעדן. דאַן האָט דער פאָרזיצער אַ וואונק געטאָן צו די צוויי מיליציאָנערן, זיי זאָלן אים צוריק אָפּפירן אין אַרעסט, געבעטן דעם באַ־

שולדיקטן און די אײדעס אַרויסצוגײן אין דערבײיאיקן צימער, קעדײ די ריכטער זאָלן זיך קאָנען באַראַטן און אַרויסטראָגן אַן אורטײל...

נאַדיע האָט ווידער גענומען ליובען אונטערן אָרעם און איז אַרויס מיט איר אין זעלבן דערבײיאיקן צימער פון וואַנען זײ זענען פריער אַרײנגעקומען. הינטער זײ איז געגאַנגען שימשל, און באַלד ווי ער איז אַרײן אין צימער האָט ער געוואָלט צוטרעטן צו ליובען, זי אַרומכאַפּן און זי קושן, קושן, אָבער... עפּעס איז ער מיטאַמאָל פּלוצים געבליבן שטײן ווי געלײמט און פאַרשטומט, ניט צו מאַכן אַ באַוועג ניט מיט די פיס, ניט מיט די הענט און ניט מיטן מויל...

גלײך האָט נאַדיע דערשנאַפּט די סיטואַציע, האָט זי צוגעפירט ליובען צו שימשלען און — אַלײן נעמענדיק אָפּטרעטן צוריק אין געריכט־צימער אַרײן — שפּאַסיק אַ זאָג געטאָן צו זײ:

— באַקענט זיך, מײנע פרײנט, אײנער מיטן אַנדערן! דאָס איז ליובאָוו אַבראַמאָוונאַ גאָלוב, אָדער פּאָשעט: ליובע, וועלכע האָט ניט געוואוסט וואו איר געליבטער איז אַהינגעקומען און איז דערבײ אַלײן גײסטיק פאַרפאַלן געוואָרן! און דאָס איז סאַמסאָן, וועלכער האָט אַרומגעזוכט זײן קאַלע און ניט אויפגעהערט בענקען נאָך איר! באַקענט זיך, מײנע פרײנט, און... צעקושט זיך!...

שווײגנדיקע, טיף־אָטעמדיקע, זענען שימשל און ליובע געשטאַנען אײנער קעגן אַנדערן, זיך אָנגעקוקט מיט אומבאַוועגלעכע בליקן, ווי צום איבערצײגן זיך, צי דאָס איז טאַקע די פּערזאָן, וואָס איז אַזוי מיסטעריעז פאַרלוירן געוואָרן, און זײ זענען ענדלעך צוגעפאַלן אײנער צום אַנדערן... זײערע טרערן זענען געפלאָסן און זיך צונויפגעמישט בעת זײ האָבן זיך באַהאָפטן מיט די ליפּן אין אַ הײסן, מיטן טרערן־געזאַלצענעם, אָבער דויערהאַפטיקן קוש...

— סאַמסאָן, מײן סאַמסאָן! — האָט ליובע, אַ װײנענדיקע, אין עקסטאַז אויסגעצאַפּלט. — מײן ליבער, מײן טײערער!...

ליובע, מײן האַרץ, מײן געליבטע! — האָט שימשל, שטיקנדיק זיך מיט זײנע טרערן, געמורמלט.

ער האָט גענומען צערטלעך גלעטן אירע האָר, איר פּאָנים. און ליובע, — זי האָט ווילד געכאַפּט זײנע געזונטע גרויסע הענט, זײ ווידער און אָבער געקושט, זײ צוגעדריקט צו איר פּאָנים, צום האַרץ, און דערבײ געכליפּעט:

— דו לעבסט, מײן טײערער!... דו לעבסט, מײן אײנציקער!...

— איך האָב דיך געפונען, מײן נעשאָמע! מיר זענען ווידער צוזאַמען! — האָט שימשל פרײדיק געמורמלט און שטאַמלדיק געפרעגט. — אָבער ווי איז דיר געגאַנגען, האַרציקע מײנע?... וואו ביסטו געווען, געליבטע מײנע?...

— איך וועל דיר אַלץ דערצײלן, לעבן מײנס! — האָט ליובע געזאָגט און אָנגעהויבן קומען צו זיך. — איך וועל דיר איבערגעבן אַלץ וואָס איך געדענק, אַלץ וואָס איך ווײס!... אָ, ווי לאַנג די פינצטערניש האָט זיך געצויגן!...

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן נאַדיעס קאָפּ, און זי האָט מיט די אויגן זיי אַ רוף־געטאָן צוריק אַריינצוגייען, ווייל דאָס געריכט איז פאַרטיק אַרויסצוטראָגן דעם פּסאַק־דין...

שימשל און ליובע זענען אַריינגעטראָטן. דער געריכט־פּאָרזיצער האָט דאָן מיט געהאַקטע ווערטער דערקלערט, אַז אַזאַ האַנדלונג מיצאַד דעם באַשולדיקטן קאָן אונטער געוויינטלעכע באַדינגונגען בעאיין־אויפן ניט באַגיטיקט ווערן, און ער וואָלט אַוואַדע האַרב באַשטראָפט געוואָרן פאַר זיין העפקערדיקן טאָט. נאָר נעמענדיק אין באַטראַכט די ספּעציפישע אומשטענדן און — דער איקער — די פאַרדינסטן פון באַשולדיקטן, ווערט ער פון געריכט פרייגעשפּראָכן...

מיט טרערן אין די אויגן און אַ שטיקעניש אין האַלדז, האָט שימשל געדאַנקט די ריכטער, און געבליבן שטיין אויסגעצויגן־גלייך ביז דער פּאָרזיצער האָט צו־נויפגענומען די פּאַפּירן און געשלאָסן די זיצונג. יעגאָר האָט אַ שמייכל געטאָן און שפּאַסיק געזאָגט:

— איך האַלט, פּונדעסטוועגן, כאַוויירים, אַז כאַווער סאַמסאָן דאַרף געשטעלט ווערן אונטערן אייביקן אויפּזיכט פון זיין איידעס, וועלכע איז געווען די סיבע פון דער גאַנצער געשעעניש... איך גלויב, אַז ער דאַרף אינסטרואירט ווערן גלייך דורכצופירן די נויטיקע פּאָרמאַליטעטן און... ניט צו פאַרגעסן אונדז אַלעמען צו פאַרבעטן צו דער כאַסענע־סימכע!...

ער האָט צוגעבעטן ליובען צו זיך, געדריקט איר האַנט און געזאָגט:

— איך בין זיכער, אַז אַלס אויפפּאַסערן איבער אונדזער סאַמסאָנען, וועט איר עס מאַכן ניט ערגער ווי איר האָט עס געטאָן אַף דער פאַרשיקונג, און פאַר וועלכן מיר אַלע דאַנקען אייך!...

— איך דאַנק אייך באַזונדער! — האָט נאַדיע זיך צעקושט מיט איר...

ליובע האָט געשמייכלט. שימשל האָט זי אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם, זי געהאַלטן צוגעדריקט צו זיך, אַקוראַט ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, אַז זי זאָל אַמאָל ווידער ניט פאַרשווינדן ווערן, און איז אַרויס מיט איר אַף דער גאַס...

זיי האָבן שפּאַצירט געלאַסן, ניט אַראָפּגענומען די בליקן איינער פון דעם צווייטן, און פאַרלעגן געשמייכלט, פּונקט ווי זיי וואָלטן ניט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן. שימשל האָט אַפילע אַ טראַכט געטאָן צו פרעגן ליובען, וואו זי איז געווען די גאַנצע צייט, פאַרוואָס זי איז אַנטלאָפן פון אישים ניט לאָזנדיק באַ יעוודאָקיען און קוסיגען קיין וואָרט וואו זי פאָרט, — אָבער ניט געפונען אין זיך גענוג מוט דערצו. ער האָט מוירע געהאַט, אַז ליובע זאָל זיך אַמאָל ניט באַליידיקן, און האָט בלויז אומזיכער אַ פרעג געטאָן:

— ווי, אייגנטלעך, קומסטו אַהער, צו אונדז אין אָדעס?... וואָס טוסטו דאָ?... וואו וואוינסטו?... מיט וועמען געפינסטו זיך דאָ?...

ליובע האָט, זעט אויס, זיך דערפרייט מיט שימשלס פראַגע. זי אַליין האָט

שוין געוואָלט נעמען דערציילן וועגן איר איבערלעבן די עטלעכע יאָר, אָבער ניט געוואוסט פון וואַנען אָנצוהויבן. שימשל האָט איר געגעבן די עפענונג:

— איך בין דאָ, — האָט זי געזאָגט, — אַ גוואווערנאַנטקע פאַר די קינדער פון שיף־מאַגנאַט סערגעי סערגעיעוויטש וואָראָנאָוו. — דער געוועזענער אייגנ־טימער פון דער שיף־געזעלשאַפט „ראָסיאַ". אָנגעקומען בין איך צו זיי בעת די פאַמיליע האָט זיך געפונען אויף איבער זומער אין סאַמאַרע, וואו סערגעי סערגעיעוויטש האָט אַ קאַנטאָר צוליב זיינע שיפן אויף דער וואָלגע. אויף ווינטער קומען זיי אַהער צוליב זיינע שיפן אויפן שוואַרצן יאַם, און איך בין געקומען מיט זיי... מיט דעם קלוב, וואָס איר האָט איבערגענומען ביי די שיף־אייגנטימער, בין איך אַביסל באַקאַנט. איך פלעג אַהערקומען מיט די קינדער, ווען מען האָט דאָ דורכ־געפירט פאַרוויילונגען פאַר זיי... דאַסמאָל אָבער...

זי האָט זיך פלוצים אַ פאַרהאַלט געטאָן, געקוקט אַ וויילע אויף שימשלען, און דאַן פאָרגעזעצט:

— דאַסמאָל, אָבער, מיין ליבער, בין איך אין קלוב געקומען ניט מיט די קינדער, נאָר אַליין... סערגעי סערגעיעוויטש האָט מיך געבעטן צוגיין אַהער, צו אייער פאַרזאַמלונג, הערן וואָס מען רעדט, זיך צוקוקן ווער די הויפט־טוערס זענען, און דאָס אים דערנאָך איבערגעבן... נו, דאָס ווייטערדיקע...

— אַ־הום! — האָט שימשל פאַרטראַכט אַ ברום געטאָן. — און דו האָסט איינגעוויליקט צו זיין אַ שפּיאָן? — דו, אַ סאָציאַליסטקע, אַ רעוואָלוציאָנערקע?...

— ניין, טייערער, — האָט ליובע פּראָטעסטירט. — ניט איך. ניט ליובע!... באַגרייף, סאַמסאָן, אַז ביז דעם מאָמענט ווען דו האָסט אַ קלאַפּ געטאָן באַגדאַ־נאָוון און אויסגעדונערט: „וואו איז ליובע? וואָס האָסטו געטאָן מיט איר?" — בין איך ניט געווען ליובע... דאָס הייסט, איך האָב ניט געוואוסט, אַז איך בין ליובע, ניט געדענקט ווער איך בין, וואָס איך בין?...

זי האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט, נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף שימשלען, ווי צו זען צי ער גלויבט איר, און דערנאָך געזאָגט:

— איך באַגרייף, מיין ליבער, אַז עס איז שווער צו גלויבן. ניט יעדן טאָג טרעפט זיך אַזאַ זאַך... איך וועל דיר אָבער דאַרפן דערציילן אַלץ, דערציילן פון דער מינוט ווען דו ביסט אַוועק אין דער אַרמיי, ביז דעם מאָמענט אין דער גע־ריכט־קאַמער, קעדיי דו זאָלסט פאַרשטיין און באַגרייפן... צו מיין טיפן באַדויער האָב איך איצט ניט קיין צייט דערויף, כאָטש איך גיי אויס צו טיילן זיך מיט דיר אין מיינע דערפאַרונגען איבער דער צייט, און הערן ווי דיר האָט זיך גע־לעבט... איך מוז גלייך אַהיימגיין. מיינע באַלעבאַטים וועלן...

— צום טייוול מיט דיינע באַלעבאַטים! מיט אַלע באַלעבאַטים! — האָט שימשל אויסגערופן. — איצט, אַז מיר האָבן זיך ענדלעך געפונען, מעגסטו זיך שוין געזעגענען מיט זיי!...

— עמעס! — האָט זי געזאָגט. — אָבער עס איז ניט זיי, סאַמסאָן. עס איז די קינדער אַף װעלכע איך דאַרף אויפפּאַסן. זיי זענען אָפּהענגיק אין מיר...

— אָבער טייערע מיינע... — האָט שימשל אויסגעצויגן די הענט.

— איך פאַרשטיי, סאַמסאָן. — האָט זי באַרואיקנדיק אַ גלעט געטאָן זיינס אַ האַנט. — גלויב מיר, אַז אויך איך וויל זיך איצט פריי׳ען מיט דיר, זעטיקן זיך, פאַרברענגען, זיין לעבן דיר... איך וויל רעדן, דערציילן, הערן, אָבער... מיר װעלן דאָס מוזן אָפּלייגן אַף מאָרגן, נאָכדעם ווי איך וועל באַזאָרגן, אַז די קינדער זאָלן האָבן אַ צווייטע גאָוװערנאַנטקע, וואָס זאָל איבערנעמען...

זי האָט אָפּגעמאַכט מיט שימשלען ווען און וואו זיך צו טרעפן, און זיך געלאָזט גיין צום טראַמוואַי־אָפּשטעל, אַף אַהיימצופאָרן. זי האָט גענומען זיך געזעגענען מיט שימשלען, אָבער ער איז באַשטאַנען צו באַגלייטן זי אַהיים:

— איך קאָן דאָך ניט ריזיקירן, — האָט ער געשפּאַסט, — דיך אָפּצולאָזן פון זיך, ניט וויסנדיק וואו דו וואוינסט, וואו דיך צו געפינען...

ער האָט צוגערופן אַ דראָשקע און געהאָלפן ליובען זיך אַרויפזעצן:

— באַרישניאַ, — האָט ער זיך געוויצלט, — מיין שליטן איז גרייט פאַר אייך!

ליובע האָט זיך געטוליעט צו שימשלען, געהאַלטן אין האַנט אַרום זיינע אַקסלען, די צווייטע — אין זיינער, און איר באַק — צו זיין פּאַנים. זי האָט אים גענומען דערציילן, ווי זי האָט — נאָך זיין אַוועקפאָרן — זיך אַנגעשלאָסן אַלס געהילף־קראַנקן־שוועסטער; ווי זי האָט איינמאָל — אין האָפענונג צו באַווירקן באַגדאַנאָוון, ער זאָל איר געבן דעם אַדרעס און די בריוו שימשלס, וואָס זי איז געווען זיכער אַז ער פאַרהאַלט — זיך געלאָזט איבעררעדן פון אים צו גיין צום מאַסקן־באַל לעטויוועס די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, און דערנאָך אַנגענומען זיין אָנבאָט זי אַהיימצופירן נאָך דעם באַל, אָבער ער האָט זי גאָר אַוועקגעפירט צו דער אָזערע... זי האָט שימשלען דערציילט וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, ווי זי האָט זיך געראַנגלט מיט באָגדאַנאָוון, קוים אַנטלאָפן פון אים, און ער האָט זי נאָכגעיאָגט מיט זיין קעטשל:

— איך בין געווען אַזוי דערשיטערט, אַזוי צעשראָקן; איך בין געווען אַזוי זיכער, אַז ער יאָגט מיך נאָך ווייל ער וויל מיך דערמאָרדן, מאַכמעס ער האָט מוירע געקראָגן איך זאָל ניט אויסזאָגן וועגן זיין געמיינער באַנעמונג צו מיר, אַז איך בין געלאָפן מאַמעש ווי אַ ווילדע זיך צו ראַטעווען...

זי האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווייל, אַ וואַנדער געטאָן מיט אירע געדאַנקען און די בליקן ערגעץ ווייט אַוועק, און — ווי נאָכטראַכטנדיק — צוגעגעבן:

— און מאָדנע, כאָטש איך בין אַנטלאָפן פון באָגדאַנאָוון, ווייל איך האָב מוירע געהאַט פאַר מיין לעבן, האָב איך פונדעסטוועגן, באַלד נאָכן אַהיימקומען, זיך געפילט אַזוי פאַרצווייפלט איבער דעם געשעענעם, אַז אַפן ערשטן אימפּולס האָב איך אַ טראַכט געטאָן צו לויפן צוריק צו דער אָזערע און...

זי האָט אַ וויש געטאָן די טרערן, אָפּגעאָטעמט, און פאַרגעזעצט:

— באַלד האָב איך זיך אָבער געכאַפּט, אַז באָגדאַנאָוו איז ניט ווערט דעם קאָרבן און אַז איך דאַרף זיך ניט רייניקן דורך מיין טויט, ווייל אַלץ איז געשען קעגן מיין ווילן. איך האָב באַגריפן, אַז איך וועל דערמיט גאָרניט אויפטאָן, אַ כוץ וויי־טאָן מיין פאָטער, מיינע פריינט און — דער איקער — דיר, מיין טייערער... איך האָב אָבער געפילט, אַז מער טאָר איך ניט בלייבן אין אישים, זיך באַגעגענען מיט באָגדאַנאָוון, און... איך האָב באַשלאָסן צו אַנטלויפן...

זי האָט זיך ווידער פאַרטראַכט, פאַרמאַכט די אויגן, און אָנגעגאַנגען:

— יאָ, מיין ליבער, אַפּאָנים, אַז שוין דעמאָלט האָב איך מער ניט פאַרמאָגט דעם פולן קאָנטראָל איבער מיין ווילן און געדאַנק... איך בין איצט זיכער, אַז וואָלט איך דאַן יאָ געהאַט אַ דייע איבער מיינע כושים, וואָלט איך אַזוי ניט געווען געהאַנדלט. אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד וואָלט איך בעשום אויפן ניט אַנטלאָפן, און אויב יאָ — וואָלט איך אַוואַדע ניט אַוועק אָן געזעגענען זיך מיט יעוודאָקיען און קוסינען, וואָלט זיי איבערגעלאָזט מיין פאָטערס אַדרעס, און ניט אַרויסגעכאַפּט זיך פון הויז אינמיטן דער נאַכט ווי אַ גאַנעוו...

ליובע האָט געוואָלט אָנגיין מיט איר דערציילן, אָבער דאָ האָט זי דערזען, אַז די דראָשקע האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעשטעלט ביים אייזערנעם, צאַצקעדיק־געגראַטעטן טויער אין פראָנט פונעם פּאַלאַצל, און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך מוז אַריינגיין, טייערער! מאָרגן וועל איך דערציילן דאָס איבעריקע!

זי האָט מיטביידע הענט אָנגענומען שימשלס קאָפּ, אים צוגעצויגן צו זיך, אַ קוש געטאָן זיינע ליפּן און געפילפול, קימאַט אין טרערן, געזאָגט:

— צום ווידערזען, מיין איינציקער! שלאָף רואיק און געדענק איין זאַך, אַז מיין ליבע צו דיר — אין מיינע באַוואוסטזיניקע טעג — איז אַפילע אַף קיין איין רעגע ניט אָפּגעטראָטן אָדער געמינערט געוואָרן. זיי וויסן, טייערער, אַז איך האָב דיך קיינמאָל ניט פאַראַטן אין געדאַנק און מיטן גוטן ווילן מיינעם... דאָס, וואָס האָט פּאַסירט, איז געשען אונטער אַזעלכע אומשטענדן בעאייס איך בין געווען מאַכטלאָז און...

שימשל האָט אַ כאַפּ געטאָן ליובעס הענט און — ניט געקוקט וואָס דער אָנטרייבער פון דער דראָשקע האָט, אַ שמייכלדיקער, זיך צוגעקוקט און געוואַרט, אַז די פּאַסאַזשירן זאָלן אַראָפּגיין — ליידנשאַפטלעך געקושט איר קאָפּ, שטערן, די אויגן, די ליפּן, און — צווישן איין קוש און דעם צווייטן — געמורמלט:

— איך פרעג ניט אָפּ דיין אומשולד, מיין טייערע! איך צווייפל ניט אין דיין ליבע צו מיר!... איך פאַרזיכער דיך, טייבעלע, אַז דו ביסט מיר איצט פונקט אַזוי ליב ווי דו ביסט מיר געווען יענע נאַכט, ווען אונדזער ליבע האָט זיך באַהאַפטן... איך האָב דיך ליב און וועל דיך אייביק ליב האָבן!...

ער האָט באַגערנדיק נאָכגעקוקט ווי ליובע איז אַריין אין טויער, אַוועק

איבער דער סטעזשקע, און פֿאַרשוואונדן געוואָרן אין דער גרויסער טיר צווישן די הויכע זײַלן פֿון הויז... דערנאָך האָט ער געזאָגט דעם אָנטרײַבער ער זאָל אים צוריקפֿירן צום פּלאַץ, וואו ער האָט זיי אויפֿגענומען...

צומאָרגנס אינדערפֿרי, אין דער באַשטימטער צײַט, האָט שימשל אָפּגעוואָרט ליובען. זי איז אַרויסגעקומען פֿון הויז אַ לויכטנדיקע, אַ שמייכלדיקע, מיט איר וואַליזקע אין דער האַנט, און זיך צעקושט מיט שימשלען:

— נו, מײַן טײַערער, איצט בין איך פֿרײַ! — האָט זי פֿריילעך אויסגערופֿן. — אינגאַנצן פֿרײַ!..' איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער שטעלע און בין ווידער פֿרײַ — פֿאַר דיר, מיט דיר צו זײַן, מײַן געליבטער!...

שימשל האָט צוגערופֿן אַ דראָשקע, געהייסן צופֿירן זיך צו אַ געוויסן האָטעל, וואו ער האָט געדונגען אַ צימער פֿאַר ליובען, און דאָרט פֿאַרבראַכט מיט איר אַ פּאָר שאָ צײַט אין ליבע און אין ליבע־פּלוידערייען. שפּעטער איז ער מיט ליובען אַוועק אין קלוב אַרײַן, דאָרט אָפּגעגעסן מיטיק, און דערנאָך אַרויף מיט איר צו זיך אין קאַנצעלאַריע, וואו ער האָט אָנגעזאָגט זײַן סעקרעטאַר, אַז מען זאָל אים ניט באַאומרואיקן, סײַדן װעגן עפּעס אויסערגעוויינטלעכס און וויכטיקס. דאָן האָט ער געבעטן ליובען זיך אויסצוזעצן און ענדיקן דאָס דערציילן וועגן זיך, אויב זי האָט נאָר דעם ווילן דאָס צו טאָן...

ליובע האָט אַראָפּגענומען איר היטעלע, פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָסל, און — אָנלענענדיק איר קאָפּ אויף שימשלס ברוסט — גענומען דערציילן. שימשל האָט אַרײַנגעאָטעמט דעם פֿרישן רייעך פֿון אירע האָר, זיי געקושט, און געהערט איר דערציילן. פֿאַר אים האָט זיך דורכגעוויקלט דאָס פֿולע בילד פֿון ליובעס איבער־לעבן, פּונקט ווי ער וואָלט דאָן מיטגעגאַנגען און אַלץ מיטגעלעבט:

געדאַכט האָט זיך אים, פּונקט ווי ער וואָלט געזען:

ליובע — פֿאַרמאַטערט פֿון פֿײַנלעכער געדריקטקייט דעם מעסלעס נאָך דער געשעעניש ביי דער אָזערע, איז — מאַמעש ווי אין אַ קאָשמאַר און געטריבן פֿון אַן אומגעזעענער קראַפֿט — אַנטלאָפֿן פֿון אישים. באַלד ווי זי האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין וואַגאָן, איז אַ שווערע מידקייט פֿלוצים באַפֿאַלן איר קערפּער און אַ מאָדנע דריקעניש אין די שלייפֿן. זי האָט אײַנגעדרימלט. ווען זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט זי דערפֿילט, אַז עפּעס איז געשען מיט איר. זי האָט דערשפּירט עפּעס אַזאַ אויסטערליש־פֿאַרנעפּלטע פֿרעמדקייט אין און אַרום זיך, אָט אַקוראַט ווי זי וואָלט געווען אין אַ הינער־פּלעט... זי האָט ניט געהאַט קיין באַגריף, אַז זי פֿאַרט ערגעץ און אַפֿילו ניט באַנומען, ווען דער קאָנדוקטאָר האָט זי אַראָפּגע־פֿירט פֿון די וואַגאָן־טרעפּלעך און זי געלאָזט שטיין אויפֿן „פּעראָן", פֿון וואַנען זי איז צוזאַמען און צווישן די אַנדערע פּאַסאַזשירן — מאַמעש ווי אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין וואָקזאַל אַרײַן...

אינעווייניק, אין וואָקזאַל, איז זי געבליבן שטיין ווי אַ פֿאַרכושטע, גע־

בלאָנדזשעט מיט די אויגן אַרום זיך, און ניט געוואוסט, קיין באַגריף ניט געהאַט, ווער און וואו זי איז. זי האָט געזען מענטשן האָבן זיך געאײַלט אַהין און אַהער, אָבער אַליין קיין אָנונג ניט געהאַט וואו, אין וועלכער זײַט, זי דאַרף גיין. זי האָט געפּרוּווט זיך דערמאָנען פונוואַנען זי קומט און וואוהין זי גייט, — אָבער בעשום אויפן ניט געקאָנט אָנכאַפּן דעם ברעג פונעם קנויל פאַרנעפּלטע גע־דאַנקען אין איר מויעך. אָט האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי הויבט אָן זיך דער־מאָנען עפּעס, — אָבער גלייך האָט זי ווידער זיך אָנגעשלאָגן אין אַ פּוסטן בלויז, אַ ליידיקן כאַלאַל אין איר מויעך, אָט אַקוראַט ווי דער קאָפּ ביי איר וואָלט אויס־געליידיקט געוואָרן פון די געהירן, און זי איז געבליבן שטיין אומבאַהאָלפן, קוקנדיק מיט פּוסטע בליקן אַרום זיך...

שימשל איז אַזוי טיף געריִרט געוואָרן פון ליובעס אויסמאָלן וועגן דעם טראַגישן צושטאַנד אירן, אַז ער האָט זיך אַזש גענומען שטיקן מיט טרערן. אים איז אויסגעקומען, אַז אַזוי דאַרף אַוואַדע פילן אַ כאַיע, פאַר וועלכער דער נעכטן האָט ניט קיין שאַיכעס מיטן היינט, דאָס איצטיקע — מיטן פאַרגאַנגענעם; ער האָט געטראַכט, אַז ליובע האָט דעמאָלט זיך געמוזט שפּירן ווי אַ בעהיימע, וואָס האָט ניט קיין באַגריף פון איר גייסטיקן וועזן, קיין באַוואוסטזיין וועגן איר אָפּשטאַם, אָנגעהעריקייט און איר דאָ־זיין...

זי האָט זיך געוואָלט לאָזן גיין נאָך דעם שטראָם מענטשן אָף דער גאַס אַרויס, אָבער גלייך מוירע געקראָגן אַרויסצוגיין פון וואָקזאַל, ווייל עפּשער דאַרף עמעצער צוקומען אַהער זי באַגעגענען און זי וועט זיך דורך דעם קאָנען דערווייסן ווער זי איז און וואָס זי טוט דאָ...

קיין באַגער צו עסן אָדער טרינקען, האָט זי ניט געהאַט. די אָנגעלאָדענע מידקייט אין איר קערפּער, פּונקט ווי דאָס פיינלעכע קלאַפּעניש אין די שלייפן, האָט אַפּאַנים אָפּגעטויט אין איר דעם פאַרלאַנג צו עפּעס, אַ כוץ צו שלאָפן...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אָף אַ באַנק און גלייך איינגעדרימלט. פּלוצים האָט זי דערפילט אַ שווערע האַנט אָף איר אַקסל. זי האָט געעפנט די קלעפּנדיק־פאַר־נעפּלטע אויגן און דערזען לעבן זיך אַ זשאַנדאַר, וואָס האָט געברומט:

— איך האָב באַמערקט, באַרישניע, אַז איר זענט שוין דאָ אפּן וואָקזאַל אַ שפּאַר ביסל צייט! וואָס שלאָפט איר דאָ? פאַרוואָס גייט איר ניט אַהיים?...

און, דערזעענדיק איר פאַרכושט־פּוסטן בליק, אַ פרעג געטאָן:

— ווער זענט איר, באַרישניע?... ווי איז אייער נאָמען?...

— נאָמען? — האָט זי, מיט קאַלטע, שטאַרע אויגן, איבערגעפרעגט.

— יאָ, אייער נאָמען! — האָט ער איבערגעקרימט. — אייער נאָמען. אָדער צי פאַרשטייט איר אָפּילע ניט וואָס איך רעד צו אייך?!...

און מיטאַמאָל — באַפעלעריש:

— אַ־נו־קאָ, באַרישניע, ווייזט מיר אייער פּאַספּאָרט!...

— פּאַספּאָרט? — האָט זי ווידער אַזוי הויל איבערגעפרעגט.

דער זשאַנדאַר האָט זי אַריינגעפירט אין אַ צימער, זי געהייסן זיצן, און ווידעראַמאָל געפרעגט, וואוהין זי פאָרט, פון וואַנען, ווער זי איז און וואו זי האָט איר פּאַספּאָרט... געזען, אַז זי ענטפערט אים ניט נאָרמאַל, — האָט ער געעפנט איר וואַליזקע, געזוכט צווישן אירע זאַכן און — ניט האָבנדיק געפונען דאָרט קיין שום דאָקומענט — אַרויסגעלייגט פון איר האַנט־טאַש אפן טיש אַרויף אַלץ וואָס זי האָט געהאַט אין דעם, און דערביי בייז געברומט:

— צום טייוול! וואו איז אייער פּאַספּאָרט, אייערע דאָקומענטן?... צי ווייסט איר דען ניט, אַז אין וועג מוז מען האָבן מיט זיך דאָקומענטן?!...

ער האָט זי איבערגעגעבן צו אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט זי אָפּגעפירט אין דער פּאָליציי אַריין. דאָרט האָבן זיך איבערגעכאַזערט די זעלביקע פּראָגעס, אָבער ליובע האָט קיין שום ענטפער ניט געקאָנט געבן, נאָר בלויז געקוקט מיט אירע קאַלטע, אויסגעגלעזטע אויגן און אַלץ איבערגעכאַזערט:

— איך ווייס ניט! איך געדענק ניט!...

דער פּריסטאַוו האָט דאַן אַריינגערופן אַ וועכטערן. די פרוי האָט ליובען באַזוכט און געפונען ביי איר אַ טייל פון סאַמסאָנס לעצטן בריוו, וואָס זי האָט געהאַט אין קעשענע פון איר רעקל. דער פּריסטאַוו האָט גיך דורכגעבליקט דעם בריוו און נאָכדעם זיך ווייך אַ ווענד געטאָן צו איר:

— אַ שאָד, וואָס דער אָנפאַנג פונעם בריוו פעלט, און אין דעם טייל איז קיין איין מאָל ניט דערמאָנט אַ פרויען־נאָמען. אָבער דער אונטערשריפט פונעם בריוו־שרייבער איז יאָ דאָ. ווער זשע איז ער, דער סאַמסאָן, באַרישניע?... איז ער אייער מאַן? אייער געליבטער? אַ כאָסן? אַ ברודער?... זאָגט מיר!...

— איך ווייס ניט, הער פּריסטאַוו. איך געדענק ניט! — האָט זי געבעטן.

— איר מוזט דאָך אַוואַדע וויסן דעם אַדרעס פון אָט־דעם סאַמסאָנען. — האָט ער נאָך אַלץ ווייך גערעדט צו איר. — עמעס, דאָ, אין בריוו שרייבט זיך, אַז ער וועט אייך בעקאָרעוו לאָזן וויסן זיין אַדרעס. נו, האָט איר דאָך מיסטאָמע נאָכדעם געקראָגן נאָך אַנדערע בריוו פון אים. וואו זשע זענען זיי, די בריוו?... און ווער איז ער? וואו געפינט ער זיך?... אָדער עפּשער איז גאָר אָט־דער בריוו ניט אייערער?... האָט איר אים ערגעץ געפונען, צי וואָס?... זאָגט, איך בעט אייך!...

ליובע האָט געפילט, אַז זי גייט אויס פון די קויכעס, און געבעטן:

— איך פיל זיך ניט איבעריק גוט. איך וויל שלאָפן. איך...

דער פּריסטאַוו האָט געפּרוווט רעדן צו איר מיט בייזן, געדראָעט, אַז ער וועט זי פאַרשפּאַרן אין טפיסע, פאַרשיקן קיין סיביר, אויב זי וועט ניט זאָגן ווער זי איז, וואָס זי טוט אין סאַמאַרע, און צו וועמען זי איז אַהערגעקומען:

— וואָס ווילט איר דערמיט באַהאַלטן? — האָט ער געשריגן. — עס וועט אייך אָבער ניט געלינגען! מיר וועלן דאָס פון אייך אַרויסקלאַפּן!...

זי האָט אים אָבער שוין ניט געהערט. פּלוצים איז זי צוגעפאַלן מיטן קאָפּ אויפן טיש אַרויף און איז גלייך איינגעשלאָפן...

אַן אומבאַשטימטע צייט שפּעטער איז זי געקומען צו זיך אין אַ קליינער אַרעסט־קאַמער און פּלוצים זיך דערפילט הונגעריק און דאָרשטיק. זי האָט זיך זשעדנע צוגעכאַפּט צום שטיק שוואַרצן, זעלנערשן ברויט און צום בלעכל מוטנעם טיי, וואָס די וועכטערן האָט איר אַריינגעטראָגן...

פון צומאָרגנס אָן און אַזוי פאַר עטלעכע טעג צייט, האָט מען זי גענומען צום וואָקזאַל, און — ווען אַ צוג איז אָנגעקומען — זי אַרויסגעפירט אויף דעם „פּעראָן", וואו די קאָנדוקטאָרן פון די אַלע צוגן האָבן זי באַטראַכט, אין אַ פּאַרזוך זי צו דערקענען און זיך דערמאָנען, צי זי איז אַהערגעקומען מיט זייערס אַ צוג, און פון וואַנען... ערשט נאָכדעם ווי עטלעכע הונדערט קאָנדוקטאָרן פון עפּשער אַ פופציק צוגן האָבן זי ניט געקאָנט דערקענען, האָט מען זי אַריבערגעפירט אין טורמע־שפּיטאָל. די דאָקטוירים האָבן דאָרט דורכגעפירט געוויסע עקספּערימענטן איבער איר, און זענען געקומען צום באַשלוס, אַז זי איז גייסטיק קראַנק און האָט פאַרלוירן איר זיקאָרן...

די פּאָליציי האָט זי נאָכדעם באַפרייט, נאָר מיט אַן אָנזאָג צו קומען זיך מעלדן יעדע וואָך, קעדיי צו האָבן זי אויפן אויג, טאָמער וועט געלינגען עפּעס אויסצוגעפינען וועגן איר. דער פּריסטאַוו האָט איר אַרויסגעגעבן אַ צייטווייליקע שריפט — אַ לעגיטימאַציע אונטערן נאָמען סאַמאַראַ סאַמסאָנאָוואַ, קעדיי זי זאָל זיך קאָנען איינמעלדן וואו זי וועט וואוינען, אָדער וואו זי וועט אַרבעטן...

זי, די נייע סאַמאַראַ סאַמסאָנאָוואַ, האָט שוין מער ניט געפּרואווט טראַכטן ווער זי איז, און אָנגענומען איר נייעם נאָמען פאַר אַ פאַקט. זי האָט געהאַט אַביסל געלט מיט זיך אין האַנט־טעשל, האָט זי געדונגען אַ צימער אין אַ גאַסט־הויז און איבערגעשלאָפן די נאַכט. אויף צומאָרגנס, אַז זי האָט זיך געהאַט אַביסל אויסגערוט, האָט זי זיך אַרויסגעלאָזט זוכן אַ שטעלע, קעדיי צו פאַרדינען אויף איר אויסקומעניש. זי האָט געקראָגן אַרבעט אין אַ רעסטאָראַן אַלס קעלנערקע, אָבער מען האָט זי אויפן צווייטן טאָג אַוועקגעשיקט, ווייל זי איז געווען אומגעלומפּערט און די טאַצן מיטן געפּעס זענען געפאַלן פון אירע הענט. האָט זי געפונען אַ שטעלע אַלס דינסט־מיידל אין אַ האָטעל, אָבער אויך דאָ האָט זיך איבערגעכאַזערט די זעלביקע געשיכטע: ניט זי האָט געקאָנט מאַכן אַ בעט, ניט אויסקערן אַ שטוב ווי געהעריק, און ביכלאַל ניט געוואוסט ווי צו באַנעמען זיך מיט די געסט. זי איז טאָמיד אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרכושטע...

אַ פאַרצווייפלטע איז זי נאָכדעם געזעסן ביי זיך אין צימער, געטראַכט, געוואָלט זיך דערמאָנען ווער זי איז, און — אומבאַוואוסטזיניק פאַר זיך — גענומען עפּעס שרייבן. צו איר גרויס איבעראַשונג האָט זי באַמערקט, אַז דאָס איז געווען ניט רוסיש, — די שפּראַך וואָס זי האָט גערעדט, נאָר...

זי איז אַ פֿאַראינטריגירטע אַוועק אין דער פּאָליציי און געוויזן דעם פּריס־טאַוו דאָס אָנגעשריבענע. יענער האָט דאָס איבערגעלייענט און זי אָנגעקוקט:

— מאַדמואַזעל! — האָט ער באַגייסטערט אַ זאָג געטאָן. — דאָס איז דאָך אַ קאָרעקטער פֿראַנצויזיש!... דאָס מיינט, אַז אָדער איר שטאַמט פֿון אַ פֿיינער פֿאַ־מיליע, אָדער איר זענט אַ פֿראַנצויזיש־לערערין, צי גאָר אַ גוּוערנאַנטקע...

ער האָט זי דאַן רעקאָמענדירט צו סערגעי סערגעיעוויטשן אַלס גוּווער־נאַנטקע פֿאַר זיינע צוויי קינדער...

די נייע באַלעבאַטים האָבן ניט געפֿרעגט צופֿיל פֿראַגעס און אָנגענומען די רעקאָמענדאַציע פֿונעם פּריסטאַוו פֿאַר גענוג צופֿרידנשטעלנדיק. זיי האָבן זי אָנגעשטעלט און געווען שטאַרק צופֿרידן פֿון איר. די קינדער זענען גלייך געוואָרן צוגעבונדן צו איר און זי ליב באַקומען. נאָכן זומער, ווען די פֿאַמיליע האָט זיך געקליבן אַריבערצופֿאָרן אַהער, אין זייער ווינטער וואוינונג, האָבן די קינדער מאַמעש געוויינט, אַז זי זאָל מיטפֿאָרן, און אַט... אַזוי איז זי אָנגעקומען אַהער מיט זיי, וואו זי האָט זיך געפֿונען ביז היינט...

ליובע איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך אַ דריי־אויס געטאָן מיט איר פֿאַר־וויינטן פּאָנים צו שימשלען. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט, געגלעט אירע האָר, גע־צערטלט אירע באַקן, זי געקושט און ענדלעך אַ זאָג געטאָן:

— ביסט בעעמעס געווען אַ פֿאַרלוירענע, מיין טייבעלע! אָבער לאָמיר עס פֿאַרגעסן! אַבי מיר האָבן זיך ווידער געפֿונען, וועט שוין אַלץ גוט זיין!...

— יאָ, — איז ליובע מאַסקים געווען. — כאָטש מיך מאַטערט נאָך איין זאַך און איך קאָן עס ניט פֿאַרשטיין. ווי קומט עס, וואָס די פּאָליציי אין סאַמאַרע האָט מיך ניט צוריקגעשיקט קיין אישים?... באַגדאַנאָוו האָט דאָך אַוודאי אַרויס־געשיקט אַ טרעוואָגע מיט אַלע סימאָנים וועגן מיר...

שימשל האָט זי געדריקט צו זיך און געשמייכלט:

דאָס באַווייזט אויך באַגדאַנאָווס געמיינקייט. ער האָט ניט אַרויסגעשיקט קיין טרעוואָגע, ווייל ער האָט מוירע געהאַט טאָמער כאַפּט מען דיך, וועט מען זיך דערוויסן וועגן זיין נידערטרעכטיקער האַנדלונג און דאָס וואָלט צו־נישט געמאַכט זיין האָפֿענונג באַפֿרייט צו ווערן פֿון זיין פֿאַרשיקונג טאָקע פֿאַר ענלעכער זינד. האָט ער דעריבער פֿאַשעט פֿאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל־בוך, אַז דו ביסט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך דערטרינקען זיך אין דער אָזערע, און געניצט דיין מאַנ־טעלע, וואָס דו האָסט דאָרט איבערגעלאָזט ביים אַנטלויפֿן פֿון אים, פֿאַר אַ באַ־שטעטיקונג...

ליובע האָט פֿאַרלעגן אַ שמייכל געטאָן:

— זע, ווי דאָס לעבן קאָן עס אָפּשפּילן אַ שפּיצל מיט אַ מענטשן! אָפּט — ווי אין אונדזער פֿאַל — אַזוי אומנאַטירלעך, אַזוי אומגלויבלעך, אַז עס קוקט מאַמעש אויס ווי אויסגעבריט אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון דעם דערציילער...

— יאָ, — האָט שימשל צוגעגעבן, — דער איקער טאַקע דער טייל, וואָס גראָד דעם אָוונט ווען איך האָב געפּאַקט באַגדאַנאָוון, ביסטו געווען אין קלוב און...

— הערסטו, — האָט זי געלאַכט. — ווען ניט דער פאַקט, ווי וואָלטן מיר זיך צוזאַמענגעטראָפן?... דער פּאַטש, וואָס דו האָסט געגעבן באַגדאַנאָוון, דיין אויסגעשריי: „וואו איז ליובע? וואָס האָסטו געטאָן מיט איר?" — האָט דאָך מיך גערעטעוועט. אין יענעם מאָמענט איז אַלץ צוריקגעקומען צו מיר. איך האָב דאָן ווידער דערזען זיך, ליובען, צוזאַמען מיט דיר, מיין טייערער סאַמסאָן! פון גרויס אויפרודערונג האָב איך אינסטינקטיוו אויסגעשריגן דיין נאָמען, און בין גלייך געפאַלן אין כאַלאָשעס...

זי האָט אים אַ קוש געטאָן און פאַרגעזעצט:

— שפּעטער, ווען איך בין געקומען צוריק צו זיך אינעם אַמבולאַטאָריע־צימער, האָב איך לעבן זיך געזען די קראַנקן־שוועסטער, וועלכע האָט זיך גע־פּאָרעט אַרום מיר, מיר געגעבן עפּעס צום טרינקען, און טעלעכע פרויען — אַפּאַנים די וואָס האָבן מיך אַריינגעטראָגן — האָבן פון וויטן געקוקט אויף מיר און געשמייכלט. איינע פון זיי איז צוגעקומען צו מיר, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קושעטקע לעבן מיר, מיך געגלעט אַזוי צערטלעך און פריינטלעך, נאָר ווי אַ ליבע שוועסטער. זי האָט מיך באַרואיקט און דערנאָך אַ פרעג געטאָן:

— מאַדמואַזעל, — האָט זי געזאָגט, — אַז איר קענט סאַמסאָנען, אונדזער סאַמסאָנען, איז מיר קלאָר געוואָרן פון אייער אויסגעשריי. אָבער ווער זענט איר, אויב איך מעג עס פרעגן? איז אייער נאָמען עפּשער ליובע?...

— ליובע?! — האָט איך זיך דערפרייט מיט דעם אַלט־באַקאַנטן קלאַנג, פּונקט ווי איך וואָלט געפונען אַ לאַנג־פאַרלוירענעם פריינט. — יאָ, מיין נאָמען איז ליובע... אָבער פונוואַנען ווייסט איר עס, בעאייס איך אַליין האָב עס ניט געוואוסט ביז ערשט מיט עטלעכע מינוט צוריק?...

— איך ווייס עס! — האָט זי ליבלעך געשמייכלט, אַז איך האָב גלייך דער־פילט צו איר אַזאַ צוטרוי, אַזאַ וואַרעמקייט. — איך ווייס עס טאַקע פון סאַמ־סאָנען, וועלכער האָט אָט־דעם נאָמען פון זיינע ליפּן ניט אַראָפּגעלאָזט זינט ער איז אַהיימגעקומען... קומט, אויב איר פילט זיך שוין גענוג קרעפטיק, וועלן מיר צוגיין צו אים... סאַמסאָן וועט זיך אַזוי דערפרייען מיט אייך! מאַמעש אַ נייע נעשאָמע וועט איר אים אַריינגעבן!...

מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים לאָזן זיך גיין צו דיר, אָבער איך בין נאָך אַביסל צו שוואַך געווען און געבעטן זי זאָל וואַרטן אַ ווייל. זי אָבער, זי האָט מיטאַמאָל באַשלאָסן אָפּצולייגן די באַגעגעניש אויפן צווייטן טאָג. זי האָט דאָן פאַר־געשלאָגן מיך אַהיימצופירן צו מיר, אָבער דאָ האָב איך אויפן מאָמענט פאַרגעסן וואו מיין היים איז און ניט געוואוסט וואָס איך טו דאָ אין קלוב ביכלאַל. אַ גליק, וואָס דאָסמאָל האָב איך ביי זיך אין האַנט־טעשל געהאַט דעם אַדרעס פון מיינע

באַלעבאַטים, און זיך געכאַפּט, אַז איך בין ביי די מענטשן אָנגעשטעלט אַלס גוואוורנאַנטקע פאַר זייערע קינדער...

— פון יענעם אָוונט אָן בין איך שוין געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אָט־דער יונגער פרוי — ווי דו פאַרשטייסט מיסטאָמע אַליין, מיט נאַדיען, וועלכע האָט אָנגעגעבן מיין נאָמען אַלס אײדעס פאַר דיין מישפּעט, און אָט...

מער האָט שוין שימשל זי ניט געלאָזט רעדן. ער האָט זי אָנגענומען באַביידע הענט, זי שאַרף אָנגעקוקט און גאַנץ ערנסט געזאָגט:

— געדענקסטו כאָטש, געליבטע, אַז דו האָסט געהאַט באַשטימט אַ געוויסע דאַטע פאַר אונדזער כאַסענע?... האָסטו אַ באַגריף, אַז עס פעלט בלויז אַרום אַ כוידעש־צוויי צו פולע פיר יאָר פון יענעם באַשטימטן טאָג?...

ליובע האָט שטיפעריש זיך אַ דריי געטאָן מיט שימשלען ווי אין אַ טאַנץ, און געלאַכט:

— מיר וועלן ניט וואַרטן צום יאָר־טאָג, מיין טייערער! מיר וועלן אַפילע קיין איבעריקן טאָג ניט וואַרטן און... מיר וועלן אָניאָגן די פאַרלוירענע צייט. איך זאָג דיר צו, געליבטער מיינער, אַז איך וועל דיר פאַרגיטיקן פאַר דיינע און מיינע אַלע ליידן!... מיר וועלן זיך אָפּצאָלן מיט פראָצענטן אין ליבע!...

דעם זעלביקן אָוונט זענען שימשל און ליובע אַוועק אין שטאָט־סאָוועט צו רעגיסטרירן זייער כאַסענע אין דער ביוראָ. פון דאָרט זענען זיי אַוועק צו־גאַסט צו יעגאָרן און נאַדיען, קעדיי זיך צו טיילן מיט זיי אין זייער פרייד...

* * * * *

קאַפּיטל זעקס־און־צוואַנציק

באַלד נאָך זייער כאַסענע, האָבן שימשל און ליובע זיך געווענדט צו דער וואוינונג־קאָמיסיע ביים שטאָט־סאָוועט וועגן אַ דירע. דאָרט האָט מען זיי פאָרגעשלאָגן אויסצוקלייבן צווישן עטלעכע פלעצער אין טיילן פון הייזער, וועלכע זענען אָדער אינגאַנצן איבערגענומען געוואָרן בײַ רייכע לייט, וואָס אַליין האָבן זיי גאָר געוואוינט ערגעץ אין אויסלאַנד און זייערע היימען דאָ האָבן געפּוסטעוועט, אָדער אין טיילן פון אַזעלכע רייכע הייזער, וואָס בלויז עטלעכע מענטשן האָבן באַוואוינט אַ סאַך צימערן. צווישן די לעצטע איז אויך געווען אַ דירע פון דריי צימערן אין אַ באַזונדערן פליגל פונעם פּאַלאַצל, וואָס האָט געהערט צו די וואָראָנאָווס, — די פאַמיליע, וואו ליובע איז געהאַט געווען אַ גוואווערנאַנטקע. די דאָזיקע צימערן זענען מערסטנס געשטאַנען ליידיק, — צוגעגרייט פאַר געסט, וואָס פלעגן אַמאָל קומען צו זיי...

כאָטש די דאָזיקע צימערן זענען געווען נאָענט צו שימשלס קאַנצעלאַריע פון פּראָפּאַריין וואו ער האָט געאַרבעט, און ביכלאַל צוגעפּאַסט פאַר זייערע באַדערפענישן, — האָט ליובע זיך דאָך אָפּגעזאָגט זיי אָנצונעמען. זי האָט ניט געוואָלט וואוינען אין שכיינעס מיט די וואָראָנאָווס, קעדיי ניט באַלעסטיקט צו ווערן פון זיי מיט באַקאָשעס זיי אָפּצוצאָלן מיט פּאָליטישע טויוועס, דערפאַר וואָס זיי האָבן איר אַ טויווע געטאָן און זי אָנגעשטעלט פאַר אַ גוואווערנאַנטקע...

זיי האָבן אָבער אָנגענומען אַ צווייטע דירע פון בלויז צוויי צימערן, וואָס די וואוינונג־קאָמיסיע האָט געהאַט קאָנפיסקירט אין אַ רייך הויז, וואו בלויז צוויי מענטשן האָבן געהאַט באַוואוינט אַלע זיבן צימערן פאַר זיך אַליין...

שיינע טעג פון פרייד און גליק האָבן זיך דאַן צעבליט ביי שימשלען און ליובען. ליבע און גליק אין זייער פּערזענלעכן לעבן, און צופרידנקייט מיט פרייד פון זייער געזעלשאַפטלעכן. שימשל איז געווען דער באַליבטער טוער אין פּראָפּאַריין און אין סאָוועט, האָט געהאַט גרויס אָנזען און אָנערקענונג פאַר די „סוּבּאָטניקעס‟, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט און פאַרן קעסיידערדיקן אויסבעסערן די אַרבעט־באַדינגונגען ניט בלויז פאַר זיינע אייגענע האָפן־אַרבעטער, נאָר פאַר אַלע אַרבעטער אין אָדעס ביכלאַל. אין די אַרבעטער־קרייזן האָט מען אָנגעפאַנגען רעדן וועגן דערווילן אים פאַר אַרבעט־קאָמיסאַר אין שטאָט... ליובע, ווידער, — מיט איר וויסן און אינטעליגענץ, — האָט זיך גענומען צום בויען קולטור־קרייזן אין די אַרבעטער־קלובן; געזאַנג, דראַמע און טאַנץ־גרופּעס צווישן דערוואַקסענע

און קינדער, און זי איז גלייך אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ וויכטיקן קויעך אפן קולטור־געביט...

אין די פרייע אָוונטן זענען זיי ביידע — שימשל און ליובע — אַרויס אפן בולוואַר שפּאַצירן, אָרעם אין אָרעם צוגעדריקט איינער צום צווייטן און מיט אַ בלישטשענדיקער ליבשאַפט אין זייערע אויגן, — נאָר ווי אַ פּאָרל נאַאיוו־פאַר־ליבטע יונגע קינדער. זיי האָבן זיך ניט געקוועלט ווען זיי האָבן זיך געוואָלט קושן, אָדער האַלדזן, און עס איז זיי ניט אָנגעגאַנגען ווער און וויפל זייטיקע מענטשן עס האָבן דאָס געזען. זיי זענען געווען ווי אין זיבעטן הימל פון גליק...

— ווייסט, סאַמסאָן מיין ליבער, — האָט ליובע, איינמאָל בעאייס אַזאַ שפּאַציר, אַ זאָג געטאָן מיט פּאַטאָס צו שימשלען, — מיר קומט אויס ווי די רעוואָלוציע וואָלט בעקיוון געשאַפן געוואָרן פאַר אונדז, פאַר אונדזער גליק־וועגן. טו נאָר אינמיסטן אַ טראַכט, מיין טייערסטער, ווען עס וואָלט ניט געווען קיין רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונג, וואָלטן מיר דאָך ניט פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און מיר וואָלטן זיך מיסטאָמע ניט באַגעגנט... מיר זענען שולדיק אַ כויוו דער רעוואָ־לוציע, וועלכע האָט אונדז ווידער צונויפגעפירט...

— יאָ, — איז שימשל מאַסקים געווען. — מיר וועלן דער באַוועגונג דאַרפן אָפּצאָלן סיי דערפאַר וואָס זי איז געווען אונדזער שאַדכן, אַזוי צו זאָגן, און סיי ווייל זי האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט זיך ווידער צו געפינען...

און ווידער האָבן זיי זיך איינגעקלאַמערט איינער אין אַנדערן און זיך הייס צעקושט פאַר אַלעמען אין די אויגן...

זיי זענען געווען איבערגליקלעך, ליובע און שימשל. אומבאַקאַנטע האָבן זיי באַוואונדערט און פריינט זענען זיי מעקאַנע געווען. עס האָט בעעמעס אויס־געזען, אַז ליובע איז גערעכט געווען מיט איר צוזאָג אָנצויאָגן די פאַרלוירענע צייט און אָפּצאָלן אים און זיך פאַר די באַרויבטע פריידן.

אָבער ניט לאַנג האָט די פרייד זייערע אָנגעהאַלטן. נאָך איידער שימשל און ליובע האָבן באַוויזן זיך אָנצוואוואַרעמען, ווי מען זאָגט עס, אין זייער בייער דירע, — האָבן זיי זיך מיטאַמאָל געדאַרפט פאַרנעמען, אַנטלויפן אין מיטן דער נאַכט פון שטאָט, זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָרף אַ שטיקל צייט, און דאָרט לעבן אונטער פאַרשטעלטע נעמען...

די סיבע דערפון איז געווען: די סאָוועטן־מאַכט איז פּלוצים געצוואונגען געוואָרן אָפּצוטרעטן פון אָדעס, איבער דעם אָנפאַל פון גענעראַל פּעטליורעס אוקראַאינישע באַנדיטן, וואָס האָבן זיך, צעיושעטע, ווי פייער אַ צעלאָזן געטאָן איבער די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע...

דאָס גאַנצע לאַנד האָט אין יענעם יאָר איבערגעלעבט אַ שווערע צייט. עס איז פאָרגעקומען איין אויפשטאַנד נאָכן צווייטן. קיין איינציקער כוידעש איז מאַמעש ניט פאַרביי, אַז ערגעץ וואו זאָל זיך ניט באַווייזן אַ נייע באַנדע קאָנטער־

רעוואָלוציאָנערע אוואַנטיוריסטן, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין קאַמף קעגן דער סאָוועטן־מאַכט אין אַ פאַרזוך זי אַראָפּצוואַרפן...

די דאָזיקע באַנדע, פּעטליורעס, וואָס האָט מיט דער הילף פון די דייטשן זיך דערקלערט אַלס אַ רעגירונג, קלוימערשט אונטערן נאָמען און פּרעטענזיע פון אוק־ראַיִנישער זעלבסטשטענדיקייט, — איז בעעמעס געווען אַ באַנדע מערדער, און אָנגעמאַכט אַ כורבן אין אוקראַינע — דעם פּרוכטבאַרסטן טייל פון רוסלאַנד...

שיקערע, באַזויפענע, זענען זיי אינמיטן די נעכט אָנגעפאַלן אויף די שטעט און שטעטלעך, געשאָכטן מאַמעש יעדן איינעם וואָס איז זיי עפּעס ניט געפעלן, און גערויבט זייער האָב און גוטס... מיט אַ סאַדיסטישער רעציכע האָבן זיי זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די אידן אין די קליינע שטעטלעך, זיי פּאַגראָמירט און דער־האַרגעט... מאַסן אידישע יעשואָוים זענען אַוועק מיטן רויך, און די איינוואוי־נער — אומגעבראַכט, מאַמעש אויסגעשאָכטן ווי די קעלבער...

אָבער מיט וויפל רוגזע און בלוטדורשטיקייט זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף די אידן, — האָבן זיי מיט נאָך פיל מער אַכזאָריעס זיך גענומען צום אויסראָטן די קאָמוניסטן — אידן ווי ניט־אידן — דער איקער, די פירנדיקע טוער...

אָן שום ספּעציפישער באַשולדיקונג, אויספאָרשונג, אָדער אַ מישפּעט, האָבן זיי מיט מעסערס און העק געקעפּט די געפאַנגענע, וואָס האָבן ניט באַוויזן צו אַנטלויפן און באַצייטנס זיך אויסבאַהאַלטן פון די מערדער... הונדערטער אַזעלכע פירער האָבן זיי געקוילעט — אָט אַזוי ווי מען קוילעט כאַזירים...

עס איז גענוג געווען, אַז עמעצער זאָל זיי צושטעלן אַ מעסירע, אָדער סתם אָנווייזן אויף וועמען, אַז ער איז אַ באָלשעוויק, — און די באַנדיטישע האַק האָט יענעם דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַקט... מיטגלידער פון די אָרטיקע סאָוועטן, פירער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, און טוער פון אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועמען זיי האָבן נאָר געכאַפּט, — האָבן זיי געפייניקט מיט קאָלערליי אַכזאָריעסן, געברענט די הויט, געצויגן די נעגל, אַריינגעקלאַפּט לאַנגע טשוועקעס אין די נאָז־לעכער אַריין, אָפּגעשניטן די סעקסועלע אָרגאַנען, אָדער גאָר אויסגעברענט די אויגן מיט טעמפּע אָנגעגליטע אייזנס...

באַלד ווי זיי זענען נאָר אַריין אין אַדעס האָבן זיי קוידעם־קאָל באַפרייט פון די טפיסעס יעדן מערדער, ספּעקוליאַנט, און — דער איקער — פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרן, וואָס די סאָוועטן האָבן געהאַט פאַרהאַלטן פאַר אויספאָרשונג און מישפּעט. זיי האָבן די דאָזיקע לייט צוריקגעשטעלט אויף זייערע פריערדיקע פּאָסטנס, אָדער זיי באַשטימט פאַר אָנפירער פון זייערע באַנדיטן־באַנדעס...

צווישן די דאָזיקע באַפרייטע האָבן זיי אויך אַרויסגעלאָזט פון טפיסע דעם געוועזענעם קאַפּיטאַן באַגדאַנאָוו, וואָס איז געווען פאַרהאַלטן פאַר אַן אויספאָר־שונג, און — אַזוי ווי ער איז געהאַט געווען אַ פּאָליציימייסטער — אים באַשטימט פאַרן הויפּט פון דער לאָקאַלער פּאָליציי אין אַדעס...

מיט בלוטדורשטיקן הונגער נאָך נעקאָמע, האָט ער, באָגדאַנאָוו, זיך אַ לאָז אַרויס געטאָן איבער דער שטאָט צו זוכן שימשלען און ליובען, אָבער זיי ניט געקאָנט געפינען. ווי דורך אַ נעס איז זיי געלונגען צו אַנטלויפן עטלעכע שאָ פאַרן אַריינמאַרשירן פון פּעטליורעס באַנדעס, און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָרף בײַ יעפימס מישפּאָכע...

אַנטוישט און צעיושעט, וואָס אים איז ניט געלונגען צו כאַפּן אָט־די צוויי מענטשן וועמעס בלוט ער האָט געוואָלט זען, און אויפגעטראָגן איבער דעם, וואָס די האַפן־אַרבעטער האָבן געטאַינעט, אַז זיי ווייסן ניט וואו זייער געוועזענער פירער איז אַהינגעקומען, — האָט באָגדאַנאָוו באַפוילן זײַנע באַנדיטן צו שלאָגן מאַקעס־רעצעך אַ צאָל האַפן־אַרבעטער און זיי געלאָזט ליגן באַוואוסטלאָז אף דער ערד. אין מיטן יענער נאַכט איז ער מיט אַ צענדליק פון זײַן באַנדע אָנגעפאַלן אף יעגאָרס וואוינונג, און האָבן אים — דעם אָנפּיסיקן, אומבאַהאָלפענעם מענטש — אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ בעאייס ער איז געלעגן אין בעט לעבן נאַדיען. זי איז אפן מאָמענט געבליבן ליגן אַ פאַרשטומטע פון אויפשוידער און ניט געקאָנט אַפילע אַ קלאַנג אַרויסברענגען. באַלד האָט זי — אַ האַלב־נאַקעטע — זיך געוואָלט לאָזן לויפן מיט געשריי אף דער גאַס אַרויס, אָבער די באַנדיטן האָבן זי אַ כאַפּ געטאָן, זי אַ שליידער געטאָן צו דער ערד און אַריינגעיאָגט אַ מעסער אין איר האַרץ אַריין, קעדיי זי זאָל קיין איידעס ניט קאָנען זײַן...

שכיינים האָבן אָבער יאָ געזען ווער עס איז אַריין און ווער עס איז אַרויס פון דאָרט יענע נאַכט, און האָבן עס מיט צעוויטיקטן פאַרדראָס אײַנגעקריצט אין זיך. זיי האָבן גאָרניט גערעדט, נאָר אַרומגעגאַנגען צעפּייניקטע און — ווי די גאַנצע שטאָט — געלעבט אין שרעק איבער דעם טעראָר. די אַרבעטער, — וואָס האָבן פאַר די פאַרגאַנגענע עטלעכע כאָדאָשים, צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן, געהאַט פאַרזוכט דעם טאַאַם פון מענטשלעכער ווירדע, בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען און אַ לײַכטער, באַקוועמער לעבן, — זענען די ערשטע טעג, ווען דאָס אַלץ איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, אַרומגעגאַנגען ווי פאַרטשמעלעטע. די קאָנפּיסקירטע אַרבעטער־קלובן זענען אומגעקערט געוואָרן צו די פריערדיקע באַזיצער, און זיי, די אַרבעטער, זענען ווידעראַמאָל געצוואונגען געוואָרן צו וואַלגערן זיך און עסן אין די ביליקע טיי־טראַקטירן און קנײַפּעס, ווי אַמאָל...

אײַניקן זענען זיי אָבער פאָרט געקומען צו זיך פון דער צעטומלטקייט, און האָבן אָנגעהויבן מאַסנווײַז זיך אַרויסגאַנווענען פון שטאָט, זיך דערשלאָגן צו די אַרומיקע וועלדער, וואו עס האָבן שוין עקזיסטירט, אָדער געהאַלטן זיך אין פאָרמירן פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, אף צו שטעלן זיך אין קאַמף קעגן די פּעטליורישע באַנדעס און די רומענישע אַרײַנדרינגער, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט בעסאַראַביע און טיילן פון אוקראַינע.

שימשל האָט גלײַך איבערגענומען די פירערשאַפט איבער אַ פּאַרטיזאַנישן

אָטריאַד, און ליובע — צו באַשאַפן און אָנפירן מיט אַן אימפּראָוויזירטן רויטן קרייץ. זי האָט אין גריבער און זעמליאַנקעס אין וואַלד איינגעשטעלט אַ מין שפּיטאָל אַף צו העלפן די פאַרוואונדעטע און קראַנקע פּאַרטיזאַנען...

נאָך אַ צאָל ביטערע שלאַכטן האָבן די פּאַרטיזאַנען ענדלעך באַזיגט די רומענישע אַריינדרינגער, אַז יענע האָבן געמוזט אָפּטרעטן און בעטן שאָלעם. דורך אַ ריי געלונגענע מאַנעוורעס און אַטאַקעס האָבן זיי אויך באַוויזן צו פאַרטרייבן די פּעטליורישע באַנדעס פון אָדעס...

שימשל און ליובע — פּונקט ווי אַלע אַנדערע פּאַרטיזאַנען, וואָס האָבן זיך פריידיקע צוריקגעקערט אין שטאָט אַריין — זענען געווען מאַמעש צעבראָכענע ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם אַכזאָריעסדיקן מאָרד פון יעגאָרן און נאַדיען. שימשל האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז געווען באַגדאַנאָוס פּערזענלעכע נעקאָמע אין אים, און ער האָט זיך ניט געקאָנט שענקען, וואָס יענעם איז געלונגען צו אַנטלויפן פון שטאָט צוזאַמען מיט די באַנדיטישע רעשטלעך...

ווי צו באַגיטיקן דער שטאָט פאַר דעם פאַרלוסט פון יעגאָרן, האָט שימשל זיך מיט נאָך מער פלייס ווי פריער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון סאָוועט און פראָפאַריין. ער האָט פאָרגעשלאָגן אָנצורופן אַף יעגאָרס נאָמען דעם קלוב, וואָס איז ווידעראַמאָל איבערגענומען געוואָרן פאַר די אַרבעטער, און די ביבליאָטעק — אַף נאַדיעס נאָמען, אַז עס זאָל דינען ווי אַ דענקמאָל פאַר זייער קאָוועד וועגן... מיט דער גאַנצער ענערגיע זיינער האָט שימשל זיך אַ נעם געטאָן צוריק אויפצובויען די כורוועס, וואָס די פּעטליוראָווצעס האָבן געלאָזט נאָך זיך אין אַלע געביטן פון דאָרטיקן לעבן...

עטלעכע כאַדאָשים זענען פאַרביי, און עס איז געווען צו האָפן, אַז איצט, נאָכן שליסן דעם שאָלעם מיט די דייטשן, וועט דאָס לאַנד אָנהויבן קומען צו זיך און וועט אין רו און אין פרידן זיך באַנייס קאָנען נעמען צום בויען און צו באַפעסטיקן די אַרבעטער־מעלוכע, און פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע, פּונקט ווי דעם קולטורעלן מאַצעוו פון די אַרבעטער־מאַסן אין שטאָט...

די באַזיגטע קלאַסן, אָבער, די וואָס זענען אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זייער גרענעצלאָזער הערשאַפט איבערן פאָלק, — האָבן אַלץ ניט געלאָזט דאָס לאַנד צו לעבן אין פרידן און קומען צו זיך. דעם גאַנצן זומער זענען פאָרגעקומען אָרגאַניזירטע אויפשטאַנדן, צוזאַמען מיט אויסלענדישע אינטערווענציעס. אפן ווייטן מיזרעך איז וולאַדיוואָסטאָק פאַרנומען געוואָרן פון יאַפּאַנישע, ענגלישע און אַמעריקאַנישע מיליטער־טיילן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזעצט פון שיפן. אין סיביר האָט געהערשט דער בלוטיקער אַדמיראַל קאָלטשאַק. אין דאָנער ראַיאָן האָט געבושעוועט דער גענעראַל קאָרנילאָוו, און נאָכדעם ווי ער איז דערהאַרגעט געוואָרן אין שלאַכט, האָט דער גענעראַל דעניקין איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער די דאָרטיקע ווייס־גוואַרדייער. אין פיל שטעט פון אוקראַינע האָבן נאָך אַלץ גע־

הערשט די ספּעראַטיסטישע מערדער־באַנדעס, אָבער אונטער אַ נייעם הויפּט — דעם העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי, וועלכער האָט זיך מיט גאָרניט אונטערשיידט פון זיין פאָרגייער פּעטליורע, סיידן עפּשער מיט נאָך מער אַכזאָריעסדיקייטן...

סאָף יאָר איז אָדעס — פּונקט ווי אַלע אַנדערע האַפן־שטעט ביים שוואַרצן יאַם — פאַרנומען געוואָרן פון פראַנצויזיש־ענגלישן מיליטער און מאַטראָזן...

ערשט אין פרילינג איז דער יונגער רויטער אַרמיי — צוזאַמען און מיט דער הילף פון די אָרטיקע אַרבעטער — געלונגען צו צווינגען די פרעמדע אַריינדרינגער זיך צוריקצוציען, און ווידער איינצושטעלן די סאָוועטישע אָרדענונג אין שטאָט. אָבער עטלעכע כאַדאָשים שפּעטער, אין כוידעש יולי, זענען ווידער אָנגעפאַלן אוקראַינישע באַנדעס — דאָסמאָל אונטער דער פירערשאַפט פון דעם קלוימערשטן אַנאַרכיסט, — דעם באַנדיט מאַכנאָ...

ווידעראַמאָל איז דער סאָוועטן־מאַכט אויסגעקומען זיך צוריקצוציען פון דער גרויסער האַפן־שטאָט. ווידער האָבן שימשל און ליובע — צוזאַמען מיט דער מערסטער צאָל פירער און טוער — געדאַרפט אַנטלויפן אין די וועלדער אַריין... ווידער האָט שימשל זיך געשטעלט בעראָש פון אַ פאַרטיזאַנען־אָטריאַד און העלדיש געקעמפט קעגן די נייע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע כוליגאַנישע באַנדעס...

אין איינעם אַזאַ קאַמף, — אינמיטן דער נאַכט, און שוין ביים צוריקנעמען די שטאָט פון זיי, באַ די סאַמע טויערן אירע, — זענען פּלוצים פון הינטן, פון עפּעס אַ באַהעלטעניש אַרויס, אָנגעלאָפן אַ היפּשע גרופּע באַנדיטן און... זיי איז געלונגען צו באַפאַלן און כאַפּן שימשלען אַ לעבעדיקן, בעאייס ער האָט אויף אַ וויילע זיך געדאַרפט אָפּזונדערן פון זיין אָפּטייל...

צעיושעטע האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף שימשלען, אים גענומען שלאָגן מיט די פריקלאַדן פון זייערע ביקסן איבערן קאָפּ, אין די זייטן, און ביכלאַל וואו די קלעפּ האָבן דערגרייכט. שימשל האָט געקעמפט, אָבער דאָך אַוועקגעפאַלן אַ באַזיגטער. דאַן האָבן די באַנדיטן גענומען ווילד אַרומטאָפּטשען מיט די שטיוול איבער זיין קערפּער ווי אין אַ ווילדן ריטואַל־טאַנץ. שימשל האָט זיך געוואָרפן, געפּרואווט זיך אַ דריי־טאָן קעדיי צו פאַרהיטן זיין קאָפּ, אָבער ניט געקאָנט זיך באַוועגן. דער קאָפּ זיינער — אַ צעקלאַפּטער — האָט געבלוטיקט. אין די אויגן זיינע — אָנגעדראָלענע און פאַרלאָפענע — האָט פיינפול געשווינדלט און מאָדנע געפינקלט. אין די אויערן — האַלב־אָפּגעריסענע — האָט געזשומעט און געקלונגען — נאָר טויב צו ווערן. ער האָט געפּרואווט שרייען, רופן נאָך הילף, אָבער זיין מויל איז געווען פול מיט אַ קלעפּיקער פייכטקייט, און די שווערע באַשטיוולטע פיס פון די באַנדיטן האָבן ווייטער געטאַנצט זייער ווילדן רעציכעדיקן טאַנץ איבער אים, איבערן גאַנצן קערפּער זיינעם...

מער האָט שוין שימשל ניט געקאָנט איבערטראָגן. אַ מאַכטלאָזער האָט זיין קערפּער זיך נאָכגעגעבן, זיך אויסגעצויגן און געוואָרן לויז, צעלאַפּעט, — ווי

אַ בינטל שמאַטעס. ער איז געלעגן פלאַך צו דער ערד, פונקט ווי ער וואָלט שוין אינגאַנצן מער ניט עקזיסטירט. ער איז שוין געלעגן שטיל, מאַכטלאָז און באַ־וואוסטלאָז. ער האָט שוין מער ניט געזען, מער ניט געהערט, וואָס אַרום אים קומט פאָר. ער איז געווען ווי אויסגעטאָן פון אַלע געפילן און געדאַנקען...

די באַנדיטן האָבן דאַן געבונדן שימשלען די הענט, די פיס, און אים, — דעם געבונדענעם קערפער — אַרויפגערוקט אַף אַ לאַנגן דראַנג, ווי אַ געפּענטעטע כאַיע, און פיר געזונטע באַנדיטן האָבן אים אַזוי, — מיטן נאָכהענגענדיקן קאָפּ — געטראָגן איבער די גאַסן פון שטאָט, אפן וועג צו זייער הויפּט־קוואַרטיר...

אַריינגעבראַכט אַהין, אין אַ גרויסן צימער, האָבן די באַנדיטן אַ וואָרף געטאָן שימשלען אַף דער ערד, אַרויסגעצויגן דעם דראַנג פון צווישן די געבונדענע הענט און פיס, און זיך אַוועקגעשטעלט אויסגעצויגן־גלייך צו הערן דעם באַפעל פון זייער עלטסטן וואָס וויטער צו טאָן מיט דעם געפאַנגענעם... ,

יענער — אַ יונג דאַר אָפּיצירל — האָט מיטן פוס אַ שטורכע געטאָן שימשלס פאַרכאַלעשטן קערפער, אַ וויז געטאָן די באַנדיטן אַז זיי זאָלן אים אויפבינדן און אַוועקזעצן אַף איינעם פון די שטולן אַרום דעם גרויסן דעמבענעם טיש, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע מיטן צימער...

שימשל איז אָבער אַלץ געלעגן באַוואוסטלאָז און זיך ניט באַוועגט. דאָס אָפּיצירל האָט דאַן באַפוילן די באַנדיטן אים אָפּצוואַשן מיט קאַלטן וואַסער, אָבער שימשל האָט זיך אויך דערפון אַפילע קיין צאַפּל ניט געטאָן. דאָס יונגע אָפּיצירל איז געוואָרן בלאַס, זיך אָפּאַנים דערשראָקן און מאַשמאָעס געמיינט, אַז דער געפאַנגענער זיינער איז טויט און ער וועט דערפאַר קריגן אַ שאַרפן אויסרייד פון דער העכערער נאַטשאַלסטווע. ער האָט זיך פלוצים אַ גלייך־אויס געטאָן, אַנגעצויגן דעם מונדיר אַף זיך, אויסגעגלייכט דעם פּאַסיק מיט דער שווערד, און איז אַריין אין אַ דערבייאיקן צימער, וואו די העכערע אָפיצירן פונעם באַנדיטן־שטאַב זענען געזעסן און געשיקערט. אַ שטאַמלדיקער האָט ער זיי געמאָלדן וועגן זיין כשאַד און געבעטן, אַז אַ דאָקטער זאָל אַריינגיין אַ קוק טאָן...

פון טיש האָט זיך דאַן פויל אויפגעהויבן אַן אַלטער אָנגעפרעסענער מאַן אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם, — אָפּאַנים אַ דאָקטער, און איז מיט פלאָנטערדיקע פיס נאָכגעגאַנגען דעם יונגן אָפּיצירל. ער האָט אָנגעזאָטלט זיינע גאָלדענע פענסנע, זיך אַראָפּגעבויגן האַלב־זיצנדיק אַף די קני צום ליגנדיקן קערפער, אַ טאָפּ געטאָן שימשלס האַנט, צוגעלייגט זיין האַנט צו יענעמס האַרץ, און מיט אַ פאַר־שיקערט קאָל אויסגעשלוקעכצט:

— ער לעבט נאָך, דער הונט! באַלד וועל איך אים ברענגען צו זיך!...

מיט די גראָבע פינגער זיינע האָט יענער פעסט אַ דריק געטאָן די שלייפן ביי שימשלען, פון וואָס ער האָט זיך אַ לייכטן ריר געטאָן און אויסגעקרעכצט:

— או־או־או!...

ער האָט זיך געפּרוּווט אויפזעצן, שימשל, אָבער אַפּאָנים עס ניט געקאָנט באַווייזן. ער האָט געאָטעמט שווער און געדיכט, נאָר ווי עפּעס אַ קאַליע־געוואָרענע פּאָמפּע. דער גאַנצער קערפּער זיינער האָט געשמאַרצט. אין די אויגן זיינע האָט געברענט ווי שאַרפער שפּירט אַף אָפענע וואונדן, און די הויט האָט אים געביסן ווי ער וואָלט געווען אַן אָפּגעשונדענער. אַ קאַלטער שווייס האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבער זיין פּאָנים און פּלייצע, און געשטאָכן דאָס לייב ווי מיט נאָדלען...

שימשל האָט גענומען דרייען מיטן קאָפּ, ווי צום אַרומקוקן זיך וואו ער געפינט זיך, אָבער גאָרניט געקאָנט זען — אַ כוץ שוועבנדיקע פייער־רינגען און פלעמלעך פון פאַרשידענע פאָרמען און קאָלירן, וואָס זענען געפלויגן אַרום אים אין אַן אומענדלעך־שוואַרצער פינצטערניש. ער האָט קוים אויפגעהויבן אַ האַנט צום פּאָנים, אַ טאַפּ געטאָן און דערפילט עפּעס אַזאַ מאָדנע האַלב־פאַרטרוקנטע געגליווערטע מאַסע, וואָס האָט זיך געצויגן פון די שמאָלע שפּעלטלעך אין צווישן זיינע פאַרמאַכטע און אָנגעדראָלענע אויגן־לעדלעך. אין מויל האָט ער געפילט דעם פריקרע־זיסן טאַאַם פון פאַרבאַקן בלוט. פאַרשטאַנען האָט ער, אַז ער איז בלינד, אָבער ניט געקאָנט פעסטשטעלן צי די בלינדקייט זיינע איז אַ צייטווייליקע, אָדער אַן אייביקע. באַגריפן האָט ער בלויז, אַז די באַנדיטן האָבן אים געכאַפּט און אַז זיי זענען פייאיק אַף אַלעם... ער האָט געפּרוּווט זיך דערמאָנען ווי אַזוי דאָס איז געשען, ווען, ווי לאַנג צוריק, — אָבער ניט געקאָנט באַשטימען אַף זיכער וועגן דעם. אויסגעקומען איז אים, אַז דאָס האָט אַוואַדע געמוזט געשען שוין לאַנג, זייער לאַנג, מיט טעג אָדער עפּשער וואָכן צוריק. אָבער די פרישע שאַרפע ווייטיקן אין זיין קערפּער און אין די אויגן האָבן אים אָנגעדייט, אַז דאָס איז געשען ערשט היינט, אַביסל פריער...

מיטאַמאָל האָט שימשל דערפילט, ווי עטלעכע פּאָר הענט האָבן אים אַ נעם־געטאָן, אים אויפגעהויבן פונעם פלאַץ, אים צוגעטראָגן עטלעכע טריט, און אים אַוועקגעזעצט אַף אַ שטול. זיינע לויז־נאָכהענגענדיקע הענט האָבן אָנגעטאַפּט דאָס געזעס אונטער זיך, די מאַסיווע געטאָקטע פיס פון דער שטול, און באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער זיצט לעבן עפּעס אַ גרויסן טיש...

אַרום אים, האָט שימשל געהערט, איז שטיל געוואָרן. אַזוי שטיל, עפּעס נאָר ווי ער וואָלט געווען איינער אַליין אַף דער וועלט. ער האָט ניט געהערט קיין שום גערויש אָדער שאָרך פון אַ וועלכער עס איז באַוועגונג...

שימשל האָט זיך אָנגעשטרענגט, אויפגעהויבן די הענט זיינע און מיט זיי גענומען אַרומשווימען אין דער לופט אַרום זיך, ווי געווייינטלעך אַ בלינדער. ער האָט געוואָלט אָנטאַפּן עפּעס אַ זאַך, וואָס זאָל אים געבן אַ באַגריף וואו ער געפינט זיך. ער האָט אַרומגעטאַפּט דעם מאַסיוו־שווערן, גלאַט־פּאָלירטן טיש, און לויט דעם באַגריפן, אַז ער געפינט זיך אין איינעם פון די צימערן אין דער געביידע פונעם שטאָט־סאָוועט. מיד איז ער צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צום טיש־פלאַך און

געפּרואווט זיך דערמאָנען ווי אַזוי ער האָט פאַרלוירן די וואַכזאַמקייט זיינע און דערלאָזט אַז מען זאָל אים כאַפּן. געהאַפּט האָט ער, אַז דאָס אַלץ איז בלויז אַ ווילדער קאָשמאַר אַזאַ, אַ ביטערער כאַלעם, וואָס וועט מיסטאָמע באַלד פאַרביי־גיין... ער האָט געטומען טראַכטן וועגן ליובען, וואָס עס איז געשען מיט איר, און זיך געשראָקן צי זי איז אַמאָל כאַלילע אויך ניט אַריינגעפאַלן אין די באַנ־דיטישע לאַפּעס אַריין...

ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ שטאַרקן דאַרשט, און אויסגעצויגן די הענט, זוכנדיק מיט זיי אַפן טיש עפּשער וועט ער געפינען עפּעס צו טרינקען. ער האָט טאַקע אָנגעטאַפּט אַ קאַראַפקע מיט וואַסער, געוואָלט זי צוטראָגן צום מויל, אָבער גלייך האָט ער דערפילט אַ זעץ איבער דער האַנט, און אַ ברומענדיק קאָל האָט זיך פון ערגעץ לעבן אים פּלוצים אַ טראַג געטאָן:

— לאָז אָפּ, הונט איינער! אַז מען וועט דיר געבן — וועסטו טרינקען!...

— יאָ, אויב מען וועט דיר געבן! — האָט אַ צווייטע שטימע געכויזעקט.

שימשל האָט שוין איצט געוואוסט, אַז ער איז ניט אַליין, אַז ער איז באַוואַכט פון סאָנים, וואָס רייצן זיך און כויזעקן איבער אים. ער האָט דעריבער גלייך באַשלאָסן צו באַהאַלטן זיינע ווייטיקן און אונטערדריקן זיין דאַרשט, קעדיי ניט אַרויסצואווייזן פאַר זיי זיין געפאַלנקייט, זיין צעווייטיקטקייט...

באַלד האָבן זיך דערהערט טריט, — שאַרפע, שווערע און רעגלמעסיקע. ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און, לויט דעם קלאַנג פון די טריט, דערקענט, אַז דאָס זענען אָפיצירן מיט שפּאָרן אַף די שטיוול און שווערדן ביי די זייטן... שימשל האָט מיטן גאַנצן קויעך זיך באַהערשט, זיך אויסגעגלייכט און אָנגעשטעלט דעם קאָפּ זיינעם דירעקט אין דער ריכטונג פון די אָנקומענדיקע טריט...

לויטן גערוק פון די שטולן האָט שימשל פאַרשטאַנען, אַז די אַריינגעקומענע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַרום טיש, לעבן אים, און ער האָט באַגריפן, אַז מיסטאָמע וועלן זיך באַלד אָנהויבן אויספרעגענישן. און טאַקע אַזוי: גלייך האָבן זיך אַף אים אַ שאָט־געטאָן פראַגעס איינע נאָך דער אַנדערער:

— דיין נאָמען איז סאַמסאָן?! — האָט איינער מיט אַ שווער־פאַרשיקערטער שטימע אַ ברום געטאָן. — דו ביסט עס דער קאָמאַנדיר פון די באַלשעוויסטישע פּאַרטיזאַנען?!...

שימשל האָט גאָרניט געענטפערט.

— מען פרעגט דאָך דיך, הונט איינער! — האָט אַ צווייטער, לעבן שימשלען אים אַ שטויס געטאָן אין דער זייט. — ענטפער ווען מען פרעגט דיך!...

— ווער פרעגט עס מיך? — האָט שימשל גאַליק אַ מורמל געטאָן.

— געפינסט זיך פאַרן הויפּט־שטאַב פון דער אוקראַאינישער פעלד־אַרמיי, דו פאַרשאָלטענער זשידיוגע! — האָט די פאַרשיקערטע שטימע געברומט — וועסט מוזן ענטפערן אַף די פראַגעס, וואָס וועלן דיר געשטעלט ווערן!...

— וואו געפינט זיך דער שטאַב פון די פּאַרטיזאַנען, — די פירער פונעם מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט? — האָט אַ דריטער, מיט אַ דינינקער, ווי אַ פּרויען־שטימע, געפרעגט.

שימשל האָט אַלץ געשוויגן.

— ענטפער, הונט איינער! — האָט די פאַרשיקערטע שטימע ווידער אַ ברום געטאָן און דערביי האָט שימשל דערפילט אַ קלאַפּ איבערן קאַרק מיט עפּעס אַזאַ פלאַכער זאַך, ווי דאָס שיידל פון אַ שווערד. — רעד, דו פאַרדאַמטער באָלשעוויק! ענטפער, איידער מען נעמט שינדן די הויט פון דיר לעבעדיקערהייט!...

שימשל האָט אַפילו קיין באַוועג ניט געטאָן מיט די ליפּן.

— ווער איז דער הויפּט־פירער? — האָט די צווייטע שטימע ווידעראַמאָל אַ פרעג געטאָן. — וואו געפינט ער זיך?...

— עס וועט זיין פיל בעסער פאַר אייך, יונגערמאַן, — האָט די דריטע — די ווייכע פרויען־שטימע, געפּרואווט צערטלעך רעדן צו אים. — אַז איר וועט אויסזאָגן וואָס מען פרעגט ביי אייך, וועט מען האָבן איינזען מיט אייך... יאָ, איר קאָנט זיך ראַטעווען דאָס לעבן מיט ווערטער, מיין פריינט!...

— אָ, גענוג זיך צו שפּילן מיט אָט־די כעוורע! — האָט שוין אַ פערטע, גאַנץ אומגעדולדיקע שטימע, צוגעוואָרפן. — אַז מען וועט שניידן דאָס פליש פון אים וועט ער בעמיילע נעמען רעדן!...

די שטימע פון לעצטן איז שימשלען אויסגעקומען זייער קענטלעך. און כאָטש ער איז געווען אָנגעפילט מיט גרויס פּיין און ווייטיק, האָט ער זיך דאָך געכאַפּט, אַז דאָס איז געווען באַגדאַנאָווס שטימע. פון קאַאַס האָט שימשל אַזש אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און פאַרדריקט די פויסטן פון זיינע נאָכבאַמבלענדיקע הענט אונטן, ביי די זייטן פון דער שטול...

ער, שימשל, האָט אָף די אַלע צוגעוואָרפענע פראַגעס ניט געענטפערט ניט מיט קיין וואָרט און אַפילו ניט מיט קיין גרימאַסע אפן פּאָנים, פונקט ווי ער וואָלט געווען ניט נאָר בלינד, נאָר אויך טויב און שטום. ער האָט מיט אַ קאַלטן, גאָרניט־זאָגנדיקן פּאָנים געקוקט פאָרויס פון זיך און געשוויגן...

זיין שווייגן האָט אָפּאָנים שטאַרק צערייצט זיינע פּייניקער, און זיי האָבן זיך ערשט אַ נעם געטאָן צו אים אָף זייער אויפן. פלוצים האָט שימשל דערפילט אַ שאַרפן ברי אָף דער שפּיץ־נאָז, ווי מיט אַ ברענענדיקן ציגאַר אָדער אַן אָנגע־גליטן אייזן, אַז ער האָט אַזש אַ צי־צוריק געטאָן דעם קאָפּ זיינעם. אָבער דאָ האָט ער ווידער דערפילט אַ זעץ איבערן קאַרק מיטן שווערדן־שיידל, אַז עס האָט זיך אים געדאַכט ווי דער קאָפּ ווערט ביי אים אַראָפּגעהאַקט...

גערעדט האָט ער אָבער אַלץ ניט, שימשל, אַפילו קיין קרעכץ ניט געטאָן. ער איז געזעסן, געהאַלטן די הענט אַראָפּגעהאָנגען אונטן, און דערביי פלוצים אַ טראַכט געטאָן:

„אָ, וואָלט איך נאָר געקאָנט זען כאָטש איין רעגע, געפינען עפּעס אַ זאַך מיט וואָס זיי צו דערלאַנגען, וואָלטן זיי מיין ענטפּער שוין געדענקט אף זייערע לעבנס לאַנג. אַזוי אָבער...״

ווידעראַמאָל האָבן זיך אף שימשלען אַ שאָט געטאָן די פּראַגעס, באַגלייט מיט זידלערייען און קלעפּ. שימשל איז אָבער אַלץ געזעסן שטייף, געקוקט אין איין פּונקט פאָרויס פון זיך, ווי עס וואָלט אים גאָרניט אָנגעגאַנגען. ער האָט געקריצט מיט די ציין, פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. אין געדאַנק ביי זיך האָט ער געפּרוווט אויסרעכענען אַלע צימערן פון דער געביידע, געוואָלט טרעפן וואו, אין וועלכן אָפּטייל ער געפינט זיך; אפן וויפלטן שטאָק דאָס צימער איז, וואו די פענצטער זענען, וויפל טירן עס זענען דאָ אין צימער און וואוהין זיי פירן, — עפּעס נאָר ווי ער וואָלט זיך געקליבן צו אַנטלויפן פון דאַנען און דערמיט אויסקויפן זיין דורכפאַל. ער האָט זיך אַלץ געגריזשעט איבער זיין אומגעלומפּערטער ניט־פּאָרזיכטיקייט אָפּצוטיילן זיך אין אַזאַ מאָמענט פון זיין אָטריאַד און געבן די באַנדיטן די געלעגנהייט אים צו פאַנגען... אָבער פיל מער ווי זיין אייגענער וויטיק האָט אים געפּייניקט די זאָרג וועגן זיין אָפּטייל און וועגן ליובען... די איינציקע האָפענונג זיינע איז געווען, אַז די רויטע אַרמייער און די פּאַרטיזאַנען וועלן זיגן און אָפּצאָלן די באַנדיטן פאַר אַלעם. ער האָט דעריבער זיך שוין מער ניט צוגעהערט צו די פראַגעס, וואָס האָבן זיך געשאָטן אף אים, איינע נאָך דער אַנדערער אָן אַן אויפהער. אָנשטאָט דעם האָט ער גאָר געפּרוווט אויפכאַפּן די קלאַנגען פונעם שיסעריי, וואָס האָט זיך געטראָגן פונוויטן, און געוואָלט אָפּשאַצן אף וויפל און ווי גיך עס רוקט זיך אַהערצו. באַגריפן האָט ער, אַז די שלאַכט־ליניע צווישן די רויט־אַרמייער און די באַנדיטן ווערט אַלץ נעענטער און נעענטער, און ער איז געווען זיכער, אַז די פאָלקס־קויכעס וועלן גאָר איבגיכן זיגן...

ער האָט אַ שטילן שמייכל געטאָן, שימשל, אָבער פלוצים ווידער דערפילט אפן קאַרק אַ קלאַפּ מיטן שווערדן־שיידל, און באַלד — אַ צווייטן און אַ דריטן. צווישן די קלעפּ האָט ער געהערט אַ בייז זידלעריי און וואָרענונג:

— פאַרשאָלטענער קאָמוניסט־באָלשעוויק! פאַרפלוכטער זשידיוגע! מיינסט, אַז דו וועסט אַזוי טרוקן אָפּקומען? מיר וועלן פאַסנווייז דיין לייב שניידן! מיר וועלן דיין פלייש און בלוט אויסמישן מיטן פלייש און בלוט פון דיין הורישער ווייב, דו הינטישער זון, דו!...

שימשל האָט דערקענט אין דעם באַגדאַנאָווס שטימע, זיין געלעכטער, זיין גלאַטיקן כויזעק, און ער האָט אַזש פאַרקריצט מיט די ציין:

„הייסט עס״, — האָט ער אַ ציטער געטאָן, — „זיי האָבן געפּאַקט ליובען?...״

ווידער איז געפאַלן אַ קלאַפּ איבער זיין קאַרק. שימשל האָט אַזש אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ אף פאָרויס, ווי צו אַנטלויפן פונעם קלאַפּ, אָבער דאָ האָט ער

ווידער דערפּילט אַ שאַרפן ברי אין זיין שפּיץ נאָז פּונקט ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן. ער האָט אינסטינקטיוו אַ הייב־אויף געטאָן אַ האַנט, זיך אַ רייב געטאָן דאָס אָפּגעבריטע פּלאַץ, אָבער גלייך ווי ער האָט די האַנט צוגענומען, — האָט ער דערפּילט נאָך אַ שאַרפערן ברי, אַז ער האָט אַזש גענומען וואַרפן און דרייען מיטן קאָפּ קעדיי אויסצומיידן דאָס ניט־געזעענע אָנקומען פון דעם פייער, וואָס האָט זיך קעסיידער איבערגעכאַזערט, צוזאַמען מיט אַ ציניש געלעכטער און אָפּשפּאָט איבער זיין אומבאַהאָלפנקייט...

איצט האָט שוין שימשל אָנגעהויבן ברומען ווי אַ צערייצטע, צעווילדעוועטע כאַיע. אין דער דאָזיקער מינוט האָט ער פּלוצים דערפּילט אין זיך אַזויפיל קויעך, אַזויפיל ענערגיע, אַז עס האָט אים אַזש פון אָרט געהויבן. אים האָט מיטאַמאָל באַהערשט אַ זיכערקייט, אַז ער וואָלט איצט געקאָנט מיט די בלויזע הענט זיינע דאָס גאַנצע הויז איבערקערן, ווען ער וואָלט נאָר געהאַט אין וואָס עס אָנצוכאַפּן. געטראַכט האָט ער, אַז אויב ער וואָלט נאָר געקאָנט קריגן עפּעס אין דער האַנט אַריין, — וואָלט ער אַזוי אָנגעלערנט די פייניקער זיינע, אַז... אָבער אַרום אים איז גאָרניט געווען אַ כוץ דער גרויסער מאַסיווער טיש און די פעסטע שווערע שטול אויף וועלכער ער איז געזעסן...

דאָס אויספּרעגן האָט זיך פּלוצים ווי איבערגעהאַקט און עס איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן אַרום אים. דערהערט האָט שימשל, אַז עמעצער איז אַריינגעקומען, און באַלד האָט ער אויפגעכאַפּט יענעמס שטילע, אָבער צעשראָקענע מעלדונג:

— די פאַרשאָלטענע רויטע האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט פון דריי זייטן!... עטלעכע טיילן זייערע זענען שוין אין צענטער שטאָט און קעמפן אויף די גאַסן!... עס איז בלויז אָפן געבליבן אַ שטיקל קאָרידאָר אין דער צאָפן־זייט, וואָס קאָן צו יעדער מינוט פאַרזיגלט ווערן! מיר מוזן זיך גלייך עוואַקואירן, אויב מיר ווילן ניט פאַרכאַפּט ווערן אין אַ פּאַסטקע!...

שימשל האָט דערפּילט, מאַמעש געקאָנט אָנטאַפּן דעם אויסגעבראָכענעם אומרו צווישן די אַרומזיצנדיקע, און אַן אויפגייענדיקע, צעשטראַלטע פרייד אין זיך. ער האָט געוואָלט שמייכלען, אָבער גלייך האָט ער דערהערט ווי איינער פון יענע האָט שטיל אַ מורמל געטאָן צו די אַנדערע:

— גאָספּאָדאַ, מען דאַרף פריער אים פאַרענדיקן! ער האָט שוין מער קיין שום ווערט ניט פאַר אונדז, ווען ער זאָל אַפילו וועלן רעדן!...

שימשל האָט זיך באַהערשט ניט אַרויסצואווייזן די שרעק אין זיך. אין דער סעקונדע האָט אין זיין מויעך אַ געדאַנק אַ בליץ־דורך געטאָן:

„אויב דאָס זאָל מיר נאָר געראָטן, וואָלט איך...“

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, גיך אַ טאַפּ־אָן געטאָן מיט זיי די הינטערשטע פיסלעך פון דער שטול זיינער, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז אַרויף, צום סאַמע אָנלען, און זיך אין געדאַנק אַ זאָג געטאָן:

„פּרוּוון נאָך דאָסמאָל... זאָל נאָר די האַנט מיך איצט ניט פֿאַראַטן...“

ער האָט פֿעסט אַ נעם־אָן געטאָן מיט דער רעכטער האַנט דאָס פּיסל פֿון דער שטול, ראַפּטאָם זיך אַ ריס־אויף געטאָן פֿונעם פּלאַץ, אַ הייב־אויף געטאָן די שטול און מיטן גאַנצן קויעך זי אַ זעץ געטאָן איבערן טיש־פּלאַך, אַז זי איז זיך אַזש צעפֿלויגן אױף פּיצלעך. ביי אים אין דער האַנט איז געבליבן בלויז דאָס הינטערשטע, לאַנגע און מאַסיוו־געטאָקטע שטול־פּיסל...

די אַרומזיצנדיקע זענען ווי פֿריטשמעלעט געוואָרן פֿון דעם אומגעריכטן אויפֿשפּרונג, שימשלס, און זיך גענומען איבערקוקן צווישן זיך, ווי צו באַטראַכטן וואָס צו טאָן מיט אים. אָבער אײדער זיי האָבן באַוויזן זיך צו אָריענטירן, האָט שימשל אַ צעפּאָכע געטאָן זיין האַנט מיטן שטיק האָלץ, גענומען קנאַקן מיט זיין גאַנצן קויעך איבער די קעפּ און אַקסלען, וואָס ער האָט געגרייכט...

די באַנדיטן — צעטומלטע און פֿאַרלוירענע איבער דעם שיסעריי, וואָס האָט זיך געטראָגן אינדרויסן — זענען אינגאַנצן דערשטוינט געוואָרן איבער דעם פּלוצימדיקן אויסברוך פֿון זייער געפֿאַנגענעם, וואָס האָט אָנגעוואָרפֿן אױף זיי אַ מאָנסטערהאַפּטיקן פּאַכעד מיט זיין צעבלוטיקט־אָנגעדראָלענעם פּאָנים. זיי האָבן זיך געבויגן, געדרייט, קעדיי אויסצומיידן די פֿאַלנדיקע קלעפּ פֿון זיין אָנגריף, און — צונויפֿגעדריקט איינער צום צווייטן — גענומען אָפּטרעטן צום ווינקל פֿונעם צימער. שימשל, אָבער, — אַקוראַט ווי ער וואָלט געזען וואו זיי זענען — איז זיי נאָכגעטראָטן און אַלץ ניט אויפֿגעהערט פּאָכען און קלאַפּן מיט דעם שטול־פּיסל איבער זייערע קעפּ. ער האָט דערביי געשריגן אױפֿן קאָל:

— איר האָט אַפּאָנים פֿאַרגעסן, אַז מיין נאָמען איז סאַמסאָן און... אויב אומ־קומען, — וועט איר אומקומען צוזאַמען מיט מיר!...

געזען האָט ער גאָרניט, שימשל. ער האָט בלויז געהערט דעם געטומל, און געפֿילט די פֿאַרלוירנקייט פֿון זיינע פֿייניקער. ער איז געטראָטן פֿאָרויס מיטן פּאָכעדיקן שטיק האָלץ אין דער האַנט, און פּלוצים דערפֿילט מיט זיינע פֿיס אַ ליגנדיקן קערפּער אױף דער ערד. דאָס האָט אים אָבער ניט אָפּגעהאַלטן און ער האָט אים אַריבערגעשפּרייזט. ער האָט געוואָלט צוקומען צום ווינקל, פֿון וואַנען ער האָט געהערט דאָס שטילע שושקעריי זייערס, קעדיי זיי צו גרייכן...

מיטאַמאָל זענען יענע אַפּאָנים געקומען צו זיך פֿון דער פּלוצימדיקער צע־טומלטקייט, און איינער פֿון זיי האָט — אין גרויס גיריקייט — קוים אַרויסגע־שלעפּט דעם רעוואָלווער פֿונעם שיידל, אים אָנגעצילט אױף שימשלען און...

אַ שאָס האָט אָפּגעהילכט איבערן צימער. שימשל האָט אַ קרים געטאָן מיט זיינע ליפּן, זיך גאַליק און טראָציק צעשמייכלט. פֿאַרשטאַנען האָט ער, אַז דער שאָס איז געווען געצילט אױף אים, און ער איז צופֿרידן געווען:

„גלייכער ווי צו מוטשען זיך.“ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — „בעסער ווי ביסלעכווייז פֿאַרפֿייניקט צו ווערן און שטיקלעכווייז אָפּצושטאַרבן...“

ער האָט שטאַרק געוואָלט, אַז אויב שטאַרבן, זאָל עס קומען וואָס גיכער, אַז ער זאָל זיך ניט דאַרפן לאַנג מאַטערן. דערווייל האָט ער זיך אָבער נאָך אַלץ געהאַלטן אַף די פיס, ניט געוואוסט וואו די קויל האָט אים געטראָפן. ער איז מיטאַמאָל באַוועלטיקט געוואָרן פון אַ שטאַרקן נייגער וועגן דעם. עמעס, עפּעס האָט ער יאָ געפילט אַ ווייטיק אונטערן רעכטן אויער, אָבער ער האָט ניט גע־קאָנט באַשטימען ביי זיך, צי איז דער ווייטיק נאָך פון פריער, פון די טרוקענע קלעפּ, וואָס ער האָט געקראָגן פון די באַנדיטן, אָדער פון דער נאַר־וואָס אויסגע־שאָסענער קויל. ער האָט געוואָלט אויפהייבן די האַנט, אָנטאַפּן אונטערן אויער און זען צי דאָרט איז דאָ אַ פרישע וואונד, אָבער גלייך זיך געכאַפּט, אַז ער טאָר ניט פאַרלירן קיין איינציקע רעגע און דאַרף בעסער אויסנוצן די פּאָר־בליבענע מינוטן, וואָס ער האָט נאָך צום לעבן, אַף אָפּצורעכענען זיך מיט די באַנדיטן, און אַוועקלייגן וואָס מער פון זיינע פייניקער...

ווייטער האָט ער געפּאַכעט מיטן שטיק האָלץ אין דער האַנט און ווידער דער־הערט אַ פּאַל פון אַ קערפּער, פון וואָס ער האָט באַגריפן, אַז ער האָט אַוועקגעלייגט נאָך איינעם פון זיי. אָבער דאָ האָט אַ צווייטער שאָס אָפּגעדונערט, און זיין האַנט, שימשלס — ווי פלוצים אָנגעגאָסן מיט הייסן בליי, — איז שווער אַרונטערגעפאַלן, מיטשלעפּנדיק מיט זיך צו דער ערד זיין אייגענעם שווער־געוואָרענעם און אָפּ־געשוואַכטן קערפּער, וואָס איז איצט אָפּגעגאָנגען מיט בלוט פון דער קויל...

שימשל איז געבליבן ליגן מיטן פּנים אַראָפּ, זיך איבערגעגעבן דער אָנ־קומענדיקער שטילקייט, אָבער מיטאַמאָל איז ער באַוועלטיקט געוואָרן פון אַ ווילן צו וויסן וואָס ער האָט באַוויזן אויפצוטאָן מיטן שטיק האָלץ... ער האָט צוזאַמענ־גענומען די קויכעס זיינע און — מיט די אָפּגעשוואַכטע ציטערנדיקע הענט — גענומען קריכן איבערן דיל, טאַפּנדיק דערביי מיט די בלאָנדזשענדיקע שטייף־ווערנדיקע פינגער די ליגנדיקע קערפּערס אַף דער ערד אַרום זיך. מיט די צע־ווייטיקט־טרוקענע ליפּן האָט ער שטיל געציילט:

— איינער... צוויי... דריי... פיר!...

ער האָט מיט זיין שוואַכן קאָל אַ לאַך געטאָן:

— כע־כע, גאָרניט שלעכט! פיר פאַר איינעם — זייער גוט!...

ער האָט געוואָלט ווייטער קריכן, ווייטער זוכן און ציילן, אָבער ער האָט עס מער ניט געקאָנט באַוויזן. ער איז געבליבן ליגן אויסגעשעפּט, אָן קויכעס. זיינע איבערעיקע האָבן זיך מער ניט באַוועגט, אָבער ווייט ערגעץ אין די געהירן זיינע האָט ער נאָך געהערט דאָס שיסעריי, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין דערנעענטערן, און באַלד האָבן זיך צו אים דערטראָגן אָנקומענדיקע שטורמישע אויסרופן:

— הוראַ!... זאָל לעבן די סאָוועטן־מאַכט!... הוראַ!... הוראַ!...

— אַ טויט די באַנדיטן! הוראַ!... הוראַ!...

שימשל איז געבליבן ליגן שטיל און מיט אַ פאַרגליווערטן שמייכל אַפן פּנים.

פלוצים האָט ער דערהערט ווייכע טריט לעבן זיך און מיטאַמאָל דערפילט ווי מען האָט אים איבערגעקערט, און אַ וואַרעמע האַנט האָט געגלעט זיין צעווייטיקט פּאָנים. אַ פּאָר הייסע ליפּן האָבן זיך איינגעפּרעסט אין זיינע אָנגעדראָלענע, און בריענדיקע טרערן האָבן גענומען טריפן אף זיין צעשלאָגענעם שטערן... אינעם גאַנצן קאָשמאַר זיינעם האָט שימשל נאָך באַוויזן צו שפּירן דעם ליבן קלעם פון פרויאישע אָרעמס אַרום זיין קאַרק, און נאָך געקאָנט אויסשיילן ליובעס טיף־ברוסטיקע, גלעטנדיקע שטימע, וואָס האָט זיך געמישט מיט ווייִ:

— סאַמסאָן, מיין ליבער סאַמסאָן! וואָס האָבן זיי געטאָן צו דיר?!...

ער האָט געוואָלט אויפהייבן אַ האַנט, אַ גלעט טאָן ליובעס פּאָנים, אירע האָר; געוואָלט זי באַרואיקן און טרייסטן, אָבער ער האָט שוין גאָרניט געקאָנט טאָן. ער איז געלעגן נאָכגעלאָזן, פלאַך און באַוועגלאָז...

באַלד האָבן אַ צאָל געטרייע הענט אים אויפגעהויבן פון דער ערד, אים אַרויפגעלייגט אף אַ טראָג־בעטל, און שימשל האָט מיט זיינע אויסגייענדיקע כושים נאָך גוט געפילט, אַז דאָס טראָגן אים אייגענע, ליבע מענטשן...

אַ צעפּייניקטער, אָבער צופרידענער שמייכל האָט זיך אַ שלענגל־דורך גע־טאָן אף זיינע צעבלוטיקטע ליפּן און אַלץ אַרום אים האָט אָנגעהויבן שטילער ווערן. אים איז אויסגעקומען ווי ער וואָלט פון ערגעץ ווייט געהערט ליובעס גלעטנדיקע שטימע:

— וועסט ניט שטאַרבן, מיין ליבער! וועסט אייביק לעבן, מיין טייערער!... וועסט אייביק לעבן און קעמפן!... דיין קינד, וואָס צייטיקט זיך אין מיין לייב, וועט איבערנעמען און פאָרזעצן דיין קאַמף!... ער וועט אָפּצאָלן פאַר דיינע אַלע ליידן און וועט אין דיין נאָמען העלפן בויען און אָנהאַלטן די פרייע וועלט!... אין אים, דורך דיין קינד, וועסטו לעבן!... וועסט קיינמאָל ניט שטאַרבן, מיין סאַמסאָן, קיינמאָל ניט!... וועסט לעבן אין מיר, אין דיין קינד, און אין דער פרייער וועלט, וואָס דו האָסט געהאָלפן באַשאַפן!...

מיטאַמאָל האָט זי אויסגעפּלאַצט אין אַ שטיל געוויין, וואָס איז פאַרדעקט געוואָרן פון אַ מאַסן־געזאַנג:

— „אַ קאָרבן געפאַלן ביסט דו אין דעם קאַמף, —
אין ליבשאַפט צום פאָלק, — פאַר זיין פרייהייט...“

שימשל האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און איז מיט אַ שמייכל אף די אָנגעדראָלענע ליפּן אויסגעגאַנגען...

אין דער רעגע האָט זיך פונדרויסן דערהערט דאָס געפלאַטער פון אַ סטאַיע אָנפליענדיקע פייגל, און באַלד האָט זיך פון די געזימסן אף דער סאָוועטן־גע־ביידע אַ צעטראָג געטאָן דאָס פריילעכע וואָרקען פון די צוריקגעקומענע טויבן...

(ס אָ ף)

ערן־צעטל

פון די פריינט, עמעסע ליבהאָבער פון געדרוקטן פּראָגרעסיוון אידישן וואָרט, וועלכע האָבן אין די יאָרן פון מיין שווערן לעבן מיר געהאָלפן דורך ברענגען מיינע ווערק צו די לייענער־מאַסן. זאָל דאָס זיין צו זייער אייביקער לויב!

ז. אַראָנסאָן
לינאַ אָזעראָוו (טאָמס ריווער)
סעם אָזעראָוו
אייב אייזענבערג
שייקע אייזנמאַן
אַרן בערג
מאָריס באָרטניק
פּיליפּ בעקער
יאָסל בראָנשטיין (פילאַ)
מאַקס בראָנשטיין
סאָניע בראָנשטיין
מאָריס בילאַנדער
מאָריס בין (יאָנגסטאָן)
סאָניע בערמאַן
סאָל ביאַלער
נעיטן גערלאַק
ראָוז געווירץ (סאַן־פראַנ.)
דזשאָו גאָלדריטש (מינעאַפּ)
דזשאָו גליקסמאַן
עליע גראָסבאַום
בען גודמאַן (טשעלסי)
ה. געווירץ (וועסט נ. י.)
סאָל. גאָלדמאַן
י. גאָלדמאַן (לאָס אַנזש) .
שיינדל געווירצמאַן
גאָלדע דוביצקי
סעם דאַווידזאָן (סט. פּאָול)
מאַקס־דזשענקינס (פּיטסבורג)
ל. העריס (פּעטערסאָן)
מייער וואַרשאַווסקי
וואָלף ווייס

איצכאָק וואָגשאָל
ל. ווינער
איידע וואָלינסקי
ר. זאַלץ (לאָס אַנזש)
סעם זוסמאַן
ס. טיקאָצקי (עליזאַבעט)
דאָוויד טוירגער
יאַקעוו יעלין
ב. כאַזאַנאָוו
עני און בעני לאַמבערט
י. ליף
טעוויע לעווין
ס. לעיבאָוויטש
איידע לעווין (באַלטימאָר)
נאַדיע לון (לאָס אַנזש)
כאַוויירים ליכטנשטיין (קליוו)
מ. לאַזאַרוס (סטראַטפאָרד)
מאָריס מאַרקוס
מערי מערלין (לאָס אַנזש)
ראָוז נעמצאָוו (לעיקוואוד)
זעליק סמאָלאָוו
אַלעקס סיראָטאַ
דזשעיקאָב און לאָטי סטיין
כ׳טע סעגער (שיקאַגאָ)
מאַקס סילווערשטיין
שילעם סיטמאַן
י. סאָטענבערג
מייער פּערלין
רייזל פענסטער
העלען פענסטער
ריילי פּיליצער (פּעטערסאָן)

קעי פראָנט
ס. פישער (פּיבאָדי)
בען פינקענטאַל
איצכאָק צפאַס
טשאַרלז קעלבערג
סאָפיע קאָרסון
מאַניע קליינבערג
ג. ד. קאָרמאַן (פילאַ)
טש. קליינפעלד (טשעלסי)
סעם קופער (באַלטימאָר)
שיפרע קעסלער (דעטרויט)
מערי קאַרסאָן (קליוולאַנד)
דר. פ. קאַמעניר
כ׳טע ס. קאָלמאַן (טאָראָנטאָ)
סערע קאָהען
עמיל רייכערסאָן
ה. ראָוסט (סט. פּאָול)
מאַקס ראָזנצווייג
דזשעני ראַמראַס (פיניקס)
הערש שטיינהאַרט
קלאַראַ שולמאַן (וואַשינגטאָן)
העטי שליץ (פּאָרטמונט)
סאָניע שניידער
סעם שפּיגעל
י. שייפער
אָסקאַר שניידערמאַן
דזשאָו שיפער (דעטרויט)
לואי שומאַן
הערי שערמאַן
ריווקע שויכעט (דעטרויט)
הערי שוסטער

„ספּאָנסאָרס״ און מיטגלידער פונעם דאַווידזאָן בוך־קאָמיטעט

ש. אַלמאַזאָוו
י. ב. ביילין
אַרן בערג
יאָסל בראנשטיין (פילא)
מאַקס בראנשטיין (פילא)
בען גאָלד
איטשע גאָלדבערג
גאָלדע דוביצקי
ז. ווינפער
ראוון זאַלצמאַן
ראוון יוקלסאָן

ל. כאַנוקאָוו
א. לעכאָוויצקי
נאַכמען מייזיל
קאָלמען מאַרמאָר
פּ. נאָוויק
גדאַליע סאַנדלער
הענעך און ש. סופאק (מינעאַפּ)
ה. עפּשטיין (טוסאָן)
א. עלעף (קליוו)
י. פריד
סיימאָן פעלדמאַן

וועלוול פּאָלאַק (באָסטאָן)
איצכאָק צפאַס
סאָפיע קאָרסון
דר. פ. קאַמעניר
מוישע קאַץ
מעינקע קאַץ
דזשעני ראַמראַס (פיניקס)
קלאַראַ שולמאַן (וואַשינגטאָן)
דזשאו שיפער (דעט.)
הערש שטיינהאַרט סעקרעטאַר
אַלעקס סיראָטאַ, קאַסירער

אינהאַלט און טאַבעלע פון די קאַפּיטלען

שאַער־בלאַט, געצייכנט פון מאָריס באַרטניק 1
פריערדיקע ביכער פון מעכאַבער 2
פאַרוואָרט פון מעכאַבער 3
פראָנט־שטיק, געצייכנט פון מאָריס באַרטניק 5
דערקלערונג פון אַדעסער ברענטש 20 א. פּ. פּ. אָרדן 6
ערן־צעטל פון די קולטור־טוער 287
רעשימע פון דאַווידזאָן בוך־קאָמיטעט 287

קאַפּיטל	זייט	קאַפּיטל	זייט	קאַפּיטל	זייט
1	7	10	75	18	163
2	14	12	98	19	173
3	22	13	109	20	187
4	29	11	85	21	201
5	36	14	121	22	215
6	44	15	128	23	229
7	51	16	137	24	242
8	58	17	150	25	256
9	66			26	272

פּאַרטייטשט פון די פרעמד־ווערטער און גאַנאָווים־שפּראַך

(לויטן אַלעף־בייס)

אָקאָלאָדאָטשני — סערזשאַנט־פּאָליציאַנט.
אוטשאַסטאָק — פּאָליצײ־צירקל.
אָפּגעשאַרט (ג) — צוגענומען.
איקאָנעס — רעליגיעזע בילדער.
באַבקעס (ג) — געלט־אַסיגנאַציעס.
בלאַטער (ג) —איינער פון דער כעווריע.
באַרינִיע — מאַדאַם.
באַרישניע — פריילין.
בראָדיאַגע — אַרומשלעפּער, „טרעמפּ".
גאָדיען — טויגבאַר.
גאָלאָוואַ — קאָפּ, מעיאָר פון שטאָט.
גאָספּאָדאַ — הערשאַפטן.
גאָלובטשיק — ליבינקער.
גאָראָדאָוואָי — פּאָליציאַנט.
געדזשוויגעט — געטראָגן.
געקאַפּעט (ג) — געכאַפּט.
געסויגערט (ג) — אַרעסטירט.
וויאָרסט — אַ זיבעטל מייל.
זאַבאַסטאָווקעס — סטרייקן.
זאַבאַסטאָווטשיקעס — סטרייקער.
זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ — אידיש פּאַרצעף.
טאַק־טאָטשנאָ — גאַנץ ריכטיק.
טראָיקע — שליטן מיט 3 פערד.
טשודאַק — אַ מאָדנער.
יאַמשטשיק — קוטשער, אָנטרייבער.
יעי באָגו — ביי גאָט.
כאָדעשל (ג) — אַ נייער.
לאַדנאָ — שיין, פיין.
מאַסע־מאַטן (ג) — אַ געשעפטל
מאַרעוויכער (ג) — קעשענע־גאַנעוו.
מוישל (ג) — אויספאָרשער.
מאַכאָרקע — ביליקער טאַבאַק.
מיעסטשאַנעס — שטאָט־לייט, בירגער.
נאַ־טשאַי — טרינק־געלט.
נאַכאַלסטווע — אַזעסדיקייט.
נאָקי — אָפּגערייניקט, אָן געלט.
ניע־סטראָיעוויע — אומאַקטיווע.
סאָלע — כאַזער־פעטס, שינקע.
סאָיוז רוסקאַוואָ נאַראָדאַ — פאַרבאַנד פון רוסישן פאָלק; די שוואַרצע מייע.
סובאָטניק — אַ שאַבעסניק.
סטאַראָסטע — עלטסטער פון שטאָט.
סמירנאָ — אויפמערקזאַם.
פּאַראַשע — שעפל פאַר באַדערפענישן.
פּאַפּאַכע — פוטערן היטל.
פּאָזשיווען — געניסן.
פּאָזשאַלוסטאַ — ביטע, זייט אַזוי גוט.
פּאָמיעסטשיק — גוט־באַזיצער.
פּאָרוטשיק — לייטענאַנט.
פּיאַטאַק — 5 קאָפּיקעס.
פּעראָן — וואקזאַל־פּלאַטפאָרמע.
פּריסטאַוו — פּאָליצײ־קאָמיסאַר.
צעשאַבערט ג) — אויפגעבראָכן.
צערקווס — קירכעס.
קאַיוטעס — שיף־קאַבינעס.
קאַניקולן — וואַקאַציע.
קאַנאַליע — בעהיימע.
קוקלעס — ליאַלקעס.
קיסל (ג) — אַ קאַסע.
קלאָניצע — אַ דרענגל.
קנייפּע — אַ שענק.
שאַבער (ג) — קאַסע־ברעכער.
שפּרינגער (ג) — הויז־גאַנעוו.
שקורע — פעל; אַ פּאָליציאַנט.